STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11491

TOYERN UN TIRN

Dov Sadan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דב סדן / טויערן און טירן

דב סדן

טויערן און טירן

עסייען און עטיודן

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ט — 1979

דב סדן / שערים ופתחים (טויערן און טירן)
מסות ועיונים

DOV SADAN / TOIERN UN TIRN
Essays and Etudes

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
„קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דב סדנס ווערק", תל־אביב

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4
Publishing-House Israel-Book,
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©
כל הזכויות שמורות
Printed in Israel 1979 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, טל. 336564

I

דרײַ קאַפּיטלעך וועגן שלום עליכם

אמר המחבר: נעמענדיק זיך איצט שרײַבן וועגן שלום־עליכם, דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז איך נעם אָן, דאָס דער לייענער ווייסט, אַז עס איז מיר, ווי אַ שרייבער און אַ לערער, גאָר אָפּט אויסגעקומען זיך מיט דער גרויסער מסכתּא צו פאַרנעמען, אָבער לשם אָריענטאַציע פאַר די, וואָס וועלן אפשר האָבן אַן אינטערעס דעריבער, דערוועג איך מיך צו פאַרצייכענען אַ ביבליאָגראַפישן אָנווײַז פון מײַנע אַרבעטן, וואָס זענען אַרײַן אין ביכער־טאָוולען: אין מײַן בוך „אבני מפתן — מסות על סופרי יידיש", אין ערשטן באַנד (י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תּל־אביב, תּשכ"ב) גייט אַ סעריע: „שר ההומור" (ז"ז 26—56) זעקס מאמרים (געשריבן צווישן תּ"ש און תּשי"ט) 1. על מנחם מענדל (וועגן מנחם מענדל); 2. אל המספר הנפלא (צום וווּנדערלעכן דערציילער); 3. מבואי־חג (אַריינגאַנג צום יום־טוב); 4. על ספּה של שנת המאה (אויף דער שוועל פונעם הונדערטסטן יאָר), 5. שלושה יסודות (דרײַ יסודות); אין צווייטן באַנד (דאָרט תּשכ"ט) נאָך צוויי מאמרים (ז"ז 34—39); 6. „בתים וסופרים — עם פתיחת בית שלום־עליכם בתל־אביב (הײַזער און שרײַבער — מיט דער דערעפענונג פון שלום־עליכם הויז אין תּל־אביב; 7. „לדיוקנה של כּתריאליבקה" (צו דער פיזיאָגנאָמיע פון קאַסרילעווקע), אַן אַרײַנפיר צו דוד לאַבקאָווסקיס בילדער־אַלבאָם; אין דריטן באַנד (דאָרט, תּשל"ב) נאָך צוויי מאמרים (ז"ז 171—187); 8. „בין אתונות למלכות" (צווישן אייזעלינס און קעניגרײַך), אַן אָפּשאָץ פון דן מירונס בוך וועגן שלום־עליכם; 9. „מונולוג ושברו" (דער מאָנאָלאָג און זײַן באַשייד), וועגן די באַזונדערקייטן פון מאָנאָלאָג־שטייגער בײַ שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, מ. י. בערדיטשעווסקי; אין מיין בוך „היימישע כּתבים", אין ערשטן באַנד (המנורה־פאַרלאַג, תּשל"ג) צוויי מאמרים (ז"ז 15—29); 10. „לאַכן איז געזונט — דרײַ יסודות" (אידענטיש מיט 5), אַ לעקציע בײַ דער שלום־עליכם־פײַער אין ירושלימער אוניווערסיטעט; 11. „גבורי כּתריאלעווקע" (אידענטיש מיט 6); אין מײַן בוך „חן־גריבעלעך" (פאַרלאַג יידישער קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס, 1971) אַ מאמר (ז"ז 11—14); 12. „די מעשה מיטן טעפּל".

ווער עס וועט זיך נעמען די מי, די זאַכן אָדער אַ טייל פון זיי דורכלייענען וועט מיר דערמיט אַ טובה טאָן, און זיך וועט ער אויך נישט קיין רעה טאָן — מחמת וואָס עס דערלײַכטערט דאָס פאַרשטענדעניש פון די דרײַ דאָ דערלאַנגטע קאַפּיטלעך וועגן שלום־עליכם. אָבער דאָס איז, חלילה, נישט קיין תּנאי. איך האָב מיך משתּדל געווען די קאַפּיטלעך אַזוי צו שרײַבן, אַז דער לייענער איז נישט מחויב צו קענען איין שורה פון דעם דערמאָנטן מאַטעריאַל.

קאַפּיטל איינס

דער קאָמפּלימענטירטער שלום־עליכם

א

ווען אונדזער דעמאָלטיקער מיניסטער פאַר דערציִונג און קולטור, זלמן אור, האָט זיך גענומען פּראַווען דעם הונדערטיאָריקן געבוירן־טאָג פון שלום עליכם, ווי אַ מלוכהדיקע שמחה, האָט ער פריִער צונויפגערופן אַ מנין ייִדן, כּדי זיך צו באַראָטן, כּדת מה לעשׂות. כּדאַי צו דערמאָנען, אַז וואָס שייך מלוכישקייט האָבן דעמאָלט צוויי מדינות אַזוי ווי קאָנקורירט צווישן זיך — אַ גרויסע מדינה, רוסלאַנד, וואָס אין איינעם פון אירע לענדער איז געשטאַנען דעם שרײַבערס וויגעלע, דאָרט האָט ער זיך געכאָוועט און געוואָקסן און אין דאָרטיקן גרויסן קיבוץ ייִדן איז געווען זײַן הויז; אַ קליינע מדינה, ארץ־ישׂראל, וואָס איז געווען דעם שרײַבערס חלום און בענקעניש, און ער האָט געגאַרט צו זען איר אויפלעב, און ווו עס וועלן לעבן די אַלע געשעענישן און געשטאַלטן, וואָס זײַן פּענדזל האָט אויסגעכּישופט, ווי אַן אייביק גדעכעניש אין הארצן פון זײַן פאָלק און אַלע אירע צונויפגעקליבענע שבטים. די גרויסע מדינה, רוסלאַנד, און אירע פעלקער האָבן זיך אפשר געקענט נישט־וויסנדיק מאַכן פון דער קשיא: הירשת וגם רצחת, סײַ הגעווען דעם שרײַבער, סײַ פאַרגעסן מאַכן זײַן לשון, וואָס ער האָט באַנוצט לגבי אַ טייל כּתבים זײַנע, לשון עברי, און כּמעט פאַרגעסן מאַכן זײַן לשון, וואָס ער האָט באַנוצט לגבי רוב כּתבים זײַנע, לשון ייִדיש, און דערפון בלויז איבערלאָזן אַ זכר לטיט; אָבער די קליינע מדינה, ארץ־ישׂראל, וואָס איז דאָס האַרץ פון האַרצן פון עם־ישׂראל, דער רעכטער יורש פון זײַנע שאַפערישקייטן און ווערטן פון אַלע דורות און אַלע צײַטן, קען זיך נישט נישט־וויסנדיק מאַכן פון דער קשיא: אמת דער שרײַבער האָט געגאַרט צו זען זײַנע ווערק, אין לבוש פון לשון עברי, און האָט זיך געפרייט, וואָס דאָס מזל האָט אים דערצו צוגעלויכטן, אָבער דער פולער כּישוף פון זײַנע שאַפונגען און זייער בלוט און דופק איז אין לשון ייִדיש, און אירע זיבן־און־זיבעציק חנען; און דער בעסטער איבערזעץ קאָן נישט דערגרייכן די מדרגה פון אָריגינאַל. נו, איז מעגלעך, אַז מדינת ישׂראל זאָל זיך גופא נישט פרעגן, אין אַ פּאַראַפראַזע פון אַ פּסוק:

בשׂרי ועורי עזבו ולבושי שמרו, טײַטש: מײַן פֿלײש און הויט האָבן זיי פֿאַרלאָזט, און מײַן לבוש ווילן זיי אָפּהיטן?

ב

אָט די קשיא האָט ווי באַגלייט יענעם צוזאַמענקום, און איך האָב מיר דערלויבט זי צוצושפּיצן, אויפֿטײלנדיק זי אין צוויי ספּעציפֿישע און קאָנט־ראַרע קשיות. די ערשטע קשיא: וואָס האָט פֿאַר אונדז שלום־עליכם געטאָן און אויפֿגעטאָן; די אַנדערע קשיא: וואָס וועלן און דאַרפֿן מיר טאָן און אויפֿטאָן פֿאַר שלום־עליכם. די ערשטע קשיא לאָזט זיך לײַכט פֿאַרענט־פֿערן: ער האָט שוין אַלץ געטאָן און אויפֿגעטאָן; ער האָט אונדז געגעבן די סיפּורים, וואָס מיר לערנען אין די שול־קלאַסן פֿאַר קליינע און גרויסע תּלמידים; און איצט ווען מיר זיי לערנען מיט אַ באַזונדערער כּוונה און פֿײַערלעכקייט; ער האָט אונדז געגעבן די מאָנאָלאָגן, וואָס די רעציטאַ־טאָרס ווען זיי לייענען אין רשות־הרבים אין ראַדיאָ און געזעמלען; ער האָט אונדז געגעבן די קאָמעדיעס, וואָס מיר ווען זיך מיט זיי דעלעקטירן אויף פֿאַרשיידענע בינעס, סײַ פֿון פֿאַכלעכע שפּילערס סײַ פֿון אַמאַטאָרן; ער האָט אונדז געגעבן די כּתבים, דאָקומענטן, בילדער, וואָס ווען מהנה זײַן דעם עולם אין די וואַנדערנדיקע אויסשטעלונגען; ער האָט אונדז געגעבן דעם באַשאַף־סוסטראַט, וואָס מיר ווען אים פֿאָרשן, בכּתב און בעל־פּה, אין זשורנאַלן, בלעטער, פֿון לערן־קאַטעדרעס און לעקציע־פּולטן אַראָפּ; ער האָט אונדז באַשאָנקען מיט זײַן קלוגן אַנפּאַס און ליבן פּראָפֿיל, אַז זײַן בילד זאָל אַראָפּשמייכלען פֿון די ווענט אין די שול־קלאַסן, און פֿון די פּאָסט־מאַרקעס; ער האָט אונדז געגעבן זײַן זיסן פּען־נאָמען, וואָס איז געוואָרן זײַן עיקר־נאָמען, מיר זאָלן דערמיט אָנרופֿן גאַסן, אינסטי־טוציעס, שולן; כּללו־של־דבר — ער האָט אונדז געגעבן שלום עליכמען, די כּתבים זײַנע, וואָס דערוואַרעמען די הערצער פֿון אונדזערע קינדער און אייניקלעך, ווי זיי האָבן דערוואַרעמט די הערצער פֿון זייערע טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס.

ג

הייסט עס, אַז אויב ער, שלום־עליכם, האָט שוין אַלץ פֿאַר אונדז געטאָן און אויפֿגעטאָן, איז אונדז, בעצם, נישט געבליבן פֿאַר אים צו טאָן און אויפֿצוטאָן, חוץ ווי איבערחזרן קאָמפּלימענטן: יפֿה דרשת ויפֿה

עשית ר׳ שלום־עליכם. אָבער אַזוי־ווי קאָמפּלימענטן געהערן צו די לײַכטסטע זאַכן, און עס וויל זיך נישט זײַן אַ קל, האָבן זיך, אין יענער באַראַטונג, געלאָזט הערן דרײַ פּלאַנען, וואָס דער צד־השווה זייערער איז געוועזן, אַז שטאָט צו קאָמפּלימענטירן שלום־עליכם, דאַרף מען אים קאָמ־פּלעטירן.

קאַפּיטל צוויי

דער קאָמפּלעטירטער שלום־עליכם

דער ערשטער פּלאַן איז געוועזן פון י.ד. בערקאָוויטש, דער איידעם פון שלום־עליכם, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן אַרום זײַן שווער — ווי אַ קלאַ־סישער איבערזעצער פון זײַנע ווערק, אין לשון עברי; ווי אַן אינטערע־סאַנטער פאַרגעדענקער — זע וויפל אָרט שלום־עליכם פאַרנעמט אין זײַן זכרונות־בוך, סײַ אין דער יידישער פינף־בענדיקער ווערסיע „אונדזערע ראשונים" („המנורה" תשכ"ו), סײַ אין דער העברעישער, צווייבענדיקער אין גרויס־פאָרמאַט, „הראשונים כבני אדם" („דביר" תשי"ט); ווי אַ דאָקומענטאַטאָר — דאָס גרויסע „שלום־עליכם בוך", וואָס האָט ביז איצט דערהאַלטן אַ חשיבות בתורת־מקור; ווי אַ קאָנסערוואַטאָר — רוב ימיו האָט ער געזאַמלט שלום־עליכם־בריוו, און זײַן חלום איז געוועזן דעם דאָזיקן אוצר אַרויסצוגעבן, האָט אָבער בלויז לגבי אַ טייל דערפון זוכה געוועזן. און אין דעם גײַסט איז טאַקע געוועזן זײַן פּלאַן, וואָס ער האָט אויף דער דערמאָנטער באַראַטונג פירגעלייגט — אַרויסגעבן שלום־עליכמס טויזנטער בריוו, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן, און וואָס זענען נישט בלויז וואָגיקע עדות פאַר זײַן גאַנג און אויפטו, זײַנע אַקציעס און רעאַקציעס, נאָר אויך לעבעדיקע באַווײַזן פון זײַן גאָלדיקן הומאָר, וואָס שטעלט זײַן בריוו און זײַן דערציילונג אויף דער זעלבער שאַפערישער מדרגה.

דער צווייטער פּלאַן איז געוועזן פון מײַן ווייניקייט — אַ וויסנשאַפט־לעך רעווידירטע און אַקאַדעמיש באַאַרבעטע פולע אויסגאַבע פון שלום־עליכמס ווערק, לויט כתב־ידן און ערשטע דרוקן, אַ זאַך, וואָס איר איני־ציאַטיוו ·איז סײַ אַ זכות סײַ אַ חוב פון אונדזער מדינה, וואָס דאַרף זיך זאָרגן פאַר אַלע אונדזערע קולטור־ווערטן. ס׳איז אַן אַרבעט, וואָס פאָדערט אַ מאָביליזאַציע פון פאַרשיידענע כוחות, און דאַרף אויסגעפירט ווערן מיט

דער אַקטיווער הילף פון אַלע אונדזערע קולטור־אינסטיטוציעס, מיטן ירו־שלימער אוניווערסיטעט בראש.

דער דריטער פּלאַן איז געווען פון דעמאָלטיקן קולטור־מיניסטער, זלמן ארן, וואָס האָט די ביידע דערמאָנטע פּלאַנען גרונטיק אָקצעפּטירט — ער האָט געהאַלטן, אַז ווי דער שפּיץ פון דער לומענאַציע דאַרף צו זײַן אַ צונויפטרעף פון העברעיִש און יידישע שרײַבער פון גאָר דער וועלט, אין ירושלים, כדי צו מאַכן אַ חשבון־הנפש פונעם פאָלק, זײַן גורל אין קול־טור אין די לעצטע דורות, אין ליכט פון שלום־עליכמס זכרון. אָט דעם פּלאַן האָט זלמן ארן פירגעלייגט דעם העברעיִשן שרײַבער־פאַראיין, — און דאָ איז ער אויסגעברייטערט געוואָרן — אַזוי־ווי עס האָט דעמאָלט געהאַלטן נאָענט צו דער פינף־און־צוואַנציקסטער יאָרצײַט פון ח. נ. ביאַליק, איז געבליבן, אַז דער צוזאַמענקום זאָל טראָגן דעם טאָפּל־חותם פון די צוויי העכסטע שאַפערישע שטאַפּלען פון מיזרח־אייראָפּע אין זײַן לעצטער תקופה. אמת, וואָס שייך דעם לעצטן פּלאַן, האָב איך געהאַט ערנצטע ספקות, צי וועט דער צוזאַמענטרעף נישט ווערן אַ צוזאַמענשטויס — אָבער נאָך דעם ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן, האָב איך מיך ענערגיש אָנגעשלאָסן דעם באַשלוס דורכצופירן.

אָבער באמת איז קיינס פון די דרײַ דעמאָלטיקע פּלאַנען נישט דורכ־געפירט געוואָרן, אַזוי אַז די צוויי ערשטע, וואָס האָבן אַ ממשדיקע שייכות צו שלום־עליכם, האָבן געמוזט וואַרטן אויף זייער רעאַליזאַציע ביז אַ טייל האָט זיך דערצו דערוואַרט, און מען מעג דאָ אָנווענדן דעם זאָג: אויך אַ נידחה איז אַ יום־טוב. מיר זאָגן: אַ טייל און זענען זיך מתכוון צו דער שלום־עליכם־קאָמפּלעטאַציע, וואָס מיר זענען לעצטנס אירע עדות. די דאָזיקע קאָמפּלעטאַציע איז צווייסאָרטיק — איין סאָרט איז אַן אָריגי־נאַלער, דער אַנדערער סאָרט איז אַן איבערגעזעצטער.

ד

בנוגע דעם אָריגינאַלן סאָרט קאָמפּלעטאַציע — דאַרף מען קודם־כל פאַרצייכענען דעם אויסגאָב פון שלום־עליכמס אָריגינאַל העברעיִש גע־שריבענע שאַפונגען. אַוודאי ווייסן מיר, אַז ער האָט זיי געשריבן און געדרוקט, אָבער אַזוי ווי זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט און קיין מאָל נישט אַרײַן אין בוך־טאָמען, איז שווער צו זיי צוצוקומען, און אַזוי אַרום בלײַבט אַזאַ וואָגיקער עלעמענט פון זײַן שרײַבעריי אומבאַקאַנט,

און אַזוי ווי אַפּילו ספּעציאַלע שלום־עליכם־פֿאָרשער קענען עס נישט. האָבן זיי ממילא אַ נישט־פולן באַגריף פון זײַן שאַפערישער פיזיאָנאָמיע. ערשט חנא שמערוק האָט אונדז דערלאַנגט אַ פולע אויסגאַב מיט אַ סטריקטן וויסנשאַפטלעכן אַפּאַראַט — דאָס בוך הייסט „כתבים עבריים" (פאַרלאַג מוסד ביאַליק, ירושלים, תשל"ו) און האַלט קרוב פיר־הונדערט זייטן; צומערשט גייט אַן אויסשעפּנדיקער אַרײַנפיר מיט הערות (ז"ז 13—46). דערנאָך דער עצם טעקסט לויט זײַן כראָנאָלאָגישן סדר, אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל נעמט אַרום די יאָרן 1888—1892 (ז"ז 49—199) — דאָ קומען די זאַכן, וואָס שלום־עליכם האָט אַליין געשריבן העברעיִש און וואָס האָבן נישט קיין יידיש־פּאַראַלעל; דער צוזאַמענקלייב איז מסתמא אַ פולקומענער; דער צווייטער טייל נעמט אַרום די יאָרן 1901—1908 (ז"ז 203—367) — דאָ קומען די זאַכן, וואָס זענען באַאַרבעט און איבער־געזעצט פון יידיש אויף העברעיִש, און מען מעג אָננעמען, אַז דער באַאַרבעטער און איבערזעצער איז שלום־עליכם גופא, און דער אַרויס־געבער איז געווען זייער אָפּגעהיטן, און האָט נישט געבראַכט קיין איינ־ציקע זאַך, וואָס וועגן איר איז דאָ דער מינדסטער חשד, אַז עמעצנס האַנט איז געווען דערבײַ. נאָך 1908 האָבן מיר שוין צו טאָן מיט אַ בשותּ־פותדיקער איבערזעץ־אַרבעט פון שלום־עליכם און י.ד. בערקאָוויטש, אַזוי אַז מען מעג אָננעמען, אַז זינט דעמאָלט ביז צו זײַן פּטירה איז שלום־עליכם מער נישט געווען זײַן אייגענער העברעיִשער איבערזעצער.

דאָס בוך האָט אַ באַטייטיקע חשיבות לגבי דעם פאָרשטאַנדעניש פון שלום־עליכם ווי אַ צוויי־שפּראַכיקער שרײַבער (בײַ אים קומט נאָך צו זײַן היימישער צוויי־שפּראַכיקייט צו אַ דריטער עלעמענט, זײַן רוסיש־שרײַבן), און דאָ פאָדערט זיך אַן אויפקלער פון אַ גענוג פאַרוויקלטער פּראָבלעמאַטיק — וואָס איז בײַ אים אַנדערש ווי בײַ זײַנע צוויי גרויסע קלאַסישע מיטצייטלער, מענדעלע און י.ל. פּרץ, און איך רעזערוויר מיר דאָס רעכט דעם קאָמפּלעקס אַמאָל אויספירלעך צו באַהאַנדלען. דערווײַל וויל איך בלויז אָנווײַזן אויף אַ קליינעם באַמערק פון פאַרלאַג אין סאַמע אָנהייב בוך, לאמר: אַ דאַנק פון מוסד ביאַליק דער לייטונג פון בית־שלום־עליכם אין תּל־אביב, וואָס האָט פון אירע אוצרות פאַרהאַלפן צו דער אַרויסגאַב פון דעם בוך. און באמת איז, הײַנט צו טאָג, דער בית־שלום־עליכם זײַן גרעסטער אוצר — איך האָב געהאַט דעם כּבוד פאַרבעטן צו ווערן צו זאָגן אַ וואָרט בײַם חנוכּת־הבית, און האָב דעמאָלט אַרויסגעזאָגט

די האָפענונג, אַז דאָס הויז וועט האָבן מער מזל און זײַן מער ווי אַנדערע הײַזער אין תל־אביב וואָס טראָגן דעם נאָמען פון באַרימטע און באַליבטע שרײַבער. איז דאָך דאָ געווען אַ בית־אחד־העם, האָט מען עס פונאַנדער־גענומען, און אויף זײַן פּלאַץ און אויפן שכנותדיקן פּלאַץ, פון דער ער־שטער גימנאַזיע, אויפגעשטעלט אַ וואָלקנקראַצער, און ווי אַ פּיצל זכר אָפּגעגעבן אַ צימער פאַר זײַן זכרון; פאַראַן אַ בית־ביאַליק, וואָס היט, מיט פּיעטעט, אָפּ זײַן שטייגער און אַטמאָספער — זײַן טיש, זײַנע בענקלעך, זײַנע בילדער, זײַנע ספרים, יונג און אַלט קומען לערנען, אין זײַן געבוירן־טאָג פאַרטיילט מען דאָ דעם העכסטן ליטעראַטור־פּרײַז אויף זײַן נאָמען. אָבער פון גרויסן פּלאַן צו מאַכן דאָס הויז אַ צענטער פאַר פאָרשונג פון דער אַלדורותדיקער העברעישער פּאָעזיע, איז גאָרנישט געוואָרן, און אַפילו דער קלענער פּלאַן, יעדעס יאָר אָפּצוהאַלטן אַ סעריע לעקציעס וועגן אים, איז קוים אַן איינציק האַלב יאָר מקוים געוואָרן. פאַראַן אַ בית־טשערניכאָווסקי — דאָ געפינט זיך דער פאַראיין פון די העברעישע שרײַבער, און זײַנע אינסטיטוציעס, זײַן צענטראַל־קאָמיטעט, די רעדאַקציע פון אָרגאַן „מאזנים”, דער ביאָ־ביבליאָגראַפישער אינסטיטוט „גנזים”, אויפן נאָמען פון אשר באַראַש וכדומה, און וואָס שייך טשערני־כאָווסקי גופא, איז אים געהייליקט אַ באַזונדער פליגל — זײַן אַרבעטס־שטוב, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט, זײַן געשטאַלט, ווי מאָלער און סקולפּטאָרס האָבן אים געשטאַלטיקט, משמע זכר און זכרון. אַנדערש שטייט מיטן שכנותדיקן גרעסערן בית־סאָקאָלאָוו, ווו עס געפינט זיך דער זשורנאַליסטן־פאַראיין, וואָס זעען אין אים זייער פּאַטראָן, אָבער חוץ זײַן נאָמען, וואָס איז אויך דער נאָמען פון אַ זשורנאַליסטן־פּרעמיע, איז דאָ קיין באַזונדערער צייכן נישטאָ. וואָס שייך ווײַטערע הײַזער אויפן נאָמען פון ייִדיש־שרײַבער, האָבן מיר דעמאָלט שוין געהאַט דאָס שלום־אַש־הויז אין נאָענטן בת־ים, וואָס איז אָבער נישט געווען קיין ציבורדיקער ממש און דאָסגלײַכן דאָס אברהם־ליעסין־הויז, וואָס האָט אַ סך קולטור־אַקטי־וויטעטן אין תל־אביב, אָבער ווייניק וועגן ייִדיש, און מען האָט דעמאָלט געהאַלטן בויען דעם בית־לייוויק, וואָס איז טאַקע געוואָרן אַ פּאָקוס פון ייִדיש־אינטערעס. אָבער באַזונדערס האָט אינטריגירט דער גורל פון דע־מאָלט שוין אויפגעשטעלטן היפשן בית־שלום־עליכם, און די עיקר קשיא איז געווען — צי וועט עס שלום־עליכם, וואָס זײַנע כתבים און בריוו זענען דאָ פאַרשפּאַרט, צולאָזן אַז זייער שפּרודלדיקע לעבעדיקייט זאָל זיך

נישט אַרויסרײַסן און זיך אַרײַנרײַסן אין עולם חסידים וְואָס ווילן נהנה זײַן פון זײַן גאַנצן שולחן־ערוך מיט אַלע פּאַטראַוועס און אַלע לאַקעטקעס, און ווי איינער פון אַ ים בעלי־האַפּעטיט בין איך מעיד אויף מיר דעם לייטער פון בית־שלום־עליכם, אברהם ליס, אַז פון מאָל צו מאָל פרעג איך אים מיט אומגעדולד: מתי יהיה האות הזה. נו, אַז מען לעבט — דערלעבט מען זיך. און אָט האָבן מיר פאַר זיך צוויי בענד, וואָס דער בית־שלום־עליכם האָט איצט אַרויסגעגעבן: 1) „פעליעטאָנען", (י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תשל"ז) — שמועסן, סקיצעס, קאָמעדיעלעך, וואָס נעמען אַרום אַ גרויסן צײַט־שפּאַן (1889—1902) און ווי אברהם ליס זאָגט אין אַרײַנפיר: „פאַראַן אַ מהלך רב פון זײַנע ערשטע פעליעטאָנען — ביז די שפּעטערדיקע — הן אין פּרט פון קאָמפּאָזיציע און נוסח, הן אין דער פאַרביקייט פון זײַן לשון און עפּיש־נאַראַטיווער דערציילערישקייט, די משמעות זעט זיך דאָ אָן — אויך שלום־עליכם איז דורכגעגאַנגען דעם טיגל פון ווערן, כאָטש ער האָט עס דערגרייכט מיט פאַנטאַסטישן קפיצת־הדרך" (ז' 9). באמת, איז דער עיקר הנאה פונעם לייענער, וואָס פרייט זיך צו האָבן פאַר זיך דאָס געזעמל, אין עצם־ שעת־כּושר מיטן דורך־ און איבערקוק פון דעם צוויי־הונדערט־ זײַטיקן קאַליידאָסקאָפּ, כּביכול ער אַליין, דער לייענער אַליין, קען דורכ־ מאַכן שלום־עליכמס קפיצת־הדרך. ב) „מנחם־מענדל ניו־יאָרק — וואַרשע — ווין — יעהופּעץ" (כּנ"ל) — אונדזער גוטער באַקאַנטער, אין זײַן פאַר־לעצטן גילגול: מנחם מענדל ווי אַ זשורנאַליסט וואָס שרײַבט פּאָליטישע בריוו אין „הײַנט" (1913). עס איז דער אַלטער, אָבער אייביק יונגער — ווי דן מירון אין זײַן דערמאָנטן בוך האָט שוין באַוויזן, מיינט עס: אַ ביאָגראַפיש־ביאָלאָגיש אייביק יונגער, ווײַל אויב נעמען אין באַטראַכט, זײַט ווען שלום־עליכם האָט מנחם מענדלען אויסשטראַ־ פירט, וואָלט ער דאָך באַדאַרפט צו זײַן אַ זקן־מופלג. און אפשר טאַקע מחמת דעם רופט ער אים אָן: דער צווייטער מנחם מענדל, פּונקט ווי מיט אַ היפּש בינטל יאָרן שפּעטער האָט י. ד. בערקאָוויטש קאָנסטרויִרט אַ מנחם־מענדל, וואָס שיקט, אין דער תקופה פון דער דריטער עליה, זײַנע בריוו פון ארץ־ישׂראל (גרויסער „דביר"־אויסגאָב תשי"ט, ז"ז רט"ו—רפ"ט).

אָבער צוריק צום צווייטן מנחם מענדל אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — אַ בינטל פון די דאָזיקע בריוו זײַנע האָט שוין געזאַמלט חנא שמערוק און אָפּגעדרוקט („די גאָלדענע קייט" 1965) ; איצט האָבן

מיר אַ כּמעט דרײַ־הונדערט־זײַטיק בוך, וואָס אַנטהאַלט 45 בריוו (28 פֿון מנחם מענדל צו שיינע שיינדל און 17 פֿון איר צו אים). עס איז — ווי דער אַרויסגעבער שרײַבט אין אַרײַנפֿיר „צוגעגרייט געוואָרן פֿון אַ קאָמפּלעט „הײַנט״־אויסשניטן וואָס געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון בית־שלום־עליכם. ס׳איז דער איין־און־איינציקער קאָמפּלעט אין וועלכן שלום־עליכם אַליין האָט קאָרעגירט און אויסגעבעסערט דעם טעקסט. איז דער מאַטעריאַל בבחינת אַ מאַנוסקריפּט פֿון שלום־עליכמס פּעדער און דער טעקסט איז אַזוי אַרום געגנוי ווי שלום־עליכם האָט אים מאָנטירט״ (ז׳ 12).

ווי א. ליס האָט מיר לעצטנס איבערגעגעבן, גייט בקרוב אַרויס אַ דריטער באַנד זאַכן, וואָס האָבן ביז איצט נישט זוכה געווען צוזאַמענגענומען צו ווערן אין בוך־טאָוולען — דאָס זענען שלום־עליכמס ציוניסטישע חיבורים, איצט אַ יקר־המציאות, און האָבן שוין באַדאַרפֿט פֿון לאַנג צונויפֿגענומען צו ווערן. אמת, עס האָט געזאָלט געטאָן ווערן, מיט זײַן הונדערט־יאָריקן יובל, אָבער מער ווי צו אַן איבערדרוק פֿון איין בראָשור „אויף וואָס באַדאַרפֿן ייִדן אַ לאַנד, ערנסטע ווערטער פֿאַרן פֿאָלק״, וואָס איז אויך אַרויס אין העברעיִש, איבערגעזעצט פֿון מרדכי חלמיש (אַרײַן אין ג. קרעסלס אויסגעצייכנטער מאָנאָגראַפֿיע וועגן שלום־עליכם) איז עס נישט געקומען, און ערשט דאָ נישט לאַנג האָט א. אַלפֿערין אין אַ סעריע אַרטיקלען, דערמאַנט שלום־עליכמס ציוניסטיקאַ. נאָך זלמן רייזען רעכנט אויס זעקס איינסן, און פֿאַראַן מער, און ווען דאָס וועט בקרוב אַרויס, — האָפֿענטלעך וועט אויך אַרײַן זײַן דראַמע „דוד בן דוד״, וואָס איז צום הונדערט־יאָריקן יובל צומערשט אָפּגעדרוקט געוואָרן (אין „די גאָלדענע קייט״) וועט זיך אַרויסשטעלן, אויב די דעפֿיניציע פֿון זלמן רייזען וועגן שלום־עליכם: „האָבנדיק אַ געוויסן סענטימענט פֿאַר חובבי ציון און ציוניזם — האָט שלום־עליכם אויך פֿון צײַט צו צײַט מיט דער פּען געדינט דער באַוועגונג״ (לעקסיקאָן, פֿערטער באַנד ז׳ 720), מינימיזירט נישט דעם ענין; פּשוט דערפֿאַר, וואָס עס איז בפּירוש אַן אידעאָלאָגיש פֿעסט צעמענטירטער סענטימענט, וואָס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, שוין מחמת דעם, וואָס ער, שלום־עליכם, איז זיך אין דעם גרויסן היסטאָרישן און אַקטועלן אָריענטאַציע־אַנטשייד פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט זײַנע צוויי גרויסע קלאַסישע מיטצײַטלערס — סוף־סוף האָט מענדעלע דאָס פּאָרל בנימין—סענדערל געלאָזט אויף אַזאַ מין חוזק־וועג גיין קיין ארץ־ישׂראל, אַז זיי האָבן צוריק אָנגעשפּאַרט אין טונעיאַדאָווקע, און ער לאָזט

דעם אַשמדאַי העכסטנס דעם משוגענעם ישׂראליק, וואָס פּאָרטראַגט אים אין דער לופטן, און אים פרעגן ווו ער זאָל אים אַראָפּלאָזן, און ישׂראליק ווינקט אָן מיט הייסע טרערן אויפן מיזרח (זע דערוועגן אין דאָקטאָראַט פון שמואל ב״ק „כתבי מנדלי מוכר ספרים כתמונה לחיי עם ישראל בתקופתו״, ירושלים, תשל״ו, באַנד 1, ז׳ 36 וכו׳); און י.ל. פּרץ האָט זײַן אומגלויבן אין אַ ממשדיקן שיבת־ציון בילדלעך געמאַכט: ווי אַ דער־וואַקסענער קערט זיך נישט אום אין זײַן קינדער־וויגל. נאָמבערג זאָל דאָס האָבן פּאַראַדירט: עוג מלך הבשן אין קאַרליק־שיכעלעך.

ה

בנוגע דעם איבערזעצערישן סאָרט קאָמפּלעטאַציע — איז פאַר אונדז דער עיקר דער היימישסטער שפּראַכלעכער אַספּעקט, דער העברעיִשער, און וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַנווײַזנדיק אויפן באַקאַנטן אויפטו פון י.ד. בערקאָוויטש, וואָס האָט דאָס גרויסע פאַרדינסט פון שלום־עליכם־פאַרשפּרייט, בעיקר הי, אין ארץ־ישׂראל, ווו עס קומען יאָר יערלעך צו טויזנטער יונגע לייענער — מיר האָבן איצט איבער אַ מיליאָן תּלמידים אין די היגע פאָלקס־ און מיטל־שולן — און ממילא וואַקסט די צאָל פון שלום־עליכם־לייענערס; די אַלץ נײַע אויסגאַבן פון „כתבי שלום עליכם״, וואָס זענען אַרײַן כמעט אין יעדער שטוב, באַווײַזן, אַז אונדזער גרויסער הומאָריסט איז דער שטענדיקער בעסט־סעלער. בערקאָוויטש האָט טאַקע אין דער אַרבעט אַרײַנגעלייגט אַ סך כּוח און טאַלאַנט, אַזוי ווי ער איז, לויט שלום עליכמס ווונטש און צוואה, געווען דער איינציק באַרעכטיקטער דערצו, האָט ער אויך באַשטימט, לויט זײַנע ליטעראַר־עסטעטישע פּרינציפּן, אַ שטרענג־געזיפּטן שלום־עליכם־קאַנאָן, און האָט ערשט שפּעטער עפּעס נאָכגעגעבן, איבערזעצנדיק אויך וואָס ער האָט, בעצם, געהאַלטן פאַר שוואַך — אַ שטייגער, „סטעמפּעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״. חוץ־דעם האָט ער זעלטן עמעצן דערלויבט צו איבערזעצן, וואָס ער איז נישט נוטה געווען אַליין צו טאָן, און זעלטענער געווען צופרידן מיט יענעמס מלאכה — דאָס האָט זיך אַפּילו געטראָפן, ווען אַן איבערזעצער פון פאַרמאַט, ווי אברהם שלאָנסקי, האָט איבערגעזעצט אַ דראַמאַטיזאַציע פון די „בלאָנדזשענדע שטערן״. די קשיא, צי אַזאַ באַצי איז נישט בלויז רעכטלעך, נאָר אויך באַרעכטיקט — האָט נאָך אינטריגירט מיט אַ סך יאָרן צוריק. אַוודאי איז אַ קיימא־לן, אַז בערקאָוויטש איז אין דעם אומנות אַ מײַסטער — אַליין

אַ סובטילער שרײַבער, אַ פײַנפּיליקער סטיליסט און אַ גרויסער מחמיר, האָט ער געשאַפֿן אַ גאָר הויכן איבערזעץ־סטאַנדאַרט, וואָס עס איז גאָר נישט לײַכט אים דערגרייכן, קל־וחומר פֿאַרקאָנקורירן. די קשיא איז, צי איז עס דער איינציקער מעגלעכער סטאַנדאַרט, און איך האָב אפֿשר דער ערשטער די קשיא מער ווי מיט דרײַסיק יאָר צוריק, מיטן גאַנצן דרך־ארץ צו דעם שפּראַך־קינסטלער און זײַן ווערק, אָנגערירט. נאָך מער, איך האָב זי אָנגערירט למען כּבֿודו — ווי אַ מיטגליד אין דער זשורי פֿון טשערני־כאָווסקי־פּרײַז פֿאַר קלאַסישע איבערזעצן, איך האָב פֿירגעלייגט מיט אים צו באַשענקען איבערזעצן פֿון דער ייִדיש־קלאַסיק, און ווי דעם ערשטן קאַנדידאַט אַרויסגערוקט בערקאָוויטשן פֿאַר זײַן מײַסטערשאַפֿט און העברעיִש־נוסח פֿון שלום עליכם, און איך האָב פֿאַר מײַנע זשורי־קאָלעגן, אָשר באַראַש, משה שוואַבע, נישט פֿאַרהוילן, אַז מיט דעם ראַפֿידן און לעבעדיקן העברעיִש, שאַפֿט זיך אַלץ־מער אַ שפּראַך־סיטואַציע, וואָס דערמעגלעכט און פֿאָדערט אַנדערע פּרוּוון פֿון שלום־עליכם־איבערזעץ, וואָס בערקאָוויטשעס ווערט זיי, לויט זײַן גענעזע און האַביטוס, נישט וועלן און נישט קענען נאָכקומען. איך האָב שפּעטער, עטלעכע מאָל, דעם געדאַנק אויסגעברייטערט: פּונקט ווי אין אַ יעדער ליטעראַטור, אַזוי אויך אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, בעיקר אין די לעצטע דורות, זײַט איר אויפֿקום ווי אַ לעבעדיקע, גערעדטע שפּראַך, איז דער איבערזעץ־פּראָצעס געבונדן אין שפּראַך־אַנטוויקל און זײַן דיאַלעקטיק — וואָס האָט געגאָלטן מיט אַ שטיק צײַט צוריק, גילט נישט מיט אַ שטיק צײַט שפּעטער, און נײַע איבערזעצן ווערן, אויב נישט קיין וואָכנגאַנג, טאָ אַ יאָרגאַנג. אַוודאי פֿאַראַן איבערזעצן, וואָס לעבן איבער זייער צײַט און בלײַבן ווי אַ קונסט־דאָקומענט פֿאַר זיך, אַפֿילו ווען עס ווערן געמאַכט אַנדערע איבערזעצן, וואָס פּאַסן זיך צום שפּראַך־שטאַנד אין טעם פֿון דור. אָט אַזוי, געדענקען מיר, אַ שטייגער, ווי אונדזערע לערערס האָבן געטענהט וועגן די שעקספּיר־איבערזעצן פֿון טיק־שלעגעל און האָבן זיי אַנידערגעשטעלט ווי די סאַמע קאָנגעניאַליטעט, אָבער אין אונדזער דור איז געקומען וואָלף באַודוסין און האָט אונדז מיט זײַן סקרופּולאַטן, געלײַטערטן נוסח געגעבן אַ וועלט צו זען. אָבער לאָמיר נעמען משלים פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור — זײַט צוויי דורות גייט אָן אַ פֿאַרמעסט צו דערלאַנגען אין אַדעקוואַטן העברעיִש־נוסח פֿון שעקספּירס דראַמעס, און עס נעמען דערבײַ אָנטייל די בעסטע און בעסערע איבערזעצערס, פֿרישמאַן, ליסיצקי, האַלקין, דווידאָוויטש, גראָסמאַן, שלאָנסקי,

ברוידאָ, אַלטערמאַן — וואָס האָבן טאַקע אויסגעמיטן די חסרונות פון סאַל־קינסאָנ׳ס „אתיאל הכושי", „רם ויעל". פונדעסטן איז זײַן וווּנדערלעכער אויפֿטו געבליבן און וועט בלײַבן ווי אַ היסטאָרישע יצירה פֿאַר זיך. דעסגלײַכן געטעס „„הערמאַן און דאָראָטעאַ" — דער נוסח פון שׂמחה בן־ציון (גוטמאַן) איז ריכטיק און ציכטיק, און ווען מאיר גערטנער וואָלט געווען פֿאַרענדיקט זײַן נוסח, וואָלט ער מסתּמא נאָך נאָענטער געווען צום מקור, פונדעסן וועט דער נוסח פון מרדכי ראָטנבערג „נוה צדק" (וואַרשע תרי"ז) בלײַבן אַ ביבליש־קלאַסיש דאָקומענט וואָס וועט דערהאַלטן תּמיד זײַן דערהויבענעם פּאָעטישן ווערט. ווער עס האָט געלייענט נתן ביסטריצקיס העברעיִש־איבערזעץ אָדער פּיניע כצ׳ס יִדיש־איבערזעץ פון „דאָן קיכאָט", איז טועם דעם מקור אין זײַן גאַנצער ברייט, אָבער דאָס וועט נישט אַראָפּשטויסן פון זײַן הייך ח. נ. ביאַליקס געקירצטן און פון רוסיש איבערגעזעצטן נוסח, און ער וועט בלײַבן אַ חי וקים, געלייענט און באַווּנדערט לדורות. ענלעכס לאָזט זיך זאָגן וועגן י. ד. בערקאָוויטש — עס לאָזט זיך הײַנט אַנדערש און בעסער דערלאַנגען שלום עליכם ווי ער האָט עס געטאָן, ווײַל די הײַנטיקע מעגלעכקייטן פון העברעיִש לגבי שלום עליכם זענען אַנדערע און בעסערע. אמת, בערקאָוויטש האָט זײַן איבערזעץ סטאַנדאַרט באַזירט אויפֿן דיסציפּלינירטן הויכשטאַנד פונעם גרויסן דרײַ־לינג — מענדעלע, אחד העם, ביאַליק — און נאָך צוגעגעבן אַ וויטאַמין פון דער יונגער, נערוויקער פּראָזע, פון וועלכער ער גופא איז אַ מיט־בויער, אָבער דערווײַל זענען צוגעקומען צוויי דורות שאַפערס און שאַ־פונגען, אין דער פּראָזע זענען אויפגעקומען אַזעלכע סטיליסטן, ווי עגנון און הזז, די פּרעסע איז געוואָרן אַ גרויס ממשדיק באַדערפעניש, און הונ־דערטער איבערגעזעצטע ביכער האָבן פֿאַרברייטערט, צומאָל דערהייכט און צומאָל פֿאַרפלאַכט, דעם האָריזאָנט, די רייד־שפּראַך איז געוואָרן פֿאַר־ביקער, בייגיקער, אידיאָמאַטישער, שול און טעאַטער טאָן זיך זייערס און די גאַס אירס, עס איז אַ שפּראַך פון אַ פאָלק, מיט אַלע זײַנע האַרטערע און ווייכערע טעמים. מען קען בפירוש געבן אַן אַנדערן, אויטענטישערן שלום עליכם, אויב עס וועט אויפשטיין אַ נײַער מין בערקאָוויטש, נאָר איך דעמאָלט וועט בלײַבן זײַן אויפטו אַ זכר לגדולה, ווי אַ ווערט פֿאַר זיך. איך שטרײַך דאָס אונטער, ווײַל לעצטנס איז געוואָרן אַ שטיקל מאָדע צו רעדן מיט גרינגשאַץ וועגן בערקאָוויטשס אײדעלער מלאכה, וואָס איז נישט בלויז אַ שווערער חטא נאָר אויך אַן אומאײדעלער טעות און דווקא ווער

עס פֿאַרמעסט זיך צו זײַן זײַן נאָכגייער און איבערגייער, דאַרף דערינען זייער און זייער געוואָרנט זײַן, ווי עס גייט דאָס ווערטל: זאָג נישט האָץ, איידער ביסט אַריבער דעם קלאָץ.

די איבערזעץ־מעגלעכקייטן פֿון שלום־עליכם זענען אַפֿילו געווען אַן ענין פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכער עקספּערימענטאַציע — דרײַ אַדעפּטן האָבן זיך, אין אַ סעמינאַר פֿון ח. שמערוק, אונטערגענומען איבערצוזעצן אַ פּרק שלום עליכם, יעדער לויט אַ באַזונדערן צוגאַנג און שיטה — סטיליזאַציע לויט דער העברעיִשער פּרעסע פֿון פֿאַר דער ערשטער מלחמה (י. ברטל); לויט הײַנטיקן נאָרמאַטיוון העברעיִש (אַננאַ דרעסנער, וואָס איז, אגב, אַן איבערזעצערין פֿון שלום עליכם אויף פּויליש); לויט דעם איצט אָנגייענדיקן סלענג־העברעיִש (חיה יאָנאַס), און ווער עס האָט אַן אינטערעס דערפֿאַר, קאָן דאָס נאָכלייענען (אין זשורנאַל „האוניברסיטה“, ירושלים, תשל״א, העפֿט א׳ ז״ז 50־55). מיר האָבן דאָס אַפּירגעשיקט, ווײַל די פּראָבלעמאַטיק באַשעפֿטיקט די גרעסטע פּרווון פֿון די ביזאיצטיקע נײַע איבערזעצערס, וואָס האָבן שוין אַרויסגעגעבן ביכער — אריה אהרוני, אַן איבערזעצער פֿון רוסיש, ענגליש, ייִדיש — זע זײַן העברעיִש־נוסח צו רחל פֿישמאַנס לידער), וואָס איז אין זײַנע שלום־עליכם־איבערזעצן מער נוטה צו אַן אידיאָמאַטיש געווערצטער, און אַפֿילו איבערגעווערצטער, שמועס־שפּראַך: דוב ירדן (וואָס איז באַקאַנט פֿון זײַנע אַקאַדעמישע עדיציעס פֿון דער עלטערער פּאָעזיע — ר׳ שמואל הנגיד, שלמה גבירול, עמנואל הרומי), וואָס איז אין זײַנע שלום־עליכם־איבערזעצן מער נוטה צו דער לײַטישער, צומאָל צו קאָנווענציאָנעלער, ליטעראַטור־שפּראַך, בשעת אוריאל אופק (אַ מומחה אין קינדער־ליטעראַטור, אַ זון פֿון ייִדישן דיכטער און איבער־זעצער ל. פּאָפּיק) האָט פֿונסנײַ איבערגעזעצט „מאָטעל פּייסי דעם חזנ׳ס“ (פֿאַרלאַג „כתר“, ירושלים, 1976) לויטן אָריגינאַל (ער האָט אויסגעלאָזט עטלעכע קאַפּיטלעך, האָט אָבער געבראַכט צוויי קאַפּיטלעך, וואָס בערקאָ־וויטש האָט אויסגעמיטן) און אין נאָכוואָרט דערקלערט ער זײַן דרך. האָט דאָך שלום עליכם געהאָפֿט, אַז ביאַליק וועט איבערזעצן דעם גאַנצן „מאָטעל פּייסי“ און ווען ער האָט טאַקע איבערגעזעצט דריי קאַפּיטלעך און זיי געלאָזט אָפּדרוקן, איז שלום עליכם געווען אין הימל. ביאַליק ווײַטער האָט נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק (תרנ״ה) געשריבן, צו ראַווניצקי, ווי אַרום מען דאַרף שלום עליכם איבערזעצן פֿאַר קינדער: זײַנע קינדער־רייד און די פֿיל אידיאָמען פֿאַרלאַנגען אַ פּשוט־שבפּשוטע שפּראַך און אַ פּראָסט לשון.

מסתּמע וועלן נאָך צוקומען איבערזעצערס און איבערזעצערינס (איינע, ג.ענ״ע בן־שלום איז דערוויַיל צוגעקומען); אַז מען שמועסט: רשות הרבים, איז דאָך נישט שייַך. און מסתּמא וועט זיך אויך די קריטיק נעמען אַרומ־קוקן — ווי האַלטן מיר דאָ, אייגנטלעך, אין דער וועלט.

קאַפּיטל דרייַ:

דער קאָמפּלעטער שלום־עליכם

ווי עס זאָל נישט שטיין מיטן קאָמפּלעטירטן שלום־עליכם; — מיטן קאָמפּלעטן שלום־עליכם שטייט עס געוווּג שמאָל. באמת, איז אַ באמת־קאָמ־פּלעטער אויסגאַב פון זיַינע אַלע ווערק — נישטאָ. די גע׳זעמלען וואָס פירן דעם נאָמען: אַלע ווערק (וואַרשע, מאָסקווע, ניו־יאָרק) זענען וויַיט נישט אַלע, און ווערן אַלץ זעלטענער אין מאַרק, ווייל אויך די מאַטריצעס־אָפּ־דרוקן האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן דאָס אַמאָליקע טעמפּאָ, און די פריִער פאַרשפּרייטסטע ניו־יאָרקער עדיציע ווערט כמעט אַנטיקוואַריש; דער געדאַנק מיט עטלעכע יאָר צוריק זי, די עדיציע, דורכן בית־שלום־עליכם צו באַניַיען, איז וויַיט נישט געוווּן דער גליקלעכסטער — די מאַטריצעס ליַידן פון אַן איבערגעלעבטן, אומקאָנסעקווענטן אויסלייג, און פון גרײַזן, אַז דער גאָט פון די מגיהים זאָל זיך מרחם זיַין. עס איז אַ נ־דער, וואָס בלויז אַ גרויסער, מוטיקער און גלויביקער הייב קען זי מכפּר זיַין — דער צוגרייט און אויספיר פון שלום עליכמס אַלע ווערק, הכל בכל: דערציי־לונגען, ראָמאַנען, הומאָרעסקעס, סקיצן, פעליעטאָנען, קאָמעדיעס, מאמרים, מעמואַרן, בריוו, גאַנץ שלום־עליכם, אות באות, אחת מהנה לא נעדרה, קיין איינציקס זאָל נישט אָפּקומען. אָט אַ קולטור־שליחות, אָט אַ זיסע האָרעוואַניע — — —

[י״ח תמוז תשל״ז]

דער ראָמאַנטיקער

לזכר הלל צייטלין

אַ הספד־וואָרט אין ועד הפועל פון דער הסתדרות

א

איך וועל נישט רעדן וועגן זײַן לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן וואָס איז — פונעם אָנהייב אין קליינעם שטעטל, דורך די וואָגלענישן און די לערן־יאָרן — געווען טיפּיש פאַרן דור, אַפילו פאַר עטלעכע דורות, איז גוט באַקאַנט די וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט. איך וועל אויך נישט רעדן וועגן זײַנע ביכער — פון זײַנע ערשטע אַרטיקלען, זײַנע פּאָפּולערע ביכער ביז זײַן שפּעטערדיקער ברויזנדיקער זשורנאַליסטישער טעטיקייט — די פאַר־זאַמלטע זענען דערמיט אויך באַקאַנט. וואָרעם אויב מען רעדט וועגן הלל צייטלין, דאַרף מען אפשר באַרירן, און זאָל עס זײַן אַפילו פון אויבנאויף, נישט זײַן לעבן און נישט זײַנע ביכער, נאָר בעיקר זײַן רעטעניש. און דוכט זיך, אַז מיר האָבן אַלע געשפּירט דאָס דאָזיקע רעטעניש, אַזוי ווי מיר זענען, זעענדיק זײַן לעבן איינגעטיילט אין פאַרשיידענע פּעריאָדן, געשטאַנען אין אַ כסדר׳דיקן וויכוח מיט אים — אַ וויכוח וואָס איז מחייב אונדז קודם כּל צו זאָגן דעם אמת. לאָמיר נישט זאָגן, אַז הלל צײַטלין איז נישט געווען אויסגעגאָסן פון איין שטיק, כאָטש ער איז נישט געווען קיין קאָנ־סטרוקטיווע איינהײַט, ווי עס האָט אונדז געשײַנט צו זײַן אחד־העם, וואָס האָט זיך אַליין געבויט; כאָטש ער איז נישט געווען קיין בּיאָגראַפישע איינהײַט, ווי עס האָט אונדז געשײַנט צו זײַן י. ח. ברענער, אין וועלכן עס האָט, ווי מיר האָבן עס געזען, געווערקט אַ גרויסע צוואַנג־קראַפט פון נשמה, כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט; ער איז נישט געווען קיין קינסטלע־רישע איינהײַט, ווי מיר זעען עס אין ש״י עגנון. אָבער כאָטש הלל צײַטלין האָט זיך אונדז אַנטפּלעקט קאַפּיטלעכווײַז, גילגולימווײַז, האָבן מיר געוווסט, אַז עס איז פאַראַן עפּעס וואָס פאַראייניקט דאָס אַלץ — אַ גרויסער נשמה־ברען, וואָס באַוועגט אָט די אַלע גילגולים.

נישט איינמאָל פלעגן מיר פרעגן: ווו דאַרף מען אים זוכן; אין דעם קאַפּיטל שירה וואָס טובל׳ט זיך אין דער העכערער ספערע אָדער אין די אַרטיקלען, די צײַטונג־אַרטיקלען וואָס באַהאַנדלען טאָג־פּראַגעס? איז ער אין דעם פּאָפּולאַר־וויסנשאַפטלעכן בוך וועגן שפּינאָזאַ, אין דעם בוך וועגן בעל־שם־טוב, וועגן ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וועגן דעם בעל התניא, איז ער געווען ער בשעת ער קוקט אַרויף צום „יופי של מעלה״, אָדער בשעת ער האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין פּאַרטיי־קריגערײַען, אַפילו אין פּאַרטיי־בלאַטעס? אַזוי האָבן מיר געקענט פרעגן — אַזוי האָבן מיר טאַקע נישט איינמאָל געפרעגט. און דער אמת איז, אַז הלל צײַטלין איז געווען סײַ דאָ און סײַ דאָרטן. אָבער אויב מיר זאָלן זוכן די ריכטשנור פון הלל צײַטלינ׳ס לעבן און שאַפן — קאָן דאָרטן נישט גילטן דער באַגריף עוואָלוציע, אָט דער באַגריף וואָס איז דער שליסל צו דער סעקולערער אויסטײַטשונג פון דערשײַנונגען. דאָ צוזיבערט אַן אַנדער באַגריף, וואָס האָט דעם לעצטן דור זייער אָפט געדינט ווי אַ שליסל צום אויסטייטש פון דערשײַנונגען — דער באַגריף אויפרײַס, עקספּלאָזיע. מיר זעען הלל צײַטלינ׳ס וועג ווי אַ בלאַנד־זשען פון עקספּלאָזיע צו עקספּלאָזיע. און דערפאַר זעען מיר נישט דאָס אַנטשײַדנדיקע אין זײַנע צײַטווײַליקע עליות אָדער ירידות, נאָר אין דער עצם טאָט, אין דעם גאַנג אַליין, אין דעם פאַרברענט־ווערן פון עקספּלאָזיע צו עקספּלאָזיע.

מיר קענען אַפילו נישט ענטפערן אויף דער קשיא: ווער איז געווען צײַטלין? אַז מען וועט פרעגן, צי איז ער געווען אַ דיכטער, וועט דער ענטפער מוזן זײַן: יאָ און ניין — זײַנע ווערטער זענען אָנגעטרונקען מיט פּאָעטישער התלהבות, מיט פלאַמיקער פאַנטאַזיע, כאָטש זיי האָבן זיך נישט אויסגעקריסטאַליזירט אין אייגנטלעכער פּאָעזיע. אַז מען וועט פרעגן, צי ער איז געווען אַ פאָרשער, וועט דער ענטפער מוזן זײַן: יאָ און ניין — מיר קענען נישט אָפּפרעגן דעם פאָרשערישן כאַראַקטער, אַפילו פון זײַנע אַרבעטן וועגן דער קבלה, כאָטש ס׳איז שווער זיי אַרײַנצופּאַסן אין דער פאָרמאַלער רעם פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. און דאָס איז אויך אמת בנוגע דער קשיא, צי ער איז געווען אַ פילאָזאָף, צי ער איז געווען אַ מקובל, און אַפילו צי ער איז געווען אַ פּובליציסט. אויף די אַלע קשיות מוז מען ענטפערן, אַז ער איז געווען ווייניקער פון די אַלע זאַכן — און מער פון די אַלע זאַכן. אַן ענטפער אין גײַסט פון די אַלע קאָנווענציאָנאַלע אָפּשאַצונגען, זאָגט, אַז עס איז אין אים געווען מער געפיל ווי געדאַנק,

מער מחשבות ווי מחשבה, מער באַגער ווי ווילן, אַז ער איז געווען דער מענטש פון בענקעניש און לעכצעניש. מען קען אפשר אויך זאָגן, אַז פון זײַן נאָענטקייט צו דעם מקור פון פּאָעזיע און פאַרשונג זענען געקומען אָט די אַלע חסרונות, וואָס ער האָט אָבער באַוויזן, אין פאַרשיידענע סטאַדיעס פון זײַן לעבן, צו פאַרוואַנדלען אין מעלות. ס׳הייסט, ער איז געווען באַזונדערש נאָענט דער שירה פון די ספּערעס, ווו יעדער פּרווו צו געפינען אַ קאָנקרעטן אויסדרוק איז גורם אַ ווונד און אַ פּגימה אין דער האַרמאָניע, און וואָס מער מיר ברענגען דאָרטן צום אויסדרוק, אַלץ מער זענען מיר פּוגם, מער פאַרוווּנדן מיר. דאָס הייסט, עס איז מעגלעך, אַז אָט די אַלע פּגימות זענען געקומען פון זײַן זעלטענער, דינאַמישער נאָענטקייט צו דער „שפת האלים החרישית״ — צו „דער שטילער שפּראַך פון די געטער״.

ב

איך האָב געזאָגט, אַז מיר האָבן זיך שטענדיק געפונען אין אַ וויכוח מיט הלל צײַטלין — וואָרעם ער האָט אַרויסגערופן אַ סך קשיות. דאָס שטוינען איז דאָך אַליין אַ מין פּויזע אין עפּעס אַ סדר, וואָס מיר נעמען אָן אָדער זענען זיך משער אָדער ווייסן. בנוגע אָט דעם סדר, אָט דער אויסגעהאַלטנקייט, וואָס מיר האָבן געוואָלט זען צווישן הלל צײַטלינס ראשית און אחרית, האָבן זיך געשטעלט אַ סך קשיות — דערפאַר וואָס די פּויזעס זענען אויך געווען פיל אין צאָל. עס זענען צווישן אונדז געווען אַזעלכע, וואָס זיי האָט באַזונדערס באַאומרויִקט די קשיא וועגן זײַן זשור־נאַליזם. באַזונדערס האָט דאָס אין זײַן צײַט אונטערגעשטראָכן פּ. לאַכאָ־ווער — אָט דאָס שפּרינגען פון די ספּערעס פון שירה, פון זײַנע פילאָזאָ־פיש־רעליגיעזע מעדיטאַציעס, וואָס האָבן זיך געשפּײַזט פון פאַרשיידענע מקורות (ער איז געווען אַ פּאַנטעיִסט, געווען אַפילו אַ מין פּאָזיטיוויסט; ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אידעיִשע טראַנספאָרמאַציעס) אין דעם טומלדיקן זשורנאַליזם, אין פּאַרטיי־לעבן און אין זײַנע קאָנפליקטן. אַנדערע האָבן נישט פאַרשטאַנען הלל צײַטלינ׳ס באַצי צו העברעיִש. נישט דערפאַר וואָס ער האָט געשריבן ייִדיש — ער איז געווען אַ זון פון אַ צוויי־שפּראַ־כיקן דור; און נישט צוליב זײַן ייִדישיזם — דער ייִדישיזם איז געווען אַ גרויסע און אַפילו אומפאַרמײַדלעכע און פאַרשטענדלעכע דערשײַנונג. געחידושט האָט וואָס ער איז געוואָרן דער אידעאָלאָג פון יענעם ייִדישיזם,

וואָס זײַנע אַרגומענטן האָבן דערמוטיקט די אָפּגעשטאַנענסטע קרײַזן. ס׳איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין זײַן באַצי צום ציוניזם. עס איז געווען אַ צײַט, ווען ער איז געווען זייער אַ טעטיקער ציוניסט, ער איז אַפֿילו, דוכט זיך, געפֿאָרן צו אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. אָבער אין דער צײַט פֿון דעם גרויסן וויכּוח איז ער געוואָרן איינער פֿון די עקסטרעמסטע חסידים פֿון דעם טעריטאָריאַליזם און האָט זײַן פּלאַמיקע פֿעָן געשטעלט אין דינסט פֿון דעם קאַמף קעגן די „ציוני ציון". מען האָט זיך נישט אויפֿגעהערט צו חידושן אויך נאָכדעם, ווען ער איז צוריקגעקומען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, און איז, אין דער צײַט פֿון דער גרויסער אויסוואַנדערונג פֿון פּוילן, געוואָרן דער פּריידיקער און דערמוטיקער פֿון דער עליה, באַזונדערס פֿון די מיטלקלאַס־קרײַזן. און נאָך עפּעס האָט אַרויסגערופֿן שטוינען: זײַן באַצי צום סאָציאַליזם. נישט זײַן שאַרפֿע און בײַסיקע קריטיק אויף דער רעוואָלוציע, און סאָציאַליזם פֿון אונדזערע לינקע פּאַרטייען. אין דער דאָזיקער קריטיק וועגן אונדזערע טענצער אויף פֿרעמדע חתונות, האָט ער געהאַט אַ סך שותּפֿים, אויך אין לאַגער פֿון ייִדישן סאָציאַליזם. פֿאַרחידושט האָט דאָס אַבסאָלוטע אָפּוואַרפֿן דעם סאָציאַליזם, דאָס אַבסאָלוטע ניין־זאָגן צו דער רעוואָלוציע. און, צום סוף, דאָס סאַמע אומפֿאַרשטענדלעכסטע — זײַן באַצי צו רעליגיע. נישט, פֿאַרשטייט זיך, זײַן רעליגיעזיטעט גופֿא: אין דעם פּרט האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין אונדזער ליטעראַטור אויפֿגעהויבן דאָס טיפֿע רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעם, אויף יענער זײַט פֿון ערנסטער כּפֿירה און פֿון ביליקער אַפּיקורסות; וואָס האָט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם געשטעלט סײַ פֿאַר זיך אַליין און סײַ אין שײַכות מיט די גרויסע גײַסטיקע שטרע־מונגען אין דער וועלט, אָבער ער האָט צו לײַכט געמאַכט דעם שפּרונג פֿון זײַן פֿערזענלעכער דבֿקות צו דער פֿאַרגליווערטער אָרטאָדאָקסיע פֿון די שלומי אמוני ישׂראל.

ג

דאָס זענען געווען די הויפּט־קשיות, וואָס הלל צײַטלין האָט אַרויס־גערופֿן, און צו זיי זענען צוגעקומען אַנדערע קלענערע קשיות און עס זענען אויף זיי אויך געגעבן געוואָרן געוויסע ענטפֿערס. דער ענטפֿער, וואָס איז אַמנאָענטסטן צום אמת, ליגט דוכט זיך מיר, אין דעם וואָרט — ראָמאַנטיק. אין אונדזער ליטעראַטור איז געווען אַ גרויסע גרופּע ראָמאַנ־

טיקער און נעאָ־ראָמאַנטיקער — דאָס זענען די דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס האָבן, דורך דעם מעדיום פון קונסט און פּאָעזיע, איבערגעלעבט די צווייטע געבורט פון חסידות. אָבער צײַטלין האָט געוואָלט נישט שאַפן אַ וועלט פון ראָמאַנטיק, נאָר אויך זי פאַרווערקלעכן, זי לעבן. שלמה שילער האָט, רעדנדיק וועגן דעם פענאָמען פון דער יידישער ראָמאַנטיק, וועגן דעם פּרווו צו אַנטפּלעקן דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון חסידות, געשטעלט זייער אַ שאַרפע פראַגע: וויאַזוי קען די דאָזיקע ראָמאַנטיק, ווי אַ קולטור־שטרעמונג, ווערן אַ פּראָדוקטיווע באַוועגונג? און ער האָט דאַרויף געגעבן אַ קורצן ענטפער: אויב אירע טרעגער וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט זייער אידיי, אויב זיי וועלן אַרויסווײַזן די פעיִקייט צו לעבן דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס זיי באַזינגען. ס׳איז אפשר נישטאָ קיין מער אויסטערלישע דערשײַנונג ווי די דאָזיקע ראָמאַנטיקער, וואָס די מערסטע פון זיי זענען געווען טיפּישע מאָדערנע אומגלויביקע. ס׳איז נישט געווען קיין שייכות צווישן זייער אייגענעם לעבן און דעם לעבן וואָס זיי האָבן געשילדערט, אַ שייכות וואָס מיר האָבן עס אין דער דײַטשישער און פּוילישער ראָמאַנטיק. דער איינציקער, וואָס האָט געשטרעבט צו דער דאָזיקער אידענטיפיקאַציע, און האָט זי אויך דערגרייכט, איז געווען הלל צײַטלין. ער האָט זיך גערעאַנגלט צו לעבן די דאָזיקע ראָמאַנטיק. ער האָט געוואָלט אַוועקנעמען די מחיצה צווישן דער וועלט פון זײַן שאַפן און דער וועלט פון זײַן פאַרשוינלעכן לעבן. דאָס האָט אים געפירט אויף פאַרשיידענע משונהדיקע וועגן; דאָס האָט אַרויסגערופן די דערמאָנטע קשיות און השגות. דערפון האָט זיך גענומען דער כסדרדיקער וויכוח, דער געראַנגל מיט אים. אַוודאי האָט ער דאָס געטאָן מחמת אַ פאַטאַלן צוואַנג, אפילו מחמת אַ פאַטאַלן טעות. באַזונדערס איז בולט דער דאָזיקער פאַטאַלער טעות אין זײַן באַצי צום ציוניזם. וואָרעם מיט זײַן גאַנצן צובונד צום ציוניזם, האָט אים געפעלט די פאַרשטאַנדעניש פאַר זײַן רעוואָלוציאָנערן מהות. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער ציוניזם איז אַ רעוואָלוציאָנערער לעבן, וואָס די ראָמאַנטיק האָט באַלויכטן זײַן לעצטן אויפפלאַם אין געטאָ, אָבער דער ציוניזם קען נישט אָנהייבן זײַן אייגענע גלות־עקזיסטענץ פון דער לעצטער שאָלעכץ פון אונדזער גלות־לעבן, ער קען נישט זײַן דער המשך פון דעם געטאָ־לעבן, אַפילו פון דער ליכטיקסטער זײַט פון דעם דאַזיקן לעבן. און ס׳איז געווען אומפאַרמײַדלעך, אַז עס זאָל אים פעלן דאָס דאָזיקע פאַרשטאַנדעניש, טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַן אמתער

ראָמאַנטיקער, וואָס האָט געשטרעבט צו דער אידענטיפיקאַציע מיטן לעבן, וואָס ער האָט אידעאַליזירט. דערפאַר, און נישט דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעפרעגט זײַנע אַטעיִסטיש־מאַטעריאַליסטישע הנחות, האָט ער אויך נישט פאַרשטאַנען דעם סאָציאַליזם. אַ שווייצאַרישער רעליגיעזער סאָציאַליסט האָט נישט לאַנג צוריק געשריבן, אַז דערפאַר וואָס די רעליגיע און די קערך האָבן נישט דערפילט זייער אויפגאַב, די אויפגאַב צו פאַרווערקלעכן דעם סאָציאַליזם אין דער וועלט, און זיי זענען, פאַר־קערט, געוואָרן שטיצפּונקטן פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, האָט דער רוח־הקודש פאַרלאָזט די טרעגער פון דער רעליגיע אין די קערכעס, און גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַן אינקאָגניטאָ, האָט זיך געמוזט אַנטפּלעקן אין דעם אינקאָגניטאָ, וואָס טראָגט דעם נאָמען קאַרל מאַרקס. אָט דער דאָזיקער בליק, דער תּמצית פון דעם רעליגיעזן סאָציאַליזם, איז פרעמד געוועזן הלל צײַטלינען. אַוודאי איז ער געוועזן פול מיט התלהבות פאַר דער גערעכטיקייט פון די נביאים, און האָט כּסדר געפּריידיקט און פונסנײַ אַנטפּלעקט די אייגנאַרטיקע שיינקייט פון אונדזער גרויסער סאָציאַלער ירושה, אָבער ער איז נישט פעיִק געוועזן זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ שטויס־קראַפט, צו בויען די בריק צום יִידישן סאָציאַליזם — כאָטש ער האָט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן זיך דערפאַר געראַנגלט. אָט איז ער געשטאַנען אויפן שוועל פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג, פון דעם „הפּועל המזרחי" — אָבער אינעווייניק איז ער נישט אַרײַן.

ד

הלל צײַטלין איז גערעכט געווען, וואָס ער האָט נישט געגלייבט אין דעם הומאַניזם, וואָס זײַן איינציקער יסוד איז דער האָמאָ, דער מענטש וואָס איז אַ רינג צווישן ראשית און אחרית, וואָס איז אַ מיטן און דערפאַר רעלאַטיוו, וואָס ער האָט געפאָדערט און מחייב געווען די ווערקלעכקייט פון אַ גרעסערער זיכערקייט — די ווערקלעכקייט פון גאָט. אָבער ער האָט נישט געפונען די פאַרבינד־ליניע צווישן דעם דאָזיקן גלויבן און דעם הומאַניזם, וואָס אין אונדזער דור קאָן ער קומען צום אויסדרוק נאָר אין סאָציאַליזם. און דערפאַר האָבן מיר שטענדיק באַדויערט, וואָס אַ מענטש ווי ער, אין וועמען עס האָבן געקוועלט מקורות פון פּאָעזיע און געדאַנק, וואָס מיר האָבן נישט געקענט נישט אָנקומען צו אים און מוותר זײַן אויף אונדזער טיפער און אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט מיט אים, אַפילו אויף זײַן

פירערשאַפט — און ער איז געווען אונדזער אַלעמענס וואָרטזאָגער, כאָטש פון אויבנאויף האָבן מיר אים נישט געקענט געבן די לעגיטימאַציע דערויף — איז געוואָרן דער ליבלינג פון דער געטאָ־אָרטאָדאָקסיע, אין נוסח פון וואַרשעווער בעל־הבית׳ישן ייִדן. מיר האָבן דאָס באַדויערט, אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען די טראַגישקייט פון אַ מענטשן וואָס האָט געוואָלט פאַרווערקלעכן אַ ראָמאַנטישע וויזיע אין לעבן פון אַ פאָלק אָן אייגענעם באָדן, די טראַגישקייט פון איינעם וואָס האָט געשטורעמט פון איין עקספלאָזיע צו דער צווייטער — אין אַ געשלאָסענעם קרײַז.

איין באַגעגעניש האָט הלל צײַטלין געהאַט, וואָס האָט געדויערט זײַן גאַנץ לעבן — דאָס באַגעגעניש מיט י. ח. ברענער. זיי האָבן ביידע געחלומט איין חלום אין דער צײַט וואָס זיי זענען מושפע געווען פון צוויי דורכאויס־פאַרשיידענע לערעס — טאָלסטאָי און ניטשע. שעפנדיק פון די דאָזיקע צוויי מקורות און פון ייִדישן קוואַל, האָבן זיי געשטרעבט צום באַנײַ פון מענטש און געחלומט וועגן אַ קאָמוניסטישער קאָלאָניע, וואָס אירע תּושבים זאָלן פירן אַ לעבן פון יושר, גערעכטיקייט און גלײַכהייט. זייערע וועגן האָבן זיך צעשיידט — די פרײַנטשאַפט איז נישט געבראָכן געוואָרן. דוכט זיך, אַז אין אונדזער צײַט זענען מיר דערגאַנגען צו אַ פונקט, וואָס מיר זענען געצוווּנגען די דאָזיקע צוויי וועגן צו באַטראַכטן ווי וועגן, וואָס פאָדערן, אַז מען זאָל זיך איבער זיי מתגבר זײַן, ווי מען איז זיך מתגבר איבער אַ קריזיס. ברענער האָט געפירט צו אַ ציל, אָבער מען זעט נישט די בריק צו דעם דאָזיקן ציל. אַדרבא, זײַן וועג איז זייער אַ געפערלעכער, און מען קאָן אים סומירן אָט אַזוי: דער יושר קאָן אָביעקטיוו נישט מאָטיווירט ווערן, די גערעכטיקייט האָט נישט קיין אָביעקטיוון יסוד, דאָס גוטע האָט נישט קיין טראַנסצענדענטאַלע אויטאָריטעט — אָבער איך, דער יחיד, איך בין אַזעלכער, אַז מײַן גאַנץ וועזן שרײַט נאָך צדק, נאָך יושר, נאָכן גוטן. אַ ווייניקער קאָמפליצירטער דור, וואָס קומט געווייִנטלעך נאָך אַ קאָמפליצירטן דור, ווי עס זענען געווען די פאָטערס פון דער ליטעראַטור וואָס האָט אונדז גייסטיק געבוירט — אַ ווייניקער קאָמפליצירטער דור קען פון דעם ציִען אכזריות׳דיקע שלוסן. אויב געבאָטן און מאָראַלישע תּביעות, וואָס דאַרפן צוימען אינסטינקטן, האָבן נישט מער קיין אָביעקטיווע, אַבסאָלוטע און טראַנסצענדענטאַלע גילטיקייט ווי די אינסטינקטן אַליין — האָבן זיי בכלל נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. אָט די דאָזיקע דיסאָציאַציע קען בעל כּרחה פירן צו יענער דעמאָניע וואָס

האָט זיך צעבושעוועט אין אונדזער צײַט. דאָס איז אויך געווען דער וועג פון גרעסערע ווי י. ח. ברענער — דער וועג פון זיגמונד פרויד, וואָס האָט צום סוף אויך נישט געפונען קיין אָביעקטיווע, אַבסאָלוטע, טראַנסצענ־דענטאַלע מאָטיווירונג, חוץ דער באַהויפּטונג: אָט אַזאַ בין איך. געדאַרפט האָט ער זאָגן: דערפאַר וואָס איך בין דערצויגן געוואָרן אויף דער דאָזיקער קולטור, וואָס האָט געזאָגט דאָס פאַרקערטע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די אַבסאָלוטע גילטיקייט פון די געבאָטן אין נאָמען פון דער אַבסאָלוטער ווערקלעכקייט פון דעם בורא עולם. דעמאָלט וואָלט זיך אָבער פאַר אַ פרויד געשטעלט די קשיא: ווי אַזוי קען איך אין דער פּראַקטיק טאָן דאָס וואָס איך האָב אָפּגעפרעגט אין דער טעאָריע — ווי אַזוי קען איך אָפּהיטן אַבסאָלוטע געבאָטן, וואָס איך האָב אויפגעדעקט זייער רעלאַטיוויסטישן יסוד? אויב דער קומענדיקער דור וועט זיך פאַרטיפן אין דער אָפּשאַצונג פון דעם פריַערדיקן דור, וועט ער זיך מוזן מתגבר זײַן סײַ איבער ברענערן און סײַ איבער הלל צײַטלין.

ה

ברענער און צײַטלין — ביידע זענען געשטאָרבן מיט איין טויט. מחמת שוואַכקייט, מחמת אָפּהענטיקייט, מחמת זעלישער און אינטעלעקטואַלער אומבאַהאָלפנקייט, פאַרשווענדן מיר אויפן דאָזיקן טויט אַ סך ווערטער: זעלבסטשוץ, גבורה. אָבער פאַסן פאַסט זיך בלויז דאָס אַלטע און גלײַכ־צײַטיק נײַע וואָרט — קידוש השם. בעת אַ טרויער־פּראָצעסיע אין תל־אביב צום אָנדענק פון אונדזערע מיליאָנען אומגעקומענע, איז בײַ אונדז אויס־געבראָכן אַ מחלוקה אַרום פאָנען — די ווײַס־בלויע אָדער רויטע פאָן. אַוודאי איז אַ יושר, אַז אַלע אונדזערע פאָנען זאָלן באַוויינען אונדזער אבלות. אָבער, אייגנטלעך זענען אַלע פאָנען געווען איבעריק, וואָרעם פאַרן אַבלותדיקן פאָלק זענען געגאַנגען ספרי־תורה — אָט די פאָן וואָס האָט געזען מער ווי די צוויי אַנדערע יונגע פאָנען, די פאָן וואָס איז געווען אַן עדות פון אַלע אונדזערע לײַדן־וועגן, פון דעם חורבן בית־המקדש ביזן פאַלן פון וואַרשעווער געטאָ. אַזוי ווי די דאָזיקע פאָן, איז אויך דאָס וואָרט: קידוש השם. און אויב עס איז אונדז דערלויבט צו רעדן וועגן אמתן קידוש השם, וואָס איז נישט קיין יאוש־דעקאָראַציע, נאָר די תפארת פון דער אמונה, דאָס הייסט, אַז דער וואָס איז אַ מקדש השם שטאַרבט מיט דער אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז די חיה רעה וואָס האָט אים טויטגעשלאָגן איז

אין תּוך אַ נול, אַ גאָרנישט, אַ בטל'ע כּמות און איכות, אַז זי טראָגט אין זיך אַליין נישט קיין לעבנס־כּוח, נאָר גענערט זיך פון אונדזערע זינד; און אויב מען מעג זאָגן, אַז מיט אַזאַ טויט זענען געשטאָרבן אונדזערע ברידער, אַפילו וואָס האָבן אַליין נישט געזען אַזוי זייער טויט — איז זיכער, אַז אַזוי איז געשטאָרבן הילל צייטלין; מחמת ליבשאַפט צו גאָט, מחמת ליבשאַפט צו זיין באַשעפעניש, דעם מענטשן, און צו ישׂראל זיין אויסדערוויילטן.

[כ"ט אלול תש"ה]

בן הרב

וועגן זלמן יצחק אנכי

א

מענטשן פון זײַן דור און קרײַז קענען דערציילן וועגן זייערע באַגעג־ גענישן מיט ז. י. אנכי, לויטן כראָנאָלאָגישן סדר פון זײַנע שאַפונגען. זייער ערשטע באַגעגעניש מיט אים איז געווען פאַרבונדן מיט זײַן ערשטלינג־ דערציילונג, וואָס האָט גלײַך אַרויסגערופן אַ סימפּאַטיש ווידערקול און איז בשעתו געוואָרן אַ שם־דבר, אַזוי אַז זײַן מחבר איז באַקאַנט געוואָרן ווי דער בעל־„הינוקא". אַנדערש האַלט עס מיטן שפּעטרדיקן דור, באַזונדערס די וואָס האָבן, דורך זײַטיקע שטעגן, געפונען דעם וועג צו אונדזער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור, און האָבן זיך שטאַרק געדאַרפט אָנשטרענגען, כּדי צו דערגאַנצן דאָס וואָס איז צו זיי דערגאַנגען צופאַליק און זיך אָנהייבן אָריענטירן אין אונדזער ליטעראַטור און אירע שאַפער.

צופאַליק איז געווען אונדזער באַגעגעניש מיט ז. י. אנכין. די ערשטע באַגעגעניש צווישן אים און אַ גרופּע יונגע מענטשן איז פֿירגעקומען אין דעם לאָקאַל פון „השומר הצעיר" אין מײַן געבוירנשטאָט. עס זענען געווען שווערע טעג — ערשט נעכטן־אייערנעכטן האָט זיך געענדיקט די גרויסע מלחמה, די וועלט־מלחמה, און שוין האָט אָנגעהויבן בושעווען די קליינע מלחמה, די מלחמה צווישן די אוקראַינער און די פּאָליאַקן אַרום די פּראָווינצן, וואָס אין זייער סאַמע מיטן שטייט, ווי געווײנטלעך, אונדזער שטאָט און מיר, בני אברהם, יצחק ויעקב. די פּאַרוויסטע גאַסן, די חרובע הײַזער דערציילן וועגן שוידער פון נעכטן; די אײַנגעדאַרטע פּנימער און דער ציטער אין די אויגן — וועגן דער אימה פון הײַנט. אָבער מיר, די יונגע, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום אַ הייפל חברים, וואָס זענען צוריק געקומען פון דער פּליטים־שטאָט, פון ווײַטן ווין, מיט דער בשׂורה פון ציון אויף די ליפּן — וואָס טויג אונדז דער נעכטן, וואָס טויג אונדז דער הײַנט? מיר זעען דאָך פאַר זיך בלויז דעם מאָרגן: זאָל נאָר פרײַ ווערן דער וועג פון אונדזער פּראָווינץ, וועלן מיר אַנטלויפן קיין ציון.

און דערוויַיל טוליען מיר זיך צו יעדן בלעטל, וואָס ברענגט אונדז אַ נאָענטן, לעבעדיקן גרוס פון דאָרטן — פון צופיל נוצן איז שוין איבער־גאַנצן צעקנייטשט דער באַנד „הפועל הצעיר", איז שוין צעפליקט דאָס זאַמלבוך „יזכור", עס זענען שוין צעריסן אַלע אַנדערע זאַמלביכער און זשורנאַלן, אין וועלכע מיר האָבן געפונען לעבעדיקע גרוסן פון אונדזער היימלאַנד, זײַן בוי און בויער, און מיר האָבן זיך שוין גענומען איבער־שרײַבן די זאַכן, כּדי וועגן זיי צו פירן שיחות (שמועסן) אין אונדזערע קבוצות. אָבער אָט איז עפּעס נײַעס — אונדזער רבי און פרײַנט, דוד כּהנא, הײַנט אַ תּושב פון דער קבוצה רמת־יוחנן, האָט ערגעץ געפונען אַ זאַמלבוך אויף מאַמע־לשון מיט אַ דערציילונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אונדזער לאַנד". אַלע האָבן די דערציילונג געלייענט, זי האָט געוואַנדערט פון קבוצה צו קבוצה, אַלע האָבן הנאה געהאַט פון דער האַרציקער, צאַרטער תּמימות. „אונדזער לאַנד".

ב

אויף דער פּראַקטיקער דערציילונג איז געווען געחתמעט אַ מאָדנער נאָמען — ז. י. אנכי. מער ווי דעם דאָזיקן נאָמען האָבן מיר נישט געוווּסט. אָבער פון אונדזערע עטלעכע חברים, פּועלי־ציון, האָבן מיר געהערט, אַז דער מחבר איז אַ באַרימטער ייִדישער שרײַבער און דער געחתמעטער נאָמען איז אַ פּסעוודאָנים — וואָס זײַן אמתער נאָמען איז ווייסן זיי נישט. ווען מיר וואָלטן מיט זיי, מיט אונדזערע חברים, פּועלי־ציון, געלעבט בשלום — וואָלטן מיר זיך אפשר דערוווּסט מער וועגן דעם מחבר פון „אונדזער לאַנד" — אָבער ס'האָט אונדז צעריסן דער שפּראַכן־קאַמף. נייערט דאָס ביסל, וואָס מיר האָבן זיך יאָ דערוווּסט, האָט אונדז מיסטיפיצירט — אויב ער איז אַ ייִדישער שרײַבער, פאַרוואָס האָט ער זיך אויסגעקליבן גראָד אַ העברעיִשן פּסעוודאָנים, און אויב ער האָט זיך שוין אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים, פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן אַ וואָרט, וואָס קען זײַן חל אויף יעדן איינעם? וואָס איז שײַך דעם העברעיִש פון דעם פּסעוודאָנים זענען אונדז, פאַרשטייט זיך, געווען באַקאַנט די נעמען — מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם. אָבער זיי האָבן מיר זיך נישט געקענט פירשטעלן אַז די דאָזיקע פּסעוודאָנימען, אָבער אַנדערש איז די זאַך געווען מיט אַנדערע, וואָס ווען מיר האָבן זיך שפּעטער באַקאַנט מיט זיי און זייערע נעמען, האָט עס אונדז שטאַרק געחידושט — צי דאָס איז געווען יענער

באַוווסטער ייִדישער קריטיקער וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן בעל־מחשבות, צי דאָס איז געווען דער ייִדישער דיכטער וואָס האָט זיך גערופן דער נסתר, צי דער ייִדישער דיכטער וואָס האָט זיך געמיט אַז דער תּנ״ך זאָל אויך זײַן אויף ייִדיש און האָט זײַן נאָמען יהואש געמאַכט פאַר זײַן משפּחה־נאָמען, וואָס איז גאָר געווען בלומגאַרטן; שוין אָפּגערעדט פון דעם ייִדיש־ריטער און העברעיִש־קעגנער, וואָס האָט זיך גערופן בעל־דמיון. אָבער מיט דער צײַט איז אויך אויפגעקלערט געוואָרן די ערשטע העלפט פון דעם רעטעניש. בעת מיר האָבן געלייענט דעם „השלח״, פאַרשפּעטיקט אָבער טיכטיק און סיסטעמאַטיש, איין באַנד נאָכן אַנדערן, האָבן מיר געמאַכט אַ פריידיקן אַנטדעק — דער מחבר פון „אונדזער לאַנד״ איז, ווי אַ סך אַנדערע אין לעצטן דור, געווען אַ צוויי־שפּראַכיקער שרײַבער, און כאָטש ער האָט עס נישט ממשיך געווען, כאָטש ער איז אַוועק פון דער איינער שפּראַך און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער צווייטער, האָט עס נישט פאַרמינערט די פרייד. אַנדערש איז די זאַך געווען מיט דער צווייטער העלפט פון דעם רעטעניש מיטן פּסעוודאָנים, וואָס איז אַ לאַנגע צײַט געבליבן אומבאַשיידט. מען האָט עס געקענט אויסטײַטשן אויף פאַרשיידענע אופנים. ווילסטו — איז עס אַן אויסדרוק פון ענוות (ואנכי עפר ואפר); ווילסטו, איז עס אַן אויסדרוק פון גאווה (אנכי ד׳ אלהיך). ג. שאָפּמאַן, וואָס האָט, מיט קנאַפּע און קלאָרע ליניעס, געצייכנט די אַטמאָספער, וואָס אין איר איז אויסגעוואַקסן דער דאָזיקער פּסעוודאָנים, האָט דערמאָנט ניטשע׳ן, וועלכער האָט אין יענער צײַט אויף אנכי׳ן געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק. אָבער אויב מיר זאָלן נוצן די טערמינאָלאָגיע פון דעם דײַטשישן פילאָזאָף, דערמאָנט עס זײַן קעגנזאַצן־פּאָרל: די הערן־מאָראַל פון איין זײַט, און די שקלאַוון־מאָראַל, פון דער אַנדערער זײַט. בלײַבט אַ קשיא — תּיקו.

ג

תּיקו? ווען מיר האָבן שפּעטער געלייענט די אַנדערע דערציילונגען, האָט זייער הויפּט־העלד אָנגענומען די געשטאַלט פון זײַן שאַפער — אַן אנכי, וועלכער לאָזט זיך אויסטײַטשן אויף ביידע אופנים. וואָרעם דער הויפּט־העלד פון די דערציילונגען, בפרט פון די, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם דור און זײַן סביבה, איז אַ קאַמף־פעלד פון צוויי קעגנזאַצן — אַן איבער־געטריבענע באַוווסטזיניקע איך־סופּעריאָריטעט און איך־אינפעריאָריטעט,

אַ געפּיל פון עקסטרעמער העכערקייט און עקסטרעמער אומווערטיקייט אין איין מענטשן. און דאָס בילד פון דעם לעבן, וואָס ער מאָלט, איז געראָטן אין דעם בילד פון זײַן הויפּט־העלד — איבער דער קלעם פון לאַנגווײַל און געפּאַלנקייט קײַקלען זיך אומפּאַרשטענדלעכע ווערטער: טיפקייט, הויכקייט, תהום, אייביקייט. אונדז מענטשן פון אַן אַנדער דור, איז שוין דער דאָזיקער הויפּט־העלד פּרעמד געווען — מיר האָבן אים, מיט זײַן פּראָבלעם און זײַן באַוווסטזײַן, שוין געזען אַזוי ווי פון יענער זײַט פון אונדזער האָריזאָנט. עס איז, דוכט זיך, באַשטעטיקט געוואָרן דאָס וואָרט: דער דור איז אָוועקגעפאָרן. ז.י. אנכי האָט אָבער נישט באַוויזן צו טאָן דאָס וואָס עס האָבן געטאָן זײַנע בני־דור, י.ח. ברענער און א.נ. גנעסין. ברענער האָט פון זײַן אייגענער נשמה אויסגעפורעמט זײַן הויפּט־העלד אַזוי, אַז די געשאַפענע געשטאַלט איז געווען אַן אמתער ווידוי, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָפּטיילן און איז געווען געבונדן צו דעם אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל; א נ. גנעסין האָט פון זײַן אייגענער נשמה אויסגעפורעמט דעם הויפּט־העלד אַזוי אַז די געשאַפענע געשטאַלט איז געטראַנספאָרמירט געוואָרן אין קונסט, און האָט זיך באַפרײַט פון דער אומדורכדרינגלעכקייט פון דעם אויטאָביאָגראַפישן מאַטעריאַל; ז.י. אנכי האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן. אמת, ער האָט אויך פון זײַן אייגענער נשמה אויסגעפורעמט זײַן העלד, אָבער די געשאַפענע געשטאַלט האָט נישט פאַרמאָגט נישט קיין נאָענטע צוגעבונדנקייט צו דער קאָנקרעטער ביאָ־גראַפיע פון איר שאַפער און נישט קיין גאַנצע קינסטלערישע אויסגע־לײַטערטקייט. די דאָזיקע געשטאַלט שוועבט ערגעץ אין אַ צווישן־ספער און איז נישט בכח אונדז צו צווינגען צו לעבן איר לעבן, ווי עס צווינגען אונדז ברענער מיט זײַן אמת און גנעסין מיט זײַן קונסט. אמת, דער פריִערדיקער דור, וואָס אַפילו רמזים זענען אים גענוג געווען כּדי ער זאָל קאָנען רעקאָנסטרויִרן דעם דאָזיקן הויפּט־העלד און זײַן לעבן, איז מסוגל צו זען אַפילו די דאָזיקע פאַרשווינען. אָבער פאַר דעם שפּעטערדיקן דור זענען שוין די רמזים נישט גענוג געווען — ער האָט שוין געזען בלויז דאָס וואָס דאָס אויג קאָן משיג זײַן. אָבער אויך דער דאָזיקער דור פאַר־שטייט, אַז דער הויפּט־העלד פון ז.י. אנכי׳ס דערציילונגען שפּיגלט אָפּ, אַזוי ווי די העלדן פון די צוויי גרעסערע שריפטשטעלער, זײַן דור — צווישן זיי איז פאַראַן בלויז אַן אונטערשייד אין גראַד אָבער נישט אין מהות. דאָס מהות איז דאָס זעלבע.

ד

דאָס זעלבע? ער האָט זיך דאָך י. ז. אנכי נישט פאַרנומען בלויז מיט שילדערן די געשטאַלט, דאָס לעבן און די אַטמאָספער פון זײַן בן־דור און גורל־ברודער — דעם יונגען און עלנטן ייִדישן מענטשן, וועלכער קאָן זיך נישט אַנטשליסן צווישן אַ זיכערער אויסגעוואָרצלטקייט און אַ מסופקדיקער אײַנגעוואָרצלטקייט; וועלכער ראַנגלט זיך צווישן די רעדער פון זײַן צײַט, וואָס ער איז צו שוואַך צו ווערן זייער האַר און צו שטאַרק צו זײַן זייער קנעכט, וועלכער טוליעט זיך מיט זײַנע לעצטע כּוחות צום ליכט פון אַ גלויבן וואָס האַלט כּסדר אין איין צאַנקען, כּדי ער זאָל נישט פאַר־צערט ווערן פון דער דעקאַדענץ און דעם ניהיליזם, וואָס לאָקערן אויף זײַן נשמה. אנכי׳ס שרײַבן האָט זיך דאָך געוואַקלט צווישן די צוויי פּאָליוסן פון ייִדישן אימפּרעסיאָניזם — דעם איינעם, וועלכער האָט פאַר זיך געזען די נשמה פון דעם בן־דור בלויז אויף וויפל זי האָט זיך אַנט־פּלעקט אין איר לעצטער, אַקטואַלער שיכט; דעם אַנדערן, וועלכער האָט געזוכט די נשמה־שיכטן וואָס פון פאַר דעם דאָזיקן דור און פאַר זײַן קריזיס, און האָט זיי געפונען אין די געשטאַלטן פון דעם טאַטן און דעם זיידן, די גאַנצע ייִדן, וועלכע לעבן אין זייער געשלאָסענער וועלט, דער וועלט פון דער דורות־אַלטער ירושה און טראַדיציע, וואָס האָט זיך אין אונדזער ליטעראַטור אַנטפּלעקט, בעיקר אין דער געשטאַלט פון חסידות.

בעת מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען די ערשטע סיפּורים, וואָס האָבן דערציילט נישט וועגן דעם אינטעליגענט, וועלכער וואַקלט זיך צווישן זײַן ממשותדיקער שוואַכקייט און זײַן העראָישן חלום, נאָר וועגן ייִדן פון פריערדיקן דור, וואָס זייער לעבן און זייער טראַכטן איז פאַרוואָרצלט אין דער אַלטער טראַדיציע און לעבנס־שטייגער, האָט זיך געדוכט, אַז דער מחבר פאַרטושט די גרענעצן — אַז די דאָזיקע געשטאַלטן (דער „ינוקא", ר׳ אבא) זענען אַליין קאַנדידאַטן אויף צו ווערן אינטעליגענטן, און זייער שאַפער האָט זיי, דוכט זיך, אויסגעליען די פּראָבלעמאַטיק פון דעם שפּעטערדיקן דור, אָבער שפּעטער האָט אַ טיפערער אַנאַליז קלאָר געמאַכט, אַז דער הויפּט־העלד פון דער איינער וועלט (באַזונדערס גבריאל) איז אַנדערש פון דעם הויפּט־העלד פון דער אַנדערער וועלט (באַזונדערס ר׳ אבא). צום חסידות, וואָס ווערט, מיט רעכט אָדער אומרעכט, באַטראַכט ווי אַ ראָמאַנטישע ריכטונג אין אונדזער ליטעראַטור, איז צוגעקומען אַ באַזונדערער נוסח — צו דער גאַלעריע באַקאַנטע חסידישע טיפּן, די

חסידים פון פוילן און גאַליציע און פּאָדאָליע און בעסאַראַביע, איז צוגע־קומען אַ טיפּ מיט אַ גאָר אַנדערער מענטאַליטעט, דער טיפּ פון יענער ספּעציפישער באַוועגונג, דער חב״ד־באַוועגונג, וואָס עס איז שווער צו אַנטשיידן, צי זי שטעלט מיט זיך פיר אַ חסידישן אינדזל אין דער וועלט פון מתנגדים אָדער אַ מתנגדישן אינדזל אין דער וועלט פון חסידות. און עס דוכט זיך, אַז אין דעם דאָזיקן טיפּ האָט זײַן שאַפער זיך אינגאַנצן געפונען. און פון ר׳ אבא׳ס מאָנאָלאָגן איז טאַקע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל קלאָר געוואָרן אַ זאַך, וואָס איז פאַרטושט געוואָרן בײַם לייענען די דער־ציילונגען וועגן יענע האַלב אין־דער־לופטן הענגענדיקע יחידים — דאָס שייכות צווישן זייער שאַפער און דעם מחבר פון „אונדזער לאַנד״. וואָרעם איינער וואָס האָט נישט געהאַט דעם כּוח אויסצוגראָבן פון די טיפענישן פון זײַן נשמה און אירע זכרונות די אַלטצײַטיקע שיכטן, פון וועלכע עס זענען אויסגעפורעמט געוואָרן די רייד און די קרעכצן פון ר׳ אבא׳ן, וואָלט געקענט קומען אין „אונדזער לאַנד״ ווי עס האָט געטאָן א. נ. גנעסין — און דאָס לאַנד זאָל נישט אַרײַנקומען אין זײַן עלעגישער פּאָעזיע; ער וואָלט געקענט קומען אין „אונדזער לאַנד״ אַזוי ווי י. ח. ברענער און אַהין ברענגען זײַן צאָרנדיקן אמת; אָבער ער וואָלט נישט געקענט, אַזוי ווי ער, ווי י. ז. אנכי, קומען אין לאַנד, צו זען און אַנדערע מאַכן זען דאָס אַלט־נײַע היימלאַנד, און עס זינגען דאָס ליד פון תּמימותדיקער ליבע: „אונדזער לאַנד״.

ה

אָט די דאָזיקע טאָפּלטקייט איז אין איר פולער גאַנצקייט קלאָר געוואָרן בעת מען האָט זיך מיט איר באַגעגנט פּנים אל פּנים — פריִער די צופאַליקע באַגעגענישן פון באַקאַנטע און נאָכדעם די כּמעט טאָג־טעגלעכע באַגעגענישן פון שכנים אין משך פון פיל יאָרן. די ערשטע באַגעגעניש איז געווען כּמעט אַ ריין־צופאַליקע — אין ביוראָ פון דער קולטור־קאָמיסיע פון דער הסתדרות העובדים איז געזעסן אַ מענטש, אַזוי ווי ער וואָלט בכיוון אײַנגעבויגן זײַן הויכע געשטאַלט און גערעדט האָט ער, אין דעם טומלדיקן געפּלאַפּל, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די צימערן, בתּכלית הצימצום. אָבער טוענדיק זײַן אַרבעט, די אַרבעט פון אַ צאָלמײַסטער פון אַ קאַסע, וועלכע איז געווייבלעך געוועזן ליידיק, האָט ער, בשעת ער האָט אויסגעציילט דאָס ביסל קליינגעלט, יעדע מטבע

אויסגעלייגט באַזונדער און דערביַי פאַרצויגן אַ ניגון: איינס, צוויי, דריַי, פיר, פינעף... אפשר איז עס געווען דאָס פנים פון דעם מענטשן, און אפשר דער קאָנטראַסט צווישן די טרוקענע ווערטער, ציפערן לויטן סדר, און דאָס זיסע לחלוחית פון דעם ניגון, וואָס איז געקומען פון דעם האַרצנס טיפעניש, וואָס האָט געטריבן צו פרעגן, ווער איז דער ייִד, און צו באַקו־מען דעם ענטפער, וואָס האָט פאַרוואונדערט און גליַיכצייַטיק נישט פאַר־וווּנדערט: דאָס איז דאָך אונדזער אנכי. ס'האָט פאַרוווּנדערט: אנכי — און די דאָזיקע גרויסע עניוות; ס'האָט נישט פאַרוווּנדערט: אונדזער, אויפן משקל פון „אונדזער לאַנד”.

די רעטעניש פון דער דאָזיקער ערשטער פנים־אל־פנים באַגעגעניש איז גרעסער געוואָרן מיט יעדער נייער באַגעגעניש — און שטענדיק האָט געחידושט דער קאָנטראַסט צווישן דער שטאַלטנער פיגור און דעם אָביסל איַינגעבויגענעם געשטעל, דעם גוטן בליק און דאָס רעדן מיט האַלבע פסוקים, צוויי־דריַי ווערטער וואָס לאָזן זיך אויס מיט אַ זשעסט און מיט אונטערברומען אַ ניגון. אָט איז אַ שׂמחה בציבור, אַ קבלת־פנים פאַר דער „הבימה”, און ער איז אויך צווישן די באַגריסער — זיַין שלאַנקע געשטאַלט, און ער זינגט מיט אַ דבקות וואָס שטיַיגט אַלץ העכער און העכער, און וואָס מער ער זינגט, פאַלן אָוועק די יאָרן — אָט איז ער אַ יונגערמאַנטשיק, און אָט איז ער אַ ייִנגל און אָט איז ער אַ קינד. אָבער אַפילו אין העכסטן עקסטאַז קאָן ער בלויז אַרויסזאָגן האַלבע ווערטער: לאַסטיקע... אַי, אַי... לאַסטיקע... אָדער אויף אַ שׂמחה פון אַ יחיד, אַ יובּילײ־פיַיערונג, און ער איז אויך איינער פון די רעדנער. די זשעסטן זענען לעבעדיקע און פאַר־ביקע, אָבער די רעדע אַליין באַשטייט פון צוויי־דריַי פיל מאָל איבער־געחזרטע ווערטער: נו, קוסטינה... מה שייך, ארץ־ישׂראל... ארץ־ישׂראל...

און אַ רעטעניש אין אַ רעטעניש: מען דערציילט דאָך וועגן אים, אַז ער פלעגט אַמאָל אַרומפאָרן איבער ייִדישע שטעט און פאַר גרויסע אוידיטאָריעס לייענען ר׳ אבא׳ס מאָנאָלאָגן. לייענען ר׳ אבא׳ן — דאָס הייסט דאָך לעבן ר׳ אבא׳ן. שפּעטער, אין ארץ־ישׂראל האָט מען עס אַליין געקענט זען און הערן — אין תּל־אביבער בית־העם, אין די קבוּצות האָט ער געלייענט ר׳ אבא אויף העברעיִש. אָנגעהויבן לייענען דעם מאָנאָלאָג, איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש — אַ פליסיקער, פאַרביקער ווערטער־שטראָם, אָבער ווי נאָר ער האָט דעם מאָנאָלאָג געענדיקט און ער האָט עפּעס געדאַרפט זאָגן — איז ער ווידער געוואָרן דער מסתּפּק במועט.

צי איז אים גוט אָדער שלעכט געווען פון דער דאָזיקער טאָפּלטקייט? אַ טאַלאַנטפולער מאָנאָלאָגן־פּירלייענער, מיט אַ בפירושער נטייה צו דער דראַמע און דעם דיאַלאָג אין זיין שרייבן („הבית", „טווס הזהב"), אָבער נאָר אַראָפּ פון דער טריבונע, אָדער אָוועקגעלייגט די דראַמע וואָס ער שרייבט, ווערט ער אַ מין בעל־תענית אויף ווערטער. מעגלעך, אַז עס איז אים גוט געווען — דערויף זאָגט, ווייניקסטנס, עדות די טענה: מה שייך... מה שייך... מעגלעך, אַז עס איז אים שלעכט געווען — דערויף זאָגט, ווייניקסטנס, עדות דער קרעכץ: אַז מ'איז אַ שטומע לעלע. אָבער אייגנטלעך איז עס געווען אויף יענער זייט פון גוטס און שלעכטס — כאַראַקטער וואָס איז געוואָרן גורל.

און אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס אין משך פון פיל יאָרן, דער זעלבער אָפּגעבראָכענער, פראַגמענטאַרישער אופן רעדן. אַמאָל פאָרמולירט ער עס מעשׂה פאַקט: דער רבונו־של־עולם האָט געמאַכט אַזאַ שיינע וועלט — איז געקומען דער מענטש און האָט זי פאַרפּאַסקודיעט. אַן אַנדער מאָל פאָרמולירט ער עס מעשׂה פראַגע: ס'וועט נאָך אַמאָל זיין גוט? פון די קנאַפּע ווערטער און דעם טאָן און פון די באַגלייטנדיקע זשעסטן הערט זיך און זעט זיך אַרויס, באַוווּסט אָדער אומבאַוווּסט — ר' אבא. עס טרעפט, אַז די אידענטישקייט צווישן די צוויי איז אַזאַ פולע, אַז מען מוז ממש גאַפן, ווי, למשל, אין אַ שמועס וועגן דער פּאָליטיק פון דער „ברית־שלום"־גרופּע. פּלוצלינג פרעגט ער כמעט מיט כעס: וואָס וויל ער דער ברעגמאַן דער קאַנטאַניסט? דאָס וואָס ער האָט דעם נאָמען בערג־מאַן — געמיינט האָט ער, פאַרשטייט זיך, הוגאָ בערגמאַן — פאַרביטן אויף ברעגמאַן, איז אויך אַן אינטערעסאַנטער פּרט: אַזוי ווערט אויס־געלייגט אַ באַרימטער פאַמיליע־נאָמען אין רוסישן תחום. אָבער דאָס וואָס הוגאָ בערגמאַן, דער פילאָזאָף און מחבר פון אַ בוך וועגן עמנואל קאַנט, איז ביי אים, דורך אַן אַסאָציאַציע מיט אַ טרויעריקן קאַפּיטל יידישע געשיכטע, דאָס קאַפּיטל קאַנטאָניסטן, געוואָרן אַ קאַנטאָניסט, דעקט פאַר אונדז אויף דעם גאַנצן חן און סוד פון דער קשיא: אָט אַזוי האָט דאָך גערעדט און געפרעגט ר' אבא. אָדער אַן אַנדער באַגעגעניש, ביי אַ לוויה פון אַ שרייבער, בשעת אַ קליינע גרופּע כוהנים בלייבן שטיין אין דרויסן פון בית־עולם, און ער זאָגט: אָט אַזוי שטייען מיר איצט ביידע אין דרויסן און יענער אינעווייניק. שפּעטער־צו וועט אַ יינגערער שטיין אין דרויסן און מיר ביידע וועלן זיין אינעווייניק. דאָס ווערט געזאָגט אין אַ טאָן

וואָס איז אַ געמיש פון זיכערקייט און רעזיגנאַציע — און דאָס קול איז דאָס זעלבע, וואָס מען האָט געהערט דאָרטן, אויף די נסיעות איבער די ייִדישע שטעטלעך, און דאָס זעלבע וואָס מען הערט דאָ, פון דער טריבונע אין תּל־אביב, אין די קבוצות. ר׳ אבאַ׳ס קול.

ו

און עס איז געקומען דער טאָג, ווען די גרופּע כּוהנים איז געשטאַנען אויף יענער זײַט פון דעם בית־עולם מויער און ער איז געווען אינעווייניק. און דווקא איצט האָט זיך אין גאַנצן באַשיידט זיין רעטעניש, און דער כּבוד פון מת און דער מת אַליין דערלויבן אונדז נישט איצט זי צו פאַר־דעקן: יאָ, ר׳ זלמן יצחק הכּהן אהרנסאָן, וועלכער איז ערשט איצט אַוועק פון דער וועלט פון לעבן, איז פון שריפטשטעלערישן לעבן אַוועק שוין מיט דרײַסיק יאָר צוריק. אין משך פון די דאָזיקע דרײַסיק יאָר האָט ער פון צײַט צו צײַט עפּעס צוגעגעבן צו זײַן שאַפן (צוויי דראַמעס, אַ ציקל נײַע סקיצעס) אָדער צונויפגעזאַמלט זײַנע אַלטע כּתבים (דער העברעיִשער נוסח פון „ר׳ אבאַ" און נאָכדעם פון אַלע זײַנע כּתבים). אָבער ווי דער מחבר פון נײַע שאַפונגען האָבן זײַנע ווערטער געקלונגען אַזוי ווי זיי וואָלטן געקומען פון הינטער די קוליסן, און ווי דער איבערזעצער און זאַמלער פון די אַלטע כּתבים, האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון איינעם וואָס פאַרנעמט זיך פאַרשפּעטיקטערהייט מיט זײַן אייגענעם ווײַט און פרעמד געוואָרענעם לעבן. און אַזוי ווי ער האָט בכלל זייער ווייניק גע־רעדט, און אַוודאי וועגן דעם דאָזיקן ענין, וועלכער איז פאַר אים געווען דער ענין, האָט ער אונדז נישט איבערגעלאָזט קיין ווידוי־שליסל, און מיר בלאָנדזשען דערפאַר אין דער פינצטערניש פון אַ סך מעגלעכע באַשיידן פון דעם דאָזיקן רעטעניש.

עס איז פאַראַן אַ זײַטיקער דערקלער: הײַנט אָדער מאָרגן וועט מסתּמא עמעצער קומען מיט אַ הספד, וואָס וועט די הויפּט־סיבה זוכן אין דעם בײַטן די שפּראַכן, אין דער גזירה פון דעם איבערגאַנג פון ייִדיש צו העברעיִש, און מען וועט רעדן, מיט אַ האַלבן קרעכץ און אַ האַלבן שטאָך, וועגן איינעם פון די מאַרטירער פון מאַמע־לשון אין העברעער־לאַנד. אָבער אַפילו נישט פאַרמינערנדיק אויף אַ האָר די האַרבקייט פון דער העברעיִש־גזירה, מוז מען דאָך צוגעבן, אַז דער דאָזיקער איבערגאַנג־געראַנגל לאָזט

איבער פיל פאַרווונדעטע אָבער נישט קיין טויטע — באַזונדערס ווען עס רעדט זיך וועגן איינעם, וואָס איז געווען אַן איש־מקור און אַן איש־מקורות, אַ געבוירענער אין ליאַדי און אַ זון פון אַ רבנים־משפחה, וועלכער איז אויפגעוואַקסן אין ישיבות, אין אונדזער לשון, וועלכע איז געווען די שפּראַך פון זײַן אַנהייב איז אויך געווען די שפּראַך פון זײַן סוף. הײַסט עס, אַז דער איבערגאַנג פון איין שפּראַך צו דער צווייטער דערקלערט טאַקע עפּעס, אָבער עס איז זייער און ווײַט פון אויסצושעפּן דעם ענין.

עס איז פאַראַן אַ טיפערער דערקלער: ר׳ אבא און די וואָס געהערן צו זײַן משפּחה אין ארץ ישראל, ר׳ נחום און ר׳ חיים משה, האָבן טאַקע גובר געווען איבער די בלאָנדזשענדיקע אינטעליגענטן, וואָלטערמאַן און גבריאל, אָבער זיי האָבן זיי אינגאַנצן נישט באַוועלטיקט. אדרבא, וואָס מער ר׳ אבא און זײַנע בני־משפּחה האָבן זיך באַפעסטיקט אין די טיפענישן פון דער נשמה און געוואָרן איר גרונט־שטימונג, די גרונט־שטימונג, וואָס די אַנשויאונגען פון דעם מענטשן און זײַן סביבה האָבן זי פאַרלייקנט, האָט די דאָזיקע סתירה, אַנשטאָט צו סטימולירן דעם גייסט און זײַנע שאַפערישע פּאָטענצן, אונטערגעגראָבן זײַנע יסודות. און אַנשטאָט די פּראָדוקציע־פּאָטענצן פון דעם דיכטער־מחבר זענען געקומען די רעפּראָדוקציע־פעיִקייטן פון דעם דיכטער־פירלייענער. אָבער אַפילו נישט פאַרמינערנדיק די האַרבקייט פון דער דאָזיקער סתירה צווישן דער גרונט־שטימונג און דער סביבה, קען מען דאָך זאָגן, אַז דאָ וואָלטן זיך געדאַרפט עפענען גאָר אַנדערע מעגלעכקייטן. דער עיקר די ווונדער־מעלאָדיע: אונדזער לאַנד. אָט איז ר׳ נחום — „ער קען זיך ניט לייגן שלאָפן. אַ מלחמה איז היינטיקע נאַכט געווען. אַ מלחמה אין אונדזער לאַנד, פאַר אונדזער לאַנד. ער שטייט און קוקט אין דער נאַכט אַרײַן. דוכט זיך, אַז ער הערט עפּעס. און וואָס איז דער חידוש? דאָס איז דאָך ארץ־ישראל: יעדעס נס איז דאָ מעגלעך״. און אָט איז ר׳ חיים משה — „קיינמאָל האָט זיך זײַן נשמה נישט מתייחד געווען מיטן בורא עולם אַזוי ווי אויף דער הייליקער ערד... אָט... אָט איז דער סוד... דער סוד פון ארץ־ישראל. און אַז ער האָט געהאַלטן בײַ ה׳ אחד, איז זײַן נשמה פאַרזונקען אין דעם חלל העולם: ה׳ אחד״. הייסט עס, אַז די סתירה צווישן די פאַרשיידענע שיכטן פון דער פּערזענלעכקייט דערקלערט עפּעס יאָ, אָבער אויך דאָס שעפּט ווייט, ווייט נישט אויס דעם ענין. ווידעראַמאָל — תיקו...

ז

תיקו? און אפשר ליגט אַ שטיקל דערקלער אין אַ גרויסן מאָמענט אין זײַן ביאָגראַפֿיע — ער איז געווען אַ בן־הרב. נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער — אַ סך זין פֿון רבנים זענען געווען אין דער ליטעראַטור פֿון די לעצטע דורות און זײ שטעלן מיט זיך פֿיר אַ גרויס פּראָבלעם. דורות זענען די פֿאָטערס געזעסן אויפֿן כסא הרבנות, ווי הער־שער און באַפֿעלער, ווי אָפּהיטער פֿון דער ירושה, און אָט האָט אַ רינג זיך פֿון דער קייט אָפּגעבראָכן — אַ זון, און געווײנטלעך גראָד דער גרעאָטנסטער, דער וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן דער יורש פֿון די דורות און פֿאַרמערן די פּראַכט פֿון דער ירושה, איז אַוועק פֿון דער היים און געוואָרן אַ שרײַבער בישראל. און די דאָזיקע טראַנספֿאָרמאַציע איז פֿאַר אים געוואָרן אַ פּראָבלעם, פֿון וועלכן ער קען זיך דאָס גאַנצע לעבן נישט באַפֿרײַען. דער עיקר פֿון דעם פּראָבלעם איז דאָס שטענדיקע, באַוווסטע אָדער אומבאַוווסטע, פֿאַרגלײַכן די ראָל פֿון דעם פֿאָטער און די ראָל פֿון זון, ווי טרעגער פֿון דער ירושה. דער דאָזיקער פֿאַרגלײַך מוז סוף־סוף פֿירן צו אַ קלאָרן אָדער אומקלאָרן חשבון פֿון אַן אָנווער, און אין בעסטן פֿאַל, פֿון אַ געווינס וואָס איז פֿאַרבונדן מיט נאָך אַ גרעסערן אָנווער. אין די לעצטע דורות, די משכּילים־דורות, האָט דעם דאָזיקן חשבון פֿאַרטונקלט די אילוזיע פֿון דער אידעאָלאָגיע. דער פֿרײַהייט־בליק האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער דער קנעכטשאַפֿט־כמאַרע פֿון דעם טאַטן, און דער מלכות־סצעפּטער פֿון דער פֿאַרנונפֿט האָט פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. אין די לעצטע דורות, אין דער גאָר מאָדערנער צײַט, האָט דעם אכזריות־דיקן חשבון פֿאַרטונקלט די אילוזיע פֿון דער קונסט — דער שירה־בליק פֿון דעם זון האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער דער הלכה־כמאַרע פֿון דעם טאַטן און דער מלכות־סצעפּטער פֿון דער ראַפֿינירטער שיינקייט האָט פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. אָבער דאָרטן ווו די איינע אָדער די צווייטע אילוזיע האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרטונקלען דעם חשבון — איז די קשיא בולט געוואָרן אין איר גאַנצער האַרבקייט. אין זײַנע דערציילונגען האָט מ. ז. פֿײַערבערג לעבעדיק געמאַכט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק פֿון דעם בן־הרב — און ס׳איז נישט קיין צופֿאַל וואָס בשעת אַ רעליגיעזער זוכער פֿון אונדזער צײַט, יצחק שווײַגער־דמיאל, האָט געפּרוווט זיך פֿאַר־טיפֿן אין דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעמאַטיק פֿון אונדזער אייגענעם דור, זעט ער עס ווי אַ המשך פֿון די וויכּוחים פֿון פֿײַערבערג׳ס נחמן, אַזוי

ווי עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַ היינטצייטיקער העברעיִשער קריטי־קער, ווי ברוך קורצווייל, זאָל אויך איצט זען אין דעם בן־הרב דעם וואָס האָט געשטעלט די קשיות אויף וועלכע עס איז נאָך ביז היינט נישט געגעבן געוואָרן קיין תשובות. אַ טיפע רעאַליטעט איז זי געווען פאַר מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וועמען זיין פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם פון דעם בן־הרב, האָט נישט צורו געלאָזט דאָס גאַנצע לעבן — אָט דאָס דאָזיקע שליחות־געפיל, וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך באַנוגענען מיטן ענטפער פון דער אידעאָלאָגיע אָדער מיט דעם קינסטלערישן דערגרייך, און האָט אים געצווונגען ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו פרעגן און ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו ענטפערן, כאָטש די קשיא איז ביי אים שטענדיק געווען גרעסער פון דער תשובה. אַ בן־הרב, אַ לעצטער רינג אין דער לאַנגער קייט פון רבנים און גייסטיקע הערשער, האָט ער פאַר־גליכן זיין כוח און זייער כוח אין דעם זעלבן אויפגאַב, און דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין טרייסט אין אויסבייטן דעם כסא הרבנות, די ראש־ישיבה ראָל אָדער דעם שאלות ותשובות ספר אויף אַ נאָוועלע אָדער אַן עסיי, האָט ער אויף זיינע פּלייצעס אַרויפגעלייגט דעם גאַנצן אַטלאַס פון דער רעטעניש.

אָבער וואָס זאָל טאָן דער בן־הרב, וואָס האָט פאַרגליכן זיין אייגענע קראַפט מיט דער קראַפט פון זיינע אָבות צו טראָגן די איינע שליחות אויף פאַרשיידענע אופנים, און ס'איז אים קלאָר געוואָרן די טאָפּלטע אילוזיע, סיי די אילוזיע פון דער אידעאָלאָגיע און סיי די אילוזיע פון דער קונסט, אָבער אַזוי ווי זיין כוח קען זיך נישט פאַרמעסטן מיט זיין ווילן (וועגן זיין העלד גבריאל זאָגט אָנכי, אַז „ווען עס האָט זיך אויסגעפּורעמט זיין דורכאויס־נייע וועלט און ער האָט זי פּרובירט צופּאַסן צום ערדישן לעבן און ער האָט אויך געוואָלט זיין דער נביא פון דער דאָזיקער וועלט, איז געקומען דאָס לעבן און האָט פון אים חוזק געמאַכט״) — ציט ער זיך צוריק שטילערהייט און לאָזט זיך פאַרשלינגען פון כּלל, ווי אַ ר׳ נחום אָדער ר׳ חיים משה, זיין נשמה בלייבט אומרויִק אַזוי ווי פריִער, אָבער זיין מויל איז שטום: מה שייך... מה שייך...

ערגעץ אין אַ שופלאָד ליגט באַהאַלטן די צוואה פון דעם טאַטן, אַ רב און אַ מורה הוראה בישראל — די פשוט׳ע צוואה פון אַ גאַנצן יידן. איז דען מעגלעך, אַז דער געראָטענער פון זיינע קינדער האָט זיך בסתר נישט געראַנגלט מיטן פאָטער, האָט נישט פונסניי געפרווט באַטראַכטן

דאָס וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן אין זיי בײדן, און וואָס עס ליגט צווישן זיי, אַפילו אויב ער איז אַוועק ווײַט פון דעם פּאָטערס וועלט (און ער, וואָס האָט פאַר די אויגן און אויערן פון צענדליקער טויזנטער געלעבט ר׳ אבא׳ן, האָט נישט געוווּסט, וויאַזוי איבערצוטרעטן די שוועל פון ר׳ אבא׳ס גײַסטיקער היים, די שוועל פון אַ בית־מדרש און אַ בית־תּפילה) — און דערפון געמאַכט אַן אויספיר? על־כּל־פּנים, אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעשטאַמלט אין זײַנע לעצטע יאָרן, האָבן קלאָר מרמז געווען אויף אַזאַ חשבון.

ח

איין טאָג איז ער געשטאַנען אין גאַס, אויפן ראָג, ווו מיר פלעגן זיך כּמעט טאָג־טעגלעך באַגעגענען, אַ צעשטראַלטער, יום־טובדיקער — ער פאָרט זען זײַן אייניקל, זײַן טאָכטערס אָקאָרשט־געבוירענעם זון: גוט אַז מ׳האָט זיך דערלעבט. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה וועגן אַ נאָמען — אַזוי ווי דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן יום־טוב־צײַט, לייגט זיך אויפן שכל, אַז עס זאָל טראָגן דעם נאָמען חגי, אָבער דאָס האַרץ ווילט זיך אַ נאָמען געבן נאָכן טאַטן. אָבער יעדער ייִדישער נאָמען איז זיס, אַבי זײַן געזונט און אין ארץ־ישׂראל.

און איצט, אַז איך טראַכט וועגן אים, זע איך אים אַ יום־טובדיקן און שטראַלנדיקן — ער פאָרט צו זײַן טאָכטער, צו זײַן אייניקל אין רמת יוחנן. אונדזער לאַנד.

[א׳ כּסלו תש״ח]

פּאָדעם און קאַנוועס

וועגן דער נסתּר

מאמר א׳: דער שטערן פֿון דערלייזונג

צו די אָנהייבן פֿון דער נסתּר, וואָס באַווײַזן שוין, אין מיניאַטור, זײַנע באַזונדערע און אייגענע זוכענישן, איז לעצטנס צוגעקומען אַ וואָגיק געפֿינס — דאָס קלײנע בינטל העברעיִשע לידער זײַנע, וואָס דער יונגער ליטעראַטור־פֿאָרשער אַברהם נאָווערשטערן האָט אָפּגעזוכט אין נחום סאָקאָלאָווס אַרכיוו, אין צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים. דאָס בינטל, אין פּנחס כּהנאָוויטש (קאַגאַנאָוויטש) עצם כּתב־יד „פּרחי נוער" [= יוגנט־בלומען], איז שוין איצט אַ רשות־הרבים — עס איז אָפּגעדרוקט אין „בחינות", אַ צײַטשריפֿט פֿאַר שטודיעס און פֿאָרשונגען פֿון די פּראָבלעמען פֿון די ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע (באַנד 7, 1977, ז״ז 134—143). איך האָב דאָרט געבראַכט אַ קורצן אַרײַנפֿיר (ז״ז 128—133), ווו איך האָב אָנגעוויזן אויף חשיבות פֿונעם כּתב־יד, סײַ לגבי דעם מחבר און זײַן כּוונה זיך צו לאָזן אויפֿן וועג פֿון צוויי־שפּראַכיקער שאַפֿערישקייט, ווי זי איז אָנגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור, בײַ אירע דעמאָלטיקע שפּיצן (מענדעלע, שלום־עליכם, דוד פֿרישמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק); סײַ לגבי דעם מחבר׳ס פּאָעטישער און שפּראַכלעכער גאָר אָריגינעלער באַזונדערקייט, אין פֿאַרגלײַך מיט דער דעמאָלטיקער נײַערער העברעיִשער פּאָעזיע. דאָס בינטל לידער איז לויט די דאַטעס, וואָס זענען אָנגעגעבן בײַ עטלעכע פֿון זיי (1902—1903), מסתּמא אַנטשטאַנען אין דער ערשטער העלפֿט פֿון איצטיקן יאָרהונדערט; סײַ לגבי דער טאָפּעלער קשיא: 1. אַ היפּאָטעטישע — וואָס וואָלט געווען, ווען דער נסתּר וואָלט געגאַנגען אויפֿן צווייִשפּראַכיקן וועג; און דאָ, פֿאַרשטייט זיך, קענען זײַן מער אָדער ווייניקער באַגרינדטע השערות, אָבער אַלץ בלויז השערות; 2. אַ ממשדיקע — וואָס איז געשען מיט זײַן העברעיִשן פֿאַרמעג און זײַנע פּאָטענציעלע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, און דאָ, פֿאַרשטייט זיך, בעטן זיך אַחריותדיקע פֿאַרלאָזלעכע שטודיעס און אַנאַליזעס.

ב

נישט וועלנדיק זיך איבערחזרן, בעט איך דעם לייענער אַ קוק דער־לאַנגען אין דעם דערמאָנטן אַרײַנפיר מײַנעם, בעיקר קאַפּיטל ג׳ און ד׳, ווו איך פּרוּוו אַנאַליזירן די שפּראַכלעכע קאָמפּאָנענטן און דעם אָריגינעלן באַ־שטרעב זיי צו אינטעגרירן, און דערלויב מיר דאָ צו ברענגען דעם עיקר רעיון פון קאַפּיטל ד׳, אַזוי־צו־זאָגן: אַ פאַרגלײַך צווישן דער העברעיִש־פּאָעזיע פונעם מחבר, אין דערמאָנטן כתב־יד, און צווישן דער ייִדיש־פּאָעזיע זײַנער אין זײַן ערשטלינג, וואָס איז אַרויס אין דרוק „געדאַנקען און מאָטיוון" (תרס"ז), שוין אָפּגעשמועסט פון זײַן שפּעטערן בוך „גע־זאַנג און געבעט" (תרע"ג), באַווײַזט אַ שטאַרקן חילוק פון ניוואָ און מדרגה, — זײַן העברעיִש־גאַנג, מיט זײַן גאַנצער אָריגינעלקייט, דערגרייכט נישט זײַן ייִדיש־גאַנג. אָט אַזאַ חילוק לאָזט זיך, אין יענע יאָרן, מערקן בײַ אַן אַנדערן מחבר, וואָס איז געגאַנגען אַ פאַרקערטן וועג אין פּראָזע — עס איז ש"י טשאַטשקעס, שפּעטער עגנון, וואָס זײַן אָנהייב איז געווען אויף ייִדיש, אָבער דער המשך און סוף בלויז העברעיִש, און וואָס זײַנע פּראָזע־ערשטלינגען ווײַזן אַ פאַרקערטע פּראָפּאָרציע — די העברעיִש־פּרוּוון דערגרייכן ווײַט נישט די לעבעדיקייט און דעם חן פון די ייִדיש־פּרוּוון זײַנע, און איך האָב מיך שוין באַמיט צו דערגיין דעם סוד פון דער דיאַלעקטיק. משמע, פּונקט ווי לויטן בינטל לידער און דערציילונגען אין בוטשאַטשער „וועקער" וכדומה, איז שווער זיך משער זײַן, אַז ש"י טשאַטשקעס וועט ווערן ש"י עגנון, אַזוי איז, לויטן בינטל „פּרחי נוער", שווער משער צו זײַן, אַז פּנחס כּהנאָוויטש וועט ווערן דער נסתּר, ווי ער אַנטפּלעקט זיך, נאָך ווייניק יאָרן, אין זײַן פּאָעזיע, וואָס איז בדרך כּלל נישט זײַן מאַקסימאַל־סטע מעגלעכקייט, ווי עס איז זײַן פּראָזע. לגבי ש"י עגנון ווייסן מיר קלאָר, ווען ער האָט אָנגעשריבן זײַנע ערשטע, סײַ ייִדישע, סײַ העברעיִשע, לי־דער און דערציילונגען, און מיר קענען פאַרגלײַכן, וואָס איז געווען די מדרגה פון זײַן אויפטו אין ביידע שפּראַכן אין דער זעלבער צײַט (צווישן תרס"ד און תרס"ט) — און איך שטעל זיך דערויף ברייטלעך אָפּ אין מײַן אַרײַנפיר צו ש"י טשאַטשקעס חיבורים, וואָס ער האָט גרונטיק געשריבן ייִדיש, און וואָס וועלן בקרוב דערשײַנען — אָבער נישט אַזוי לגבי פּנחס כּהנאָוויטש: דאָ קענען מיר נישט ציִען אַזאַ פאַרגלײַך און קענען ממילא נישט באַשטימען, אויב זײַן שפּרונג אין דער הייך, ווי מיר באַמערקן אים אין „געדאַנקען און מאָטיוון" איז שוין פירגעקומען בשעת ער האָט מחבר

געוועזן דאָס העברעיִשע לידער־בינטל, אָדער שפּעטער; אָבער עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נישט איבעריק גרויסן צײַט־אָפּשניט — ווײַל צווישן תרס״ב—תרס״ג און צווישן תרס״ז ליגן בלויז ווייניקע יאָרן.

ג

וואָס עס דערוועקט דעם באַזונד׳ערן אינטערעס אונדזערן, איז די קשיא, צי האָבן מיר שוין אין „פּרחי נוער״ צו טאָן מיט מאָטיוון, וואָס זענען, ווי קערנער פּאַר אַ שפּעטערדיקן וווּקס און אַנטוויקל. איך האָב, אין דערמאָנטן אַרײַנפּיר, שוין אָנגעוויזן אויף אַן עראָטיש צוויי־טייליק ליד, און וויל איצט מײַן דאָרט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק עפּעס מער אויסברייטערן. דער ערשטער טייל פון ליד גייט:

— לבך גן־רטוב, גן רענן!
ערוגותיו — שדיך,
שפתיך — ורדיו, לחייך — שושניו,
עינותיו — עיניך.

— אך מדוע כה בושש המשורר?
מכה הצמרת, שח, נוגה האמיר,
אבלים הסבכים, מר בוכים התלמים. —
יבוא ויזמר זמירותיו הזמיר!

טײַטש: דײַן האַרץ אַ פֿײַכטער גאָרטן, אַ צווײַגהאַפּטיקער גאָרטן; זײַנע בייטן — דײַנע בריסטן; דײַנע ליפּן — זײַנע רויזן; דײַנע באַקן — זײַנע ליליעס; זײַנע קוואַלן — דײַנע אויגן; אָבער פֿאַרוואָס זוימט אַזוי דער זינגער (דיכטער); נידעריק דער בוים־שפּיץ, געבויגן, אומעטיק דער בוים־שפּיץ, טרויעריק די קוסטן, ביטער וויינען די בייטן. זאָל קומען דער זינגער און זינגען זײַנע געזאַנגען דער סאָלאָווײ.

מיר גיבן, פֿאַרשטייט זיך, אַ געטרײַען, ייִדיש פּראָזאַישן און, ממילא אָרעמען און פֿאַראָרעמדיקן, איבערזעץ־נוסח, וואָס שפּיגלט נישט אָפּ דעם מקור, נישט זײַנע אַסאָציאַטיווע רמזים, נישט זײַנע סינאָנימע ניואַנסירונגען, און נישט זייערע כוונות, און מחמת דעם דערלויבן מיר זיך אויף

עטלעכע פון זיי אָנצוווינקען, כּדי אָנצוווײַזן, ווי אַזוי די ערראַטיזאַציע פון דער נאַטור איז דאָ צוגעגאַנגען, און דאָס אין דער פאָרעם פון אַ טאָפּעלעם משל און נמשל: אַ גאָרטן אין צעבלי, אַ בוים און אַ פעלד אין צעפּאַל. די פאַרגלײַכן זענען שכיח אין דער פּאָעזיע, פון דער עלטסטער ביז דער יינגסטער, דערונטער קאָנווענציעס, וואָס ווילן אויפפרישן דעם גרונטיקן טעם — אַ זאַך, וואָס געלינגט זעלטן, און דאָס בלויז בײַ אמתע פּאָעטן, און צו יענער צײַט זענען עס, אין דער העברעיִשער פּאָעזיע, געווען בעיקר ביאַליק און טשערניכאָווסקי, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג אַרויסגעגעבן זייערע ערשטע ביכלעך.

ד

לבך גן רטוב, גן רענן — דער תּנ״ך האָט דעם אַדיעקטיוו רטוב (פייכט) בלויז איין מאָל, און דאָס אין שײַכות מיט גאָרטן, לשון נקבה פון גן — גנה (גאָרטן), און דער פּסוק גייט: „רטוב הוא לפני שמש ועל גנתו יונקתו תצא״ (איוב ח׳, ט״ז). טײַטש: פײַכטיק איז ער פאַר דער זון און אויף זײַן גאָרטן גייט אַרויס זײַן שפּראָץ. דער פּסוק איז אַרײַנגעפּלאָכטן אין דער תּוכחה פון איובס פרײַנד, בלדד השוחי, אין אַ כּלל־בילד פון אַ נעגאַטיוון מענטשלעכן באַשטאַנד. אָבער אין דער שפּעטערער שפּראַך איז גן רטוב אַ סעקסועל־עראָטישע מליצה, און דער גראַם מזל טוב — כּגן רטוב באַשײַנט דעם שטר פון תּנאים און חופּה־וקידושין. גן רענן — אין הײַנ־טיקן שפּראַך־באַנוץ מיינט דער אַדיעקטיוו: רענן — פריש, אָבער דער אמתער באַטײַט גייט, ווי אין טײַטש: צווײַגהאַפּטיק, און פון זײַנע אכצן באַנוצן אין תּנ״ך האָט דאָס רוב צו טאָן מיט אַ בוים, צומאָל אַ באַשטימטן בוים, זײַן טייל (בלאַט), אָדער פּראָדוקט (בוימל). און דער נמשל האָט צו טאָן מיט מענטשן, וואָס ווערן פאַרגליכן מיט ביימער, און גאָר בולט זענען צוויי באַנוצן — דער צדיק וואָס בליט און דער רשע וואָס פאַרבליט. די נעגאַטיוו־סעקסועלע נאָטע, וואָס באַגלייט דאָס וואָרט רענן, נעמט זיך פון דער אָפטער מליצה: תחת כל עץ רענן, וואָס ווערט אָנגעווענדט לגבי אַן אויסגעלאַסענער פּרוי אָדער איר נמשל; אָבער אין דער שפּעטערער פּאָעזיע האָט זיך אויסגעבילדט אַ פּאָזיטיוו־עראָטישע נאָטע מחמת דעם פּסוק אין שיר־השירים: הנך יפה רעיתי, הנך יפה עיניך יונים / הנך יפה דודי אף נעים אף ערשׂנו רעננה (א׳ ט״ו—ט״ז). טײַטש: שיין ביסטו, מײַן פרײַנדין, דײַנע אויגן [זענען] טויבן, שיין ביסטו, מײַן פרײַנד, אויך ליבלעך, אויך

אונדזער שפּאַן־בעט איז צווײַגהאַפּטיק (לויט יהואָש: גרין איז אונדזער געלעגער).

און סוף־סוף איז דאָך שיר־השירים דער גרויסער אָנשפּאַר פאַר דער עראָטיזאַציע פון דער נאַטור; אַ ראיה די באַקאַנטע פאַרגלײַכן, וואָס האָבן זייער אַ רײַכן אָפּקלאַנג, נאָכקלאַנג און איבערקלאַנג אין דער פּאָעזיע, און אויך דער נסתר גייט זיי נאָך אין דעם געבראַכטן קליינעם ליד, און נאָך מער אין אַ פּאָעמע אין „געזאַנג און געבעט", ווו ער פאַרמעסט זיך אויף אַ רײַכער און פיקאַנטער פּאַראַפראַזע פון שיר השירים אשר לשלמה.
אָבער צוריק צו אונדזער קליינעם ליד, כּדי אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם מחבר'ס שפּראַך־שפּילן: קודם כּל מיט דעם זעלבן שורש: עינותיך — עיניך — דאָס וואָרט עין באַטײַט סײַ אַן אויג, און זײַן לשון רבים איז עינים; סײַ אַ קוואַל, און זײַן לשון רבים איז עיינות. נאָך מער יבוא ויזמר זמירותיו הזמיר, ווו דער שורש זמר האָט אַ דרײַיִקן באַטײַט: זינגען, געזאַנג, זינג־פויגל, און גייט אויך פון שיר־השירים: עת הזמיר הגיע, ווו דער גרונט־באַטײַט פון וואָרט הזמיר האָט גיכער צו טאָן מיטן ווערב זמר, וואָס מיינט שנײַדן, און באַטײַט: די צײַט פון שניט, ווי טרויבן־שניט וכדומה, אַזוי איז זמיר געבויט ווי חריש (צײַט פון אַקער), קציר (צייט פון תּבואה־שניט), וכדומה, האָט זיך אָבער אין מדרש אײַנגעקויפט דעם באַטײַט פון זינגען און געזאַנג, אַזוי אַז ער, דער מדרש, וואַקלט זיך אין אויסטײַטש פון עת הזמיר — עס איז צײַט צו זינגען (שירת־הים), עס איז די צײַט פון פאַרשנײַדן (פּרעה און זײַן חייל), און אין מיטלעלטער איז צוגעקומען דער באַטײַט פון אַ זינגפויגל, און ערשט אין דער גאָר מאָדערנער צײַט האָט זיך באַפעסטיקט דער באַטײַט פון נאַכטיגאַל, סאָלאָוויי.

אינטערעסאַנט זענען אויך די פּאַראַלעל־באַנוצן: רטוב־רענן; און בעיקר: ורדיו — שושניו, וואָס באַטײַטן אין פּאָפּולער־באַנוץ די זעלבע בלום, די רויז, אָבער זענען גרונטיק פאַרשיידן, דען דאָס מישנה־וואָרט ורד מיינט טאַקע „ראָזאַ", אָבער דאָס תּנ"ך־וואָרט שושנה מיינט „ליליאַ", מעג־לעך אַז דער מחבר האַלט זיי אידענטיש, אפשר מיט אַ חילוק פון פאַרב, ווי עס פּאַסט זיך: טיף־רויט פאַר ליפּן, בלײַך־רויט פאַר באַקן. וואָס שייך צמרת־אמיר זענען זיי אויך אין פּאָפּולער־באַנוץ אידענטיש; בוים־שפּיץ; די עלטערע טײַטשן האָבן פאַר צמרת — העכסטער צווײַג, אייבערשטער צווײַג, וואָס געפינט זיך בלויז אין יחזקאל, און פאַר אמיר — האָבן זיי שפּיץ פון אייבערשטן צווײַג, און געפינט זיך בלויז אין ישעיהו און מעג־

לעך בלויז איין מאָל, ווײַל החורש והאמיר זענען אָפּנים אַ פֿאַרגרײַז פֿון צוויי פּעלקער־נעמען החוי והאמורי, און אַפילו רש״י רעדט דאָרט וועגן ערי האמורי, און מעגלעך אַז אויך ערוגות און תלמים זענען אידענטיש און מיינען בייטן, אָבער דער ערשטער באַנוץ גייט אין אַן אויפגעלעבטער אַטמאָספער, און זײַן מקור איז אין שיר־השירים: לחייו כערוגת הבושם (ה׳ י״ג), טײַטש: זײַנע באַקן [זענען] ווי אַ בייט בשׂמים; דער אַנדערער באַנוץ ווײַטער גייט אין אַן אומעטיקער אַטמאָספער, און זײַן מקור איז איוב: אם עלי אדמתי תזעק ויחד תלמיה יבכיון (לא, ל״ח), טײַטש: ווען איבער מיר וועט שרײַען מײַן ערד און צוזאַמען וועלן אירע בייטן וויינען. סינאָנים זענען אויך די ווערבן: מכה (הצמרת) — שח — (האמיר), וואָס ביידע מיינען נידעריק, געצויגן, — דער ווערב פֿון שורש מוך, פֿון וועלכן מכה איז געבילדעט, געפֿינט זיך בלויז אין ויקרא און מיינט דורכוועגס אָרעם זײַן, אָבער פֿון ענלעכן שורש מכך מיינט עס טאַקע נידעריק זײַן.

די שאלה: אך מדוע כה בושש המשורר, שפּאַרט זיך אַסאָציאַטיוו אָן אויף די צוויי איינציקע תנ״ך־באַנוצן פֿונעם ווערב אין דער פּיעל־פֿאָרעם: בושש, און דאָס אין קאָנטראַסט: 1. לגבי משה רבינו: וירא העם כי בושש משה לרדת ויקהל העם על אהרן (שמות, ל״ב, א׳). טײַטש: און עס האָט געזען דאָס פֿאָלק, אַז עס זוימט זיך משה אַראָפּצוגיין, האָט זיך דאָס פֿאָלק פֿאַרזאַמלט אַרום אהרן; 2. לגבי סיסרא, ווען דבורה הנביאה לייגט אַרײַן אין מויל פֿון זײַן מאַמע: מדוע בושש רכבו לבוא, מדוע אחרו פּעמי מרכבותיו (שופטים ה׳, כ״ח). טײַטש: פֿאַרוואָס זוימט זיך זײַן רײַטוואָגן צו קומען, פֿאַרוואָס פֿאַרשפּעטיקן די טריט פֿון זײַנע רײַטוועגן. די שאלה איז, אין אונדזער ליד, געווענדט צום דיכטער, וואָס האָט פֿאַרשפּעטיקט דעם אויפֿבלי און קומט שוין צום אָפּבלי, און ווערט אויפגעפּאָדערט צו זינגען, מסתמא פֿון אַ געהיימער האָפֿונג, אַז ער קען דעם אָפּבלי אָפּרופֿן.

ה

אַז די האָפֿונג האָט זיך אויף וואָס סומך צו זײַן, ווערט קלאָר פֿון צווייטן ליד, ווו מיר האָבן אַן אַנדערן, שאַרפֿערן פֿאַרגלײַך — אַן עראָטי־זאַציע פֿון בית המקדש:

— את כולך בית מקדש! לבך הארון,
לוחותיו — שדיך,

מצחך — פרכתו, עיניך — כרוביה,
כנפיהם — עפעפיך.
— אך כהן אין בו — בכן מזבחו שמם:
אין מקריב קרבנו, אין מקטיר לבונתו,
עולה אין מעלה, מנחה אין מגיש. —
יבוא הכהן ויכהן כהנתו!

טײַטש: דו ביסט אין גאַנצן (בית) מקדש; דײַן האַרץ — דער ארון; זײַנע לוחות — דײַנע בריסטן; דײַן שטערן — זײַן פּרוכת, דײַנע אויגן — זײַנע כּרובים; זייערע פליגל — דײַנע ווײַעס, אָבער אַ כּהן איז אין אים נישטאָ — איז טאַקע זײַן מיזבח וויסט; קיינער איז נישט מקריב זײַן קרבן; דעמפט נישט זײַן ווײַרעך; ברענגט נישט קיין קרבן עולה, דערלאַנגט נישט קיין קרבן מנחה; זאָל קומען דער כהן און מכהן זײַן אין זײַן כּהונה. דאָ האָבן מיר בפירוש צו טאָן מיטן גאַנג פון מדרש אויף שיר־השירים, ווו די אַלעגאָריע פאַרנמשלט סאַקראַל דאָס עראָטישע משלים־וואַרג. דער חילוק צווישן ביידע טיילן ליד באַשטײַט דערינען, וואָס אין ערשטן טייל האָבן מיר פאַר זיך די פּרוי — אַ גאָרטן, וואָס וואַרט אויפן משורר, וואָס זוימט זיך צו קומען און איז גורם אַן אָפּבלי און אָפּפאַל, און ווערט אויפגעפאָדערט צו קומען, כּדי זײַן אויפלעבנדיקן געזאַנג צו זינגען; אין אַנדערן טייל ווײַטער האָבן מיר פאַר זיך די פּרוי — דאָס בית־מקדש, וואָס איז חרוב ונחרב, און וואַרט אויפן כּהן, ער זאָל קומען און מחדש זײַן די כּהונה. וואָס שייך די ביידע אויפפאָדערונגען, סײַ: יבוא ויזמר, סײַ יבוא הכהן, גייט די ערשטע פון שיר־השירים: יבוא דודי לגנו, טײַטש: זאָל קומען מײַן פרײַנד אין זײַן גאָרטן, און די אַנדערע גייט פון תּורת כּהנים, ווו מיר האָבן: ואחר כן יבוא הכהן לראות (ויקרא י״ד, ל״ו); בזאת יבוא אהרן אל הקודש (דאָרט, ט״ז, ב׳) וכדומה.

מען דאַרף נישט קיין איבעריקע ראיות, אַז דער נסתּר זעט נישט בלויז דעם משורר, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, דעם כּהן אין זיך אַליין — געענוג דורכצולייענען זײַן פּאָעמע וועגן חורבן און די כּהנים און זייער שליחות, און נאָך מער זײַן דערציילונג „בײַגײַסט״, ווו ער טרעט אויף מיט זײַן אייגענעם נאָמען: פּנחס, דער זון פון מנחם הכּהן, ווי אַ באַנײַער פון בית מקדש און מזבח, אַזוי אַז מיר זעען, וואָס דער קערן פון דעם קליינעם לידל אין כּתב־יד האָט שפּעטער אויסגעצײַטיקט.

אָבער צוריק צום קליינעם ליד. כּדי צו באַמערקן, אַז די עראָטיזאַציע פון די בגדי־כּהונה איז אַ גלגול פון זייער קאָסמיזאַציע, ווי מיר האָבן זי אין ספר בן סירא, אין קאַפּיטל וועגן שמעון בן יוחנן הכּהן, און אין פּיוט מיטן רעפריין: מראה כהן, וואָס מיר זאָגן צו מוסף אום יום־כּיפּור. אַוודאי וואָלט כּדאַי געווען דעם מאָטיוו נאָכצוגיין, ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור, אין די לעצטע דורות, וואָס פאַרמאָגן סײַ ענלעכע, סײַ פאַר־קערטע דוגמות, אַפילו אין דער שפּעטער השׂכּלה־דיכטונג — ווי אַ קליי־נער משל יעקב ביבּרינג, וואָס, באַשרײַבנדיק אַן אָוונט־שטימונג, זאָגט ער: ככהן משוח בהיכל התפארת / בא הערב בריח קטורה / בצניף מלוכה ומעטה אדרת / וכאסיפת הלויים במקום מה נורא! / ינצחו הצלילים הגיוני כנורות / והקורא יהי! / והתגוללו המאורות" („אגודת שושנים", ווין תרל"ו, ז' 80). טײַטש: ווי דער כּהן דער געזאַלבטער אין טעמפּל פון פּראַכט, קומט דער אָוונט מיט געשמאַק פון דעמפּונג, אין אַ קיניגלעכער טיאַרע, און אַ מאַנטל־היל, און ווי אַ געזעמל פון לוויִם אין אָרט וואָס איז שרעקלעך (יעקב אבינו'ס אויסרוף נאָך זײַן לייטער־חלום אין בית־אל), וועלן קלינגען די געברומען פון פידלען דעם וואָס רופט: זאָל זײַן, און עס וועלן זיך אָפּוויקלען די ליכטער. שוין אָפּגעשמועסט פון פאָלקישער דיכטונג — אַ קליינער משל אַברהם גאָלדפאַדען („שבת, יום־טוב און ראש חודש"), לא כל שכן מאָדערנע דיכטונג — אַ בולטע דוגמה ח. נ. ביאַליק („על לבבכם השמם"), ווו מיר האָבן אַ סמיכות: על מקדש לבבכם, משמע: אויפן בית־מקדש פון אײַער האַרץ, אַן ענין וואָס פאַרדינט אַ באַזונ־דערע שטודיע.

און מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אַ גאָר יונגער דוגמה לגבי דעם פאַר־גלײַך: פרוי — קאָסמאָס — עס איז דאָס ליד פון מ. מ. שאַפּיר: סימעטריע — מיסטעריע („מיט צוגעבייגטע רייד", מאָנטרעאָל, 1977, ז' 75), לאמור: „סימעטריע פאַרמאָגט די אותיות פון מיסטעריע / גאָטס חכמה — נישט נאָר וווּנדערלעך און גוט איז, / נאָר אויכעט שיין.// אַ פּאַראַדיגמע איז דער קערפּער פון דער פרוי — מען דאַרף נישט מיין. // מיט דרײַ משולשן / האָט גאָט געבויט דעם קערפּער פון דער פרוי — / אַזוי: — / די אויגן מיטן מויל — איז דרײַ, / און גאָט איז דאָ דער פערטער — / ער האָט זיי געהייסן, מיט די שטילסטע ווערטער / אַז דאָס מויל זאָל זײַן / דאָס קול פון דער נשמה לאָזן שיין צו הערן; / און די אויגן — אויף צו זען, און קוקן גינציק, / און אַ מאָל צו לאָזן גוטע טרערן. // אויך די פאַכוועס מיטן

נאָפּל זײַנען דרײַ: / אויך דאָ איז גאָט דער פּערטער — / ער איז דאָ אין אַלע שטילע ערטער. // אויך די טראַכט אוןביידע מילעכקוואַלן / זײַנען דרײַ, וואָס ווײַזן גאָט / אין זײַן חסדיקער סודותדיקער שטראַלונג. // יאָ, בײַ אַלע אָט די דרײַ / איז דאָ דער לעבעדיקער גאָט דערבײַ — / ער ווײַזט זיך אונדז אין אַלערליי געשטאַלטן, / נאָר ער ליגט באַהאַלטן".

ו

מיר וואָלטן זיך געמיטן מיט אונדזער חוב, מיר זאָלן נישט אונטער־שטרײַכן, אַז דער כּהן — און כּהונה־קאָמפּאָנענט בײַ דער נסתּר, וואָס איז אין דעם קליינעם ליד געבונדן מיטן ליבע־מאָטיוו, און איז, מחמת זײַן אייגענעם יִחוס, אויסגעוואַקסן צו אַ כּהן — און כּהונה־קאָמפּלעקס, גייט אויף דער ליניע פון זײַן היסטאָריאָזאָפישער קאָנצעפּציע, וואָס נעמט אָן אַ דיאַלעקטישן צוזאַמענגוס פון אַלטן שליחות און רעוואָלוציאָנערן צײַט־גײַסט, וואָס איז, בעצם, אַ נײַ־גײַסט, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין וועלט־געשיכטלעכע אַנטשייד־שעהען, סײַ גאָר ווײַט, סײַ גאָר נאָענט.

סײַ גאָר ווײַט — מיר האָבן שוין דערמאָנט זײַן חורבן־פּאָעמע אין „געבעט און געזאַנג", און מיר ווילן איצט באַטראַכטן די ראָל, וואָס ווערט דאָ, האַלב קלאָר, האַלב־פֿאַרנעפּלט, צוגעשריבן דעם אותו איש. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען מחויב צו געדענקען, אַז וואָס שייך ברית־חדשה־מאָ־טיוון, וועלכע זענען אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור (און האָבן, מחמת פּאָלעמישער איבערגעלאָדנקייט עד היום נישט געקריגן דעם רעכטן, שאַרפן און ערנצטן באַהאַנדל), פֿאַרמאָגט זיי שוין דער נסתּר פון סאַמע אָנהייב. אין זײַן בוך „געדאַנקען און מאָטיוון", — אויב אין „דער לעצטער מענטש" לאָזט ער, אין אַ מין היציקער פֿאַנטאַסמאַגאָריע, כריסטוסן זיך טומלען צווישן אַהאַסווער, בודדאַ און מעפיסטאָפּעלעס (ער שרײַבט: מפיסתופלס, אפשר לויטן אויסלייג: מפיתופל, ווי מאיר לעטעריס ברענגט עס אין זײַן „אלישע בן אבויה", ווו ער האָט כּידוע, פֿאַראַרבעט געטע׳ס „פֿאַוסט"), טאָ האָבן מיר אַ קלאָרן אותו־איש־ענין אין „מרים", וואָס זײַן אונטער־טיטל גייט: „אַ פּירוש אויפן מאָטיוו פון „מאָליטווי דיעוווי" משמע: תּפילות פון דער בתולה, און מיר האַלטן נאָך איידער שלום אַש האָט געהאַט זײַן באַגעגעניש אויפן וועג קיין בית־לחם, איידער פּ. לעווערטאָוו האָט אַרויסגעלאָזט, אין לאָנדאָן, דעם עברית־איבערזעץ פון אויגוסטינוס וידויים, און ישׂראל פּופּס האָט דערוועקט אַ שטיקל שטורעם

מיט זײַנע פּראָ־קריסטלעכע דעות אין „השלח“, אָבער די גאָט־זוכעניש אין דער רוסישער ליטעראַטור, מיט זייער קריסטלעכן אונטערשלאַק, שפּאַרן אויך אָן אין קרײַזן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, און ווי משה קליינמאַן, וואָס האָט אַמאָל געוווינט און טעטיק געווען אין בערדיטשעוו, האָט עס מיר, אין אַ שמועס, דערקלערט: ווי עס האָט זיך דעמאָלט געקריסטלט, אַזוי האָט זיך געייִדלט, און אַז בײַ זיי האָט זיך היפּער־געקריסטלט, האָט זיך בײַ אונדז, לפּחות, עפּעס געקריסטלט. ווי און אויף וויפל די וואַריאַציעס אויף די תּפילות פון דער בתולה געהערן אַהער — דאַרף נאָך דורכגעפאָרשט ווערן, אָבער אַזוי ווי זײַן ערשט ביכל איז פאַרט אַ טיר פון זײַן צווייטן ביכל, בעט זיך אַכט צו לייגן אויפן ענין פון שטערן, וואָס ווערט דער־וואָרט: „אַ שטיק צײַט שוין / אַז מען זעט / זאָגן פאַסטוכער פון לאַנד, / וואָס זיי פאַשען / אויף די בערג / און זיי נעכטיקן מיט פי / אונטער הימל־הויך, — / אַ שטיק צײַט שוין, / אַז מען זעט / הויך אין הימל, / עפּעס גייט / ווי אַ שטערן / אום בײַנאַכט / הין, צוריק / און לויפט און לויפט / העל און ליכטיק / און געשווינד / הייבט זיך אויף / און פאַר־שווינדט / הויך און העכער / און נישט בלײַבט“ (ז׳ 18). און צום באַטײַט פון שטערן, הערן מיר ווײַטער: „און פון ווײַט די חכמים / פון דער וועלט / פון אַתּונאַ / פון דער שטאָט / און פון הודו / ווײַטן לאַנד / שטייען זעערס אַלטע לײַט — — / פרעגן, פרעגן וואָס באַטײַט / יענער שטערן פון בײַנאַכט / וואָס מען זעט אים / אַלע נאַכט / פון אַ לאַנגער צײַט / שוין לאַנג“ (ז׳ 20).

ז

שליסנדיק פון שפּעטערן אויפן פריִערן דער נסתּר, פאַרשטייען מיר, אַז ער האָט, אויף זײַן דור, פאַראיצטיקט אַן אַלטע מסורה וועגן גאולה־דערוואַרט און משיח־דערוואַרט, און מיר האַלטן, אַז עס איז די לעגענדאַרע מסורה, ווי מיר האָבן זי אין דער עוואַנגעליע: „און ווען ישו איז געבוירן געוואָרן אין בית־לחם — זענען חכמים געקומען פון מזרח קיין ירושלים און האָבן געזאָגט: ווו איז דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דער מלך פון די ייִדן, וואָס מיר האָבן געזען זײַן שטערן אין מזרח — האָט הורדוס גע־רופן די חכמים שטילערהייט און האָט בײַ זיי גוט אויסגעפאָרשט די צײַט, ווען דער שטערן האָט זיך באַוויזן — זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און זע, דער שטערן, וואָס זיי האָבן געזען אין מזרח, איז פאַר זיי געגאַנגען, ביז

ער איז געקומען און געבליבן שטיין איבער דעם אָרט, ווו דאָס יונגע קינד איז געווען, און ווען זיי האָבן געזען דעם שטערן, האָבן זיי זיך געפרייט זייער אַ גרויסע פרייד — ״ (מתי ב׳, א׳—י׳). נאָך מער: „און זיי זענען פאַסטעכער געווען — וואָס האָבן געגעכטיקט אויפן פעלד, און האָבן געהיט זייער טשערעדע בײַנאַכט, און אַ מלאך פונעם האר איז בײַ זיי געשטאַנען און די פראַכט פונעם האר האָט אַרום זיי געלויכטן, און זיי האָבן זייער מורא געהאַט. האָט דער מלאך צו זיי געזאָגט: האָט נישט קיין מורא, ווײַל איך ברענג אײַך אַ גוטע בשורה פון גרויס פרייד פאַר אַלע פעלקער, ווײַל הײַנט איז געבוירן געוואָרן דער רעטירער — און זיי זענען אײַליק אַוועק און האָבן געפונען מרים און יוסף און דאָס קינד ליגנדיק אין אַ זשלויב״ (לוקאַס, ב׳, ח׳—ט״ז).

ווי מיר זעען, גייען דאָ צוויי מסורות, איינע וועגן די חכמים פון מזרח, וואָס גייען נאָך דעם שטערן, און איינע וועגן די פאַסטעכער, וואָס דער מלאך גיט זיי איבער די בשורה. בײַ דער נסתר זענען סײַ די חכמים פון דער ווײַט, סײַ די פאַסטעכער פון דער נאָענט, דעם שטערן און גייען אים נאָך. באמת, האָט די עוואַנגעליע־אינטעפּרעטאַציע געזוכט ביידע מסורות אויסצוגלײַכן, און אַ שטייגער, יאָהאַן פעטער העבעל, האָט אין זײַן ביבל פאַרן פאָלק און פאַר קינדער, דערציילט צוערשט וועגן די פאַס־טעכער און שפּעטער וועגן די חכמי־מזרח אַזוי צו זאָגן: „עס זענען געקו־מען אויך פון גאָט דערמאָנט, מיט קעסטלעכע מתנות קלוגע מענער פון מזרח, פון אַ פרעמד לאַנד קיין ירושלים, און האָבן געפרעגט: ווו איז דער נײַגעבוירענער זון, קיניג פון די ייִדן, מיר האָבן זײַן שטערן געזען אין מזרח־לאַנד און זענען געקומען אים צו אַכפּערן. זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז געבוירן אין ירושלים, ווו עס האָט דעמאָלט געוווינט דער אומ־פרומער קיניג הורדוס. זיי האָבן נישט אַנדערש געקלערט, נאָר אַז גאַנץ ירושלים וועט זײַן פול פרייד, און יעדעס קינד אויף דער גאַס וועט קע־נען געבן אַ תשובה אויף זייער קשיא. ווי זיי האָבן זיך פאַרווונדערט, אַז אַלץ איז געווען אַזוי שטיל. אַלץ איז געווען אַזוי שטיל, גלײַך עס וואָלט גאָרנישט געשען. ווען זיי האָבן געפרעגט, האָט ער גאָרנישט געוווסט פון דעם נײַגעבוירענעם וווּנדער־קינד. זיי זענען געקומען ביזן קיניג הורדוס. ער האָט אויך נאָך גאָרנישט געוווסט, ער האָט ערשט געמוזט פון לאַנדפרעמדע מענטשן זיך דערוויסן, וואָס די מלאכים האָבן מבשׂר געווען צו די פרומע פאַסטעכער״ (רהיין־פאַרלאַג, באַזל־לייפּציג, ז׳ 135).

לויט דער נסתּר וואַנדערט דער שטערן, וואָס איז מבשׂר אַ וועלט־געשיכטלעכן איבערבראָך, און איז אַ זיך איבערחזרנדיק פענאָמען, און דאָס האָט ער פון אַ היימישער מסורה — וואָס הייבט זיך אָן מיט אַברהם אָבינו, וועגן אים ברענגט דאָך דער מדרש, אַז ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך באַוויזן אַ שטערן פון מזרח, וואָס האָט איינגעשלונגען פיר שטערן פון די פיר עקן פון דער וועלט. האָבן די חכמים געזאָגט נמרודן, אַז תּרח וועט האָבן אַ זון, וואָס פון אים וועט אַרויס אַ פאָלק, וואָס וועט אַרבן ביידע וועלטן, און האָבן אים געעצהט, ער זאָל אים הרגענען. אונדזערע באָבעס האָבן דאָס געלייענט אין עטלעכע אויסגאָבן פון צאינה וראינה; אונדזערע זיידעס ווײַטער האָבן געלייענט אין „ספר הישר״: „ויהי בלילה ההוא עת הולדת את אברהם ויבואו כל עבדי תרח וכל חכמי נמרוד וכל חרטומיו ויאכלו וישתו בבית תרח וישמחו עמו בלילה ההוא / ויהי בצאת כל החכמים והחרטומים מבית תרח וישאו את עיניהם השמימה בלילה ההוא אל הכוכבים/ ויראו והנה כוכב אחד גדול מאד בא ממזרח שמש וירץ בשמים ויבלע ארבע כוכבים מארבע רוחות שמים״ (פרשת נח). טײַטש: און עס איז געווען אין יענער נאַכט, בשעת אַברהם איז געבוירן געוואָרן, זײַנען געקו־מען אַלע קנעכט פון תּרח און אַלע חכמים פון נמרוד און אַלע זײַנע כּשופמאַכערס, און האָבן געגעסן און געטרונקען אין תּרח׳ס הויז, און האָבן זיך מיט אים געפרייט אין יענער נאַכט; און ווען אַלע חכמים און כּישפּו־מאַכערס זענען אַרויס פון תּרח׳ס הויז, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל אין יענער נאַכט, האָבן זיי געזען, אַז איין גרויסער שטערן קומט פון מזרח־זײַט און לויפט אין הימל און פאַרשלינגט פיר שטערן פון די פיר זײַטן הימל.

וואָס שײַך דעם בילד — כּדאַי צו ברענגען אַ פּאָעטישע ווערסיע פון אַ מאָדערנעם דיכטער, ישׂראל אפרת: „ליל תכלת זרוע כוכבים אז היה על שדמות בית־לחם / ליל דממה, הזאבים לא בכו, התנים לא נשאו את קולם, / הרוחות הציעו משכבם על גלי הירדן השקטים, / ונדמה, היקום מטה אוזן ומקשיב ומחכה ומחכה... / ופתאום וכוכב־פז מזהיר בפאתי המזרח / ויגדל הכוכב ויגדל, / ראה! „מגן־דוד״ של זהב... / קול רינה באהלי בית־לחם, בן יולד משורש בן ישי / הלא הוא משיח ישראל וגאולת העולם בידו...״ („נא שירי בת־הלאָס״, אחיעבר תקפ״א, ז׳ 5). טײַטש: אַ נאַכט אַ בלויע, שטערן־באַזייט, איז דעמאָלט אויף די פעל־דער פון בית־לחם: אַ נאַכט פון שטילקייט, די וועלף האָבן נישט

געוויינט, די שאַקאַלן האָבן נישט אויפגעהויבן זייער שטים, די ווינטן האָבן זייער געלעגער אויסגעבעט אויף די שטילע אינדן פון ירדן, און עס דוכט זיך, דער וועלט־באַשטאַנד נייגט אַן אויער און וואַרט און וואַרט; פּלוצים באַווײַזט זיך אַ גלאַנציקער גאָלד־שטערן אין די ראַנדן פון מזרח, און דער שטערן וואַקסט גרויס און גרעסער, און זע: אַ מגן דוד פון גלאַנץ; אַ שטים פון געזאַנג אין די געצעלטן פון בית־לחם, אַ זון געבוירן פון וואָרצל בן־ישי, עס איז דאָך דער משיח פון ישראל און די גאולה פון דער וועלט איז אין זײַן האַנט.

אַגב, דער ענין פון מגן דוד איז לגבי יענער ווײַטער צײַט אַ מין אַנאַכראָניזם — אַזוי פרי האָט מען דעם העקסאַגראַם, ווי אַ דוד־שילד אָדער דוד־שטערן, נישט געקאַנט. אמת, טולאָ נוסענבלאַט האָט געפּרוווט באַווײַזן, אַז די מחנות פון די שבטים אין דער מידבר האָבן געבילדט די פאָרם פון אַ מגן דוד (ייוואָ־בלעטער 1938, באַנד 13), אָבער דאָס האָט נישט קיין שום האַפט, און כדאי וועגן דעם פּראָבלעם דורכצולייענען די שטודיע פון גרשום שלום, אַמערשט אין „לוח הארץ״, תש״ט, שפּעטער אויסגעברייט אין זײַן בוך „יודאַיקאַ״ (1936) — צווישן די פאַלשע השערות, וואָס ער איז מבטל, געפינט זיך אויך די הנחה פון ר׳ משה גאַסטער, אַז רבי עקיבא האָט עס דעם מגן־דוד אײַנגעפירט ווי אַ סימבאָל אין דער באַפרײַונגס־מלחמה פון בר־כוכבא (זון פונעם שטערן), בשעת ר׳ יעקב רייפמאַן האָט געהאַלטן, אַז עס איז בײַ ייִדן אַ פרעמד געוויקס. אָבער כאָטש גרשום שלום באַווײַזט, ווי יונג דער סימבאָל איז, האַלט ער, אַז נאָך דעם ווי ער איז, אין אונדזער דור, דורך יסורים און שרעק, געהייליקט געוואָרן, איז ער ראוי צו באַלײַכטן דעם וועג צום לעבן און צום אויפבלי.

נאָך דעם באַמערק בעט זיך צו פאַרצייכענען, אַז ישראל אפרת באַנוצט זיך מיט אויטענטישע משיח־אַסאָציאַציעס — בן יולד משורש בן ישי — די ווערטער: ילד יולד לנו בן ניתן לנו(ישעי׳ ט׳ ה׳). טײַטש: דען אַ קינד איז אונדז געבוירן, אַ זון איז אונדז געגעבן, זענען, כידוע, דער אויפטאַקט צום באַשרײַב פון דער משיחישער געשטאַלט אויף דודס שטול אין זײַן קיניגרײַך, און זענען, פאַרשטייט זיך, אין דער קריסטאָלאָגיע שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן. ווײַטער צו די ווערטער: משורש בן ישי — האָבן מיר: שורש ישי אשר עומד לנס עמים (ישעי׳ י״א). טײַטש: דער וואָרצל ישי, וואָס שטייט ווי אַ פאַנער פון די פעלקער, און איז דער שלוס־

טאַקט פון דעם גראַנדיאָזסטן באַשרייַב פון דער משיח־געשטאַלט, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: ויצא חוטר מגזע ישי ונצר משורשיו יפרח (דאָרט, א׳), טייַטש: און עס וועט אַרויס אַ ריטל פון שטאַם ישי, און אַ שפּראָץ פון זייַנע וואָרצלען וועט זיך פּרוכפּערן. און אויך דאָס איז, פאַרשטייט זיך, קריסטאָלאָגיש גאָר היפּש עקספּלאָאַטירט געוואָרן. און די דאָזיקע עקספּלאָאַטאַציע שאַפט אַ שטאַרקע שפּאַנונג בייַם צוזאַמענשטויס פון יידישער און קריסטלעכער אינטערפּרעטאַציע.

ח

מיר קערן זיך אום צוריק צום שטערן, דעם מבשׂר און סימבאָל פון דעם גואל און די גאולה, וואָס לייכט אויף אין די וועלט־געשיכטלעכע אַנט־שייד־שעהען, כּדי צו באַמערקן, אַז ער לייכט תּמיד, — זאָגט דאָך דער נסתּר, אין זייַן פּאָעמע „מיר״, וואָס איז אַ מין אַכזריותדיק היסטאָריש־אַקטועלע אַליין־קריטיק פון יידישן פאָלק אין זייַן וואַנדל איבער צייַטן און ערטער, לאמור: / „דאָך מיר שלעפּן / אונטערטעניק / און מיר קלאָגן זיך פאַר קיינעם / נאָר מיט אויגן / שטילע קוקן / אַלע נאַכט / אַרויף צום הימל / און מיר קוקן נאָר / און זוכן / שטערן־שטערנדל / פון אויבן / דאָס אין הימל / ניט פאַרלירן / אין דער נאַכט / דאָס אונדזער — הויכע / אונדז אין תּפילה / און אויף וועג״ (ז׳ 9). הייסט עס, אַז דער אויסקוק אויפן גאולה־שטערן איז אַ שטענדיקער, און ער קען אַ יעדע שעה און רגע ווערן דער גרויסער איבערקערערישער ממש, אין גייַסט און זינען פון אחכּה לו בכל יום שיבוא, טייַטש: איך וועל אויף אים וואַרטן אַ יעדן טאָג ער זאָל קומען, און דער חילוק איז בלויז צווישן לאַטענטן און מאַניפעסטן שטערן־שטאַנד. אַזוי ווי ער איז אָבער, אין געשיכטלעכן וואַנדל איין מאָל, און אפשר אַפילו עטלעכע מאָל, מאַניפעסט געווען, פרעגט זיך די קשיא, ווי פאַרהאַלט זיך אַזאַ באַנעם לגבי דער מסורה, וואָס ווייסט נישט פון קיין משיח־לשעבר, נאָר בלויז וועגן אַ משיח לעתיד־לבוא. און עס איז אַ קשיא, וואָס פירט בייַם באַזונדערן דער־נסתּר־קאָמפּלעקס, דער כּהונה זייַנער, צו אַן אַנדערער, נישט ווייניקער קאָמפּליצירטער קשיא — ווי פאַרהאַלט זיך דער באַנעם פון כּהונה־אויפלעב, וואָס מיינט ממילא דעם בית־מקדש־אויפלעב, און דעם שאַרף אויטאָביאָגראַפיש צוגעשניטענעם פּרווו עס צו רעאַליזירן, און דאָס נישט אין זייַנע מסורהדיק היסטאָריש־געאָגראַפישע געמאַרקן: אויפן הר הבית;

האָבן מיר דאָך אין „ניי־גײַסט" דעם כּהונה־און־מקדש באַניי — דער באַנײַער, און דאָס איז דער דיכטער אַליין, מיט זײַן אייגענעם פולן נאָמען, און אין אַ קלאָר אויסגערעכנט יאָר, פינף טויזנט זעקס הונדערט און אַכציק (1920), עטלעכע יאָר נאָך זײַן באַנײַטער נבואה, גייט ער אַרויף אין הימל, ווו עס געפינט זיך דער משכּן, און באַגעגנט זיך מיט ר׳ ישמעאל, דעם לעצטן כּהן גדול פון דעם בית שני, כּדי זיך לבסוף פון אים צו דערוויסן, אַז זײַן, פּנחס הכּהנס אָרט, איז נישט צו באַדינען דעם משכּן אויבן, נאָר אַראָפּ אונטן, כּדי דאָרט אַן אַנדערן, אַ נײַעם משכּן אויפצובויען. עס איז נישט אַזוי לײַכט פון דעם סימבאָלישן און אַפּאָקאַליפּטישן דין־פּאַרפּלאָנטערטן, וויזיאָנאַרן געשפּין, וואָס דער דיכטער לאָזט דאָ אויפפלימערן, אויסצושיילן די רעאַליטעט, אין וועלכער דער נײַער משכּן ווערט געבויט, אָבער זי איז געבונדן אין אָרט און צײַט, ווו און ווען די דיכטונג איז געשאַפן געוואָרן — גענוג אַ קוק דערלאַנגען אין חנאָ שמערוק׳ס אַרײַנפיר צו „הנזיר והגדייה" (תשכ״ג), כּדי צו הערן, אַז פרילינג אָדער זומער 1920, איז דער נסתּר מיט זײַן משפּחה אַוועק פון קיִעוו קיין מאָסקווע, און זיי האָבן אַ שטיקל צײַט געוווינט, מיט מאַרק שאַגאַל, אין ייִדישן יתומים־הויז אין דעם נאָענטן מאַלאַכאָווקע, און אַז „נײַגײַסט" איז צוערשט געדרוקט געוואָרן אין „שטראָם" (העפט 4, 1923) און איז געחתמעט: מאַלאַכאָווקע, זומער 1920. ווילן מיר דערצו באַמערקן, אַז עס וואָלט מסתּמא געווען אַבסורדאַל אָנצונעמען, אַז דער אַנדערער, נײַער משכּן, האָט צו טאָן מיט הר הבית און זײַן אַרום. מעגלעך, אַז צוליב דעם טראַנספּאָרטאַבעלן כאַראַקטער פונעם בית המקדש, ווערט דאָ פאַוואָריזירט דער באַצייכן: משכּן, און די טראַנספּאָרטאַביליטעט איז, כּידוע, אַ שאַרפער מחלוקת־פּונקט, און דאָס אַפילו, און אפשר בעיקר, אין די לעצטע דורות אין דער ייִדישער טעאָלאָגיע, און ווי אַרום די מערב־אייראָפּעיִשע ייִדישע רעפאָרם־באַוועגונג און דער מזרח־אייראָפּעיִשער סאָציאַליזם האָבן זיך דאָ, ווי אויך אין אַנדערע פונקטן, באַגעגנט, איז אַ פּיקאַנט קאַפּיטל פאַר זיך.

ט

אָבער, ווי עס טרעפט זיך אָפט, קומט אַ בולטער פּרט און מאַכט אַ שטריך אין חשבון. עס איז דאָס בילד פון פוקס (אָדער שאַקאַל) אין דער חורבה, וואָס שלײַכט זיך אַרײַן אין „ניי־גייסט", דער וויזיע פון דער חופּה, ווען דאָס גאַנצע פאָלק יובלט צו דעם מלך, אונדזער מלך המשיח,

און הייליקט זיך צום הייליקן מזרח. איז עס אַ זייער אַסאָציאַטיוו־באַלאַדן בילד — עס איז קאָמבינירט פון צוויי פסוקים: א. כשועלים בחרבות נביאיך ישראל היו (יחזקאל י״ג, ד׳), טײַטש: אַזוי ווי פוקסן (אָדער שאַקאַלן) אין די חורבות זענען דײַנע נביאים געווען, ישראל; ב. על זה היה דוה לבנו על אלה חשכו עינינו / על הר ציון ששמם שועלים הילכו בו (איכה, ה׳, י״ז—י״ח), טײַטש: אויף דעם האָט געשמאַרצט אונדזער האַרץ, אויף די זענען פאַרפינצטערט געוואָרן אונדזערע אויגן, אויפן באַרג ציון, וואָס איז פאַרוויסט, פוקסן (אָדער שאַקאַלן) שלענדערן אויף אים. די אגדה לאָזט ר׳ עקיבא און זײַנע חברים עולה זײַן קיין ירושלים, און אַרויפגיין אויפן הר הצופים און, מחמת אבלות רײַסן זיי קריעה, און ווען זיי זענען געקומען צום הר הבית, האָבן זיי געזען אַ פוקס (אָדער שאַקאַל), וואָס איז אַרויס פון קדשי־קדשים, האָבן זיי געוויינט און ר׳ עקיבא האָט געלאַכט; האָט ער זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי וויינען, האָבן זיי געענטפערט: דאָס אָרט, וואָס עס שטייט: ,והזר הקרב יומת׳ (במדבר א׳, נ״א), טײַטש: און דער פרעמדער, וואָס וועט גענענען, וועט געטויט ווערן, שלענדערן דאָרט איצט אַרום פוקסן (אָדער שאַקאַלן), ווי אַזוי זאָלן מיר נישט וויינען. האָבן זיי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער לאַכט, האָט ער געענטפערט: איך לאַך, ווייל עס שטייט: ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריה בן יברכיהו (ישעיה ח׳ ב׳), טײַטש: און איך וועל פאַר עדות נעמען צוויי געטרײַע עדות, אוריה הכהן און זכריה בן יברכיהו. וואָס פאַר אַ שײַכות האָבן זיי, איינער איז דאָך געווען בײַם בית ראשון און דער אַנדערער בײַם בית שני, נײַערט דער פסוק האָטביידע נבואות צוזאַמענגעבונדן — הייסט עס דאָך לגבי אוריה: לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיים תהיה והר הבית לבמות יער (איכה ג׳, י״ב), טײַטש: דערפאַר, וועגן אײַך וועט ציון ווי אַ פעלד פאַראַקערט ווערן און ירושלים וועט זײַן אַ הויפן חורבה־שטיינער און דער הר הבית — וואַלד־הייכן; בײַ זכריה ווײַטער הייסט עס: עוד ישבו זקנים וזקנות בחוצות ירושלים (זכריה ח׳, ד׳), טײַטש: עס וועלן נאָך זיצן אַלטע מענער און פרויען אין די ירושלימער גאַסן; ביז עס איז נישט מקוים געוואָרן אוריה׳ס נבואה, האָב איך מורא געהאַט, אַז זכריה׳ס נבואה וועט נישט מקוים ווערן, איצט, אַז עס איז מקוים געוואָרן אוריה׳ס נבואה, איז וויסיקלעך, אַז זכריה׳ס נבואה וועט מקוים ווערן. האָבן זיי אים געזאָגט אין דעם לשון: עקיבא נחמתנו, עקיבא נחמתנו, טײַטש: עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט.

יאָ, מיר האָבן דאָס דערמאָנט לגבי דעם בילד פון דעם פּיקסל אין „ניי־גייסט", אָבער דער עיקר כוונה דערביי איז צו פאַרצייכענען, אַז דאָס בילד קערט זיך ביי אים אום, און דאָס נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר — אין זיין סקיצע „האַס", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „אייניקייט" (29 יוני, 1944), האָבן מיר אַ שמועס מיט אַ זעכצן־יאָריק ייִנגל, וועלכן ער רופט אָן שלמה אָליצקי, וואָס איז שוין ביי דרייצן יאָר געווען אַ פאַרטיזאַן, און האָט זיך געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל. עס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע פיגור — דאָס ייִנגל האָט באמת געהייסן שלמה פּערלמוטער, און איז טאַקע געקומען צו אונדז אין לאַנד אַריין און מיר האָבן אים דאָ געקענט — סיי ווי דער לעצטער סעקרעטאַר פון יעקב פּיכמאַן, סיי ווי אַ תּלמיד אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און חנא שמערוק, וואָס האָט די סקיצע, וועלכע איז פריער נישט אַריין אין בוך־טאָוולען, געבראַכט אין דעם דערמאָנטן אַריינפיר צו „הנזיר והגדיה", אַז ער האָט פון פּערלמוטער געהערט וועגן פאַן פון דעם נסתּרס געזעגן־ווערטער, ווו מיר הערן: אָבער לאָמיר זיך טרייסטן, שלמהקע. האָסט דאָך געלערנט: ווער עס האָט געזען די שאַקאַלן אויף די חורבות פון אונדזער באַרג, דער וועט אויך זען, ווי מען וועט דאָרט בויען — — — „ויהי ביום ההוא — ווילט זיך דאָ נוצן דאָס פּייערלעכע נביאים־וואָרט — וועלן מיר זיך זען צווישן די בויער און אויפריכטער פון יענע חורבות אויף אונדזער באַרג, ווו פריער, ערשט־אַ, האָבן אומשפּאַצירט די שאַקאַלן; מיר זעען זיך טראָגן ליים און ציגל פאַרן פאָלקס־בנין, מיט וועלכן מיר וועלן זיך גרויסן, ווי אַלע מיט אַלע אויפגעריכטע בנינים..."

דאָס איז, ווי געזאָגט, געשריבן און געדרוקט אין דער מאָסקווער „אייניקייט" דריי יאָר פאַרן אויפקום פון מדינת־ישׂראל.

[תשל"ח]

מאמר ב׳:

שטריכן צו „די משפחה מאַשבער״

וואָס עס זענען געווען די באַוועג־טעמים פון דער נסתּר צו שאַפן אַן עפּאָס אָדער אַ סאַגאַ פון די לעצטע דורות, ווי זי איז ברייט און טיף אַנגעשניטן אין די צוויי בענד פון „די משפּחה מאַשבער״, לאָזט זיך נאָכלייענען אין חנא שמערוקס אַריַינפיר צו דעם שריַיבערס אָפּקלײַב פון נאָוועלן אין מײַן עברית־נוסח „הנזיר והגדיה״ (מוסד ביאַליק תשכ״ג). פון דעם אַרײַנפיר, וואָס איז, ביז איצט, די אויסשעפּלעכסטע מאָנאָגראַפיע אין דער דאָזיקער מאַטעריע, לערנען מיר אויך וועגן פאַן — בערדיטשעוו; וועגן די פאַרשוינען. און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אויב די שטאָט און די געשעענישן אין איר זענען געטריַי אַ וויַיטערער צײַט, מיט עטלעכע דורות צוריק, און שפּיגלען אָפּ אַ היסטאָרישע סיטואַציע, טאָ זענען די פאַרשוינען, און בעיקר אַ טייל הויפּט־פאַרשוינען, מיט זייער גאַנצער פאַרבונדנקייט מיט דער היסטאָרישער רעם, געטרײַ אַ נאָענטערער צײַט, מיט אַ דור צוריק, און שפּיגלען אָפּ דעם מחברס האַלב־אייגענע, האַלב־אַדאָפּטירטע משפּחה, די ברידער זײַנע און אַפילו אים, דעם מחבר גופא. ווי אַרום די טאָפּעלע געטרײַשאַפט איז פירגעקומען, געהערט צו די סודות פון קינסטלערישער אַלכעמיע, אין וועלכער דער נסתּר איז געווען אַ מאַדים.

אַזוי ווי שמערוקס אַנאַליז האָט אונדז בולט אַנידערגעשטעלט די הויפּט־פיגורן אין קעגנאיבערשטעל צו זייער ביאָגראַפישן סוסטראַט, איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם היסטאָרישן פאַן, כּדי צו זען, ווי אַרום דער מחבר האָט געלאָזט דאָס נאָענטע, כראָניקאַליש־פאַמיליאַרע אַרײַנוואַקסן אין דעם וויַיטן, היסטאָריש־קהילישן, און מיר וועלן דאָס באַלײַכטן לויט דריַי דאָקומענטן: אַ פריַיערן — אַ סאַטירישן, אַ שפּעטערן — אַ בעלעטריסטישן, אַ גאַר שפּעטן — אַ פאָרשערישן.

פרק א׳: היסטאָריש

מיר וועלן אָבער אָנהייבן אחרון אחרון. הרב ר׳ אשר פריצקער וואָס האָט זיך גענומען אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפטלעכע געפינטלטע תוספתא שלמה (אַלע מקורים פון תורת התנאים) און אַ טייל אויך אַרויסגעגעבן (תל־אביב תרצ״ח), האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ ביכל: „ספר המעילה — התבוללות, המרה, ריפורמה״ (דאָרט תשי״ז), אַ היסטאָרישע שטודיע, פון אַ שאַרפן אַנטי־משׂכּילישן קוקווינקל. אונדז דאָ אינטערעסירט דאָס לעצטע קאַפּיטל וועגן דער השׂכּלה און דעם קאַמף פון איר און קעגן איר אין בערדיטשעוו (ז״ז 173—206). דער מחבר, אַליין פון אַ באַקאַנטער דאָר־טיקער משפחה, וואָס איז געווען אַקטיוו אין דעם קאַמף (האָט דאָך דער דיין ר׳ אשר מייזליש פריצקער דן געווען דעם משׂכּילישן „ביאור״ לשׂריפה און מען האָט אים אויך פאַרבערנט אין אַ גרויסן אויוון אין שול, ווו ליליענטאַל האָט אַ מאָל געהאַלטן זײַן משׂכּילישע דרשה); אויסגע־וויקלט אין בערדיטשעווער פאָלקלאָר (האָט דערוועגן אַן אַרבעט אין זאַמלבוך וועגן בערדיטשעוו, תשי״א) — הייבט אָן זײַן אַרבעט בימי הבעל שם טוב, ווען ר׳ יוסף האַלפּערן (ר׳ יאָסעלע חריף) איז דאָרט געווען דער אב־בית־דין, און דער מגיד איז געווען דער מקובל ר׳ ליבער הגדול. ער, ר׳ ליבער, האָט געהאַלטן פון בעש״ט, אָבער זיך נישט אָנגע־שלאָסן צו אים, נאָר ווײַל די קבלה זײַנע האָט פאַרשפאַרט דעם וועג פאַר שבתי־צביִיזם און פראַנקיזם, האָט ער ממילא מכשיר געווען בערדיטשעוו — פאַר חסידות. אין יענער צײַט (1763) האָט מען די שטאָט צוגעטיילט צו וואָלין, און עטלעכע סוחרים האָבן געקריגן (1775) די דערלויבעניש זיך צו פאַרנעמען מיט מאַנופאַקטור, און מען האָט נישט באַדאַרפט אָנקו־מען צום ווײַטן בראַצלאַוו. די בראָדער גאַס ווערט אַ צענטער פון מסחר; די שטאָט בליט אויף און דער עקאָנאָמישער כּוח געפינט זיך אין די הענט פון חסידים. זיי ברענגען עס, פערצן יאָר נאָך ר׳ ליבערס פּטירה, אַראָפּ פאַר אַ רב ר׳ לוי יצחק, וואָס איז פריִער געווען רב אין אַנדערע קהילות (שיניווע, ריטשיוואָל, זשעליכאָוו און פּינסק), און די שטאָט רופט זיך: ירושלים דוואָלין. וואָס שײַך דער בערלינער השׂכּלה — האָלט פריצקער — אַז דער דאָזיקער חסידישער צענטער האָט זי אָנגענומען, בלויז אויף וויפל ער האָט באַדאַרפט אירע גייסטיקע כּוחות ופראים, חשבונות־פירער, וכדומה. דעמלט האָט מען אויך געעפנט די ערשטע יידישע אַפּטייק, וואָס איז אויך געווען די ערשטע אין גאַנץ וואָלין. אָבער מער נישט, בפרט

אַז די היימישע משׂכּילים זענען נישט געווען בעסער פון זייערע בער־לינער חברים. דעמאָלט האָט דאָ געוווינט ר׳ יהושע העשל פון כעלם, וואָס איז, ווי־זט אויס, תּחילת געווען געכאַפּט אין פראַנקיזם און האָט זיך, ווי אַנדערע געוועזענע פראַנקיסטן, צוגעוועגדט צו דער השׂכּלה. ער און טוביה פעדער זענען פאַרבעטן געוואָרן צו דער אַסיפה, וואָס ר׳ לוי יצחק האָט איניצירט (תקס״ב אָדער תקס״ג) לטובת הכּלל, אויסצומיידן גזירות רעות. אַן אַנדערער משׂכּיל איז רובינשטיין (פון קאָמפּאָזיטאָרס משפחה), אַ רייכער פאַקטער, וואָס האָט זיך פאַרוויקלט אין אַ קרימינאַל־זאַך און איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און זיך אויסגעלייזט בכּוח שמד, און די חסידים האָבן זיך מיט אים אָפּגערעכנט, אָנרופנדיק די קערך, ווו ער פלעגט קומען זיך מאַליען: רובינשטיינס קלויסטערל. אַ גראָטעסקע סיטו־אַציע האָט זיך געשאַפן מחמת דעם שותּפות פון דער בראָנפן־פאַכט צווישן רובינשטיין און ר׳ יחזקאל בר׳ אהרן יאַמפּאָלער, דעם נודע ביהודה׳ס אייניקל, וואָס זיין ווייב איז געווען אַ טאָכטער פון ר׳ מאיר פּיקעווער, אַ זון פון ר׳ לוי יצחק („מאירקע מיין זון״); אַ שותּפות, וואָס איז, מחמת די קאָנטראַקטן, אָנגעגאַנגען אויך נאָכן שמד. דער דריטער משׂכּיל איז געווען ר׳ שמעריל שניטקעווער, באַקאַנט פון זיין ליצנות, וואָס איז געווען אַ בוכהאַלטער און געלעבט אין ווילשטאַנד, אָבער אַן אַפּיקורס. דער פערער משׂכּיל איז געווען דער שוין דערמאָנטער ר׳ טוביה פעדער, וואָס האָט זיך געפירט לויטן אַלטן שטייגער, אַ פאַרברענטער בעל־קורא און אַ נאָך מער פאַרברענטער ליבהאָבער פון ביטערן טראָפּן.

דער דערמאָנטער פּערסאָנאַזש, פון ביידע זייטן, איז, בעצם, אַ מין פּרעהיסטאָריע לגבי „די משפּחה מאַשבער״. אמת דער נסתּר ברענגט אַ מעשׂה פון ר׳ ליבער הגדול (באַנד 1, ז. 286), וואָס האָט עטלעכע גלגולים (זע דערוועגן אין מיין בוך „בין שאילה לקנין״, תשכ״ט, ז״ז 107—110). אָבער די האַנדלונג אין ראָמאַן קומט פיר עטלעכע דורות שפּעטער, ווען די מלחמה צווישן די משׂכּילים און די חסידים האָט זיך רעכט צעפלאַקערט — פון איין זייט ד״ר ישׂראל ראָטענבערג און משה איטשע האָרוויץ און פון דער אַנדערער זייט ר׳ יעקב יוסף האַלפּערן. ד״ר ראָטענבערג, אַ גאַליציאַנער, וואָס האָט שטודירט אין כּאַרקאָוו, האָט, קומענדיק קיין בערדיטשעוו, געטראָפן בלויז איין משׂכּיל, דעם אויסגעצייכנטן פּעדאַגאָג יוסף פּאָליטשינעצקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן לערער אין ראַבינער־סעמינאַר אין זשיטאָמיר און האָט דאָ, אין בערדיטשעוו, באַנייט דעם פאַראיין „שוחרי ההשׂכּלה״, וועלכן עס האָט, מיט צוואַנציק

יאָר פריִער, באַגרינדט ריב"ל, בשעת ער האָט דאָ, אַ קורצע צייט, געוווינט. ראַטענבערג האָט געהאָלפן דעם ד"ר ליליענטאַל אין זײַן באַקאַנטער אָפיציאַלער נסיעה, און יענער האָט דאָך אין אַ בריוו צום קולטור־מיניס־טער אָוואַראָוו, געשריבן, אַז אויב ער וועט אַרויסרײַסן בערדיטשעוו פון די הענט פון די חסידים, וועלן אים ממילא אין די הענט אַרײַנפאַלן פאָדאָליע, וואָלין, בעסאַראַביע, קיִעוו, כערסאָן און אָדעס. די פרומע אין בערדיטשעוו האָבן, סײַ מחמת מורא פאַרן מלכות, סײַ מחמת דעם גוטן רושם פון ד"ר ליליענטאַל, אים שיין אויפגענומען און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען נוטה צו זײַנע פּראָיעקטן און ד"ר ראַטענבערג האָט דאָס אויסגענוצט לטובת דער השׂכּלה. אָבער ערשט אין די פערציקער יאָרן, ווען די משׂכּילים האָבן זיך פאַרמערט, האָט זיך דאָ געיאָוועט דער לערער אַניפּאָלסקי און געעפנט אַ פּריוואַטשול מיט אַ היפּשן פּראָגראַם: תּנ"ך, תּלמוד און דקדוק אין דער דײַטשישער לערנשפּראַך; חוץ דעם — דײַטשיש, רוסיש און קאַליגראַפיע. די שול האָט פּראָספּערירט, דער לערער איז געווען באַליבט, זײַן תּלמיד מנשה מרגליות (וואָס שוין זײַן טאַטע און זיידע זענען געווען בערלינטשיקעס), דער שפּעטערדיקער עסקן און פרײַנד פון מענדעלען, האָט אַרויסגעגעבן זײַנע מאמרים און זייער סימ־פּאַטיש באַשריבן זײַן געשטאַלט... אויך דער כּלל־עולם האָט אים האָלט געהאַט, בלויז נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער רייכערט ציגאַרן אום שבת. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ד"ר ראַטענבערג געפועלט בײַם מלכות און זי האָט געעפנט אַ מלוכישע שול, און אַניפּאָלסקיס שול האָט זיך פאַרמאַכט. ד"ר ראַטענבערג האָט אויך געעפנט אַ ביבליאָטעק, וואָס איר מקום־מקלט אַז אַמערשט געווען אין דער סוכּה פון קאַזיאַנעם רב, און שפּעטער אַריבער אין קאַסינאָ. דער אַנדערער קעמפער פאַר השׂכּלה איז געווען, ווי דער־מאָנט, משה איטשע האָראָוויץ. זײַן טאַטע איז געווען אַ דאָרף־מלמד, וואָס דאָס ווײַב האָט אים געצוווּנגען זי צו גטן, ווײַל ער האָט זי נישט געקענט מפרנס זײַן; האָט זיך אָבער אויסגעלערנט אַ קאַפּ פּויליש און רוסיש, געקריגן קאָנטאַקט מיטן פּריץ, זיך גענומען צו מסחר און רײַך געוואָרן, גענומען אַ צווייט ווײַב, וואָס האָט אים געבוירן משה איטשע, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן האָראָוויץ, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעקויפט אַ דאָרף מיט אַן ענלעכן נאָמען לעבן בערדיטשעוו און זיך געגרויסט, אַז ער שטאַמט פונעם של"ה. כאָטש די חסידים האָבן אים געשטערט, אויך בכּוח המלכות, האָט ער אויפגעבויט אַ כאָרטעמפּל און אים אָנגערופן אויפן נאָמען פונעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און — אַוועקגעשיקט משה

שפּיצבערגן (אַ משורר בײַם חזן ירוחם הקטן) צום וועלט־באַרימטן ווינער חזן, שלמה זולצער, ער זאָל זיך אויסבילדן אין מאָדערנער חזנות. שפּיצ־בערג איז טאַקע געוואָרן חזן אין בערדיטשעווער כאָרשול. ער איז געווען אַ פֿרײַער משׂכּיל, און לסוף האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן אין פּעטער־בורג.

ווײַטער דערציילט פּריצקער וועגן אַ נידעריקערן טיפּ משׂכּיל, ווי אַברהם מעקלער (ער דערמאָנט נישט, מפּני הכּבוד, זײַן משפּחה־נאָמען), וואָס האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די השׂכּלה־אינסטיטוציעס אין שטאָט און האָט געעפֿנט אַ קאַווע־הײַזל, „בית רחל״, ווו מען האָט געקענט שבת טרינקען קאַווע, רייכערן ציגאַרן, זיך באַגעגענען מיט ראָמאַנטישע נשים; צום סוף האָט מען דאָס קאַווע־הײַזל פֿאַרביטן אויף אַ קאַסינאָ, ווו מען האָט זיך באַגעגנט מיט די גוייִשע שררות און געשפּילט, בײַם גרינעם טיש, אין קאָרטן.

פֿון די בערדיטשעווער משׂכּילים ווערט נאָך דאָ דערמאָנט יוסף יהודה לערנער, וואָס האָט, ביז בר־מצווה, געלערנט תּורה, שפּעטער אַריבער אין דער גימנאַזיע אין זשיטאָמיר, געלערנט יוריספּרודענציע אין אָדעס, געווען אַ משׂכּיל, באַקעמפֿט חסידות (שטאַרק קריטיקירט צווײַפֿלס „שלום על ישׂראל״), האָט אויף רוסיש געשריבן קעגן די בלבולים פֿון אסמין בײַ, האָט זיך אָבער געשמדט. אויפֿן אָרט פֿון אַברהם מעקלער איז געקומען זלמן לעווין, וואָס האָט גענומען פֿאַר אַן אײדעם מענדעלען, וואָס האָט, לויט פּריצקערן, ערשט נאָך יאָרן דערגרייכט מדרגות, און פֿאַרשטאַנען, אַז די משׂכּילים האָבן איבערגעטריבן די מאָס און זענען געווען פֿרעמד דעם גײַסט פֿונעם פֿאָלק.

צום עצם־פֿאָן פֿון „די משפּחה־מאַשבער״ און איר רעם דערנענטערט אונדז די חסידישע קאָנטראַ־אַטאַקע, אָנגעפֿירט פֿון ר׳ יעקב יוסף האַלפּערן, אַ גרויסער עושר, אַ פּיקח, באַקאַנט צווישן ייִדן און גויִים; זײַן באַנק האָט געפֿירט גרויסע געשעפֿטן, אָבער ער איז געווען אַ דאָרן אין די אויגן פֿון די משׂכּילים, בעיקר פֿון משה איטשע האָרוויץ, וואָס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אַ מכשול פֿון דער באַנק, אונטערגעקויפֿט אַ בוכהאַלטער, וואָס האָט זיי אויסגעגעבן די געשעפֿט־סודות, און אים געבראַכט צום באַנקראָט. „מיר האָבן בקבלה — שרײַבט פּריצקער — אַז דאָס הויז ראָטשילד, וואָס האַלפּערן האָט מיט אים געפֿירט מסחרים — וואָלט אים בײַגעשטאַנען, אָבער די משׂכּילים האָבן זיך געאײַלט זיך נוקם זײַן אין אים, און האָבן אונטערגע־

טריבן די האַרטע מאַנערס, אים צו דערקלערן פֿאַר אַן אַנזעצער, און מען האָט ר׳ יעקב יאָסין פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה, און ער איז דאָרט קראַנק געוואָרן און דערפֿון געשטאָרבן. „ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָבן די בייזע מאַנערס זײַנע פֿירגעלייגט, מען זאָל אים לײַכטער מאַכן דאָס געלעגער, האָט ער זיך מיט עקל דערפֿון אָפּגעזאָגט. דער בעשטנישער אַריסטאָקראַט האָט נישט געוואָלט נהנה זײַן פֿון דער מילדקייט פֿון די פֿאַדלע נפֿשות; און ווען זײַן מעמד האָט זיך פֿאַרערגערט, האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פֿון דער תּפֿיסה, און ער איז געשטאָרבן מיתת קדושים, אַ קרבן פֿון דער בער־לינער השׂכּלה״ (ז. 205).

פּרק ב׳: פּאָלעמיש

נאָך דעם ווי מיר האָבן געהערט אַ שפּעטערע, אַנטי־משׂכּילישע דעה, ווילן מיר איצט הערן אַ פֿריִערע, פּראָ־משׂכּילישע, און עקסטרעם אַנטי־חסידישע דעה. זי שטאַמט פֿון באַקאַנטן שרײַבער יצחק יואל לינעצקי און ווערט געבראַכט אין זײַן באַוווסטן בוך „דאָס פּוילישע ייִנגל״ [שפּעטער: „דאָס חסידישע ייִנגל״], אַ נעגאַטיווע פֿיגור, וואָס ער רופֿט אָן פּערליהײַין וואָס איז אַן אַנאַגראַם פֿון היילפּערין און ער ברענגט אַ פֿאַנטאַסטישע סצענע: (מיר ברענגען אין פֿאַרהײַנטיקטן אויסלייג) : ...„באַלד באַמערקט זי [די נשמה פֿונעם דערציילער], ווי עס קלײַבט זיך, אַרום אַ טיש, דאָס גאַנצע בית דין של מעלה, און דער וואָס זיצט אויוון־אָן טוט אַ געשריי: „פֿירט אַרײַן דעם אַלטן רמאַי, דעם צורר ההשׂכּלה, דעם גוזל אלמנות און יתומים פּערליהײַין פֿון דראָביטשעוו (היילפּערין פֿון בערדיטשעוו) צו דין וחשבון!״ הערנדיק דעם גרויסן, געאַכפּערטן נאָמען פֿון דעם חסידישן מיליאָנער, אַז מען רופֿט אים צום משפּט, בין איך נבהל ונשתומם געוואָרן: „סטײַטש, לאָ די ער האָלט נעבעך, ווי מען רעדט, בײַ איין אומגליק, און וועט חלילה, פֿון אַזאַ גדולה דאַרפֿן קומען אויף כּכּר־לחם, וואָסזשע וויל נאָך פֿון אים דאָס בית דין של מעלה האָבן?״... נאָר אין דער מינוט איז אַרײַן אין זאַל אַ שיינער יונגערמאַן, דײַטשיש געקליידעט און דער משמש בײַם טיש האָט אויסגערופֿן: ברוך הבא ר׳ שׂמחה קצי הוי־אַרץ (משה יצחק האַרוויץ) און נאָך דעם יונגן־מאַן האָבן מלאכים נאָכגעטראָגן פּאַק ביכער מיט וועקסלען, שטשאָטעס און פּאַפּירן און איינער האָט אַנידערגעלייגט אויפֿן טיש דעם ספֿר הזכרונות. באַלד האָט מען אַרײַנגעפֿירט אונטער אַ קאָנוואָי דעם חייב, פּערילהײַין (=היילפּערין) — — דאָס דײַטשל (=האַר־

וויץ) האָט אָנגעהויבן בלעטערן די ביכער, אונטערצייכנען די וועקסלען, און אַלץ דערוויזן דעם בית־דין, אַז פערילהיין (=היילפערין) איז מעיקרא נאָך אַ רמאי, אַ שווינדלער און אַ באַנקראָט־במזיד! אַלע האָבן דעם דייטשלס עדות און ראיות פּאָווערייעט און זיך אין אַלעמען איבערצייגט און פערילהיין (=היילפערין) האָט זיך מודה געווען אין אַלע זיינע אונ־טערשריפטן און באַלאַנצן און דער ראש בית דין האָט אַ געשריי געטאָן: „פערליהיין" [היילפערין] איז אַ באַנקראָט בערמה ובזדון־לב און זיין פּסק, על פּי דינא מלכותא דארעא, ער זאָל זיצן תפוס עד יום מותו אינעם דאַרביטשעווער [=באַרדיטשעווער] בית האסורים! און דאָס וואָס אים קומט פאַר זיינע שווערע חטאים נגד הבורא און נגד היושר, מיט זיין גזלענען אַלמנות און יתומים, קהלי'ש, חברה'יש און עולמות־געלטן, מיט זיין רודפן עד לחיים די השכלה מיט אירע סופרים און משכילים, מיט זיין שטיצן, ערן און שעצן דאָס חסידות מיט אירע רעדל־פירער, בכדי דורך זיי צו פאַרגרעסערן זיינע קרעדיטן און מחרים זיין אַלץ, וואָס שטייט אים אין זיין פאַלשן מערדערישן וועג, און נאָך בלייבן ביי דער וועלט אַ פרומער, שיינער, ערלעכער ייד — — פאַר דעם אַלעמען וועט מען אים אין גיכן משפטן, נאָך זיין טויט, על פי דינא דרקיעא — —" („דאָס חסי־דישע יינגל", ווילנאַ, תרנ"ז, ז"ז 214־216).

לינעצקי לאָזט דאָס יונגע דייטשל, הוי־אַרץ [=האָרוויץ] באַגריסן די השכלה, וואָס איז אויך געווען ביים משפט אין דער געשטאַלט פון אַ שיין און יונג ווייבל, פּונקט ווי עס איז דאָרט געווען דאָס חסידות אין געשטאַלט פון אַ באַטאַגטער חצופה (דאָס פּאָרל האָט ער מסתמא אויס־געלייען ביי איציק ערטער), אָבער דער ראש־בית־דין־של־מעלה באַנוגנט זיך נישט דערמיט און באַגריסט דאָס רבנות, וואָס די באַטאַגטע חצופה רופט אָן מתנגדית, אַלץ אַפּנים אין גייסט פון לינעצקיס טעאָריע וועגן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעמענטן אין די דריי באַוועגונגען.

פרק ג': בעלעטריסטיש

און דאָ קומט אונדז אויס צו באַמערקן, אַז היפּש יאָרן איידער דער נסתר האָט אין זיין „די משפחה מאַשבער" קרעיִרט ווי ער האָט קרעיִרט די געשטאַלט פון ר' יעקב יוסף, האָט שוין אַ העברעיִשער שרייבער געמאַכט אַ נאַיִוון פּרווו דערצו — עס איז געווען אַלכסנדר זיסקינד ראַבי־נאָוויטש אין זיין דערציילונג „גבורי הרוח — רשימות הסתוריות", וואָס

ער האָט אָפּגעדרוקט אין זאַמלהעפט „התרבות הישראלית" (ירושלים, תרע"ג), אין וועלכן, עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ קרײַז אַרום הרב ר' אַברהם יצחק הכּהן קוק, מיט זײַן אָנטייל און אַנדערע (י. צ. רימון, בר־טוביה, ר' יעקב משה חרל"פּ, משה זיידל און נאָך). אין דער רשימה־סקיצע רעכנט ער צווישן די גיבורי הרוח, קודם כּל אויס דעם מלמד ר' חיים חריפון און מרת סלאָווע בערלין און זייערע גײַסטיקע און מאָראַלישע גבורה בשעתן עלילת־דם־פּראָצעס אין וועליזש, וויטעבסקער גובערניע (תקפ"ג) און שפּעטער רעדט ער וועגן ר' יעקב יוסף האַלפּערן. „אין ניקאָלאַיס צײַטן — דערציילט ראַבינאָוויטש — האָבן די פּאָדאָליער און וואָלינער ייִדן געפונען אַ קאַפּ נחמה אין הויז פון ר' יעקב יוסף, ער איז פאַר זיי געווען אַ צייכן, אַז זייער קול איז נאָך נישט פאַרלאָשן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, קומענדיק קיין בערדיטשעוו, פלעגט בײַ אים אײַנ־שטיין, איז מיט אים געזעסן און געטרונקען טיי — ר' יעקב יוסף איז טאַקע געווען אַ גרויסער עושר, אָבער דער עיקר איז נישט געווען זײַן עשירות, נײַערט זײַן גרויסע חכמה, ער איז געווען אַ פּאָליטישער חכם. אין פּעטערבורג האָט מען זיך מיט אים תמיד שואל עצה געווען און ער האָט — דערציילט מען — אַ גאָלד־געשטיקט גאַלאַ־מלבוש, בשעת ער שטייט פאַרן קיסר אַליין, גלײַך ווי איינער פון זײַנע מיניסטערן. פאַר־שטייט זיך, אַז אין די מעשׂיות פון המון וועגן ר' יעקב יוסף איז פאַראַן אַ ביסל גוזמות. אָבער ער איז באמת געווען אַן אויסדערוויילטער פאַרשוין, זײַן שטוב איז געווען אָפן פאַרן גאַנצן פאָלק; ווען מען עס האָט געטראָפן אַן אומגליק, אַ רדיפה — איז ער געקומען און דערציילט זײַן לײַד פאַר ר' יעקב יוסף, און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט: דעם האָט ער גע־האָלפן מיט געלט, יענעם מיט אַ גמילות־חסד, אַ נדבה, אַן עצה, אַ שתדלנות, און זײַן פלייס האָט נישט געהאַט קיין שיעור, און אַלץ האָט ער געטאָן מיט עניוות און צניעות. די מלוכה־באַאַמטע האָבן אים געפאָלגט, אָבער ער האָט נישט באַליידיקט דעם קלענסטן פּאָליציאַנט — — — גוט איז ר' יעקב געווען לגבי די גוטע און שרעקלעך לגבי זײַנע קעגנערס — — — און ר' יעקב יוסף איז געווען אַ גרויסער חסיד, און פאַר זײַן רבין איז ער געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זײַן. און אין יענע טעג האָט דאָס מלכות, מחמת מסירה פון די תלמידים פון רבנים־סעמינאַר, שטאַרק גערודפט די רבנים־צדיקים, און ער האָט אויף זיי געמוזט מגין זײַן — — און די תלמידים פון זשיטאָמירער רבנים־סעמינאַר האָבן ר' יעקב יוספן זייער פײַנט געהאַט. און אַז זיי האָבן אים נישט געקענט בײַקומען, האָבן זיי זיך משתדל געווען צו

פסלנען זײַן נאמנות, און עס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן: בשעתן קיִעווער יריד האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז ר׳ יעקב יוסף האָט אָנגעזעצט, און אַלע מאַנערס זענען פלוצעם געקומען און פאַרלאַנגט זייערע פקדונות, און אַז ער האָט נישט אוספּעיעט תיכף צו באַצאָלן, האָט מען אים אײַנגעזעצט אין טורמע. נאָך אַ צײַט האָבן זיך אַ סך פון זײַנע שונאים מיישב געווען, אַז זיי האָבן געטאָן אַ רעה זייער פאָלק, ברעכנדיק זײַן כּוח, און האָבן געשיקט דעם פאַרשפּאַרטן זאָגן, אַז זיי זענען גרייט זיך משתדל צו זײַן פאַר אים, און אַרויסנעמען פון דער טורמע, אָבער ער האָט געענטפערט מיט עקל: איך וויל נישט אָננעמען זייער טובה. ער איז געבליבן אין טורמע, נאָר נאָך דעם ווי זײַן קרענק האָט זיך געשטאַרקט, אַ טאָג אָדער צוויי טעג פאַר זײַן פּטירה, נאָך דעם ווי ער האָט שוין פאַרענדיקט זײַנע חשבונות מיט דער וועלט, איז ער קעגן זײַן ווילן באַפרײַט געוואָרן — — —״ (ז״ז 64—66).

ווי מיר זעען פון דעם נסתּר׳ס ראָמאַן, האָט ער אָפּגעשטויסן דעם פּאַמ־פלעטיש־משׂכּילישן צוגאַנג פון י. ל. לינעצקי און זײַנס גלײַכן אָפּשאַץ פון ר׳ יעקב יוספס געשטאַלט, און ער שטעלט זי אַנידער ווי מיר האָבן עס געהערט פון א. ז. ראַבינאָוויטש און אשר פּריצקער. פון זײַן באַצי־ווייעט נישט בלויז סימפּאַטיע פאַר אַ זעלטענעם כאַראַקטער, נאָר אויך ליב־שאַפט און גרויס אָפּשײַ, און דאָס איז אַ שליסל צום פאַרשטענדעניש פון ראָמאַן, וואָס שפּילט שוין אין אַ שפּעטערער אַנטוויקל־סטאַדיע פון בער־דיטשעווער חסידות.

צווישן מיטאָס און אוטאָפּיע

וועגן ניסן ברוסילאָווס גאַנג און שאַפן

א

ווען עס איז, מיט כמעט צוואַנציק יאָר צוריק, אַרויס ניסן ברוסילאָווס בוך בײַ די טײַכן פון פּאַלעסיע (פאַרלאַג בידערמאַן, ניו־יאָרק) האָט די פּרעסע, וואָס האָט זיך היפּש און וואַרעם אָפּגערופן, אַרויסגעהויבן דעם סענסאַציאָנאַלן מאָמענט, אַזוי אַז כמעט אַלע קריטיקערס און רעצענזענטן, וואָס האָבן גענומען דאָס וואָרט, האָבן דערמיט אָנגעהויבן, ווער מיטן טאָן: אַ ליטעראַרישע סענסאַציע, און אונטערטאָן: עפּעס גאָר אַ חידוש, ווער מיטן טאָן: אַ ליטעראַרישער נס, און מיטן אונטערטאָן: פון דער העלער הויט. די סענסאַציע איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטער מחבר האָט, בײַם אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ערשטע בוך זײַנס, געהאַט הינטער זיך מער ווי זעכציק יאָר לעבן, און די העלפט דערפון מעדיצינישע פּראַקטיק אין ברוקלין.

איז עס געווען גאָר נאַטירלעך, וואָס די זאַך האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערן אינטערעס, אָבער דער רעפלעקטאָר, מער ווי ער האָט באַלויכטן דאָס רעטעניש פון מחבר האָט ער באַלויכטן די ליטעראַטור־סיטואַציע, קלערער געזאָגט: דאָס געפיל פון דער ליטעראַטור־סיטואַציע, אין וועלכער זײַן חיבור איז, ווי פּלוצים, אַרײַנגעפאַלן. עס איז דאָס געפיל פון ספק און רעזיגנאַציע לגבי דעם גורל פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס אירע צענטערס, אָדער פון דרויסן דערשטיקט אָדער פון אינעווייניק פאַרשמעלערט, זענען לאַנג נישט וואָס זיי זענען געווען, און ווער ווייסט, אויב זיי וועלן עס נאָך אַ מאָל זײַן. אין דער מינאָרער אַטמאָספער האָט ברוסילאָווס מאַזשאָרער קלאַנג — האָט ער דאָך אין אַרײַנפיר צו דעם ראָמאַן זײַנעם דערמאָנט נאָך פינף ראָמאַנען וואָס קייטלען זיך צוזאַמען צו אַ ציקל, אַ גאַנצע סאַגע — דערוועקט אָפּטימיסטישע קלאַנגען, ווי אַ שטייגער: די וועלט גייט נאָך נישט אונטער און די ייִדישע ליטעראַטור אויך נישט; אָדער: מען האַלט נאָך נישט בײַם

סוף, אפשר גאָר בײַ אַ נײַעם אָנהייב, און דער צד השווה שטעקט אפשר אין קעפּל פון דניאל טשאַרניס אַפּשאַץ־אַרטיקל: אַ ברוקלינער דאָקטער בלאָזט ווידער אַרײַן פרישע לופט אין אונדזער ליטעראַטור.

שווער צו זאָגן אַז די דאָזיקע אָפּרופן האָבן געזינדיקט מיט אַן איבער־ריקע מאָס לאָגיק — דען זי, די לאָגיק, וואָלט דאָך געזאָגט, אַז אַ נײַער, יונגער בעלעטריסט וואָלט גיכער געווען אַ נחמה, בפרט אַז נאָך אַ קורצער צײַט האָבן זיך איבער אַמעריקע אַ שאָט געטאָן בעלעטריסטישע טאַ־לאַנטן, קינדער און אייניקלעך פון יידיש־רעדערס און לייענערס, וואָס דער סוזשעט זייערער איז יידיש אָבער די שפּראַך — ענגליש. ווײַזט אויס, אַז נחמה און לאָגיק גייען נישט תּמיד געפּאָרט, עס איז אָבער אַ גוטער אַטעסטאַט פאַר ברוסילאָוון, וואָס האָט מיט זײַן דערשײַנען אַרויס־גערופן נישט בלויז באַוווּנדער צו זײַן שאַפעריש אָריגינאַלן יכולת נאָר האָט אויך דערוואַרעמט די יידישע קולטור־אַטמאָספער און איר גלויבן אין זיך.

אַוודאי וואָלט עס מער רעלעוואַנט געווען אַז מ׳זאָל מחמת דעם פּעריי־פערן רושם פונעם חיבור נישט פאַרגעסן דעם צענטראַלן אינטערעס פאַרן מחבר, און וועלן דערגיין ווער איז ער. וואָס איז געווען זײַן לעבנסוועג און ווי אַרום האָט ער זיך אַזוי שפּעט באַוויזן. אין פלוג דאַכט זיך, אַז עס וואָלט געווען כדרך הטבע, אַז נאָך דעם ווי די קריטיקערס האָבן געשריבן וועגן דער סענסאַציע, זאָלן רעפּאָרטערן טאָן זייערס — זיך אַ לאָז טאָן און נאָכפרעגן, דורכנישטערן און רעפּאָרטירן. און אַ פאַרלאַז־לעכער און פּרטימדיקער רעפּאָרטאַזש האָט זיך דאָך ממש געבעטן, סײַ כּדי צו וויסן גופא דעם ענין, סײַ כּדי צו קאָנטראָלירן צי איז, אַשטייגער, יעקב גלאַטשטיין גערעכט געווען, ווען ער האָט זײַן פּאָזיטיוון, כּמעט התלהבותדיקן אָפּשאַץ, וווּ ער רעדט וועגן מחבר, ווי אַ שרײַבער מיט אַ גוואַלדיקן כּוח, און וועגן דעם חיבור, ווי אַ גבורהדיק בוך, פּירויסגעַ־שיקט אַ שטיק רעזערוואַציע — רעדט ער דאָך בפירוש וועגן פאַרדראָס וואָס דער מחבר האָט בײַ אים אַרויסגערופן מיט זײַן אַזוי לאַנגן אויס־באַהאַלטן זיך, וואָס האָט פאַרשאַט סײַ אים אַליין — ווי עס איז קלאָר פון זײַן זאָג: אַ דערגרייכונג מיט פאַרגליווערטע חסרונות, סײַ דער ליטעראַטור בכלל — ווי עס איז קלאָר פון זײַן זאָג: ער האָט דאָך איר געקענט פאַרשאַפן גאָר אַ סך נחת.

אָבער עס ווײַזט אויס, אָדער אונדזערע רעפּאָרטערן לייענען נישט אונדזערע קריטיקערס, אָדער ליטעראַרישע סענסאַציעס, אַפילו זיי זענען ייִדישע — און אפשר גאָר: ווײַל זיי זענען ייִדישע — זענען בײַ זיי קיין סענסאַציעס נישט.

ב

אָוודאי האָט דער לייענער געעקנט סײַ פון דעם בוך סײַ פון זײַן ייִנגערן ברודער די שטילע ערד (ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1957), וואָס איז אויך זײַן המשך, אַרויסלערנען אַז דער אַזוי אויסערגעוויינטלעך רײַך געמאָלענער פּייזאַזש, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ רײַכער כלל־פּלאַס־טישקייט און דעטאַל־אויסגעבונדנקייט, איז אַ קינסטלערישע רעקאָפּי־טולאַציע פון מחברס קינדערשער און ייִנגלשער איבערלעבונג, בפרט אַז ער שטרײַכט עס שוין אין ערשטן בוך אונטער — אין אַרײַנפיר דערצו, באַצייכענענדיק עס ווי אַ נאָסטאַלגיש בוך, אַ בוך פון היימבענקשאַפט. ער וויל, הייסט עס, אין תּחום פון שאַפערישער פאַנטאַזיע, צוריק אין יענער היים, אָדער מיט זײַנע ווערטער: „אין אַזאַ גרויער אײַזערנער צײַט קען זיך דאָס פאַרביטערטע ייִדישע געמיט פאַרגינען צו געניסן אַ ביסעלע גאָלדענע נאָסטאַלגיע”. אָוודאי איז כאַראַקטעריסטיש דער אַנטקעגנשטעל פון דער אײַזערנער צײַט וואָס מיינט דעם איצט און דער גאָל־דענער צײַט, וואָס מיינט דעם אַמאָל, אָבער מיר ווייסן אים שוין פון דעם קלאַסישן ווערטאויפטייל פון די תּקופות אין דער געשיכטע פון מענטש. כאַראַקטעריסטישער איז אפשר דער אַנטקעגנשטעל פון בי־טערן איצט און זיסן אַמאָל, און עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו קאָנטראָלירן די אמתע וואָג פון יענעם גאָלד און דעם אמתן טעם פון יענער זיסקייט, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט דעם צײַטיקן מאַן, און ווילן לעת עתּה לאָזן גילטן וואָס עס געדענקט זיך דעם יונגן קינד און בחור.

אָבער וואָס ליגט צווישן דעם קינד און דעם מאַן, האָט דער לייענער נישט געקריגן צו וויסן. אמת, דרײַ יאָר נאָכן דערשײַנען פון ערשטן בוך, האָט דער ערשטער באַנד פון לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטע־ראַטור (1956) געבראַכט אַן ערך פון וועלכן מיר ווערן געוווירר, אַז ברוי־סילאָוו איז געבוירן (1892) אין אָווורוטש, וואָלינער גובערניע, אין אַ בעל־הביתישער משפּחה, וואָס איז אַריבער קיין קיִעוו (1902) און האָט דאָרט איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם (1905), ער האָט געקריגן סײַ אַ טראַדיציאָ־

נאָלע, סײַ אַ װעלטלעכע דערציִונג, האָט מיט די עלטערן געביטן דאָס יוּוינאָרט און מחמת דעם איז אים אויסגעקומען צו לערנען גימנאַזיע אין כּלערליי שטעט (אָסטרע, פּינסק, גראָדנע), די אוניװערסיטעט־לימודים װײַטער האָט ער אָנגעהויבן אין עסטרײַך (מעדיצין־שטודיום אין פּראָג), אָבער מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער װעלט־מלחמה איז ער, במשך דרײַ יאָר, פאַרשפּאַרט געװען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, און ערשט נאָך דער מלחמה האָט ער געקענט צוריק לערנען אין אוניװערסיטעט, כּדי ממשיך צו זײַן און פאַרענדיקן די שטודיעס (פּראָג, װין, פּאַריז), און איז אַװעק קיין אַמעריקע (1924) און זיך באַזעצט אין ברוקלין.

װאָס שײַך שרײַבן — האָט ער אין זײַנע סטודענטישע יאָרן געדרוקט עסייען, פעליעטאָנען און סקיצן אין פּראָגער ציוניסטישן דײַטשישן װאָכן־בלאַט זעלבסטװעהר, און אין אַ מעהריש־אָסטרויער ייִדיש־דײַטשישער צײַטונג געלאָזט גיין אין המשכים „נחס תיבה", װוּ ער האָט געבראַכט זײַנע איבערלעבונגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. שפּעטער — ליטעראַריש נישט גענומען קיין פּען אין האַנט, און דאָס במשך גאַנצע דרײַסיק יאָר, און ערשט איצט האָט ער אַרויסגעלאָזט זײַן ערשט בוך, װאָס האָט אַרויס־גערופן גרויס אינטערעס װעגן אים, נאָך אים דעם יאָר (1953), אײַנגע־טראָגן די לואיס־לאַמעד פּרעמיע, דער מחבר פון לעקסיקאָן־ערך האָט שוין געהאַט פאַר זיך די קריטיק (גלאַטשטיין, אַשעראָװיטש, אַלמי, ניגער, שאַצקי, טשאַרני, א. לעװ, ג. מײַזיל, א. כּהן) און אויף דעם סמך רעזומירט ער: „דאָס בוך האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די ליטעראַרישע װעלט, דער עיקר אַ דאַנק זײַן רײַכן פאָלקלאָריסטישן (ייִדישן און סלאַװישן) מאַטעריאַל און דער אייגנאַרטיקייט פון זײַן סטרוקטור".

אַגב, װער עס האָט די קריטיק געלייענט, קען נישט לייקענען אַז די רעזומע האָט אַ האַפּט, אָבער מיר װעלן נאָך נאָכקוקן װאָס די קריטיק האָט געזען און פאַרזען, און װעלן זיך לעת־עתּה באַנוגענען מיט דער אַזהרה פון אונדזערע חכמים: ערבך ערבא צריך.

מיר האָבן בפּרוטרוט איבערגעגעבן דעם לעקסיקאָן־ערך, װײַל ער איז, ברשות הרבים, דער אײנציקער אינפאָרמאַציע־מקור, פון װעלכן עס לאָזן זיך אָפּלערנען כּמה וכמה פּרטים, און מיר װעלן זיך דערלויבן מפרש צו זײַן װאָס מיר האָבן דערפון אָפּגעלערנט. ערשטנס, דאָס געבוירן־אָרט — אַװרוטש, איז אין װאָלין אַ שם־דבר סײַ בײַ גויים, סײַ בײַ ייִדן. בײַ

גוייִם — אַן אַלט אוקראַיִנישער ייִשוב וואָס ווערט מיט טויזנט יאָר צוריק דערמאָנט, דאָרט איז פּירגעקומען די שלאַכט צווישן קניאַז יאַראָפּאָלק און קניאַז אָלעג (וועלכער איז דאָרטן באַגראָבן), באַרימט מיט אַן אַלטער קערך (סוף 12טן יאָרהונדערט) און נאָך באַרימטער מיט אויס־אַרבעט פון טאָרפּציגל, וואָס זענען צעגאַנגען אין גאַנץ אוקראַיִנע און פּוילן (11־12טן יאָרהונדערט). ביי ייִדן — אַן אַלטע קהילה, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו מדינת ליטע, גליל פּינסק, איז אָבער אָנגעשלאָסן געוואָרן, אין ועד אַרבע אַרצות, צו וואָלין; אין דער געשיכטע פון חסידות איז באַרימט די געשטאַלט פון ר׳ אַברהם־דב אָוורוטשער, וואָס איז געוואָרן אַ מאַרקאַנטע געשטאַלט אין אויפבוי פון צפת — אַ צענטראַלע פיגור אין יהושע בר־יוספס קערנדיקער און פאַרביקער טרילאָגיע העיר הקסומה (די פאַרכישופטע שטאָט), און אויב די געשטאַלט פון רבין ר׳ נחומטשע דער נסתר, וואָס ווערט געשילדערט אין ברוסילאָווס ראָמאַן, פירט טאַקע צו אַ קאָנקרעטן פאַרשוין, זענען פאַראַן גאַנץ בולטע סימנים, אַז אין זיין כאַראַקטער און גאַנג, ווי ער ווערט דאָ באַשריבן, האָבן זיך אַריינגעשלייכט שטריכן פון ר׳ נחום שאָסטאַק און בעיקר פון אַברהם־דב אָוורוטשער, כאָטש די כאַראַקטעריסטיק פון ר׳ נחומטשעס זון און אייניקל פירן גיכער קיין סטאָלין, און די ליבשאַפט צו שיינע פערד און זיין מבינות דערויף איז נישט די איינציקע ראיה.

על־כל־פנים האָט ברוסילאָוו (וואָס האָט, גרונטיק, געהייסן ברוסילאָווער, מסתמא מחמת אָפּטשאָם פונעם שטעטל בריסילעוו, וואָס אירס אַ רבי האָט אויך אָנגעשפּאַרט אין אַמעריקע) אין דער קאַנווע פון פּייזאַזש, האַנדלונג און טיפּאַזש, פון זיינעביידע ראָמאַנען, בעיקר פאַרוועבט סיי פעדעם פון זיינע אָוורוטשער און פּינסקער זכרונות און אָבסערוואַציעס, סיי שמועסן, און מיטן כוח פון זיין שאַפערישער פאַנטאַזיע און מיט דער הילף פון ערלעכע שטודיעס, אויפגעלעבט אַ דורותדיקן שטייגער, ווי ער האָט שוין, אין גרויסע סימבאָלן, קאָנקרעטיזירט אין יענעם יאָרהונדערט — אין ערשטן באַנד צוויי יאָר (1879—1880), אין צווייטן באַנד אַ האַלב יאָר שפּעטער (ווינטער און זומער 1880), אַזוי אַז דער המשך פון דער סאַגע, דער דריטער באַנד, האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן מיטן גרויסן איבערבראָך אין ייִדישן לעבן אונטער פאָניעס ממשלה, אין דער פּאָגראָם־זאַווערוכע, עלף יאָר איידער אונדזער מחבר איז אין אָוורוטש געבוירן געוואָרן, אָבער זיבן יאָר נאָך דעם ווי עס איז אין מאָטעלע געבוירן געוואָרן יענער, וואָס

דער ערשטער באַנד פון בוך איז אים געהייליקט, — ווי עס הייסט נאָכן שער־בלעטל: „צום אָנדענק / פון אַ גרויסן פּאַלעסיער ייִדן / פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן, ע״ה / ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישׂראל״.

און מיר דערוועגן זיך אַרויסצוזאָגן אַ פּאַראַדאָקס, אַז דער מחבר נעמט אפשר אָן, אַז דאָס וואָס דער פּאַלעסיער ייִד איז געוואָרן דער ערשטער נשׂיא־ישׂראל, איז גרײַלעך נישט קיין צופאַל, אָבער זײַן חיבור גלייבט זיכער אַז דאָס וואָס אַ פּאַלעסיער ייִד איז עס געוואָרן, איז אַוודאי נישט קיין צופאַל, און אויך דאָס געהערט צו דער סימבאָליק, וואָס איז דער עיקרשטער עלעמענט אין דער גרויסער דערציילערישער פּאַנאָראַמע.

ג

אַזוי ווי דער אַרײַנקוק אין קורצן לעקסיקאָן־ערך האָט אונדז פאַר־פּירט, לפּחות דרך רמז, צו אַנטיציפּירן עטלעכע הויפּטאויספּירן אונדזערע, וועלן מיר אָפּרוקן און זיך אומקערן צו דער ביאָגראַפיע, אָבער שוין אויף אַ ברייטערן סמך — אָן אויספירלעכע אויטאָביאָגראַפישע סקיצע, וועלכע דער מחבר האָט דיקטירט און וואָס ליגט איצט פאַר אונדז. זי נעמט אַרום די עיקר־סטאַציעס פון זײַן לעבן, פון זײַנע ערשטע יאָרן אין אַוורוטש ביז זײַנע לעצטע יאָרן אין ווין, האַרט פאַר זײַן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע (1922). מיר הערן דאָ וועגן זײַן אָפּשטאַם — דער פאָטער פון אַ מיוחסדיקער חסידיש־נגידישער סוחרים־משפּחה, אָבער נוטה צו השׂכּלה, פּרי צוגעשטאַנען צום פּאָליטישן ציוניזם, געווען אין שטאָט דער ערשטער וואָס איז געפאָרן צו אַ ציוניסטישן קאָנגרעס און פאַרכּישופט געווען פון הערצל, אַבאָנירט בלעטער — דעם רוסישן וואָלין, דעם העבּרעיִשן המליץ, די דײַטשישע (און אפשר אויך די ייִדישע) די וועלט, לאָזט די טעכטער גיין אין קיִעווער גימנאַזיע, די זין האַלט ער מלמדים פאַר לימודי־קודש און אַ לערער פאַר לימודי־חול, און אין שטוב גייט אָן, מסתּמא דער עיקר שבּת, אַ דרײַזיקע לעקטור: די מאַמע — „צאנה וראנה״, די קינדער — רוסישע קלאַסיק און רעוואָלוציאָנערע העפטלעך, דער משרת ווײַטער לייענט פיר דער דינסט שמרס ייִדישע ראָמאַנען.

דער זון, ניסן, פאַרברענגט די זומערן אין כּוטערל, אין הויז פון זײַן געוועזענער אַם מרת חנה, וואָס איר מאַן איז אַ משגיח אין אַ זעג, וואָס באַאַרבעט שוועלן פאַר דער באַן, און אַזוי ווי ער פאָרט אַ סך אַרום אין דער סביבה, ווו ער צעפירט געהילץ, נעמט ער מיט דעם קליינעם גאַסט

זײַנעם אויף אויף די נסיעות, פֿאַרשפּינט זיך דער אינטימער ראָמאַן צווישן דעם קומענדיקן מחבר און זײַן קומענדיקן עיקר־סוזשעט — די ברייטקייט פֿון דער פּאָלעסיער נאַטור און אירע פּייזאַזשן; די באַזונדערקייט פֿון פּאָלעסיער פּויער, זײַן וועלט, קולטור און שפּראַך („טוטעשני״ — דער היגער דיאַלעקט), און עס שאַפֿט זיך אַ מין אינטימער פֿאַרבונד, וואָס האָט געלאָזט אײַנדרימלען די גרונטיקע שׂינאה פֿון עשׂו צו יעקבֿ, ווי זי האָט זיך צעיושעט מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ווען אַן אָרטיקער אַטאַמאַן מיט זײַן באַנדע האָבן אויסגעהרגעט זײַן ברודער און אַ טייל פֿון זײַן משפּחה. אָבער לעת־עתּה זענען מיר נאָך ווײַט דערפֿון און מיר שטעקן אין דעם נאַיִוון גלויבן אין אַן אידילישן שלום צווישן עשׂו און יעקבֿ, און מעגלעך, אַז דער לײַכטער גלויבן, וואָס אַחינו בני ישׂראל זענען אין אים באַזונדערע מומחים, האָט עס דעם קינד און ייִנגל פֿאַרהאָלפֿן אײַנצוזאַפּן דעם אַרום, דורכדרינגען נאַטור און מענטש, און זיי טיף דורכלעבן און אין אַ מין אייביקער פֿרישקייט דערהאַלטן אין זכּרון, כּדי דאָס, נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, קינסטלעריש צו רעפּראָדוצירן.

פֿאַר בר־מצווה פֿאַרלירט ער די מאַמע און דער טאַטע פֿאָרט מיט דער משפּחה אַריבער אין טשערניגאָווער גובערניע און באַזעצט זיך דאָרט און דאָס ייִנגל קריגט פֿאַר לימודי־קודש אַ לערער, אַ געוועזענעם תּלמיד פֿון ר׳ חיים־זעליק סלאָנימסקי (מסתּמא אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול), וואָס איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פֿון אחד־העם, און פֿאַר לימודי־חול אַ לערער, אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער און טאָלסטאָיאַנער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿאַר נאַטור־וויסנשאַפֿט אין קיִעווער אוניווער־סיטעט. דער דאָזיקער לערער, ריאַזאַנאָוו, וואָס האָט אים צוגעגרייט אין גימנאַזיע־לימודים, האָט, ווײַזט אויס, געהאַט אַ השפּעה אויף זײַן יונגן תּלמיד, און מיר וועלן אים נאָך באַגעגענען אין זײַן לעבן. די שוועסטער האָט חתונה מיט אַ באַנק־באַאַמטן אין קיִעוו, ווו זיי פֿירן אַ ברייט הויז, ווו עס קומען זיך צונויף די קאָרפֿנקעפּ פֿון דער פּראָגרעסיווער אינטע־ליגענציע — אַזוי אַרום באַגעגנט זיך דאָס ייִנגל מיט שלום־עליכם, קאָראָ־לענקאָ, אַנדרייעוו, שעסטאָוו (שוואַרצמאַן), גרוזנבערג, שמריה לעווין, און ער געדענקט נאָך אַ זינגקאָנצערט פֿון מ. מ. וואַרשאַווסקי. ער טרעט אַרײַן אין אַ קיִעווער גימנאַזיע, אָבער מחמת זײַן אָנטייל אין אַ רויטער דעמאָנ־סטראַציע (1905) פֿאַרשליסן זיך פֿאַר אים אירע טירן און זײַן נאָמען קומט אַרײַן אין אַ שוואַרצער ליסטע. אַזוי אַרום קומט ער אָן קיין פּינסק אין אַ פּראָגימנאַזיע און וואַנדערט אַרום אין תּחום־המושבֿ.

ווי וויַיט עס האָט געגרייכט זײַן אינטערעס פאַר ליטעראַטור, לערנען מיר אָפּ דערפֿון, וואָס ער האָט געוווּנען דעם שילער־קאָנטעסט וועגן ליעוו טאָלסטאָי, און ביַי דער פיַיער, וואָס איז פֿירגעקומען אין קיִעוו, האָט קאָראָלענקאָ געהאַלטן אַ גאָר כאַראַקטעריסטישע רעדע וועגן יכולת פֿון ייִדן אַריַינצודרינגען אין רוסישן מהות.

אָבער רוסלאַנד איז דעמאָלט וויַיט פֿון זײַנע גרויסע הומאַניסטישע שריַיבערס — מיטן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע האָט אַראָפּגענידערט אַ טונקעלער גיַיסט פֿון ציניִשקייט, קאַריעריזם, און צווישן דער ייִדישער אינטעליגענציע איז אויסגעבראָכן אַ שמד־מגפה, און דער יונגער סטודענט, וואָס פֿאָרט אויס דאָס אייראָפּעיִשע רוסלאַנד, דורך דער לענג און דורך דער ברייט, און הערט זיך עטלעכע מאָל צו צו די אַנטיסעמיטישע העצע־ריַיען אין דער דומאַ, קלערט וועגן אַ ברייט פֿאַרשניטענעם ראָמאַן, וואָס זאָל אַרומנעמען די תּקופֿה פֿון די קאָנטאָניסטן ביז בייליס, אָבער עס בליַיבט בלויז אַ פּלאַן. מיר ווייסן נישט וואָס ער איז דעמאָלט מסוגל געווען צו שריַיבן. עס איז געגנוג פֿאַר אונדז, אַז ער האָט געוואָלט שריַיבן, און געהאַט אַ גרויסן פֿאַרנעם, אָבער מיר דערוועגן זיך אָנצונעמען, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט נישט בלויז אַ היפּשע מאָס אַספּיראַציעס נאָר אויך אַ היפּשע מאָס יכולת. מיר טוען דאָס, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אַריַינגעלייענט אין אַ בלאַט געדיכטן כּתבֿ־יד, וואָס האָט זיך דער־האַלטן פֿון זײַן פּופֿצנטן לעבנסיאָר, און זעען באַשיַימפּערלעך: נישקשה, גאָר נישקשה.

ד

דער וויַיל געפֿאַלט אַ שינוי — די שוועסטער און דער שוואָגער קענען נישט אויסהאַלטן אין דער גיפֿטיקער אַטמאָספֿער און טראָגן זיך אַריבער קיין פּאַריז, און ער גופֿא פֿאָרט שטודירן קיין פּראַג. דאָ זעט ער ווידער דעם ענין ייִדן און גויִים אָבער אין אַן ענלעכן און נישט־ענלעכן ספּעק־טרום — דער ייִדישער אַסימילירטער מיעוט צווישן טשעכישן רוב איז דיַיטשיש אַסימילירט, אָבער אויך דאָ, צווישן האַמער און קאָוואַדלע, און בלויז אַ קליינע גרופּע איז ייִדיש־נאַציאָנאַל אָריענטירט און ממילא נאָענט דעם „אַסטיודן־קלוב״, ווו עס גייט אָן אינטענסיווע ייִדישע קולטור־אַרבעט. אָבער קוים זענען אַוועק צוויי יאָר — אין צווישן האָט ער זיך באַגעגנט מיט זײַן טאַטן וואָס איז זיך געקומען היילן אין קאַרלסבאַד — ברעכט

אויס די וועלט־מלחמה, און דער סטודענט, ווי אַ רוסישער אונטערטאַנער, ווערט אינטערנירט אין אַ לאַגער, אין נידערעסטרײַך, ווו ער בלײַבט דרײַ יאָר נאָך אַנאַנד און אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט קריגט ער דאָרט אַ וועלט צו זען — אין דעם געווימל אינטערנירטע אַנטפּלעקט זיך דעם אָבסער־וואַטאָר דער מענטש אין זײַנע סתירות, זײַנע הייכן און נידערן — און די אומפּאַרגעסלעכע אײַנדרוקן זײַנע פּרוּווט ער שפּעטער, ווען ער איז ווידער אַרויס אויף דער פרײַ, צו פיקסירן — עס איז די סעריע „נחס תיבה", וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט.

פאַראַן אַ קליינער אָפּווײַך צווישן לעקסיקאָן און דער אויטאָביאָגראַ־פיע — דאָרט רעדט זיך וועגן המשכים אין דער דײַטשיש־ייִדישער צײַטונג, אין מעהריש־אָסטרוי, און דאָ רעדט זיך וועגן אַ בוך וואָס איז דאָרט אַרויס.

ה

עס לויַנט זיך דער זאַך נאָכצוגיין און איך האָב שוין, אין מײַן בריוו לכבוד דער פּרעמיע פון די גאָלדענע קייט וואָס ברוסילאָוו האָט געקריגן, דערמאָנט, אַז איך געדענק גוט יענע צײַטונג, וואָס איז געווען גאָר פאַר־שפּרייט אין מײַן געבוירן־שטאָט (צווישן דער ערשטער און צווייטער רוסישער אינוואַזיע) און איך בין געווען פון אירע אפשר ייִנגסטע לייע־נערס (דאָרט איז אויך צום ערשטן מאָל געדרוקט מײַן נאָמען) און וויל איצט צוגעבן, אַז סײַ אין דער דאָזיקער טאָגצײַטונג, סײַ אין דער פּראָגער וואָכן־צײַטונג זעלבסטוועהר, איז געווען קאָנטיק די השפעה פון די ייִדישע פּליטים, וואָס זענען אַוועק פון גאַליציע, און געזעסן סײַ אין די גרעסערע, סײַ אין די קלענערע שטעט אין בעהמען און מעהרן. זיי זענען דאָס געווען אַ ייִדיש־נאַציאָנאַליזירנדיקער און פּאָלקיזירנדיקער גורם צווישן די דאָר־טיקע אַסימילירטע ייִדן און האָבן ממילא געשטאַרקט די קליינע נאַציאָ־נאַל־ייִדישע גרופּע, וואָס איז נאָך דער מלחמה, מיטן אויפקום פון טשע־כאָסלאָוואַקיע, און צוקום פון ייִדיש־פאַרוואָרצלטע ישובים, זיך פונאַנ־דערגעוואַקסן.

איך וויל בלויז דערמאָנען צוויי אַזעלכע פּליטים — ביידע טאָרנעווער — ווילהעלם בערקעלהאַמער, וואָס איז פריִער געווען דער רעדאַקטאָר פון פּוילישן חודשניק פון דער ציוניסטישער יוגנט מוריה און שפּעטער רע־דאַקטאָר פון דער פּוילישער ציוניסטישער קראָקעווער טאָגצײַטונג נאָווי

דזשעננ יק, אָבער בשעת דער מלחמה האָט ער רעדאַקטירט די דערמאָנטע מעהריש־אָסטרויער טאָגצײַטונג; אַברהם כּהנא (אבר״ך) וואָס האָט מיט־רעדאַקטירט די פּראַגער זעלבסטוועהר.

ווען ברוסילאָוו קומט צוריק קיין פּראַג, כּדי ממשיך צו זײַן זײַנע מעדיצינישע לימודים, טרעפט ער עס שוין ווי די מעטראָפּאָליע פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק, ווו די ייִדן האָבן זייער אייגענעם נאַציאָ־נאַל־ראָט, אַזוי אַז די קליינע ייִדיש־נאַציאָנאַלע גרופּע איז אויסגעוואַקסן צו דער רעפּרעזענטאַטיווער באַוועגונג פון דעם קאָליריקן ייִדישן ייִשוב. אמת, דער עלטערער דור שטעקט נאָך שפּראַכיק אין דער אַלטער דײַטשי־שער אַסימילאַציע, דער ייִנגערער דור טענדירט טיילווײַז שפּראַכיק צו דער נײַער טשעכישער אַסימילאַציע, אָבער דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע און דעמאָגראַפישע פּנים איז אַן אַנדערס און ייִדיש לשון, ליטעראַטור, טעאַטער ווערן אַ סך ווערקלעכער ווי פריִער. אמת, ווען ברוסילאָוו קומט צוריק, אין „אָסטיודן־קלוב״ שאַלטעווען דאָרט די קאָמוניסטן, אַזוי אַז כּדי זייער דאָמינירנדיקע השפּעה בײַצוקומען, האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע „אַחדות״.

ברוסילאָוו קומט אין קאָנטאַקט מיט די ייִדישע שרײַבערס און דענ־קערס און ער האַלט אָן אַ פרײַנדשאַפט מיט מאַקס בראָד, וואָס האָט נישט בלויז געלייענט ייִדיש, נאָר אויך פון איר איבערגעזעצט אויף דײַטש, מיט הוגאָ בערגמאַן (וואָס איז מיט דעם ערשטן שטראָם פון דער דריטער עליה געגאַנגען קיין ארץ־ישׂראל און זיך באַזעצט אין ירושלים), מיט פראַנץ קאַפקאַ און פראַנץ ווערפל, וואָס האָבן אויף אים געהאַט אַ השפּעה, און עס לוינט זיך איר נאָכצוגיין.

אָבער אַ פירבאַדינג דערצו איז אַ דורכקוק פון זײַן דעמאָלטיקער אייגענער שאַפונג, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין זײַן מיטאַרבעט אין דער זעלבסטוועהר, און מיר האָפן די זאַך באַזונדערש צו באַהאַנדלען, שוין מחמת דעם, וואָס דאָס גיט אַ שטיקל מעגלעכקייט לויט די דאָזיקע אָנהייבן נאָכצופאָרשן זײַן וועג צו דער גרויסער פּראָזע זײַנער. מיר רעדן בלויז וועגן אַ שטיקל מעגלעכקייט און דאָס מחמת צווי טעמים.

דער ערשטער טעם איז די עובדה, וואָס מיר האָבן פאַר זיך נישט קיין אָריגינאַל, און מיר ווייסן נישט, אויב ער האָט זיך דערהאַלטן, פּונקט ווי מיר ווייסן נישט קלאָר, ווער דער אָדער די איבערזעצערס זענען געווען, אָבער מיר ווייסן, אַז אין יענער צײַט זענען די איבערזעצן פון ייִדיש אין דײַטש ווײַט געווען יוצא צו זײַן די אויפגאַב און אירע פאָדערונגען. אויך בעלי־טעם האָבן דאָ געשפּילט חסד־טוערס, און כּדאַי דורכצולייענען פריץ־

מרדכי קאָפּמאַנס קריטיק וועגן אַזאַ געניטן איבערזעצער ווי עס איז געווען אַהרן עליאַסבערג, כּדי צו זען ווי אַזוי די מלאכה האָט אויסגעזען. דער צווייטער טעם איז די עובדה, וואָס מיר זענען זיך משער, אַז אין די דרײַסיק יאָר ליטעראַריש שווײַגעניש, איז ברוסילאָוו געווען כּביכול שטום, אָבער חלילה נישט טויב און בלינד — ער האָט זיך אײַנגעהערט אין זײַן אייגענעם ייִדיש, און עס באַרײַכערט מיט געהערטן און בעיקר געלייענטן ייִדיש, אַזוי אַז זײַנע ראָמאַנען, כּל־שכּן זײַנע נאָוועלן, באַווײַזן שפּראַכ־לעך, אַז זײַן אינעווייניקסטער שפּראַך־אַנטוויקל, פּונקט ווי ער האָט אָפּגעהיטן זײַנע אייגענע גרונט־עלעמענטן און זיי פּאַרטיפּט, האָט ער אײַנגעזאַפּט דאָס, וואָס איז אין כּלל־אַנטוויקל פון דער ייִדישער ליטע־ראַטור־שפּראַך צוגעקומען, און אַז דאָס לאַנג לאַטענטע איז אַזוי ווי מיט אַ מאָל מאַניפעסט געוואָרן — האָט ער אַנידערגעלייגט אַן עברי, וואָס האָט נישט נאָכגעהונקען די דערגרייכונגען פון ייִדישן פּראָזע־לשון, נאָר איז מיט אירע אייבערשטאָפּלען מיטגעגאַנגען, און אַפילו פּירויס־געגאַנגען.

פון דעסטוועגן איז עס אַ חוב דורכצוקוקן יענע קאַפּיטלען פּראָזע, וואָס זענען געקומען אין רשות הרבים אין אַ פּרעמדשפּראַכיקן לבוש, בפרט אויב עס זאָל געלינגען פּאַרקלענערן דעם דרײַסיק־יאָריקן אָפּשטאַנד צווישן דער יונגער פּראָזע אין איבערזעץ און דער צײַטיקער פּראָזע אין אָריגינאַל, דורך אַנדערע דאָקומענטן, מעג עס אַפילו זײַן בלויז בריוו וכדומה.

ו

לעת־עתּה קענען מיר בלויז קאָנסטאַטירן, אַז די יונגע פּראָזע זײַנע האָט באַהאַנדלט דאָס נאָענטע, די איבערלעבעניש פון יונגנמאַן אין אינ־טערניר־לאַגער, בשעת די צײַטיקע פּראָזע זײַנע באַהאַנדלט דאָס ווײַטע. אַזוי אַרום איז דער נאָמען „נחת תּיבה" כאַראַקטעריסטיש; ער וויל זאָגן: די וועלט אַרום ווייקט זיך אין אַ שטורמישן מבול, אָבער אויך דאָ, אין דער תּיבה, וואָס איז כּביכול אָפּגעשלאָסן פון דער דאַזיקער וועלט, שטורעמט עס נישט ווייניקער.

אַז די סעריע האָט געמאַכט אַ רושם לאָזט זיך אַרויסדרינגען דערפון, אַז מאַקס בראָד, האָט ווי דער פּירשטייער פון דער ייִדישער דעלעגאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע, ציטירט די דאָרט געבראַכטע פאַקטן וועגן רדיפות אויף ייִדן אין די אינטערניר־לאַגערן.

נאָכן באַקומען דעם דאָקטער־טיטל הייבט זיך אָן ברוסילאָווס מעדי־צינישע קאַריערע — צום ערשט אין ראָטשילד־שפּיטאָל אין ווין און אין אַ יאָר אַרום זעען מיר אים שוין אין אַמעריקע. אָבער פּאַר דעם קומט נאָך אָן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. באַזאָרגט וועגן דעם גורל פון זײַן ייִנגערן ברו־דער, וואָס איז אַפּנים געווען אין דער רויטער אַרמיי, נעמט ער זיך אַרומ־פרעגן, און דערגייט, אַז אייינער האָט וועגן אים ידיעות. ער קען זיי אָבער בלויז פּנים־אל־פּנים איבערגעבן און דאָס אין סטאַמבול, ווו ער געפינט זיך אויפן וועג קיין ארץ־ישראל; ברוסילאָוו הייבט זיך אויף און פאָרט קיין סטאַמבול, ער טרעפט שוין אָבער נישט דעם פּאַרשוין, טרעפט אָבער אָן אַלטן באַקאַנטן, זײַן געוועזענעם לערער ריאַזאַנאָוו, וועלכער גרייט זיך מיט אַ גרופּע פּראַוואָסלאַוונע פּילגרימען קיין ירושלים און די איבע־ריקע פּאָר זיי הייליקע ערטער, און ער רעדט ברוסילאָוון צו מיט זיי מיטצוגיין, און ער פאָלגט אים, און פאַרשטעלט פאַר אַ גוי, וואָס זעט אויס ווי אַן אַרמענער, מאַכט ער מיט די גאַנצע פּילגרימקע און אירע קולטן און צערעמאָניעס, און שפּעטער לאָזט ער זיך, אויף אַ וואָך צײַט, איבערן אַלטן און יונגן ייִדישן ישוב.

איך מוז מודה זײַן, אַז ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף דעם דאָזיקן אַוואַנטוריסטישן קוריאָז, וואָס פאַרענדיקט די פון אים דיקטירטע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס מיר האָבן, לעת־עתה, פאַר זיך, בין איך געווען אַ קאַפּ קאָנסטערנירט. אַוודאי, ראַציאָנאַל לאָזט זיך די זאַך גאָר לײַכט אויסטײַטשן, אָבער מיט אַן עוקץ מיסטישער נטיה, קריגט דער דרײַיִקער כאַראַקטער פון די דרײַ גרונט־באַגעגענישן מיטן געוועזענעם לערער אַ לפּחות מאָדנע ליכט — ווי אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער אין טשערניגאָוו, ווי אַ ביילריסיאַנער אין קיִעוו, ווי אַ פּראַוואָסלאַוונער פּילגרים אין סטאַמ־בול און ירושלים. דעסגלײַכן דער ענין שפּילן און דאָס מיט אַלע פּיטשעווו־קעס, די ראָל פון אַן אַלטגלייביקן פּילגרים און דאָס אין ירושלים. אויך די זאַך לאָזט זיך ראַציאָנאַל גאָר לײַכט אויסטײַטשן — אַ פּאָרטל צו טרײַבן חוזק מיט דעם ענגלישן מאַנדאַטאָר (דאָס פּאָרטל איז נאָך אָנ־געגאַנגען אין דער צײַט פון דער טערקישער ממשלה — אַזוי איז אַהרן הרמוני ייִנגלווײַז געקומען בתורת פּראַוואָסלאַוונער פּילגרים, אין לאַנד אַרײַן, כּדי צו לערנען אין מקוה־ישראל — שפּעטער אַ העברעיִשער שרײַבער און רעדאַקטאָר פון העולם אין סטאַמבול); אַ שטיפערײַ־אויף־טשיקאַוועס פון אַ ייִדישן יונגן אינטעליגענט, וואָס פּרוווט שפּילן אַ

פּאָלנעם גוי (ווער ווייסט עס נישט פון שלום־עליכמס בלוטיקער שפּאָס), אָבער עס געהער אַפילו נישט קיין עוקץ מיסטישע נטיה, כּדי זיך מיט תּירוצים צו באַנוגענען, אַז מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז דאָ שפּילט די אידענטיפיקאַציע איינער, וואָס דער יידיש־גוייִשער קאָמפּלעקס און זײַנע וואָרצלען און אויסוואוקסן, זענען דער עיקר פון זײַן קינסטלערישן ווערק אין זײַנע צוויי ראָמאַנען, ווו עס גייט אים צו דערגרונטעוועטן זיך צום מהות פוןביידע צדדים, זייער אייבערשטע פלאַכע היימישקייט און נאָענט־קייט און זייער אונטערשטע טיפע פרעמדקייט און ווײַטקייט. דען כאָטש דער דערציילער גופא איז אַ בפירושער צד, מוז ער זיך אַרײַנפילן און אַרײַנלעבן אין ביידע צדדים, און דאָס קען געשען דורכן אַרײַנשפּילן זיך אין דעם צד, וואָס ער גופא רעפּרעזענטירט נישט. דאָס איז, ווײַזט אויס, די ערנצטע און בכּיוונדיקע זײַט פון דעם שטיפערישן און צופאַליקן פּילגרים־מאַסקאַראַד. אַז דאָס געשעט בײַם קוואַל פון ביידע זײַטן, ווו ביידע צדדים זענען זיך כּביכול צום נאָענסטן, און זענען עס באמת צום ווײַטסטן — איז שוין, דאַכט זיך, גאָרנישט צופאַליק.

ז

אַזוי אַרום האָט אונדז די ביאָגראַפיע, און די נאָכטראַכטענישן וואָס זי דערוועקט, געבראַכט צו דער סאַמע יאָדרע פון זײַן שאַפן, צו דער עיקר־טעמע און עיקר־כּוונה. מיר ווייסן, אַז מיר זענען דערינען נישט משווה מיט דער קריטיק, וואָס בײַ איר גאַנצער התפּעלות, איז איר לײַכטער אָנגעקומען צו זאָגן, וואָס די צוויי בענד זענען נישט, איידער צו באַשטימען וואָס זיי זענען יאָ. יעקב גלאַטשטיין האָט געהאַלטן אַז עס איז בכלל נישט קיין ראָמאַן, וואָס פאַרמאָגט אַ צענטראַלן העלד, מיט זײַנע לײַדן און פריידן, ער איז גיכער נוטה צו זען דאָ אַ גרויסע פּאָעמע, — וואָס געהערט צו אַ באַזונדערער פאַרעם פון דער חורבן־ליטעראַטור, — די רעסטאַוראַציע פונעם געוועזענעם שטייגער. מענדל אָשעראָוויטש ווײַטער האָט אַפילו גערעדט וועגן אַ ראָמאַן, אָבער אַזעלכן, וואָס פאַר־מאָגט נישט קיין אַנטוויקל — עס געשעט דאָ גאָרנישט, כּביכול, מען טאָפּטשעט אויף דעם זעלבן אָרט; מחמת פאַלקלאָרישער איבערגעלאָדנ־קייט, זעט זיך נישט אַפיר די בעלעטריסטיק, אַזוי אַז דערווײַל (בפירוש: דערווײַל) איז ער נישט גרייט געווען דעם מחבר אַרײַנצונעמען אין דער קאַטעגאָריע פון גוטע נאָוועליסטן. וואָס ער איז יאָ מיטן פולן מויל

מודה געווען איז, אַז דער מחבר איז אויסגעבונדן אין דער געשיכטע, מסורות, מינהגים פון ייִדן און גויִים און האָט דאָס לײַטיש דורכגעשטו־דירט. אַפילו שמואל ניגער האָט זיך געקווענקלט; וואָס האָבן מיר דאָ פאַר זיך? ער רופט עס: אַ ראָמאַן פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט, פרעגט ער: צי איז עס אַ בעלעטריסטיש געשריבענע געאָגראַפיע פון פּאָלעסיע (מיר ווייסן נישט צי דעם קריטיקער איז דערבײַ אײַנגעפאַלן סעלמאַ לאַגערלעפס געאָגראַפיע פון שוועדן, דען אויב יאָ, איז עס נישט קיין קליינער שבח), צי אַ פאָלקלאָריסטיש געזעמל, צי זכרונות פון די קינ־דער־יאָרן און די תּשובה איז: אַלץ אין איינעם.

מיר האָבן אַפּירגעהויבן די פּונקטן פון דער קריטיק, ווײַל מיר קלערן, אַז ס'איז אַ מיצווה זיי אָפּצופרעגן. ערשטנס, נישט אַן אָנגענומענע סכעמע און אַפילו נישט די אָנגענומענע סכעמע, באַשטימט אַ שאַפונג, איר מהות און סאָרט, נאָר אַ שאַפונג, בעיקר די שאַפונג באַשטימט אַ סכע־מע, וואָס אַפילו זי ווערט די סכעמע, פאַרמאָגט זי ווײַט נישט קיין אַבסאָלוטע אַלצײַטיקע גילטיקייט.

דער ענין ראָמאַן איז, כּידוע, חל אויף שאַפונגען וואָס זענען פאַר־שיידן און לרוב דיאַמעטראַל פאַרשיידן אין סוזשעט און סוסטראַט, צו־גאַנג און באַהאַנדל, סטיל און אַטמאָספער און אַ לוסטראַציע פון זײַנע טיפן, ווי אַ שטייגער, פון באַלזאַק און זאָלאַ ביז פּרוסט און דזשויס, באַ־ווײַזט ווי ווײַט און נישט אָפּגעשלאָסן עס זענען די ראָמאַן־מעגלעכקייטן. יאָ, ווען סע באַווײַזט זיך אַ נײַע מעגלעכקייט שפּאַלט זיך געוויינטלעך די קריטיק — די פּרעקורסאָרישע קריטיק געוווינט זיך צו צו דער נײַער מעגלעכקייט און באַאָט זי, בפרט ווען זי לויפט דעם נײַעם דרך פאָרויס, די רעקורסאָרישע קריטיק — אָדער זי קען דאָס נישט, אָדער זי וויל דאָס נישט (און נישט זעלטן ביידע), באַנוצט זי זיך מיטן גאָלדענעם וואָרט: דערווײַל, כאָטש זי וואָלט באַדאַרפט ווייסן, אַז לויט נסיון שטעלט זיך אַרויס, אַז גיכער ווי דער נײַער דרך געוווינט זיך צו צום ניינזאָגער, געוווינט זיך דער ניינזאָגער צום נײַעם דרך.

צוריקקומענדיק צו אונדזער קאָנקרעטן פאַל, פרעגט זיך בעיקר, צי האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ נײַע ראָמאַן־מעגלעכקייט, און אויב יאָ, ווי מיר נעמען אָן, אין וואָס באַשטייט די נײַקייט און וואָס פאַר אַ סיבה און וואָס פאַר אַ תּכלית האָבן זי אַרויסגערופן. וואָס שייך סיבה — רעדט דאָך דער

מחבר גופא, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, וועגן נאָסטאַלגיע, און אַזוי ווי ער איז אַ מעדיצינער, ווייסט ער דאָך זיכער, אַז דאָס איז גרונטיק אַ טערמין פֿאַר אַ פּסיכאָפיזישער קרענק, וואָס באַפֿאַלט אַן אין דער פרעמד פאַרוואָגלטן מענטשן און לאָזט אים פיבערן, אויסצערן און דערנענטערט אפילו זײַן סוף. אָבער עס איז קלאָר אַז ער באַנוצט דאָס וואָרט נאָסטאַלגיע לגבי זיך אין שפּעטערן, אין הײַנטיקן זינען, וואָס שטרײַכט אָפּ דאָס פיזישע און מיינט דאָס מענטאַלע, ווי עס הייסט הײַנט דאָס פאַראַלעלע וואָרט, דײַטשיש: Heimweh, פראַנצייזיש le Hemvé (אויך אַרײַן אין יידיש, אָבער דאָ איז עס ווי איך האָב אין אַ באַזונדער אַרבעט באַוויזן, אַ גאָר יונג וואָרט; אַגב, אונדזער דערציילער לייגט עס אַרײַן אין מויל פון אַ דײַטש וואָס נודיעט זיך אין די פּאַלעסיער וועלדער און ברענגט עס אין אַנפירצייכנס „היימווײ״), און באַטײַט דאָס נאָגנדיקע בענקעניש פון דער פרעמד אַהיים. אויב אַזוי וויל עס הייסן אַז דער דערציילער האָט זיך פאַרבענקט אַהיים. אָבער דער פירוש ווערט פאַראַדאָקסאַל, ווען מיר דערמאָנען זיך אַז דאָס בוך הייסם בײַ די טײַכן פון פּאַלעסיע, וואָס איז געפורעמט לויט: על נהרות בבל, ווי עס הייבט זיך אָן דאָס באַקאַנטע קאַפּיטל תהלים ווו עס רעדט זיך, בעצם, וועגן דער פרעמד וואָס קאָן נישט זײַן קיין היים.

נאָך מער, אין דער זעלבער הקדמה ווו מיר הערן אַז עס „איז אַ נאָסטאַלגיש בוך פון היימבענקשאַפט״, הערן מיר, און דאָס פון סאַמע אָנהייב, דעם מחברס פירוש וועגן בײַ די טײַכן פון פּאַלעסיע אַזוי צו זאָגן: „אַ פאַרגאַנגענע יידישע וועלט; איינע פון די פּ י ל ע וועלטן וואָס ליגן צעוואָרפן איבער אַ ל ע קאָנטינענטן, ווו די היסטאָרישע אָפּשטויס־כּוחות האַלטן אין איין אָפּזעצן די יידישע מאַסן זײַ ט ג ל ו ת ב ב ל. לויטן מדרש איז דאָס פאָלק ישראל טאַקע געגליכן צו באַוועגלעכן זאַמד, וואָס ווערט אַן א ו י פ ה ע ר געטראָגן פון אָרט צו אָרט. אָבער אַ ל ע די פּ ע ר י פ ע ר י ש ע ו ו ע ל ט ן, יידישע וועלטן, האָבן קיין מאָל קיין קיום נישט געהאַט, וואָרעם דער מעכטיקער כּוח־המושך פון דער יידישער נשמה האָט זי שטענדיק גוואַלדיק געצויגן צו איר נ אַ ט י ר ל ע כ ן אַ ל ט ן צ ע נ ט ע ר: — צו דעם שמאָלן באַרגיקן ערדבריקל צווישן אַזיע און אַפריקע, צו דעם זאַמדיקן, זוניקן פּאַס לאַנד בײַם ברעג פון דעם בלויען מיטלענדישן ים, דאָס וויגעלע פון די עלטסטע מענטשלעכע ציוויליזאַציעס. — אָט די דאָזיקע צ ע נ ט ר אַ ל ע יידישע וועלט איז כּמעט אַ נאַטור־

פענאַמען: זי איז דער אַ מ ת ע ר שווערפּונקט פונעם ייִדישן וועזן. אַזוי לאַנג ווי עס עקסיסטירט ערגעץ אַ ייִדישע מאַסע אויף דער ערד, אַ ז ו י ל אַ נ ג וועט אויך אַנהאַלטן איר גראַוויטאַציע צום ייִדישן צענטער — צום ל אַ נ ד י ש ר א ל".

מיר האָבן בכּוונה אונטערגעשטראָכן כּמה וכמה ווערטער, כּדי זיך צו פאַרשפּאָרן לאַנגע פּירושים וועגן דעם לאַפּידאַרן היסטאָריאָסאָפישן זאַג, וואָס איז נישט בלויז דער אַני מאמין פונעם מחבר, נאָר דער תּוך פונעם חיבור — גלות־פּאָלעסיע ווערט טאַקע באַשריבן, ווי ער האָט זי ביאָגראַפיש דורכגעלעבט און שאַפעריש אויפגעלעבט, נאָר ער זעט זי טאַקע אין דער באַגרענעצטער רעם פון אָרט און צײַט, ווו און ווען די באַשריבענע האַנדלונג קומט פיר, אָבער צו גלײַך אין דער כּמעט אומבאַגרענעצטער ריעם פון ערטער און צײַטן, ווי איין וועלט צווישן אַ סך וועלטן, וואָס איבער דער גאַנצער וועלטמאַפּע און בלײַבן בלויז פּעריפעריע, ווײַל איר צענטער איז אומעטום און תּמיד, זייער עלטסטע און ערשטע היים.

בײַ אַזאַ קוק איז נאָסטאַלגיע נישט בלויז פילאָלאָגיש — עס מיינט ווערטערלעך: ווייטיק פון צ ו ר י ק, און סעמאַנטיש, נאָר בעיקר לאָגיש און מהותדיק אַ סתירה־מניה־וביה.

ח

ווילן מיר נישט זאָגן, אַז אַ טייל קריטיק האָט דאָס נישט דערשנאַפּט — גלאַטשטיין האָט זיך באַנוגנט מיט אַ רמז. באַצייכענענדיק אונדזער דערציילער ווי אַ מיסטישן ציוניסט, און אַ שאָד וואָס ער האָט דעם רמז נישט מפרש געווען, דעז וואָלט ער עס געטאָן, וואָלט ער אונדז מסתּמא געוויזן ווי אַרום דער דאָזיקער מיסטישער ציוניזם אָדער די דאָזיקע ציוניסטישע מיסטיק איז סײַ מאָטאָר סײַ מאָטיוו פונעם גאַנצן ווערק; אויך ניגער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ רמז, אַז דעם דערציילערס עובדה איז צו ווײַזן דעם ווידעראַנאַנד פון צוויי ציוויליזאַציעס, און אַ שאָד, וואָס אויך ער האָט דעם רמז נישט מפרש געווען, דען וואָלט ער עס געטאָן, וואָלט ער אונדז מסתּמא געוויזן אין וואָס בעצם באַשטייט דער ווידעראַנאַנד און ווי אַרום שפּיגלט ער זיך אַפּ אין דעם בעיקר פּאָלקלאָרישן, אָדער ווי מיר וואָלטן גיכער געזאָגט: אין דעם כּביכול־פאָלקלאָרישן אָדער: אויך פאָלקלאָרישן — ראָמאַן.

ווילן מיר זיך דערוועגן אַ מעשׂה־עזות און אויפֿכאַפּן די רמזים פֿון די צוויי גרויסע קריטיקערס, און פּרוּוון זיי אַנטוויקלען און אויסבויען.

אמת, מיר וואָלטן גלאַטשטיינס דעפֿיניציע פֿאַרביטן אויף אַן אַנדערער, אַ שטייגער: אַ ייִדישער היסטאָריאָסאָפֿישער וויזיאָנער, וואָס האָט זיך, מיטן כּוח פֿון דורכטראַכטן און אַרײַנטראַכטן אין די ווײַטע און טיפֿע שטודיעס זײַנע אין דער ייִדישער געשיכטע, דערגרונטעוועט צו איר אַרכיטיפּיק, און אַזוי ווי עס איז די געשיכטע פֿון אַ וואָגלדיק פֿאָלק, האָט ער די שטודיעס זײַנע אויסגעברייט אויף די אײַנגעזעסענע פֿעלקער, ווו עס איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן, און האָט זיך אויך דערגרונטעוועט צו זייער אַרכיטיפּיק, אַזוי אַז די עיקר־טעמע זײַנע איז נישט בלויז דער ווידעראַנאַנד צווישן צוויי ציוויליזאַציעס אָדער קולטורן, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, צווישן זייער אַרכיטיפּיק.

אַוודאי זעט זיך דאָס קלערער און איינטײַטיקער אַרויס נישט דאָרט ווו די באַשריבענע וועלט שטיצט זיך אויף זײַן אייגענער ביאָגראַפֿיע, ווי מיר האָבן עס אין די צוויי ראָמאַנען, נאָר דאָרט ווו זי שטיצט זיך אויף דער ביאָגראַפֿיע פֿון אַן אַנדערן, ווײַטערן און אַפֿילו גאָר ווײַטן דור, ווי מיר האָבן עס אין זײַנע היסטאָרישע נאָוועלן. אָבער אויך אין די צוויי ראָמאַנען וואָס זענען בעצם איין ראָמאַן, ווערט דאָס גענוג קלאָר און אַפֿילו איינטײַטיק, אויב מען זעט נישט בלויז דעם צד־השונה, נאָר אויך דעם צד־השווה צווישן דער ביאָגראַפֿיש געגעבענער וועלט אין די ראָמאַנען און דער היסטאָריש־אימאַגינירטער וועלט פֿון די נאָוועלן, דען ביידע סאָרטן פֿון דער בעלעטריסטיק זענען אויסן די זעלבע עיקר־כּוונה.

אָבער איידער מיר ווען זיך אָפּשטעלן אויפֿן צד־השווה, דערלויבן מיר זיך דורכצורעווידירן צוויי טענות פֿון דער קריטיק וועגן ראָמאַן — עס פֿעלט דאָרט אַ העלד און עס געשעט דאָרט גאָרנישט. אָבער אין דער אמתן האָבן מיר דאָ צוויי העלדן און דאָס וואָס געשעט מיט זיי און צווישן זיי איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער אייביקער ווידעראַנאַנד צווישן צוויי ציוויליזאַציעס, ווי ער האָט זיך קריסטאַליזירט בײַ די טײַכן פֿון איינעם פֿון די פּיל בבלס וואָס האָט געדויערט נישט זיבעציק, נאָר גאַנצע טויזנט יאָר. דען כאָטש דער דערציילער, ווי שוין באַמערקט, גרענעצט אָפּ אָרט — פֿאָלעסיער זומפּן, און צײַט — בערך דרײַ יאָר פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿריערדיקן יאָרהונדערט, איז די צײַטגרענעץ אַ סך, אַ סך ברייטער און ווײַטער. שרײַבט ער דאָך: „דאָרטן לעבט

דער פּאַלעסטשוק כּמעט אויף דעם זעלבן שטייגער ווי זײַנע עלטערן האָבן געלעבט מיט טויזנט יאָר צוריק", און ער גיט אַ פּאָר אילוסטראַציעס דערצו. שרײַבט ער דאָך ווײַטער: „שוין קרוב טויזנט יאָר זינט די נאָמאַדישע קינדער פון ישראל אין פּאַלעסיע — — שוין קנאַפּע טויזנט יאָר לעבן זיי אייגער לעבן אַנדערן: דער פויער און דער ייִד, דער תּושב און דער גר. דאַכט זיך שכנים, נאָר אַ קליינער שטח איז אַריבערצוגיין פון דאָרף אין שטעטל אַרײַן. אין דער אמתן אָבער זענען ביידע אָפּגעטיילט דורך אַ תּהום, וואָס איז ווײַטער ווי דער שטח פונעם זידפּאָל צו דעם נאָרדפּאָל".

אָט די געאָגראַפישע און שטייגערישע נאָענטקייט און די היסטאָרישע און קולטורישע ווײַטקייט פון גויִישן תּושב און ייִדישן גר און דער ציוויליזאַטאָרישער (אָדער ווי מיר זענען נוטה צו זאָגן: דער אַרכיטיפּישער) ווידעראַנאַנד — דאָס איז דער חוט־השדרה פון ראָמאַן פונקט ווי ער איז עס אין די נאָוועלן. דוגמאות דערצו לאָזן זיך ברענגען אויף דער גאַנצער לענג פון ראָמאַן אָבער מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט דרײַ פון זיי.

ט

ערשטנס, כּמעט אין סאַמע אָנהייב פון ראָמאַן לעבן מיר איבער אַ יום־כּיפּור וואָס טיילט דיאַמעטראַל פונאַנדער די ייִדן און די גויִים. די ייִדן פון גאַנצן שטעטל זענען אַלע אין שול אויפן באַרג, פּראַווען דעם הייליקסטן טאָג בקדושה ובטהרה, בעטן זיך רחמים אין יום־הדין און מיר באַקומען צו הערן די ייִדישע תּפילות אין דעם דערציילערס נוסח — גאַנצע שטיקער מחזור, וווּ עס ווערן נאָך אַרײַנפּאַרוועבט פראַגמענטן פון פּסוקים און אַלץ אין אַ געלײַטערטן, האַרציקן מאַמע־לשון. די גויִים ווײַטער, וואָס האָבן זיך פּאַרוואַלגערט פון אַ פויערשער חתונה אין שטעטל אַרײַן, אין דער נידער, עפּענען מיט דער הילף פון שבת־גוי די שענקן, און נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעזויפּט האָבן זיי אויפגעריסן די הײַזער און זיך אָנגעפרעסן און געלאָזט זיך צו דער שול כּדי נענטער צו באַקוקן די ייִדן, וואָס לויט דעם פויערשן גלויבן זענען זיי די נאַכט אין פולן רשות פון זייער אַכזריותדיקן גאָט וואָס הייסט פונקט ווי זייער שטעטל, כּאַפּון (דערמאָנט אויך בײַ מענדעלען) און וויל זיי אומברענגען; און די סיטואַציע פּאַרשפּיצט זיך נאָך מחמת דעם שטורמישן רעגן וואָס טוט אַ פּלייץ און טיילט אָפּ די ייִדן אויפן באַרג און די גויִים אין דער נידער. אויך דאָ

קריגן מיר צו הערן די גוייִשע געזאַנגען אין דערציילערס נוסח — לידלעך פון אוקראַיִניש־ווײַסרוסישן פאָלקלאָר, פון ענינים בינו לבינה, אין אַ שטיפערישן חנעוודיקן מאַמע־לשון. דוכט זיך, סײַ דאָס סתּירה־דיקע בילד אויפן באַרג, ווו די פּאַסטעכדיקע און צעוויינטע ייִדן און אָנגעפּרעסענע פאַרשוועכטע גוייִם זענען זיך אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווײַט, סײַ די סתּירהדיקע פּאָליפאָניע פון דער ייִדישער תּפילה און דעם גוייִשן געזאַנג וואָס זענען זיך אַזוי ווײַט און דאָך אַזוי נאָענט, מאַכט בולט ביז גאָר דעם שטענדיקן און איצט באַזונדערס פאַרשאַרפטן ווידעראַנאַנד.

יאָ, מענדל אָשעראָוויטש וואָס איז חושד אונדזער דערציילער אַז ער טענדירט צו פיל צו ווײַזן דעם חילוק צווישן ייִדן און גוייִם, רופט עמפּאַטיש אויס, אַז „די גאַנצע געשיכטע וועגן דעם וואָס האָט זיך געטראָפן אין כאַפּון איז פאַלש, פאַלש פון אָנהייב ביזן סוף".

אין פלוג, קען זיך דאַכטן, אַז אַזאַ מין פסק־דין, און דאָס אין מויל פון אַ שרײַבער, וואָס איז געווען אויסגעבונדן אין ייִדיש־גוייִשן שטייגער, ווי עס באַווײַזט זײַן בוך וועגן שטעט און שטעטלעך אין אוקראַיִנע, איז גאָר נישט קיין קאַטאָוועס. אָבער ער איז עס עלול צו ווערן, ווען עס קלערט זיך אויף, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פאָלנע אומפאַרשטענדעניש לגבי ברוסילאָווס גאַנג און צוגאַנג, — אמת, ער באַדינט זיך מיט עלע־מענטן מיט וועלכע עס אָפּערירט די רעאַליסטיק און נאַטוראַליסטיק, און אפשר מיט מאַטעריאַל, מיט וועלכן עס אָפּערירט די כראָניק און דער רעפּאָרטאַזש, אָבער פּונקט ווי עס האָבן זיך טועה געווען יענע, וואָס רעדן וועגן אים ווי אַ רעאַליסט און נאַטוראַליסט, אַזוי איז זיך כפל־כפלים טועה, ווער עס פאָדערט פון אים צו זײַן אַ כראָניקער, און פאַר־שטייט נישט, אַז וואָס ס'איז פאַלש אין דער כראָניק און רעפּאָרטאַזש, קען זײַן און איז די וואָרסטע וואָר אין דער איבעררעאַליסטישער, איבערנאַ־טוראַליסטישער, און לאו־כל־שכן איבערכראָניקאַלישער וויזיע פון אַן אַרכיטיפּיקער, וואָס אָפּערירט מיט די עלעמענטן און דאָס מאַטעריאַל שטעלט זיך בײַ אים נישט מעכאַניש צוזאַמען, נאָר גיסט זיך אָרגאַניש צונויף אין אַ סימבאָלישן סינטעז.

י

צווייטנס, אויב אָננעמען די מאָס אין טיפערן זינען, ווי אַ פּרווו־שטיין פון אויטענטישקייט און פסלען וואָס לאָזט זיך מיט איר נישט

מעסטן, זענען דאָ פֿאַראַן בילכערע אָביעקטן דערצו, נישט בלויז אין דעס־קריפּטיוו נאָר אויך אין מאַנאַלאָגישן און בעיקר אין דיאַלאָגישן. מיר האָבן שוין דערמאָנט די תּפֿילות, וואָס דער עולם יום־כּיפּור־דאַווענערס האָט זיי דאָך געזאָגט אין לשון־קודש, און דער דערציילער ברענגט זיי אין אַן אַדעקוואַטן ייִדיש, פּונקט ווי ער ברענגט כּלערליי פּסוקים, מימרות, וואָס די פֿאַרשוויגענע האָבן זיי דאָך געזאָגט אין מקור, אָבער ער ברענגט זיי אין אַן ענלעכן ייִדיש. און דאָס לאָזט זיך דאָך נישט פֿאַרענטפֿערן דערמיט, אַז ער איז זיך נוהג לגבי דעם העברעיִשן טעקסט פֿון תּפֿילות און קאַפּיטלעך תּהלים, פּסוקים, מימרות, ווי ער איז זיך נוהג לגבי דעם אוקראַיִנישן־ביעלאָרוסישן פֿון זינג־און טאַנץ־לידלעך, ווײַל דער ערשטער טעקסט איז אַ גרונטיקער קאָמפּאָנענט פֿון דעם באַשריבענעם ייִדישן לעבן, בשעת דער אַנדערער טעקסט איז עס נישט, און אַפֿילו ווען מען האָט, דאָ און דאָרט, עפּעס נאָכגעזונגען אין דער ייִדישער גאַס, און לויט דעם מאָדולירט היימישע לידלעך, איז עס נישט קיין דמיון, בפֿרט פֿאַר אַזאַ מבֿין ווי אונדזער שרײַבער, וואָס טויזנט יאָר גלות זענען בײַ אים אַ דער־ווײַליקייט, און בלויז די גרונטיקע עלטסטע יסודות, און צו זיי געהער דאָך דאָס עלטסטע לאַנד און די עלטסטע שפּראַך, זענען די באַשטאַנ־דיקייט. לאָזט זיך דאָ גאָר שווער רעדן וועגן אַ טענדענץ צו פֿאַראיבעריקן לשון־קודש, ווי עס גייט אָן אַפֿילו (און הײַנט אפֿשר בעיקר) אין אידעאָ־לאָגישן און פּראַקטישן טראַדיציאָנאַליסטישן ייִדישיזם.

אָבער דאָס פּראָבלעם איז פֿאַרוויקלט — די שיטה פֿון פֿאַרייִדישן באַגרענעצט זיך נישט אויף טעקסטן און ציטאַטעס, נאָר דרינגט אויך אַרײַן אין די שמועסן, און דאָס נישט נאָר אין אַ שמועס פֿון ייִדן צווישן זיך, ווי אַ שטייגער, אַ פֿלירט צווישן אַ יונג פֿאָרפֿאָלק וואָס געדענקען אויסנווייניק, און דאָס אין ייִדיש, שיר השירים און דראַמאַטיזירן עס, נאָר אין אַ שמועס ווי עס האָט דאָ אַ רבי ווי אויך זײַן תּלמיד מיט אַ גוי. פֿרעגן מיר נישט אויפֿן שפּראַכלעכן — אַזוי ווי דער צוהערער איז דאָ און דאָ דער שבת־גוי, האָט מען אפֿשר נישט געמוזט צו אים רעדן גויִיש, מיר פֿרעגן אויפֿן אינהאַלטלעכן — כּללים און דעטאַלן פֿון טיפֿערער, דערצו עזאָטערישער ייִדישקייט, על־פּי תּורת־החן. קלאָר, אַז אַזעלכע שמועסן זענען צווישן די דאָזיקע פֿאַרשווינען נישט פּירגעקומען, זיי זענען, נישט בלויז אין אַ רעאַליסטישער נאָר אויך אין אַ סתּם רעאַלער רעם, פּשוט אוממעגלעך. אָבער ווידער אַ מאָל, — עס איז נישט דער רבי אָדער

זײַן חסיד וואָס זאָגט עס, עס איז נישט דער גוי וואָס הערט עס, עס זענען צוויי היסטאָריש ווײַטע און געאָגראַפיש נאָענטע וועלטן, אײנע וואָס רעדט און די אַנדערע וואָס הערט; און אויב מען וויל, רעדט דאָס די וועלט פון גר צו זיך אַליין, און די וועלט פון תּושבֿ קען בלויז, אין אַ באַזונדערער קאָנסטעלאַציע, ווי מיר האָבן זי אין געשטאַלט פון שבת־גוי, צוהערן, אויסהערן, און אפשר אויך וועלן אָדער קאָנען פאַרשטיין.

אָבער צוריק צום שפּראַכלעכן, כּדי צו באַמערקן, אַז דער דערציילער האָט גענומען אַ וואָרט צו דעם פּראָבלעם, אין אַ באַזונדערן מאמר („ייִדיש — אַ פּראָגנאָז צי אַ חלום?" אידישער קעמפער 15טן פעבּרואַר 1954): „האָב איך זיך — שרײַבט ער דאָרט — פאַרטראַכט וועגן ייִדיש בכלל. אין די פופציק יאָר פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט מאַמע־לשון דורכגעמאַכט אַ גרויסע עוואָלוציע. פון עברי־טײַטש צו זשאַרגאָן, דײַטש־מעריש, יודיש, אידיש, ייִדיש. פון איין עקסטרעם צום אַנדערן. פון פאַר־אַכטונג צו פאַראַכפּערונג. פון פאַרמיאוסטן זשאַרגאָן, פון דער געמיינער שפּחה, פון אַ מענה־לשון ,אָן אַ גראַמאַטיק', פונקט ווי אַ גנבים־שפּראַך, צו אונדזער הײַנטצײַטיקער פאָלקסשפּראַך, צו וועלכער מען באַציט זיך מיט אַזאַ ייִראת־הכּבוד, בײַ וועלכער מען קלײַבט צונויף די אויסטער־לישסטע העקווערטער, די טשיקאַוועסטע ריידענישן, און מען האַלט זיי אַזוי ווי פּערל און איידלשטיינער אין אַ גוואַלדיקן וואָרט־אוצר, וואָס מען לײַטערט פון די מינדסטע שפּורן פון פּסולת, אַזוי ווי גינגאָלד — סאַמע זעמלמעל, אַפילו למהדרין מן המהדרין". אלא וואָס, זי לעבט אַ שווערע קריזע, פּעסימיסטן זאָגן אַזוי, און אָפּטימיסטן זאָגן אַזוי, און ער געהערט נישט צו די און נישט צו יענע, ער גלייבט טאַקע נישט אין איר קיום אין די פּעריפּערישע גלות־לענדער, גלייבט אָבער דערפאַר אין איר קיום „אין צענטער פון אונדזער גראַוויטאַציע — גראָד אין לאַנד ישׂראל". ער שטרײַכט אונטער: „פאַרשטייט זיך, אַז מיר פאַרמאָגן נאָר איין און איינ־ציקע שטאַמשפּראַך — אונדזער לשון־קודש — אין וועלכער די ,מאַגנאַ כאַרטאַ' פון דער ייִדישער גײַסטיקער קאָנסטיטוציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף אייביקע צײַטן. אָבער נאָך לשון־קודש קומט ייִדיש, די ,היבּריד'־שפּראַך, וואָס אין איר האָבן זיך אויסגעלעבט אין משך פון הונ־דערטער גרויזאַמע יאָרן די גרעסטע מאַסן פון אונדזער פאָלק; האָבן זיך אויסגעלעבט אַ סך לענגער, אַ סך אינטענסיווער, אַ סך טיפער ווי אין אַלע אונדזערע איבעריקע געהילף־לשונות". וואָס שײַך דעם באַשייד,

האָט אים שוין מענדעלע, און אַפּילו ביאַליק געגעבן, שרײַבנדיק אין ביידע שפּראַכן, אָבער דער עיקר־באַשייד, דאָס האַרמאָנישע לעבן פון ביידע שוועסטערשפּראַכן וועט זיך אַנטפּלעקן אין פרײַען, פרידלעכן, גליקלעכן, פּראָדוקטיוון און שאַפערישן ייִדישן לעבן — אין ארץ־ישראל. „ייִדיש — קאָנקלודירט ער — וועט פאַרבלײַבן די ייִנגערע, אָבער אויטאָנאָמע שוועס־טער פון אונדזער עלטערער שטאַמשפּראַך".

מיר האָבן דאָס געבראַכט אויך, כּדי צו וויסן, וואָס איז געווען ברוסילאָווס געדאַנקען־גאַנג, ווען ער האָט באַאַרבעט זײַן בוך בײַ די טײַכן פון פּאַלעסיע, אָבער בעיקר כּדי צו פאַרשטיין, אַז אונדזערע ביידע שפּראַכן זענען און בלײַבן אויטאָנאָמיש, און ער גלייבט, אַז זיי וועלן, לויט זײַן פּראָגנאָז אָדער חלום, זי אָפּהיטן אויך לעתיד־לבוא; און דאָ שטעקט טאַקע דער סוד פון דער קאָנסעקווענטער און פולער אויטאָ־נאָמישקייט פון ייִדיש אין זײַן אייגענעם שאַפן, און אַזוי ווערן אויך פאַרענטפערט לפּחות עטלעכע פון אונדזערע קשיות.

יא

ד ר י ט נ ס, דער כּוח פונעם ראָמאַן, ווי פון יעדן ראָמאַן, באַשטייט דערינען וואָס ער איז און בלײַבט אַ ראָמאַן — משמע, אַז דער ווידער־אַנאַנד איז דאָ נישט קיין שנור, אויף וועלכער אַ היסטאָריאָסאָפישע טעאָריע האָט אויפגעציליעט טאַקן, וואָס באַוועגן זיך מאַנעקיניש לויט אירע הנחות, מיר האָבן דאָ אַ לעבעדיקע וועלט, וואָס אַלע אירע קאָמ־פּאָנענטן — נאַטור און פּייזאַזש, געטער און דעמאָנען, דומם און צומח, חי און מדבר — זענען בעצם די העלדן, אַזוי אַז נישט איין מאָל פאַר־מישן זיך די ראָלן פון פּאַן און פּלאַן, און אין גאַנג פון די געשעענישן און זייער פאַרשטריקטקייט שיילט זיך, ווי דער עיקר־פּאָדעם פון דער פאַבולע, אַפּיר דאָס פּאָרל פון צוויי, וואָס ווערן די הויפּטהעלדן — דער שבת־גוי און דער טאָרפּיזד, און דאָס אין אַ געשפּאַנטקייט פון אַ דיאַ־לעקטישן קווי־פּראָ־קוואָ, וואָס מאַכט די הויפּטהעלדן פאַר הויפּט־קרבנות פון דעם טיפן ווידעראַנאַנד. דער ערשטער, דער שבת־גוי, וואָס איז אַוועק פון דאָרף און וואַלגערט זיך עלנט אין דער פרעמד, אין שטעטל, כאָטש ער בלײַבט וואָס ער איז געווען — אַ פרומער גוי, וואָס די דיקערע אונטערשטע שיכט פון אַן אוראַלטער פּאַגאַנישער ירושה לעבט זיך אויס

אונטער דער דינערער אייבערשטער שיכט פון דער שפּעטערער פּראַוואָ־סלאַוויע, אַזוי ווי ער נעמט ממילא איבער פון ליכטיקן גײַסט פון שטעטל, בפרט נאָך דעם ווי ער האָט זיך נאָזוו און ערלעך, אויסגעטײַטשט דעם יינגערן רבינס אַ שמועס, בייגט ער זיך, בלא יודעים, פאַר דער סיטרא־דימינא, גלײַך עס וואָלט אַרײַן אין אים אַ שטיק געטלעכער ייִד; דער צווייטער ווײַטער, דער טאָרפּייִד, וואָס נאָך זײַן טאַטע איז אַוועק פון שטעטל, ער פאַרוואָלגערט זיך עלנט און פרעמד, אַלץ ווײַטער פון אים, כאָטש ער בלײַבט וואָס ער איז געווען — אַ פרומער ייִד, וואָס די דיקערע אונטערשטע שיכט פון אַן אוראַלטער געטלעכער ירושה לאָזט זיך נישט בײַקומען דורך דער דינערער אייבערשטער שיכט פון אַ שפּעטערן פאַר־נעפּלטן סינקרעטיזם, אָבער אַזוי ווי ער נעמט ממילא איבער עפּעס פון מוטנעם גײַסט פון זומפּ, בפרט נאָך דעם ווי ער האָט זיך פרימיטיוו און יושרדיק אויסגעטײַטשט דעם אַלטן רבינס אַ שמועס, בייגט ער זיך, בלא יודעים, פאַר דער סטרא־אחרא, גלײַך עס וואָלט אין אים אַרײַן אַ שטיק פּאַגאַנישער גוי.

אָבער דאָס איז נישט אַ קווי־פּראָ־קוואָ, ווי מיר האָבן אים אין דער קאָמעדיע, פאַרקערט, דער אינטריגע־פּלאָנטער צײַטיקט דאָ אויס אַ שווי־דערלעכע טראַגעדיע. דער שבת־גוי וואָס איז עובר דעם לא תחמוד און פאַרפּלאָנטערט זיך מיט אַ פרעמדער אשה, וואָס איר מאַן איז פאַרשוווּנדן אין דער ווײַט, ספק חי ספק מת, און דער טאָרפּייִד וואָס איז עובר דעם לא תחמוד, און פאַרפּלאָנטערט זיך מיט אַ פרעמדן אוצר, וואָס ליגט פאַר־שוווּנדן אין דער טיף, ספק מעשׂה ידי שמים, ספק מעשׂה ידי אדם, ווערן שותּפים צום סוד פון אוצר אין דער זוכעניש נאָך אים, דער טאָרפּייִד ווי דער בעל־הבית, דער שבת־גוי ווי זײַן אַרבעטער. דער סוף איז אַז עס געפינט זיך אָפּ דער פאַרשוווּנדענער, וואָס ווערט דער דריטער שותּף צום סוד, און עס אַנטפּלעקט זיך דער פאַרשוווּנדענער אוצר, און דאָ ברעכט אויס אַ גערוּדגל צווישן שבת־גוי און דעם מאַן פון דער קאַכאַנקע, און גאָר דער סוף איז — דער מאַן ווערט דערהרגעט מיט זײַן אייגענעם כּלי־זין, דער שבת־גוי, — כאָטש ער האָט אים געהרגעט בשוגג, נעמט ער אויף זיך דעם האַרבן דין פון אַ מזיד, און אין דער טיפסטער חרטה לאָזט ער זיך אויפן וועג פון אַ שווער אָפּקומעניש; און וואָס איז אפשר נאָך טראַגישער — דער אוצר איז, שטעלט זיך אַרויס, אַ געזעמל פון גוייִשע קולטישע כּלים, דאַרונטער דער קרישטאָלענער יויזל, וואָס איז אין חבלי

ת״ח פאַרלוירן געגאַנגען, בשעת כמעלניצקיס באַנדעס האָבן אויסגעקוילעט גאַנצע יידישע קהילות.

דאַכט זיך אַז דער קריטיקער דאַרף דעם לייענער נישט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל, דען ער זעט ממילא, ווי וויַיט דער דערציילער האָט אָפּגעהיטן אַ טאָפּעלע געטריַישאַפט (און אפשר דאַרף מען גיכער באַנוצן נוסח־פראַג פון פעליקס וועלטש: צווויי־רעלסיקייט) — סיַי דעם פאַר־באַהאַלטענעם היסטאָריאָסאָפישן אמת פון די געשעענישן אין זייער פאַטאַ־לער פאַרקייטלטקייט, סיַי דעם אָפענעם פסיכאָלאָגישן אמת פון די נפשות אין זייער טראַגישער פאַרוויקלטקייט, אַזוי אַז עס ווערט באַשיַימפּערלעך מקיים דער כּלל: הכּל צפוי והרשות נתונה.

יב

פאַראַן אויך אַן אינטערמעצאָ, וואָס טאָר נישט איבערגעהיפּערט ווערן — חוץ דעם אומראַציאָנאַלן זוכער פון באַהאַלטענעם אוצר איז דאָ אויך פאַראַן אַ ראַציאָנאַלער געפינער פונעם אָפענעם אוצר — דען בעת ר׳ חיים דער טאָרפיִיד זוכט, לויט רמזים און גימטריות דעם מיסטישן אוצר, געפינט דער דיַיטש בידערמאַן, לויט פּלאַנען און חשבונות, דעם מערקאַנטילן אוצר, דעם זומפּ גופא. ר׳ חיימס אַ ייִנגעלע, וואָס האָט אַן אָפן אויג פאַר דעם נאַטור־קאַליידאָסקאָפּ אַרום, קריגט פון אים אַ קליינע מתּנה — אַן אַלבום פון פלאַטערלעך, און ער נעמט זיך, מיט אַ וואַקסנדיקער פאַסיע, זיי נאָכיאָגן, כאַפּן און קאָנסערווירן, און ווען ער יאָגט זיך, מיט זיַין ווענד־קעלע, נאָכן זעלטענסטן און שענסטן פלאַטערל, פאַרקריכט ער אין זומפּ און ווערט פון דאָרט טויט אַרויסגעצויגן. טאַטע־מאַמע זעען דערינען אַ האַנט פון דער סטרא־אַחרא, דעם דעמאָנישן שליט פונעם זומפּ — שטראָף פאַר זוכן אין איר אינגעווייד, אָבער אויך אַ כּפּרה פאַרן געפינען אירע פאַרבאָרגענישן.

אין פלוג איז דאָ דער דיַיטש און זיַין קליינער פּרעזענט אַ צופאַל, אַפילו אַ שפּילערישער צופאַל, על־כּל־פּנים געהערט ער נישט אַריַין אין דער סימבאָלישער אינטערפּרעטאַציע פון דעם געשעעניש־קאָמפּלעקס. אָבער אַז מען קלערט זיך אַריַין, וויַיזט זיך דער גראָבער און פליַיסיקער דיַיטש ווי די גלאַטע און קיַילעכדיקע אייערשאָל, פון וועלכער עס וועט זיך שפּעטער אויספּיקן דער ווילהעלמישער דראַנג־נאָך־אָסטן, און נאָך שפּעטער דער היטלערישער גאַנג־נאָך־אָסטן.

און פֿאַראַן אַ דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט בפּירוש די דאָזיקע הנחה, — עס ליגט פֿאַר אונדז ברוסילאָווס אַ נאָך נישט־געדרוקטער עסיי „דער טויט פֿון יידישן מיטאָס" — דאָס ערשטע קאַפּיטל הייסט: טויזנט יאָר אין מיזרח־אייראָפּע, און הייבט זיך אָן מיטן באַקאַנטן פֿאָלקסליד, ווו עס רעדט זיך וועגן די פֿאַר דייטשן מיט די לאַנגע ביטשן, דערצו קניפּן זיך אָן קינדער־זכרונות און מעדיטאַציעס וועגן לאַנד מיט די הויכע בערג, ווי עס מאָלט זיך אויס דער מאַמען און דעם קינד אין יידישן שטעטל: „נישטאָ דאָרט קיין פֿוסטע פֿעלדער און וויסטענישן, קיין זומפּן און בלאָטיקע טראַקטן. די גאַנצע ערד איז דאָרט באַאַרבעט פֿון מענטשלעכע הענט, פֿאַר־פֿלאַנצט מיט סעדער און ווייַנגערטנער; זענען דאָרט אַלע וועגן ברוקירט און פֿאַרוואַקסן פֿון ביידע זייַטן מיט פֿרוכטביימער".

און נאָך ווייַטער הערן מיר ווי אַרום דאָס דאָזיקע לאַנד און זייַן פֿאָלק איז געוואָרן דער אידעאַל פֿון יידישן משכּיל: "ס'איז אַ מערקווערדיקער פֿענאָמען: אין משך פֿון אונדזער צוויי טויזנט־יעריקן גלות האָבן די יידן צו קיין שום אַנדער פֿאָלק נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ עמאָציאָנעלע צוגע־בונדנקייט ווי צו די דייטשן. ס'איז געווען אַן אמתע גייַסטיקע פֿאַרליבט־קייט", און וואָס איז געווען דער סוף פֿון צוגעבונדנקייט און פֿאַרליבט־קייט: „שוין קנאַפּע טויזנט יאָר שפּילט זיך אָפּ אין דער קריסטלעכער וועלט די געגנאַצידישע דראַמע פֿון יידישן פֿאָלק. די פֿיר אַקטן פֿון דעם דאָזיקן אומבאַשרייַבלעכן גרויליקן ספּעקטאַקל זענען געווען: דער קרייצ־צוג פֿון עלפֿטן און צוועלפֿטן יאָרהונדערט, די אינקוויזיציע און גלות־ספֿרד פֿון פֿערצנטן און פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, די גזירות ת"ח פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט, און די קולמינאַציע פֿון שׂטן־המשחיתס שפּיל — דער חורבן־אַשכּנז פֿון אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס איז געווען אַזאַ אומגלייבלעכע און אומגעריכטע גזירה, אַזאַ שוידערלעכע איבעראַ־שונג פֿאַרן גרעסטן טייל פֿון אונדזער פֿאָלק". און דער המשך גייט: „די ערשטע דרייַ אַקטן זענען אינסצעניִרט געוואָרן אונטערן עמבלעם פֿון קריסטלעכן קרייץ, דער לעצטער אַקט אונטערן צייכן פֿון צלמס ממזר — דער האַקנקרייץ".

און איצט קערן מיר זיך אום פֿון דעם עסיי צום ראָמאַן, כּדי צו באַמערקן, אַז ביי אַזאַ קוק לאָזט זיך די קליינע אימפּרעזע צווישן יענעם אי טעמפּן אי כיטרען דייטש און דעם אוצר־זוכערס ייִנגל באַצייכענען ווי אַ פּירויסזאָג פֿון יענער משונהדיקער פֿאַרבונדנקייט און פֿאַרליבטקייט,

וואָס איר אָנהייב נאָרט אַרײַן אין סוף אַרײַן, דען זי הייבט זיך אָן מיט אַ ליכטיקן פלימער פון השׂכלה און ענדיקט זיך מיט דער טונקעלער דער־שטיקעניש אין די זומפּגאַזן.

אָבער לעת־עתּה האַלטן מיר 1880 — דער אָפּגענאַרטער אוצר־זוכער האָט געפונען דעם קרישטאָל־קרייץ וואָס וועט ווידער פּירויסגיין אַ באַנײַטן ת״ה, דער צעיושעטער פּאָגראָם־כוואַליע אין דרום־רוסלאַנד, וואָס מחמת דער צאַרישער צענזור האָט מען זי אָנגערופן סערות תּימן אָדער סופות בנגב. צום האַקנקרייץ איז נאָך ווײַט, אָבער עס איז שוין דאָ אַ רמז דערצו.

יג

נאָכן צווייבענדיקן ראָמאַן קומען ברוסילאָווס היסטאָרישע נאָוועלן: אין דער טעמאַטישער כראָנאָלאָגיע גייט צו ערשט די נאָך נישט־פאַרענ־דיקטע קרעפּטיקע נאָוועלע וועגן ד״ר הערצל „דער חוזה פון ווין״ (די גאָלדענע קייט, באַנד 75), ווו דאָס אויטאָביאָגראַפישע גייט אַריבער און אַרײַן אין היסטאָרישן; די נאָך קרעפּטיקערע נאָוועלע וועגן דאָסטאָיעווסקין „דער גרויס־אינקוויזיטאָר״ (דאָרט, באַנד 51, 52 און 53), און די וווּנדער־לעכע נאָוועלע, אפשר די בעסטע היסטאָרישע נאָוועלע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועגן ר׳ נתן אַשכּנזי התּורגמן „אַ זעגל אונטער די שטערן״ (דאָרט, באַנד 59, 60, 62־63, 64, 65).

זיי נעמען אַרום פּרקים אויף אַ טייל מאַפּע פון דער ייִדישער געשיכטע, — פון אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט ביז סוף נײַנצנטן יאָרהונ־דערט, און זיי זענען די צײַטיקסטע פּרוכט פון ברוסילאָווס דערציילערישן טאַלאַנט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַן אויסנעמלעכער היסטאָרישער און שטייגערישער באַהאָווּנטקייט און קינסטלערישער פינעזיע און אַנטפּלעקן פּולקום, וואָס ער האָט שוין געגומען אַנטפּלעקן אין זײַן ראָמאַן. אָבער זיי, די נאָוועלן, פאַרדינען אַ באַזונדערן באַהאַנדל. הכּלל: המשך יבוא.

[סיון תשל״ב]

II

דער בריקנבויער

וועגן י. י. שוואַרץ

אַ הספד־וואָרט אין אַמעריקאַנישן קאָלעדזש אין ירושלים

א

מיט אַ צען יאָר צוריק האָט מען דאָ, אין ירושלים, געפּײַערט דעם דיכטער ישראל יעקב שוואַרץ מחמת צוויי חשובע טעמים — דער איינער, ער איז אַלט געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר; דער אַנדערער — לכבוד דעם העברעיִשן נוסח פון זײַן באַקאַנטן עפּאָס „קענטאָקי״, וואָס איז אַרויס דורך מוסד ביאַליק מיט מײַנעם אַן אויספירלעכן אַרײַנפיר, וואָס האָט זיך באַמיט, אויף וויפל איך בין געווען ביכולת, דעם העברעיִשן לייענער צו באַלערנען וועגן די אויפטועון פון דעם אָריגינעלן דיכטער, איבערזעצער, פירלייענער. אינטערפּרעטאַטאָר. דעמאָלט האָבן מיר אויך געהאַט דעם תענוג זיך מיט אים אַליין צוזאַמענצוטרעפן אין ירושלים און זיך נענטער צו באַקענען, כּדי מקיים צו זײַן טובה שיחה אחת פּה אל פּה מאלף יריעות שלמה. טײַטש: עס איז בילעכער איין שמועס פון מויל צו מויל, איידער טויזנט פּאַרמעטן פון שלמה המלך, — אַ זאַך, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט, מיט צוויי יאָר צוריק, אין ניו־יאָרק, בײַם צוטיילן צײַטלין די לייוויק־פּרעמיע. צווישןביידע באַגעגענישן זענען געלעגן אַכט יאָר, דער אָפּשטאַנד צווישן שיבה און גבורות, אָבער דער שטעל פון דעם הויכן, גלײַכן און געשטרעקטן פּאַרשוין איז געבליבן דערזעלבער, אַ מין ווונדער פון מאַיעס־טעטישקייט און דיסטינקציע. און עס איז אַ ווונדער וואָס האָט זיך געצויגן זײַן לעבן לאַנג — שרײַבט דאָך ראובן אײַזלאַנד, אין זײַנע זכרונות, מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק: „ווי לאַנג איז שוין, אַז איך קען י. י. שוואַרצן: אַ קיימא־לן פון אַן אַכט־און־פּערציק יאָר, פון זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע, 1906. אויף איסט בראָדוויי, נעבן דער ביבליאָטעק, האָב איך מיך באַקענט מיט אים, און איך האָב אים גלײַך ליב באַקומען. הויך און שלאַנק מיט אַ געטאָקט פּנים און אַ פּרעכטיקן קאָפּ מיט פּעך־שוואַרצע קרײַזלעך. אַ דין שמייכעלע אויף אַ פײַנעם סענסיטיוון מויל, און

אַ שקאַציש־פּריילעך פּיַערל, וואָס האָט דורך אַ פּאָר ברילן אַרויסגעשײַנט פון זײַנע ברוינע אויגן. אגב, פּונקט אַזוי שיין און אַזוי גלײַך איז ער אויך הײַנט צו טאָג, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געפּראַוועט זײַן נײַן־און־זעכציקסטן געבוירן־טאָג און הייבט זיך אָן דערנענטערן צום עלטער פון זיסן זינגער אין ישׂראל. אָבער נישט מער אַזוי אָפט דאָס שקאָצישע פּריילעכע פּיַערל אין די אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָפּ איז שוין אינגאַנצן זילבער, אָבער דאָס גיט נאָך צו מער ווירדע צו זײַן גאַנצן יש". ווײַטער ברוך צוקערמאַן דערציילט: „האָב איך זיך געטראָפן מיט י. י. שוואַרץ, זיך פאַרליבט אין אים — און די דאָזיקע פאַרליבטקייט האַלט אָן עד היום הזה, ווײַל שוואַרץ האָט זיך במשך דעם רוב יאָרן נישט געענדערט און איז געבליבן בײַ די זעלבע אייגנשאַפטן".

עס לאָזט זיך ברענגען נאָך עדות, כּדי צו באַשטאַרקן דאָס קלאָגוואָרט: על האי שופרא דבלי בעפרא קא בכינא, טײַטש: אויף דעם שיינקייט וואָס פוילט אין שטויב, טוען מיר וויינען.

ב

אין אונדזער הײַנטיקן הספּד־וואָרט לזכרו, קען איך בלויז אין קאַרגע שטריכן באַרירן איין פּראָבלעם, און דאָס איז די שײַכות זײַנע צו דער באַקאַנטער ליטעראַריש־קינסטלערישער גרופּע, וואָס אַ טייל האַלטן זי אַפילו פאַר אַ שול — „די יונגע". מיט צען יאָר צוריק האָט די דעפיניציע געקלונגען: י. י. שוואַרץ — דער עלטסטער פון די יונגע; הײַנט הייסט זי: י. י. שוואַרץ — דער לעצטער פון די יונגע. האָבן ביידע דעפיניציעס אַ האָפט — פּונקט ווי ער איז דעמאָלט געווען דער עלטסטער פון די איבערגעבליבענע „יונגע", איז ער פאַר זײַן פּטירה געווען דער לעצטער פון זיי, און קעגן כראָנאָלאָגיע לאָזט זיך גאָרנישט טאָן. אָבער די מהותדיקע קשיא איז, וואָס איז, בעצם, דער דאָזיקער עלטסטער און לעצטער געווען אין דער גרופּע און פאַר דער גרופּע, און וואָס איז זי געווען פאַר אים.

און מיר שטעלן די קשיא נישט בלויז מחמת־דעם, וואָס, בדרך כּלל, איז די שײַכות צו אַ גרופּע, אַ שול, פאַר אַ יעדן חבר אירן אַן ענין פון זײַן אָנהייב, און ווערט אַלץ לאָקערער און לויזער מיט די יאָרן, ווען די בשותּפותדיקע מלחמה פון דער גרופּע פאַר איר ממשדיקער אָדער אויסגעדאַכטער, און אַפילו אײַנגערעדטער, ספּעציפישקייט טרעט אָפּ דעם פּלאַץ

דער מלחמה פון יחיד פאַר זײַן ממשדיקער אָדער אויסגעדאַכטער, און אַפּילו אײַנגערעדטער באַזונדערקייט אין דער ליטעראַטור פון דור, און אויב ער איז אַ גרויסער ממש — אין דער ליטעראַטור פון דורות. ניין, אונדזער קשיא גייט נישט פּאָסטעריאָרי, נאָר אַפּריאָרי: צי האָט זיך אונדזער דיכטער טיפער און וועזנטלעכער אָנגעקערט מיט דער גרופּע.

ג

מיר האָבן נישט געזאָגט: טיף און וועזנטלעך, נאָר בפירוש: טיפער און וועזנטלעכער. דען סוף־סוף איז דאָס בשותפותדיקע צווישן אים און דער גרופּע געווען סײַ טיף, סײַ וועזנטלעך — די עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט דאָס בינטל פּעיִקע געבענטשטע יונגעלייט פון עטלעכע לענדער און פאַרשיידענע מענטאַלע אַקלימען צוזאַמענגעבראַכט און זיי געלאָזט זייער איבערלעבעניש אויסזינגען אין נײַע טענער, נײַער מוזיק, און אין אַ פּאָעטישער קולטור, וואָס די ייִדיש־ליריק האָט זי פריִער נישט פאַרמאָגט, אַזוי אַז עס האָט אויך אַ קריטיש געמיט געלאָזט גלייבן אין אַ גאָלדענער עפּאָכע פון אונדזער דיכטונג. ער, י. י. שוואַרץ, איז מיט זיי און צווישן זיי געגאַנגען, אַ זינגער און אַ מיטזינגער, איבערלאָזנדיק העט־ווײַט הינטער זיך נישט בלויז צונזער און ראָזנפעלד, וואָס האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַפילו יהואש און פּינסקי און רייזן, וואָס ערשט די אָפּאָזיציע צו די יונגע, דאָס זענען די אינזיכיסטן, האָבן זיי ווידעראַנטדעקט. אָבער טיפער און וועזנטלעכער איז י. י. שוואַרצס וועלט געווען אַן אַנדערע פון זײַנע חברימס — די באַזע איז געווען אַן אַנדערע, זײַן פאַרבונד מיט אונדזער קולטור איז אַ היסטאָרישערער, אַ ממשדיקערער, אַ וויטאַלערער.

דעם דאָזיקן חילוק שעפּט ווײַט נישט אויס דער אונטערשטרײַך פון זייער איינשפּראַכיקייט און זײַן צווייִשפּראַכיקייט, דען באמת איז ער, אין פּראָדוקטיוון זינען ווי אַן אָריגינעלער דיכטער, געווען, אין אַן אַנטשיידנ־דיקער מאָס, איינשפּראַכיק; בלויז רעפּראָדוקטיוו, ווי אַן אָפּגעהיטענער איבערזעצער, איז ער געווען צווייִשפּראַכיק, און אויך דאָס מער אַקטיוו — ייִדיש, און מער פּאַסיוו — העברעיִש. דאָס איז ווײַט פון אַ נאָרמאַלער פּראָפּאָרציע, ווי עס פאַרלאַנגט צוויי־שפּראַכיקייט, און אַפילו מען נעמט אין באַטראַכט זײַן צוויי־נוסחדיקן „קענטאָקי״, איז דאָס ווײַט פון אַ פאַר־גלײַך צו מענדעלע, ז. שניאור און בעיקר, זײַן האַרצפרײַנד, י. ד. בערקאָ־וויטש. ניין, דאָ לאָזט זיך נישט פולקום דערמאָנען מענדעלעס זאָג וועגן

אָטעמען מיטביידע נאָזלעכער, דאָ לאָזט זיך גיכער איבערחזרן, וואָס איך האָב געזאָגט מכּוח דער צוויי־שפּראַכיקייט פון ש. ניגער וכדומה — זיי אָטעמען לײַטיש מיט איין נאָזלעכל, בשעת דאָס אַנדערע בלײַבט היפּש צוגעשפּאַרט.

ד

כּדי קלאָר פאַרשטאַנען צו ווערן שטרײַך איך אונטער, אַז די פּראָפּאָרציע פון דער פאַרשווינלעכער טאָפּל־שפּראַכיקייט־אוניע איז אַ פאַרשיידענע — זע ביאַליק, פּרץ, פרישמאַן, אהרן צײַטלין און אַנדערע, וואָס לייגן אַרויף אויף ביידע וואָגשאָלן כּמותדיק און איכותדיק פאַרשיידענע שאַפערישע מאָסן און געוויכטן, אָבער אַלץ, אָדער כּמעט אַלץ, איז מקור, בשעת י. י. שוואַרץ וואַרפט אויף דער שאָל פון יידיש אַרויף צוויי ביכער עפּיק און צוויי ביכער ליריק, און אויף דער העברעיִשער שאָל עטלעכע לידער אין דעם העברעיִש־נוסח פון „קענטאָקי” און אַלץ איבעריקע, גרויסע בענד, זענען איבערגעזעצט, בעיקר פון די העברעיִשע ליטעראַטור־אוצרות. אָבער דאָ שטעקט טאַקע דער חילוק צווישן אים און די יונגע — עס איז דער דירעקטער פאַרבונד צו די עיקר מקורות פון אונדזער קולטור, וואָס ער האָט אים געהאַט, געהיט, און קרעאַטיוו פאַריידישט, בשעת די יונגע האָבן עס שוין מער נישט געוואָלט, ווי, אַ שטייגער, ראובן אײַזלאַנד, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן איינציק העברעיִש ליד, און שפּעטער פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער לעבעדיקער העברעיִשער ליטעראַטור; אָדער האָבן עס שוין מער נישט געקאָנט, ווי, אַ שטייגער, מאַני לייב, און האָבן דאָס נישט־קענען אַנידערגעשטעלט ווי אַ נישט־וועלן און זיך געמאַכט אַ באַזונדערן מענטליק דערפון, גלײַך דער דאָזיקער חסרון וואָלט געווען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מעלה.

אָט די פאַרשיידנקייט איז אַ שנײַדיקע און אַנטשיידיקע, אַז ער וועגט איבער דעם גאַנצן באַצי־קאָמפּלעקס צו די יונגע און צווישן זיי — זײַן היימיש קולטור־פאַרמעג איז געווען ברייטער, אַרומנעמערישער. און במילא זענען זײַנע פּערספּעקטיוון געווען גרעסער און רײַכער, דען זײַנע יידישע ווערטז זענען געווען גרינטלעכער און תּוכיקער.

ה

און כּדאַי צו דערמאָנען דעם אָפּשאָץ פון אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, דעם באַגרינדער פון דער אָפּאָזיציע צו די יונגע. קודם־כּל האַלט ער נישט, אַז

די „יונגע״ זענען מעור אחד. פאַרקערט, ער זעט אין זיי אַ צווייערליי גרופּע — פון איין זײַט איגנאַטאָוו, זישע לאַנדוי, מאַני לייב, ראובן אײַז־לאַנד אַרום די „שריפטן״, פון דער אַנדערער זײַט י. י. שוואַרץ, אָפּטאָשו, יוסף ראָלניק, משה יונה חײַמאָוויטש אַרום „נײַע היים״, און ער פּרוווט אַרויסבולטן די חילוקים צווישן זיי, און עס איז כּדאַי זײַן קוק פּרטימדיק דורכקאָנטראָלירן. וואָס אונדז אינטערעסירט איצט, זענען דרײַ באַמערקן זײַנע. דער ערשטער באַמערק איז נוגע דעם באַצי צו אַמעריקע און צו דער קאַרדינאַלער שפּראַך אירער, ענגליש און איר ליטעראַטור — דאָ איז בפירוש פאַראַן אַ חילוק צווישןביידע גרופּן, די ערשטע וואָס האָט נישט קיין אינטערעס, און די אַנדערע וואָס האָט יאָ אַן אינטערעס דאַ־רינען, און י. י. שוואַרץ שטייט דאָ בראש. דער צווייטער באַמערק איז נוגע דעם באַצי צו דעם פריִערן דור שרײַבער, וואָס די יונגע האָבן זיי, ברדך כלל, אָפּגעשטויסן און מכבד געווען מיט ביטול און חוזק, בשעת י. י. שוואַרץ האָט געהאַט דעם זעלבן אײַנשטעל, אָבער דאָס האָט אים נישט באַפרייט פון דרך ארץ. אַזוי ווי עס קען זיך אָננעמען, אַז דער דאָזיקער דרך ארץ איז אַ כאַראַקטעראָלאָגישער, וויל איך באַמערקן, אַז איך נעם דאָס אָן, קלער אָבער אַז דער דאָזיקער באַצי וואָרצלט בעיקר אין זײַן היסטאָרישן צוגאַנג. דער דריטער באַמערק איז נוגע דעם באַצי צו די ייִדישע קולטור־מקורות — זיי האָבן נישט געקענט אונדזערע קולטור־ווערטן אין מקור און האָבן זיך אַפילו דערמיט איבעגענומען, און ער האָט זיי נישט בלויז געקענט, נאָר האָט כל ימיו פון זיי געטרונקען און דעם ייִדיש־לייענער אָנגעטרונקען. אַזוי ווי עס קען זיך אָננעמען, אַז די דאָ־זיקע קענטשאַפט, איז אַ ביאָגראַפישע, וויל איך באַמערקן, אַז איך נעם דאָס אָן, פרעג אָבער פאַר וואָס האָט י. י. שוואַרץ געדענקט אַז ער איז דעם פּעטראָשינער רבס זון און האָט דאָס געדעכעניש אין זײַן שאַפן אַקטיוויזירט, און פאַר וואָס האָט ראובן אײַזלאַנד געדענקט, אַז ער איז דעם ראַדאָמישער גאונס תּלמיד און האָט דאָס געדעכעניש אין זײַן שאַפן נייטראַליזירט — און די תּשובה שטעקט אין דער פאַרשיידנקייט פון מאָס און געוויכט פון היסטאָרישן באַוווסטזײַן.

י. י. שוואַרץ האָט פאַרייִדישט גאַנצע פּאָסעסיעס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, און אין פלוג לאָזט זיך מיינען און זאָגן, אַז ער האָט, בעצם, העברעיִש פאַראיבריקט, אין גייסט פון אַ טענדענציע, וואָס איז אָנגע־גאַנגען און גייט נאָך הײַנט, דאָ און דאָרט, אָן, אָבער דאָ שטעקט אַ גרויס

שטיק טעות. ראשית, דער כּוח פֿון אַ לשון, בעיקר אַ ייִנגער לשון, איז אויך אין איר פֿאַרמעסט צו פֿאַרהיימישן די קולטור־ווערטן פֿון אַנדערע, בעיקר עלטערע און קלאַסישע לשונות, און אויב לגבי לשונות פֿון פֿאַר־שיידענע, פֿרעמדע אומות, אַזוי — לגבי לשונות פֿון דער זעלבער אומה, לאו־כּל־שכּן. און דאָס געהערט שוין צו אונדזער קולטור־גאַנג, אָנגעהויבן פֿון תּרגום השבעים און אונקלוס און יונתן בן־עוזיאל דורך מעם לועז און צאינה וראינה, ביז בליץ און וויצנהויזן, ביז־ביז יהואָש, און וואָס עס געשעט מיטן אייבערשטן שפּיגל, חומש און שוואַרבע, געשעט אויך מיט די אַנדערע שפּיגלעך. און דאָס אַלץ פֿאַראייבריקט נישט דעם מקור, פֿאַר־קערט: עס שטאַרקט די בריק צווישן ייִנגערן מקור און עלטערן מקור, און צווישן ביידע אייגנציִיטיקע מקורות. מחמת דעם האָב איך מײַן מאָנאָ־גראַפֿיע וועגן שוואַרצן, דעם אַרײַנפֿיר צום העברעיִשן „קענטאָקי", אַ נאָ־מען געגעבן הגשר — די גימל מיט אַ פּתח און די שין מיט אַ קמץ — משמע: דער בריקנלייגער, דער בריקנער. דען דאָס איז, בעצם די כּוונה פֿון זײַן אויפֿטו: נישט בלויז אַ פֿאַראָם, וואָס קען, אין דערזעלבער צײַט, פֿירן בלויז אַהין אָדער בלויז אַהער, נאָר אַ בריק וואָס קען גלײַכצײַטיק פֿירן אי אַהין אי אַהער.

[י"ג חשון תשל"ב]

צוויי צײַט־לידער

א

ווען יעקב אַדלערס פרײַנד האָבן, בײַ זײַן לעבן, געפײַערט זײַן הונ־דערט־יאָריקן יובל, האָב איך מיך צו זיי אָנגעשלאָסן, כאָטש איך האָב פריִער געהאַט אַ קווענקל בנוגע דער דאַטע — רייזענס לעקסיקאָן האָט מיך צוגעוווינט צום יאָר 1877, ווי אַדלערס געבוירן־יאָר, און אים זענען נאָכגעגאַנגען אַנדערע, אָבער דער נײַער לעקסיקאָן באַצייכנט 1874, ווי זײַן געבוירן־יאָר, און די לעצטע צענטליקער יאָרן האָבן אויך, לויט דער לעצטער דאַטע, געפּראַוועט זײַנע שפּעטע יובלען, די פון אים ייִנגערע שרײַבערס, וועלכע ער האָט שפּעטער איבערגעלעבט. אין מײַן מאמר וועגן אים, וואָס איז אַרײַן אין איצטיקן באַנד, האָב איך געפּרוּווט צייכענען זײַן דרך אין זײַנע לידער און הומאָרעסקן, און איצט וויל איך מיך אָפּשטעלן בלויז אויף איין פונקט, וואָס איז אפשר דער צענטראַל־פּונקט פון זײַן כאַראַקטער: ווי אַ יעדער הומאָריסט, איז ער גרונטיק געווען אַ טרויעריקער מענטש, און זײַן ליריק, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן סענטימענטאַלער ראָמאַנטיק און שטיפערישער כמו־רעאַליסטיק, האָט אָט דעם פאַרבאַהאַלטענעם פּונקט נישט איין מאָל פאַרראָטן.

ב

אַ קליינע, אָבער בפירושע ראיה — ווען מענדל נײַגרעשל און אליעזר שינדלער האָבן אַרויסגעגעבן זייער „קליינע אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליריק אין גאַליציע, 1897—1935״ (פאַרלאַג א. ב. צעראַטע, ווין, 1936), האָבן זיי זי, לויטן אַלף־בית־סדר פון די נעמען — ממילא אָנגעהויבן מיט יעקב אַדלער, וואָס איז געווען, לויט די דאַטעס וועלכע זיי ברענגען, דער עלטסטער פון אַלע דעמלט לעבעדיקע און טויטע דיכטערס, וואָס זענען אַרײַן אין דער אַנטאָלאָגיע. מיר זאָגן: לויט די דאַטעס וואָס זיי ברענגען — דען זיי האַלטן זיך בײַ 1877, ווי אַדלערס געבוירן־יאָר, און דאָ האָט ער בלויז איין קאָנקורענט, און דאָס איז מיכל ווירט, וואָס ווערט באַ־

טראַכט פאַרן פּאָטער און באַגרינדער פון דער מאָדערנער יידיש־דיכטונג אין גאַליציע; אָבער אַזוי ווי יעקב אַדלער איז פאַרט געבוירן 1874, איז אויך ווירט דריי יאָר ייִנגער פון אים.

נאָך מער, יעקב אַדלער האָט זיך, בשעתן דערשיינען פון יענער קליי־נער אַנטאָלאָגיע, שוין איבער זעקס־און־פערציק יאָר געפונען אין אַמע־ריקע, וווּהין ער האָט יינגלווייז אויסגעוואַנדערט, און איז בעיקר באַקאַנט געווען פון זיינע הומאָרעסקעס, וועלכע ער האָט — לויט דער עצה פון אַב. קאַהן (כּהן) — אונטערגעשריבן מיט אַ ליטווישן פּסעוודאָנים (ב. קאָוונער). פרעגט זיך, וואָס האָבן די רעדאַקטערס פון דער קליינער גאַלי־צישער אַנטאָלאָגיע געזוכט און געפונען ביי יעקב אַדלערן, כּדי אים כּהלכה צו רעפּרעזענטירן. אין פלוג דאַכט זיך, אַז זיי וואָלטן באַדאַרפט אויסצו־קלייבן איינס פון זיינע נאָסטאַלגישע לידער, וואָס עטלעכע פון זיי זענען געוואָרן פאָלקסלידער ממש (די הקדמה פון יוסף און חנה מלאָטעק צום בוך „פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע", הייבט זיך אָן מיט אַ מעשה פון אַ „פאָרווערטס"־לייענער, וואָס האָט געזוכט דעם סוף פון אַ שיין און באַ־קאַנט פאָלקסליד, און וואָס האָט זיך די מי געגעבן נאָכצוזוכן אין ביכער־געשעפטן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז אַ ליד, וואָס האָט אַ טאַטן, און ער איז פון די פּני פון „פאָרווערטס", טאַקע אונדזער יעקב אַדלער), אָבער ניגרעשל־שינדלער זענען נאָכגעגאַנגען שמואל יעקב אימבערס אַנטאָלאָגיע Modern Yiddish Poetry (ניו־יאָרק 1927), וואָס איז אַן אָפּקלייב פון דער כּלל־ליריק אין יידיש — פון דער לינקער זייט גייט דער אָריגינאַל, טראַנסקריבירט מיט לאַטיינישע אותיות, פון דער רעכטער זייט גייט אימבערס ענגלישער, פּאָעטיש געהאַלטענער, פּראָזע־איבערזעצן. אויך די דאָזיקע כּלל־אַנטאָלאָגיע הייבט זיך אָן, ווי דער אַלף־בית פון די אָפּגעקליבענע דיכטער איז מחייב, מיט יעקב אַדלער — עס ווערט דאָ געבראַכט זיין „צייט־ליד", דאָס זעלבע וואָס קומט, נאָך יאָרן, אַריין אין דער דערמאָנטער קליינער רעגיאָנאַלער אַנטאָלאָגיע.

ג

הייסט עס, די צוויי רעדאַקטערס זענען נאָכגעגאַנגען דעם טעם פון זייער פירגייער — אַ זאַך, וואָס זיי האָבן געטאָן אין נאָך צוויי פאַלן: לגבי מיכל ווירט — דאָס זעלבע ליד „מירעלע" און לגבי פראַדל שטאָק — דעם זעלבן סאָנעט. מעגלעך, אַז די דריי באַגעגענישן זענען צופאַליקע,

בפרט ווען מיר באַרעכענען, אַז ש״י אימבער האָט אין זײַן כּלל־אַנטאָלאָגיע אַ בינטל גאַליציִשע דיכטערס וואָס זענען, פאַרשטייט זיך, אויך דאָ אין נײַגרעשל־שינדלערס אַנטאָלאָגיע (ש״י אימבער גופא, ראובן אײַזלאַנד, אורי צבי גרינבערג, נפתּלי גראָס, משה לייב האַלפּערן, בער האָראָוויץ, דניאל לייבל, משה נאַדיר, יעקב מעסטעל, רחל קאָרן, דוד קעניגסבערג, מלך ראַוויטש, אבא שטאָלצנבערג), אָבערביידע אַנטאָלאָגיעס גייען זיך, אין אָפּקלײַב פון די לידער, פון די דאָזיקע מחברים פונאַנדער. נאָך מער, די קליינע רעגיאָנאַל־אַנטאָלאָגיע היפּערט בלויז, אין איין פאַל, איבער אַ גאַליציאַנער, וואָס געפינט זיך אין דער כּלל־אַנטאָלאָגיע (דער לעמבעריקער ל. מ. הערבערט, פון די ערשטע יונג־ייִדישע דיכטערס אין גאַליציע, פון די וויייניקע איבערזעצערס פון אַלט־קלאַסישער פּאָעזיע, רייזענס לעקסיקאָן האָט אים נישט באַמערקט, אָבער אין נײַעם לעקסיקאָן האָט ח. ל. פוקס געבראַכט אַ לײַטישן ערך וועגן אים), דערקעגן נעמט די קליינע רעגיאָנאַל־אַנטאָלאָגיע אַרום דיכטערס, וואָס די גרויסע כּלל־אַנטאָלאָגיע האָט געקענט, און אפשר אויך געדאַרפט אַרײַננעמען און האָט זיי נישט אַרײַנגענומען (אָשר באַראַש, סאַלאַמאָן דעמביצער, יוסף הלל לעווי, יוסף פאַלק), און פאַרשטייט זיך, אַז זי נעמט אַרײַן דיכטערס, וואָס זענען אין דער צווישנצײַט פון ביידע אַנטאָלאָגיעס אויפגעקומען און באַקאַנט געוואָרן (ישׂראל אַשנדאָרף, הערש וועבער, יהודה לייב טעלער, מלכּה לי, מענדל נײַגרעשל, דבורה פאָגל, מאיר שטיקער, משה שימעל, אליעזר שינדלער, בער שנאַפּער).

ד

דערלויב איך מיר צו דערמאָנען, אַז ווען די קליינע רעגיאָנאַל־אַנטאָלאָגיע האָט מיך דערגרייכט, האָב איך געקלערט, ווי וואָלט זי אויסגעזען, ווען איך וואָלט עס באַדאַרפט אַרויסגעבן, און איך בין געקומען צו דער מסקנה, אַז איך וואָלט נישט געווען אַזוי שפּאָרעוודיק — סוף־סוף איז ליטעראַטור, און ממילא אַ יעדער ליטעראַטור־צווײַג, אַ וואַלד, וואָס באַשטייט פוןביימער, ביימלעך, קוסטן, אַפילו כּלערליי מינים גראָזן; און אַנטאָלאָגיע מיינט אַ קראַנץ בלומען און אויך זיי פאַרמאָגן כּלערליי סאָרטן, און יעדער סאָרט האָט זיך זײַן חן. האָב איך טאַקע דעמלט אויף דער רוק־זײַט פון דער קליינער אַנטאָלאָגיע פאַרצייכנט, ווער עס פעלט מיר דאָרט — די בראָדער יוסף גרינזײַט (באַדיאַן) און אײַזיק קעניג;

דער גלינער שמואל נאַדלער; דער היוונעווער יעקב שודריך; די זלאָ־טשעווער אַריה שרענצל און הערש פענסטער; דער זשוראַוונער דוד לערנער; דער טאַרנער יעקב נײַמאַרק; די לעמבעריקער לייבל דרייקורס און משה ווילער, דער מאַנאַסטריטשער האַראַצי סאַפּרין; דער סאַנדע־ווישניער דוד אַפּטייקער (רוקח); דער סטאַניסלאַווער לייבוש שאַפּענ־פעלד; דער קאַמאַרנער קלמן הייזלער, דער קילימייער בן־ציון פעסלער, די קיטיווער מלכּה לאַקער, די קריסניפּאָליער רחל קראַמף. עס וואָלט טאַ־קע געפּאַדערט מער ווי פּופּציק זײַטלעך, וואָלט אָבער אַלץ נאָך געווען אַ קליינע אַנטאָלאָגיע, דערפֿאַר אָבער אַ פולערע, אַ כּל־זײַטיקע. שוין אָפּ־געשמועסט דערפון, אַז דער פּרינציפּ, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן אשר באַראַש, בײַם צונויפשטעלן זײַן אַנטאָלאָגיע פון צוויי־הונדערט יאָר העברעיִשע ליריק, דהיינו אַז ער האָט אויך אַרייננעמען שרײַבער פון פּאַרמאַט, וואָס זייער דיכטונג איז, אין זייערע ווערק, אַ בײַזאַך. לויט דעם פּרינציפּ וואָלט מען נישט געקאָנט איבערהיפּערן נישט בלויז דעם בוטשאַט־שער ש״י עגנון — וואָס באַראַש ברענגט זײַנס אַ ליד — נאָר אויך נישט דעם קאָלאָדניעעווקער מאיר חאַרטינער. און אויב זיך נישט האַלטן אין דעם פּאַרצייכנטן היסטאָרישן ראַם, וואָלט זיך אָפּגעזוכט ליריק נאָך אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור — האָט דאָך, מיט יאָרן שפּעטער, טאַקע מענדל נײַ־גרעשל פאַרצייכנט די תּפילות וואָס דער מחבר פון „אַלטער לעב״ (און ער האָט עס דאָך אַנטדעקט, אַז עס איז יוסף וויטלין) האָט געבראַכט, און זיי געהאַלטן פאַרן אָנהייב פון דער יִדיש־ליריק אין דער נײַער צײַט בכלל.

ה

אָבער צוריק צום ענין יעקב אַדלער און זײַן באַגעגעניש אין די ביידע אַנטאָלאָגיעס — דאָס „צײַטליד״ — כשמו כן הוא, אַ ליד, אין וואָס די שוידערלעכע כּלל־אַטמאָספער פון דער ערשטער מלחמה האָט זי געקאָנט שאַפן און געשאַפן, און באַוויַזט, אַז דער דיכטער, וואָס איז געווען אין אַמעריקע, האָט טיף מיטגעלעבט, וואָס עס איז געשען בעיקר אין אייראָ־פּע, ווען איר מזרח און מערב האָבן זיך געבאָדן אין בלוט. דאָס גאַנצע ליד קלינגט אַזוי:

מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן —

די פעלדער די ברייטע זיי שטייען אין גריבער
צעגראָבן.

מיר וועלן קיין שאָף און קיין רינד אויפן פעלד מער
ניט האָבן —
די פעלדער זיי זענען פאַרנומען מיט מתים
און ראָבן.

די בוימער זיי שטייען באַלאָדן מיט עפּל
און באַרן —
זיי וועלן אַזוי אויך די צוויַיגן פאַרפוילן.
פאַרדאַרבן...

די יינגסטע, די קרעפּטיקסטע מענטשן זיי שטייען
אין פלאַקער —
ניטאָ, ווער ס׳זאָל זייען און פלאַנצן און פירן
דעם אַקער.

די פעלדער זיי זענען פאַרנומען מיט מתים
און ראָבן —
מיר וועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן —

אַז מען קוקט זיך אַריַין, זענען דאָס, בעצם, נישט פינף פיר־שורה־דיקע נאָר פינף צוויי־שורהדיקע סטראָפעס, נאָר דער מחבר האָט גע־פּרוווט זייער אינהאַלטלעכע שווערקייט אויסצובאַלאַנסירן דורך אַ טעכ־נישער פאַרגרינגערונג, בכּוח דעם אויפטייל פון דער לאַנגער, פינפֿפוסיקער, שורה אויף צוויי שורות — אַ לענגערע און אַ גאָר קורצע, אַזוי אַז בײַם לייענען פון דעם בכיוון־מאָנאָטאָנעם ריטמישן גאַנג, שפּירט זיך אַ מין אילוזאָרישער אָפּשטעל פון פאַרכאַפּטן אָטעם. דער תּוכן־אויפבוי פון ליד גייט אַזוי: פון די ערשטע צוויי סטראָפעס האָט די ערשטע צו טאָן מיטן קולטיוווירטן עולם החי (שאָף רינדער); פון די וויַיטערע צוויי סטראָפעס האָט די ערשטע ווידער צו טאָן מיטן קולטיווירטן עולם הצומח, נאָר שטאָט תּבואות (קאָרן, ווייץ, גערשטן) קומען פּירות (עפּל, באַרן), די אַנדערע

וויַטער — מיטן עולם המדבר, דעם עיקר כּוח פונעם קולטיווירער פון פעלד און רינדער און גאָרטן, דעם יונגן אַרבעטנדיקן מענטשן, וואָס זײַן אונטער־גאַנג אין דער מלחמה איז דער אונטערגאַנג פון דער גאַנצער דרײַיִקער קולטור; בשעת די גאָר לעצטע סטראָפע חזרט איבער די לעצטע צוויי שורות פון דער צווייטער סטראָפע (ווו מיר האָבן דעם טויט אין טאָפּלגעשטאַלט, די מתים וואָס ליגן און די ראָבן וואָס פרעסן זייער טויטן לײַב) און די ערשטע צוויי שורות פון דער ערשטער סטראָפע, אַזוי אַז אָנהייב־ און סוף־ליד האָבן דעם זעלבן אויסקלאַנג. וואָס שייך דעם עולם הדומם איז ער באַגרע־נעצט אויף צוויי ווערטער (פעלדער, אָקער) און דאָס צווייטע אָרט איז טאָפּל־באַטײַטיק — אַרבעטס־כּלי און זײַן סוסטראַט, די ערד. די עיקר־מעלה פון ליד שטעקט אין זײַן כּמעט עקסטן צימצום, וואָס שטאַרקט דעם לאַפּידאַרן טאָן.

ו

כּדי דאָס אויסצובולטן איז כּדאַי צו ברענגען אַן ענלעך צײַט־ליד, וואָס אָפּערירט מיט דעם זעלבן מאָטיוו, באַגעגנט זיך אין בילדער און אַפילו ווערטער, פאַרמאָגט אָבער אַן אַנדערן אויפ־ און אויסבוי — עס איז דאָס ליד פון אַהרן ניסענזאָן („הונדערט לידער”, 1919, ז. 101) און וואָס קלינגט אַזוי:

ס׳וועט זיך קיין סערפּ און קיין קאָסע
אין פעלד מער ניט ווײַזן
און ליידיק וועט שטיין און פאַרזשאַווערט
דער אַקער־אײַזן.

עס וועט דאָס געזאַנג מער
פון פריילעכער יוגנט ניט קלינגען
אין טונקעלע זומער פאַרנאַכטן
אין גוססע זוניקע שטראַלן.

זײַן ליבגעזאַנג וועט שוין דער פויער דער אַלטער
ניט זינגען
און קניענדיק וועט אין געבעט ער
צו דער ערד מער ניט פאַלן.

און אַז ס׳וועט אַ קינד ווי אַ שטיקעלע
ברויט וועלן האָבן,
וועט אָנווײַזן דאָן אים די מאַמע
אין פענצטער די ראָבן,
ווי ס׳ליגט אַ געהרגעטער דאָרטן
זײַן טאַטע באַגראָבן.

די סטראָפעס זענען דאָ אַנדערש, קאָמבינירטער, און די גראַמען וואַרפן זיך צו מאָל איבער פון איין סטראָפע צו דער אַנדערער; דאָס וואָס איז אין פריערן ליד געווען קוים אַ וואָרט (דער אַקער), מאַכט דאָ אויס די גאַנצע ערשטע סטראָפע. אַזוי אַז דער אַרײַנפיר אין ליד האָט צו טאָן מיט די אַרבעט־כּלים אין אַ פאַרקערטן סדר פון זייער באַנוץ (סערפּ, קאָסע, אַקער־אײַזן). די צווייטע סטראָפע האָט ערשט צו טאָן מיט דעם מענטשן, אויך דאָ דעם יונגן, און דאָס נאָך דער אַרבעט. די דריטע סטראָפע האָט ווידער צו טאָן מיטן מענטשן, מיטן אַלטן, און דער חילוק פון ייִנגן דור און אַלטן דור, אַז דער ערשטער איז פאַרנומען מיט געזאַנג און דער אַנדערער איז פאַרנומען מיט תּפילה; די פערטע נישט מער פיר־שורהקע נאָר זעקס־שורהקע סטראָפע, איז אַ צונויפּמענטרעף פון הונגעריקן קינד און זײַן מאַמע און די ראָבן און זײַן געהרגעטן טאַטן.

ווי מיר זעען, זענען די עלעמענטן פון דער קאַטאַסטראָפע אַנדערש אויסגעבויט אין ביידע לידער — בײַ אַדלער אָרעמער, נאַקעטער, שטרענגער, בײַ ניסענזאָן בילדלעכער, פּריטמדיקער, ווייכער; בלשון אחר: בײַ אַדלער איז אַלץ געגעבן — ווייניקער; בײַ ניסענזאָן — מער; אָבער אַז מען טראַכט זיך אַרײַן אין מהות פון אַזאַ ליד, לאָזט זיך נישט אָפּוווערן דער געדאַנק, אַז ווייניקער איז, בעצם, מער; און מער, איז, בעצם, ווייניקער.

[אייר, תשל״ה]

צו די גבורות

וועגן אורי־צבי גרינבערג

אמר המחבר: איידער איך נעם זיך רעדן וועגן סײַ עלטסטן, לויט די יאָרן, סײַ ייִנגסטן, לויטן גײַסט, העברעיִש־ייִדישן פּאָעט, דערלויב איך מיר פּירוויסשיקן דרײַ באַמערקן. דער ערשטער באַמערק איז, אַז איך בין, צווישן די הײַנט־צו־טאָג לעבעדיקע, איינער פון די פריסטע לייענער, אויב נישט דער פריסטער ממש, פון זײַן פּאָעזיע, פּונקט ווי איך בין איינער פון די שפּעטסטע אָפּשאַצער, כאָטש נישט דער שפּעטסטער ממש, פון איר. גענוג צו דערמאָנען, אַז נאָך קינדווײַז איז מיר אויסגעקומען צו לייענען זײַנע לידער אין לעמבעריקער טאָגבלאַט, וואָס איז אָנגעקומען טאָג־טעגלעך צו אונדז אין שטוב אַרײַן, און זינט איך האָב ייִנגלווײַז גע־לייענט זיין ערשט לידערבוך ערגעץ אויף פעלדער האָב איך נישט איבער־געהיפּערט קיין שורה פון זײַן צווייִשפּראַכיקער דיכטונג, אָבער חוץ אַ זײַטיקן דערמאָן, דאָ און דאָרט, וועט אַפילו דער גענײַסטער ביבליאָגראַף נישט געפינען, אַז איך האָב מיך אויף איר אָפּגערופן, און וואָס ער וועט יאָ געפינען, איז אַ ביסל פּאָלעמיש דרויב פון פּובליציסטישן כאַראַקטער. ווי שפּעט מײַנע פּרוּוון פון אָפּשאַץ פון זײַן פּאָעזיע זענען, לאָזט זיך אָפּ־לערנען פון זייערע דאַטעס — עס זענען לעת־עתה דרײַ מאמרים, וואָס זענען אַרײַן אין ערשטן באַנד פון מײַן בוך — ארחות ושבילים (עם עובד, תשל״ח, זז׳ 34—36) — דער ערשטער איז מײַנס אַ וואָרט בײַם צוטיילן אים די מרים טאַלפּיר־פּרעמיע ((תשכ״ג), די אַנדערע צוויי זענען מאמרים מיט פּערצן יאָר שפּעטער (תשל״ז). יאָ, אין דער מיט (תשכ״ט), איז גע־ווען מײַנס אַ וואָרט בײַ אַ יובל־פײַער לכבודו, אין הויז פון זײַנס אַ לעמ־בעריקער יוגנטפרײַנד אין ניו־יאָרק, מיטן אָנטייל פון גאולה כהן, רחבעם עמיר, חנוך גיבתּון, דוד מירקין, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַ בטעות דאַטירטער, פאַררעכן איך אויך אים צו מײַנע אָפּשאַצפּרוּוון לכּבֿוד זײַן חג־הגבורות.

דער צווייטער באַמערק איז, אַז דער רוב רייד מײַנע וועגן דיכטער זענען טאַקע געווען צום אויער פון אַ גרעסערן, אָדער גאָר גרויסן עולם,

אָבער מיר איז בעיקר געגאַנגען אין זײַן אויער, און איך בין צופרידן, וואָס ער האָט מיך דרײַ מאָל מכבד געווען, און געקומען מיך הערן: בײַם גרויסן יובל־אָוונט, וואָס עס האָט אײַנגערופן די שטאָט־פאַרוואַלטונג און דער העברעיִשער שרײַבער־פאַראיין אין תּל־אָביב; בײַם באַזונדערן לערנ־טאָג, וואָס עס האָט דורכגעפירט דער אוניווערסיטעט בר־אילן אין רמת־גן, און ווען איך האָב געהאַט דעם כּבוד צו עפענען; בײַ דער גרויסער אויסשטעלונג וועגן אים, זײַן לעבן און ווערק, אין אונדזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים. אין אַלע דרײַ אימפּערזעס האָט זיך מיר געבאָטן אַ שעת־כּושר צו דערפילן דעם חוב פון אַ מקבל, וואָס איז אַ נהנה, צו אַ נותן, וואָס איז אַ מהנה, בפרט אַז עס איז, ווי דערמאָנט, אַ לאַנג־יאָריקער חוב, און איך וואָלט נישט געוואָלט אַוועקלייגן די פּעדער, איידער איך האָב דעם חסרון מײַנעם ממלא געווען.

דער דריטער באַמערק איז, אַז איך האָב מײַנע אָפּשאַצונגען לכּבוד דעם שנת־הגבורות געפּרוּווט אויך אין גלות — אַ לעקציע אין העברעיִש־נוסח, וואָס דער לאָנדאָנער סניף פון ברית עברית האָט אײַנגעאָרדנט אין הויז פון ד״ר שמואל זאַקס און אין יידיש־נוסח, אַ לעקציע וואָס דער פּאַריזער יידישער שרײַבער־פאַראיין האָט אײַנגעאָרדנט אין זאַל פון דער דאָרטיקער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן. עס איז דער נוסח וואָס איך ברענג אים איצט פאַרן עולם לייענערס.

א

איך וועל אײַך נישט מטריח זײַן און פאַדראָבנע דערציילן די היסטאָ־ריע פון מײַן באַצי צו אורי־צבי גרינבערגס דיכטונג און זײַנע גילגולים, ווײַל זי איז אי לאַנג אי פאַרוויקלט.

די דאָזיקע היסטאָריע איז לאַנג — און נישט בלויז מחמת דעם קליי־נעם עלטער־אונטערשייד צווישן אונדז, קוים פינף יאָר; נאָר בעיקר מחמת דעם גרויסן לעקטור־מרחק פון זײַנע שאַפונגען — כּמעט פון זײַנע אָנהייבן עד־היום. דערצו קומט נאָך צו אַ פּריזע באַגעגעניש מיט זיין גע־שטאַלט — מײַנער אַ קרוב, ר׳ פּרץ האָרוויץ, פון די חשובסטע מתפּללים אין דער לעמבעריקער חסידישער שול (חידושים־שול אָדער ר׳ יאַנקעלע יאַנצערס קלויז) האָט מיר עפּעס מער ווי אַ בר־מיצווה־ייִנגל, געוויזן אַ הויכן, רויטהאָריקן, אויסגעאיידלטן יונגער־מאַן, וואָס האָט דורכגעשפּרײַזט די גאַס, וואָס די גויים רופן זי פּלאַץ שוויענטעגאָ טעאָדאָראַ (פון הייליקן

טעאָדאָר) און די ייִדן רופֿן זי דער קוילנפּלאַץ אָדער דער קוילנמאַרק, און
האָט מיר אַזוי געזאָגט: קוק אים אָן, ער איז אַ גרויסער מיוחס, אַן אור־
אייניקל פֿונעם שׂרף, ר׳ אורי סטרעליסקער זכר צדיק לברכה. זינט דער־
מאָלט האָט די ממש געזעענע געשטאַלט פֿון אוראייניקל און די אימאַגי־
נירטע געשטאַלט פֿון זײַן עלטער־זיידן ווי באַגלייט די לעקטור מײַנע.

די דאָזיקע היסטאָריע איז פֿאַרוויקלט — כּדי דאָס בקיצור צו דער־
קלערן, וועל איך פֿון יענער ווײַטער שטרעקע, מיט קאַרגע זעכציק יאָר
צוריק, זיך צוווענדן צו אַ נענטערער שעה, וואָס איז אויך ווײַט גענוג,
מיט אַ פֿינף און פֿערציק יאָר צוריק, און נישט אין לעמבעריק, נאָר אין
ירושלים, בײַ אַ טאָפּעלעם צוזאַמענטרעף.

ב

דער ערשטער צוזאַמענטרעף איז געווען אין דער אַרבעטער־צײַטונג
דבר, ווו ער איז געווען, בערך פֿיר יאָר, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער,
קלאָרער געזאָגט: דער שטורעמדיקסטער מיטאַרבעטער, און ווו איך האָב
דעמאָלט, פֿון זינט צוויי יאָר, געאַרבעט אין דער רעדאַקציע, אַן אַרבעט,
וואָס האָט זיך געצויגן אַ קאַרגע דרײַסיק יאָר. דאָרט, אין דבר, האָבן מיר
זיך, סײַ בעל־פּה סײַ בכתב, צוזאַמענגעטראָפֿן, און איין מאָל, אין כ׳ תּמוז־
נומער, צום פֿינף און צוואַנציקסטן יאָרצײַט פֿון הערצל. זײַן מאמר האָט
געהייסן „ציונות כקתוליות״? [=ציוניזם ווי קאַטאָליציזם?] און כאָטש
דער נאָמען האָט צום סוף פֿאַרמאָגט אַ פֿרעגצייכן, איז פֿון תּוכן געווען
קלאָר, אַז באמת פֿאַרדינט ער אַן אויסרוף־צייכן, און עס איז, אויב איך
בין מיך נישט טועה, זײַן לעצטער מאמר אין דבר.

דער צווייטער צוזאַמענטרעף — עס זענען נישט אַוועק מער ווי צוויי
וואָכן און עפּעס, און ער האָט געשפּאַנט אין דער שפּיץ פֿון דער באַקאַנ־
טער תּשעה־באָב־דעמאָנסטראַציע, און אַזוי ווי איך בין געווען זײַן שכן צום
ערשטן צוזאַמענטרעף, בין איך געווען זײַן שכן בײַם אַנדערן צוזאַמענ־
טרעף; אמת, נישט ווי אַ דעמאָנסטראַנט, נאָר ווי אַן אָבסערוואַטאָר. וועל
איך אײַך נישט מטריח זײַן מיט מײַן דעמאָלטיקער אָבסערוואַציע און איר
אַרום, וואָס איז שוין לאַנג אַ זאַך פֿאַר היסטאָריקער, וואָס וואָלטן אפֿשר
נישט באַדאַרפֿט איבערהיפּערן מײַן באַשיידענעם עדות זאָג, אָבער איך
וועל אײַך איצט מטריח זײַן מיט מײַנע געדאַנקען וועגן אים, דעם פּאָעט,

וואָס איך האָט געטראַכט אין שײַכות מיט מײַן מאמר, וועלכער איז צוויי וואָכן פריִער, געווען דער שכן פון זײַן מאמר.

עס איז געווען מײַנע אַ רשימה וועגן הערצלס בוך Philosophische Erzählungen — לייענענדיק זיי, האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ צעטל, וואָס זאָל אָפּשיידן צווישן די דערציילונגען, וואָס הערצל האָט געשריבן, איידער ער האָט מחבר געווען זײַן בראָשור Der Judenstaat, און צווישן די דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דעם ווי ער האָט די בראָשור אַרויסגעגעבן, און איך האָב געזען און באַוויזן דעם שטאַרקן באַטײַט פון דעם דאָזיקן ווענדפּונקט. און זײַענדיק דערצויגן אויף דער פּוילישער קלאַסיק, האָב איך מיך געמוזט דערמאָנען אַדאַם מיצקעוויטשס דראַמאַטישע פּאָעמע Dziady ווי דער העלד מאַכט אַ שיידליניע אין זײַן לעבן, און דער אָפּשייד־סימבאָל איז זײַן פאַראַנדערשטער נאָמען — ביז איצט הייסט ער גוסטאַוו, ווי עס פּאַסט פאַר אַ העלד פון זײַדענער ראָמאַנטיק; פון איצט הייסט ער קאָנראַד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ העלד פון דעם שטאָלענעם אויפטו. און אַזוי ווי פון זיך אַליין האָבן די געדאַנקען מײַנע, אַרויפבאַשווירן אים, אורי־צבי, וואָס זײַן לעבן און זײַן שאַפן האָבן דעמאָלט, פון זינט פינף יאָר, געקאָנט אַזאַ שאַרפע און איבערשנײַדנדיקע אָפּשייד־ליניע — צווישן דעם וואָס ער איז געווען פאַר דער עליה אין אונדזער לאַנד אַרײַן און צווישן דעם וואָס ער איז געווען נאָך דער עליה זײַנער.

ג

אָבער נאָך פאַר זײַן עליה האָט ער פאַרמאָגט אַ היפּש פאַרמעג — זײַנע לידער און לידער־ציקלען, סײַ העברעיִשע, וואָס זענען נישט אַרײַן אין בוכטאָוולען און געווען צעוואָרפן אין צײַטשריפטן; סײַ יידישע, וואָס זענען אַרײַן אין עטלעכע ביכער, דאַרונטער פאַרנאַכטנגאָלד און מעפיסטאָ, וואָס האָבן אים אַנידערגעשטעלט אין סאַמע שפּיץ לייטער פון דער מאָדערנער אויפרודערישער, עקספּרעסיאָניסטיש־געריכטעטער יידיש־פּאָעזיע, און דאָס נישט בלויז אין דער גרופּע „כאַליאַסטרע״, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, און בעיקר אין דעם דרײַלינג: ראַוויטש־מאַרקיש־גרינבערג, וואָס ווערט, כאָטש זײַן קורצן באַשטאַנד, נאָך הײַנט דערמאָנט ווי אַ פאַרגלײַכקרײַז, בעיקר כדי בודק צו זײַן דעם וועג, וואָס זײַן אָנהייב איז געווען בשותּפותדיק און זײַן סוף איז געווען אָפּגעטיילט און אָפּגעשיידט פון

עק ביז עק. אַזוי ווי עס וועלן בקרוב, אין דער ביכעררײַ פון ייִדיש־אָפּ־טייל אין ירושלימער אוניווערסיטעט אַרויסגיין, אין צוויי גרויסע בענד, אַלע זײַנע ייִדיש־לידער, און עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז בעצם האָט ער אַלע יאָרן געשריבן ייִדיש, און נישט בלויז פּובליציסטיק, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט (זײַן פֿאָלעמישע רובריק אין מאָמענט) נאָר בעיקר פּאָעזיע, וועלכע ער האָט זעלטן פֿאַרעפֿנטלעכט, אָבער עס וועט זיך אויך אײַנטײַטיק אַרויסשטעלן, אַז דער ייִנגסטער פֿון דעם דרײַלינג, זײַענדיק אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון זייער פּאָעטישן דערגרייך, האָט אין עצם הויכ־פּונקט, ביז גאָר געשפּאַנט די הויכפּונקט־ליניע — דער אַבסאָלוטער אַנט־שייד לגבי היסטאָרישן און אַקטואַלן פּראָנט פֿונעם פֿאָלק און זײַן שפּראַך.

וואָס שייך דעם פּראָנט — ער האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט די דרײַ גרויסע בלאָקן פֿון בית־ישׂראל אין גלות, די מיליאָנען אין פּוילן און אין רוסלאַנד און אין די אַמעריקעס, און אידעאָלאָגיש איבערגעלאָזט מלך ראַוויטשס וועלטפֿאָלק און פּרץ מאַרקישעס רעוואָלוציע־פֿאָלק און זיך אַ לאָז געטאָן צום קליינעם שבט פֿון די חלוצים אין זייער לאַנד. וואָס שייך דער שפּראַך — דער סופּרעמאַט פֿון זײַן דיכטערישן אויסדרוק געהער נישט דעם לשון פֿון פֿאָלק און זײַנע גרויסע בלאָקן, וואָס איז פֿריִער גע־ווען די שפּראַך־כּלי פֿון רוב אייגענער פּאָעזיע זײַנער, וועלכע איז אַרײַן אין זײַנע פֿינף ייִדיש אַרויסגעגעבענע ביכער, נאָר דאָס לשון פֿון דער אומה און זײַן קליינעם שבט, וואָס איז פֿריִער געווען די שפּראַך־כּלי פֿון דעם מיעוט אייגענער פּאָעזיע זײַנער, און וואָס איז, ווי דערמאָנט, נישט אַרויס אין אַ בוכפֿאָרעם.

ד

מיט זײַן ערשטן שפּאַן אויף דער ארץ־ישׂראלדיקער ערד, איז ער, ווי מיט איין מאָל, געוואָרן אַנדערש ווי ער איז געווען פֿאַר דער אָפּשייד־ליניע, און ער האָט, אין דעם נײַעם אָטעם־חלל, ווי געפֿונען דעם באָדן פֿון זיין עבר און זײַן עתיד, אַזוי אַז זײַן עליה איז געווען, ווי די עליה פֿון די בעסטע און איבערגעגעבנסטע, פֿאַר אים און נאָך אים, און דאָס איז תּיכּף געווען ניכּר אין זײַן פּאָעזיע — אַן ענין, וואָס האָט נישט זײַנס גלײַכן, בפֿרט אין גראַנדיאָזן אויסמאָס פֿון זײַן וויזיע און איר אַנט־פּלעק. אָט האָבן, דאָ נישט לאַנג, עטלעכע אָפּשאַצערס געפּרוווט פֿאַר־גלײַכן צווישן אים און זײַנס גלײַכן, און אים אַנידערגעשטעלט אין אַן אַנ־

דערן דרײַלינג — ער לגבי ביאַליק און ברענער, וועל איך איצט פּרוּוון נאָכגיין דעם געדאַנק, כּדי אונדזער באַהאַנדלטן ענין אויסצוקלאָרן.

ה

און פאַרוואָר, מי לנו גדול ווי חיים־נחמן ביאַליק, אָבער מיר וועלן אומזיסט זיך באַמיִען צו געפינען אַזאַ אָפּשייד־ליניע אין זײַן פּאָעטישן ווערק. אמת, אין ביאַליקס פּאָעזיע שטויסט און שליסט זיך צוזאַמען דער גרויסער, אפשר גרעסטער, דרײַעק: די נשמה פון יחיד, דער באַשטאַנד פון פאָלק, דאָס רעטעניש פון קאָסמאָס. אָבער אויב אויסטיילן עטלעכע לידער פון ביאַליקס אָנהייב, וואָס זענען בעצם ווי לעצטע לידער פון חיבת־ציון־פּעריאָד, פאַרנעמט נישט אונדזער לאַנד און דער באַצי צו אים, קיין גרונטיק־ממשותדיקן יסוד אין זײַן פּאָעזיע, אַזוי אַז כאָטש אַ קאָנטאַקט מיטן לאַנד און צום לאַנד פעלט נישט אין ביאַליקס לעבן, פעלט עס אין זײַן שאַפן. און מסתּמא וועלן קומענדיקע דורות נישט קענען זיך אָפּהאַלטן פון שטוינען דעריבער. איך האָב געהערט פון מײַן לערער און פרײַנד מענדל זינגער עליו־השלום, אַז ווען ביאַליק איז געקומען אין לאַנד אַרײַן, האָט אים אין אַ פּײַערלעכן קבלת־פּנים, אויפ־גענומען אַ פּרנס־צבור, וואָס איז געווען אַ תּם, אָדער זיך געמאַכט פאַר אַ תּם, און האָט אַזאַ זאָג געטאָן: ועתה יקרא משוררנו הלאומי משיריו על ארצנו ותחיתה, טײַטש: און איצט וועט אונדזער נאַציאָנאַלער דיכ־טער לייענען פון זײַנע לידער וועגן אונדזער לאַנד און זײַן אויפלעב. האָט זיך ביאַליק אויפגעהויבן און האָט געלייענט פון זײַן דערציילונג „מאחורי הגדר", טײַטש: פון הינטערן פּלויט (אין יידיש־נוסח: „מאַ־רינקע") — אַ מעשׂה מיט אַ ליבע צווישן אַ יִינגל, נח, און אַ ממזר־שיקסל, מאַרינקע, אין א פערשטאָט פון זשיטאָמיר. אַוודאי לאָזט זיך פאַר־שטיין די דינע איראָניע אין דער דאָזיקער רעאַקציע, וואָס די פּאָעזיע זײַנע איז אַ דערוועגטע, משמע אַ פּאָעטישער צוריקציי פון זיך אַליין, ווי אַ שפּעטער געצווײַג, צו זיך אַליין, ווי אַ פּריִער וואָרצל, און עפּעס דער־פון איז פאַראַן אויך אין דער דאָזיקער נאָוועלע, כאָטש גאָר זײַטיק און אויבנאויפיק, און ער האָט מסתּמא געקענט אַנדערש, משמע מיט אַן אַנ־דערער שאַפונג, רעאַגירן אויף יענעם דעקלאַמאַטאָרישן פאַרבעט, אָבער די השערה פונעם פאַרבעטער אַז דאָס ארץ־ישׂראל ווי אַ וואָר זאָגט דעם דיכטערס פּאָעזיע מער ווי עס האָט געזאָגט אין „אל הצפּור" וכדומה,

ארץ־ישׂראל ווי אַ חלום, האָט נישט געהאַט אויף וואָס זיך סומך צו זײַן. על־כּל־פּנים, אַזאַ אָפּשייד־ליניע, ווי מיר געפינען זי בײַ אורי־צבי, איז בײַ ביאַליק נישט געווען און נישט מעגלעך געווען.

ו

דעסגלײַכן י. ח. ברענער — ער איז געווען ערלעך אין זײַנע איי־גענע ראַנגלענישן, און אויך ער האָט, אין זײַן ווערק, געצייכנט אַ רעקאָ־פּיטולאַציע פון זיך אַליין, כאָטש אין יענער באַגרענעצטקייט, וואָס אַ ווי־זיאָנאַרע פּאָעזיע קאָן זי נישט אָנערקענען, אָבער רעאַליסטישע פּראָזע מוז זי דערלויבן. ברענערס פּראָגנאָז איז געווען אויך אין האָמעל און לאָנדאָן און לעמבעריק און בעיקר אין יפו און אין ירושלים, אָבער מיר וועלן אומזיסט זוכן, אויב מיר פּרווון נאָך צו זײַן, אַן אָפּשייד־ליניע צווישן יענע שטעט אין גלות און די צוויי שטעט אין ארץ־ישׂראל, ווײַל לאָ די, וואָס פאַר ברענערן איז נישט געווען קיין חילוק צווישן היגער און דאָר־טיקער געטאָ, איז ער אַפילו געקומען צו אַ כּלל־סברה: מה לי הכא ומה לי התם, משמע: וואָס איז מיר אַ נפקא־מינה צי דאָ צי דאָרט, און דאָס איז בײַ אים געווען אַ געדעכטער זאַג — האָט ער דאָך זיך אַליין, דעם אַנגעווייטיקטן און קאָמפּלעקסיקן מענטש, פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרײַען, געשלעפּט פון לאַנד צו לאַנד, און אויב זײַן alter ego, האָט, אויפדעקנדיק זיך אַליין פאַר זיך אַליין, געפּרוווט אַנטלויפן, וואָס זײַן אויסלייזונג הענגט אויף דער שפּיץ פון אַן אפשר־טאָמער־דאָך. אויב מען פאַרנעמט אין זײַן פּובליציסטיק אַן אַנדער טאָן, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז דער פּובליציסט מעג אויך זאָגן וואָס ער ווינטשט זיך, אָבער דער בעלעטריסט איז מחויב צו זאָגן וואָס ער קאָנסטאַטירט. ווי ווײַט דאָס איז בײַ ברענערן געגאַנגען, אַז ער האָט זיך געקענט ענטוזיאַז־מירן פאַר אַ נעבעכדיקן, שטעטלשן סיפּור, אַ מעשׂה ווי עס איז ש״י עגנונס „והיה העקוב למישור״ און באַוווּנדערן זײַן קינסטלעריש יכולת, אין אונדזער צײַט צו שפּינען אַן אַגדה, און אין זײַן התפּעלות גיין אַזוי ווײַט, אַז ער האָט די נאָוועלע, אויף זײַן חשבון, אין אַ גראַפיש שיינער בוכ־פאָרעם אַרויסגעגעבן; אָבער אויב אַנדערע שרײַבערס פון יענעם דור, יונגע עולים, ווי אַ שטייגער שלמה צמח וכדומה האָבן, אין אַ געמיש אָדער סינטעז פון איבערלעבעניש און ווונטש, אַנגענומען נישט בלויז די מעגלעכקייט, נאָר אויך די ווערקלעכקייט פון אַן אָפּשייד־ליניע צווישן

דאָ און דאָרט, און האָבן געמאָלן אַן אַנדערן, נײַעם אָדער באַנײַטן נוסח אָדער שטייגער, האָט ברענער אויף זיי אויסגעגאָסן אַ שפּאָר ביסל חוזק, אין באַקאַנטן מאמר, ווו ער האָט פֿאַרלאַכט דעם ארץ־ישׂראלדיקן זשאַנער און זײַנע, צום טייל סוביעקטיווע און צום טייל אומגערעכטע אָפּשאַצן, זענען געוואָרן אַ מין אייביקע מאָדע אויב נישט אַ מין פֿעטיש אַפֿילו פֿאַר הײַנטיקע קריטיקערס און ליטעראַטור־פֿאָרשערס.

ז

אָבער צוריק צו אורי־צבי — איך ווייס צו גוט, אַז די אָפּשייד־ליניע, סײַ זי איז געווען אַ ווונטש, סײַ זי איז געווען אַ ממש, האָט נישט אָפּ־געווישט מיט אַ מאַך פֿון דער האַנט, די איבערגאַנג־סימנים, און איז אויך חל אין אַזאַ מאַרקאַנטער דוגמה ווי מיר האָבן זי בײַ אורי־צבי, און סקרופּולאַנטע קריטיקערס און פּאַדראַבנע פֿאָרשערס, וואָס וועלן נישטערן דערינען, האָבן און וועלן האָבן וואָס צו טאָן, אָבער ווען איז דאָס גע־מאָלט געוואָרן, אַז זיי פֿאַרנעמען און וועלן זיך פֿאַרנעמען דערמיט, ווי זיי זענען מחויב אויך לגבי אַנדערע ענינים פֿון שאַפֿערישע פּראָצעסן, מיט יענער מאָס פֿון עניוות, ווי מיר געפֿינען זי בײַ די גרויסע פּרשנים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די שמשים און נישט פֿאַר די גבאים פֿון חומש, וואָס זיי האָבן מפֿרש געווען, און אויב זיי זענען געוואָרנט נישט אַרײַנ־צופֿאַלן אין דעם חסרון פֿון אַ דור, ווו דער קלענסטער רעזשיסאָר האָט זיך פֿאַר אַ קאָמאַנדאַנט פֿונעם גרעסטן דראַמאַטיקער, און ווו דער קלענ־סטער קאַפּעל־מײַסטער האַלט זיך פֿאַר אַן אַפּיטראָפּוס פֿון גרעסטן קאָמפּאָזי־טאָר, און ווו דער קלענסטער קריטיקער און פֿאָרשער האַלט זיך ווי אַ פּאַט־ראָן און פֿאַרזאָגער פֿון גרעסטן שרײַבער, גלײַך אין זײַן זכות וואָלט דער שרײַבער בכלל געלעבט און געוועבט.

יאָ, דער באַהאַנדל פֿונעם איבערגאַנג און זײַנע סימנים איז זייער באַרעכטיקט, אָבער נישט ער, דער איבערגאַנג, איז לגבי אורי־צבי דער עיקר, נאָר דער המשך זײַנער, וואָס איז ווי אַן איבערקערעניש, און צו דער איבערקערעניש דאַרף זיך דאָס אויער שאַרף צוהערן, דען מיט אים איז געקומען, אין אונדזער פּאָעזיע, אַ מין אַפּאָקאַליפּטישער שטורעם פֿון וויזיע און תּוכחה, וואָס דאָס פֿאָלק האָט עס פֿריִער, בלויז אין קורצע בליציקע ערופּציעס, באַקומען צו זען און צו הערן. מחמת דעם בעט זיך צו געדענקען די וואָרענונג פֿונעם אַלטן ווײַמאַרער חכם Sie zerren an

ווי איינער זאָגט: זיי ‚der Schlangenhaut, die längst ich abgelegt טשיפּען די דרויסנדיקע אייערנעכטיקע קליפּה, וואָס האָט זיך שוין לאַנג פון מײַן תּוך אָפּגעשיילט.

אוודאי האָט זיך שוין אַזוינס געטראָפן, און איך וועל מיך באַנוגענען מיט איין דוגמה — נתן בירנבוים דערציילט וועגן זײַן לעצטן באַזוך בײַ יצחק־לייבוש פּרץ אין וואַרשע, האָט אים דער גרויסער שרײַבער באַלייט, זיך אָפּגעשטעלט אויף די טרעפּ, און מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן, ווי איינער וואָס וואַרפט אַוועק אַ זאַך, וואָס איז מיאוס ומאוס, און געזאָגט: אָט האָב איך אַוועקגעשמיסן די לעצטע שמאַטע פון דער השׂכּלה. דאָס ווייסן מיר, בעצם, פון לעצטן גאַנג פון זײַן שאַפונג (בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק) און מסתּמא וואָלט זיך דער דאָזיקער גאַנג פון פּרץ נאָך גע־שטאַרקט, ווען דער טויט וואָלט אים נישט צו פרי אַוועקגערויבט, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט די פּאַראינטערעסירטע און פּראַגראַמאַטיש אַנגאַזשירטע קריטיק נאָך אַלץ „דאָס שטרײַמל” צו זען ווי פּרצעס פּאָקוס, און אים שטעכעלירן, הלמאַי ער האָט זיך אָפּגעווענדט דערפון.

ח

די אָדער אַן ענלעכע דוגמה האָט זיך לײַכט געלאָזט באַנוצן לגבי די ערשטע אָפּרופן צו אורי־צביס אַכציק־יאָריקן יובל — לרוב זענען עס פּרוּוון זיך צוריקצוציִען פון דער טאָטאַליטעט פון זײַן ווערק צו איינער פון זײַנע סטאַציעס, און נישט תּמיד, ווײַל אַזוי פאָדערט דאָס דערקענטעניש פונעם אָפּגעשאַצטן, נאָר ווײַל אַזוי איז דאָס באַדערפעניש פונעם אָפּשאַצער. דאָס באַדערפעניש ווײַטער איז געגאַנגען אָדער אויף דער ליניע פון רעזערוואַציע, וואָס מיינט אָפּרוקן זיך צו איינער פון זײַנע סטאַציעס אָדער אויף דער ליניע פון אידענטיפיקאַציע, וואָס מיינט דערנענטערן זיך צו איינער פון זײַנע סטאַציעס.

ווי אַ דוגמה פון רעזערוואַציע — נישט בלויז אַ בולטער אָפּשטויס פון אַ בולטן עלעמענט אין דער דאָזיקער דיכטונג אין נאָמען פון הומאַ־ניזם, ווי עס האָט אַ שטייגער באַטאָנט פּינחס גינוסר, אַ געוועזענער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון קול לעם, איז אָבער מלא אָנערקענונג פאַר אַנדערע גרונטיקע יסודות אין דער פּאָעזיע; אַ נישט ווייניקער בולטער אָפּשטויס פון אַן אַנדערן בולטן עלעמענט אין נאָמען פון אַן

אַנדערן איזם, ווי עס האָט, אַ שטייגער, באַטאָנט גבריאל מוקד, רעדאַק־טאָר פון ליטעראַריש־ און פּאָעטיש־ראַדיקאַלן עכשיו, און וואָס איז אויך מלא אָנערקענונג פאַר אַנדערע גרונטיקע יסודות פון דער פּאָעזיע, און דער צד־השווה פון דעם באַצי, וואָס וואַקלט זיך צווישן אַ קורצן ניין און אַ לאַנגן יאָ, און קען אויך אָננעמען די פאָרעם פון אַ בעל־כּרחו־יעִנה־אמן, ווי עס איז ניכּר, אַ שטייגער, אין אָפּשאַצפּרווו פון א. ב. יפה, דעם ליטע־ראַרישן רעדאַקטאָר פון על המשמר, וואָס לאָזט זיך, בערך, אַזוי דעפינירן: דאָס גדלות פון דער פּאָעזיע בלײַבט גדלות, אָבער די מחלוקה בלײַבט מחלוקה. בעצם, איז דאָס שוין אַ רעזערווירטע רעזערוואַציע, און נישט בלויז דערפאַר וואָס אַ יובל־הגבורות האָט אַ טבע צו האָבן קודם אַ יובל־השבעים און אַ יובל־הששים און אין די יובלות איז אַפילו אַזאַ בעל־כּורחו־יעִנה־אמן נישט געווען, פּונקט ווי עס איז, אין די דאַטעס, נישט געווען אין דבר, גלײַך עס וואָלט קיין דיכטער און זײַן דיכטונג נישט געווען, נאָר בעיקר, ווײַל די עצם מחלוקה, וואָס מיינט קאָנקרעט אַ פּאַרביסענעם פּאַרטיי־פּאָליטישן ווידעראַנאַנד, אַפילו ווען ער איז, אָדער איז נאָך אַקטואַל, ווערט זי אָבער אַלץ מער און מער אַן ענין פאַר היס־טאָריע און היסטאָריקערס, און איז סוף־כּל־סוף אַ צו ענגער קאָמפּלעקס, ער זאָל פאַרנעמען מער ווי אַן אייבערשטע דינע און צײַטלעך באַגרע־נעצטע שיכט פון אַ דיכטונג, וואָס אירע וואָרצלען זענען, אינדיווידועל און היסטאָריש, מיטיש און מעטאַפיזיש צו טיף, אַז דאָס שמאָלע, צײַט־לעכע פּאַסיקל זאָל נישט פאַרשלונגען ווערן אין דער אונטערשטער, צו מאָל תּהומיקער שיכט, און עס איז אַ קיימא־לן, אַז בײַ גרויסע דיכטערס, שטעלט זיך צו מיינסט אַרויס, אַז דאָס אַקטואַלע, וואָס האָט בפירוש צו טאָן מיט אַ מער אָדער ווייניקער פּובליציסטישן באַהאַנדל, פאַרמאָגט אַזעלכע טיפע פאַרשווינלעכע, היסטאָרישע און קאָסמישע פאַרוועבונגען, אַז די אינעווייניקסטע איבערטערמיניקע מאָטיוון באַהערשן די אויסנ־ווייניקסטע טעמע און פאַרשלינגען זיי אין זייער שטראָם.

ווער ער פּרוווט נאָכגיין דעם גאַנצן שטראָם — און אפשר דאַרף מען זאָגן: ים, אוקינוס — פון אורי־צבֿיס דיכטונג, שפּירט דאָס שוין הײַנט, און אַ ראַיה די ערנצטע פאַרשונגען, וואָס מיר האָבן שוין פאַר זיך, און וואָס פאָדערן אַ דורכקוק פאַר זיך, און מיר האָפן זיך לײַטיש אײַנצו־שפּאַנען, כּדי אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון דערוועגן, און בזה האופן קלאָר צו מאַכן, ווו מיר האַלטן אייגנטלעך אין דער דאָזיקער דיכטונגוועלט.

ט

און דערווייַל צוריק צו דער רעזערוואַציע, וואָס שפּייַזט זיך פון דער אַ מאָל אַקטואַלער מחלוקה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן איבערגאַנג פון דיכטער צום פּאָליטישן רעוויזיאָניזם, און וואָס האָט נאָך זיך געצויגן אַ יאָרן־לאַנגן ביטערן פּאַרטיי־פּאָליטישן ווידעראַנאַנד און צעבושעוועטע פּאָלעמיק, ווו די צדדים האָבן זיך אייַנס דאָס אַנדערע נישט געשוינט („אין אַ מלחמה ווי אין אַ מלחמה״), און אין דער אַפעקטיוו־איבערגע־לאָדענער אַטמאָספער האָט פּשוט נישט געקאָנט אויפקומען די קשיא: הכצעקתה? דען אָט האָבן, אויפן שוועל פון דיכטערס יום־הגבורות צוויי יונגע פאָרשערס, יוחנן אַרנון און שלום לינדנבוים, די קשיא געשטעלט.

וואָס שייך דעם ערשטן, דעם ביבליאָגראַף יוחנן אַרנון, האָט ער קלאָר לוסטרירט, וואָס אורי־צבי האָט געשריבן אין ערשטן יאָר נאָך זייַן עליה, בעיקר אין קונטרס, הפועל הצעיר און דבר, משמע אין די אָרגאַנען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און עס שטעלט זיך אַרויס, וואָס ער זאָגט דאָ איז אין עיקר־באַנעם אידענטיש פאַרן איבערגאַנג, ווי נאָך אים, ווייַל די יסודות זענען די זעלבע. איך דערקלער מיר, אַז דאָס איז פּשוט דער־פאַר, וואָס כאָטש אידעאָלאָגיע און סטראַטעגיע זענען דאָ דאָס אייבער־שטע, צייַטלעכע הייַטל פון איבערצייַטלעכע און אונטערצייַטלעכע גרונטן, קען די פלאַך נישט שטיין אין אַ צו קראַסער סתירה צו איר טיפעניש און עס איז לעגיטים אַז זי זוכט די סתירה, אויך אין דער געגעבענער באַגרענעצטקייט, און ערשט אַ שפּעטער דור וועט וויסן און ווייַזן, צי דער איבערגאַנג פון איין מחנה צו דער אַנדערער האָט טאַקע פאַרשמע־לערט דעם מרחק צווישן דעם חלום און דער וואָר, אַז דער עצם אָנגע־הער, לאו־כל־שכן אָרגאַניזאַטאָרישער אָנגעהער, צו איינער אָדער אַנדע־רער מחנה זאָל געווען זייַן באַרעכטיקט.

אַוודאי איז מיטן איבערגאַנג אויך געקומען אַ פּאָלעמישער אַדרעס־פאַרשיב, ווי עס האָט פישל לאַכאָווער, וואַרײַרנדיק אַן אַלטן זאָג, איראָ־ניזירט דעם דיכטערס שטעלפאַרבייַט: אויב איך בין דאָ — איז אַלץ דאָ; און אויב איך בין דאָרט — איז אַלץ דאָרט; אָבער דאַכט זיך, אַז בייַ אַ טיפערן אַרייַנקלער, וואָלט ער אויף דער איראָניע מותּר געווען, ווייַל באמת איז ער, דער דיכטער, סייַ דאָ סייַ דאָרט, געווען און געבליבן איך, געטרייַ סייַ זייַנע אייביקע יסודות פון זייַן דיכטונג, סייַ זייַנע צייַטלעכע קאָנסעקווענצן אין דער פּובליציסטיק, און מיט אַ סך מער באַרעכטיקונג

לאָזט זיך וועגן באַצי צו אים מצד די צעקריגטע מחנות זאָגן: אויב ער איז דאָרט — איז אַלץ דאָרט, און אויב ער איז דאָ — איז אַלץ דאָ; דאָס וואָרט אַלץ מיינט נישט בלויז זײַן פּובליציסטיק, נאָר בעיקר זײַן דיכטונג, וואָס אויב ער איז געווען דאָ איז זי געשאַצט געוואָרן הרי־הרים, און אויב ער איז געווען דאָרט, איז זי פאַרשוויגן געוואָרן, און להיפך, כאָטש אַפילו מיט אַ שאַרפן מיקראָסקאָפּ האָט מען באַדאַרפט זוכן אַ גרונטיקן חילוק אין גאַנג און גײַסט פון זײַן ארץ־ישׂראלדיקער פּאָעזיע.

וואָס שייך ווײַטער שלום לינדנבוים, האָט דער יונגער ליטעראַטור־פאָרשער בפּרטיות געוויזן, אויף אַ ברייטערער קאַנווע (הפּועל הצעיר, קונטרס, דבר, רגב, קפא״י ידיעות) און אין אורי־צביס צײַטשריפט (סדן), אַז וואָס ער האָט פאַרן אָנגעהערן צו דער רעוויזיאָניסטישער פאַרטיי, אין דער אויסגערעכנטער אַרבעטער־פּרעסע אַנטוויקלט די זעלבע גרונט־אידעען, פּאָליטישע, סטראַטעגישע און טאַקטישע פּאָדערונגען, אַפילו די סלאָגאַנען זענען שוין געווען, קליפּ און קלאָר, פון אָנהייב אָן, אָבער אַזוי לאַנג זיי זענען געווען געדרוקט דאָ, איז עס געווען אויב נישט גלאַט כשר, איז סתם כשר, אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך גענומען דרוקן דאָרט, איז עס געוואָרן אַלץ טרייף און טרייפער, און מסתמא וואָלט עס אַזוי געווען בײַ אַ פאַרקערטן אַדרעסבײַט, ווײַל אַזוי איז שוין דער דרך פון פּאַרטייִישן געאַמפּער, בפּרט נאָך אַז עס קומט צו אַ שאַרפן ברען פון פּאָלעמיק, וואָס דער ברויזיקער טעמפּעראַמענט פון אורי־צבי איז דערויף אַ מאַדים, און דאָס געקריג האָט זיך צעהיצט ווי אַ העליש פײַער. און איך האָב שוין עטלעכע מאָל אָנגעוויזן אויף אַ בולטער דוגמה דערצו, ווהין פּאַרטייִישע, סײַ פּאָליטישע סײַ ליטעראַרישע, מחלוקה קען ברענגען און האָט אויך געבראַכט: ווען ח. נ. ביאַליק האָט, אין באַזעל, נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס תרצ״א, אָנגעשריבן זײַן תוכחה־ליד „ראיתיכם שוב בקוצר ידכם״, איז דערוועגן אָנגעגאַנגען אַ וויכּוח — צו ערשט האָט מען געהאַלטן אַז דער אַדרעס איז די רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי, שפּעטער האָט מען געזאָגט, אַז דער אַדרעס איז די שרײַבער־גרופּע מיט זייער אָרגאַן כתובים — האָבן זיך בײדע אַדרעסן אָפּגערופן: זאב זשאַבאָטינסקי האָט געשריבן א מאמר, ווו ער האָט אָנגערופן ביאַליקן אַ געוועזענער דיכטער; אַברהם שלאָנסקי האָט אָנגעשריבן אַ מאמר, וואָס שוין דער נאָמען זײַנער פאַרשטופּט די מדרגה פון דעם ליד מיט אַ דור צוריק: ילגיזם, און

ביידע האָבן אין דעם חוזק־אָפּשאַץ פֿון די שטאַרקסטע תּוכחה־לידער אין אונדזער ליטעראַטור זיך נישט געכאַפּט אויפֿן קליינעם, איינטראַפּיקן וואָרט: שוב, וואָס מאַכט דאָס ליד אַ המשך פֿון אַ פֿריִערדיק ליד: „אכן חציר העם", וואָס ביאַליק האָט עס געשריבן מיט פֿיר און דרײַסיק יאָר צוריק.

י

אָבער צוריק צו אורי־צבי גרינבערג — נאָך דעם ווי מיר האָבן געבראַכט אַ דוגמה פֿון רעזערוואַציע און אָנגעוויזן אויף אירע גרענעצן, ווילן מיר ברענגען אַ דוגמא פֿון אידענטיפֿיקאַציע, און דאָס קודם־כּל אין פֿאָרעם פֿון אַ זאָג, וואָס עס קאָן, דאַכט זיך, נישט זײַן קיין גרעסערער שבח פֿאַר אַ דיכטער. דער זאָג גייט פּשוט אַזוי: די אותיות פֿון זײַנע לידער האָבן כּביכול פֿאַרלאָזט די שורות און געוואָרן אָן אַקטיוו און אַקטיוויסטישע ווירקלעכקייט, אָננעמענדיק די געשטאַלט פֿון מורדים במלכות און הרוגי מלכות. אָבער אויך דער זאָג, וואָס איז, מיט גרויס עמפֿאַזע, איבערגעחזרט געוואָרן, בעיקר דורך ישׂראל שייב (אלדד), דעם אידעאָלאָג פֿון דער לח"י־גרופּע און רעדאַקטאָר פֿריִער פֿון מעש, שפּעטער פֿון סולם, זעצט דער אידענטיפֿיקאַציע פּראָגראַמאַטיש באַשטימטע גרענעצן, אַזוי אַז זי זאָגט בעיקר יאָ, ווו די רעזערוואַציע האָט געזאָגט ניין, אָבער ביידע באַציִען, סײַ דער נעגאַטיווער סײַ דער פּאָזיטיווער, דעקן בלויז אַ שמעלערן אָדער ברייטערן פּאַס פֿון דיכטערס גרויסן, און טיפֿערן וויזיאָנאַרן פֿאַרנעם און באַנעם, און די צרה הייבט זיך אָן, ווען דער פּאַס ווערט באַטראַכט ווי דער הכּל־בכּל, און לויט אים בויט דער אָפּשאַצער זײַן כּלל־אָפּשאַץ, און מערקט נישט, אַז זײַן קריטיק לײַדט פֿון עיקר חסר מן הספר.

און וואָס שייך דעם עיקר, מוזן מיר זיך אומקערן צום ענין פֿון דער רעקאַפּיטולאַציע פֿונעם יידישן מענטשן, ווי מיר האָבן אים באַגרענעצטער בײַ ברענער און אויסגעברייטערטער בײַ ביאַליק, אַ חילוק אויף וועלכן איך האָב מיך געכאַפּט, אין מײַנע בחורישע יאָרן, ווען איך בין פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון פֿרוידס פּסיכאָאַנאַליטישער שיטה, און האָב מיך נאָך נישט משער געווען, אַז אַ סך מער ווי פֿרויד קען מפֿרש זײַן ברענערן, וואָס איז, מיטן גאַנצן קרע־שבלב, פּונקט ווי זײַן לערער, מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, פֿאַרוואָרצלט אין זײַן פֿאָלק, מיטן כּוח פֿון זײַן אָפּשטאַם, וווקס, איבערלעבעניש און אינטערעס, קען ברענער מפֿרש זײַן פֿרוידן, וואָס

איז בלויז מיט קוים אַ פֿאַדעם פֿאַרבונדן דערמיט, און דאָס איז אפֿשר דער סוד, וואָס פֿרויד אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז די פּסיכע פֿון יחיד אין זײַן ערשטער אוריצרדיקער און אין זײַן לעצטער נעוראָטישער פֿאַזע, אָבער נישט אין דער לאַנגער דורותדיקער קייט צווישן אָנהייב און סוף, וואָס איז, מיט אַלע זײַנע פּרוּוון זיך דעריבער אָפּצושטעלן, בײַ אים אַ מין וואַקוום. איך בין צו ווייניק באַהאַוונט אין דער שיטה פֿון זײַן תּלמיד, וואָס האָט אין אים מורד געווען, קאַרל גוסטאַוו יונג, איך זאָל קענען באַשיידן, מה־דאַך פּסקענען, ווי ווײַט זײַן שיטה פֿילט אויס דאָס וואַקוום, אַנטפּלעקנדיק די אויפֿגעשיכטיקטע קאָלעקטיווע פּסיכישע עלעמענטן, אָבער דאַכט זיך, אַז איך בין גענוג באַהאַוונט, כּדי אַרויסצוזאָגן די סבֿרה, אַז לויט זײַן אייגענעם שורש און וווּקס, איז יונג ווײַט נישט מסוגל גרונטיק צו פֿאַרשטיין און דערקלערן אַ פֿענאָמען, וואָס איז פֿאַרוואַקסן אין דער ייִדישער קולטור, און אויף וויפֿל איך בין בקי אין דער ביאָ־גראַפֿיע און די כּתבֿים פֿון יונגס ייִדישע תּלמידים, האָבן זיי זיך מיט אַזאַ אויפֿגאָב נאָך נישט לײַטיש און פֿולקום פֿאַרמאָסטן, וואָס קען אויך געזאָגט ווערן וועגן די היימישע פּרוּוון לגבי ביאַליק און עגנון. איך האָב מיך דערבײַ לענגער אָפּגעשטעלט, ווײַל, ווי עס ווינקען אָן עטלעכע גענוג בולטע סימנים, ווילן די בעלי־פּסיכאָאַנאַליז, בײַ אונדז, לויט זייערע שיטות, דערקלערן אַזאַ קאָמפּליצירטע דערשײַנונג ווי אורי־צבֿי, און קענען לײַכט אַרײַנפֿאַלן אין טעות, אַז דער וועג פֿירט פֿון די שיטות צו אים און זײַנס גלײַכן, דורך אַרויפֿוואַרפֿן זיי אויף זייער שאַפֿונג, שטאָט צו פֿירן פֿון אים צו די שיטות אָדער צו אַ שיטה, וועלכע דאַרף, פֿון אים אַרויס און אויף אים באַזירנדיק, ערשט באַשאַפֿן ווערן.

דען סוף־כּל־סוף האַנדלט עס זיך, בײַ אַזעלכע שאַפֿער, אין אַ באַזונ־דערן טיפּ פֿון אַ קולטור־רײַכשיכטיקן ייִדישן מענטשן („האָמאָ יודאַיִקוס”), וואָס די וויסנשאַפֿטלעכע קריטיק האָט זיך מיט אים נאָך נישט ערנצט און גרונטיק פֿאַרנומען, און מען מוז געוואָרנט זײַן פֿאַר אַ פֿאַכאָפּנעם צוגאַנג, וואָס עס מערקן זיך דאָ און דאָרט, זײַנע ערשטע לײַכטע, אָבער מסוכּנע סימנים.

יא

יאָ, בנוגע דעם חובֿ צו וואָרענען, איז אויך חל אויף פּרוּוון זיך אויס־צודרייען פֿונעם אַנטפּלאָנטער פֿונעם גאָרדישן קנויט מכּוח אַ סימפּליפֿי־

קאַציע, משמע דעם ענין צו פשוט צו מאַכן, דהײַנו אַז דער דאָזיקער גאַנצער וויזיאָנאַר־דיכטערישער גאַנג לאָזט זיך דעפינירן ווי אַ שלמות־דיקע דערפילונג פון דער תּפילה: אבינו מלכנו החזירנו בתשובה שלימה מלפניך. גרונטיק איז עס אַ געוועכטע און באַרעכטיקטע הנחה, אָבער ווי איז עס געזאָגט געוואָרן, אַז מען מײַדט אויס די סכּנות פון אַ פשוט־מאַכערײַ, ווי עס איז אַ שטייגער, דאָס אָנגענומענע בילד פון אַ חוזר־בתּשובה: אַ לרוב אַלטער אַפּיקורס, וואָס קערט זיך אום, אַ מידער און מאַטער, צו זײַן טאַטן אָדער זײַן זיידן, און ווערט זײַנס אַ הייזעריקער גראַמאָפאָן; אָדער אַפילו אַ יינגערער, וואָס נישט ער קען זיך אָפּזאָגן פון זײַן אייגענער ביאָגראַפיע, און נישט ער וויל זיך אָפּזאָגן פון זײַן טאַטנס אָדער זיידנס ביאָגראַפיע, און פאַרלאַטעט דאָס לאָך מיט אַ סאָרט טראַדיציאָנאַליזם, וואָס אויב ער האָט אים אינטעלעקטואַליזירט, ברענגט ער אים צו אַ טעאָרעטישער פשרה, וואָס היט פאַר צו פיל שפּאַנונג.

ניין, מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן מיט אַזאַ חוזר־בתּשובה־זײַן, כאָטש עס האַנדלט זיך בפירוש וועגן תּשובה, משמע אומקער און צו־ריקקער — צום פאָלק און זײַן לאַנד און זײַן שפּראַך, צו גאָט און זײַן תּורה, צום מלכות און זײַן מיקדש, צום גלויבן אין השארת־הנפש, צום זכּרון פון גן־עדן וואָס איז געווען און צום חלום פון גן־עדן וואָס איז דאָ און צום ממשות פון גן־עדן וואָס וועט זײַן; און אַלץ נישט ווי אַן אי־בערגעחזרטער אַני־מאַמין־זאָג, נאָר ווי אַ וויזיאָנאַר איבערלעבעניש און אַן איבערגעלעבטע וויזיע, וואָס בענקט נישט צו דער רו, כּדי זיך צו פאַר־דרימלען אין איר, נאָר לעכצט נאָכן שטורעם, אָדער בעסער געזאָגט: שאַפט, תּוך־כּדי־שיר, דעם שטורעם און ווערבלט זיך אין זײַן אייביקן ברויז.

און ווען מען נעמט אין באַטראַכט די עצם פּאָעזיע, וואָס איז אייגן און באַזונדער, מיט איר בוי און אויסבוי, שפּראַך און לעקסיק, באַהעפטן און אַסאָציאַציעס, ווי מיר האָבן עס פון בוך צו בוך, און גאַר לאַפּידאַר אין בוך פון קלאָג און כּוח רחובות הנהר, וואָס האָט נישט, און קען אפשר נישט האָבן, זײַנס גלײַכן אין אונדזער ליטעראַטור, און בלויז ווייניקע אָדער קירצערע קאַפּיטלעך מגילת איכה, ציון הלא תשאלי, שאלי שרופה וכדומה קענען זיך מיט איר פאַרמעסטן, פאַרשטייט זיך ערשט, מיט וואָס פאַר אַ פּאָטענציע די קריטיק און פאָרשונג דאַרף זיך אָן עצה טאָן, און בעצם האַלט זי ערשט אין סאַמע אָנהייב.

יב

צו לעצט ווען מיר זיך אומקערן צום בעל־כּורחו־יענה־אמן, וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן לכּבוד דעם יום־הגבורות: גדלות פֿון פּאָעזיע בלײַבט גדלות, אָבער מחלוקת בלײַבט מחלוקת, כּדי אָנצוווינקען, אַז דער זאָג האָט מער האַפּט לגבי דער שטורמישער קולטורישער מחלוקה פֿון מאָרגן, וואָס אורי־צבֿיס וועלט, וואָס ער האָט אַרײַנגעפּישופּט אין זײַן ווערק, וועט אַרויסרופֿן, ווי לגבי דער שטורעמדיקער פּאָטעטישער מחלוקה פֿון נעכטן, ווי עס געשעט מיט אַ גרויסן פּענאָמען, וואָס קומט פֿון אַנדערע צײַטן און גייט אין אַנדערע צײַטן.

[תשל״ח]

צווישן אַרום און תּוך

וועגן יעקב צבי שאַרגעל

א

יאָ, לויטן אָנגענומענעם סדר פון אַחרון אַחרון חביב — פֿאָדערט זיך אָנצוהייבן מיט דעם וואָס איז, לעת־עתּה, די עקסטע סטאַציע זײַנע אין פּאָעטישן גאַנג, און דאָס איז יעקב־צבי שאַרגעלס פערטע בוך לידער, דאָס צײַטיקסטע פון זײַנע ביכער, וואָס צייכענען זיך, בדרך־כּלל, אויס מיט אַן אַלץ שטײַגנדיקער ליניע פון לירישער אינטענסיע און קינסטלעריש בוי, און שפּיגלען אָפּ אָפּגעשלאָסענע, אָדער כּמעט אָפּגעשלאָסענע סטאַדיעס פון אַן אינעווייניקסטן פּראָצעס דורך אַ דרויסנדיקן סימן היכּר — אַן אָפּגעצערקלטן, אָדער כּמעט אָפּגעצערקלטן, גרעסערן צײַט־אָפּשטאַנד צווישן בוך און בוך: אין בלויען ליכט (1937), פון ווײ און גלויבן (1959), זוניקע שוועלן (1968), טויערן אין די בערג (1973).
אָבער נישט ווייניקער וואָלט באַדאַרפט צו זײַן דער סדר פון ראשון ראשון חביב — בפרט ווען עס געפאַלט אין אַן ערב־יובל, נישט ווײַט פונעם ימי שנותינו שבעים שנה, און עס בעט זיך, לשם ערלעכן אָפּשאַץ, אַן אַדורכקוק פון לעבן, גאַנג און אויפטו, אַזוי אַז איידער מיר קומען רעדן וועגן די חיבורים נייטיקט זיך אַ שמועס וועגן מחבר, און דאָס פון פיר אַספּעקטן — נישט בלויז ביאָגראַפיש און כראָנאָלאָגיש, נאָר אויך, און אפשר באַזונדערס, אידעאָלאָגיש, און אַפילו היסטאָריש. בפרט נאָך אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אינפאָרמאַטיוון מאַנקאָ — די פּשוטע געמיטלעכקייט וואָס עס גיט אונדז אַ ליטעראַטור־לעקסיקאָן, פעלט דאָ לחלוטין, ווײַל דער אַלטער לעקסיקאָן פון זלמן רייזן פאַרמאָגט אַפילו דאָס אות שין, אָבער האָט מסתּמא דעם יונגן אָנהייבער נישט אַזוי גאַנץ באַמערקט, דער נײַער לעקסיקאָן ווײַטער האָט זיך, כּידוע, אָפּגעשטעלט מיטן אות צדי, און די איבעריקע דרײַ אותיות פון אַלף־בית וואַרטן, שוין זעקס יאָר, אויף אולי ירחם.

ב

הכלל, ביאָגראַפיש און כראָנאָלאָגיש — געבוירן־אָרט: כעלעם, אַ ייִדישע קהילה מיט אַן אַלטן ערנצטן ייִחוס, פונעם פופצנטן און אפשר אַפילו פערצנטן יאָרהונדערט, מיט באַרימטע רבנים, געגוג צו דערמאָנען ר׳ אליהו בעל־שם; דער מהרש״א; ר׳ יצחק הלוי, אַ ברודער פון בעל טורי־זהב; דער בעל מרכבת־המישנה און אַנדערע, און דער צד השווה, אַז דער רוב פון זיי זענען געווען רבנים אין די גרעסטע און באַרימטסטע קהילות; דערצו קומט נאָך אַ ייִנגערער און שטיפערישער — אַ שטאָט פון נאַראָנים; מיר זאָגן נישט די שטאָט נאַר: אַ שטאָט. האָט זי דאָך אַ לײַטישן שותּף, מײַן געבוירן־שטאָט: בראָד, און מעגלעך, אַז אויףביידע איז חל דער פירוש פון מײַן טאַטן עליו השלום: לעולם איז בראָד אַ שטאָט פון חכמים, וואָס קוים עמעץ רעכנט זיך ווי אַ נאַר, טרײַבט מען אים אַרויס, און אָט די אַרויסגעטריבענע האָבן עס דער שטאָט געמאַכט די דאָזיקע פירמע. אַ סימן האָסטו, אַז די בראָדער וואָס זענען שפּעטער מרצונם אַוועק אין דער וועלט אַרײַן, האָלט מען פון זיי, צו גלײַך ווי מען האָלט פון זייערע עלטער־זיידעס — אַן עולם ומלואו, און מען רופט זיי טאָקע חכמי־בראָד. מיר האָבן דאָס אַפּירגעשיקט, כדי אָפּצוּלערנען אַ גזירה שווה לגבי כעלעם בכלל און לגבי איר ייִנגסטן, און ווידער אַ מאָל ערנצטן ייִחוס בפרט. דאָס איז אויך אַ היפּש צעטל, און מיר ווען זיך, מחמת אונדזער באַזונדערן אינטערעס, באַנוגענען מיט אַרויסהייבן צוויי שטריכן: דער איינער שטריך — די אַקטיוויטעט פון די ראַדיקאַלע וועלט־לעך־ייִדישע עלעמענטן, ווי די פועלי־ציון און דער בונד; דער אַנדערער שטריך — דער ייִדישיסטישער באַטאָן.

וואָס שייך דעם ערשטן שטריך — איז אפשר די וואָל פון איינציקן פועלי־ציון־פירער אין סיים אַרײַן דאָ נישט קיין צופאַל, ווי דער גאַנג און גורל פון שמואל זיגלבוים (אַרטור) איז נישט קיין צופאַל. וואָס שייך דעם אַנדערן שטריך, איז די פלעיאַדע ייִדיש־שרײַבערס — דיכטערס, דערציילערס, פּאָרשערס, זשורנאַליסטן — מסתּמא אויך נישט קיין צו־פאַל: ב. אַלקוויט, ד״ר יוסף און שמעון מיללער, מעכעלע ריבאַלן, שניאור און שלמה וואַסערמאַן, יעקב־צבי און הלל שאַרגעל; הערש שיש־לער, ש. וואָרזאַגער, משה לערער, יעקב בעקער, ז. קראַטקאָ, פײַיל זיגל־בוים און די באַרימטע פידלערין אידאַ נאַדעל און אַנדערע. געוויינטלעך האָבן זיך דאָך די ביידע שטריכן באַגעגנט, און די צוויי היסטאָריש און

אַקטועל אַנדערש אָריענטירטע געזעלשאַפטלעכע הויפּטגרופּן האָבן גע־פירט אויף אַנדערע דרכים.

נאָך דער געבוירן־שטאָט, קומט דאָס געבוירן־יאָר: 1905 — משמע, דאָס ייִנגל, געכאָוועט אין אַ חסידישער משפּחה, ווו די מאַמע ציט דעם ייִחוס פון ר׳ יואל סירקיס, בעל בית חדש (ב״ח) און פון דאָרט גייט ערשט די קייט העט־העט אַרויף, און זי און דער טאַטע, אַ חסיד מובהק, ווילן האָבן קינדער בני־תורה, שיקן זיי דעם זון צומערשט אין דער היימישער ישיבה אַריַין, שפּעטער שיקט אים דער פאָטער צום עלטסטן זון קיין אָדעס, אין דער דאָרטיקער ישיבה. אָבער די אַטמאָספער פון יונגן דור אין שטאָט, וואָס מיר האָבן בקיצור באַשריבן, מיט אירע צוויי גרונט־שטריכן, איז גובר, און ווי עס האָט אויסגעצייַטיקט דער באַראָכאָוויסטי־שער ייִדישיזם, פירט זי דעם קרוב צוואַנציק־יאָריקן בחור אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל. אין טשערנאָוויץ (1925), באַפרייַנדט ער זיך מיט אליעזר שטיינבאַרג, איציק מאַנגער און מיט דער אַנדערער שרייַבער־ און עסקנים־גרופּע, און דעמאָלט הייבן זיך אָן זייַנע ליטעראַרישע פּרוּוון, צומערשט זשורנאַליסטישע און האַלב־בעלעטריסטישע, און נאָך אַ יאָר בערך, נאָכן אָנקומען אין ארץ־ישׂראל (1927), — דיכטערישע און פּובליציסטישע. אָנשליסנדיק זיך צו דער קליינער גרופּע ייִדיש־שרייַבערס, האָט ער גע־נומען אַנטוויקלען אַן אַקטיווע, צו מאָל איניציאַטאָרישע, פּעולה, וואָס גייט אָן ביז הייַנטיקן טאָג.

ג

אידעאָלאָגיש, און אַפילו היסטאָריש — די דערמאָנטע קליינע גרופּע ייִדיש־שרייַבערס, וואָס האָט זיך געשאַפן בעיקר בייַם סוף פון דער אַזוי גערופענער דריטער עליה, איז געווען אַ טאָפּעלער מיעוט — ערשטנס, אירע מיטגלידערס זענען תחילת געווען כּמעט בלויז פּועלי־ציוניסטן, וואָס זענען געווען אַ מיעוט סיי לגבי דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר וועלט־אָרגאַניזאַציע פון וועלכער זיי זענען אַרויסגעטרעטן (1920) און ערשט, מיט יאָרן, זיך אומגעקערט (1939); פּונקט ווי זיי זענען גע־ווען, סיי פּאָליטיש סיי שפּראַכלעך, אַ מיעוט לגבי דער הסתדרות העוב־דים, צו וועלכע זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגעהערט; צווייטנס, זענען זיי געווען אַ מיעוט לגבי די איבעריקע שרייַבערס אין ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן געשריבן העברעיִש און בלויז ווייניקע פון זיי אויך ייִדיש, פּונקט

ווי זיי זענען געווען אַ מיעוט לגבי די איבעריקע ייִדיש־שרײַבערס אין דער וועלט, וואָס זענען נישט געווען ציוניסטיש אָריענטירט און אַנגע־הערט, אָדער לפּחות טענדירט, צו בפירוש אַנטיציוניסטישע גרופּירונגען, ומפורסמות אינם צריכים ראיה.

דער היסטאָריקער וואָס וועט זיך נעמען שרײַבן די געשיכטע פון ייִדישן וואָרט בײַ אונדז אין לאַנד, וועט געפינען גרויסע חילוקים צווישן די עליה־כוואַליעס בעיקר די, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן במזל חיבת־ציון און געפונען זייער אָלץ ברייטערן און טיפערן המשך במזל ציוניזם, חלוציזם, ביז דער גרויסער עליה אין אונדזערע צײַטן. פונקט ווי עס איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן דער שרײַבער־עליה פון פאַר דעם אַזוי גערופענעם שפּראַכנקאַמף און זײַן שיידסטאַציע, ווי עס איז געווען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אַזוי איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן דער שרײַבער־עליה וואָס איז געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, און דער וואָס איז געקומען קיין מדינת־ישראל. און עס זענען צוויי חשובע אָריענ־טאַטיווע חילוקים. בדרך־כלל איז אין לאַנד אַרײַן געגאַנגען דער העב־רעיִשער שרײַבער און ער האָט אויך באַשטימט אָדער מיטבאַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור, פּרעסע, דערציִונג; דער ייִדיש־שרײַ־בער איז געווען אַ זעלטענער, און צו מאָל אַ צופאַליקער. נאָך מער, אַפילו די מאַרקאַנטע העברעיִש־שרײַבערס, וואָס זענען, אַ שטייגער, געקומען מיט דער צווייטער עליה און זענען פריִער געווען טאָפּל־שפּראַכיק, זענען גע־וואָרן איינשפּראַכיק, געשריבן בלויז העברעיִש, און זיך צו ייִדיש נישט אומגעקערט. בלויז עטלעכע משלים: דוד שמעוני (שמעונאָוויטש) האָט געהאַט היינטער זיך עטלעכע ייִדיש־לידער, דעסגלײַכן אשר באַראַש; ש״י עגנון — אַ בינטל ייִדיש־לידער און דערציילונגען, וואָס דאָס לעצטע פון זיי האָט ער געשריבן איידער ער איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל (1908) און אַז ער האָט געוואָלט, שוין אַ זקן מופלג, אָנשרײַבן אַ הקדמה צו זײַנע כּתבים אין אליעזר רובינשטיינס ייִדיש־נוסח, איז עס אים שווער אָנגעקומען און האָט באַדאַרפט דעם איבערזעצערס הילף, פּונקט ווי ה. לייוויק, וואָס האָט געוואָלט אָנשרײַבן אַ העברעיִש הקדמהלע צו זײַנע גאולה־דראַמעס אין שלאָנסקיס און בן־ישיס נוסח, האָט זיך נאָך מער געמוטשעט, און געמוזט אָנקומען צו משה שטאַרקמאַנס הילף, און דאַכט זיך אַז די צוויי פּרטים, וועגן דער אָפּגעפרעמדטקייט פון ביידע צדדים, רעדן בענדער. נאָך עפּעס, יעקב שטיינבערג, וואָס האָט געאַרבעט אין

דער רעדאַקציע פֿון פֿרײַנד, און האָט אַרויסגעגעבן צוויי ייִדיש־ביכער, אַ בענדל דערציילונגען און אַ פּאָר לידער, און די פּאָעמע רוסלאַנד, אָבער זינט ער איז געקומען אין לאַנד, האָט ער, חוץ אַ קליינעם יוצא־מן־הכּלל, קיין ייִדיש נישט געשריבן. אויך דער באַצי זײַנער און דער אינטערעס צו דער ייִדיש־ליטעראַטור בפֿרט דער פּאָסטקלאַסישער, איז געווען אַ שוואַכער. אַפֿילו ווער עס האָט דעם באַצי אָנגעהאַלטן, און מיט התמדה אָנגעהאַלטן, ווי י. ח. ברענער, האָט אין לאַנד זײַן ייִדיש־שרײַבן נישט ממשיך געווען. אַוודאי זענען געווען יוצאים־מן־הכּלל ווי, אַ שטייגער, יעקב פֿיכמאַן וואָס איז, — לויט דער פּראָפּאָרציע פֿון ביאַליק און נישט לויט דער פּראָפּאָרציע פֿון י. ל. פּרץ — געווען צווייִשפּראַכיק, אָבער מיט אַ קלאָרן אויפֿטייל: ייִדיש האָט ער צו מאָל געשריבן אין וואַרשע, אָבער אין תּל־אָביב בלויז העברעיִש. און פֿון אַ שפּעטערער עליה־כוואַליע לאָזט זיך אָנווײַזן אַ יוצא־מן־הכּלל — י. ד. בערקאָוויטש — וואָס דער אויפֿטייל איז געגאַנגען צווישן ניו־יאָרק און תּל־אָביב, אָבער ער איז געווען אַ באַזונדערער טיפּ פֿון צוויי־שפּראַכיקייט — ער האָט דאָס אָפּגעהיט אין זײַנע ווערק, אַ סך מער ווי מענדעלע, אָבער לויט זײַן שניט. אַוודאי לאָזט זיך דאָ דערמאַנען זלמן שניאור, אָבער ער האָט עס געטאָן אין פּאַריז און ניו־יאָרק, און זיך באַנוצט מיט אַן איבערזעצער, וועלכן ער האָט, שוואַרץ־אויף־שוואַרץ איבערגעאַרבעט.

אָבער קערן מיר זיך אום צו דער צווייטער עליה — געווען דאָ נאָך אַ יוצא־מן־הכּלל. דער זשורנאַליסט וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער ייִדיש־פּרעסע אין מיזרח־אייראָפּע און אַמעריקע אָבער דער עיקר־יוצא־מן־הכּלל איז געווען אַ קליין גרופּקעלע דערציילערס — ווי ברכות, תּלוש, לעאָ קעניג, וואָס האָבן זייערע חיבורים דאָ געלאָזט גיין אין העברעיִשן לבוש און זיי דאָ אין אָריגינאַלן, ייִדיש־לבוש, נישט געדרוקט. יאָ, אַהרן ראובני האָט דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בינטל לידער אין ייִדיש, אָבער די ערשטע דערציילונגען זײַנע געלאָזט גיין, אין ברענערס איבערזעץ, און שפּעטער אַליין געשריבן העברעיִש זײַנע ראָמאַנען (וואָס שייך זײַן ברודער, יצחק בן־צבי, דעם שפּעטערן נשיא־המדינה, האָט ער אויפֿגעהערט שרײַבן ייִדיש). איך דערלויב מיר איבערצוחזרן אַ פּיקאַנטע זאַך, וואָס איך האָב שוין אַ מאָל דערציילט: ווען עס איז אַרויס זײַן ראָמאַן אין ניו־יאָרקער קוואַל־פֿאַרלאַג, האָב איך אים גראַטולירט, אַז ער געדענקט נאָך אַזוי גוט ייִדיש, ווי עס באַווײַזט זײַן סטריקטער איבערזעץ,

האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז גרייט מײַן קאָמפּלימענט אײַנצור־
קאַסירן, אָבער אין דער אמתן, האָט ער דעם ראָמאַן תּחילת געשריבן
ייִדיש, נײַערט אַרויסגעלאָזט בלויז זײַן אייגענעם העברעיִש־נוסח, און
וואָס ער האָט איצט אַרויסגעגעבן, איז דער ייִדיש־אָריגינאַל, וועלכער איז
בײַ אים אָפּגעלעגן אין כּתב־יד עטלעכע און פּערציק יאָר.

ד

דאָס און ענלעכס זענען אַנעקדאָטישע פּרטים, וואָס וועלן דינען
דעם היסטאָריקער פון שפּראַכנקאַמף, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט אַלע
ווידעראַנאַנדן, סײַ גראַנגלען סײַ אַמפּערנישן, אויך ווען ער וועט אײ־
בערטרעטן די בריק פון דער צווייטער און דער דריטער עליה, אין די
איבערגעאַנדערשטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגען. אויך דאָ
וועט ער אָנטרעפן אויף ענלעכע דערשײַנונגען — א. צ. גרינבערג איז
פאַר זײַן עליה געווען אַ צווייִשפּראַכיקער שרײַבער, און האָט געהאַט
הינטער זיך אַ היפּש ביסל צעוואָרפענע העברעיִש־לידער, אָבער גאַנצע
בענד אַרויסגעגעבענע ייִדיש־לידער, און האָט זיך גערעכנט צו די פּראָ־
מינענטסטע ייִדיש־שרײַבערס, און דער יונגער ייִדיש־לייענער האָט אין
איין אָטעם דערמאַנט ווי אַ דרײַלינג: ראַוויטש־גרינבערג־מאַרקיש, אָבער
מיטן אָנקום אין לאַנד איז ער געוואָרן איינשפּראַכיק, העברעיִש, אַרויס־
געלאָזט באַנד נאָך באַנד, און ערשט נאָך יאָרן, האָט זיך ספּאָראַדיש באַ־
וויזן אַ ייִדיש ליד זײַנס. דעסגלײַכן אליעזר שטיינמאַן, אויך ער גרונטיק
אַ טאָפּלשפּראַכיקער שרײַבער, האָט אָנקומענדיק אין לאַנד, אין דער ערש־
טער צײַט נאָך געדרוקט ייִדיש אין דער וואַרשעווער פּרעסע, אָבער הי
געשריבן בלויז העברעיִש און פּובליקירט אַ ים עסייען, געווען נישט
בלויז איינער פון די פינף (די איבעריקע: יעקב ראַבינאָוויטש, אָשר באַ־
ראַש, יצחק למדן, אַברהם שלאָנסקי) וואָס האָבן צוזאַמען אין וואָכנבלאַט
כּתובים, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען קעגן ביאַליק, פאַר דעם וואָס ער האָט
געזאָגט ווענן העברעיִש און ייִדיש נעמי און רות, (אויפן קבלת־פּנים
פון שלום אַש און פּרץ הירשביין), נאָר אויך דער איניציאַטאָר פון דעם
גאַנצן תּוכחה־פּעקל. אויף דער עלטער האָט ער ווידער גענומען שרײַבן
ייִדיש, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַנד אויסנעמלעך בריליאַנטענע עסייען.
אַגב, ב. י. מיכלי האָט שוין אין על המשמר דערציילט, ווי איך האָב אים
געפרעגט: ווער איז דער ייִדיש־עסייִסט בהא הידיעה? און אַז ער האָט

געגנטפּערט: ווער ווייסט דאָס נישט, אַז עס איז יעקב גלאַטשטיין, און איך האָב אים פּאַרוויזן אויף שטיינמאַן, האָט ער זיך גענומען באַזונדערס אינטערעסירן מיט דעם ענין, און האָט זיך היפּש דערנענטערט צו מײַן סברה. אַז דער ענין איז דערגאַנגען צו יעקב גלאַטשטיין, האָט ער שטי־פּעריש געזאָגט, אַז מײַן סברה נעמט זיך דערפון, וואָס איך וויל יוסט זײַן אָריגינעל, נו, וועט ער אויך זײַן אָריגינעל, און מסכּים זײַן.

איך האָב דעם ענין שטיינמאַן אָפּירגעהויבן, כּדי אָנצוווײַזן, ווי ווײַט און טיף עס גרייכט, בײַ טאָפּלשפּראַכיקע שרײַבערס פון פאָרמאַט, דאָס לאַטענטע יידיש בײַ זייער מאַניפעסטן העברעיִש, אַ זאַך, וואָס מיר קענען אָננעמען אָבער נישט קאָנטראָלירן בײַ העברעיִש־שרײַבערס וואָס האָבן זיך צו יידיש נישט מער צוריקגעקערט, און דאָס איז כּולל אַ ייִנגערן רעגיסטער, וואָס איז שפּעטער אַהער געקומען. ווער געדענקט עס, אַ שטייגער, אַז די ערשטע לידערביכער פון משה באַסאָק, דוד רוקח, אָדער ב. מרדכי זענען אַרויס אין יידיש, האָבן אָבער, נאָך זייער עליה, אַרויסגעלאָזט באַנד נאָך באַנד בלויז העברעיִש, און זיך צו יידיש נישט אומגעקערט, כּיבע ווי עס האָט געטאָן משה באַסאָק, וואָס איז געוואָרן אַן איבערזעצער פון יידיש־פּאָעזיע, און אויך אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע דערוועגן. נו, איז איבערזעץ אַ פײַנע זאַך, ער וועקט אַן אינטערעס פאַר דער שפּראַך פון אָריגינאַל אָבער לרוב פאַראיבעריקט ער זי. בין איך טאַקע אַ חסיד פון דף כּנגד דף, עס קאָסט טאַקע טײַערער נאָר עס האָט דערווערט.

אָבער אויך דאָס לאַטענטע יידיש האָט זיך גענומען אָפּשוואַכן — דער ייִנגערער רעגיסטער העברעיִש־שרײַבערס פון שפּעטערע עליות האָט שוין אַפילו נישט קיין טאָפּלשפּראַכיקע מעגלעכקייט — יידיש איז פאַר זיי העכסטנס געוועזן אַ פּריִערדיקע שמועס־שפּראַך, און אויך דאָס אין אַ מדרגה, וואָס האָט זיי, אַפילו זיי זאָלן געוועזן וועלן, נישט מער באַפעיִקט צו ווערן, בעיקר אין פּאָעזיע, זייער ליטעראַטור־שפּראַך. וואָס שייך פּראָזע — איז דער איינציקער מיר באַקאַנטער בולטער פאַל, חנן אַיאַלטי (אילתי) אַ מסופּקדיקע ראָיה. זײַענדיק הי האָט ער טאַקע אַרויס־געגעבן זײַן העברעיִשן ראָמאַן במחילות, אָבער יידיש־ביכער האָט ער געשריבן און פּובליקירט נאָך דעם ווי ער האָט דאָס לאַנד פאַרלאָזט און אַוועק קיין פראַנקרײַך, שפּאַניע, אַמעריקע, און זיך מער אַהער, אויף שטענדיק, נישט אומגעקערט. שוין אָפּגערעדט פון נאָך ייִנגערע, וואָס האָבן

זיך דערצויגן אין אַ העברעיִשער אַטמאָספער — אין אַ מער אָנגעשטרענג־טער אין גלות, און אַ מער נאָרמאַלער אין לאַנד.

אַזוי־אַרום האָבן שוין אויפן שוועל פון דער פערטער עליה, כּמעט דריַי דורות שריַיבערס, מיט אַן אומגעווייַנטלעכן ברען, זיך איַינגעשפּאַנט אין אַ באַוווּסטן, מכוּונדיקן אויפטו — דער אויפלעב פונעם היסטאָרישן צווילינג, משמע ביידע היסטאָרישסטע עלעמענטן — דאָס עלטסטע לאַנד און די עלטסטע שפּראַך. דאָס איז אַ פּראָצעס וואָס דער שריַיבער איז געווען פון זיַינע אַקטיווסטע גורמים, ווי אַ גרויסער פּרט אין אַ גרעסערן כּלל און געהער צו די גראַנדיאָזסטע אויפטוען אין אונדזער געשיכטע. צי דער פּראָצעס האָט זיך געניייטיקט אין אַזאַ הערמעטישער אָפּגעשלאָסנקייט לגבי ייִדיש, בעיקר מצד דעם צווייִשפּראַכיקן שריַיבער, איז אַ קשיא פאַר זיך, און מסתּמא האָט דאָ ביאַליק אַרויסגעוויזן אַ טיפערן היסטאָרישן חוש, ווי זיַינע אָפּאָנענטן, בפרט יענע, וועלכע האָבן זייער פאָביע פאַרן מיליטאַנטן ייִדישיזם אויסגעביטן אויף אַ פאָביע פאַר ייִדיש, וואָס איז נישט געווען די בעסטע ראיה פאַר זייער אַבסאָלוטן גלויבן אין העברעיִש, פּונקט ווי די מהומות פון „גדוד מגיני השׂפה" און ענלעכע געזעלשאַפטלעכע נישטיקייטן זענען נישט געווען די בעסטע ראיה אַפילו פאַר זייער רעלאַטיוון גלויבן דערינען. מען וואָלט אַפילו געקענט אויפשטעלן אַ כּלל, אַז וואָס גרעסער עס איז געווען דער גלויבן אין העברעיִש, ווי אַ היסטאָרישער און אַקטואַלער פאַקטאָר, בייַם אויפלעב פון פאָלק אין זיַין אייגן לאַנד, אַלץ קלענער איז געווען דער אומגעדולד כּלפּי ייִדיש און אַלץ קלאָרער די פאַרשטענדעניש פאַר ביאַליקס משל וועגן נעמי און רות, בפרט אַז עס האָט זיך געשטאַרקט דאָס באַוווּסטזיַין, אַז אַזוי איז שוין די טבע פון אונדזער פאָלק, אָפּצוהיטן אַלע זיַינע קולטורווערטן, און עס געפינט שוין די דרכים דערצו.

ה

צוריק צו דער פערטער עליה, וואָס האָט איניציִירט אַ בולטע הערמעטיש־אָפּגעשלאָסענע איינשפּראַכיקייט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, — די ייִדיש־איינשפּראַכיקייט מצד דער גרופּע שריַיבער־עולים, וואָס האָט זיך אויך אָרגאַניזירט הלכה־למעשׂה. פּונקט ווי די פריִער דערמאַנטע כּמותדיקע גרויסע העברעיִשע ריכטונג, איז אויך די קליינע ייִדיש־ריכטונג געווען אַ פּרינציפּיעלע, אידעאָלאָגישע און טאַקטישע, — אירע אָנהענגערס

האָבן דאָ געגומען בויען אַ שאַפערישן יידיש־צענטער און קאָנסעקווענט דערהאַלטן די ליניע פון איינשפּראַכיקייט, האָבן געשריבן און שרײַבן, אין שאַפערישן תחום זייערן, — פּאָעזיע, פּראָזע, קריטיק, — בלויז יידיש, און אַזוי פירן זיך בדרך־כלל אויך דער רוב פון די שפּעטערע, גרעסערע גרופּעס יידיש־שרײַבערס, וואָס זענען שוין געקומען אין מדינת־ישׂראל, צומערשט פון פּוילן און איצט פון סאָוועט־רוסלאַנד. און פאַראַן וואָס זיצן דאָ שוין פופציק יאָר, פערציק יאָר, דרײַסיק יאָר, און זענען אין זייער שאַפערישקייט הערמעטיש אָפּגעשלאָסן לגבי דער העברעיִשער קולטור־ווערקלעכקייט — אַזוי האָבן מיר עס, אויב זיך באַנוגענען מיט די פּיאָ־נערישע היגע דיכטערס, בײַ: יוסף פּאַפּיערניקאָוו, יעקב־צבי שאַרגעל, מנחם סטעמפּל, מאָטל וועקסלער, אריה שמרי, אַברהם לעוו, הלל שאַרגעל, י. מאַניק־לעדערמאַן, י. ח. בילעצקי, ריקודה פּאָטאַש; שוין אָפּגערעדט פון שמחה אײַזן (יעקב שטאָל), וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער פּאַסטוך־גרופּע, מיט חברה־טראַסק, אָבער ווי טויב פאַר זייער העברעיִש, ווײַטער אַ יוצא־מן־הכלל ווי שלמה שענהויט (שנהוד) באַשטעטיקט בלויז דעם כלל, פּונקט ווי עס באַשטעטיקן עס די דרײַ אָדער פיר העברעיִש־לידער פון אַ. שמרי, די איבערזעצן פון העברעיִשער פּאָעזיע און אַנדערע פון יעקב־צבי שאַרגעל און זײַן רעדאַקטירן די העברעיִשע יאָרביכער קטיף, און אַפילו די העברעיִשע עסיי־ביכער און לעקציעס־קורסן פון י. ח. בילעצקי וועגן דער יידיש־ליטעראַטור; לאָ־כל־שכן יענע וואָס פאַר־מאָגן נישט אַזעלכע פּאָזיציעס אין זייער רייסטער: ווי שרייבערס, ווי דיכ־טערס, איז פאַר זיי פאַראַן בלויז איין שפּראַך — יידיש. וועל איך נישט פאַרהוילן, אַז עס ווײַזט זיך מיר נישט אויס כדרך־הטבע, און נישט איין מאָל קומען מיר אַרויף געדאַנקען דערוועגן, אַזוי, אַ שטייגער, דער געדאַנק וואָס האָט זיך מיר דערוועקט, ווען מיטן היגן נײַעם שוליאָר, האָט דער ערשטער קײַלעכדיקער מיליאָן קינדער אַ שפּאַן געטאָן אין זייערע קלאַסן אַרײַן, אָבער איך וועל פאַר מײַנע רעפלעקסיעס אויסקלײַבן אַן אַנדערע שעה, און זיך איצט באַנוגענען מיטן באַמערק, אַז עס פאָדערט אפשר אַ גרעסערע צײַטדיסטאַנץ, כדי די אָפּגעשלאָסנקייט נישט בלויז גענעטיש, נאָר בעיקר דיאַלעקטיש צו פאַרשטיין. און דעמאָלט וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז נישט אַזוי זיי, די יידיש־שרײַבערס, נאָר כביכול יידיש גופא האָט זיך אין זיי פאַרבאַריקאַדירט, זי זאָל זאָגן איר וואָרט אין דער נײַער, היסטאָ־רישער און אַקטואַלער ממשותדיקייט. דען די דאָזיקע גרופּע האָט פאַרן

יידיש־וואָרט די דאָזיקע ממשותדיקייט אויסגעברייט און פאַרטיפט, — ארץ־ישראל נישט ווי אַ טוריסטישע איבערלעבעניש (אויך דאָס האָט געקענט זײַן וואָרצלדיק און איידל — זע די היימלידער פון ש״י אימבער), אויך נישט ווי אַ קורצן אויטאָביאָגראַפישן אינטערוואַל (זע די לידער פון אפרים אויערבאַך און ז. ווײַנפער) לאַ־כל־שכּן ווי אַ ראָמאַנטישן רעפּ־לעקס, וואָס האָט געקאָנט אויפקומען על כל מיני נהרות פון דער ווילדע ביזן האָדסאָן; נאָר ארץ־ישראל ווי אַ שטענדיקע, טאָגטעגלעכע רעאַליטעט — פון אַ פאָלק אין זײַן לאַנד. דאָס איז געווען דער גרויסער חידוש אין דער יידיש־ליטעראַטור, און יידיש האָט זיך פאַרדינט דעם חידוש, און זײַן חשיבות מינערט זיך נישט מחמת דעם, וואָס בלויז אַ קליינע גרופּע איז געגאַנגען דעם וועג, בשעת דער רוב יידיש־דיכטערס האָבן דערפאַר נישט געהאַט נישט זין און נישט הארץ, סײַ די וואָס האָבן עס שוין נישט געהאַט, סײַ די וואָס האָבן עס נאָך נישט געהאַט. און דאָס איז טאַקע דער גרויסער זכות פון דער גרופּע, וואָס נישט די פריערדיקע און נישט די שפּעטערדיקע יידיש־דיכטערס, וואָס זענען עולה געווען, קענען און מעגן עס בײַ זיי צונעמען. נישט אַז די יידיש־דיכטערס פון דער גרופּע זענען עס בלויז יחידים, אַדרבה, אין עצם ענין, זענען די העברעיש־דיכטערס די עיקר־מחותנים, אָבער אָן יידיש וואָלט געפעלט אַ שטאַרקע און היימישע סטרונע אין דער דאָזיקער האַרף.

ו

און אויב אויסברייטערן די זאַך פון יידיש־דיכטערס אויף יידיש־ליטעראַטור, דאַרף מען פאַרגעדענקען די אַקטיוויטעטן פון דער גרופּע, און אַוודאי רוקט זיך דאָ אויפן ערשטן פּלאַן אַרויס דניאל לייבל, און נאָך אים בעיקר יעקב־צבי שאַרגעל — ער איז געווען פון די רעדאַקטערס פון ניַיוועלט, וואָס איז אַרויס צוויי מאָל אין וואָך, און שפּעטער פון אויף דער וואָך, און היינט רעדאַקטאָר פון די ליטעראַטור־זײַטן אין ישראל־שטימע, און וואָס עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן — ער איז געווען פון די באַגרינדערס פונעם קלוב פון יידיש־שרײַבערס אין לאַנד, און זײַן ערשטער סעקרעטאַר, ער האָט געהאָלפן צו באַגרינדן און דערהאַלטן צײַטשריפטן, צומערשט אָנהייב (ירושלים, 1928), און די איבעריקע, וואָס האָבן געהאַט יתרוס נעמען, און ער איז פופציק יאָר פון די יידיש־זײַלן אין לאַנד, וואָס איר שפּראַכלעכע ממשותדיקייט איז אַפילו אַנדערש ווי ביאַליק האָט זי

באַצייכנט, אַזוי אַז שטאָט דעם זאָג וועגן דעמאָלטיקן דור: העברעיִש דאַרף מען רעדן און ייִדיש רעדט זיך, לאָזט זיך וועגן ייִנגערן דור זאָגן: העברעיִש רעדט זיך און ייִדיש דאַרף מען רעדן, אָדער, לפּחות, פֿאַרשטיין. און די קשיא, אויב דאָס ווײַטערע אָנהאַלטן פֿון אַ הערמעטישער אײַנ־שפּראַכיקער אָפּגעשלאָסנקייט וועט פֿירן דערצו — איז אַן ערנצטע קשיא, און ווי איך הער זי נישט אויף צו פֿרעגן, און פּרוּוו אויך באַוועגן צו אַ צווייִשפּראַכיקער אויפֿגעשלאָסנקייט, הער איך אָבער אויך נישט אויף צו פֿאַרשטיין, אַז אַן דער צײַטלעכער אָפּגעשלאָסנקייט וואָלט ייִדיש נישט געקריגן דעם אָרגאַנישן פֿאַרבונד מיטן גרעסטן פענאָמען אין אונדזער אַקטיווער געשיכטע — מיט ארץ־ישׂראל, ווי דער עיקר־צענטער פֿון ייִדיש לעבן, ייִדישער ווערקלעכקייט, ייִדישער האָפֿענונג. דווקא ווײַל ייִדיש איז נישט קיין בת־יחידה, און איר עלטערע שוועסטער, וואָס האָט דאָס פֿאָלק באַגלייט פֿון אָנהייב אָן, דורך אַלע צײַטן, און אין איר איז אויך געשאַפֿן דער רוב ליטעראַטור אונדזערע, ציט ווײַטער איר זיך אַלץ שטאַרקנדיקע לעבנס־פֿאָרעם, דאַרפֿן מיר אָפּגעבן כּבֿוד די, וואָס האָבן די ייִנגערע שוועסטער, ווי אַ ייִנגערע שוועסטער, אָרגאַניש פֿאַרוועבט מיט און אין אויפֿלעב־פּראָצעס, אַזוי אַז, ווי די באַציִען זאָלן זיך נישט געשטאַלטיקן, וועט דער כּלל נישט מער קענען איבערהיפּערן די דאָזיקע גרויסע היימישע קולטור־פּאָזיציע.

ז

ערשט איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבן אָנגעצייכנט די כּלל־סיטואַציע פֿון דער פּיאָנערישער גרופּע, וווּ יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל האָט געשפּילט אַ גאַר אַקטיווע ראָלע, קומען מיר צום אַחרון אַחרון חבֿיב — זײַן שאַפֿערישן, דיכטערישן אָנטייל, און איך וועל אַפּירישקן עטלעכע אָפּשאַץ־באַמערקן וועגן זײַנע ביכער, לויט זייער סדר, און איבערחזרן וואָס איך האָב שוין געזאָגט אין אַרײַנפֿיר צו זײַן בוך זוניקע שוועלן אין העברעיִשן נוסח פֿון חיים ראַבינזאָן, שלמה שנהוד, אַמיר גלבוע, און אַנדערע, לאמור: וואָס יעקבֿ גלאַטשטיין האָט געזאָגט וועגן זײַן צווייטן בוך פֿון ווײ און גלויבן לאָזט זיך שוין זאָגן וועגן זײַן ערשטן, צוויי און צוואַנציק יאָר עלטערן בוך אין בלויען ליכט, דהײַנו אַז עס פֿאַרמאָגט צוויי מעלות, די שפּראַכ־לעכע וויטאַליטעט פֿון זײַן ייִדיש און די נאַטירלעכקייט פֿונעם ארץ־ישׂראלדיקן פּייזאַזש, און דאַכט זיך, אַז ביידע מעלות שמעלצן זיך צונויפֿ־

מען אין איין מעלה: די וויטאַליטעט פון דער שפּראַך, וואָס אַנטפּלעקט זיך בעיקר אין אײַנגעמען פון דעם דאָזיקן אַלט־נײַעם פּײַזאַזש, אַלט אין זכרון פונעם פאָלק, נײַ אין איבערלעבעניש פונעם דיכטער. שוין דער אַרײַנפיר אין זײַן ערשטן בוך, די צוויי לידער וואָס הייסן: „מידבר", באַלערנט אונדז דאַריבער — זיי זענען געבויט ווי צוויי סאָנעטן, וואָס די ערשטע צוויי סטראָפעס זענען לאַנג־שורהדיקע, באַשרײַבערישע, און די לעצטע צוויי סטראָפעס זענען קורץ־שורהדיקע, באַטראַכטערישע, און די בילדער זענען נישט פון דער אַלטער היים אין דער ווײַטער געבוירן־שטאָט, נאָר פון דער נײַער היים אין דעם נאָענטן פּאָטערלאַנד: דער ים און זײַן אָוונטגאָלד, דער ווינט און זײַן כוואַליע־דעמער, די בלויע ווײַט, דער קאַראַוואַנען־גאַנג, דאָס שאַקאַלן־געכליפּ, און איבער אַלעמען דער מידבר וואָס צווינגט אויף אַ דרײַיִקן אויסרוף: „מידבר, מידבר, מידבר אָן אַ ס ו ף / עס שלענגלט זיך דײַן וואָגלען באַרג אַראָפּ און אַ ר ו י ף". אָן אַפילו נישט איבעריק געפּיליק אויער כאַפּט אויף דעם אָפּנייג פון נאָר־מאַטיוון גראַם, וואָס וואָלט געקלונגען: sof — aroif, אָבער ער קלינגט דאָ, ווי ער האָט געקלונגען אין זײַן געבוירן־שטאָט: sof — arof. נאָך מער, אין זײַן ליד „וואַנדער־בעדואין" (און דאָס איז דאָס ערשטע ליד וואָס ער האָט געדרוקט — אַרבעטער צײַטונג, וואַרשע 1927) הייסט עס: „שפּיל־אויף דײַנע לידלעך אויף באַצערטן ח ל י ל — / פאַר דיר איז די געגנט, דײַן — די נאַכטיקע ק י ל". מיר האָבן ספּאַצינירט דאָס פּאָרל: חליל — קיל, וואָס קענען זײַן אַ גראַם, בלויז ווען דאָס ערשטע וואָרט גייט נישט אין מלעיל, נאָר אין מלרע, כּלומר נישט ווי מיר האָבן עס, אַ שטייגער, בײַ ביאַליק, נאָר ווי מיר האָבן עס אין גראַמאַטיקאַלישן העב־רעיִש. דער טאָפּעלער אַרײַנדראַנג — סײַ פון אַ פּריִען עלעמענט, דעם פון דיאַלעקטישן יידיש, סײַ פון אַ שפּעטערן עלעמענט, דעם גערעדטן עברית, לאָזט זיך באַמערקן אין אַנדערע לידער. וואָס מיר האָבן אָפּגעּ־לערנט פון גראַמפּאָרל: ס ו ף — א ו י ף, לאָזט זיך אָפּלערנען פון גראַמ־פּאָרל ח ו ב — א ו י ף, לאַ־כּל־שכּן פון אַ דוגמה ווי: „פּרימאָרגנגאָלד שפּיגלט זיך אין שאַרף פון דײַן ש ע ר, / בלוט־רויטע טרויבן באַגריסן דיך פון שרעק, / נאָך־נישט־צײַטיקע — קוקן פון אונטער שטאָקן אַ פּ ע ר, / אַזוי פיל אויגן האָפן צו דיר". שיין איז דער באַניץ מיט דער קאָנוועג־ציע: טרויבן — אויגן, וואָס מיר האָבן, אין היפּוך פון משל און נימשל, אין ביאַליקס „לבנות שפּיה", בפרט אַז עס דערנענטערט זיך צו אַ ממשותדיק

בילד, אָבער אונדזער אויפמערק גילט דעם וואָרטפּאָרל: שער — אָפּער, וואָס איז אַ גראַם בלויז אַ דאַנק דעם פּוילישן אַרויסזאָג, ווי מיר האָבן, אין דער פּראָזע, ביז איצט, ביי באַשעוויס. ווער עס וויל טענהן, אַז דער גראַם האָט עס גורם געווען, וועט מוזן פאַרגעדענקען, אַז מיר געפינען אין סאַמע מיט פון לידער: „פון בערג אָפּער". „קוקט אָפּער אַ פייער" וכדומה, און עס דאַכט זיך, אַז דער היימישער אַרויסזאָג פאַרבאַהאַלט זיך אויך אין אַ דוגמה ווי, אַ שטייגער: „אַ נאַכט האָט קיינט באַוואַכט זיין אייִנגעדרימלט צעלט, / אַ טוי האָט עס באַפּייכט מיט הייס־צערייצטן אָטעם, / עמעץ האָט אָן אומרז דאָ וויביימער אויסגעשטעלט: / פון נישט געאָנטער ווייט יאָגט אָן אַ פּיין וואָס דראָט אים". תחילה ווערן מיר אויפ־מערקיק אויף עפּעס נישט גאָר פּאָלקישע ווערטער: צעלט (שטאָט: גע־צעלט), געאָנט, דראָט, און אויפן צווייטייטיקן אומרו, און ערשט שפּעטער, באַקומען מיר דאָס פּאָרל וואָס מיר האָבן אונטערגעשטראָכן: נאַכט — באַוואַכט, וואָס ציט זיך נאָך זיך: באַפּייכט, וואָס לייענט זיך באַרמאַטיוו bafaicht אָבער דיאַלעקטיש bafacht, און דער עלעמענטן־געמיש, מיטן צוגאָב פון דעם קאָמבינירטן נאַרמאַטיוון גראַם: אָטעם — דראָט אים, זענען אַ שטיק מעשׂה־מרכבה.

ח

צו מאָל טוט אין אַ פאַרהוילענער טאָפּל־שפּראַכיקער שפּיל אַ טיף־אַסאָציאַטיווער פלימער: „און דו ביסט אָנגעלאָפן שטראַליק, ווי אַ ווידער, / מיט הערנערליכט, אַ פייערדיק געשטאַלט" — אין אַ העברעיִשן איבער־זעץ־נוסח ווערן סיי שטראַל סיי האָרן איבערגעגעבן דורך דעם זעלבן וואָרט: קרן, און דאָס טאָפּל־באַטייטיקע וואָרט לאָקערט פון חומש אַרויס, סיי: איל... בסבך בקרניו, משמע: דער ווידער אין געצוויי מיט זיינע הערנער, סיי: קרן עור פּניו, משמע: עס שטראַלט די הויט פון זיין אַנצליט. און עס פאַרמישן זיך עור מיט אור, הויט מיט ליכט; דערצו איז נאָך דאָס בילד פון אור פּנים אָן אָפּטער גאַסט אין תנך און אין לשון חכמים. צו דער העטעראָגעניע קומט נאָך צו דער אַראַבישער קאָמפּאָנענט אין זיין היגן דיאַלעקט, און מיר הערן וועגן „באַיאַרעדיקן פריי‍טיק" וואָס דער גראַם זיינער גייט: „אונדזערע מאַראַנצן זענען שוין צייטיק". און אין אַ ליד: „כאַרבאַדזש" האָבן מיר פאַר זיך פּוילישע חסי־דים וואָס באַזעצן זיך אין עמק, און עס מישן זיך בילדער פון וויי‍טן

שטעטל, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט, און פון נאָענטן דאָרף, וואָס זיי בויען דאָ אין דער וויסטעניי, און דאָס חן־גריבעלע באַשטייט, דאַכט זיך, אין אַן איינציק וואָרט: „אַוועקגעשיקט אויף קעמלען־קערק אַ טאָג אַן אויס־געהויכטן". עס איז אַ פּאָרעם וואָס נעמט דעם רבים פון דייַטשישן קאָמ־פּאָנענט: מאַרק — מערק און הענגט אים אָן אויפן סלאַווישן קאָמ־פּאָנענט: קאַרק נישט קאַרקעס נאָר קערק. און די באַזונדערקייט אויף וועלכער עס האָט זיך בשעתו אָפּגעשטעלט אַ. לעיעלעס, און פאָר־שערס האָבן זי געגומען צונויפזאַמלען, איז ווי אַ שפּראַכלעכער אורח וואָס איז פון זייַן רעגיאָנאַלן געסל פאַרטראָגן געוואָרן אין סאַמע מידבר אַרייַן. און אויב אַזוי דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן איבער אינטימערע קלייני־קייטן, וואָס זענען גרויסיקייטן: „זאָלסט דאָ לויפן קלאָגן בייַ דער כּותל המערבי", און דאָס לשון איז קרוין־פּוילישער נוסח, וואָס באַהאַנדלט דעם אַרויסרעד „מאַאַרווע", ווי אַ פּעמינינעם אַדיעקטיוו, בשעת אין אַלע איבעריקע קאַנטן גייט לשון זכר: דער כּותל, (חוץ מענדעלע, וואָס האָט זיך געקווענקלט און איין מאָל געשריבן דאָס כּותל, עלעהיי עס וואָלט געווען אַ דימינוטיוו, ווי, אַ שטייגער, דאָס טעפּל וכדומה).

מיר האָבן זיך וועגן די ענינים עפּעס פּרטימדיקער אָפּגעשטעלט, ווייַל דאָס אינטעגראַציע־פּראָבלעם פון כּל־מיני עלעמענטן און מסורות איז ווייַט נישט געקלערט, און אונדזער קריטיק און פאָרשונג האָבן זיך דערמיט נאָך נישט לייַטיש פאַרנומען, און מיר האָבן געוואָלט, לפּחות, דערויף, אָנווינקען. און דאָס איז אַ באַזונדערס פאַרשפּיצט פּראָבלעם אין דער ייִדיש־פּאָעזיע, וואָס האָט איר פאַרלאָזט איר פאַרוואָרצלטע סביבה און אַטמאָספער אין גלות און האָט זיך פאַרפלאַנצט אין היגער נייַער סביבה און אַטמאָספער, און דער נעכטן, וואָס איז צומערשט פאַרשטויסן געוואָרן, האָט זיך זייַנע געהיימע סטעשקעס אין הייַנט אַרייַן, און עס פעלן אים נישט קיין פאָרטלען דערצו, און אַזוי ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַהאַנדלטער דיכטער־גרופּע, און יעקב־צבי שאַרגעל בתוכם און צו מאָל בראש, וועלן מיר, לכשירחיב, מרחיב זייַן. ביז אַהין איז גענוג דער באַמערק, אַז לעבן דעם אומבאַוווּסטן גאַנג פון שאַפונג גלימצערט דער באַוווּסטער געדאַנק פונעם שאַפער, וואָס זאָגט אין זוניקע שוועלן לאמור: „זאָג איך דיר אַ וואָרט אַזאַ אַלטס / מאָרגן וועסטו עס זאָגן דייַנע זין: / דעם גאַנג פונעם הייַנט דו פאַרהאַלטסט / אויב דו האָסט נישט פאַרן נעכטן קיין זין".

אָבער דער אָ באַמערק ציט במילא דרײַ באַמערקן נאָך זיך. ערשטנס, עס איז נישט געגוג די פאַרשטענדעניש פאַרן נעכטן; עס פאָדערט זיך זײַן איבערלעבעניש; און אויף דער קשיא, ווי־אַרום אָ ווײַטער און שפּעטער דור קען דאָס דערגרייכן, קומט דער ענטפער: פאַרשטענדעניש קאָן ער קריגן אין די חיבורים פון מעמואַריסטן, כראָניקערס, היסטאָריקערס; דער־לעבעניש ווײַטער קאָן ער זיך דערווערבן בלויז אין די שאַפונגען פון דיכ־טערס און דערציילערס, וואָס פאַרמאָגן דעם כּוח זייער קאָנקרעטע און אימאַגינירטע וועלט צו פאַראַרבן העט־העט אַריבער און אויסער זייער צײַט. דער צווייטער באַמערק: דער אויספעל פון איבערלעבעניש פון נעכטן איז נישט בלויז אָ שטער פאַרן גאַנג פון הײַנט, נאָר אויך אָ פּגם אין מהות פון מאָרגן, דען אויב דער מאָרגן האָט זײַן נעכטן, מיטן כּוח פון הײַנט, ווערט ער אַלץ רײַכער, און אויב נישט — ווערט ער אַלץ אָרעמער. דער דריטער באַמערק: די ירושה פון נעכטן — כּתיב; די גאַנצע ירושה פון נעכטן — קרי, און דער עיקר די ירושה פון דער פּאָעזיע. און וואָס שייך דער ירושה פון אונדזער פאָלק, מיינט עס די טאָפּעלע ירושה — פון לשון־האָבות און פון מאַמע־לשון.

ט

און צוריק צו אונדזער דיכטערס לידערביכער — ווער עס שפּאַנט פון בוך צו בוך, זעט בחוש, ווי ער באַהערשט אַלץ מער און שטאַרקער די אויסדרוק־מיטלען, ווי באַגלייטערס פונעם סוסטראַט, און זײַן טעמאַ־טישן אויסברייט און פאַרטיף — וואָס עס איז אין ערשטלינגבוך געווען אָ זאָמען, איז אין די ווײַטערדיקע ביכער אָ צײַטיקער וווּקס — צומערשט האָבן מיר דעם איינעם, צענטראַלן פּאָקוס, וואָס שטראַלט דורך דאָס בוך און דער עצם נאָמען זײַנער, אין בלויען ליכט, אַנטפּלעקט זײַן כאַראַקטער, די פאַרשיכּורטקייט פון אינטימען איבערלעבעניש פונעם ייִדישן מענטש אין זײַן לאַנד און זײַן פּייזאַזש. און זײַנע באַמיִען זיך צו פאַרוואָרצלען; אָ פאַרשיכּורטקייט וואָס איז בשותּפותדיק מיט די גלײַכאַלטעריקע העבּ־רעיִש־דיכטערס, און וואָס איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זי האָט ווי פאַר־לוירן אָ ממשדיקן פאַרבונד מיט נעכטן און דאָרטן, און געווען כּולו הײַנט און דאָ. ערשט שפּעטער ווערט עס אָ צווייִקער פאָקוס, ווי עס איז מעיד דער נאָמען פון בוך פון ווײַ און גלויבן, דער ווײַ אויפן אומקום פון ייִדן אין אייראָפּע, דער גלויבן אין אויפקום פון ייִדנלאַנד, און דאָס טאָפּעלע

פֿײַער טלײַעט אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז אַרויס פֿופֿצן יאָר נאָכן חורבן און צוועלף יאָר נאָכן באַגרינדן די מדינה. ווי ווײַט דער גלויבן האָט געגרייכט לאָזט זיך אויך אָפּלערנען דערפֿון, וואָס פֿון צווייטן בוך שפּאַרט עמבריאָנאַל אַפֿילו דער תּוך פֿונעם דריטן בוך, וואָס איז ווי אַ באַהערשטער אויסגעאיידלטער אומקער צום ליכט און צו דער וואַרעם פֿון ערשטן בוך, וואָס איז מרומז אין אַ כאַראַקטעריסטישן פּרט — אין צווייטן בוך געפֿינט זיך דאָס ליד „זוניקע שוועלן״ און דאָס איז געוואָרן דער נאָמען פֿון דריטן לידערבוך.

איז אַוודאי גערעכט ווער עס האָט אַרויסגעזאָגט די סברה, אַז זוניקע שוועלן איז אַ פּאָעטישע קריסטאַליזאַציע פֿון דיכטערס ביאָגראַפֿיע, אָבער באמת פּאַסט זיך דער זאָג אויך פֿאַר זײַנע פֿריִערדיקע צוויי ביכער, און דער חילוק איז אין דער מדרגה פֿון צײַטיקייט אין באַנעם פֿון פּאָעזיע און אירע ענינים. פֿאַרוואָר, פּונקט ווי עס לאָזט זיך אָפּשיידן צווישן ביאָגראַפֿישן תּחום, וואָס איז אָפֿן פֿאַרן חורבן און אונטערגאַנג, און צווישן זײַן איך, וואָס ברייט זיך קודם־כּל אויס אויף זײַן אייגענער משפּחה, וואָס ער באַקלאָגט (זע די לידער „ווו ביסטו, מײַן ברודער״, אָדער „מײַן שוועסטער פּערל״), און נעמט אַרום די אויסגעשאָכטענע ייִדן, אַזוי לאָזט זיך נישט אָפּשיידן צווישן דעם ביאָגראַפֿישן תּחום, וואָס איז אָפֿן פֿאַר אויפֿלעב און אויפֿקום, און צווישן זײַן איך, וואָס ברייט זיך קודם־כּל אויס אויף זײַן אייגענער משפּחה, זײַנע קינדער און קינדס־קינדער, און נעמט אַרום דעם אויפֿשטייענדיקן ייִדן־ייִשוב, דעם בית־ישׂראל אין זײַן לאַנד. און צו גלײַך מיט זײַנע פּאָעטן־ברידער ווערט זײַן סימבאָל דער סנה וואָס ברענט און ברענט און ווערט נישט פֿאַרברענט, און עס איז גענוג דורכצולייענען דאָס ליד „מײַן בענקשאַפֿט״ וואָס זײַן גרונטבילד איז דאָס בילד פֿון אַ זיבן־יאָריק ייִנגעלע, וואָס שפּרײַזט אין קעלט און שניי פֿון שטעטל און האַלט אַ לאַמטערן אין האַנט, צו באַלײַכטן די אַרומיקע פֿינצטערניש, און ער האָט דאָס שטאָלצע געפֿיל, ווי איינער וואָס פֿאַרמאָגט אַ לאַנד פֿון זײַנע טאַטעס און מאַמעס, און צוועלף שבטים, און דעם מאַן משה, און זײַנע בענקענישן צום חומש־לאַנד פֿאַרהיטן אים פֿאַר דער שרעק פֿון זייער קלויסטער, — גענוג דורכצולייענען דאָס ליד, כּדי צו פֿאַרשטיין, אַז דער כּוח אַריבערצושפּאַנען פֿון תּחום פֿון פֿינצטערניש צום תּחום פֿון ליכט איז אין דעם דאָזיקן מאמין געווען פֿאַרבאַהאַלטן פֿון קינדווײַז אויף. און וואָס שייך חומש, איז שוין איין מאָל כּדאַי זיך

אַרײַנצולייגענען אין דער פּאָעמע „ואני" — ווו ער שטעקט גאַנץ און גאָר.

י

דאָס פּערטע לידערבוך, טויערן אין די בערג, ווײַזט זיך אויס ווי אַ נײַער פּאָעטישער גאַנג און צוגאַנג, און עס איז שווער צו אַנטשיידן, צי האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פּלוצעמדיקן אויפשפּראָץ פון עפּעס פריִער נישט געוועזענעם, אָדער מיט אַ מאַכטיקער ערופּציע פון אַ לאַנג פּאַראַ־נעבעם, און וואָס האָט זיך שטיל און עניוותדיק אויסגעצײַטיקט; אָבער עס ווײַזט אויס אַז מער האָפט פּאַרמאָגט דאָס אַנדערע. שוין די אָפענע דעקלאַראַציע פון deja vu איז מעיד דערויף: „אויף אַ שטעג אַ שמאָלן איך גיי איצט און זע. / כ'האָב זיכער דאָס אַלץ שוין געזען. / זאָל זײַן, אויף די וועגן פון חומש, וואָס דער רבי האָט מיך געפירט, / האָבן דעמאָלט זיך געעפנט אָט די טויערן? / נאָר דער באַרג איז דער זעלבער, און דער הימל איז דער זעלבער, / כ'וואָלט שווערן: / דאָס האָט ער באַצוווּנגען מײַן זען און מײַן הערן... / גיי איך און גיי אַרײַן אין די טויערן — / אַנטקעגן דעם מלכות פון שטערן". וואָס עס איז אין „ואני" נאָך געווען אַ בלינצל פון חדר־מעמואַר איז דאָ אַ בליץ פון אַ מיטיש איבערלעבעניש, ווו עס פאַרשמעלצן זיך וויזיע און ממש — און מיר וועלן אַרויסהייבן צוויי מאָטיוון: עקדת יצחק און אלה תולדות יוסף.

וואָס שייך יצחק אבינו: „דער מאַראַנץ האָט געטאָן אַזאַ מין צאַפּל, / מיט דעם גאָלדענעם שוואַרצאַפּל דערזען דעם באַרג מוריה. / אוי, ווו נעמט מען אַצינדערט אַ ליכטיקע ראיה / צו דערבליקן דעם מלאך און דעם לאַם? — / אָט רײַסט אַרויס אַ פלאַם און כאַפּט אַרום די היים / און אַלץ גייט קריק צו תוהו, / ווערט שטויב, / ערד, / ליים". וואָס שייך יוסף: „פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט אין אַ זײַדן פּאַסן־העמד. / ס'האָט אַוודאי שוין געהאַלטן בײַם טאָגן. / אַ פרעמד האָט מיך מיט קעלט אַרומגענומען / און מײַן לײַב גענומען שלאָגן, יאָגן / ווײַט אַוועק פון די חלום־גאַרבן, / פון אַ זון און זיך בוקנדיקע שטערן. / ערשט לבנהס מילעכליכט רינט אַרײַן אין מײַנע טרערן. // כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט נאַקעט, הויל. / איך לויף נאָך אַלץ פון גרוב, אײַל אַוועק פון דותן. / אין דרויסן בלויט די נאַכט / און עס פירן טרעפּ צו תהומען ——"

ביידע מאָטיוון, סײַ עקידת יצחק סײַ גדולת יוסף, זענען, מחמת כמה וכמה טעמים, גאָר שכיח אין אונדזער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור, סײַ עברית סײַ ייִדיש. און בעיקר האַנדלט זיך אין מאָטיוו פון עקידת יצחק און זײַן אַקטואַליזאַציע. אַזוי אַז עס איז אַן ענין פון אַ באַזונדערער מאָנאָגראַפיע, וואָס איך פאַרגרייט און האָף זיך צו פּובליקירן. קאָן איך, פאַרשטייט זיך, רעדנדיק וועגן אָפּשפּיגל פון דעם מאָטיוו בײַ אונדזער דיכטער, דעם ענין נישט אויסשעפּן, אַ זאַך וואָס איז בלויז מעגלעך אין אַ ברייטערער רעם. וואָס איך קאָן איצט שוין מרמז זײַן איז, אַז עס איז פאַראַן אַ חילוק פון צוגאַנג צו דעם מאָטיוו און זײַן באַהאַנדל, נישט בלויז לגבי דער שפּאַנונג צווישן אַמאָל און איצט, נאָר אויך, און צומאָל בעיקר, צווישן דאָרט און דאָ, און אַזוי־ווי אונדזער דיכטער געהער צו דעם טיף פון אונדזערע שאַפערס וואָס דער גורל האָט זייער ביאָגראַפיע אַנידערגעשטעלט אין סאַמע ברען פון ביידע שאַפּונגען — געהערט אים אין יענער ברייטערער ראַם אַ באַזונדער קאַפּיטל. ועוד לאלוה מלים. וואָס מיר ווילן שוין איצט באַמערקן, איז דער חילוק צווישן אַ צוגאַנג, ווו מיר האָבן, חוץ דעם אָפּשטאַנד פון איצט און דעמאָלט אויך דעם אָפּשטאַנד פון דאָ און דאָרט, אַזוי אַז אַ צײַטלעך ווײַטערער מיטאָס מאָסטעט זיך, פאָלקלאָריסטיש באַהנט, אין דער אָרטלעך נאָענטער ראַם פון דער שטעטלשער אויטאָביאָגראַפיע, און צווישן אַ צוגאַנג ווו מיר האָבן אויך אַן אָפּשטאַנד צווישן דעם איצט און דעמאָלט, אָבער מכוח דעם בשותּפותדיקן דאָ, שאַפט זיך, מעטאַהיסטאָריש באַשײַנט, אַן אָרטלעכע אידענטישקייט פון צײַטלעך ווײַטע געשעענישן וואָס לאָזט דאָס אויטאָביאָגראַפישע אויפגיין אין דער אייביקייט פון מיטאָס. אַנדערש געזאָגט: עס איז דער חילוק צווישן ביאָגראַפיע און מיטאָס ווי שכנים אין דער אַלעגאָריע, און צווישן מיטאָס און ביאָגראַפיע ווי ברידער אין סימבאָל.

[אדר, תשל״ה]

צווישן לודמיר און לודמיר

וועגן קעהאָס קליגער

א

די קליינע אָבער אָנגענעמע געמיטלעכקייט, וואָס עס פאַרשאַפט גע־ווינטלעך אַ ליטעראַטור־לעקסיקאָן, אינפאָרמירנדיק וועגן די עיקר לעבנס־דאַטעס און שאַפנס־סטאַציעס פון אַ מחבר, קען זיך דער לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט קעהאָס קליגער, נישט פאַרגינען, ווײַל דער אַלטער ווילנער לעקסיקאָן וואָס האָט נאָך פון אים נישט געקענט וויסן, — דער באַנד, וואָס איז כּולל דאָס אות קוף איז אַרויס, ווען אונדזער דיכטער איז שוין אַפילו אַלט געווען אַ האַלבן יובל יאָרן (1929), און האָט שוין גע־שריבן, צומערשט העברעיִש, האָט אָבער ייִדיש דעביוטירט אין רשות־הרבים קאַרגע דרײַ יאָר שפּעטער (1932). ווײַטער דער נײַער ניו־יאָר־קער לעקסיקאָן גייט, מיט זײַן לעצטן באַנד, וואָס דאַרף כּולל זײַן דאָס דאָזיקע אות, שווער צו קינד. מוז זיך דער לייענער באַנוגענען מיט דער ידיעה, אַז דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן אין לודמיר (1904), זיך דאָ געכאָוועט אין אַ ציכטיקער אָרעמקייט פון בני־טובים, געלערנט אין ישיבות, איבערגעלעבט די ערשטע מלחמה און אירע נאָכווייען, און אין זײַן צוויי און דרײַסיקסטן לעבנס־יאָר אַוועק קיין אַרגענטינע, אַרומגע־וואַנדערט סײַ דאָרט סײַ אין אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע (טשילע, בראַזיל), און זיך באַזעצט אין בוענאָס אײַרעס, ווו ער האָט זיך דערוואָרבן נאָמען און פּרעסטיזש פון אַ רעפּרעזענטאַטיוון דיכטער אויף יענער ייִדיש־יבשה. דאָ איז, בײַ זײַן גאַנצער מאָביליטעט, זײַן סטאַ־בילער פּונקט, זײַן ישיבת־קבע, און אַ נסיעה קיין צפון־אַמעריקע, אָדער די נסיעה קיין ארץ־ישׂראל, כאָטש סײַ די איינע און בפרט די אַנדערע, זענען היפּש ניכּר אין זײַן פּאָעזיע, זענען נישט משנה דעם כאַראַקטער פון דאָזיקן קביעות, אַזוי אַז דער באַצייכן: ייִדיש־אַרגענטינישער דיכטער טרעפט טאַקע אין סאַמע פּינטל פון זײַן שאַפערישער בריהשקייט.

ב

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט זיך, חלילה, אויסגעטאָן פון זײַן הײם, אָפּשטאַם, וואָס איז זײַן עצם־שורש, וועלכן ער האָט מיט זיך געבראַכט און נישט געוואָלט און נישט געקענט אויפגעבן, ווײַל אָן אים וואָלט ער בכלל נישט געווען ער, פונקט ווי אַ יעדער אַנדערער ייִדישער דיכטער, וואָס פאַרוואַנדערט אין אַ ווײַטן ישוב, איז נישט ער גופא, נאָר עפּעס אַ פאַרוואָגלט שפּרײַ, אַ חוזק פאַר יעדן ווינט און זײַנע קאַפּריזן, אויב ער דערהאַלט נישט די וועלט, וואָס ער האָט אין זיך מיטגעבראַכט, און בלײַבט נישט געטרײַ איר געדעכעניש, זי זאָל קענען סײַ באַוווסט סײַ וויזיאָנאַר, באַשטיין אין דער וועלט, אין וועלכער ער האָט זי אַרײַנגעבראַכט. עס איז אַ האַרטער צוזאַמענשטויס און לאָזט זיך נישט דערלײַכטערן דורך פשרות, וואָס רעדן זיך אײַן צו זײַן אַ סינטעז; פאַרקערט, עס איז ווי אַ שטענדיק אַנטיטעטיש געראַנגל, ווו די אויבערשטע שיכט פון שפּעטערע איבערלעבענישן שטויסט זיך צוזאַמען מיט דער אונטערשטער שיכט פון די גרונטיקסטע איבערלעבענישן און צווישןביידע שיכטן ליגט אַ תהומיקע ווײַט, וואָס שאַפט אַ געשפּאַנטקייט, וועלכער עס קומט אָן גאָר שווער, פּסיכיש און אַפילו פיזיש, לאַנג אויסצוהאַלטן. אַוודאי איז קליגער נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער ייִדיש־דיכטער, וואָס ראַנגלט זיך שאַפעריש מיט דער דאָזיקער סתירה. די ענלעכע, צומאָל כמעט אידענטישע, ביאָגראַפיע, פון ייִדישע דיכטער אין אונדזער דור, פירט דערצו, אַז דער דאָזיקער קאָמפּלעקס איז אַ מין צד השווה, בשעת דער כאַראַקטער און אופן פון דער שאַפערישער רעאַקציע אויף אים איז דער צד השונה. און עס איז די אויפגאַב פון דער קריטיק זיך אין דעם קנויל פון פאַרשיידנקייטן פונאַנדערצוקלייבן, כדי אַ יעדן פאַדעם פון באַזונדערקייט אַרויסצוהייבן.

ג

געַנוג, דוכט זיך, אַן אויבנאויפיקן קוק דערלאַנגען אויפן ענין און סדר פון קליגערס ביז־איצט אַרויסגעגעבענע לידער־ביכער, כדי באַשײַנפּערלעך צו זען אַז די דאָזיקע סתירה פערמענטירט זײַן דיכטערישן פּראָצעס, און ווען ער וואָלט נישט געפונען קיין דרך זי צו לייזן, וואָלט זי צעזעצט די עצם מעגלעכקייט פון אַ שאַפערישן אויפבוי. דער אויבנאויפיקער רושם פון דעם אויבנאויפיקן דורכקוק איז, אַז די לייזונג גייט

אויפֿן וועג פֿון סעריאַלן בײַט — נאָך אַ בוך וואָס זײַן עיקר־טעמע איז נעכטן, קומט אַ בוך וואָס זײַן עיקר־טעמע איז הײַנט, אַנדערש געזאָגט: נאָך אַ טעמע, וואָס איר וועלט איז ווײַט, אָדער געווען, קומט אַ טעמע, וואָס איר וועלט איז נאָענט, אַזוי אַז די קאָנצענטראַציע אויף דער זיך סעריאַל בײַטנדיקער טעמע און איר וועלט, לאָזט די ווידעראַנאַנדיקע שיכטן פֿון איבערלעבעניש זיך, לפּחות, צײַטווײַליק, אויסטאַקעווען.

ד

איז עס אַ שטיקל תּשובה, אָבער טאַקע ווי אַ טאָפּעלע אויבנאויפֿיקייט וואָס מען קען זי העכסטנס באַנוצן ווי אַ מין אַריאַדנע־פֿאָדעם זיך אין דעם לאַבירינט אַ קאָפּ טיפֿער אַרונטערלאָזן, כּדי זיך עפּעס מער צו זײַנע פֿאַרשלונגנקייטן צו דערביוען. דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז אַפֿילו מיר מעגן אָננעמען די הנחה פֿון סעריאַלן בײַט — מוזן מיר זייער געוואָרנט זײַן, נישט אַרײַנצופֿאַלן אין אַ חשד, אַז דאָס איז אַ פּשוט און פּראַקטיש מיטל, אויף אַ צײַט־שפּאַן. פֿון איין סתּירה־פֿאַלוס פּטור צו ווערן, כּדי זיך דעם אַנדערן סתּירה־פֿאַלוס אָפּצוגעבן, אַזוי אַז דער טעמאַטישער קאָנצענטער גייט אָן מיטן כּוח פֿון אַ קלוגינקן פֿאָרטל, וואָס אָפּערירט מיט אַ פּראָוויזאָרישן דיספּענס פֿון איין סתּירה־קאָמפּאָנענט צוליב אַ פּראָוויזאָרישער פֿאַוואָריזאַציע פֿון אַן אַנדערן סתּירה־קאָמפּאָנענט. וואָרן ווער עס דערקלערט אַזוי די דערמאָנטע הנחה, איז נישט בלויז אַ חושד בכּשרים, נאָר ער הייבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין, אַז אַפֿילו בײַם געלונגנסטן סעריאַלן פֿאַרבײַט פֿאַרטרײַבט נישט דער צד הנגלה פֿון ווערק דעם צד הנסתּר פֿון ווערקער. אמת, דער צד הנגלה פֿון ווערק ווײַזט זיך אויס ווי אַ בחירה לטובֿת איין איבערלעבערישער שיכט, און אַ גזירה אויף אַן אַנדערער, סותרדיקער, איבערלעבערישער שיכט, אָבער עס איז נישט דער צד הנסתּר פֿון ווערקער, וואָס אַלע איבערלעבערישע שיכטן אין זייער גאַנצער סתּירותדיקייט טומלען זיך שטענדיק אין זײַן באַוווסטזײַן און פֿאַנטאַזיע, און אויף וויפֿל ער זאָל זײַן וועלט נישט צוימען אין זײַנע טעמאַטישע גרענעצן, כאַפּט זיך דער נסתּר אַרײַן אין דעם נגלה.

ה

און ווידער איז עס די אויפֿגאַבע פֿון דער קריטיק זיך נישט צו באַנוגענען מיט אויסהערן דאָס וואָס שפּרודלט הויך, אָפֿן און קלאָר אין די שורות, נאָר זיך אײַנהערן אין דעם וואָס ריזלט שטיל, פֿאַרבאַהאַלטן

און שימערנדיק צווישן די שורות. האָט דאָך שוין פרויד געבראַכט דעם משל וועגן חילוק צווישן פיזישן שטח און פסיכישער טיף; די שטאָט רוים, זאָגט ער, פאַראַן אין איר אַלטס און נײַס, נעכטיקס און הײַנטיקס, אָבער דאָרט ווו עס שטייט אַן אַלט געבײַ קען נישט שטיין קיין נײַ געבײַ, און דאָרט ווו עס שטייט אַ נײַ געבײַ, קען נישט שטיין אַן אַלט געבײַ, אָבער אין דער פסיכע שטויסן זיך אַלע שיכטן צוזאַמען, אָבער שטויסן זיך נישט אַרויס. דער נמשל דערצו איז, אַז דאָס איז חל אויפן איבערלעבערישן זכרון, וואָס איז די באַזע פאַר שאַפערישער וויזיע און ווו די איבערלעבערישע שיכטן שטויסן זיך צוזאַמען, אָבער אַפילו ווען דער שאַפער שטרענגט זיך גאָר אָן אויף אַרויסצושטויסן איין שיכט לטובת דער אַנדערער, ווערט דער מאַניפעסטער אַרויסשטויסער נישט פּטור פונעם לאַטענטן אַרויסגעשטויסענעם, און עס געהער אַ פײַן אויער דערצו, צו הערן נישט בלויז דעם אָפענעם ניגון, נאָר אויך, און אַמאָל: בעיקר, דעם באַהאַלטענעם קאָנטראַ־ניגון. אונדזער ליטעראַטור־קריטיק פאַרמאָגט אַפילו אַזאַ אויער, אָבער זי האָט עס, לעת־עתּה, לגבי קליגערן, נישט באַנוצט — מעגלעך מחמת דעם, וואָס זי האָט זיך צומייסט באַנוגנט מיט אַקטואַלע רעצענזיעס וועגן דעם און יענעם בוך זײַנעם, וואָס איז אָקערשט אַרויס, און גאָר זעלטן קאָנפראָנטירט עטלעכע, לאו כּל שכּן אַלע ביכער זײַנע. בײַ אַזאַ באַשטאַנד געהער אַ כּוללדיקע קריטיק נישט צו לײַכטע זאַכן, בפרט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז פאַר אַן אויסשעפּנדיקער תּשובה אויף אונדזער פּראָבלעם איז נישט גענוג דורכצופאָרשן די אַכט ביכער, וואָס ליגן שוין פאַר אונדז, לויט זייער סדר און זייערע ענינים, נאָר עס פאָדערט זיך נישט בלויז אַ קאָמפּלעטערער דורכקוק פון דעם, וואָס איז נאָך נישט אָדער שוין נישט אַרײַן אין טאָמען, נאָר אויך אַ סטריקטערער דורכקוק פונעם פּובליצירטן מאַטעריאַל. לויט זײַן סדר און זײַנע ענינים. ווער עס ווייסט די פּרוכפּערדיקייט פון אונדזער דיכטער, ווייסט אויך וואָס פאַר אַ שטיק מלאכה עס פאָדערט זיך דערבײַ, אָבער לגבי דעם ווערט פון אַ דיכטער לוינט זיך אַ יעדע וואָג פון דער מי צו דערגרונטעווען.

ו

אויב איך דערלויב מיר צו מאַכן דעם ערשטן באַזאַכטן טריט צו אַזאַ כּוללדיקן באַנעם, איז עס דערפאַר, וואָס איך בין, כּמעט אַ יובל

יאָרן, נאָכגעגאַנגען זײַן שאַפערישן וועג, אָדער פשוט געזאָגט: איך האָב אים געלייענט, לויטן סדר פון זײַנע לידער אין דער טאָג־פּרעסע און פּעריאָדיק, אַזוי אַז די ביכער זײַנע זענען פאַר מיר געווען אַ חידוש, נישט מחמת זייער עיקר־תוכן, ווי מחמת זייער רעם, און צומאָל אויך דאָס נישט, — האָט ער דאָך עטלעכע ביכער, בפרט די וואָס שטעלן פיר אַ טעמאַטישן קאָמפּלעקס, געלאָזט פריִער, כּמעט ווי זיי שטיין און גייען, לויפן אין דער פּרעסע, נאָך מער, אַפילו נאָכן אָפּדרוק פון אַ טעמאַטישן קאָמפּלעקס אין בוך־טאָוולען, גייט עס אָבער־אַמאָל אין המשכים, אין דער פּרעסע, אַ זאַך וואָס געהער צו די ביבליאָגראַפישע זעלטנקייטן.

וואָס עס לאָזט זיך דרינגען פון אַזאַ סאָרט טאָפּעלעם לייענען פון אַ מחבר און זײַנע חיבורים, איז אַ גאַנצע מסכתא פאַר זיך, און מיר וועלן זיך לעת־עתּה פאַרנעמען מיט עטלעכע סוגיות.

ז

די ערשטע סוגיה איז טאָקע דער ענין פון סעריאַלן בײַט — אויב דאָס ערשטע בוך „געזאַנג אויף דער ערד" (1941), ווו דער דיכטער טאַפּט נאָך דעם שטעג צו זײַן אייגנקייט, ווײַזט זיך אונדז אויס ווי אַ פּאַספּאָרט מיט אַלע וויזעס און טראַנסוויזעס, איז עס טעמאַטיש אָפּגעגרענעצט און דאָס וואָלינער דאָרף־און שטעטל־עלנט ווערט כּביכול נאָענט לעבן אַרגענטינער גרויסשטאָטישן גאַסן־עלנט, אַזוי אַז נאָלעווקעס און קאָריענטעס האָבן דאָס זעלבע פּנים, און דער פּאַמפּאַ־וואַגאַבונד שטעלט זיך ווי אַ המשך פון וואָלינער לירניק, און דער ווײַטער פייזאַזש בײַם בוג אַנטפּלעקט זיך אין ענגן שכנות מיט דעם נאָענטן ווילדן פייזאַזש אַרום לאַ־פּלאַטאַ, פילט זיך אין סאַמע בוך דער טעם פון אַן אויפטייל, וואָס איז אַן אָנזאָג פאַר אַ שאַרפערער דיפערענציאַציע, וואָס וואָלט מסתּמא אַ סך בולטער געווען אין „מיט לײַב און לעבן" (1943), ווען צווישן דעם דיכטער און זײַן דיכטונג זאָל זיך נישט געווען אַוועקשטעלן דער אידעאָלאָגיש־רעוואָלוציאָנערער אײַנשטעל, וואָס האָט זײַן קאָנקרעט געשטאַלט געפונען אין דער סאָוועטאָפּיליע, פּונקט ווי עס האָט זיך פריִער צווישן דיכטער און זײַן דיכטונג אַוועקגעשטעלט דער סענטימענטאַל־ראָמאַנטישער אײַנשטעל, וואָס האָט זײַן קאָנקרעט געשטאַלט געפונען אין דער אוקראַיִנאָפּיליע.

ביידע אײַנשטעלן זענען דעמאָלט געווען שכיח אין טײלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור — דער ערשטער אין אַ גאָר ברייטן היקף, כּמעט אין אַלע ייִדישע ישובים, דער אַנדערער אין אַ שמאָלן היקף, בעיקר אויף די אוקראַיִנישע שטחים, וואָס זענען געווען אונטער דער פּוילישער מאַכט, סײַ די וואָס האָבן פריִער געהערט צו רוסלאַנד — וואָלין, סײַ די וואָס האָבן פריִער געהערט צו עסטרײַך — מזרח־גאַליציע. דאָ האָבן זיך אויך ביידע אײַנשטעלן צונויפגעטראָפן, סײַ דער אידעאָלאָגיש־רעוואָלוציאָנערער, סײַ דער סענטימענטאַל־ראָמאַנטישער און דער צוזאַמענטרעף האָט זײַן אויסדרוק געפונען, אין וואָלין אין דער דיכטונג פון קאָוולער קלמן ליס, אָדער טריסקער ברוך אָליצקי, און אין מזרח־גאַליציע אין דער דיכטונג פון דער פאָדליסקער רחל קאָרן, אָדער מילניצער ישׂראל אַשענדאָרף. דאָס שכנות פון ייִדישן שטעטל און גויִישן דאָרף, דאָס רעגיאָנאַל־בשותּפותדיקע פון פּייזאַזש, פאָלקלאָר, מעלאָס האָבן געשאַפן אַ פאַרמיש פון פרעמדקייט און היימישקייט, בפרט אַז מען האָט פאַרגעסן, וואָס מען האָט מיט אַ צוויי־דרײַ דורות צוריק געדענקט, מען האָט אויפגעהערט כ׳ סיוון צו האַלטן תּענית און זאָגן סליחות, און אַלט־חסידישע ייִדן האָבן אַרײַנגעלייגט כּוונות אין מנהג פון דעם און יענעם רבין אַרײַנצופלעכטן גויִישע ווערטלעך, און נעאָ־חסידישע ייִנגעלײַט האָבן זייער אוקראַיִנאָפיליע אַנטעדאַטירט, אין זיך אַנגעכאַפּט אין אַ הוריות וועגן אַ נישט־געשטויגענער גוטברודערשאַפט צווישן בעל־שם־טוב און אָלעקסע דאָבוש. אָט די סימפּאַטישע אַטמאָספער, וואָס האָט די חבלי ת״ח פאַרשטופּט העט־העט ווײַט פון געדעכעניש, האָט זיך נאָך פּאָליטיש און סאָציאַל געשטאַרקט, מחמת דעם בשותּפותדיקן עלנט און דערשלאָגנקייט פון די ביידע עטנישע עלעמענטן, וואָס האָבן געליטן פון די רדיפות און רעפּרעסיעס מצד דעם הערשנדיקן מיעוט, דער פּוילישער מאַכט און אירע גרויסהאַלטערישע און ברוטאַלע אָרגאַנען.

מיר האָבן זיך דערויף אָפּגעשטעלט, כּדי צו פאַרשטיין ווי־אַזוי, קוים אַ טוץ יאָרן נאָך די שחיטות פון גאַנצע קהילות דורך פּעטליוראָס הײַדאַמאַקעס און קוים אַ מנין יאָרן פאַר די נאָך גרעסערע שחיטות פון דײַטשישן עמלק און זײַנע אוקראַיִניע מיטהעלפערס, האָבן זיך אײַנגעשרומפּן די נאַטירלעכע און מענטאַלע מניעות, וואָס וואָלטן באַדאַרפט אָפּהאַלטן פון דיטיראַמבן וואָס שפּינען אַן אוירעאָל אַרום אוקראַיִנישן דאָרף, זײַנע סומנע פּויערים און שיינע טעכטער.

ח

די צווייטע סוגיה וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מין תּיקון־נוסח פון דער פריִערדיקער — דער דיכטער רעדט נישט וועגן אויקראַיִנער נאָר וועגן וואָלינער פויער, און דאָס איז אַן אויסברייט פון דעם שכנישן פויער, ווי ער האָט אים געזען אין לודמיר אויפן יריד, און אין די דערפער אַרום, און פונקט ווי די אידעאָלאָגיע האָט אים און זײַן געזינד פריִער געפּרוווט אויפוואַלוירן, האָט אים שפּעטער די נאָסטאַלגיע געפּרוווט אויסאידעאַליזירן. אויב מיר באַנוצן זיך נישט מיטן היימישן טערמין: בענקשאַפט, נאָר מיטן טעכנישן טערמין: נאָסטאַלגיע, איז עס מחמת דעם, אַז מיר מיינען טאָקע וואָס עס ווערט מיט דעם, גרונטיק מעדיצינישן טערמין, פאַרשטאַנען — עס איז, כּידוע, אַן איבערזעץ פאַר דעם ווייטיק, וואָס גרייכט ביז חולאת, און וואָס רופט זיך היימווי— אַ מין עגמת נפש וואָס באַפאַלט אַ שווייצער אין דער פרעמד, ווען ער דערמאָנט זיך דעם קאַיאַריקן ניגון פון אַלפּן־פּאַסטוכערס, און לאָזט אים נישט אָפּ, מאַכט אים קראַנק און נעמט אים צומאָל צו דאָס לעבן. אונדזער דיכטער האָט נישט אומזיסט דאָס בוך פון זײַן בענקשאַפט צו דער פאַרלאָזטער היים אַ נאָמען געגעבן „אַ פײַפל אין פרימאָרגן" (1944).

דאָס בוך איז אויך אין די הויפּט־סוזשעטן, אָבער בעיקר אין זײַן טאָן, אַן אַנטיטעז צום בוך „מיט לײַב און לעבן", וואָס איז אַרויס אַ יאָר פריִער. עס איז נישט בלויז אַ פאַרבײַט פון אַ מאַזשאָרן טרומייטער אויף אַ מינאָרן פלייט, עס איז אַ פאַרבײַט פון אַן אַלגעמיינערן שטייגער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאָרטיסימאָ, אויף אַן אייגענעם נוסח, וואָס פאַרגייט זיך אין פּיאַניסימאָ. דאָרט איז ער איינער פון אַ מאָביליזירטן קעמפערישן כאָר, און דאָס בשותּפותדיקע צווישן אים און זיי איז אַזוי שטאַרק, אַז גאָר אָפּט איז שווער אָפּצושיידן זײַן קול, אָבער דאָ איז ער אַ סאָליסט, און שפּילט אויף דער כּלי, וואָס פּאַסט צו זײַן טבע, וואָס איז אין תּוך אידיליש, בענקט נאָך אַ האַרמאָנישן בונד מיט וועלט און נאַטור, און דערגרייכט עס דורך אַן אומקער צום זכּרון פון אַזאַ האַרמאָניע, וואָס ער האָט קינדווײַז איבערגעלעבט, און לעבט זי שאַפעריש אויף ווי אַן איצטיקע, באַנײַטע און אַפילו נײַע ווערקלעכקייט: „אַ שפּאַן — אַ קלונג, אַ שפּאַן — אַ זונג / פיל איך אַזוינס וואָס כ'האָב ביז איצט נישט דער־פילט / מיר דאַכט: כ'בין נאָך אַלץ דער וואָלינער יונג / מיט פלייטן אין בלוט — צעזונגען, צעשפּילט".

ט

די דריטע סוגיה — דער דיאַלעקטישער סדר פון די לידער־ביכער ווערט גאָר בולט אין דעם שאַרפן איבערגאַנג פון דעם דאָזיקן אידיי־לישסטן בוך צום קומענדיקן, טראַגישסטן לידער־בוך פון אונדזער דיכ־טער — „די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן" (1950). מיר זענען ווידער־אַמאָל אין וואָלין, אין לודמיר, וואָס דער טעווטאָנישער נבוזראַדן און זײַנע מיטהעלפערס, די כאָכאָלסקע קײַלערס, האָט די דאָרטיקע ייִדן אויס־געקוילעט.

ווי אין דער אומקום־דיכטונג בכלל, שפּירט זיך אויך דאָ די אַנטי־ציפּאַציע פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט", וואָס האָט אין קישינעווער פּאָג־ראָם ווי פיראויסגעפילט דעם ערשטן פּראַל פון אַ שטורעם, וואָס וועט זיך צעבושעווען איבערן גאַנצן ייִדישן קיום און די ייִדישע קהילות אויסראָטן ביז די וואָרצלען. נאָך מער, מען קען זיך נישט אָפּווערן פון אַ געפיל אַז, לויטן גרויל און גראָל פון דער ביאַליקישער פּאָעמע, באַקלאָגט זי שוין די קומענדיקע קאַטאַסטראָפע, און דאָס מיט אַ פּאַטאָס און אין אַן אָקטאַווע, וואָס לאָזט זיך נישט מער איבערשטײַגן, ווי מען קען דאָס זען אַפילו אין יצחק קאַצענעלסאָנס „ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק". דאָס איז אויך חל אויף קליגערס פּאָעמע, בעיקר דאָרט ווו די קלאָג גייט איבער צו אַן אָנקלאָג נישט בלויז פון גאָט, וואָס האָט געשוויגן, נאָר אויך פון דער נאַטור וואָס זי האָט געשוויגן. און מען הערט ממש אַ בת־קול פון ביאַליקס תּוכחה קעגן הימל און ערד. אָבער אויב מיר האָבן אַ צד השווה צווישן ביאַליקס און קאַצענעלסאָנס פּאָעמעס, וואָס ביידע גיסן זייער ווייטיק און כּעס אויס אין אַ ברייט־שטראָמיקער נבואישער שורה, האָבן מיר אַ צד השונה צווישן ביידע פּאָעמעס און אונדזער פּאָעמע, וואָס זי גיסט איר ווייטיק און כּעס אויס אין קורצשורהדיקע סטראָפעס וואָס זענען געהאַלטן אין פּשוטן טאָן פון אַ פאָלקס־קינה. די קריטיק האָט דאָ אָנגעוויזן אויף דער פּעולה פון איציק מאַנגער, אָבער זי האָט נישט אָנגעוויזן דעם חילוק פון השפּעה, וואָס איז ניכּר אין עטלעכע טיפּישע אימאַזשן, און צווישן אַ באַגעגעניש פון באַזונדערע מגילות איכה.

דען כאָטש קליגער באַטאָנט שוין אין עצם טיטל פון זײַן בוך די וועלט, וואָס פאַרבעט אים שטאַרבן, פּונקט ווי עס טוט עס ביאַליק, וואָס האָט אין דער פּאָעמע זײַנער פיראויסגעשיקט אַ ליד, וואָס הייסט: וכל הארץ לי גרדום, משמע: די גאַנצע וועלט איז מיר אַן עשאַפּאָט, שפּרײַזט

זײַן שחיטה־שטאָט נישט אַריבער אירע דימענסיעס ווי מיר האָבן עס אין ביאַליקס פּאָעמע, און כאָטש ער באַווײַנט דאָס געקוילעטע ציגעלע, ווי עס טוט עס מאַנגער, איז עס בײַ אים מער פאַרגלײַך ווי סימבאָל, און די מגילה זײַנע האַלט זיך אין אירע באַשטימטע גרענעצן פון אַ באַשטימ־טער קהילה, פון דער באַשטימטער קהילה. עס איז דער הספּד פון אַ פאַרוואָגלטן זון אויף דער שׂריפה פון זײַן משפחה און פון זײַנע אַלע שטאָטס־לײַט, און די דאָזיקע קאָנקרעטקייט מאַכט בולטער דעם גרויסן בראָך אפשר מער, ווי עס טוט עס אַ כּלל־קלאָג, ווײַל די קאָנקרעטקייט לאָזט נישט דעם ענין פון המאבד נפש אחת כאילו מאבד עולם מלא, טײַטש: ווער עס פאַרלענדט איין ייִדיש נפש איז געגליכן ווי ער וואָלט פאַרלענדט אַ גאַנצע וועלט, פאַרשלונגען ווערן אין דער שוידערלעכער צאָל־־סכומע — וואָס יצחק פערלאָוו האָט זי געפּרוּווט פאַרבילדלעכן: די זעקס רעדערדיקע עגלה, — נאָר זי ווײַזט דעם אכזריותדיקן סוף פון אַ ממשדיקע קהילה, איר לעבן און שטייגער, איר פּנים און טיפּאַזש, בקיצור: אירע קאָנקרעטע ייִדן, וואָס יעדער איז אַ וועלט פאַר זיך, אַן אָרגאַניש רינגעלע אין דער קייט פון די הונדערטער קהילות, וואָס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ ווערט פאַרשטומט דאָס אידילישע פּרימאָרגן־פּײַפל און זײַנע אַסאָציאַציעס, לא כּל שכּן דער אידעאָלאָגישער טרומײַ־טער, און ווי אַ זכר־לטיט איז דאָ אַ געזאַנג וועגן טײַך בוג, וואָס האָט להיפוך דער זון און איבעריקע נאַטור־עלעמענטן, גובר געווען דעם גלײַכ־גילט לגבי דער געקוילעטער עדה ייִדן, און האָט מיטגעוויטיקט מיטן ייִדישן פאַרגאָסענעם בלוט וואָס ער האָט בעל־כּרחו אײַנגעזאַפּט. עפּעס ענלעכס האָבן מיר אויך בײַ אַנדערע דיכטערס — זע, למשל, יעקב שטערנבערג — און עס איז אַן עדות, ווי שווער עס איז אָנגעקומען דער לעצטער יאוש פון דער פרעמדער, דורך דורי־דורות, היימיש געוואָרענער ערד. געגוג צו פאַרגלײַכן דעם דאָזיקן געזאַנג וועגן בוג מיט דעם הספּד אויף דעם דיכטער קלמן ליס, וואָס זײַן ליד איז געווען כּולו אהבה צום וואָלינער דאָרף און פּויער, כּדי צו פאַרשטיין, ווי ווײַט די בוג־אמונה איז נישט מער ווי אַ לעצטע אילוזיע.

י

די פּערטע סוגיה — דאָס באַהאַנדלטע בוך ווײַזט אַרויס אַ בפירושן שאַפערישן גאַנג, וואָס איז שוין געווען, אין צומאָל שאַרפערע רמזים, אויך

פריִער אָנגעצייכנט, האָט זיך אָבער נישט אַנטוויקלט, ווי אין דעם דאָזיקן בוך, און בעיקר אין די נאָך אים קומענדיקע ביכער. מיר מיינען דעם דרך, ווי אַ סוזשעט זאָל אויספּילן דאָס גאַנצע בוך, ווי מיר האָבן אים אין דער־מאָנטן בוך און — נאָך פּרעציזער אין קומענדיקן בוך — „מײַנע ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן, דעם ראש ישיבהס טאָכטער" (1952). לויטן ביכער־סדר, וואָס איז דאָ אויך דער שרײַב־סדר, איז עס ווי אַ המשך פון פריִער־דיקן בוך, — דאָרט און דאָ אַן אומקער קיין וואָלין, אָבער לויטן ענין גייען מיר פון אַ שפּעטערער צײַט אין אַ פריִערער צײַט צוריק — דאָרט שטייען מיר אין סאַמע טראַגישסטן צײַט־פּונקט פון דער קהילה, ווען דער דיכטער איז אין די פערציקער יאָרן, דאָ שטייען מיר אין סאַמע אידילישסטן צײַט־פּונקט פון דער קהילה, ווען דער דיכטער, וואָס איז דער העלד פון בוך, איז אַ צען־יאָריק ייִנגל, און אַז מען לייענט זיך אַרײַן אין די ביידע ביכער, פאַרשטייט מען זייער סדר — דער פערציק־יאָריקער איכה־זאָגער איז אַנטלאָפן, געמוזט אַנטלויפן, צו זיך אַליין, בשעת ער איז געווען, אָדער געקענט זײַן, אַ צען־יאָריקער שיר השירים־זינגער.

ער אַליין האָט דעם דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן צוואַנג דערקלערט בײַ אַ מסיבה, ווען מען האָט אים צוגעטיילט אַ פּרעמיע פאַר דעם בוך, און פון זײַן דערקלער דרינגען מיר אַרויס, אַז אין דער אַטמאָספער פון „די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן" און אַרום איר, זענדיק פאַר זיך זײַן גאַנצע משפחה, וואָס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן און זיך ווי אַ פאַרוואָגלטן קיילעכדיקן יתום, און נישט קענענדיק און נישט טאָרנדיק פאַרגעסן די אָפּגעמעקטע קהילה, די חרובע היים, די גאַנצע פאַרלענדטע משפחה זײַנע, האָט ער זיך געראַטעוועט פאַרן לויערנדיקן שיגעון, לאָזנדיק טאָקע דעם זכרון זײַנעם ווײַטער פאַרדבקהט אין זײַן היימשטאָט און איר סביבה, אָבער אין אַן אַנדערער צײַט, אין די קינדערשע יאָרן, און אין נאַיוון צויבער פון זײַן ערשטער ליבשאַפט. ער האָט אויך אַ משל דערצו — בדומה, ראָמען ראָלאַן, וואָס נאָכן פאַרענדיקן „זשאַן קריסטאָף", ווי ער האָט געפורעמט די מאָנו־מענטאַלע טראַגישע בעטהאָווען־געשטאַלט, האָט ער זיך גענומען צום לײַכט־שפּילעוודיקן אייגענעם עלטער־עלטער־זיידן, ווי מיר האָבן אים אין אין „קאָליאַ ברעניאָן".

מיר וועלן מודה זײַן, אַז מיר זענען פון דעם פאַרגלײַך געווען אַ קאָפּ געפּלעפּט, שוין בלויז דערפאַר, וואָס דער צד השונה צווישן משל און נמשל איז צו גרויס. אָבער מיר זענען מודה, אַז פאַראַן אויך אַ גרויסער

צד השווה, און דווקא נישט אין גלײַכן אָדער ענלעכן סוביעקטיוון אײַנ־שטעל פונעם מחבר, וואָס צווינגט אויף אַזאַ שאַרפן טעמאַטישן איבערגאַנג, נאָר דווקא אין גלײַכן אָדער ענלעכן אָביעקטיוון אויפשטעל פונעם חיבור, וואָס באַשטייט אין יכולת אויפצובויען די צוויי פאַרשיידענע וועלטן אין אַן אַנדערער שטימונג, מיט אַנדערע אויסדרוק־מיטלען, מיט אַן אַנדערער לעקסיק. דאָס יכולת, וואָס קליגער האָט אַרויסגעוויזן אין די צוויי דער־מאָנטע ביכער, ווו די איכה־וועלט האָט זיך איר שפּראַך און די שיר השירים־וועלט האָט זיך איר שפּראַך — און שפּראַך מיינט דאָ אַ שפּע פון זאָג־און־זינג־קאָמפּאָנענטן — האָט נישט באַגעגנט דאָס פּאַסיקע פאַר־שטענדעניש מצד דער קריטיק. מי לנו גדול כיעקב גלאַטשטיין, וואָס איז ווי אַ דיכטער אַ מאַדים אויף אַזאַ דיפערענציאַציע, אָבער ווי אַ קריטיקער האָט ער די דאָזיקע לאָגיק פון קליגערס שאַפערישן גאַנג, לפחות, שלעכט פאַרשטאַנען. אַזויווי מיר ווילן זיך נישט לײַכט מאַכן די מלאכה און אַנכאַפּן אין פּסיכאָלאָגיע, כּדי אויסצוגעפינען, צי האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַן אַלערגיע, אָדער גאָר מיט אַן אידיאָסינקראַזיע, זאָגן מיר: חידה היא ותהי לחידה, טײַטש: עס איז און בלײַבט אַ רעטעניש. בפרט ווען מיר באַרע־כענען, אַז דער לובלינער פּייטן האָט אַזוי וואַרעם און פריידיק אויפגע־נומען דאָס קומענדיקע בוך „פּייזאַזשן פון ישראל" (1956), אַנשליסנדיק זיך צום התלהבותדיקן אוניסאָנאָ פון דער גאַנצער ייִדיש־קריטיק. און דאָס דאָזיקע בוך גייט דאָך אויף דעם זעלבן וועג, סײַ פון אויספילן אַ גאַנץ בוך מיט אַ סוזשעט, וואָס איז אַ וועלט פאַר זיך, סײַ פון אויסדריקן די וועלט דורך אַ באַזונדערער שפּראַך און אירע קאָמפּאָנענטן.

און דאָ ווילן מיר דערמאָנען אַ בוך, וואָס מיר האָבן, אין ביבליאָ־גראַפישן סדר, איבערגעהיפּערט: „ברויט מיט חלום" (1950) — אַ גע־זעמל פון אַ באַזונדערן סאָרט, וואָס אונדזער דיכטער פּילנעוועט — קינ־דער־לידער, און וואָס אין דער קריטיק הערט זיך דערוועגן אַ שטיקל מחלוקת, — פון איין זײַט אַ שטייגער, יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט גע־שריבן קרוב דעם דערשײַנען פון בוך, פון דער אַנדערער זײַט, אַ שטייגער, יוסף אָקרוטני, וואָס האָט געשריבן יאָרן שפּעטער, ווען דער אוצר קינדער־לידער איז זיך היפש אויסגעוואָקסן. געגנוג צו דערמאָנען, אַז בשעת דער ערשטער שטעלט אַנידער פאַר אונדזער דיכטער ווי אַ מין אידעאַל דעם באַחנטן י. גויכבערג, שטעלט אים דער לעצטער אַנידער לעבן מאַני לייב, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אליעזר שטיינבאַרג און לייב קוויטקאָ. עס איז

בחינת פֿאָלג מיך אַ גאַנג און אונדז קומט פֿיר, אַז דער אמת איז ערגעץ אין דער מיטן און מיר נעמען זיך נישט אונטער צו פּסקענען, בפּרט אַז אונדז אינטערעסירט איצט דער ענין פֿון אַ באַזונדערן אַספּעקט — ווי ווײַט דער טאַלאַנט צו רעדן צו קינדער, ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין „ברויט מיט חלום" איז געווען אַ צוגרייט, און אַפֿילו אַ געניטונג, צו רעדן ווי קינדער, ווי עס אַנטפּלעקט זיך אין „מײַנע ליבע־בריוועלעך צו פֿרוי־מעטן", ווײַל, בעצם, האַנדלט זיך דאָ און דאָרט אין אַ מענטאַלן, באַגריפֿ־לעכן און שפּראַכלעכן אײַנצוימען זיך אין דער קינדערשער אָדער ייִנגל־שער וועלט, אָבער דער חילוק צווישן אַ בוך פֿאַר דער דאָזיקער וועלט און אַ בוך פֿון דער דאָזיקער, איז אַ מהותדיקער, ווי דער חילוק צווישן אַ צופּאַס צום יונגן לייענער פֿון איין בוך און צווישן אַן אַרײַנפּאַס אין ייִנגן גיבור פֿון אַנדערן בוך, — דער דיכטער גופֿא, וואָס סימילירט זיך אַליין ווי אַ צעניאָריקער מחבר פֿון די בריוועלעך. און דער עיקר אויפֿטו שטעקט דאַרינען, וואָס דער פּראָזאָדישער בוי פֿון צײַטיקן דיכטער שוואַכט נישט אָפּ, נאָר פֿאַרשטאַרקט נאָך די אויטענטישע עברי פּונעם ייִנגיטשקן כמו־מחבר, און עס שאַפֿט זיך אַן אילוזיע פֿון זייער אידענטישקייט.

יא

די פֿינפֿטע סוגיה — די אילוזיע, גייט אָבער אַ סך ווײַטער און טיפֿער, ווי אין אויפֿהייבן פֿון ווידעראַנאַנד צווישן ראַפֿינירטער פּראָזאָדיע און פּרימיטיווער עברי; דען באמת האָבן מיר פֿאַר זיך אַן אילוזיע פֿון אַ וועלט, וואָס שעפּט זיך אויס אין די גרענעצן פֿון דעם ייִנגלשן באַנעם און נישט בלויז זי זעט נישט און ווייסט נישט וואָס איז אויסער דער דאָזיקער וועלט, נאָר זי ווייסט פּשוט נישט, וואָס עס איז פֿאַראַן אינער־ווייניק און איז סותר די יראהדיקע אָפּגעשלאָסנקייט פֿון אַ נאַיִוו ייִנגל און אַ ציכטיק מיידל, זייערע פֿרומע טאַטע־מאַמע, און דער חסי־דיש־דורכגעזאַפּטער אַטמאָספֿער פֿון תרי"ג, וווּ אַלץ פֿירט זיך לויט דער תורה און מסורה, און דער איינציקער און זײַטיקער אַרײַנריס איז ליִנעצ־קיס בגנבה־געלייענטע „פּוילישע ייִנגל", וואָס איז נישט מסוגל צו שטערן די האַרמאָניע, ווײַל די סאַרקאַסטישע קריטיק ווערט פֿאַרשטאַנען ווי אַ הומאָריסטיש ליצנות.

אגב איז עס אַ דרך, ווי מיר האָבן אים אין ש"י עגנונס „הכנסת כלה", בעיקר אין דער ערשטער גרויסער אויסגאַבע — אַנידערשטעלנדיק

פאַר אונדז די וועלט פון ר׳ יודל חסיד אין איר האַרמאָנישער שלימות, שעפּט ער זי אויס אין זיך אַליין, אײַנגעבעט אין אַ פעסטער מויער פון חסידיש־תּמימותדיקער פרומקייט און יראה, און כאָטש לויט דער צײַט האָט שוין די השׂכּלה און אירע פירער און קעמפער געגומען צעוואַקלען די מויער און זי היפּש, דאָ און דאָרט, אײַנגעבראָכן, שפּילט זי דאָ נישט קיין שום ראָל און איר געדעכעניש באַשטייט אין אַ קורצן אַנעק־דאָטישן דערמאָן פון אַ קאָמישן משׂכּיל. נאָך עפּעס: מיר האָבן דאָ אַ, כּמעט קוריאָזן, אַנאַכראָניזם — דער גרויסער דערציילער אַקטיוויזירט דאָ די בראָדער־זינגער, וואָס ער לאָזט זײַן פּורים־שפּילער, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען ערשט אויפגעקומען מער ווי אַ דור שפּעטער.

צוריקקומענדיק צו די ליבע־בריוועלעך, לאָזט זיך פרעגן, צי איז דער ענין לינעצקי אַ מעשׂה שהיה. מעגלעך אַז יאָ — על כּל פּנים האָבן מיר אין „געזאַנג אויף דער ערד" האַרב־רעאַליסטישע שטריכן, און דאָס אין אַ טאָן, וואָס דערמאָנט גיכער דאָס סאַרקאַסטישע פון לינעצקי איידער דאָס סאַטירישע פון מענדעלע; מעגלעך אַז נישט — אָבער דעמאָלט ערשט ווערט בולט דאָס באַנוגענען זיך מיט אַ שפּרענקעלע אַנטיטעז צום אַלטן שטייגער. דאַרפן מיר דאָך נישט פאַרגעסן, אַז דער סיפּור־מעשׂה פון די בריוועלעך קומט פיר עפּעס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער דור, אויף וועלכן ליטעראַטור האָט אים דערגרייכט, כאָוועט זיך שוין גיכער אויף י. ל. פּרץ, שלום עליכם, און דער מאָדערנע, ווי אויף מענדעלע, כּל־שכּן לינעצקי. אָבער אונדזער יינגל לעבט אין אַ שטייגער וואָס איז ממשיך אַ לאַנגן־לאַנגן נעכטן, גלײַך עס וואָלט נישט געווען קיין שום קריזעס און איבערבראָך, אַזוי אַז „דאָס פּוילישע יינגל" איז נישט מער ווי אַ קורצ־ווײַליקער — תּרתּי משמע — קונדסוואָטער קריץ אויף דער גלאַטער האַרמאָנישער מסורה־טאַפּליע, אַנדערש געזאָגט: די וועלט פון די בריווע־לעך ווערט געזען דורך דער פּריזמע פון אַ היסטאָריש־און שטייגעריש אין זיך געשלאָסענער יידישער אויטאָנאָמישקייט, גלײַך עס וואָלטן חוץ איר נישט געווען קיין שום אַנדערע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע באַטײַ־טיקע פאַקטאָרן, טאַקע ווי אַ קינד איז עס מסוגל געווען צו פילן און פאַרשטיין, בפרט ווען ער האָט אַרום זיך געזען די וועלט פון חומש און מדרש, ווי מיר ווייסן עס פון אַ סך אויטאָביאָגראַפישע שאַפונגען פון אונדזערע דיכטערס און דערציילערס. אין די בריוועלעך שפּירט זיך

בפירוש דער אומקער צו יענעם באַנעם, וואָס — אויב פּאַראַפראַזירן א. צ. גרינבערגס אַ וואָרט — שטעלט אַוועק די שטעטלעך על נהרות בוג און ווײַסל און אַנדערע טײַכן, ווי ענקלאַוועס פון חומש־לאַנד אויף דער סלאַווישער ערד.

פון דעם קוקווינקל זענען די ליבע־בריוועלעך נישט אַן אַנטלויף פון דער „וועלט וואָס פאַרבעט מיך שטאַרבן", נאָר אויך אַ פּיראַויסלויף צו די „פּייזאַזשן פון ישׂראל", עלעהיי לודמיר, ווי עס שטייט און גייט אין געדעכעניש פון חומש־און־גמרא־בחורל, וואָלט איבער די שאַטנס פון איר אומקום, עולה־רגל געווען, צו זען איר אייגענעם פּראָטאָטיפּ אין ליכט פון אויפקום.

דאָס חומש־לאַנד איז אַן אָרגאַנישער טייל אין סוזשעטן־קאָמפּלעקס פון דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל, און פון איר פּאָעזיע בפרט, און געגנוג דורכצובלעטרן מרדכי יפהס אַנטאָלאָגיע, וואָס דער אָפּקלײַב זײַנער, אָנגעהויבן מיט אברהם גאָלדפאַדן און געענדיקט מיט רחל פישמאַן, נעמט אַרום כּלערליי אַספּעקטן, כּדי צו זען, אַז אַ היפּשער טייל דיכטערס פון לעצטן דור איז געפיליק־טעמאַטיש נישט דערגאַנגען קיין ארץ־ישׂ־ראל, דעם לאַנד, איידער עס איז געוואָרן ישׂראל, די מדינה, אָבער דער־גייענדיק צו איר, איז דער סוזשעט פאַר זיי נישט קיין נײַ געפינס נאָר אַן אַלטע צוריקגעפונענע אבידה, וואָס אידעאָלאָגיע, פּראָגראַם וכדומה, האָבן זי פריִער, צומאָל שקציש און צומאָל ברוטאַל, פאַרשטויסן אין דער שכחה אַרײַן, אָבער זי האָט געטליִעט אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל פון געפיל און געדעכעניש, און זיך נישט געלאָזט אין גאַנצן אַרויסשטויסן. בײַ קליגערן איז עס בעיקר דער גיבור פון די ליבע־בריוועלעך, וואָס האָט דעם טליִענדיקן פונק דערהאַלטן, און ווי יונג און קינדיש דער אַלטער־עגאָ זאָל געווען זײַן, האָט ער גורם געווען, אַז ווען דער עלטערער־עגאָ איז געקומען אין אַלט־יונגן ייִדישן לאַנד, האָט ער זיך תיכף געפילט אין דער היימישסטער היים, ווי ער איז עס געווען אין איר ענקלאַווע, אין לודמיר פון די בריוועלעך, אַ לײַבלעכע שוועסטער פון אַסטרע, ירושלים־דוואָלין.

יב

די זעקסטע סוגיה — ווער עס וועט אויף זיך נעמען די מי פּרטימדיק צו אַנאַליזירן די באַזונדערע אויסדרוק־מיטלען, וואָס אונדזער דיכטער באַנוצט זיי לגבי באַזונדערע סוזשעטן, וועט טון אַ לײַטישן דינסט פאַרן

פאַרשטענדעניש פון דעם באַצי צווישן וועלט, תּוכן, ענין פון אַ פּאָעטישער שאַפונג און צווישן זייער לעקסיק, אירע עלעמענטן און ניואַנסן. נאָך אינטערעסאַנטער קענען די אָבסערוואַציעס זיך אַרויסווייזן אויפן סמך פון אַ פאַרגלייך מיט זײַן גרונט־לעקסיק, און בעיקר אויך מיט זײַן גרונט־פאָנעטיק, וועלכע האָט זיך, לפּחות רודימענטאַר, דערהאַלטן, און געפונען שפּאַרונעס אַרײַנצודרינגען, כאָטש בדרך כּלל גייט ער וויליק און באַוווּסט, אין שפּאַן פון דער נאָרמאַטיווער אינטערדיאַלעקטיזאַציע. אָבער אַפילו דער לייענער סתּם וועט זיך כאַפּן אויף די רעליקטן, נישט בלויז אין דיכטערס ערשטן בוך: אַרגענטינע — כאַיונע, ציִץ — נוץ, שלאָף — אַרויף, נאָר אויך אין זײַן לעת־עתּה, לעצטן בוך, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז, און דאָס אין סאַמע ערשטן ליד: שליאַך — טײַך, שלאָף — אויף פּונקט ווי ער וועט זיך כאַפּן, אַז די אַסאָנאַנסן זענען בײַ אונדזער דיכטער, פּונקט ווי בײַ אַנדערע — אַ גאָר בולטע דוגמה: פּרץ מאַרקיש — אַ דורכריס־שפּאַרע פאַרן דיאַלעקטישן.

אָבער דערמאָנענדיק אונדזער דיכטערס לעת־עתּה, לעצטע בוך, זענען מיר פאַרלאָפן דעם וועג אונדזער אייגענעם סדר־הדיבור, וואָס האַלט זיך פעסט אין סדר־הביכער. און דווקא דער ענין, וואָס מיר האָבן געפּרוּווט באַרירן, דער לעקסיק־בײַט לויטן סוזשעטן־בײַט, איז מחייב דעם דאָזיקן סדר סטריקט נאָכצוגיין. גיבן דאָך די צוויי ביכער "איך און דער ים" (1958) און „די שיינע רויז — טעג און נעכט פון אַ מיידל" (1964), די בעסטע מעגלעכקייט דאָס פּראָבלעם צו באַלײַכטן. דאָס ערשטע בוך איז אַ הימנע צו דעם גוואַלטיק ־עלעמענטאַרן כּוח פון דער נאַטור, ווי זי אַנט־פּלעקט זיך אין ים, וואָס כאָטש ער ווערט דאָ — ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט עס ריכטיק אָנגעוויזן — באַשריבן גאָר ממשדיק, איז ער אַ סימבאָל. אָבער וואָס אונדז אינטערעסירט איצט, איז די שײַכות צווישן ענין פון באַשרײַב און זײַן דרך, בעיקר זײַן לעקסיק, און דאָ האָבן מיר טאַקע אַ קלאָרע און בולטע דוגמה, ווי די וויזיע פון אַ נאַטור־קאָמפּלעקס ווערט אַ מין קאָסמאָקראַטאָסאָפיע מיטן כּוח פון אַ קאָסמאָטערמינאָלאָגיע; קלאָ־רער געזאָגט: מיטן כּוח פון אַ מער קאָסמאָפּאָליטישער טערמינאָלאָגיע. דאָס זענען נישט די נאַטור־עלעמענטן — זון, ערד, הימל — אין דער שחיטה־שטאָט, וואָס מען קומט צו זיי מיט האַרבע מאָראַלישע טענות, און מען רעדט צו זיי אין אידיאָמאַטיש־געוואָרצלטן היימישן לשון. דאָ דוכט זיך, עלעהיי דער דיכטער האָט זיך אויסגעטון פון היסטאָריע, פאָלק, היים,

כדי צו באַנעמען די בראשיתדיקע כּוחות, וואָס גייען נאָך זייערע עלע־מענטאַרע געזעצן חוץ דעם מענטשן, אָן דעם מענטשן, אָבער אַזוי־ווי ער קען עס נישט טון אין לשון פון ים, ווייל ער עס טון אין לשון פון אַן איך, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעשטרייפט די באַזונדערע לשונות פון זײַנע ביאָגראַפישע שיכטן, ווי מיר קענען זיי פון זײַנע לידער־ביכער, און געבליבן בײַ אַ מין איבער־ביאָגראַפישן לשון, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ סיטו־אַציע ווו אַ קינסטלערישער אַנשטעל שפּילט אַן עקזיסטענציאַנאַלן אײַנ־שטעל.

לויטן ביכער־סדר שטייט דאָס דאָזיקע בוך צווישן „ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן" און „די שיינע רויז", ווי אַן אָפּרו־אינטערוואַל אין אַ כּלל־קאָסמישער אומבאַגרענעצטקייט, צווישן צוויי אָנשטרענגען פון אָרטלעך און צײַטלעך, באַגרענעצטע ניגון־טענער, צוויי בפירוש לאָקאַלע, לוד־מירער פּאָעמעס, וואָס די ערשטע, ווי מיר ווייסן שוין, לאָזט דעם דיכ־טער, ווי אַ צען־יאָריק יינגל, אין אַ פאָרעם פון זײַנע בריוועלעך, דער־ציילן וועגן זײַן וועלט און ליבע־פרייד, און די אַנדערע לאָזט זײַן זעכצן־יאָריקער שוועסטער, אין דער פאָרעם פון אירס אַ טאָג־בוך, דערציילן וועגן איר וועלט און ליבע־לײַד. אין דער ערשטער פּאָעמע לעבן מיר אין אַ וועלט פון שלום און גאָר צום סוף רײַסט זיך אומגעריכט אַרײַן די ערשטע מלחמה. אין דער אַנדערער פּאָעמע שטייען מיר שוין נאָך איר און אירע חורבנות, און כאָטש דער צײַט־אָפּשטאַנד איז פון קוים עט־לעכע יאָר — איז עס אַן אַנדערע, שווערע, ביטערע תּקופה, וואָס הויפּט שאָטנס אויף שאָטנס. אָבער פּונקט ווי דער ברענפּונקט פון דער ערשטער פּאָעמע איז דאָס ציכטיקע ליכט פון אַ ליבשאַפט צווישן אַ יינגעלע און אַ מיידעלע, אַזוי איז דער ברענפּונקט פון דער אַנדערער פּאָעמע דאָס ריינע ליכט פון אַ ליבשאַפט פון אַ מיידל אַ יפת־תּואר און אַ זײַדענעם בחור, אַ ליבשאַפט וואָס ווערט מיט זײַן טויט אין דער מלחמה נישט אויסגעלאָשן, ווײַל דאָס כּלה־מיידל אַנטלויפט, פאַר צער, וואָס לאָזט זיך נישט טרייסטן, אין אַ וויסטער קרענק אַרײַן, וואָס ברענגט זי אום איר חיות. די צײַט און אירע יסורים, די שטוב און איר עלנט, די משפּחה און אירע דאגות, וואָס זענען דעמאָלט טיפּיש געווען פאַרן פאַראָרעמטן יידישן מענטשן אין פּוילן, און בעיקר אין די קרעסן, זענען עס די רעם פון יענער טראַגעדיע, און דאָס טאָגבוך מאָלט זיי מיט אַ באַשײַנפּערלעכער בילד־לעכקייט, וואָס מאַכט דאָס בוך ווי אַ פּאָעטישן דאָקומענט פון אַ קאַפּיטל

געשיכטע און גורל פון אַ ייִדישער קהילה צווישןביידע וועלט־מלחמות. און פּונקט ווי דאָס ייִנגעלע האָט, אין זײַנע בריוועלעך, אַ באַזונדערע לעקסיק פֿאַר זײַן וועלט, האָט עס דאָס מיידל פֿאַר איר וועלט, און דער חילוק איז בחינת תורה ולימוד היא צריכה. אָבער כּדי דאָס פֿונאַנדערצוּוויקלען, וואָלט מען באַדאַרפֿט באַנײַען די דיסקוסיע וועגן פּאָעטישן לשון, ווי זי איז אָנגעגאַנגען צווישן יעקב גלאַטשטיין און יעקב באָטאָשאַנסקי, און ווו קליגערס דרך־הלשון איז געווען אַ וויכטיקער דיסקוסיע־אָביעקט; און עס קומט אונדז פֿיר, אַז בײַ אַזאַ באַנײַטער דיסקוסיע, וואָס וועט זיך נישט באַנוגענען מיט כּלל־אַרויסזאָגן, נאָר שטיצן אויף אַ דעטאַלירטן אַנאַליז, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז געזעכט איז געווען נישט אונדזער דיכטערס קטיגור, נאָר זײַן סניגור.

יג

אָבער דאָס שפּרייזט שוין אַריבער דעם תּהום פֿון אונדזער ערשטן שריט אין אָפּשאַץ פֿון קעהאָס קליגערן, און מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט, ווי פֿאַרבעטן דעם לייענער, וואָס האָט געהאַט געדולד צו לייענען אונדזערע איצטיקע אויספֿירן, ער זאָל אונדז באַגלייטן בײַ אונדזערע ווײַטערדיקע שריט, וואָס מיר ווילן אונטערנעמען.

[טבת תשל״ב]

צווישן פרימאָרגן און פרימאָרגן

וועגן משה וואַלדמאַן

א

וועגן דיכטער משה וואַלדמאַן האָב איך מיך צומערשט דערוווּסט מיט אַ קאַרגע פערציק יאָר צוריק, אין געשטאַלט פון אַ העפטל לידער וואָס זיין נאָמען „פּאַרטונקלטע פרימאָרגנס", האָט אויסגעדריקט נישט בלויז די כלל־וועלט און כלל־שטימונג פון אים אַליין, נאָר אויך פון נישט ווייניקע ווי ער, יענע יונגטלעכע ייִדן אין יענע טעג, וואָס, שטייענדיק אויפן שוועל פון זייער שאַפונג, ליד און דיכטונג, האָבן זיי פאַרשטאַנען,אַז אין פלוג איז עס דער פרימאָרגן פון זייער לעבן, אָבער ממשדיק באַטראַכט, איז עס איז אַ מין פרימאָרגן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שטערן־פלימער פאַר זיין כביכול־אויפלויכט, און בעצם שטעקט ער אין אַ טוקלעניש, וואָס ווערט אַלץ דיקער, נאָך דעם עס האָט זיך איבער אים צעלייגט דער שאָטן פון דער הידרע, וואָס איז אַפּירגעשאָסן פון האַרצן פון אייראָפּע און זיך צעלייגט אַרום־און־אַרום, און גלות־פּוילן האָט געצאַפּלט צווישן גבוזראַדן, וואָס האָט זיך פון דרויסן געגרייט צו באַהערשן אַלץ אַרום זיך, און צווישן זיינסגלייַכן, וואָס האָט אין זייַן גײַסט, געשאַלטעוועט אינעווייניק. דער רושם פון נאָמען פונעם ביכל האָט זיך מער געשטאַרקט מכּוח זיין היל, געצייכנט פון מאָלער י. טינאָוויצקי — אַ טאָוול אויף גראָלעך־טונקעלן פאָן: אין אייבערשטן עק — דער נאָמען פון דיכטער; אין אונטערשטן עק — דער נאָמען פון ביכל; אין דער מיט — עפּעס ווי אַ קליין שטעטל און זייַנע עטלעכע אָרעמע הײַזקעס, אויבן אַ בוים, וואָס דאַרף אים באַשיצן, אָבער דער הויכער שטאָם בייגט זיך מחמת אַ פאַטשנדיקן שטורעם־ווינט, פונקט ווי זיינע צווײַג־שפּיצן בייגן זיך מחמת דעם געדראַנג פון כמאַרעס. דער רושם־געמיש פון נאָמען און בילד האָט זיך נאָך באַשטאַרקט מיטן לייענען פון אָנהייב ליד, וואָס הייסט „אונזערע טעג" און לאָזט אונדז הערן (און זען, אין פאַנטעטישן אויסלייג):

שטום,
גרויע ליכט רינט איבער מײַן פּאָנעם
מײַנע אויגן זוכן — די שאַרף פון אַ באַהאַלטן מעסער
וואָס זוכט אומעטום — מײַן קאָפּ,
וואָס זוכט אומעטום — מיין לעבן.
הײַנטיקע נאַכט
ווער וועט ווידער קומען פון אַ שוואַרצן העק?

שטום,
אין אַוויילעס איז געהילט אונדזער זײַן — —
עמעץ גייט!
עמעץ גייט!
און ווער וועט בלײַבן?!

מען דאַרף נישט לאַנג ברײַען, כדי מפרש צו זײַן די פּאָר ווערטער, וואָס זענען אַ מיעוט המחזיק את המרובה, און ווײַזן אָן דעם תּהום, פאַר וועלכן עס שטייט דער דיכטער אין זײַן אַרום, אויפן שוועל פון זײַן דיכ־טונג און איר שעה. ווי ווײַט דער קוק זײַנער האָט געגרייכט, לאָזט זיך אָפּלערנען פון אַן אַנדער ליד, ווו עס הייסט:

כ׳האָב הײַנט דערבליקט דעם שוואַרצסטן טעהאָם —
קאָשמאַר רײַסט אויף מײַנע אויגן מיט שרעק.
— וויפל זענט איר דאָרט געוועז? —
צעריסענע — מיט אינגעווייד אַרויס;
צעשפּאָלטענע — מיט טריפנדיקן מאַרך,
וואָס רינט,
אויף אויגן פון אײַער ווײַב,
פון אײַער קינד, —
וואָס ווערן שטום,
וואָס ווערן בלינד.
וויפל זענט איר דאָ געוועז,
מיט אָפּגעביסענע, בלוטנדיקע אייוורים,
מיט אײַטערנדיקע אויגן־לעכער,
וואָס וויינען אויס דעם שוואַרצסטן טעהאָם,

וואָס וויינען אויס דעם פּײַן פון דאָר —
וויפל זענט איר דאָרט געווען ?

ב

די דאָזיקע צוויי לידער, וואָס ענלעכע צו זיי געפינען זיך נאָך ווײַטער אין בוך, האָבן מיך אויפמערקיק געמאַכט אויפן דיכטער, וואָס איך האָב וועגן אים גאָרנישט געוווּסט; אַזוי ווײַט אַז איך וואָלט מיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט מיר זײַן בוך געשיקט, ווען איך זאָל נישט געווען אָנעמען, אַז ער האָט, מסתמא, געהערט פון ייִדישע דיכטער אין זײַן סביבה, ייִנגערע ווי ער, וואָס איך האָב מיך מיט זיי אינטערעסירט און אויף זיי דרײַפּאַכיק אויפמערקיק געמאַכט דעם העברעיִשן לייענער־עולם, בעיקר די לייענער פון „דבר". ערשטנס — זײַענדיק דער ליטעראַטור־רעדאַקטער פון דער צײַטונג, פלעג איך דאָרט מודיע זײַן וועגן אַנדערע ליטעראַטור־שאַפונגען אין די גלותן, בעיקר אין גרעסטן פון זיי, גלות פּוילן, ווײַל דער רוב ספרים, וואָס זענען דאָרט אַרויס, זענען געווען ייִדיש, זענען אויך אַזוי געווען די ידיעות וועגן זיי. צווייטנס — מחמת די היגע, העברעיִשע פּרעסע, האָט זיך גאָר ווייניק פאַרשפּרייט אין חוץ־לאָרץ, פלעג איך אויסשנײַדן אַ יעדע ידיעה, וואָס איז דערשינען אין „דבר" און אין די איבעריקע היגע בלעטער, סײַ לענגערע, אַן איבערזעץ אָדער אַ קריטיק, און זיי אַרײַנשיקן צו יעדער מחבר, און אַזוי ווי אַ קול האָט אַ טבע אַרויסצורופן אַ ווידערקול, האָבן די מחברים אָפּגעענטפערט מיט אַ דאַנק, און אַזוי אַרום האָבן זיך צווישן די מחברים און מיר אַנטוויקלט אַ לײַטישער בריוו־אויסטויש, און איך האָב שוין שטיפעריש באַמערקט, אַז ווען מען וואָלט די אַלע אויסשניטן, וועלכע איך האָב געשיקט צו די מחברים, פריִער קיין פּוילן און שפּעטער אין ביידע אַמעריקעס, אויסגעלייגט אין דער לענג, — וואָלטן זיי אַרומגענומען די לבנה — און נישט אומזיסט פלעגט דער אַדמיניסטראַטאָר פון „דבר" מיך באַוויינען, אַז איך מאַך אים אָרעם די קאַסע. דריטנס — אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך מיך פירגענומען צו פאַרשטאַרקן דעם אויפמערק פון לייענער־עולם לגבי די ליטעראַרישע שאַפונגען פון די ייִדיש־דיכטער, בעיקר פון פּוילן, און „דבר" האָט באַשטימט אַ רובריק, ווו עס האָבן זיך געדרוקט מײַנע לידער־איבערזעצונגען פון די נײַע לידער־ביכער באַזונדערס לידער, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די ייִדישע ווערק־

לעכקייט אין פוילן, לויטן איבערלעבעניש פון אירע דיכטער. דערפאַר, ווען עס האָט מיר דערגרייכט וואַלדמאַנס בוך, האָב איך איבערגעזעצט צוויי לידער און האָב זיי פאַרעפנטלעכט אין יענער רובריק. איין ליד האָט נישט געהאַט קיין נאָמען, נאָר דרײַ שטערן און איך האָב עס אָנגערופן לויט זײַן ערשטער שורה: — „הייליקע פון אַלע צײַטן", דאָס אַנדערע ליד האָט געהאַט אַ נאָמען — „ווו זאָל איך גיין". מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך אין „מאזנים" (תמוז תשל"ו) געלאָזט גייען ביידע לידער, סײַ אין מחברס אָריגינאַל סײַ אין מײַן איבערזעץ. די כּוונה מײַנע איז געווען אָנצוּווײַזן דעם העברעישן לייענער, וואָס איז געווען דער גרונט־קוק פון דעם דיכטער־אָנהייבער — דער יִיאוש פון זײַן באַשטאַנד, וואָס דער טויט און זײַן אימה לאָקערן אויף זײַן לעבן און זײַן דופק, ווי עס באַווײַזט די אַסאָציאַטיווע קייט: — פון איין זײַט — דאָס טויטע געביין, די האַק פון ווילדן מענטש, און פון דער אַנדערער זײַט — די שאַנד און שענדונג, און דער פּאַקוס — דער עקל פון דער וועלט, און דער אַנהאַלט אין יִיאוש — דאָס ליד, וואָס זײַנע באַגלייטערס זענען דער עמוד אש, דער לײַכט־טורעם, דאָס ליכט פון וווּנדער.

ג

איך האָב מיך נוהג געווען צו באַגלייטן אַ יעדן איבערזעץ מיט אַ קליינער אינפאָרמאַציע וועגן מחבר און זײַן לעבן און שאַפן, וואָס איז מיר אָבער איצט געווען אוממעגלעך, ווײַל איך האָב וועגן מחבר גאָרנישט געוווּסט, האָב איך מיך באַנוגנט מיט אַ קליינער נאָטיץ אַזוי צו זאָגן: „די לידער זענען גענומען פון אַ ייִדיש לידער־געזעמל „פּאַרטונקלטע פּריי־מאָרגנס", וואָס שפּיגלען אָפּ דעם איצטיקן שוידער אין דער וועלט, ווען דער טונקל פון בייזע און ווילדע אינסטינקטן נעמט אַרום דאָס לעבן פון די פעלקער און גרייט זיך פאַרלעשן דאָס ליכט פון מענטשנס נשמה. דאָס געזעמל איז אַרויס ערשט נישט לאַנג (1938, פּאַרלאַג הוטנער, וואַר־שע)". בעל כּורחי האָב איך זיך דערמיט באַנוגנט און געזוכט אַ וועג דעם איבערזעץ צוצושטעלן דעם מחבר, און איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אין דעם ליד „ווײַ", וואָס דער מחבר האָט געהייליקט בער שנאַפּערן, אַ יונגער דיכטער, וואָס איך האָב געקאַנט פון אונדזערע בשותפותדיקע יוגנט־יאָרן אין לעמבעריק. נאָך מער, מיר האָבן ביידע אָנגעהויבן אונד־זער ליטעראַרישע קאַריער, און דאָס אין פּאָעזיע, כּמעט אין דעם זעלבן

יאָר, און איך זע, גלײַך הײַנט וואָלט עס געווען, דעם נומער אין „פאָלק און לאַנד" וואָס איז מודיע, אַז מירביידע נעמען דאָרט אָנטייל, און באמת פלעגן מיר זיך ווענדן איינער צום אַנדערן מיטן טיטל: טיעזקא, ווי עס זע־נען זיך נוהג חברים, וואָס טראָגן דעם זעלבן נאָמען, כאָטש בכתב איז געווען אַ שטיקל חילוק: ער האָט זיך תחילת גערופן דב און איך בערל, און שפּעטער האָט זיך דאָס איבערגעקערט. הכלל, ער, בער שנאַפּער, איז עס פאַר מיר געווען דער אַדרעס צו שיקן, וואָס איך האָב באַשטימט פאַר זײַן חבר, משה וואַלדמאַן, און איך האָב געוואַרט אויף זייער תשובה.

אָבער זי, די תשובה, איז נישט געקומען. עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, און ערשט נאָך אַ סך יאָרן, האָב איך מיך דערוווּסט, אַז משה וואַלדמאַן האָט טאַקע וועגן מיר געהערט פון בער שנאַפּערן, האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז איך האָב איבערגעזעצט און געפּובליקירט צוויי לידער זײַנע, פונקט ווי איך האָב די אַלע יאָרן נישט געוווּסט, צי איז ער צווישן די ווייניקע אָפּגעראַטעוועטע, אָדער צווישן די פיל פאַרלענדטע. איך האָב נאָכגעפאָלגט דעם גורל פון אונדזערע שרײַבער אין פוילן, און נאָכגעפאָרשט וועגן זיי און באַזונדערס פון די, וואָס איך בין געווען פאַרבונדן, און האָב זיי, דורך מײַנע איבערזעצן, פאַרשאַפט אַ קאָפּ פּובלי־סיטי, צווישן די העברעיִש־לייענער. קודם כל די טאָפּל־שפּראַכיקע, פּויליש־און ייִדיש־שרײַבנדיקע — משה שימל, דבורה פאָגעל, דניאל איהר; די בלויז ייִדיש־שרײַבנדיקע — חיים לייב פוקס, וועלכן איך האָב גע־קענט אין תּל־אָביב און פון וועלכן איך האָב געקריגן עטלעכע טעלעגראַ־מעס פון אַלמאַ־אַטאַ, און איך האָב אויך געהערט וועגן זײַנע לידער אין דער סאָוויעטיש־ייִדישער פרעסע; נחום באָמזע, וועלכן איך האָב געקאָנט פון זײַן פריסטער יוגנט, וואָס, זאָל האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער אין קיִעוו; א. מ. קנאַפּהייס, וואָס עס האָט זיך צו מיר פאַרוואַלגערט זײַנס אַ ביכל באַלאַדן, אויסגאַב פון „עמעס"; ישראל עמיאָט, וואָס איך האָב געוווּסט פון אים, אַז ער איז פון די יונגע דיכטער אין דער אָרטאָדאָקסי־שער באַוועגונג, און האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער, אויך אויס־גאַב פון „עמעס", און האָט זיך באַזעצט אין ביראָבידזשאַן. איך וועל נישט זאָגן, אַז איך בין געווען גליקלעך צו הערן וועגן די גלגולים, אָבער איך בין געווען גליקלעך צו וויסן, אַז זיי לעבן און האָב מיך געטרייסט דער־מיט, וואָס די טויערן פון תשובה זענען קיין מאָל נישט פאַרשלאָסן. און באמת, ווען זיי זענען, מיט יאָרן שפּעטער, פרײַ געוואָרן, האָבן זיך די

דאָזיקע טויערן טאַקע געעפנט און זענען אָפן עד היום. וואָס שייך וויַטער משה וואַלדמאַן, האָט מיך דער אויסלייג זײַנער אין זײַן ביכל לגבי לשון־קודש־ווערטער, ווי אַ שטייגער: טעהאָם — תהום, אַמוד־האייש — עמוד־האש, וכדומה באַוויגן אים לאָזן אָנגעהערן צו יענע, וואָס האָבן גע־וואָלט אַריבער דעם גרינעם פּאַס, אָבער דווקא וועגן אים האָב איך גאָר־נישט געהערט.ערשט נאָך היטלערס מפּלה, ווען די שרײַבערס אונדזערע האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן, האָב איך געזען זײַן נאָמען, צווישן די אָנטיילנעמער אין זייערע בלעטער, און מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט שוין געוווינט אין פּאַריז, האָט ער זיך ערשט דערוווּסט וועגן מײַנע אײַ־בערזעצן.

די אומזיכערקייט וועגן זײַן גורל האָט געהאַט אירע סיבות — ערשטנס, האָט ער טאַקע געהערט צו די אַנטלאָפֿענע און אָפּגעראַטעוועטע, אָבער זײַן קול האָט זיך נישט געלאָזט הערן ווי עס האָט זיך געלאָזט הערן דאָס קול פון אַנדערע; צווייטנס, זײַן ביכל איז געווען אַ מין ערשטלינג, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין ברידערלעך, און די שאַפונגען זײַנע זענען צע־זייט און צעשפּרייט אין כלערליי זשורנאַלן, כאָטש זיי וואָלטן שוין פון לאַנג געדאַרפט אײַנגעזאַמלט ווערן.

ד

עס איז אַ קיימא־לן, אַז אַ שרײַבער, וואָס זײַנע ווערק זענען צעזייט און צעשפּרייט און זענען נישט אַרײַן אין בוך־טאָוולען, איז במילא גורם דערצו, אַז די קריטיק וועגן אים איז אַ ווינציקע און פראַגמאַטישע, אָבער וואָס שייך משה וואַלדמאַן איז מען מחוייב צו באַמערקן, אַז זײַן ערשטלינג, וואָס זאָגט בלויז עדות אויף זײַן ערשטן שפּאַן, וואָס די מלחמה האָט אים אונטערגעהאַקט, האָט געהאַט היפּשע אָפּרופן, וואָס זענען צו מיר באַ־צײַטנס נישט דערגאַנגען. דער דיכטער, אַ געבוירענער אין אָזאָרקאָוו, לעבן לאָדזש, אויפגעוואָקסן אין אַ האָרעפּאַשנער משפּחה, געוואַנדערט און געוואָגלט — פון אָזאָרקאָוו קיין לאָדזש, פון לאָדזש קיין וואַרשע, פון וואַרשע קיין פּאַריז און בריסל און פון דאַנעט צוריק קיין וואַרשע, איז בײַם דערשײַנען פון דערמאָנטן ערשטלינג געשטאַנען אין זיבן־און־צוואַנציקסטן לעבנסיאָר, און האָט שוין זײַט אַ גוטע זיבן יאָר געדרוקט לידער און מאמרים, און מחמת דעם איז דער טאָן פון דער קריטיק גע־ווען וועגן אַן אָנהייבער־נישט־אָנהייבער, און די קריטיק איז געגאַנגען אויף דער ליניע פון אַ צווייזיקן נוסח.

דער איינער נוסח איז געווען גיכער מכוון אויפֿצווײַזן די באַזע פון דער דאָזיקער דיכטונג — אין אַן איבערבליק וועגן אַן אָוונט לכבוד דערשײַנען פונעם לידער־בוך („אַרבעטער צײַטונג״, 1 יולי 1938) ווערט דערמאָנט אַז שלמה לאַסטיק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער נעגאַטיווער זײַט פון די לידער, דער איבערגעטריבענער פּעסימיזם, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף זייער פּאָזיטיווער זײַט, דעם ערלעכן פּאָעטישן גאַנג. דער קריטיקער האָט זיך עפּעס שפּעטער אומגעקערט צום אָפּשאַץ פון דיכטער (אין „די פרײַע יוגנט״), זײַענדיק אינפאָרמירט וועגן זײַנע אַנדערע לידער, און פּונקט ווי ער האָט אין בוך געפונען גוטע און שײנע לידער, האָט ער איצט געפונען, אַז אין די אַנדערע לידער, האָבן זיך געשטאַרקט די פּאָעטישע מעגלעכקייטן, אונטער דער בולטער השפעה פון ה. לייוויק, סײַ אין די בילדער סײַ אין לעבנס־באַנעם. אַז די השפעה איז געווען אַ ממש לאָזט זיך אָפּלערנען אויך דערפון, וואָס וואַלדמאַן האָט, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אַרויסגעגעבן אַן אויסגעצייכנטע אַנטאָלאָגיע פון לייוויקן אויף פראַנצויזיש.

דער אַנדערער נוסח איז געווען גיכער מכוון אויפֿצווײַזן דעם עיקר־מהות פון דער דאָזיקער דיכטונג — (משה שימעל, „אַרבעטער־צײַטונג״, 28 אויגוסט 1938), דעם פּרימיטיוו־פּאָעטישן יסוד, וואָס לאָזט הערן דאָס קול פון אַ געפּײַניקט פאָלק, וואָס די ערד ברענט אונטער זײַנע פיס, אַזוי אַז דאָס געשריי פון יידישן פאָלק, און דאָס געשריי פון יידישן פּראָטעסט פאַרפלעכטן זיך צוזאַמען. די צוויי קריטיקער וואָס זענען מחולק אין גרונט־קוק, זענען נישט געווען די אײנציקע, וואָס האָבן רעאַגירט אויף דעם ביכל — אויך מ. מירסקי האָט זיך אָנגערופן („פּאָרויס״ 1939, נמ. 4). קינסטלעריש ווײַזן זיך אים די לידער אויס שטאַרק, אַ מין צוזאַמענשטויס פון ראַפינירטער ליריק און מגושמער פּראָזע, אָבער געדאַנקלעך זעט ער דעם עיקר אין צער מחמת מענטשלעכן רשעות, וואָס דער דיכטער זעט בלויז אַ פאַרנעפּלטן אויסוועג דערפון. און מען דאַרף נישט קיין לאַנגע פּירושים, כּדי צו דערקלערן וואָס קריטיקער, ווי מירסקי און לאַסטיק, פאַרגלייבטע קאָמוניסטן, סײַ דעמאָלט סײַ איצט, האָבן באַטראַכט פאַר אַ נישט־פאַרנעפּלטן אויסוועג. און מעגלעך, אַז לגבי דעם אַנטשיידנדיקן פּונקט איז כּדאַי זיך צוצוהערן צום דינעם קול פון דעם איידעלן און וווּנדערלעכן דיכטער חיים קרול, וואָס כאָטש דער גאַנצער גוזמא זײַנער, האָט ער געטראָפן אין פּינטל זאַגנדיק, אַז אַזאַ מין צער האָט ער באַגעגנט בלויז אין די צאָרן־לידער פון...

ביאַליק. כּדי דעם אָפּשאַץ צו באַפרײַען פון זײַן גוזמא, בעט זיך אַן אַנ־דערע פאָרמולאַציע: אַזאַ צער שפּײַזט זיך פון יענע צאָרן־לידער וואָס שעפּן אויס דעם יִאוש ביז אין סאַמע גרונט, און כאַפּן זיך נישט אָן אין די טרייסטעניִשן, אין וועלכע עס האָבן זיך פיל דיכטער אָנגעכאַפּט, און וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי פּוסטע אילוזיעס.

ה

משה וואַלדמאַנס שווײַגן אין די לאַנגע וואָגלענישן זײַנע, און זײַנע שפּאָרלעכע רייד, איך מיין די צעוואָרפענע פּאָעטישע רייד, דערנאָך, דער־קלערן דאָס שווײַגן וועגן אים און אַרום אים. מעגלעך אַז דאָס שווייגן וואָלט אויפגעהערט, ווען ער זאָל געוועז אײַנזאַמלען זײַנע לידער, אָבער ער האָט עס ביז איצט נישט געטאָן. וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טיפּ פון אַ פּורש מן הציבור, איז פּונקט קאַפּויער — ער איז גאָר אַקטיוו אין כּלערליי קולטור־אינסטיטוציעס אין פּאַריז, אין דאָרטיקן שרײַבער־פאַראיין, זײַן און זײַן פּרויס, דער אויסגעצייכנטער פּראָזאַיִקערין מנוחה ראַם, שטוב, איז אַ שם דבר פאַר גאַסטפרײַנדלעכקייט און שווער צו געפינען אַ שרײַבער, וואָס קומט קיין פּאַריז, און זאָל נישט נהנה זײַן פון דער וואַרעמער אַטמאָספער. וואָס שייך ווײַטער זיין אַקטי־וויטעט, דאַרף מען אונטערשטרײַכן זײַן זאָרג פאַר אַ יינגערן דור, וואָס זאָל ירשנען די ליבשאַפט צו מאַמע־לשון, און אַן עדות דערצו זענען די העפטלעך „לאָמיר קינדער לערנען", וואָס ער האָט נאָך רעדאַקטירט אין וואַרשע, און זייער המשך „פאַר אונזערע קינדער", וואָס ער האָט רעדאַק־טירט אין פּאַריז, און פּונקט ווי דו באַגעגנסט אים אויף אַ יידישן קולטור־צוזאַמענפאָר אין ניו־יאָרק, טרעפסטו אים אויך ביי אַן ענלעכער אימפּרעזע אין תּל־אָביב, און ער איז אַ פרײַנד פון שרײַבער און אַ ידיד פון זייערע ספרים, איניִצירט אויפטוען און מעשׂים (אויך פון מאָלערס) און אַ ידיד־נפש צו יעדן און אַלעמען, וואָס האָט צו טאָן מיט ליטעראַטור און קונסט. איך האָב געהאַט אַ שעת־כּושר אים, אין די באַציִען, צו אָבסערווירן, ווי ער האָט צו דעם אַלעמען און צו די אַלע, צײַט און געדולד און האָב גע־פּרווט דעפינירן: אַ מענטש אָן אַ זייגער און אָן אַ גאַל.

הייסט עס, אַז דאָס שווײַגן איז נישט אַרום אים, ווי אַרום זײַן שאַפן, און אויך דאָס איז נישט קיין אַבסאָלוט שווײַגן. האָבן מיר דאָך עטלעכע הפסקות. איך מיין נישט בלויז די מאמרים, וואָס וואָגיקע שרײַבער האָבן

ווענן אים געשריבן, לכּבֿוד זײַנע באַזוכן אין זייערע שטעט אָדער לכּבֿוד זייערע באַזוכן אין זײַן שטאָט — צווישן זיי אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס, אפֿרים אויערבאַך, לעאָן פֿײַנבערג, שלמה ביקל, וואָס האָבן, אַגבֿ אורחא, אויך באַרירט זײַן שרײַבן, איך מיין בעיקר די שרײַבער וואָס האָבן אונדז באַרײַכערט מיט ידיעות פֿון זײַן לעבן און די שרײַבערס וואָס האָבן אָפּ־געשאַצט זײַן דיכטונג און באַזונדערס איר המשך.

ו

ווי אַ דוגמה פֿון ערשטן סאָרט זענען די זכרונות פֿון יצחק יאַנאַסאָ־וויטש, אין זײַן בוך „פּנימער און נעמען" — ער האָט זיך מיט אונדזער דיכטער געטראָפֿן אין לאָדזש, מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק, דורכן פֿאַרמיטל פֿון פֿאָלקס דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש — בעצם איז עס געווען אַ באַגעגעניש פֿון צוויי שכנים, דער אַ יעזשאָווער און דער אַן אָזאָרקאָווער. ביי יענער באַגעגעניש זענען זיי געשטאַנען ווי צוויי נאַ־קעטע אין שטורעם פֿון ים, דער שטורעם פֿון ייִדן־שינאה, וואָס האָט זיי פֿון אַלע זײַטן אַרומגענומען. נאָך יאָרן, ווען זיי האָבן זיך ווידער באַ־געגנט אין לאָדזש, נאָכן חורבן, האָט זיי ווידער אַ מאָל אַרומגענומען די ייִדן־שינאה. אַלע האָבן זיך געריסן אַנטלויפֿן. חוץ וואַלדמאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דער שטאָט, גלייבנדיק אין אַ שליחות, דאָס שליחות פֿון ייִדישן וואָרט. דער שרײַבער דערציילט וועגן דער מידה פֿון הכנסת־אורחים, וואָס האָט געהערשט אין וואַלדמאַנס שטוב און באַמערקט, אַז די מידה איז אָנגעגאַנגען אויך אין בוכאַרע, ווען די שטוב־לײַט האָבן אַליין געליטן הונגער. ער דערמאָנט אויך אַן אַנדער מידה פֿון וואַלד־מאַנס מקריבֿ זיין זיך און זײַן שאַפֿונג לטובֿת אויפֿטוען וואָס האָבן אַ חשיבֿות פֿאַר דער כּלל־קולטור. און דאָ איז כּדאַי צו דערמאָנען די זכרונות פֿון גבֿריאל וויַסמאַן („לעבנס־פֿראַגן"), וואָס די מלחמה האָט אים פֿאַרוואָגלט אין דער ווײַטער קאָמי, אין סאָוויעט־רוסלאַנד, ווהין אויך וואַלדמאַן איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן, און דאָ האָט ער אים באַגעגנט, אין אַ ביטערער ווערקלעכקייט, אָבער באַלויכטן פֿון אַ לעבנס־אָפּטימיזם, וואָס האָט אים תּמיד געגעבן כּוח צו טאָן און אויפֿצוטאָן. פֿון די אויפֿ־טוען אין פּוילן און פּאַריז דערמאָנט נישט בלויז דער שוין־דערמאָנטער זשורנאַל פֿאַר קינדער נאָר אויך די באַגרינדונג פֿון דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק".

ווי אַ דוגמה פון אַנדערן סאָרט איז די אַרבעט פון באַרווין פּרענקעל („די פּרעסע", 6 מאַי 1973), וואָס האַלט, אַז וואַלדמאַנס באַהאַוונטקייט אין יידישן קולטור־לעבן און אירע אָפּצווייַגן איז גורם אַז די וואָס ווילן אים אָפּשאַצן האָבן מורא פאַר צוויי קאָנטראַרע מידות — טאָמער וועלן זיי זיַין צו סוביעקטיוו אָדער טאָמער וועלן זיי זיַין צו אָביעקטיוו. אין דעם האַלבן יובל יאָרן, וואָס וואַלדמאַן זיצט אין פּאַריז, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ קולטור־טוער, אַ רעפערענט, אַן איניציאַטאָר פון כּל־ערליי קולטורישע און פּאַרלעגערישע אויפטוען, אַזוי אַז די אינטעגראַלע מידה פון זיַין פּאַרשוינלעכקייט פאַרשטעלט דעם דיכטער, שטיפעריש געזאָגט: דער וואַלד פאַרשטעלט דעם מאַן. בפרט אַז אַזוי ווי ער איז נישט פּאַכאַפּנע, ווי עס זענען געוויינטלעך דיכטער, אַרויסצוגעבן, לפּחות יעדעס צווייטע יאָר אַ בוך, — כאָטש ער וואָלט דאָס געקענט טאָן, — פעלן אים דאָך נישט דינאַמישקייט, נישט ענערגיע, נישט פריַינד. נאָר אַזוי איז שוין דער סדר העולם, אַז מען שריַיבט בלויז וועגן ביכער און מען שריַיבט נישט סיַי קריטיק, סיַי רעצענזיעס, וועגן לידער וואָס דרוקן זיך אין זשורנאַלן און צייַטונגען. פּרענקל איז מודה, אַז כּדי צו קענען אָנשריַיבן אַן אָפּשאַץ, האָט ער געמוזט דורכבלעטערן כּלערליי זשורנאַלן, און דאָס אייג־ציקע בוך „פּאַרטונקלטע פּרימאַרגנס" האָט אים דערגרייכט מיט אַ פּאָר־שפּעטיקונג פון פינף־און־דריַיסיק יאָר. ער האַלט אַז די שטאָט לאָדזש, וווּ דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, האָט אַרויפגעלייגט איר חותם אויפן מחבר אויף דער גאַנצער לענג פון זיַין לעבן און זיַינע נע־ונדן, און דאָס איז זיַין וואָרצל. אַן עדות דערצו זענען זיַינע שפּעטערע לידער, וואָס ער, דער אָפּשאַצער האָט פאַר זיך געהאַט הונדערט פון זיי, און זייער כּלל־רושם איז, אַז דער דיכטער, כאָטש ער האָט נישט אַנטפלעקט קיין ניַיע פאָרמען, און איז נישט קיין וואָרט־מכשף, קען אויפבויען אַן אויטענטישע דיכטונג, וואָס באַזירט אויף אַ רעכט איבערלעבעניש. דערפאַר איז דער גאַנג זיַינער רויק און ציכטיק, צו מאָל מיד־פאַרשלייערט אין אַ וואָלקן פון רמזים און סימבאָלן, און די סטראָפעס ווייען אַן אַ מיסטעריעזע שטי־מונג, און דאָס פאַרטרוימטע שטיַיגט איבער די וואָר. ער פאַרשטאַרקט עס מיט אַ ליד־ציטאַטע:

דער חלום אַ מלאך אַ וויַיטער
וואָס קומט נאָר אין טונקעלע נעכט
און ברענגט דיר אַ גרוס פונעם ריַיטער

וואָס שלאָגט זיך פאַר דיר אין געפעכט —
אויף וועגן וואָס האָבן שוין ריטער
געפאָכטן פאַר רום און פאַר ליב
און האָבן צעפינקלטע גיטער
פאַרוואַנדלט אין אַש און אין שטויב.

די דאָזיקע ציטאַטע, ענלעך צו די אַנדערע ציטאַטעס, וואָס דער קריטיקער שטיצט זיך אויף זיי, זענען מכוון צו באַפעסטיקן זיין הנחה, וואָס איז אויך זיין מסקנה, אַז דער דיכטער געהער לויט זיין וועג, צו דער נאָך ראָמאַנטישער ליריק און מיסטישער סימבאָליק, צו דער פּאָעטישער משפחה, נוסח „יונג־יידיש" פון לאָדזש, און אויב אויסרעכענען נעמען פון די, וואָס האָבן אויף אים משפיע געווען, איז כּדאַי אויסצובולטן די השפעה פון דיכטער־וועבער חיים קרול, נישט אַזוי מחמת דעם תוך, ווי מחמת דער פאָרעם. וואָס שייך תוך — איז דאָך קרולס עיקר־טאָן זיין אומגליקלעכע ליבע צו זיין געליבטער, וואָס האָט אים פאַרראָטן, בשעת וואַלדמאַנס עיקר־טאָן איז אויך די ליבע, אָבער דאָס איז נישט קיין עראָטישע, נײַערט אַן אַרכאַיִש־פּאַטריאַרכאַלע, משפּחהדיקע ליבע, וואָס נעמט אויך אַרום זײַן שבט. ווײַל דער שווער־פּונקט פון זײַן פּאָעזיע איז אין תוך פון גלויבנס־פּראָבלעמען, אַזוי אַז זײַן געטרײַשאַפט איז ווי אַן אַטאַוויסטישע געטרײַשאַפט.

מיר האָבן עפּעס לענגער רעפערירט באַרווין פרענקעלס אָפּשאַץ, ווײַל ער איז כּמעט דער איינציקער, וואָס שטיצט זיך אויף דער שטודיע אין אַלע צעוואָרפענע לידער פון דיכטער, וואָס עס לאָזט זיך נישט זאָגן וועגן די איבעריקע אָפּשאַצערס, וואָס האָבן פאַר זיך געהאַט בלויז אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל. — כאַראַקטעריסטיש איז דער אָפּשאַץ פון אפרים אויערבאַך, וואָס ווענדיק אילוסטרירן זײַן דעה, ברענגט ער אַ ציטאַט פון איינציקן לידער־בוך און ער פאַרענדיקט טאַקע מיטן ווונטש, צו זען בקרוב די צעזייטע לידער אין אַ באַנד. אָבער זײַט דעמאָלט זענען אויך אַוועק עטלעכע יאָר און עס איז נאָך אַלץ אַ ווונטש, און קומענדיק איצט עפּעס צוגעבן צו די דערמאָנטע אָפּשאַצן, נאָך דעם ווי איך האָב דורכגעשטודירט די צעוואָרפענע לידער, וויל איך מיך לעת עתה באַנוגענען מיט צוויי באַמערקן.

ז

ערשטנס, וועגן אַ שפּעטן אויסדרוק פון זײַן געוואַלטן, אָדער גע־צווּנגענעם שטילשווײַגן, ווען ער איז געווען אין סיביר און אין מיטל־אַזיע — עס איז די פּאָעמע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין אַלמאַנאַך פון די ייִדיש־שרײַבער אין פראַנקרײַך, און וואָס הייסט: „לאָמיר גיין איבער־בעטן די געטער", און איר אַרײַנפיר אַנטפּלעקט איר שטימונג אין גײַסט אַזוי צו זאָגן:

וועסטו שוין קיינמאָל נישט גיין
אין צעשמייכלטן חן,
אויף דײַנע וועגן.
הער זיך אײַן:
ערגעץ זעגערס זעגן.
פּאַלט בוים נאָך בוים אין וואַלד.
ס׳ווערט דיר קאַלט?
דו ביסט אין ווינטער־לאַנד
פון אויסגעלאָשענע שטערן.
דאָ וועסטו קיינמאָל שוין נישט בויען דײַן טורעם.

און אין המשך פון ליד זעען מיר ווי עס פּאַרלעשט זיך דאָס גאָלד פון טאָג, ווי עס ברענען די רויטע וועלדער, ווי עס פאַלן די פּלייצעס און עס גרויט דער קאָפּ:

אינעם שפּיגל פון מײַן חלום,
גייען אַרײַן די פּאַרלוירענע טעג.

און די פּאַרלוירענע טעג? טעג וואָס זענען לויט זייער נאַטור, ווייך און גוט אָבער צווישן זיי און דעם דיכטער האָט עמעץ אַנידערגעשטעלט אײַזערנע קראַטעס. אויך די נעכט זענען, לויט זייער נאַטור, ווייך, און גוט און רופן צו ליבשאַפט, אָבער אַ פּלוצעמדיקער שטורעם האָט באַפאַלן דאָס נעסט וואָס איז, דאָ נישט לאַנג, אויפגעבויט געוואָרן און איז איצט חרב ונחרב, און אַ פײַער פּאַרפּלייצט דעם הויף.

דער דיכטער האָט זיך אין זײַן פאַנטאַזיע אויסגעקלערט אַ נאַיווע פּראַכט, אַן אויסגעחלומטן גן־עדן, אָבער זײַנע ליפּן זענען גרין פון גאַווער, ער שפּאַנט איבער פרעמדע וועגן, צעטומלט און דערשלאָגן. די טעג זײַנע

טומלען זיך ווי משוגענע הינט און די נעכט זענען ווי אײַנגעוויקלט אין געוויין פון הונגעריקע שאַקאַלן. דער באַשרײַב פון די טעג און נעכט חזרט זיך איבער — דער טאָג מיינט הונגער, די נאַכט — רו. און ער ווענדט זיך צום ווייטיק מיט אַ מין וויגליד, אים אײַנצושלעפערן, בשעת אַרום־און־אַרום זענען אַלע און אַלץ פאַרטאָן אין אויפבינדן און פאַרבינדן זייער אייגענע ווונדן און זײַן הויז איז אַ תּיבה, וואָס איר ליכט איז גרוי, פול געקרעכץ און געוויין, און מען זעט דעם מזרח אין זײַן בראַנד און דעם מערב אין זײַן בראַנד און אין פענצטער — די הענט פון דער ווײַטער מאַמע. דאָס בילד איז ווי אַ רעם פאַר דער כוונה פון דער פּאָעמע, ווי עס אַנטהאַלט זי איר נאָמען:

לאָמיר גיין
צו די פאַרטריבענע געטער אין היילן
און בעטן אויף גאולה.
יעדער וועט זײַן גאָט איבערבעטן
איר וועט אין אײַער תּפילה,
די איינזאַמקייט דערציילן —
איך וועל מײַן ליד פון אַלע שאָלן אויסשיילן,
און ברענגען שטומען קרעכץ
פון פרי שטאַרבנדיקע,
און ברענגען
אַ לעצטן בענטשנדיקן בליק
פאַר איר יתומל —
איידער ס׳האָט די מאַמע
אירע אויגן פאַרמאַכט — —
און ברענגען
אַ צעריסענעם געוויין,
וואָס איז געבליבן אויף אַ בוים
ערגעץ אין וואַלד
אַליין, אַליין.

אַ פּײַן־פּיליק אויער דערשנאַפּט דאָ די דיאַלעקטישע סתּירה, וואָס וויקלט זיך דורך אין דער פּאָעמע — פון איין זײַט שפּירט זיך דער יאוש פון איינעם וואָס ווייסט, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן אויפן שטעג פון צעשמייכלטן חן און וועט זיך קיינמאָל נישט צוריק

אויפבויען זײַן טורעם; און פון דער אַנדערער זײַט הערט זיך דער קלאַנג פון האָפונג אויף גאולה, און די מיט פון דער פּאָעמע פאַרוואַרפט אַ בריק פון איין עק צום אַנדערן עק — דאָס איז די תשובה, וואָס דער דיכטער רופט זי אָן „אומקער צו די פאַרטריבענע געטער אין היילן", און וואָס האָט מסתמא אַ טיפערן, און ממילא פשוטערן באַטייט, און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט די ווערטער פון דעם געפּרוּווטן מענטשן, איוב: כי עוד לאלוה מלים.

ח

צווייטנס, — אומקער פירט צו אומקער: עס איז דער אומקער צו אַ פרימאָרגן פון פאַר די פאַרטונקלטע טעג פון זײַנע צײַטיקע יאָרן. עס איז דער פרימאָרגן פון זײַן קינדערשער צײַט און וועלט, וואָס איז כולו ליכט, און פאַראַן עטלעכע דוגמות פאַר דעם אומקער און צום בולטסטן ווײַזט זיך אויס דאָס ליד, וואָס שוין דער נאָמען זײַנער דעקט אויף זײַן זינען: „קומט מיר אויף צוריק אַ טרוים", און וואָס איז געהיי־ליקט זײַן ברודער אהרן, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און איז געקו־מען פון אַ וועג, וואָס איז ווײַטער פון ווײַט. דער אָנהייב פון ליד גייט:

געווען איז עס אין יענער ווײַטער, קינדערשער צײַט,
ווען אַלע וועגן האָבן געשמייכלט מיט אַ בלויער ווייט
ווי ס'ברויט אין באַקן וואַקסט און ברוינט, געוואַקסן איז מיר די ערד
האָב איך יעדן טאָג געוואַרט משיחן אויף זײַן ווײַסן פערד.

און אין המשך ליד הערן מיר, אַז אין יענע טעג פלעגט די מאַמע זײַנע אים, דעם בכור, יעדן פאַרנאַכט פירן אין דער בלויער וועלט פון לעגענדעס, און דער זיידע זײַנער פלעגט אים, דאָס אייניקל זײַנס, שבת־בראשית, פאַרהערן, און פלעגט מיט פשוטע ווערטער לויבן דעם האַר פון הימל און ערד, און ער, דאָס אייניקל און זײַן חבר, האָבן אין זייער חלום פאַרלייגט די כישוף־בריק, אויף וועלכער זיי וועלן ביידע, אַ פּאָרל בלאַנ־קענדיקע שעפעלעך, שפּאַנען אין לאַנד אַרײַן, וואָס איז כולו זון, און אָנקו־מענדיק אַהין, מיד פון וואַנדער וועלן זיי זיך אָפּרוען אין שאָטן פון אַ פּאַלם, און יצחק אבינוס מלאך וועט זיי באַהיטן, און אין חלום וועלן זיי זיך שפּײַזן פון טייטלען, באָקסערן, פײַגן און גאָלדענע פירות, וואָס פאַלן אַליין אַראָפּ פון די צווײַגן.

[כ"ו שבט תשל"ז]

III

יקרא דשכבא און יקרא דחיי

אַ וואָרט בײַ אַ מסיבה אין הויז פֿון נשיא המדינה

א

איך וויל מודה זײַן, אַז עס איז פֿאַר מיר אַ היפּש שטיק נחת־רוח צו קענען זאָגן אַ גוט און האַרציק וואָרט, וואָס וועט זײַן סײַ אַ ייקרא דשכבא — אַ כּבוד פֿאַרן אָפּגעשיידענעם, דעם לירישן דענקער חיים גרינ־בערג זכרונו לברכה, סײַ אַ ייקרא דחייא — אַ כּבוד פֿאַר דעם לעבעדיקן, דער לירישער דיכטערין יוכבד בת־מרים, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. און איך זע אין דעם צוזאַמענטרעף פֿוןביידע נעמען אַ מין אצבע אלוקים — ביידע, סײַ גרינבערג, וואָס אויף זײַן נאָמען גייט די פּרעמיע פֿון דער ליגע פֿון דער פּיאָנערן־פּרוי, סײַ בת־מרים, וואָס האָט די פּרעמיע באַקו־מען, געהערן צום בינטל פֿאַרשווינגען, וואָס עס גאַרט זיך מיר איבער זיי צו רעדן און צו שרײַבן, און עס דערעדט זיך עפּעס נישט און עס דער־שרײַבט זיך עפּעס נישט. אַמאָל כאַפּ איך אַ קוק אויפֿן שטאָפּל פֿון מײַנע געזאַמלטע און צעשפּרייטע זאַכן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, און איך וווּנדער זיך, ווי אַזוי איז עס געשען, אַז אין דעם רײַסטער פֿעלט דאָס בינטל פֿאַרשווינגען, וואָס זענען מיר סײַ נאָענט און ליב, סײַ ווערדיק און טײַער, ווי אַ שטייגער, עס זענען די דיכטער משה לייב האַלפּערין און אורי צבי גרינבערג, שמעון האַלקין און אברהם רעגעלסאָן, רחל קאָרן און לאה גאָלדבערג, וואָס איך האָב איבער זיי כמעט קיין איינציק וואָרט נישט געשריבן. און איך טראַכט: אָט־אָט נעם איך די פּען און שרײַב וואָס דאָס האַרץ גלוסט און וואָס דער שׂכל דיקטירט, און עס גייט נישט. דאַנק איך גאָט פֿאַר דעם איצטיקן שעת־כּושר, כאָטש עפּעס פֿונעם האַרצן אַראָפּזאָגן. און אַזאַ שעת־כּושר האָב איך איצט — דאָס ערשטע מאָל לגבי חיים גרינבערג און דאָס צווייטע מאָל לגבי יוכבד בת־מרים; אַמערשט ווי אַ חבר פֿון דער זשורי, וואָס האָט צוגעטיילט די העכסטע פּרעמיע, וואָס אַ העברעיִשער דיכטער קען זוכה זײַן: פּרס ביאַליק; און איצט בײַם אויסטיילן די פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון חיים גרינבערג.

ב

אויב איך רעד איצט צו אײַך, חברות פון דער פּיאָנערן־פּרוי, עבֿרי־טײַטש, איז עס נישט בלויז צוליב אײַך, סוף־כּל־סוף וואָלט איך געקאָנט צוּוואַרטן, ביז איר וועט צוריקקומען פון אַן אולפּן, און קענען הערן אַ לשון־קודש־וואָרט. עס איז דער עיקר צוליב חיים גרינבערג. דען ער האָט עס אינספּירירט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד צו גרינדן די ייִדיש־קאַטעדרע אויפֿן העברעיִשן אוניווערסיטעט מיט וועלכער איך פֿיר אַן שווין קאַרגע זיבעצן יאָר. לואי סיגאַל האָט מיר, מיט דער נאַיִווסטער אָפֿנקייט, דערציילט: „איך וועל אײַך מודה זײַן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער קאַנדידאַט איז איינער דב סדן, וואָס איך האָב זײַן נאָמען קיינמאָל נישט געהערט, האָב איך געהאַט תּרעומות: גיי מאַך פּובליסיטי פֿאַר איינעם, וואָס איך האָב זײַן נאָמען קיין מאָל נישט געהערט. אָבער ווען זלמן רובאַשאָוו — זײַט מוחל: זלמן שזר — און חיים גרינבערג האָבן פּאַטאַקעוועט מיטן קאָפּ, האָב איך מיר געזאָגט: איך בין נישט מחויב צו פֿאַרשטיין מער פון זיי".

חיים גרינבערג האָט אויך געהאַלטן אַ וווּנדערלעכע רעדע אויף דער אינטימער קאַטעדרע־פֿײַערונג. און כּדאַי צו פֿאַרגעדענקען צוויי שטעלן: ערשטנס, דער עיקר־טעם איז, עס זאָל זײַן אַ בריק צווישן ישׂראל סבא און ישׂראל צברא (סאַברע); צווייטנס, עס זאָל זיך בײַ אונדז נישט איבער־חזרן די מעשׂה מיט יענעם פּויער, וואָס איז אַוועק צו די זעלנער, און אַז ער האָט אַוואַנסירט, פֿלעג ער פֿאַרענדיקן די בריוו צו טאַטע־מאַמע: „וואַש ביוושי סין אַ טעפּער פעלדפעבל"; משמע: אײַער געוועזענער זון און איצט קאַרפּאָראַל.

ג

און עס איז טאַקע גוט וואָס די פּרעמיע אויף זײַן נאָמען האָט גע־קראָגן יוכבד בת־מרים. אויב איך וועל זאָגן וועגן איר, אַז זי איז איצט די גרעסטע העברעיִשע דיכטערין, איז עס אַ לײַטישער שבח, ווײַל עס איז, ברוך השם, דאָ אַ היפּש געזעמל פון פֿײַנע העברעיִשע דיכטערינס; אויב איך וועל אָבער זאָגן וועגן איר, אַז זי איז אַ גרויסע העברעיִשע דיכטערין, איז עס נאָך אַ לײַטישערער שבח, ווײַל עס מיינט, אַז זי איז גרויס פֿאַר זיך און דאַרף דערצו נישט האָבן קיין פֿאַרגלײַך, דען נישט איינמאָל איז דאָס גרעסטע דער שׂונא פון דעם גרויסן. אָבער אַז איך וועל זאָגן, אַז זי איז די ייִדישסטע העברעיִשע דיכטערין, איז עס דער לײַטישסטער, ווײַל דער אמתדיקסטער שבח.

איר ווייסט דאָך, אַז שוין אין דער השׂכּלה־צײַט האָט דאָ און דאָרט אַ פֿרוי געלאָזט הערן אַ לשון־קודש ליד, און איך גופֿא האָב איבער עט־לעכע פֿון זיי גאָר פּרטימדיק געשריבן — איבער רחל מאָרפּורגאָ און אַנדערע, דווקא אין „דבר הפּועלת". דאָס זענען געווען דערשײַנונגען, וואָס האָבן זיך געוואַקלט צווישן אוניקום און קוריאָז. איר קענט דאָך אויך דעם פֿאַל אלישבע, שוין אָפּגעשמועסט פֿון אַזעלכע פּאָעטעסעס דאָ, ווי רחל בלאָושטיין און אסתר ראַב, וואָס זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿונעם צויבער פֿון דער לאַנדשאַפֿט אין דער אַלט־יונגער היים אונדזערער. אָבער איך דערוועג זיך צו זאָגן, אַז דער ערשטער זיווג צווישן דער טיף־ייִדישער מענטאַליטעט און דעם העברעיִשן מאָדערניזם בײַ אַ פֿרוי איז בת־מרימס דיכטונג. און וואָס איך האָב נאָך ייִנגלווײַז אַרויסגעפֿילט, לייענענ־דיק איר ליד, לויט וועלכן זי האָט שפּעטער אָנגערופֿן איר בוך „מרחוק" (פֿון דערווײַטנס) — איז מיר אַלץ מער באַוווּסטזיניקער געוואָרן אין אירע קומענדיקע ביכער, ביז צום אָפּקלײַב, וואָס ליגט איצט פֿאַר אונדז.

ד

עס איז דאָ אַ גוזמא טעמים, צוליב וועלכע עס איז כּדאַי צו לערנען לשון־קודש. אָבער איך זאָג אײַך בנאמנות, אַז צווישן זיי וואָלט איך בשום אופֿן נישט אויסגעלאָזט דעם טעם, צו קענען לייענען בת־מרימס לידער. עפֿנט אויף איר בוך, און מישט אויף די סעריע ארץ־ישׂראל אָדער די סעריע תּל־אָבֿיבֿ, אָדער „דמויות באפק", דאָס מיינט די נאָענטע גע־שטאַלטן אין האָריזאָנט: דער טאַטע, די מאַמע, דער פֿעטער, די באָבע, דער שנײַדער, דער שוסטער, אָדער די סעריע: צווישן זאַמד און זון, ווײַטע געשטאַלטן — אָדם מיט חוה, אַבֿרהם און הגר, און די לידער פֿון געטאָ — אַ שלל וועלטן זינגען אַרויס פֿון דעם זעלבן קוואַל און נעמען לרובֿ אָן דעם זעלבן גרונט־טאָן און אַפֿילו דעם זעלבן גרונט־בוי פֿון דער סטראָפֿע, וואָס וויברירט צווישן אויפֿגעדעקטקייט און פֿאַרשלייערט־קייט, און עס הערט זיך איר לעבעדיקער, באַלד געשפּאַנטער און באַלד אָנטשפּאַנטער אָטעם — דאָס האַרץ פֿון אַ ייִדישער פֿרוי, וואָס בלײַבט איידל און אַדל אין יעדן קאָרטש פֿון איר פֿרייד און לײַד, און איר ווערט פֿאַרשטיין, וויפֿל בענקעניש פֿון דורות מאַמעס און שוועסטערס נאָך לי־רישן אויסדרוק, זענען אויסגעלייזט געוואָרן אין דער דאָזיקער פּאָעזיע, און דאָס איז אַ גרויסע זכיה, אפֿשר די גרעסטע זכיה אירע, בפֿרט אַז עס רעדן פֿון איר אַרויס די דורות, און זי בלײַבט אַלץ זי אַליין.

[תשרי תשכ"ט]

טויערן און טירן

אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע פעדער

וועגן שלמה גראָדזענסקי

א

דער, צומאָל טרויעריק־פּאַרטראַכטער און צוממייסט שטיפעריש־צעשמייכלטער אָוואַל, באַהעלט פון אַ פריִער גאָלדלעכן און שפּעטער בלייכלעכן בלאָנד; דער, מחמת דעם בכּיוונדיקן בייג פון קאָפּ, אויפגעטיילטער קוק פון די אויגן — דאָס רעכטע ווי געצילעוועט צום שמועס־פּאַרטנער, דאָס לינקע ווי חוץ דעם שמועס־עיגול בכלל; די הענט מאַכינאַל פּאַרטאָן מיטן טאַבאַק־בײַטל און דער אויסדרוק פון די מויל־ווינקלען האַלב פאַרשאָטנט דורכן אייביקן ליולקעלע, וואָס האָט נאָך בולטער געמאַכט דאָס אויפגעהויבענע רעכטע אויער, וואָס האָט ווי פאַרשפּיצט, געלאָקערט אויף אַ יעדעס געהערטע וואָרט, כּדי נישט איבערצוהיפּערן זײַנס אַ מינדסטן ניואַנס — אַ ז ו י האָט זיך מיר, און מסתּמא אויך אַנדערע, אײַנגעקריצט די דרויסנדיקע פיזיאָנאָמיע פון אונדזער האַרציקן פרײַנד שלמה גראָדזענסקי, ווי אַ געטרייער אָפּשפּיגל פון זײַן אינעווייניקסטער פּסיכאָנאָמיע: אָט אַזוי, ווײַזט אויס, איז דער מינהג און דער נוסח פון אַ מענטשן, וואָס פאַרמאָגט דאָס זעלטענע יכולת זיך אַרײַנהערן און באמת אויסהערן, און תּוך־כּדי־כּך דאָס געהערטע אויסמעסטן און אָפּוועגן לויט זײַן באַהאַלטענער, אָבער תּמיד רירעוודיקער, מאָס און וואָג, וואָס קאָן, כּמעט אויטאָמאַטיש, תּיכף און גיך פונאַנדערשיידן צווישן תּוך, וואָס האָט אַ ממש, און צווישן קליפּה, וואָס איז אַן אויסדאַכטעניש, אַן אַליין־אָפּנאַרערײַ, כּדי דעם ממש צו פאַרהאַלטן און דעם אומממש אַוועקשליידערן.

איך האָב די דאָזיקע אָבסערוואַציע מײַנע און די זיך אָנקניפּנדיקע רעפלעקסיע מײַנע אַפּירגעבראַכט, ווײַל איך האָב געפונען, אַז אַזוי האָט זיך דער מאַן אויפגעפירט נישט בלויז בײַ אַ שמועס־באַגעגעניש מיט אַ פאַרשוין, וואָס איז אים קעגן איבער געזעסן בגופו, נאָר אויך בײַ אַ

באַגעגעניש מיט אַ בוך, אַ ליד, אַן עסיי, אַ מחקר, אַ מעמואַר, אַ פּאַמ־פלעט וואָס זײַן מחבר איז פאַר אים געלעגן, בתּורת חיבור, ברוחו. און אַזוי ווי ער האָט לײַדנשאַפטלעך ליב געהאַט צו שמועסן און נאָך לײַדנ־שאַפטלעכער צו לייענען, און האָט צוזאַמענגעלייענט פאָלנע ביבליאָטעקן פון דעם וויכטיקסטן, און אויך אומוויכטיקסטן, אין עטלעכע לשונות, וועל־כע ער האָט גרונטיק געקענט און געווען אַ פולקומענער בן־בית, אָדער אַפילו בעל־הבית, אין זייערע ליטעראַטורן, האָט ער זיך, בעצם, כּל ימיו, געפונען אין אַ שטענדיקער דיאַלאָגישער, לרוב ווידעראַנאַנדיקער גע־שפּאַנטקייט, וואָס האָט דאָס געהערטע און געלייענטע פאַרבעטן, אָדער ממש געצוווּנגען, אַרײַן אין אַ וויכּוח מיט זײַן וואָג און מאָס, און מיר, זײַנע לייענערס, קענען בלויז אַ טייל פון דעם שטענדיקן ווידעראַנאַנד, ווי ער ליגט פאַר אונדז אין זײַנע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַר־בעטן, וועלכע זענען צעזייט אין זשורנאַלן — די ייִדיש געשריבענע, בעיקר אין אידישער קעמפּער, און די העברעיִש געשריבענע, בעיקר אין דבר, און אין די פון אים רעדאַקטירטע צײַטונגען און צײַטשריפטן, בעיקר אין הדור, אַכסניה און אמות און אין זײַנע אַרײַנפירן צו געמעלען פון שרײַבער, פּירער און דענקער. פאַרשטייט זיך, אַז מיטן איצטיקן אָפּ־קלײַב, וואָס עס האָט באַזאָרגט אונדזער טײַערער פרײַנד, שלום וורם, גייט בלויז אַ קלײנער טייל פון דעם אַרײַן און אַרויס אין בוך־טאָוולען. משמע, אַז וואָס מיר ווייסן וועגן דעם מחברס געראַנגל מיט מענטש און בוך, איז בלויז דער אָפּגעדעקטער שפּיץ, וואָס סטאַרטשעט אַרויס פון דער ברייטער און טיפער פאַרהוילנקייט, און בלויז אַ געניט אויג איז מסוגל לויטן אָפּגעדעקטן משער זײַן דאָס פאַרדעקטע.

ב

ווי אַרום ער איז געקומען צו זײַן אייגענעם מאָס־און־וואָג־פאַרמעג — לאָזט זיך אַ קאָפּ אַרויסדרינגען פון זײַנע פאַר אונדז, לײדער צו ווייניקע, אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, וואָס גייען אין אָנהייב און סוף פון דעם בוך, אויטאָביאָגראַפישע רמזים, וואָס זענען צעוואָרפן אין כּל־ערליי אַרטיקלען, ווי מיר הערן וועגן פאַרשווינדלעכע איבערלעבענישן, באַגעגענישן, רעמי־ניסצענצן: געבוירן אין דער אַטמאָספער פון אַן אַלטער ליטווישער קהילה, גראָדנע, וואָס איר חותם האָט זיך פאַרקריצט אין זײַן משפחה־נאָמען, גראָדזענסקי, אויפגעצויגן אין אַ משפחה פון פרומע יושרדיקע יגיע־כּפּימ־

ניקעס — שוסטערס, שנײַדערס, בעקערס, וואָס האָבן מקיים געווען מיט תּמימותדיקער שלימות זייער ייִדישקייט, און דאָס בהיפּוך צום זינען און סדר פון פּאָפּולאַרן פאָלקזאָג, משמע: שווערלעך אָבער ערלעך, האָט ער זיך אין גאַס, היים און שול געכאָוועט כּמעט ביז צו דער שוועל פון בר־מצווה, און זיך אַזוי אונטער־ און אויפגעבויט, אַז ער איז געוואָרן און גע־בליבן ער, אין אַ יעדן ווינד און וועגד פון זײַן קאַלירייקן מאַרשרוט אין לעבן און אין זײַנע צוויי עיקר־סטאַציעס — אַמעריקע און ארץ־ישראל.

מיר האָבן געזאָגט: אונטערגעבויט, און זיך מתכוון געווען צו די אָפּגעהיטענע און אָפּגעהיטערישע ייִדישקייט־יסודות פון אַלע פריִערדיקע דורות — אמונה, מסורה, שטייגער; מיר האָבן געזאָגט: אויפגעבויט און זיך מתכוון געווען צו די אויפגערירטע און אויפרירערישע יסודות פון די לעצטע צוויי־דרײַ דורות: ייִדישער רענעסאַנס, וועלטלעכקייט, מאָדערנע. אָט די ביידערליי יסודות, וואָס האָבן זיך דיאַלעקטיש אינטעגרירט, האָט דאָס קינד מיטגעבראַכט פון דער ערשטער היים, דאָס ייִנגל האָט זיי אַרײַנגעבראַכט אין דער אַנדערער כּמו־היים, און דער יונגערמאַן האָט זיי אויסגעפּרוּווט אין שווערע ראַנגלענישן, און פאַרטיפט צוריקגעבראַכט ווי אַ יחיד אין דער לעצטער און ווי אַ זון פון זײַן פאָלק, אין דער ערשטער אמתער, אחרית־בראשיתדיקער היים. אמת, ער גופא דערציילט פון אַ באַזונדערן צופאַל אָדער אַ באַזונדערן מזל, וואָס האָט אים צוגעשפּילט — אַ דרײַסיק־יאָריקע פרײַנדשאַפט מיט אַן עלטערן חבר, וואָס האָט, אין אַנצאָליקע באַגעגענישן, געלעבט און אויפגעלעבט זײַן שטעטל, ווי אַ גרויס ליכט, און האָט באַשטאַרקט דאָס היימשטאָט־געדעכעניש פון אַ ייִנגערן חבר, פאַר וועלכן עס איז געוואָרן סײַ מיטאָס — אַ שלימות וואָס איז גע־ווען, סײַ אוטאָפּיע — אַ שלימות וואָס וועט זײַן (ווי אַזוי וועט אויסזען די אויסגעחלומטע געזעלשאַפט — אַזוי ווי זײַן געבוירן־שטאָט). אָבער אַפילו מיר זאָלן דעם צופאַל אָדער דעם מזל צושרײַבן די ראָל פון אַזאַ וואָגיקן און אַפילו אַנטשיידנדיקן גורם, וואָס האָט פאַרהאָלפן צו אַ מין שיוויתי־גראָדנע לנגדי תּמיד, איז עס בלויז מעגלעך געווען, ווײַל די וועלט האָט אין ייִנגערן פרײַנד געלעבט נישט ווי אַ מאָנומענט פון נעכטן, נאָר ווי אַ פערמענט פון הײַנט און מאָרגן. אַ ראיה דערויף איז טאַקע גראָדזענסקיס פּובליציסטיק. האָט ער דאָך געפירט אַ האַרטע אומרחמנותדיקע מלחמה קעגן כּל־ערליי פאַרפרוירענע מאָנומענטן פון נעכטן, וואָס האָבן געמאַכט

דעם אַנשטעל פון אַ פּערמענט פון הײנט און מאָרגן, און זענען עס נישט געווען, נישט געקאָנט, און אפשר אַפילו נישט געוואָלט זײַן.

ג

אָט, צו דעם ניין זײַנעם, אין נאָמען פון דעם יאָ זײַנעם — אַ לעבע־דיקע פולע ייִדישקייט, וואָס איז נישט מעגלעך אָן אַן אייגענעם באָדן אונטער די פיס — איז שלמה גראָדזענסקי געקומען אַ גרייטער קיין ניו־יאָרק. סײַ די ערשטע צען יאָר, ווען די פון מזרח־אייראָפּע אַריבערגע־בראַכטע קולטור־ווערטן, אין ברייטערן זינען, זענען נאָך געווען אַ גרויסער ממש, סײַ אין די שפּעטערע צענדליקער יאָרן, ווען דער ממש האָט גענו־מען שמאָלער און ענגער ווערן, און פאַרעלטערטע און איבערגעלעבטע אידעאָלאָגיעס און פאָרמאַציעס און זייערע וואָרטזאָגערס האָבן נישט געהאַט דעם רצון און נישט דעם כּוח צו זען און צו פאַרשטיין די טראַ־געדיע, און זי גענומען היילן מיט אילוזאָרישע רפואות, איז ער, דער אַנט־שלאָסענער העברעיִסט, פעסטער ציוניסט, דער קנאי פון חלוצישן קוק און גאַנג, וואָס האָט זיך געשפּײַזט פון זייערע מקורות און געשטאַרקט אין דעם יאָר, וואָס ער האָט, אַ נײַנצן־יאָריקער בחור, פאַרבראַכט אין פּתח־תּקוה, געוואָרן אַן אָריגינעלער, שאַרפזיניקער און סטיל־פרישער ייִדיש־שרײַבער. און ווידראָמאָל שטעלט ער עס אַנידער ווי אַ צופאַל — חיים גרינבערג, בתּורת רעדאַקטאָר פון אידישער קעמפּער, האָט אים פאַרבעטן ווי אַן איבערזעצער, און געוואָרן איז ער דער הויפּטשרײַבער און שפּע־טער רעדאַקטער פון דעם אַרבעטס־ציוניסטישן וואָכנבלאַט. אָבער עס זאָל אַפילו זײַן אַ צופאַל, וואָלט עס נישט געוואָרן קיין גורל, ווען ער וואָלט, פאַר דער צוואַנציק־יאָריקער האַרעוואַניע, נישט לכתחילה פאַרמאָגט די פולע גרייטקייט און דאָס פולע יכולת דערצו, און דאָס איז שוין גאָר קיין צופאַל נישט.

וואָס ער האָט אין די צוויי צענדליק יאָר אויפגעטאָן ווי אַ שרײַבער, נעמט אַרום אַ גרויסן פּילפאַרביקן רעגיסטער. סײַ וואָס שייך טעמעס — בעצם, נישטאָ קיין שום עיקרדיקע און אַפילו זײַטיקע טעמע אין ייִדישן לעבן, וואָס ער זאָל נישט האָבן באַהאַנדלט, סײַ וואָס שײַך סאָרטן — פּובליציסטיק, ליטעראַטור־קריטיק, וויסנשאַפט; סײַ וואָס שײַך דרכים — פּשט און דרש, אַנאַליז און סאַרקאַזם, און אַלץ כּדי צו ווײַזן און באַווײַזן, וואָס איז נאָך אָדער וואָס איז שוין לעבעדיק און וואָס פאַרקערט. דער

דאָזיקער חילוק לאָזט זיך מערקן אין אַלע זשאַנערס פון זײַן שרײַבן, ווו ער קאָנפראָנטירט די אידעאָלאָגיע פונעם באַהאַנדלטן פּאַרשוין און זײַן כאַראַקטעראָלאָגיע, אָבער גאָר בולט און פּרעציז קומט דער חילוק אַרויס אין זײַנע פּאָרטרעטן — פון איין זײַט די, וואָס קעמפן אין און פאַר אַ ממשדיק, לעבעדיק און דינאַמיש ייִדישקייט, און זענען נישט צופרידן מיט זיך און וואָס זיי פאָדערן, פאָדערן זיי קודם כּל פון זיך; פון דער אַנדערער זײַט יענע, וואָס שטעקן אין אַ נעכטיקער, סטאַטישער זכר־לייִדישקייט, און אַזוי ווי זיי פילן נישט, אַז זיי זענען נעבעך, בדומה לבר־מינן וואָס שפּילט אַ חתן־בראשית, זענען זיי תּמיד היפּער־צופרידן מיט זיך, און וואָס זיי פאָדערן, פאָדערן זיי קודם־כּל פון אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז בײַ זײַן אויפטייל, וואָס די קריטיק האָט אים דיקטירט, האָט ער זיך צוגעצויגן די ליבשאַפט בײַ די, וואָס קענען און ווילן קוקן דעם אמת אין די אויגן, און די פײַנטשאַפט פון יענע, וואָס ווילן נישט געשטערט ווערן אין זייער באַקוועמלעכן זיך אַליין באַליגנערן.

אַוודאי איז אַ חילוק צווישן זײַן ערשטן שרײַב־פּעריאָד, אין אַמעריקע, און זײַן צווייטן שרײַב־פּעריאָד, אין מדינת־ישׂראל, קודם כּל דער קאַרדי־נאַלער חילוק פון סוסטראַט, פּראָבלעמאַטיק, אַקטואַליטעטן. אָבער דאָ און דאָרט איז עס דאָס זעלבע אויג, וואָס כאַפּט אויף, וואָס איז קאָרן און וואָס איז שפּרײַ, און די זעלבע פּעדער, וואָס דעקט עס אויף און דאָס ברחל בתּך הקטנה, און אויב נאָכגיין דעם פאָלקס־דרוש: הנאַקעטע, און עס איז נישט קיין טעות אָנצונעמען, אַז דער פּאָלעמישער זיתּוך־הדיבור איז שוין מחמת דעם ממשדיקערן, לעבעדיקערן רעזאָנאַנס, דאָ שאַרפער געווען ווי דאָרט.

ד

און אַזוי ווי מיר האַלטן שוין דערבײַ, דאַרף מען באַטאָנען דעם צד השווה. דאָרט, אין ניו־יאָרק, האָט ער געשריבן בלויז, אָדער כּמעט בלויז, ייִדיש כאָטש ער האָט מיטגעלעבט אַ יעדן פּיבער פון ישוב, זײַנע פּראָב־לעמען, זײַן ליטעראַטור, און האָט בעצם געלעבט אין אַ מין ארץ־ישׂראל־ענקלאַווע; דאָ, אין תּל־אָביב, האָט ער געשריבן בלויז, אָדער כּמעט בלויז, העברעיִש, כאָטש זײַן אינטערעס פאַרן ייִדישן אַמעריקע האָט ווײַטער אָנ־געהאַלטן; פּונקט ווי מען דאַרף באַטאָנען סײַ דעם איינעם צד השווה — דאָרט און דאָ האָט ער תּמיד געמאָסטן און געוויגן וואָס איז ממש און

וואָס איז אָנשטעל, וואָס אמת און וואָס בלאָף, און אַלץ מיט דער זעלבער, און אַפילו שטייגנדיקער, שאַרפקייט און פרישקייט; סײַ דעם אַנדערן צד השווה — די גרונט־עלעמענטן, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעפיקט אין גראָד־נער ייִנגל, און געבלימלט אין ניו־יאָרקער בחור און יונגערמאַן, און פול אויסגעצייַטיקט אין תל־אָביבער איש חכם ונבון: דער זיווג פון דעם דער־האַלטערישן — די ירושה פון היים און גאַס, שבת און וואָך, און פון דעם באַנייערישן — חדר מתוקן, העברעיִשע מאָדערנע, ארץ־ישׂראל.

יאָ, ער איז געווען אַ טאָפּל־שפּראַכיקער שרײַבער — מיר רעדן וועגן די היימישע שפּראַכן פון פאָלק — און דאָס איז אַ רײַכע, כּמעט אָפּגע־שלאָסענע פּרשה אין אונדזער, בעיקר מאָדערנער, ליטעראַטור. אָבער ער איז דאָ אַ באַזונדערער פענאָמען — ער געהער נישט מער צו די שרײַבער, וואָס האָבן גלײַכצײַטיק געשריבן איןביידע שפּראַכן, פאַר דער זעלבער, אָדער כּמעט דער זעלבער פּובליקע. די ערשטע צוואַנציק יאָר האָט ער געשריבן ייִדיש פאַר אַ באַזונדערן עולם, וואָס איז אַלע מאָל קלענער גע־וואָרן, און די אַנדערע פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער געשריבן העב־רעיִש, פאַר אַ באַזונדערן עולם, וואָס איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן, און דער חידוש איז, וואָס נאָך דעם ווי ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַן עלטערן און אַפילו אַלטן לייענער האָט ער דאָ, חוץ דעם כּלל עולם פון חסידים פון זייַן פּובליציסטיק — דערונטער די פּני פון דער ליטעראַטור און ווי‍סנשאַפט — זיך דערוואָרבן אַ שיכט פון יונגע לייענערס, דערונטער אַ פּאַלאַנגע פון אומקאָנפאָרמיסטישע שרײַבער, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער פּאַטראָן און זענען, נאָך זייַן פריצײַטיקער פּטירה, געווען פון זייַנע וואַרעמסטע אָפּשאַצערס.

ה

אָט די באַזונדערקייט מוז מען געדענקען בייַ יעדן פּרווו אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלייב פון זייַנע כּתבים, וואָס ער האָט בײַם לעבן נישט געטאָן. אַזוי ווי יעדער פּרווו דאַרף אָפּשפּיגלען זייַנע כּל־זײַטיקע ראָל און פונקציע, קען זיך אַ העברעיִשע אויסגאַב נישט באַנוגענען מיט זייַנע העברעיִשע חיבורים און מוז אויך אָנקומען צו זייַנע ייִדישע חיבורים, פונקט ווי אַ ייִדישע אויסגאַב קען זיך נישט באַנוגענען מיט זייַנע ייִדישע חיבורים און מוז אָנקומען צו זייַנע העברעיִשע חיבורים. און דאָ שטעלט זיך די שווערע קשיא: ווי איבערזעצט מען אַ מחבר וואָס איז געווען אַ בן־בית

איןביידע שפּראַכן, און האָט אין יעדער איינער פון זיי מאַניפּולירט לויט איר ייחוד, כאַראַקטער און אַסאָציאַציעס; און די קשיא ווערט נאָך האַר־בער, וואָס ער גופא איז געווען אַ פייַנער און סטריקטער איבערזעצער, און האָט זיך גערעכנט מיט יעדן וואָרט און קנייטש. איז עס אַ מזל פאַרן איצטיקן בוך, וואָס נעמט אַרום סיי אָריגינעל יידיש געשריבענע חיבורים, סיי פון העברעיש איבערגעזעצטע חיבורים, אַז עס איז אים בייַגעשטאַנען אַ מתרגם פון אַזאַ סאָרט און מדרגה, ווי עס איז שלמה שווייצער, וואָס די מלאכת־התרגום איז ביי אים אַ משפחה־זאַך (זייַן שוועסטערקינד, שלמה דיקמאַן — ביידע הייסן נאָך דעם זעלבן זיידן, און זייער פעטער אַברהם פראַנק) און האָט דאָס פּראָבלעם מיט פולער אַחריות און קענטשאַפט געלייזט.

און צולעצט: דאָס איצטיקע בוך — איז אַן אָנהייב; אויך די איצטיקע הקדמה — איז אַן אָנהייב.

[ט״ז חשון תשל״ד]

צווישן פסיכאָאַנאַליז און גענעטיק

צו גרשון סאַפּאָזשניקאָווס זוכענישן

א

אָמר המחבר: עס איז שוין אָוועק אַ היפּש ביסל צײַט, זײַט איך האָב מיר פּירגענומען אַרויסצוזאָגן ברשות־הרבים וואָס איך קלער וועגן גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, זײַן באַטײַט און גאַנג אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, ווי אַ טייל פון זײַן קולטור־באַנעם, בעסער געזאָגט, קולטור־פילאָסאָפיע. דער אינטערעס מײַנער אין זײַנע זוכענישן און געפינסן האָט זיך אָנגעהויבן, זײַט עס זענען, אונטער זײַן רעדאַקציע, אַרויס די דיקע יאָרביכער דער האָלץ־אינדוסטריאַל, וואָס זענען דערגאַנגען ביז בר־מיצווה און ווו ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס בריהשאַפט אין צוזאַמענשטעל פון אַ געקליבן בינטל מחברים, צווישן וועלכע עס האָבן אַ באַזונדער ווערטיק אָרט פאַרנומען זײַנע אייגענע אַרבעטן. אמת, מײַן אינטערעס איז נישט געגאַנגען אויף דער ליניע פון די אָפּרופן, וואָס האָבן אונטערגעשטראָכן די טאָפּעלע סענסאַציע, און אַפילו זיך דערלויבט די גוזמא צו רעדן וועגן אַ טאָפּעלן נס: ערשטנס, ייִדן פון דער מעבל־בראַנזשע אין בועניאָס־אײַרעס לאָזן זיך קאָסטן און עפענען זייערע קעשענעס אַרויסצוגעבן, יאָר־יערלעך, אַ וואָגיקן זשורנאַל; צווייטנס, דער רעדאַקטער נישט בלויז וואָס ער זאָרגט פאַר דער דאָזיקער וואָגיקייט, נאָר אַנטשיידט אויך לטובת איר מיט זײַן אייגענעם אָנטייל, וואָס איז אַ חידוש אין דער ליטעראַטור־קריטיק — אַ פּרוּוו פון סיסטעמאַטישן אָנווענד פון פסיכאָאַנאַליז לגבי איר.

ב

וואָס שייך דעם ערשטן נס — איז עס שכיח, אַז אַ גוט־סיטויִרטער יחיד אָדער אַ גוט־סיטויִרטע גרופּע, נעמט אויף זיך דעם עול אויסצוהאַלטן אָדער אונטערצוהאַלטן אויפטוען פון רוחניות, און מיר האָבן, אין אַלע דורות, ממשיך געווען, וואָס דער מדרש דערציילט וועגן זבולון, וואָס האָט געמאַכט גוטע געשעפטן און אויסגעהאַלטן זײַן ברודער יששכר,

וואָס האָט געלערנט תּורה. אמת, אַזוי אידעאַל, ווי דער מדרש שטעלט עס אַנידער, איז עס נישט תּמיד צוגעגאַנגען, אָבער אויך עפּעס ענלעכס דערצו איז אַ גרויסע זאַך, בפרט אין די לעצטע דורות, און בעיקר אין די גלותן, ווו די סכּנה פון אונדזער אייגענעם באַשטאַנד ווערט אַלץ גרע־סער, און זבולון זעט בחוש, ווי אונדזער אייגנקייט וואַקלט זיך, מכּוח דער אַסימילאַציע, ומכּוח געמישטע חתונות, וואָס לאָקערן אויף זײַן רײַכער היים; און אַ געמיש פון זײַן גוטן און שלעכטן געוויסן, באַוועגט עס אים צו זאָרגן פאַר ישׂשׂכרן וואָס קען אָפּראַטעווען די קינדער פון אַלע שבֿטי־ישׂראל. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך עס אָבסערווירט טאַקע אין בוענאָס־אײַרעס, זעענדיק ווי אַ דעמאָלט גוט־סיטויִרטע גרופּע, די קרעדיט־קאָ־אָפּעראַציע, טראָגט דעם עול פון דער קהילה, וואָס נעמט אַרום צענער טויזנטער, כאָטש דאָס שײַכות צו איר איז גרונטיק אַ וואָלונטאַרע. אמת, די עקאָנאָמישע קריזעס טוען זיך זייערס, אָבער בין־קריזע־לקריזע, האָט די תּורה, אָדער דאָס וואָס דער דור האַלט פאַר תּורה, אַ לײַטישן אָנשפּאַר.

ג

וואָס שייך דעם אַנדערן נס — איז פּסיכאָאַנאַליז נישט געווען קיין חידוש, מה־דאָך אַ חידוש־גמור, מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק. זיגמונד פרויד איז שוין מער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע און די יסודות פון זײַן תּורה האָט ער געלייגט נאָך מיט צוויי דורות צוריק, און דער רובֿ תּלמידים זײַנע האָבן זי פאַרשפּרייט און אויסגעבויט, און אַ טייל פון זיי האָבן זיך געלאָזט אויף אייגענע וועגן — סײַ אויבערגרונטיקערע, ווי אַלפרעד אַדלער מיט זײַן אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, סײַ אונטערגרונ־טיקערע, ווי קאַרל גוסטאַוו יונג מיט זײַן אַרכעטיפּן־פּסיכאָלאָגיע, און אויך דער אָנגעווענדטער פּסיכאָאַנאַליז, דאַרונטער בעיקר לגבי ליטעראַטור, וואָס פרויד גופא האָט אים באַגרינדעט, האָט זיך סײַ אויסגעברייטערט, סײַ פאַרטיפט, און האָט אויך אונדזער ליטעראַטור נישט איבערגעהיפּערט; אָבער אמת, אַז ער האָט זיך, נישט ווי אַ געלעגנטלעכער, לרובֿ זײַטיקער, באַנוץ אין אַ חיבור, נאָר ווי אַ קאָנסעקווענטע, צענטראַלע ריכטונג פון אַ מחבר, שפּעטלעך באַוויזן. אַזוי איז, אַ שטייגער, פאַליק לערנערס זאָג אַז אין סאָפּאָזשניקאָווס אַרבעטן, וואָס ער האָט צוזאַמענגענומען אין זײַן בוך פון די טיפענישן (1958) האָבן מיר צו טאָן מיט אַ שפּאָגל נײַעם אינסטרומענט אויף אַנאַליזירן ליטעראַטור־ווערק, אָדער בן־ציון ברוקערס

זאָג וועגן בוך שרײַבער און ווערק אין ליכט פון פסיכאָאַנאַליז (1969): אַ ליטעראַרישע סענסאַציע אין בוענאָס־אײַרעס — נישט מער ווי אַ גוזמא בעלמא. ענלעך וואָלט אויך געווען דער זאָג, אַז דער מחבר פון די צוויי ביכער האָט פאַר אונדזער ליטעראַטור אַנטפּלעקט דעם פסיכאָאַנאַליז און מיט רעכט האָט יצחק יאַנאַסאָוויטש, אין זײַן וואַרעמען אָפּשאַץ וועגן אונדזער מחבר דערמאָנט ישׂראל־יהושע טראַנק (טרונק), וואָס האָט געשריבן וועגן פסיכאָאַנאַליז און זיך מיט איר באַנוצט („אַ פסיכאָלאָגישע שטודיע וועגן ש. אַשס חוטער״, 1933), און אַז ווער עס וועט זיך נעמען די מי נאָכצוגיין פרוידס השפּעה אין אונדזער ליטעראַטור, וועט מסתּמא אָפּערירן מיט אַ סך מער נעמען. דאָס אַלץ וועט אָבער נישט משנה זײַן די עובדה, אַז סאַפּאָזשניקאָוו האָט פסיכאָאַנאַליז געמאַכט פאַר אַ ממשותדיקן, סיסטעמאַטישן און נאָרמאַטיוון דרך פון אויסטײַטש און אַרײַנטײַטש לגבי אַ גרויסער גרופּע פון רעפּרעזענטאַטיווע שרײַבערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און האָט דעם דרך אויסגעפּלאַסטערט מיט אַ פּאַסיקער עברי און אַ לאַפּידאַרן סטיל, געדענקענדיק תּמיד, אַז דער פאָטער פון דער שיטה, זיגמונד פרויד, איז געווען אַ גרויסער שרײַבער, און מעגלעך, אַז די וואָרטקינסטלערס זענען זײַנע רעכטע יורשים.

ד

אָט וועגן דעם גרשון סאַפּאָזשניקאָוו וואָלט איך שוין לאַנג געשריבן, ווען נישט צוויי אָפּהאַלטן. דער ערשטער אָפּהאַלט איז אַ סובייעקטיווער: די ראָל וואָס ער האָט געשפּילט אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, זײַענדיק דער ערשטער וואָס האָט זיך באַנוצט לגבי איר מיטן פסיכאָאַנאַליטישן מעטאָד אין זײַן טאָטאַלן פאַרנעם, האָב איך, בערך, געשפּילט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. וואָלט איך מיט עטלעכע יאָרן צוריק נאָכגעקומען דעם פּלאַן מײַנעם צו סקיצירן דעם דאָזיקן וועג מײַנעם, זײַנע סטאַנציעס און ראַנגלענישן, און דערקלערט פאַר וואָס איך בין אַרויף אויף דעם שטראָז און זײַנע שטעגן און שטעגלעך און פאַר וואָס איך האָב אים, נאָך יאָרן, פאַרלאָזט, וואָלט איך געקענט דעם לייענער פאַרווײַזן אויף מײַן ווידוי און ער וואָלט דערפון געקאָנט אָפּלערנען וואָס איז דער חילוק פון די צוויי באַזונדערע פּרוּוון — זײַנעם, ייִדיש אין אַרגענטינע און מײַנעם — העברעיִש אין ארץ־ישׂראל. איך קאָן דאָס, פאַרשטייט זיך, איצט נישט טאָן — און נישט ווײַל איך בין נישט מסוגל זיך

אַליין געגוג אָביעקטיוו צו באַהאַנדלען, דען באמת בין איך איצט אַזוי ווײַט פון מײַן אַמאָליקן האַביטוס, אַז איך קען אפשר צו אָביעקטיוו זײַן, אָבער נישט איך וויל און נישט איך מעג אָפּווײַכן פונעם צענטער פון מײַן איצטיקער עיקר־טעמע — גרשון סאַפּאָזשניקאָוו. וועל איך מיך באַנוגענען מיט אַ בינטל באַמערקן.

ערשטנס, אַזוי ווי ער איז פון מיר מיט פינף יאָר ייִנגער, איז אַ שפּע־טערער גאַנג און צוגאַנג זײַנער כּדרך־הטבע, אָבער באמת האַנדלט זיך אין אַן אַ סך גרעסערן צײַטאָפּשטאַנד. ווען ער האָט אָנגעהויבן פּסיכאָ־אַנאַליזירן האָב איך שוין געהאַט לאַנג, צוואַנציק יאָר פריִער, פאַרענדיקט, אַזוי אַז איך האָב זײַנע אַרבעטן געלייענט ווי אַ בעל־נסיון, אָבער שוין אַן עקספּסיכאָאַנאַליטיקער. צווייטנס, ער האָט אין זײַנע פאַרשונגען דער עיקר אַקטיוויזירט דעם עסיי, ווו ער האָט די כּלל־הנחות זייער גראַציעז פאַרוועבט מיט אילוסטראַציעס, בשעת איך בין בעיקר געגאַנגען אויפן וועג פון פאַדראָבנע דעטאַלן, פילאָלאָגישן אַנאַליז, און זעלטענער באַנוצט די עסיי. דריטנס, ער האָט דעם מעטאָד זײַנעם, ווו די קלאָר־דעפינירטע כּלל־הנחות פירן צום מאַטריאַל, באַנוצט לגבי אַ היפּשער צאָל פון באַקאַנטע שרײַבערס; איך האָב דעם מעטאָד מײַנעם, ווו דער מאַטעריאַל פירט צו די בכּיוון נישט קלאָר־דעפינירטע כּלל־הנחות, בפירוש באַנוצט נאָר לגבי צוויי שרײַבערס — ביאַליק און ברענער.

מעגלעך, אַז אין דעם וואָרט ב כּ י ו ו ן שטעקט טאַקע דער עיקר חילוק: כאָטש אַ גאָרשטש פּסיכאָאַנאַליטישע כּלל־באַגריפן און כּלל־טער־מינען זענען געוואָרן אַ וואָכנגאַנג, צום טייל מזומת ערנצטער השפּעה און צום טייל מחמת קאָקעטישער מאָדע, און די פּרעסע האָט דעם וואָכנ־גאַנג געמאַכט פאַר אַ מין טאָגגאַנג, האָט זיך אַ סטריקטער באַנוצער מיט דעם מעטאָד, געמוזט רעכענען מיטן באַוווסטן און נאָך מער אומבאַוווסטן אויפלען קעגן פּסיכאָאַנאַליז, אָבער ווען מען נעמט פאַרגלײַכן, ווי אַזוי דאָס איז, מיט יאָרן צוריק צוגעגאַנגען אין ירושלים און ווי אַזוי דאָס איז מיט יאָרן שפּעטער, צוגעגאַנגען אין בוענאָס־אײַרעס, זעט מען, אַז דאָ האָט מען זיך געמוזט, אַ סך מער ווי דאָרט, רעכענען מיט דעם דער־מאָנטן אויפלען קעגן עצם פּסיכאָאַנאַליז, וואָס אַנטפּלעקט אונדז וואָס איז פאַרבאָרגן אין אונדז, און וואָס ברענגט אונדז אין אַ מצודה: נישט מיר קענען דאָס פאַרלייקענען און נישט מודה זײַן, און ווי עס טרעפט זיך אין אַזוינע פעל: מיר מינימיזירן.

וואָס שייך דעם אויפלעבן און זײַנע אויסדרוקן האָט אים דאָך פּרויד אַליין פּירויסגעזען, פּירויסגעזאָגט און דערקלערט זײַנע טיפע סיבות, אָבער אויב סאַפּאָזשניקאָוו האָט שוין געקענט שפּילן אָפענע קאָרטן, האָב איך נאָך געמוזט זיי אײַנוויקלען אין בײַנוול. עס דאַרף אויך נישט בלײַבן אומדערמאָנט דער פאַקט, אַז ער האָט נישט בלויז זײַן סטאַרט נאָר אויך אַ היפּשן מהלך ווײַטער, געמאַכט אין אַ זשורנאַל ווו ער איז געווען אַליין בעל־הבית און איך האָב געמוזט אָנקומען צו אַנדערע בעלי־בתים, וואָס האָבן רעדאַקטירט צײַטונגען און זשורנאַלן. אמת, זיי זענען געווען פון די אשלי רברבי — בערל קאַצנעלסאָן (דבר), זלמן רובאַשאָוו (אחדות העבודה), פּישל לאַכאָווער (מאזנים), יעקב פּיכמאַן (ספר־ביאַליק), משה קליינמאַן (העולם), אָבער זיי האָבן זיך צום גאַנצן ענין באַצויגן בחינת כּבדהו וחשדהו, מיטן טראָפּ פון כּבדהו אויפן מחבר און מיטן טראָפּ פון חשדהו אויפן חיבור.

ה

ווי עס האָט בעצם אויסגעזען, לאָזט זיך אילוסטרירן מיט אַן אַנעקדאָט: אין אַ שמועס מיט צוויי פּראָמינענטע שרײַבערס — אליעזר־מאיר ליפשיץ און ש״י עגנון — זענען געקומען צו רייד מײַנע פּסיכאָאַנאַליטישע באַמיִען, האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן: פּסיכאָאַנאַליז, דאָס טאָר גאָרנישט אמת זײַן; דער אַנדערער ווײַטער האָט אַ זאָג געטאָן: עס איז מסתּמא אמת, אָבער איך גלייב נישט דערין. ומי לנו גדול כּביאַליק, האָב איך געהאַט די זכיה וואָס ער האָט מיך, אין אַ שמועס זײַנעם, דערמאָנט און געלויבט, האָט אָבער אונטערגעשטראָכן: אַ שאַד וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו אַ געוויסער עקסטרעמער שול פון פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז און גריבלערײַ, וואָס ברענגט צו אײַנזײַטיקייט און דקדוקי עניות. אַ ליטעראַריש שרײַבן, וויפל עס זאָל נישט אַרומנעמען מיט דער ברייטקייט פון ידיעות — דאָס גריבלעניש שרומפּט עס און דאַרט עס אײַן און עס ווערט אַ מין פּיצל אויסגעמאָגערט ודוק״ל, (מרדכי עובדיהו: מפּי ביאַליק, תש״ה, ז׳ פּ״ח). דערלויב איך מיר דערצו דרײַ באַמערקן פון הלכה־למעשה: ערשטנס, האָט ביאַליק דאָ מרמז געווען אויף אַ גראַם, וואָס דניאל לייבל האָט אָנגעמאָסטן מײַן פּסיכאָאַנאַליטישער מוטשעניגע: שטאָקל, שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן ודוק״ל; צווייטנס, ווען מען האָט בײַ אַ שרײַבער־געזעמל פּיר־געוואָרפן פּישל לאַכאָווער, פאַר וואָס ער האָט געדרוקט מײַן אַנאַליז וועגן

ברענגערס שפּראַך, האָט ביאַליק גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: פאַראַן אַ בחור וואָס באַציט זיך מיט דרך־ארץ צו אונדזער שפּראַך און אַלע אירע פּרטי־פּרטים, און איר גרייט זיך אים אָפּצושטויסן; דריטנס, נאָך דעם ווי ביאַליק האָט געלייענט מײַנע פאַרשונגען וועגן אים (אין מאזנים און ספר ביאַליק), און האָט פאַרשטאַנען אַז מײַן פעדאַנטישע פילאָלאָגיע איז אַ וואָלירטער פסיכאָאַנאַליז, האָט ער צו יעקב פיכמאַן אַ זאָג געטאָן: דער ממזר פאַרשטייט מער וויפל מען מעג (זע אין מײַן בוך בלשון מדבר בעדו, תשל״ב, ז׳ 57). פון דעסטוועגן האָב איך נישט זוכה געווען אַז מײַנע רעדאַקטערס זאָלן מיר זאָגן: יישר־כוח אָדער: אי אפשי. זיי האָבן געזען אַ יונגער־מאַן האַרעוועט, האָבן זיי אים געדרוקט; דער איינציקער פון זיי וואָס האָט געזאָגט אַ בפירושן יאָ איז געווען משה ביילינסאָן; דער איינציקער וואָס האָט געזאָגט אַ בפירושן ניין, איז געווען ר׳ בנימין. וואָס מײַנע עלטערע חברים האָבן געקלערט וועגן מײַן דעמאָלטיקן וועג, האָב איך געקענט אָפּלערנען פון דעם אַטאַק וואָס ס׳האָט קעגן מיר געמאַכט אַזאַ קאַפּיטאַלער און אַחריותדיקער שרײַבער ווי שלמה צמח, יאָרן נאָך דעם ווי מײַנע אַרבעטן האָבן זיך געהאַט געדרוקט און איך האָב מיך שוין געהאַט אומגעקערט פון מײַן דערמאָטערדיקן ירידה צו נאָך מער דערמאָטערדיקע ירידים.

ו

ווי אַנדערש איז געווען און איז די אַטמאָספער אַרום גרשון סאַפּאָזש־ניקאָווס פסיכאָאַנאַליטישע פּובליקאַציעס, וואָס זענען אַרײַן אין טאָוולען, בעיקר אין די צוויי ביכער וואָס שוין דער טיטל זייערער איז מכריז אויף זײַן בפירושער ריכטונג — אַמערשט אַ קאָפּ פאַרשלייערט, פון די טיפע־נישן, וואָס איז פאַר זיך אַליין אַ פסיכאָאַנאַליטיש שטיקל חריפות.

ערשטנס, איז עס דאָך דער טײַטש פון וואָרט: ממעמקים, אַ פאָרעם וואָס געפינט זיך בלויז איין מאָל אין גאַנץ תנך און איז גאָר פּאָפּולער, ווײַל עס הייבט אָן אַ קאַפּיטל תהלים וואָס איז אַרײַן אין דאַווענען און ווערט, בעיקר יום־כיפור, געזאָגט מיט אַן אויפשווידערדיקן עקסטאַז: ממעמקים קראתיך ד׳, וואָס עלטערע טײַטשערס ברענגען עס אין לשון יחיד — יוסף וויצנהויזן דרך פשט: פון דער טיפניס האָב איך דיך גאָט גירופן; ר׳ יקותיאל בליץ ווײַטער דרך דרש: אויש טיפטע דאש הערצן טוא איך רופין צו דיר, כאָטש די מפרשים גייען זיך דאָ פונאַנדער —

תּרגום יונתן האַלט עס פֿאַר אַ ליד וואָס מען האָט געזאָגט וועגן יענע וואָס זענען אַרויף פֿונעם תּהום; ר׳ אַברהם אבן עזרא האַלט, אַז מען מיינט דאָ דאָס פֿאָלק ישׂראל, ווײַל עס איז אין גלות אין דלות און שיפֿלות. דעסגלײַכן ר׳ דוד קמחי וואָס זאָגט: ער האָט פֿאַרגליכן דעם גלות צו די טיפֿענישן פֿון ים; אַזוי אויך ר׳ מנחם המאירי, וואָס האַלט עס פֿאַר אַ ליד וועגן בני הגלות אין אַנהייב פֿון גלות; און פֿון די שפּעטערע — מצודת דוד: מתוך עומק הצרות קראתיך ד׳, טײַטש: פֿון דער טיפֿעניש פֿון די צרות האָב איך דיך גערופֿן, משמע ער רעדט לשון־יחיד, בשעת יהואָש היט סטריקט אָפּ דעם לשון־רבים: פֿון די טיפֿענישן רוף איך דיך, גאָט.

צווייטנס, צו דער פּסיכאָלאָגיזאַציע פֿון די טיפֿענישן, ווי מיר האָבן זי בײַ ר׳ יקותיאל בליץ, זע ר׳ יצחק חיות אין זײַן פּירוש צו תּהלים: ממעמקים ר״ל ממעמקי הלב ר״ל במחשבה קראתיך יהוה שם המיוחד אני מחשב בעמקי הלב, אבל בקריאתו בקול אני קורא שם אדוני, טײַטש: פֿון די טיפֿענישן, משמע פֿון די טיפֿענישן פֿון האַרצן, משמע אין געדאַנק האָב איך דיך גערופֿן מיטן באַזונדערן שם הויה, אָבער אַנרופֿנדיק אויפֿן קול רוף איך דעם נאָמען אַדושם. די פּסיכאָלאָגיזאַציע איז נישט סותר דעם פּירוש וואָס גייט אָן, אַז עס איז אַן אָנזאָג צו בויען די שולן אַזוי, אַז מען זאָל דאַרפֿן אַראָפּגיין אַ סך טרעפּ און דאַווענען ממעמקים, פֿון דער טיפֿעניש, — כאָטש באמת איז עס געשען מחמת דער גזירה פֿון די גויִים, אַז די שול זאָל נישט זײַן העכער פֿון זייער קלויסטער, און אויך דאָס איז אַ לאָקעטקע פֿאַרן פּסיכאָאַנאַליטיקער.

דריטנס, ממעמקים גייט אויף דער ליניע פֿון פֿרוידן גופֿא, וואָס האָט פּסיכאָאַנאַליז אויך אָנגערופֿן מיטן נאָמען Tiefenpsychologie וואָס האָט צו טאָן מיט דער אַסאָציאַציע פֿון תּהום — עס איז דער באַנוץ מיט ווערגילס זאָג: ,Flectere si nequeo superos, Acheronta movebo משמע: אויב איך קאָן נישט צוווענדן די אייבערשטע [געטער], וועל איך באַוועגן דעם אַכעראָן [=דער טײַך דורך וועלכן די נשמות פֿון די מתים ווערן געפֿירט אין אָפּגרונט פֿון דער אונטערוועלט]. אין דעם באַנוץ פֿון דעם דאָזיקן זאָג ווי אַ דעוויז, באַגעגענען זיך דרײַ ייִדן — פֿרויד, וואָס שטעלט אים ווי אַ מאָטאָ פֿון זײַנע לעקציעס; פֿאַר אים לאַסאַל, וואָס האָט אויפֿגערודערט די סאָציאַלע טיפֿענישן, דעם פּראָלעטאַריאַט; נאָך אים הערצל, וואָס האָט אויפֿגערודערט די נאַציאָנאַלע טיפֿענישן, די אָרעמע ייִדישע מאַסע.

איך ווייס נישט אויב סאַפּאָזשניקאָוו האָט באַמערקט די באַגעגעניש ווען ער האָט געזוכט אַ נאָמען פאַר זײַן בוך, אָבער איך דערמאָן עס, ווײַל אַזאַ באַגעגעניש איז פירגעקומען בײַ אים גופא, און עס כאַראַקטעריזירט זײַן אייגענעם, דרײַשטעיקן גאַנג, וואָס זוכט זיך צו סינטעטיזירן.

ז

און דאָ קום איך צום אָביעקטיוון אָפּהאַלט מײַנעם, וואָס האָט זיך מיר געשטעלט און שטעלט זיך מיר נאָך אין וועג אין מײַן פאַרלאַנג סאַפּאָזשניקאָווס געשטאַלט און וועג וואָס אויסשעפּלעכער צו באַנעמען. און ווידער אַ מאָל מוז איך מיך באַנוצן מיט מיר ווי אַ משל צום נימשל. בשעת פּסיכאָאַנאַליז איז געווען מײַן ערשטע סטאַנציע אין שפּראַך־ליטעראַטור־קריטיק (זינט 1926), איז עס בײַ סאַפּאָזשניקאָוון בפירוש די צווייטע סטאַנציע. ווען ער, אַ פּינסקער בחור, האָט זיך, אין צוואַנציקסטן לעבנסיאָר, געלאָזט קיין אַרגענטינע, האָט ער הינטער זיך געהאַט לימודים אין ווילנער ייִדישן לערער־סעמינאַר, וואָס מיינט, אַז ער האָט זיך, אין נאַציאָנאַלן זינען, געכאָוועט אין גײַסט און אַטמאָספער פון אַ פּרינציפּיעלן און פּראַקטישן צוגאַנג, ווו ייִדיש האָט נישט בלויז געהאַט די שפּראַכלעכע סופּרעמאַציע, נאָר אויך דעם שפּראַכלעכן מאָנאָפּאָל. איך ווייס נישט וואָס עס איז געווען פ א ר ן סעמינאַר, צי איז נאָך געווען אַ חדר. פון זײַנע שריפטן ווייט נישט קיין בולטע גירסא־דינקותא. די לעקטור פון זײַנע מאמרים און ביכער, און איך האָב עס געטאָן אות באות, ווײַזט בפירוש אַז ער האָט דאָס מאַנקאָ, אויף וויפל ער האָט עס געוואָלט און געמוזט פילן ווי אַ מאַנקאָ, געוואָלט אויסגלײַכן. אָבער עס בלײַבט אַ ספק, אויב ער האָט זיך דערשלאָגן צו ערשטע מקורות אין לשון־קודש, אַזוי אַז ער האָט געמוזט אָנקומען צו אומדירעקטע, פאַרמיטלערישע כלים. אַ ראַיה דערצו האָבן מיר אין זײַן אײַנציקער אַרבעט וועגן אַ העברעיִשן שרײַבער, ש״י עגנון, וואָס איז אַרײַן אין זײַן צווייטן בוך. ער ווײַזט דאָרט אַרויס אַ לײַטישן אָריענטאַציע־חוש, אָבער ווי עס זעט אויס, אַז אָן אַ נאָבעל־פּרײַז און אָן אליעזר רובינשטיין וואָלט עס נישט געגאַנגען. און עס איז, אַגב, אַן עדות פאַר זײַן פײַנער אינטויִציע, וואָס ער האָט אויך דורכן שלייער פון איבערזעץ אַ סך געזען, כאָטש נישט אַלץ דערזען. צו דער אינטויִציע געהערן אויך זײַנע באַמערקן וועגן עגנונס שפּראַך, אָבער פאַר

אַן אמתן אַנאַליז איז אויך דער בעסטער טראַנסלאַטאָר נישט גענוג; דאָ מוז מען בפירוש אַנקומען צום אָריגינאַל.

אָבער דאָס איז שוין די טראַגעדיע פונעם דור מיט זײַן טאָפּעלער שפּראַכלעכער אָפּגעפרעמדטקייט — דער העברעיִשער שרײַבער וואָס קען קיין ייִדיש בוך נישט לייענען; דער ייִדישער שרײַבער, וואָס קען קיין העברעיִש בוך נישט לייענען.

מיר האָבן די דאַזיקע ביאָגראַפישע עובדה אונטערגעשטראָכן ווי אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך אין דער באַהאַנדלטער ביאָגראַפיע, צו וועלכער מיר קערן זיך אום, כּדי צו ציטירן וואָס לייב וואַסערמאַן האָט וועגן אים אין לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור: „אַ צײַט געוועזן לינק געשטימט און געשריבן אין די אַרגענטינער לינקע זשורנאַלן מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק". מוז איך מודה זײַן, אַז איך האָב נישט געזען דערפון קיין תּמונת־אות, און איך האַלט עס פאַר מײַן גרויס מאַנקאָ, נישט בלויז דערפאַר וואָס אויב עפּעס מאָדיפיצירן אַ באַרימטן זאָג: אַז דעם מאין באת פאַרשטייט מען נישט דעם ולאן אתה הולך, און איך וואָלט בפירוש געדאַרפט דורכקאָנטראָלירן, לפּחות אַ היפּשן טייל פון יענע חיבו־רים, וואָס זענען נישט אַרײַן און וועלן מסתּמא נישט אַרײַן אין בוכ־טאָוולען, בעיקר ווײַל עס קומט מיר פיר, אַז ער האָט פון זײַן פריִערן מאַרקסיסטישן אײַנשטעל אַריבערגעבראַכט אַן אידעיִשן און מענטאַלן עלעמענט, וואָס האָט זיך אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זײַן שפּעטערן פּסיכאָ־לאָגישן אײַנשטעל, פּונקט ווי פון זײַן שפּעטערן פּסיכאָלאָגישן אײַנשטעל האָבן זיך עלעמענטן אַריבערגעטראָגן אין זײַן איצטיקן גענעטישן אײַנ־שטעל — עדות פון אַן אייביקן זוכער, וואָס ראַנגלט זיך צו באַשיידן דאָס רעטעניש פון דעם ייִדן, ווי אַ יחיד און אַ כּלל, זײַן גורל און אַנטשייד, מהות און שליחות, קיום און שאַפן. מעגלעך, אַז עס האָט שוין געדעמערט אין זײַן ערשטן פּעריאָד, דעם מאַרקסיסטישן, וואָס מיר קענען אים נישט, אָבער מיר מעגן אָננעמען אַז פון דאָרט האָט ער אַריבערגעבראַכט דעם דגש פון זײַן סאָציאַלן אויפברויז און פון זײַן אײַנגעבוירענעם עטישן פּאַטאָס; אָבער עס ווערט קלאָרער אין זײַן צווייטן פּעריאָד, דעם פּסי־כאָלאָגישן, בעיקר נאָך דעם וואָס ער האָט גובר געווען די פּרעטענזיע פון דער דאַזיקער שיטה זיך נישט צו באַנוגענען מיט דער ראָל פון אַ מיטל, און פאַרלאַנגען צו זײַן נישט בלויז אַ תּכלית, נאָר דווקא דער תּכלית. גענוג צו פאַרגלײַכן דרײַ ערשטע אַרבעטן אין זײַן ערשטן בוך —

וועגן לאַמעד שאַפּיראָ, יונה ראָזענפעלד און שלום אַש — כּדי צו זען, ווי דער אַנאַליטיקער האָט זיך אויסגעלערנט צו זען דעם פּסיכאָאַנאַליז פֿון די באַהאַנדלטע צענטראַל־קאָמפּלעקסן, נישט וואָס ער וואָלט געוואָלט זײַן, אַ תּכלית, נאָר וואָס ער דאַרף אין אַ ברייטערן היסטאָריש־אַקטועלן פֿאָלקסראַם צו זײַן — אַ מיטל אויף צו באַלײַכטן זײַנע געהיימע פּראָצעסן. אייגנטלעך טראָגט בלויז דער ענין יונה ראָזענפעלד אַ ריין פּסיכאָלאָגישן חותם. עס האַנדלט זיך דאָ צו באַווײַזן ווי אַרום אַ געניאַלער פֿאָרשער ווי פֿרויד איז אין אַ פֿאָרשעריש־קליניש באַמי באַוווסט דערגאַנגען צו דעם זעלבן באַנעם, צו וועלכן עס האָט זיך אינטויִטיוו דערשלאָגן אַ פֿון אים מיט פֿיר און צוואַנציק יאָר ייִנגערער, נישט איבעריק געבילדעטער בעל־מלאכה, ווי עס איז געווען אונדזער דערציילער. מיר האָבן דאָ בפֿירוש צו טאָן מיט אַ וועלט פֿון אַ יחיד, וואָס וויפֿל זי זאָל אין פּסיכישער געשטאַלטונג נישט דעטערמינירט זײַן פֿון דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע גורמים, האָבן זיי נישט צו טאָן, מיט וואָס עס האָט צו טאָן סײַ די וועלט פֿון לאַמעד שאַפּיראָ, ווו דער גורל פֿון יחיד אין זײַן דור טרעפֿט זיך אַקוט צוזאַמען מיטן אַקטועלן גורל פֿון פֿאָלק, דעם גלות־פֿאָלק, סײַ די וועלט פֿון שלום אַש, ווו דער גורל פֿון יחיד שטויסט זיך צוזאַמען מיטן גורל פֿון פֿאָלק אויף אַן אַקטועלן און היסטאָרישן לאַנגן וועג פֿון רוב דורות. אָבער אויך בײַ דעם שאַרפֿן חילוק לגבי יונה ראָזענפעלד, צו וועלכן מען וואָלט געקענט צושטעלן אַן אַנאַליז פֿון א. מ. ווײַסענבערג און אַ. מ. פֿוקס, וואָס זייער אינטויִטיוו יכולת באַשענקט זיי מיט אַ פֿאַרבליבפֿנדיקער, כּמעט סאָמנאַבולישער זיכערקייט פֿון אַן אַרײַנדראַנג אין די באַהאַלטענע קעמערלעך פֿון דער מענטשלעכער פּסיכע — האָבן מיר נישט צו טאָן מיט אַ פּסיכאָאַנאַליז לשם פּסיכאָאַנאַליז.

ח

כּדי דאָס אויסצובולטן, איז כּדאַי דורכצולייענען דאָס שפּאַנענדיקע דײַטשישע בוך פֿון דער ייִדיש־לינגוויסטין זשין יפּהן: Das lezte Geheimnis, אַ פּסיכאָלאָגישע שטודיע וועגן די ברידער גערהאַרט און קאַרל האַופּטמאַן (בערן 1972), ווו עס ווערט אין אַ ממש איבערשרעקנדיקער שפּע פֿון הונדערטער־הונדערטער ציטאַטעס פֿון זייערע ווערק, באַוויזן, וויאַרום דער פֿון ביידע צעאַמפּערטע ברידער בשותּפֿותדיקער מוטער־קאָמפּלעקס לאָקערט כּמעט אויף יעדן אָטעם און באַוועג פֿון זייער

שרײַבן, אַזוי אַז מען קען זיך נישט אָפּווערן פונעם רושם, אַז כמעט אַ־יעדע שורה איז נישט מער ווי אַ מאַנעקין אין די הענט פון זייער קאָמפּלעקס. אַזוי זעט עס, לויט דעם באַהאַנדל, אויס אין אונטערבאַוווסטן, בשעת אין באַוווסטן האָבן מיר צו טאָן מיט זייער קינסטלערישן דערגרייך און זײַנע מדרגות. אָבער דער אַנאַליז קומט בעצם נישט דערצו, ווײַל ער איז פאַרנומען מיטן אַנטפּלעקן אַז פרויד אמת ותורתו אמת, און אויספּיעט נישט צו אַנטפּלעקן אַז די ביידע האַופּטמאַנס אמנות ותורתם אמנות.

לא כן גרשון סאַפּאָזשניקאָוו. ער ווייסט גאַנץ גוט און באַווײַזט גאַנץ פײַן, ווי אַרום קלייניקייטן שטעלן זיך פסיכאָאַנאַליטיש אַרויס ווי גרויסקייטן; ברענגט ער דאָך אין נאָמען פון פרויד דוגמות, ווו אַ קליינער שינוי פון אַ וואָרט אָדער אַ זאָג, ברענגט צו זיין כביכול שפּילערישן טאָפּלן באַטייט, אין וועלכן עס אַמפּערן זיך צוויי סותרדיקע כוונות, אַן אָפענע און אַ געהיימע, האָט עס דער לאַפּסוס אויסדערציילט. אָבער ער, סאַפּאָזשניקאָוו גופא, האָט מיר אַ מאָל שלמה ביקל, אין אַ שמועס וועגן אים געזאָגט, מאַכט עס נישט פאַר אַ וואַזשנעם, לא־כל־שכן אַנטשיידנדיקן וועהיקל אין זײַן אַנאַליטישן אַרויספאָר. און ער, ביקל, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין פסיכאָאַנאַליז, אָבער נישט פאָכאָפּנע אויף איר (פאָרט אַ תלמיד פון קאַרל קראַוס, וואָס איז געווען אַ שונא־פסיכאָאַנאַליז, האָט מיר דערלאַנגט אַ דוגמה: סאַפּאָזשניקאָוו רעדט, אין זײַן עסיי וועגן יונה ראָזענפעלד, אַרום דעם עלנט פון אַ פאַרזעסן, עדיפּאַל־פאַרקראַמפּטן מיידל, וואָס דער טאַטע וואַרפט איר צו אַ באַרנע, וועלכע ווערט פאַר איר אַ סעקסואַלער סימבאָל, און זי פּיעשטשעט זי און באַגראָבט זי; אין אַ געמיש פון באַוווסטזײַן און אומבאַוווסטזײַן, אידענטיפיצירט זי די באַרנע מיט אַ ייִנגל, בערעלע, מיט וועלכן זי האָט זיך געליבט און ער איז דערטרונקען געוואָרן. ראָזענפעלד — האָט ביקל געזאָגט — זאָגט באַרנע — בערעלע; איז טאַקע דאָ אַ פאָרעם באַרנע, און איך ווייס נישט צי דער דערציילער האָט זי פון טשאַרטאָריסק, אָבער דער אַנאַליטיקער וואָלט באַדאַרפט דערמאָנען די פאָרעם: באַר, און אויסבולטן די פאַרבאַרגענע אײַדענטישקייט: באַרעלע — בערעלע. האָט טאַקע ביקל געשריבן וועגן סאַפּאָזשניקאָוו (אַרײַן אין דריטן באַנד שרײַבער פון מײַן דור, 1970, זז׳ 170—173). ער דערמאָנט די ראָשי־המדברים וואָס זענען אויך די ראשוני־המדברים אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, בעל־מחשבות, וואָס ער לאָזט אים גיין פון טען, און ניגער פון סען־בעוו, זעט זיי אָבער

שוין ווי וויַטע קרובים פון פרויד, בשעת היַינט איז שוין נישט מעגלעך אַ קריטיק וואָס זאָל זיך נישט אָנקערן ערגעץ ווו מיט פרוידן; און סאָ־פּאָזשניקאָוו איז, אין אונדזער קריטיק, זייַן נאָענטסטער קרוב. אָבער עס איז פּיקאַנט, אַז דערמאָנענדיק דעם מיידלס באַרנע ברענגט ער אין קלאַ־מער אַ באַמערק, אַז אין זיַינע, ביקלס, קאַנטן („ביַי אונדז") האָט מען געזאָגט: באַר, און איך האָב, לויטן דערמאָנטן שמועס, פאַרשטאַנען דעם רמז.

ט

יאָ, סאַפּאָזשניקאָוס צענטראַלער אינטערעס אַנטפּלעקט זיך צומערשט, באַשיידלעך און באַטיַיטלעך, אין זיַין אַרבעט וועגן שלום אַש, וואָס האָט „מיטן שטורמישן אימפּעט פון זיַין שאַפערישער נאַטור געזוכט קינסטלע־ריש צו קאָנצענטרירן און אַנטפּלעקן דעם זין פון יידישן גורל און די נשמה פון יידישן מענטשן" (פון די טיפענישן, ז' 127). דער פּסיכאָאַנאַלי־טישער אויפטו דאָ באַשטייט אין אויפדעקן פונעם דערציילערס גרונט־אַגענס, דעם מוטער־קאָמפּלעקס, וואָס באַשטימט נישט, אָבער געשטאַל־טיקט דאָס זוכעניש און נאָך מער דאָס געפינס. און די קריטיק האָט טאַקע געפרעגט, און אַוודאי פרעגט זיך, צי איז איין, זאָל זיַין גרונטיקער ביאָ־גראַפיש־פּסיכאָלאָגישער קאָמפּלעקס געצוג, צו דערקלערן אַזאַ פּאָליטע־מאַטישן דערציילער ווי אַש, וואָס האָט געלאָזט זיַין גרויסן עפּישן אַפּעטיט דורכשפּאַנען די גאַנצע לענג און ברייט פון דור און דורות, און בעיקר צי די ראַיות פון אונדזער קריטיקער זענען געצוג דערצו, אַפילו אויב ער שטאַפּלט נישט אָן אַזאַ באַרג דעטאַלירטן באַוויַיז־מאַטעריאַל, ווי עס האָט געטאָן די מחברטע פון דער דערמאָנטער שטודיע וועגן די ברידער האָופּט־מאַן. בפרט אַז ער בויט נישט אַזוי אויפן דעטאַל און אויך אין דער אַש־עסיי לאָזט ער אים נישט אויס, ווי עס וואָלט אַ דעטאַל־אַנאַליטיקער געטאָן.

די גרויסע כּלל־ליניע וויַיטער פירט ווי ממילא דעם מוטער־פיקסירטן דערציילער צו אַ ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש, אַ שלום צווישן פאָלק און פאָלק, אַן אויסגלייַך צווישן רעליגיע און רעליגיע, און דערינען זאָל אויך שטעקן די סיבה, פאַר וואָס ער איז דערגאַנגען, אָדער אפשר אַפילו געמוזט דערגיין, צו זיַינע עוואַנגעלישע ראָמאַנען, און זיך געדאַנקלקעך, מענטאַל און קינסטלעריש, אין יענער היסטאָרישער תקופה אַריַינלעבן און

אַפילו זיך אַליין אין איר אויסלעבן. אַגב, פּרוּוונדיק באַוויַיזן, אַז מירקין איז אַ בפירושער alter ego פון אַשן, באַמערקט סאַפּאַזשניקאָוו, אַז מיר־קינס גײַסטיקע קרובים אין די אַנדערע ראָמאַנען — זענען מישאַ, מיסטער סטאַון, מאַטקע גנב, דער תּהלים־ייִד, גראָסמאַן און אַפילו דער נוצרי. עס קומט, לויט אונדזער קריטיקערס קאָנצעפּציע אויס, אַז די אומבאַוווסטע קאָמפּאָנענטן פון אַשס פּסיכישן יסוד און וווּקס דעטערמינירן זײַנע טעמעס און נפשות און זייער באַוווסטן קינסטלערישן אויסבוי, ווײַזט אונדז, ווו און ווי אַזוי ער זעט זיך גופא, סײַ אין אַקטואַלן סײַ אין היסטאָרישן ראָמאַן, סײַ אין ממשדיקע פיגורן, און צווישן די ממשדיקע זענען בולט: אין נאָענטן דור דער תּהלים־ייִד און אין ווײַטן דור אותו איש, און ביידע זענען זיי צו ענלעך אין אַשס באַנעם און באַשרײַב, אַז ער זאָל נישט האָבן אין זיי געזען אַ ביז־אין־שפּיץ געטריבענע אויטאָאידעאַליזאַציע, וואָס האָט במילא איבערגעהיפּערט זײַנע מענטשלעכע שוואַכקייטן, צו וועלכע עס האָט בפירוש געהערט דער יצר־הגעלטונג, און וואָס האָט אים צוגערעדט, לגבי דעם תּהלים־ייִד, צו זאָגן, וואָס ייִדן ווילן הערן און לגבי אותו איש, צו זאָגן וואָס גויִים ווילן הערן.

אָט די דעפיניציע האָב איך געהערט פון יוסף אָפּאַטאָשו אויף מײַן באַמערק, אַז אַש, אין זײַנע עוואַנגעלישע ראָמאַנען, שטאָט צו שרײַבן ווי אַ ייִד דאַרף זאָגן די גויִים, האָט ער געשריבן ווי די גויִים ווילן פון אַ ייִדן הערן. עס איז געווען אין אַ לאַנגן יום־כּיפּור־שמועס, ווען מיר האָבן אין תּל־אָביב טועם געווען, ווי ער האָט געבעטן, הונדערט מיני דאַוונען. אויפן וועג איז אויסגעקומען צו דערמאָנען דעם נאָבעל־פּרײַז פאַר ליטעראַטור, האָב איך דערציילט, אַז דאָ האָט מען זיך געוואַקלט צווישן דער קאַנדידאַטור פון זלמן שניאור און ש״י עגנון; האָט ער געזאָגט: קומען קומט דער נאָ־בעל־פּרײַז שלום אַשן, נאָר אַזוי ווי זײַנע מליץ־יושרס וועלן אויך זײַן אָפענע און פאַרשטעלטע מיסיאָנערישע אינסטיטוציעס, וואָס וועלן בעיקר אַרויסרוקן זײַנע ברית־חדשה־ראָמאַנען, איז שוין בילכער די קאַנדידאַטור פון ש״י עגנון.

אָבער סאַפּאַזשניקאָוו האָט, בדרך־כּלל, אויסגעמיטן די פּאָלעמיק, וואָס איז אָנגעגאַנגען לגבי די דרײַ ראָמאַנען, און האָט זיך באַנוגנט מיט אַ קורצן באַמערק, אַז אייניקע זאָגן אַזוי און אַנדערע זאָגן אַזוי, און דער איינציקער ממשדיקער אָפּקלאַנג פון די שאַרפע אַטאַקעס קעגן מחבר פון די דרײַ ראָמאַנען איז אונדזער קריטיקערס אַ זאָג, אַז ערטערווײַז זענען

אַשס סימבאָלן אָנגעקליידט אין אַ ווילד־פרעמדן נישט־ייִדישן לבוש, נישט פרעגנדיק פאַר וואָס ער האָט עס געטאָן. אַז מען דאַרף דאָס נישט טאָן, וואָלט ער, סאַפּאָזשניקאָוו, געקנט אָפּלערנען פון צוויי גרויסע דערציי־לערס אין אונדזער דור — א. א. קאַבאַק אין זײַן ראָמאַן במשעול הצר און חיים הזז אין אַ טאָרסאָ פון אַ ראָמאַן — דער ערשטער איז אַרויס און נישט געוואָרן קיין וועלט־בעסטסעלער און דער אַנדערער, ווען ער וואָלט אין גאַנצן אַרויס, וואָלט ער עס אויך נישט געוואָרן, און ביידע זענען קינסטלערישע, פולקומענע קאָנקורענטן פון אַשס עוואַנגעליע־טרי־לאָגיע.

י

ביי סאַפּאָזשניקאָווס באַהאַנדל פון אַ האַרטער נוס ווי אַ ווייך איי פרעגט זיך שוין ממילא נישט די קשיא, פאַר וואָס האָט אַש געמוזט טאָן וואָס קאַבאַק און הזז האָבן נישט געוואָלט טאָן, אַזוי אַז די סברה וועגן יצר־הגעלטונג פון איינעם, וואָס האָט זיך אַליין נאָמינירט ווי אַ ציר בגויים, ווערט כּלל נישט גענומען אין חשבון, לאַ־כּל־שכּן די קשיא, צי איז טאַקע אַשס וועג כּולו און אַפילו רובו אויפשטייַג.

און דאָ זאָל מיר דערלויבט זײַן ברענגען אַן איפּכא מסתּברא — יעקב שטיינבערג אין זײַן קליינער עסיי שלום אַש (כּל כּתבי, דביר, תשי״ט, זז׳ תכט—תל) זאָגט דאָרט וועגן אַשן, אַז „ער האָט אָנגעהויבן מיט טאַלאַנט און הצלחה. נאָך צוויי־דרײַ נאָוועלעס, איז ער געוואָרן דער אַברך־השעשועים פון דער יונגער ייִדיש־ליטעראַטור. ליטעראַטן — ווי ס׳איז באַוווּסט — זענען מצליח נישט בלויז לויטן צוזאַמענפּאַס פון זייער טאַלאַנט; אויך אין תּחום פון דער ליטעראַרישער שאַפונג אַנטשיידט צו־מייסט, לגבי דער הצלחה, נישט די פעיִקייט פון דעם שרײַבערס פען, נאָר אויך דער אויגן־פאַרנעם פון דער אַקטיווער פערזענלעכקייט. פאַראַן מענטשן, וואָס ווייסן לייכט צו אַנטפּלעקן דאָס וואָס איז בשותּפותדיק טײַער פאַר די מענטשן וואָס אַרום זיי; אויך אַש האָט פון אָנהייב אָן מכוון געווען זיין שאַפערישן אויפטו צו זאַכן, וואָס זענען מסוגל זיך מיט איין מאָל אײַנצוקויפן די הערצער, אָדער — אויב עס באַצייכענען מיט אַן איי־דעלן זאָג — צום בשותּפותדיקן מזל [=שטערן] פון זײַנע מיטצײַט־לערס — —״. שטיינבערג צייכנט, אין שאַרפע שטריכן, די הצלחה פון אַשס גאַנג וואָס איז געווען די ערשטע פּאָעטישע גענעראַליזאַציע אין

יידיש און דער לייענער „וואָס האָט צום ערשטן מאָל באַקומען אַ סימ־באָל, משמע: דעם שטאָלץ פון לעבן, וואָס נעמט זיך פון לייענען ביכער, האָט ממילא געגומען ליב האָבן אָט דעם שרײַבער און אים האַלטן גרויס. אָבער מכוח דער פּאָעטישער גענעראַליזאַציע האָט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, דער שרײַבער אַליין דערהויבן: ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שטרויכל, פאַר קאָמישקייט, פאַר אומצופּאַסיקייט; די כּוונה פון זײַנע באַשרײַבונגען איז געווען צו אַ מאָסע זאַכן מיט איין מאָל; און דאָ איז די גוזמא תּמיד אַ מין נײַער אמת — ענלעך צום ערשטן אמת פון יונג־קייט און יינגלישקייט — — און עס זענען אַוועק בלויז ווייניק יאָרן — און שלום אַש האָט נישט געפעלט מער ווי דער נאָמען. זײַן עיקר לי־טעראַרישער מזל איז שוין געווען אויסגעפּאַרטיקט און באַשטאַנדיק. ער האָט דעם גרויסן געזעמל פון זײַנע דערציילונגען אַ נאָמען געגעבן דאָס שטעטל — און מיט איין מאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער נײַער יונגער־מאַן פון פּוילישן קוטנע האָט מיט אַ װוּנדערלעכער אויסדרוק־קלאָרקייט אָנגערופן דעם נאָמען פון באַשיידענעם מזל פון זײַנע בני־דור. אַ גרויס האַרציק פאַרשטאַנדעניש האָט זיך ווי אַן עכאָ, אָפּגערופן אויפן קלאַנג פון דעם טײַערן נאָמען: שלום אַש איז, ווי אין איין שעה, כּמעט געוואָרן ווי אַ באַזונדערער באַשאַף, אַ געשטאַלט פון אַ שרײַבער, וואָס לײַדט נישט קיין חסרון און לאָזט זיך אַפילו נישט פאַרגלײַכן. אַפילו ח. נ. ביאַליק איז נאָך דעמאָלט געווען פאַרשפּאַרט אין תּחום פון דער ליבשאַפט פון איינצלנע און פאַרערונג פון איינצלנע — — דאָס בוך דאָס שטעטל — — האָט אויף אַלע זײַנע לייענערס אויסגעגאָסן פאַרשיכּורטקייט. טרויער און שטאָלץ. דאָס איז דאָס זיסע בוך אין יידיש, אַ צווילינג־ברו־דער פון אהבת ציון אין העברעיש, איינס פון די ביכער וואָס ווערקן אויך אויף די געקליבענע לייענערס ווי אַ גוואַלדיקע חניפה. די פאַרערונג פון די מאַסן קויפט מען זיך לײַכט אײַן, אויסשטעלנדיק זייערע גרויסע זינד: מען ברענגט די מוסר־הערערס דערצו זיי זאָלן קענען שטוינען איבער זיך אַליין; אָבער פאַראַן אַ נאָך זיכערער וועג מצליח צו זײַן: אַנטפּלעקן פאַר די מאַסן זייער גרויסע צידקות. אַש׳ס בוך האָבן די לייענערס געלייענט און אַ זיסן קרעכץ געטאָן: מיר זענען רײַך געווען און נישט געוווּסט אונד־זער רײַכטונג! — — — אַזוי אַרום האָט שלום אַש געלאָזט אַ גאַנצע תּקופה זיך אויסרעדן און תּיכף — אָן אַ מאָס עניוות נאָך דער הצלחה, אָן צו באַשטימען צײַט צו זײַן טאַלאַנט, האָט דער גרויסער בעל־הצלחה גע־

נומען זוכן נײַע כּוללדיקע ענינים — — זײַנע ביכער האָבן איצט באַקומען גרויסע נעמען — — די אָנצאָליקע זײַטן זענען איצט אַלץ ענלעכער גע־וואָרן, ווי אַ שיכט אָפּגעריסענע בלעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פונעם אָפּפאַל פון פאַרשיידענעביימער; קעגן דעם אָבער זענען שטאַרק און בולט געוואָרן, און דאָס אָן אַ באַנוגנדיקן קינסטלערישן טעם, די כּוונות און טענדענצן פונעם שרײַבער, ווי עס טרעפט זיך תּמיד אַ יעדן קראַפּטיקן שרײַבער וואָס הייבט אָן מיט שאַרם און האַלט זיך שפּעטער אָפּ פונעם חוב זיך צו באַנײַען, און לסוף, אַז דער גאַנצער סאָרט פון כּלערליי כּוללדיקייטן איז נישט געוואַקסן אין זײַן יחידישקייט, און אַלע, צוזאַמענ־גענומענערהייט, זענען נישט געווען מער ווי אַ מין געוויינטלעך קליינ־וואַרג, וואָס הייבן אויף די פאַרשעמטע אויגן צום גרעסערן ברודער אין דאָס שטעטל — האָט דער ענערגישער מחבר פאַרטראַכט אַ נײַע ענער־גישע טענדענציע: אויפצווינגען אויפן דור אַן אוראַלטן ווידעראַנאַנד: טאָן ווי עס גייט דער משל אין דער אַגדה, און פון דער פאַרחתמעטער הייליקער כּלי, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן אין תּהום פון די צײַטן, אַרויסציִען דעם גרויסן שם־הבינײַים, דעם נאָמען פון ישו, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט, אין דער דעמער־שעה פון אַלע צײַטן און האָט אויף אייביק אָפּגעשיידט צווישן שם און יפת".

יא

איך האָב אייגנס געבראַכט די עיקר־ציטאַטעס פון יעקב שטיינ־בערגס חוות־דעת, און נישט בלויז ווײַל עס איז אַן אַרויסזאָג פון זײַנס אַ בן־דור, — יעקב שטיינבערג איז געווען ייִנגער מיט זיבן יאָר — און אַפּילו נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער, אַ טיפזיניקער דענקער און אומ־קאָמפּראָמיסלעכער קריטיקער, איז געווען אַ נישט קלענערער, אויב נישט אַ גרעסערער שרײַבער פון אַשן, נאָר ווײַל עס איז געשריבן געוואָרן מיט דרײַסיק יאָר צוריק, האַרט פאַר שטיינבערגס פּטירה — עס איז בכלל די פּירלעצטע זאַך זײַנע — און בײַ אַשס לעבן, און איך האָב נישט באַמערקט, אַז דער צוגאַנג און אָפּשאַץ זאָל ערגעץ דערמאָנט ווערן. און ברענגענדיק זײַן דעה, וואָס שטרײַכט אויך אונטער אַ צענטראַל־קאָמ־פּלעקס, וואָס אויך ער לאָזט זיך דעפינירן: זאָגן דעם עולם, צום ערשט דעם ייִדישן און שפּעטער — אייגנטלעך זײַט גאָט פון נקמה — די גויִים וואָס זיי ווילן הערן, פּרווו איך צו שטיצן דורך דער הנחה פון יצר־

הגעלטונג, וואָס האָט געזוכט די גדולה אין דער פרעמד כּדי מיט איר כּוח צו פאַרגרעסערן, אָדער אַפילו אויסקויפן די גדולה אין דער היים, און די דאָזיקע תּאווה האָט גיכער ווי אַן אַנדערער קאָמפּלעקס געבראַכט צו דעם בעלעטריסטישן דרייַלינג.

עס איז פאַרשטענדלעך, וואָס שלום אַש האָט, איבערלייענענדיק סאָפאָזשניקאָווס עסיי, אים געשריבן אַ דאַנק־ און לויב־בריוו און זיך געווונטשן, ער זאָל די עסיי אויסבויען צו אַ מאָנאָגראַפיע, וואָס זאָל זייַן גאַנץ ווערק אַרומנעמען; פּונקט ווי עס איז פאַרשטענדלעך אַז קריטי־קערס האָבן זיך אויף אים פאַררופן. אָבער ווייניקער פאַרשטענדלעך איז, וואָס נישט נאָר דער בריוו־אַדרעסאַנט נאָר אויך דער בריוו־אַדרעסאַט איז אַפּנים געווען אַזוי לייַט געריירט, אַז ער האָט זיך צו דער טעמע דירעקט נישט אומגעקערט, כאָטש זייַן געדאַנקלעכער אַנטוויקל, וואָס האָט אַלץ מער און מער אָפּגערוקט פון צענטער דעם פּסיכאָאַנאַליטישן קאָמ־פּלעקסן־אַקצענט, וואָס פּירט, בעצם, צום פאַרקולטורישן, און שטאָט אים אַקצענטירט דאָס גענעטישע, היסטאָרישע, אַזוי אַז דער צענטראַלפּונקט פון פריזערדיקן איז נישט בלויז געוואָרן שוואַכער, נאָר כּמעט פאַרשווונדן. כּדי דאָס צו זען, דאַרף מען נישט אָנקומען צום צווייטן בוך וואָס הייסט, ווי אַרויסרופעריש שרייַבער און ווערק אין ליכט פון פּסיכאָאַנאַליז, און האָט אַרבעטן, וואָס האָבן צו דעם ליכט אַ גאָר קנאַפּע שייַכות, וואָס מען קען שוין מערקן אין ערשטן בוך.

אַוודאי אַנגאַזשירט זיך דאָס ליכט לגבי די ערשטע דרייַ עסייען פון ערשטן בוך, און בעיקר לגבי שלום אַש, אַזוי ווייַט אַז עס פרעגט זיך מאַי קאַ משמע לן — צי קריגן מיר אַ לעקציע וועגן אַשן לויט דער שיטה פון פּסיכאָאַנאַליז, אָדער קריגן מיר אַ לעקציע וועגן פּסיכאָאַנאַליז לויט דער דוגמה פון שלום אַש, און דאָס, פאַרשטייט זיך, איז נישט הייַנו־הך.

אָבער אויך דאָ האָבן מיר שוין היפּש צו טאָן מיטן היסטאָרישן, מער ווי דאָס פּסיכאָלאָגישע, לאַ־כּל־שכּן דאָס פּסיכאָאַנאַליטישע וויל אָדער קען זיך דערלויבן. ווי ווייַט דאָס פּסיכאָאַנאַליטישע איז בטבע נוטה צו אַנט־שיידן אָן דעם היסטאָרישן, לאָזט זיך אָפּלערנען פון פרוידס בוך וועגן משה רבנו. דער גאַנצער שאַרפער בוי פון די פּסיכאָלאָגישע ראַיות, אַז בני־ישׂראל האָבן געהרגעט משהן, באַגייט זיך, בעצם, אָן היסטאָרישע ראַיות, חוץ סעלינס אַ פּירוש אויף אַן אומקלאָרן פּסוק אין הושע. און וואָס דער רבי האָט געטאָן האָבן אויך געטאָן זייַנע תּלמידים. און איך וויל דער־

מאָנען מײַן פֿרײַנד שלמה־יהודה שײנפֿעלד וואָס זײַן בוך, אין דײַטשישן אָריגינאַל און מײַן העברעיִשן איבערזעץ וועגן אַ העברעישן מקור אין שעקספּירס דער סוחר פֿון װענעדיק איז אַנומלט דערשינען (שקמונה, חיפה 1976). מיט אַן אויסערגעוויינטלעך פּסיכאָלאָגיש און פֿילאָלאָגיש חריפֿות ווערט דאָ באַוויזן, אַז שעקספּיר האָט געהאַט פֿאַר זיך אַן אַלטן מיטישן העברעיִשן מקור. און איך האָב מיטן מחבר געהאַט אַ שאַרפֿן וויכּוח, בעל־פּה ובעל־בריוו, אַז אָן היסטאָרישע ראַיות שוועבט דאָס גאַנצע חריפֿות אין דער לופֿט. ניין, סאַפּאָזשניקאָוו האָט אַ שאַרפֿן זינען פֿאַרן היסטאָרישן, און אַפֿילו אין דער עסיי וועגן אַשן -- ווען ער נעמט דער־קלערן, ווי אַרום אונדזער פֿאָלק איז געוואָרן אַ גײַסטפֿאָלק, קאָן ער זיך נישט באַגיין מיטן בלויז פּסיכאָלאָגישן און שפּאַנט לײַטיש אײַן דאָס היסטאָרישע. אַוודאי לאָזט זיך דער ענין יבנה ווי אַ גײַסטיקער צענטער, אין אָנגענומענעם זינען, ביז נוסח דובנאָוו אָדער אַחד־העם, אָפּרופֿן. עס איז צו אים אַפּנים נישט דערגאַנגען שאול ליבערמאַנס מחקר וועגן תן לי את יבנה וחכמיה, אַז דאָס איז אַ גאָר שפּעטע בריתא, און האָט מיט אַ היסטאָרישן פֿאַקטום, מיט ר׳ יוחנן בן־זכּאי, קיין שײַכות נישט. אָבער די איבעריקע ראַיות האָבן אַ האַפֿט: קרייצצוגן און גאולה־אויפֿברויזן, גירוש־ספֿרד און קבלה־אויפֿבלי, חבלי ת״ח און שבתי צבֿי־באַוועגונג אָן שפּעטער חסידות (דווקא די באַוועגונג האַלט, כּידוע, גרשום שלום פֿאַר אַ נייטראַליזאַציע פֿון משיחיזם), פּאָגראָמען און נאַציאָנאַלער געדאַנק, נאַציאָנאַלע היים, און וואָס ער זאָגט נישט על־אתר, און וואָלט זיך פֿאַר־שטאַנען מכּללא: היטלער און די ייִדישע מדינה.

ווי עס פּאַסט זיך דאָ אַרײַן אַשס פּאַראָל, אַז די וועלט וועט נישט האָבן אַ קיום מיטן כּוח פֿון שטאַרקן נאָר מיטן כּוח פֿון שוואַכן, און בעיקר ווי עס פּאַסט זיך דאָ אַרײַן דער גלויבן אין אַ גואל, ווי עס איז געוועגן אותו איש (וואָס איז נישט בלויז אַ סתּירה צו זײַן אייגענעם זאָג: איך ברענג אײַך די שווערד) און צו דער ברכה וואָס מיר זאָגן דרײַ מאָל אין טאָג, אין דער שמונה־עשׂרה: כּי אל גואל חזק אתה, ברוך אתה השם גואל ישׂראל — איז אַ קשיא פֿאַר זיך. פּונקט ווי עס איז נישט אַזוי דער כּלל־באַנעם זײַנער וועגן דער קאָנסטרוקציע פֿון די ייִדן ווי אַ גײַסטפֿאָלק, ווי וועגן אירע עלעמענטן וואָס ער דערמאָנט נישט: די וועלט פֿון הלכה און מיצוות, און זייער דאָמינירנדיקע און אַנטשיידנדיקע ראָל אין מהות און לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק, און מעגלעך, אַז דערבײַ האָט געהאַט

אַ האַנט דאָס יונגע צוציקל, וואָס רופט זיך וועלטלעכע ייִדישקייט, און וואָס האָט ביי אחד־העם נאָך געפאָדערט אַ גײַסטיקן צענטער אין ארץ־ישראל; האָט אָבער שוין ביי דובנאָוו אַפילו אַזאַ צענטער נישט באַדאַרפט, מה־דאָך אַן אייגענע מדינה, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז אַ פאָלק וואָס דאַרף צו זײַן קיום נישט קיין אייגענע טעריטאָריע איז אַ העכערס.

אָבער צוריק צו סאַפּאָזשניקאָוו — וואָס שייך דעם היסטאָרישן, נעמט עס, וואָס שפּעטער אַלץ מער, אייבערהאַנט איבערן פּסיכאָאַנאַליטישן, בעיקר מיטן אײַנשרומפּן און אַפילו פאַרשווינדן פון דעם צענטראַלן קאָמפּלעקס־מאָמענט. אין זײַן אויסגעצייכנטער אַרבעט וועגן „דער משוגענער בטלן" פון י. ל. פּרץ, ווייסן מיר שוין נישט, וואָס פאַר אַ קאָמפּלעקס האָט אייגנטלעך קאָמאַנדעוועט מיט בערל חנטשעס, וואָס דער מחבר זײַנער ווערט דאָ, מיט רעכט, באַצייכנט ווי איינער וואָס איז, מכוח זײַן קינסטלערישער אינטויציע, פּירויסגעגאַנגען פּסיכאָאַנאַליז, און עס איז באמת אַ שאָד, וואָס סאַפּאָזשניקאָוו, וואָס האָט אַזוי פיל אָרט אָפּגעגעבן שלום אַשן, האָט אַזוי שטאַרק מקצר געווען לגבי י. ל. פּרץ — און דאָ האָט זיך דאָך ממש געבעטן אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע, בעיקר מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, וואָלט דאָס געווען אַ פּרווו צו ווײַזן, ווי אַזוי זעט אויס אַ ייִדישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס סאַפּאָזשניקאָוו שרײַבט זי צו בעיקר פרוידן אַליין און זײַנע ייִדישע תלמידים, וואָס ער רעכנט זיי אויס (אַלפרעד אַדלער, ווילהעלם שטעקל, קאַרל אַבראַהאַם, טעאָדאָר רייק און אַנדערע) און באַצייכנט זי ווי „אַ שאַפונג פון ייִדישן גײַסט, אַ לײַבלעך קינד פון דער ייִדישער היסטאָרישער פּערזענלעכקייט, בלוט און פלייש פון ייִדישן גײַסט". צווייטנס, די סברה האָט מען טאַקע אַרויסגעזאָגט און דאָס נישט אַזוי לשבח ווי לגנאי (זע, אַ שטייגער, דאָס בוך פון טשאַרל ע. מאַילאַן וועגן פרוידס טראַגישן קאָמפּלעקס, מינכען 1929). דער מחבר טענהט דאָרט, אַז פרויד, דער ייִד, איז זיך נוקם, וואָס אַרישע דענקערס, ווי ניטשע, און שרײַבערס, ווי דאָסטאָיעווסקי האָבן אים אויסגעכאַפּט די בכורה, (זע דערוועגן מײַן קריטיק, מאזנים, תרפ"ט—תר"צ, נומ' כב), און מסתמא איז די גרויסע צאָל ייִדן, וואָס זענען געווען פרוידס מיטגייערס און נאָכגייערס נישט קיין צופאַל, פונקט ווי דער בראָך מיטן איינציקן וואָגיקן, אויב נישט וואָגיקסטן תלמיד זײַנעם, דער נישט־ייִד יונג, איז נישט קיין צופאַל (זשין יפהן פרווט אַפילו באַווײַזן, אַז הינטער פרוידס משה שטעקט גאָר דער קאָמפּלעקס יונג), אָבער דאָס מאַכט העכסטנס, ווי עס

האָט יהושע ראַפּאָפּאָרט מיט רעכט אונטערגעשראָכן, פּסיכאָאַנאַליז פאַר אַ וויסנשאַפט פון ייִדן און נישט פאַר אַ ייִדישער וויסנשאַפט, בפרט וואָלט איך דאָ צוגעגעבן, אַז די גאַנצע גרופּע זענען טאַקע ייִדן, בעיקר מערב־ייִדן, אויסגעוואַקסן אין אַן אַסימילאַטאָריש־בירגערלעכער סביבה, וואָס איז שוין געווען ווײַט פון ייִדישן לעבן און וויסן, און וואָס זיי האָבן זיך, דערינען און דאַריבער, דערוואָרבן, איז געגנוג אויבנאויפיק, און פון צווייטער און דריטער האַנט.

יב

קומט אויס, אַז אויב עס איז דאָ באמת פאַראַן אַ ייִדישער יסוד אָדער אַפילו ירושה, וואָלט מען דאָס באַדאַרפט דורכפאָרשן בײַ באַהאַוונטערע ייִדן, און ווער זענען עס אויב נישט היימישערע (תּרתּי־ אָדער אַפילו תּלתּא־משמע) ייִדן ווי עס זענען יענע אַסימילירטע קאָריפעען, און דאָס זענען סוף־סוף די שרײַבערס אונדזערע, בפרט נאָך די, וואָס אונדזער מחבר באַטראַכט זיי פאַר פּירגייערס פון פּסיכאָאַנאַליז. אַז ער האָט דאָס פאַרשטאַנען באַווײַזן בעיקר זײַנע גוט־ און פײַן־דורכגעטראַכטע אַרבעטן וועגן שלום־עליכם. דאָ לאָזט זיך נישט בלויז באַשטימען אין וואָס באַשטייט דער ייִדישער הומאָר, נאָר עס לאָזט זיך קאָנטראָלירן, ווי ווײַט דאָס פאַרשטאַנדעניש פון פרויד אָדער זײַנס אַ תּלמיד פאַר ייִדישן הומאָר — דער איינציקער ייִדישער תּחום און לעבעדיקע קולטור אונדזערע, ווו זיי האָבן אַרויסגעוויזן בקיאות און חריפות — האָט אַ שײַכות דערצו. דען טיפער אַרײַנגעקוקט, פרעגט זיך, ווו האָבן מיר דעם ייִדישן הומאָר, צי אין שלום־עליכם־מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן וכדומה, צי אין וויצן וואָס פרויד אָדער זײַנס אַ תּלמיד ברענגט, ווײַל דאָס זענען גרונט־פאַרשיידענע ספּעציעס, און בלויז איינע פון זיי קען זײַן באמת לעגיטים.

און סאַפּאָזשניקאָוו, ווי דער מחבר פון דער אַרבעט וועגן דער פּסי־כאָלאָגיע פון ייִדישן וויץ, אויף וויפל די דוגמות פון פרויד און זײַנע תּלמידים ברענגען אין זייער אַנאַליז, און ווי אַ מחבר פון דער אַרבעט וועגן שלום־עליכם, אויף וויפל זי שטיצט זיך אויף די דוגמות פון אים גופא, וואָלטן זיך געדאַרפט פרעגן וואָס איך האָב שוין געפרעגט אין מײַנע אַרײַנפירן צו אַנעקדאָטן־ביכער (אפרים דוידזאָן, יצחק יצחק) און אין מײַנס אַ לעקציע, וועלכע ער האָט געהערט אין בוענאָס־אײַרעס (אַרײַן אין מײַן בוך היימישע כתבים, באַנד 2, זז׳ 512) : ר׳עדנדיק וועגן די טעאָ־

ריעס וועגן יידישן הומאָר, פרעגט זיך וואָס איז געווען זייער סובסטראַט, וואָס איז דער מאַטעריאַל מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט פרויד און אַנדערע. און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען די וויצן וואָס יידן דערציילן, לרוב אַ קאָפּ געיידלט אין אַ פרעמדער שפּראַך, די אַזוי גערופענע שמאָנצעס, און נישט די וואָס יידן דערציילן אין זייער אייגענער שפּראַך צווישן זיך; די ערשטע זענען פאַרביסן און בײַסיק, געריסן און אויפרײַסעריש, מיט אַן אָפענעם מאַזאָכיזם כּלפּי זיך אַליין, און אונטער אים לאָקערט אַ באַהאַלטענער סאַדיזם כּלפּי די גויים, אַ הומאָר פון יידן וואָס האָבן, בעצם, געוואָלט זײַן גויים און קענען עס נישט; די אַנדערע, וואָס יידן דערציילן צווישן זיך אָן דעם אָנטייל פון אַן אַסימילאַטאָריש אָדער גוייִש אויער, זענען בפירוש אַנדערש, אַ הומאָר פון די וואָס ווייסן, אַז וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר. און דער ערשטער סאָרט הומאָר, אַפילו ווען ער האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין עטלעכע געזעמלען פון מיזרח־יידישע פאָלקלאָר־זאַמלערס, באַפרײַט די שפּראַך, איר טעמבער און טאָן פון דער נעוואָראַסטעניע פון יענע שמאָנצעס, שוין אָפּגעשמועסט פון שלום־עליכם, וואָס פאַרמאָגט אַ בפירוש אַנדערן הומאָר, אַזוי אַז אַ יידישער הומאָר־פאָרשער דאַרף זיך אַנטשיידן אַהין אָדער אַהער, ווײַל די סתירה איז צו קלאָר, מען זאָל זי קענען און מעגן פאַרטושן.

נאָך עפּעס: שלום־עליכם האָט מער ווי אַ יעדער יידישער שרײַבער דעראָבערט אַ וועלט לייענערס אין כּלערליי לשונות, טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט גערעדט צו יידן, און ער האָט עס, בעצם, געטאָן אויך ווען ער האָט געשריבן רוסיש (זע דערוועגן אין חנא שמערוקס אַרײַנפיר צו כתבים עבֿריים, ירושלים תשל״ו), און ער איז טאַקע דער פּאַסיקסטער סובסטראַט אויפצובויען אַ פּסיכאָלאָגיע פון יידישן הומאָר און אין דעם בנין וועלן אויך אַרײַן ציגל פון סאַפּאָזשניקאָווס ערלעכער באַמי.

יג

מיט דעם האָבן מיר ווײַט נישט אויסגעשעפּט סאַפּאָזשניקאָווס זוכעניש — אויך נישט אין תחום פון יידיש־שרײַבערס; האָט ער דאָך אין זײַן רעגיסטער פון אָבסערוואַציעס, וואָס ער ברענגט אין זײַנע ביכער, געשטאַלטן פון דערציילערס ווי יוסף אָפּאַטאָשו, יצחק באַשעוויס און מענדל מאַן, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער בוך, דער גורל פון יידן צווישן די אומות־העולם (אליעזר פּינעס־פּאַנד תשל״ו) — ער באַצייכנט עס: אַנאַלי־

טישער אַרײַנבליק, און נישט: פּסיכאָאַנאַליטישער אַרײַנבליק. ווײַל דאָס פּסיכאָלאָגישע, און דאָס אויך נישט תּמיד אין פּרוידישן באַנעם, איז שוין לאַנג נישט דער איינציקער, און אַפילו נישט דער קאַרדינאַלער צענטראַל־עלעמענט פון זײַן באַהאַנדל. בעיקר איז דער צענטראַל־פּאַרשיב, וואָס גייט אַלץ מער אין דער ריכטונג פון גענעטיק, פון וויסנשאַפטלעכן און אַקטואַלן אַספּעקט נישט בלויז ווי אַ גײַסטיקע נאָר אויך אַ פּיזישע ירושה, ניכּר אין זײַנע אַרבעטן וואָס וואַרטן אויף בוכטאָוולען, ווי אַ שטייגער דער פראַג־מענט פון אַ גרעסערער אַרבעט „דער כאַראַקטער פון ייִדישן פאָלק — אַ ירושה פון דורות” (צוקונפט, מײַ־יוני 1972) וכדומה, און עס לאָזט זיך אָננעמען, אַז צוזאַמענגענומען וועלן זיי דערוועקן אַ וויכּוח סײַ לצד ההסכּמה סײַ לצד הרעזערוואַציע, און וועלן אויך פאַרהעלפן צו סומירן די גענעזע און אויפבוי פון זײַן וועלט־ און ייִד־באַנעם און צו באַשיידן, ווי אַרום די ראַנגלענישן מיט מאַרקסיזם, פּסיכאָאַנאַליז און גענעטיק האָבן זיך אַרויסבאַפרײַט פון אַן אייגענעם סינקרעטיזם און אַרײַנבאַפרײַט אין אַן אייגענעם סינטעז.

[תש״י]

די טרערן־מיליאָנערין

וועגן רחל אויערבאַך

א

אמר המחבר: די פעדעראַציע פון די פוילישע ייִדן, וואָס האָט צוגע־טיילט איר פּרעמיע רחל אויערבאַך, פאַר איר בוך „וואַרשעווער צוואָות״, האָט מיך פאַרבעטן צו זאָגן אַ וואָרט דערוועגן בשעת דער פאַרטייל־צערע־מאָניע, צו וועלכער עס איז געקומען אַ גרויסער עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גרויסן זאַל פון בית סאָקאָלאָוו ביז איבער די ברעגעס. האָט מיר דער עולם דערלויבט, ווי עס וועט מיר מסתמא איצט דער לייענער דערלויבן אַפּירצושיקן אַ וואָרט וועגן דער מחברטע, איידער איך וועל רעדן וועגן דעם חיבור.

ב

אמת דער ברען־פּונקט פון יענעם גרויסן, אימפּאָזאַנטן געזעמל איז געווען דאָס דערמאָנטע בוך, אָבער וועגן זײַן איכות און כאַראַקטער האָבן מיר געהערט דעם אָפּשאַץ פון דער זשורי, וואָס האָט, אין רעמל פון דער קורצער צײַט וואָס זי האָט געהאַט, בקיצור איבערגעגעבן דאָס תּמצית פון אַ ברייטערן און אויסגעצייכנטן עסיי, וואָס עס האָט, אין נאָמען פון די דיינים, אָנגעשריבן אונדזער פרײַנד יצחק יאַנאַסאָוויטש, און וואָס ער האָט שפּעטער אויך פּובליקירט, אַזוי אַז וואָס עס איז אין יענעם חוות־דעת געווען אָנגעוווּנקען, איז לבסוף אויסגעברייט און דעטאַלירט געוואָרן, און אויך אָנגערעגט אַנדערע שרײַבערס זיך אָפּצושטעלן אויף דעם חשובן בוך פון כלערליי זײַטן און אַספּעקטן, כאָטש כמעט אַלע אירע ביכער, וואָס באַהאַנדלען פאַרשיידענע ענינים, זענען מכוון צו איין גרויסן ענין — דעם אומקום פון ייִדישן לעבן. אַזוי זענען סײַ אירע צוויי ביכער, וואָס זענען אַרויס אין נאָך־היטלעריסיטשן וואַרשע „אויף די פעלדער פון טרעבלינקע״ און „דער ייִדישער אויפשטאַנד״, סײַ אירע ביכער, וואָס זענען אַרויס אין

תל־אביב „אונדזער חשבון מיטן דײַטשן פֿאָלק", „בחוצות וורשה", „מרד גיטו וורשה", און „וואַרשעווער צוואָות", וואָס איז אַ טייל פֿון אַ ברייט־פֿאַרשניטענעם פּלאַן, און בלויז אויפֿן סמך פֿון איר עזבון, לאָזט זיך באַשטימען אויף וויפֿל זי האָט אים אוספּעיעט דורכצופֿירן, און אויך דאָס איצטיקע בוך איז אַן עדות דערויף.

איך האָב געזאָגט: כּמעט אַלע אירע ביכער, כּדי אויסצוטיילן איר בוך „אין לאַנד פֿון ישראל", וואָס באַשרײַבט ענינים נישט פֿון דאָרט נאָר פֿון דאַנען. אָבער אויך דאָ שפּירט מען דאָס בת־קול פֿון יענער גרויליקער טעמאַטיק, וואָס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט און אויף איר גוזר געווען צו זײַן איר סופֿרטע. איך באַניץ בכּיוון דעם לשון־קודש־באַגריף און לשון־קודש־טערמין ספֿר, ווי ער שליסט אין זײַן שורש אײַן דעם טאָפּל־זינען — סײַ סיפּור סײַ ספֿירה. וואָס שײַך לשון סיפּור, דערציילן — הייסט עס דאָך: כּי סבבוני כּלבים עדת מרעים הקיפוני, כּארי ידי ורגלי, אספּרה כּל עצמותי (תהלים, כ"ב, י"ז); טײַטש: ווײַל אַרומגענומען האָבן מיך הינט, אַ געזינדל פֿון איבלערס האָבן מיך אַרומגערינגלט, ווי אַ לייב מײַנע הענט און פֿיס, איך פֿאַרצייל אַלע מײַנע ביינער. דאָ זענען די ביינער פֿון אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען געוואָרן צו אַש; און די דערציילערין פֿאַרמאָגט דעם כּוח זיי צו זען ווי איר אייגן געביין, און דעם כּוח אונדז צו לערנען, אַז אויך מיר זאָלן זיי זען ווי אונדזער אייגן געביין — ווי עס הייסט: נודי ספֿרתה אתה, שׂימה דמעתי בנאדך, הלא בספֿרתך (דאָרט, נ"ו, ט); טײַטש: מײַן וואָגל האָסטו געציילט, טו אַרײַן מײַן טרער אין דײַן לאָגל, עס איז דאָך אין דײַן געצייל.

און עס דאַרף נאָך באַמערקט ווערן, אַז אין „וואַרשעווער צוואָות" האָבן מיר אויך דעם ענין ספֿירה, אויך ווי עס הייסט: מונה מספּר לכּוכבים לכולם שמות יקרא (דאָרט, קמ"ז, ד'), טײַטש: ער ציילט צו די צאָל פֿון שטערן, אַלע רופֿט אַן מיט נעמען. ווײַל אין בוך ווערן געציילט און דערציילט די שטערן, וואָס האָבן פֿאַרלויכטן אונדזער לעבנס־הימל אין דער עיר ואם בישׂראל, וואַרשע, און וואָס דער פֿאַרטיליקער האָט, פֿאַרלעשנדיק זיי, געקלערט, אַז זייער ליכט וועט פֿאַרגעסן ווערן, איז געקומען די ציילערין און האָט זיי אָפּגעציילט און די דערציילערין און האָט וועגן זיי דערציילט, אַז דער טרויער איבערן געדעכעניש פֿון זייער ליכט זאָל אייביק לײַכטן אין האַרצן פֿון אונדזער פֿאָלק.

ג

דאָס וואָרט כ מ ע ט, וואָס מיר האָבן באַנוצט, מחמת איר איינציקן בוך, איז טאַקע אַ שטיק רעטעניש. און באמת: פאַר וואָס איז עס געבליבן איינציק? אויב מיר וועלן זיך אַרײַנקלערן, וועלן מיר נישט קאָנען נישט מודה זײַן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ פאַרשווינדלעכקייט, וואָס האָט אין זיך געהאַט דעם כּוח אונטערצוזיאָכן אַלע אירע מעגלעכקייטן דעם גרויסן אויפגאַב, וואָס איר באַוווסטזיניק שליחות האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. אַ שליחות, וועלכן זי האָט דערפֿילט אין פֿלערליי דרכים אין אַ באַשטאַנדיקן אויפזאַמלען און אויפשטאַפּלען גביות עדות, פון מויל פון דער אָפּגעראַטעוועטער שארית הפליטה, פון פֿלערליי גלותן, און פֿלערליי לשונות, בשעת דער זכרון זייערער האָט נאָך געדענקט די גרוילן אין זייערע פּרטים, נאָך איידער עלטער און קרענק האָבן זיי אָפּגעשוואַכט אָדער גאָר פאַרווישט; אין אַן אויסשעפּלעכער און אַקוראַטער פאַרש־אַרבעט פון רעשטלעך און איבערבלײַבענישן פון דאָקומענטן; און בעיקר אין אַ טיפן דערגרונטעוועז זיך צו אירע אייגענע איבערלעבענישן. אָבער אויך דער כּוח אירער צו טראָגן דעם עול פון אַזאַ שטענדיקן חוב, וואָס שטופּט אָפּ אַ יעדן אַנדערן זכות אירן — איז אַ רעטעניש. און אויב מיר וועלן זיך אַרײַנקלערן, וועלן מיר פּרוּוון אַ פּרעג טאָן, אפשר איז פאַרט, איינע פון אירע פאַרבאַהאַלטענע מעגלעכקייטן — און מיר זענען מתכוון צו אירע פּאָעטישע מעגלעכקייטן, אויך אין די אומקום־ספרים — צום אויסדרוק געקומען. און באמת האָבן מיר אַן אָנווײַז דאָרויף אין אַן אָפּשאַץ פון איר בוך בחוצות ורשה. עס הייסט דאָרט, אַז איר אופן באַשרײַבן און מאָלן די געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ, איז אָנגעזאַפּט מיט אַ טיפן מענטשלעכן אמת פון אַ דיכטערין מיט אַ טיף געמיט. נאָך מער, ער שטרײַכט אונטער דאָס וואָרט: דיכטערין, דען כאָטש רחל אויערבאַך האָט נישט אַזוינע פּרעטענסיעס, באַשרײַבנדיק דאָס געטאָ־לעבן, פאַרמאָגן די קאַפּיטלען, חוץ דער מאַקאַברישער מאָלערישקייט, אַ טיפע לירישקייט, וואָס איז זעלטן אַפילו אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

ד

אַזוי גייט בערך, דער כּלל־אָפּשאַץ פון אברהם ליס (אין זײַן בוך „היים און דויער", 1960, ז' 239), וואָס פּאַסן לגבי „חוצות ורשה", על אחת כּמה וכמה לגבי „וואַרשעווער צוואָות". לאָזט זיך טאַקע זאָגן: איינע פון

אירע מעגלעכקייטן, און אפשר די מאַרקאַנטסטע, איר פּאָעטישער עלעמענט, דינט געטריַי און ערלעך איר אויפגאַבע, וואָס זײַן געזעץ איז האַרט און אכזריותדיק, — עס איז דאָס געזעץ פון אויטענטישקייט לגבי דער ווערק־לעכקייט און אירע פאַקטן.

דער גרונט פון דעם פּאָעטישן באַשטייט אין וואָרט פונעם גרויסן דיכטער: און ווען דער מענטש פאַרשטומט אין זײַנע יסורים, האָט מיר אַ גאָט געגעבן, זײַן לייד צו זינגען. עס שטעקט דערין אַ שטיק נבואה פונעם ווײַמאַרער זקן: אַז מיט אַ פּאָר דורות שפּעטער וועט זײַן פאָלק אַראָפּ אין דער טיפסטער טומאה און וועט איבער זיך לאָזן געוועלטיקן דעם אַרצי־מנוול, וואָס וועט אונדזער פאָלק דערטרענקען אין אַ ים פון פּײַן, וואָס האָט נישט אין גיהנום זײַנס גלײַכן, און מיליאָנען וועלן פאַרשטומט ווערן אין זייערע יסורים און עס וועט זיך פאָדערן אַ כּוח השירה, וואָס איז שטאַרקער פון מענטשנס לשון און זײַנע לשונות, זייער לײַד צו זינגען. דעם כּוח האָט שוין אַנטפּלעקט אונדזער דיכטער, אין זײַן באַקאַנטן ליד, אַזוי צו זאָגן: „איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ, / איך האָב אַ האַרץ / און קרענקט פאַר יענעם / קאָרטשעט זיך פאַר פרעמדן שמאַרץ / און ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנום”. אַזאַ מין האַרץ איז געווען פאַרפלאַנצט אין רחל אויערבאַך, און זי איז געטרײַער געווען ווי עס איז געטרײַ געווען דער גרויסער דיכטער אונדזערער, קלאָרער געזאָגט: דער גרויסער נביא־מוכיח, וואָס דער דיכטער האָט גערעדט אָדער געגלייבט, אַז ער רעדט אין זײַן נאָמען.

ה

איך ווייס, אַז עס איז אַ דערוועגטע טענה, וועל איך זי פּרווון דער־קלערן: דער נביא־מוכיח, וואָס אין זײַן נאָמען האָט ביאַליק גערעדט אָדער געגלייבט צו רעדן, האָט אין יענעם ליד זײַנעם געשטראָפט זײַן פאָלק און האָט די שטראָף־רייד פאַרשפּיצט צו אַ זאָג, וואָס ער האָט שפּעטער אויף אים חרטה געהאַט. סע זענען פיר שורות אין „דאָס לעצטע וואָרט”, וואָס זענען געווען אין ערשטן נוסח (דער יוד, כּסלו תרס״ב) און זענען נישטאָ אין דעם בוך־אויסגאַבע, וואָס איז אַרויס צוואַנציק יאָר שפּעטער (בערלין, תרפּ״ב), און ממילא אויך נישט אין אַלע איבעריקע עדיציעס ביז איצט (ניו־יאָרק, בוענאָס־איַירעס). און די פיר שורות גייען אַזוי: „אַ וואָרט — וואָס וועט אײַך נאָגן ווי אַ קרענק, / און וועט די לופט אײַך מאַכן

ענג, / וואָס וועט אָפּרויבן איַיך דעם שלאָף / און וויַיזן איַיך אַ שוואַרצן סוף". אַוודאי שטעקט דאָ מער ווי אַ שטיק נבואה — דער שוואַרצער סוף איז, אין זיַין טאָטאַלן גרויל, געקומען, און דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט פאַר פרעמדן שמאַרץ, האָט זיך זיבנפאַך מער געמוזט קאָרטשען פאַרן אייגענעם שמאַרץ, און ווערן סאַמע ליבשאַפט צום אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, אַ ליבשאַפט וואָס בלייַבט דערשטיקט, אויב דער רוח־שירה דערבאַרעמט זיך נישט איבער איר, כדי זי פון דער דערשטיקטקייט אויסצולייזן. עס איז דער רוח־שירה פון רחל אויערבאַכס ביכער, אַ רוח־שירה וואָס איז נישט סותר נאָר איז משלים דעם רוח־בינה, וואָס וועגט און מעסט אַ יעדע עובדה פון צער און לייַד, יסורים און פייַן, ליכט און שאָטן, אכזריות און רחמים, ייאוש און מסירת־נפש, אַזוי ווי זיי זענען געווען, אַזוי אַז לעבן דעם ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק האָבן מיר אַ כראָניק פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק.

ו

דער סינטעז פון יסוד־השירה און יסוד־הבינה, וואָס האָט אַ טאָפּלטייַטש: התבוננות, וואָס מיינט אָבסערוואַציע און הבנה וואָס מיינט פאַרשטענדעניש, האָט זיך מסתּמא בייַ אונדזער שרייַבערין פאַרטיפט, אין די טעג פון אונדזער אומקום און אירע מאָנומענטאַלע איבערלעבענישן, אָבער עס איז נישט געווען שפּאָגל־נייַ בייַ איר און אין איר. אַדרבה, די מעגלעכקייט פון סינטעז איז דאָ אַ געגעבענע און פאַראַנקערט אין איר כאַראַקטער און מענטאַליטעט, און עס איז נישט די איינציקע מעגלעכקייט אירע, וואָס איז געווען אָפן פאַר אַ יעדן אַנדערן גורל, וואָס וואָלט זי געטראָפן. די קשיא פון די מעגלעכקייטן, קלאָרער געזאָגט: פון די אין איר גרונטיק פאַרפלאַנצטע סגולות און טאַלאַנטן, וואָלט באַדאַרפט צו באַשעפטיקן אירע אָפּשאַצערס, וואָס מוזן אַ פרעג טאָן: ווי אַזוי האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט איר ביאָגראַפיע ביז צו דער קאַטאַסטראָפע, מיט וואָס איז זי אַרייַן אין איר, און אַ קשיא, וואָס אַ יעדער לייענער קאָן זי שטעלן, און עס איז גאָר קיין חידוש נישט, אַז זוכנדיק אַ תשובה, אַפילו אַ באַשיידענע תשובה, בלויז אין דער פאָרעם פון אַ פשוטער אינפאָרמאַציע, וועט ער אַ קוק טאָן אין אונדזערע ליטעראַטור־לעקסיקאָנען, אָבער ער וועט דאָרט גאָרנישט געפינען — זלמן רייזנס אַלטער לעקסיקאָן, ווען ער וואָלט אַפילו געוואָלט, האָט נישט געקאָנט ברענגען אַן ערך וועגן איר,

ווײַל ווען ער האָט געהאַלטן בײַם אות אל״ף, האָט ער נאָך וועגן איר נישט געוווּסט; ווײַטער דער נײַער לעקסיקאָן, מעשׂה ניגער־שאַצקי, האָט געוואָלט ברענגען אַן ערך וועגן איר, זי האָט אָבער, מחמת באַקאַנטע טעמים, זיי דאָס נישט דערלויבט. בלײַבט דער פֿאַרשווינדלעכער לעקסיקאָן פֿון מלך ראַוויטש, אין זײַנע צוויי לעצטע בענד, כּדי צו זען, אַז די שרײַבערין האָט זיך אים דרײַפֿאַכיק אַנטפּלעקט, און אין פֿאַרשיידענע צײַטן.

ז

תּחילת, אין יאָר 1938, האָט ראַוויטשס אָפּשאַץ דרײַ אַקצענטן — דער ערשטער אַקצענט שטעלט אַנידער די ענערגישע, דידאַקטישע זשורנאַליסטקע, וואָס זאָרגט זיך פֿאַר דער בילדונג פֿון דעם לייענער־פֿאָלק, און נאָר צו מאָל לאָזט זי אָפּ דעם לערער־טײַטל און כאַפּט זיך צום פּאָלעמיק־קאַנטשיק, ווי ער זאָגט: „גאַנץ פּלוצלינג האָט זיך דאָס שטילע קעצל אַ הייב געטאָן, אַ צי אויס און באַוויזן אירע שאַרפֿע נעגל״. דער אַנדערער אַקצענט איז טיפֿער פֿונעם פֿריִערדיקן — אַ וווּנדערלעכע מבֿינטע אויף פּאָעטן און פּאָעזיע, און ווי אַ דוגמה ווערט דערמאָנט איר פֿאַרדינסט אין פֿאַרטיפֿטער פֿאַרשטאַנדעניש פֿון מאַנגערס פּאָעזיע, אין איר פֿאַרשפּרייט אַרום און אַרום. דער לעצטער אַקצענט ווײַזט אָן אויף איר פֿאַרלאַנג — שרײַבן וועגן לעבן אין דאָרף פֿון אירע קינדער־יאָרן, כּדי צו באַשיידן דעם חלום פֿון איר טאַטן — אַ ראָמאַן וואָס הייסט: דער דאָרפֿסייִד און דער שוחט. נאָך יאָרן האָט זיך אויך צו מיר פֿאַרוואַלגערט אַ בת־קול פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג איר — אין אַ שמועס צווישן אונדז האָט זי, מיט אַ סך הומאָר, דערציילט: אַ מין פֿאַרבאַהאַלטענע שפּיל איז אָנגעגאַנגען צווישן צוויי קינדער אין יענעם דאָרף, לאַנאָוויץ, צווישן מיר און איטשע מעצקער, און ער האָט געוווּנען, — האָט ער דאָך אויפֿגעשריבן זײַן בוך אין זיידנס פעלדער, וואָס געפֿינט זיך אויך אין העברעיִשן נוסח פֿון שמשון מעלצער.

שפּעטער, אין יאָר 1946, משמע נאָך אַכט יאָר, פֿאַרמאָגט שוין ראַוויטשס אָפּשאַץ פֿאַרשיידענע אַנדערע אַקצענטן — ער קוקט זיך אײַן אין איר מאַמיש, ווייך פּנים, וואָס דער גוטער מלאך האָט פֿאַרהוילן זײַן ייִדישן חן פֿאַר די פֿאַרטיליקערס, און ער דערמאָנט אירע אייגענע ווערטער וועגן איר אַליין, אַז ווער עס קומט אין אירע ד׳ אמות פֿילט זי ווי אַן אייגענע שוועסטער זײַנע; די שוועסטער וואָס איז ווי יענער קלאָגער, דער מאַן וואָס האָט זיך אָנגעזען די פּײַן דורך דער רוט פֿון זײַן צאָרן (איכה ג׳ א) און האָט

מיטגעלעבט די יסורים פון אירע פּאָלקס־ברידער און געשווירן, זיי נישט לאָזן פּאַרגעסן, און זי האַלט זיי אין איין דערמאָנען.

צום סוף, אין יאָר 1958, נאָך וויַיטערע צען יאָר, פאַרשפּיצט ראַוויטש די דאָזיקע אָקצענטן — לויט אַן אַדרעס־בוך, וואָס ער פאַרמאָגט, זוכט ער אָפּ איר אַדרעס, אייגנטלעך: אירע אַדרעסן, וואָס זענען ווי אַ מין אַהין־און־צוריק — אָט חיפה; אָט ירושלים; אָט תּל־אביב; אירע יאָגענישן פון שטאָט צו שטאָט, אויפצוזאַמלען גביות־עדות, כּדי אַליין נישט פאַרגעסן און כּדי אַנדערע נישט לאָזן פאַרגעסן, איַינצוזאַמלען טרער נאָך טרער, און מחמת דעם, רופט ער זי, נוסח מאָריס ראָזענפעלד: די טרערן־מיליאָנערין, און דערמאָנט אויך דאָס בוך אירס בחוצות ווארשה און דעם אָוונט לכּבוד דעם בוך, ווו ער האָט אויך אָנטייל גענומען. יאָ, אויך איך געדענק יענעם אָוונט אין תּל־אביב, בשעת וועלכן רבקה גורפיַין און איך האָבן גענומען דאָס וואָרט, וואָס איך וועל איצט מיט עפּעס דערגאָנצן.

ח

שיין זענען די דריַי אָפּשאַצן, וואָס ראַוויטש האָט געצייכנט מיט זיַין דינער און איידעלער פען, אין זיַינע לעקסיקאָנען. אָבער דאָס איז בלויז אַ רעם, וואָס דאַרף אויסגעפילט ווערן; — דאָס איז רחל אויערבאַכס ביאָ־גראַפיע, וואָס איך וועל דאָ לוסטרירן אירע סאַמע אָנהייבן. מיט איבער פופציק יאָר צוריק, ווען איך בין אַוועק פון מיַין געבוירן־קריַיז, גאַליציע, האָט זי זיך ווי אויסגעליידיקט פון יידישע שריַיבערס און ליטעראַטור, און האָט כּביכול מקיים געווען די גזירה, וואָס איז געהאָנגען איבער איר: מיַינע קינדער זענען אַוועק פון מיר און נישטאָ זיי (ירמיה י, כ׳); אַ טייל האָט זיך נישט אַזוי דערוויַיטערט, און געגאַנגען קיין וואַרשע, ווילנע און אַנדערע שטעט אין פּוילן; אַ טייל איז וויַיט אַוועק אויף יענער זיַיט אוקינוס, בעיקר קיין ניו־יאָרק; אַ טייל זענען געקומען אַהער, אין אונדזער לאַנד אַריַין, און דער כּלל־רושם איז געווען, אַז מיר האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזט אַ מידבר. מיט דריַי יאָר שפּעטער, בין איך צען טעג געווען אין גאַליציע, און צו מיַין באַדויער האָט זיך דער דאָזיקער רושם נישט אָפּגעשוואַכט נאָר, פאַרקערט, גאָר געשטאַרקט.

און אָט איז אַוועק אַ צייַט און די אַטמאָספער דאָרט איז געוואָרן אַנדערש — צומערשט האָב איך געקריגן דריַי העפטן פון אַ יידישער צייַט־

שריפט: „צושטייער" און נאָך יאָרן העפטן פון אַ העברעיִשער צײַטשריפט הסולל און ביידע זענען דערשינען אין לעמבעריק, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ וויסטע, אָן אַ חיות פון שרײַבער און שרײַבן. איצט, נאָך אַ סך יאָרן, פילן מיר, אַז די צוויי צײַטשריפטן זענען געווען ווי דער לעצטער צוזאַמענבינד און אויפפלאַם אין יענע קאַנטן, אָבער צו יענער צײַט, האָב איך מיך, פאַרשטייט זיך קודם כל אינטערעסירט ווער זענען די טוערס און אויפטוערס. וואָס שײַך הסולל, וואָס האָט מיך שפּעטער דערגרייכט, האָט זיך די קשיא לײַכט און פון־זיך־אַליין פאַרענטפערט — דער רעדאַקטאָר איז געווען מײַן לאַנדסמאַן, דער דיכטער און פּעדאַגאָג, יעקב ראָטמאַן־נתנאלי, וואָס שײַך ווײַטער „צושטייער", וואָס איז פריִער אָנגעקומען, און וואָס האָט פּרעטענדירט צו זײַן אַ מין רעפּרעזענטאַציע פון די ייִדיש־שרײַבערס אין יענע קאַנטן, סײַ וואָס האָבן זיך געפונען אין גאַליציע סײַ וואָס זענען געווען צעשפּרייט אויף דער גאָרער וועלט, אָט זיך די קשיא עפּעס נישט אויפגעקלערט, ביז איך האָב מיך נישט דערוווּסט: פאַראַן אַ יונגע שרײַבערין, רחל אויערבאַך שמה, וואָס האָט אַמערשט געוווינט אין לעמבעריק און דאָרט געוואָרן אַ צענטער פאַר שרײַבערס און ליטעראַטור, און איז שפּעטער אַוועק קיין וואַרשע, און אויך דאָרט געשפּילט אַזאַ מין ראָל. צומערשט בין איך וועגן איר געוואָר געוואָרן פון זלמן רובאַשאָוו, שפּעטער שזר, וואָס האָט אין וואַרשע רעדאַקטירט דאָס וואָרט, און ער האָט זיך פאַר איר שטענדיק אינטערעסירט, סײַ מצד עצמה סײַ מצד איר ייִחוס, זײַט ער האָט געהערט, אַז זי שטאַמט אָפּ פון ר' שלמה דוד אייבשיץ, דעם מחבר פון „לבושי השׂרד" אויפן שולחן ערוך און „ערבי נחל" וועגן חסידות, און דער עיקר אינטערעס זײַנער איז מסתּמא געווען מחמת דעם, וואָס דער באַרימטער רב האָט פאַרלאָזט זײַן קהילה, סאָראָקע, און עולה געווען קיין צפת, און עס איז דאָך באַקאַנט, ווי ווײַט אונדזער נשיא, עליו השלום, האָט האַלט געהאַט די בויערס און באַנײַערס פון דער שטאָט אין גליל (צופֿיך צפת), און מסתּמא האָט אויך מיטגעשפּילט אַ טרויעריקע נאָטע — דער דאָזיקער רב און רבי האָט נאָך זײַן עליה נישט געלעבט מער ווי אַן איין־און־איינציק יאָר. יאָ, עס ווילט זיך אויך דערציילן, אין נאָמען פון אונדזער נשיא, אַ שטיקל הלצה, וואָס ער האָט אַרײַנגעשפּינט אין אַ שמועס וועגן פאַרבײַט פון דער רעכטער און לינקער שי"ן („דאָס שבתדיקע לשון"): מילא, ר' שבתי כהן איז מרמז אויף זײַן נאָמען אין זײַן ספר: שפתי כהן, איז רעכט און פאַרקערט ר' מאיר שמחה דווינסקער איז מרמז אויפן נאָמען

פון זײַן ספר: משך חכמה, איז אויך רעכט, אין צפון איז נישט געווען קיין הבחנה אין אַרויסרעד, אָבער אַז ר׳ דוד שלמה אייבשיץ, וואָס האָט זיך געכאָוועט אין אוקראַינע, און געוווינט אין בעסאַראַביע איז מרמז אויף זײַן נאָמען אין זײַן ספר: לבושי השרד, אין אַן אַנדערן סדר פון די אותיות ר׳ דוד שלמה איז אַ שטיקל חידוש, ער האָט דאָך יאָ געהאַט אַ הבחנה; אלא מאי, ער האָט עס פאַרריכט אין אַן אַנדער ספר זײַנעם: נאות דשא, ווו עס גייען כּסדר די אָנהייב־אותיות פון זײַן נאָמען און משפחה־נאָמען.

מיט יאָרן האָב איך געהערט וועגן רחל אויערבאַך, בעיקר פון יוסף פּאַלק, וואָס האָט זיך מיט איר צוזאַמענגעטראָפן נאָך אין לעמבעריק, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ווין, און פון זײַנע רייד, האָט זיך אויסגעקריסטאַ־ליזירט אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, אַ שטילע און רויִקע, וואָס קאָן אָבער מיט איר שטילקייט און רויִקייט אויפשטורעמען די סביבה אירע, זײַענדיק אַ וווּנדערלעכע מומחית צו אַנטפלעקן טאַלאַנטן און זיי צו שטאַרקן. גענוג דערצו דרײַ דוגמות: זי האָט דאָס אַנטשיידנדיק משפיע געווען אויף אונ־דזער יוגנט־פרײַנדין, דבורה פאָגל, אָפּלאָזן פּויליש און אַריבער צו ייִדיש. דער איבערגאַנג צו שפּראַך, וואָס זי האָט אָמערשט שוואַך באַהערשט, — אין דער היים האָט מען גערעדט פּויליש, אין „השומר הצעיר”, ווו זי האָט געאַרבעט אין קולטור־רעסאָרט, האָט מען גערעדט העברעיִש, זי אַליין האָט געשריבן פּויליש, און איז געוואָרן איינע פון אָריגינעלסטע דערשײַ־נונגען אין דער מאָדערניסטישער ייִדיש־ליטעראַטור. ווי ווײַט רחל אויער־באַך האָט געהאַט אַ האַנט דערבײַ, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפון, אַז זי האָט עס דבורהס ערשטע, ייִדיש־געדרוקטע לידער, איבערגעזעצט פון פּויליש, און דבורה איז געקומען דערצו, אַז זי האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן דרײַ ייִדישע ביכער — צוויי פּאָעזיע: „טאָג־פיגורן” (1930), מאַנעקינען (1934) און איינס פּראָזע „אַקאַציעס בליִען”, וואָס איז אויך אַרויס אין פּויליש Akacje kwitną (ביידע 1935). דאָס וואָס רחל אויערבאַך האָט איבער־געזעצט לידער, דערוועקט ממילא די קשיא, צי האָט זי אַליין נישט געשריבן קיין לידער. מסתמא יאָ, אָבער איך ווייס בלויז פון אַ קורץ ליד אירס (בלײַענע טעג) וואָס זי האָט געצייכנט מיט אַ פסעוודאָנים (אידאַ העפנער) און מחמת פּיקאַנטעריע דערלויב איך מיר עס דאָ צו ברענגען: „איך וועל ווידעראַמאָל גיין שפּילן און פאַרשפּילן: / די שטאָט ווי אַ שורה טורעמט אין אַ טאָג אָן זון. / מיט הוגעריקע [= הונגעריקע] טריט פון אומרו גיי איך צוויי מאָל אַ טאָג אַדורך די / שטאָט אָן גלאַנץ. / איך גיי

פרוּוון איינמאָל, / כּדי נאָך איינמאָל צו פֿאַרשפּילן". („צושטייער", העפֿט 1, סעפּטעמבער 1929, ז' 33).

אָבער קערן מיר זיך צו איר ראָל אין אַנטדעקן טאַלאַנטן — זי האָט עס אויפֿגעכאַפּט דעם ווערט און די באַזונדערקייט פֿון ברונאָ שולצעס פּראָזע — אַן אינטימער פֿרײַנד פֿון דבורה פֿאָגל, וואָס איז געווען פֿאַסצינירט פֿון זײַן מאָלערײַ, פֿלעגט ער איר שרײַבן לאַנגע בריוו, און רחל אויערבאַך האָט אים אונטערגעטריבן די אַלע בריוו, ווו ער האָט באַשריבן זײַן טאַטן און זײַן אַרום, אויסבויען ווי אַ דערציילישע גאַנצקייט, און ער האָט אַזוי געטאָן — פֿון די בריוו איז טאַקע אויסגעוואַקסן זײַן בוך Sklepy cynamonowe (צימרינג־געוועלבן) איינס פֿון די גרויסע פּראָזע־ביכער אין אונדזער דור. און נאָך אַ דוגמה — זי האָט עס געהאָלפֿן אַרטור סאַנדאַוער אין זײַן אָנהייב — אַ פֿײַנער דיכטער און באַחנטער עסייִסט, וואָס האָט תּחילת געהאַט האַרציקע באַציִען צו אונדזער ליטעראַטור, קענענדיק העברעיִש, האָט ער אויסגעצייכנט איבערגעזעצט ביאַליקן (איך בין מעיד אַז אין אונדזער שמועס, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין ירושלים, האָבן מיר גערעדט גלאַט העברעיִש), איז געבליבן אין פּוילן און פֿאַרנעמט דאָרט אַ חשובֿן פּלאַץ אין דער ליטעראַטור און וויסנשאַפֿט.

און אויב איר פֿאַרדינסט איז גרויס לגבי כּוחות, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם תּחום פֿון אונדזערע היימישע שפּראַכן, איז דאָך דער פֿאַרדינסט ווידער לגבי כּוחות וואָס זענען געשטאַנען אין סאַמע אייגענעם תּחום אונדזערן, סײַ גרעסער און סײַ לעגיטימער. און אַז עס וועט קומען איר רעכטער ביאָגראַף און אָפּשאַצער, וועט ער סײַ אויסברייטן סײַ פֿאַרטיפֿן דעם רמז, מיט וועלכן מיר מוזן זיך לעת עתּה באַגנוגענען, און קליפּ און קלאָר אויסטײַטשן, ווי אַרום דער כּוח אירער צו זײַן תּחילת אַ באַשיידענע אָבער גרויסע פּאַטראָנעס פֿון דער פּאָעזיע פֿון אונדזער פֿאָלק, איז איר בײַגעשטאַנען צו ווערן אַ באַשיידענע אָבער גרויסע פּאַטראָנעס פֿונעם גורל פֿון אונדזער פֿאָלק.

[שבט תשל"ז]

צווישן היסטאָריאָגראַפיע און היסטאָריע

וועגן אַברהם אײַזנבאַך

אמר המחבר: די ישׂראלדיקע היסטאָרישע געזעלשאַפט (שזר־אינסטיטוט), האָט מיך פאַרבעטן צו זאָגן אַן אַרײַנפיר־וואָרט צום ייִדיש־געהאַלטענעם רעפעראַט פון פראָפ׳ אהרן (אַרטור) אײַזנבאַך, וואָס איז אַנומלט פֿירגעקומען אין ירושלים. איך האָב דעם פאַרבעט זייער גערן אָנגענומען, ווי עס געשיקט זיך לגבי אַ ליבן און זעלטענעם, צו זעלטענעם, גאַסט — האָבן מיר זיך דאָך געזען אין ירושלים, נאָך מיט אַ קאַרג האַלבן יובל צוריק, בעתן צווייטן יודאַיִסטישן קאָנגרעס, און זינט דעמלט זענען פֿירגעקומען נאָך עטלעכע קאָנגרעסן, וואָס זענען געווען אינטערעסירט צו הערן וועגן זײַנע חידושים אין דער היסטאָריאָגראַפיע פון די ייִדן אין פוילן, אַרום וועלכער ער באַמיט זיך, אין זײַנע וואָגיקע פאָרשונגען, אין דער רעם פון היסטאָרישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט אין וואַרשע. אַוודאי לייענען מיר זײַנע ביכער, וואָס ער האָט במשך דער צײַט אַרויסגעגעבן, אָבער מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, וואָס די גמרא זאָגט, אַז עס איז בעסער איין שמועס אַנצליט צו אַנצליט, ווי טויזנט פאַרמעטן פון שלמה המלך.

א

אַוודאי איז עס אַ צופאַל, וואָס כמעט אין דער זעלבער שעה, ווען דער טעלעפאָן האָט מיר געבראַכט דעם בכבודן פאַרבעט פון פראָפ׳ שמואל עטינגער צו דערעפענען אײַזנבאַכס לעקציע, האָט מיר די פאָסט געבראַכט בן־ציון דינורס פערטן באַנד היסטאָרישע שריפטן („דורות ורשומות", ירושלים, תשל"ח), אָבער מסתמא איז עס נישט קיין צופאַל, אַז מיט דער אויפגעפרישטער לעקטור פון דינורס לעקציע בײַם פערטן יודאַיִסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, האָבן זיך מיר דערוועקט אַסאָציאַציעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער חשובן און ליבן גאַסט און זײַן וויסנשאַפטלעכן אויפטו. יענע לעקציע, וואָס שיידט פונאַנדער זעקס תקופות אין אונדזער היסטאָריאָגראַפיע, און די זעקסטע מיינט די תקופה זינט שמעון דובנאָוו ביז הײַנט, ענדיקט זיך מיט אַזאַ באַמערק: „דעם אויפטייל אויף תקופות אין דער היסטאָריאָגראַפיע דאַרף מען באַטראַכטן נישט בלויז מצד מיינונגען און באַנעמען פון עבר, וואָס זענען פון אינטערעס פאַר דער היסטאָריאָ־

גראַפיע, און נישט פאַר דער היסטאָריע, משמע אַז זיי קענען נישט מעיד זײַן אויף דער היסטאָרישער ווערקלעכקייט. דאָס וואָלט געווען אַ האַרבער גרייז. ווײַל דער היסטאָרישער נסיון פון אַ יעדן דור ווענדט צו דעם בליק פון די היסטאָריקער צו שטחים פון היסטאָרישער ווערקלעכקייט, וואָס מען האָט אויף זיי פריִער נישט געלייגט קיין אַכט. און אין דעם זינען באַשטייט דער ווערט פון היסטאָריאָגראַפישע דעות און אויסקוקן לגבי דעם באַטראַכט פון דער היסטאָרישער ווערקלעכקייט. און דער דאָזיקער ענין פאָדערט אַ גרויסע, גענויע און פּרטימדיקע פאָרש־אַרבעט, און מיט מײַנע איצטיקע באַמערקן האָב איך בלויז געוואָלט דערוועקן דעם אויפמערק פון די פאָרשערס דערצו" (ז' 48).

ב

אַוודאי וועט ערשט אַ שפּעטער דור קענען אַקוראַט באַשטימען, אויף וויפל און ווי אַרום די זעקסטע תּקופה אין אונדזער היסטאָריאָגראַפיע האָט די געפאָדערטע אויפגאַב דערפילט. אָבער שוין מיר, וואָס האָבן די דאָזיקע תּקופה פון דער היסטאָריאָגראַפיע מיטגעמאַכט און איר היסטאָרישע ווערקלעכקייט מיטגעוויטיקט און מיטגעשווידערט, קענען און מעגן עפּעס זאָגן דערוועגן, בפרט לגבי דעם ווערק פון אונדזער גאַסט, ווו עס שטויסן זיך אָן היסטאָריאָגראַפיע און היסטאָרישע ווערקלעכקייט. וואָס שייך זײַן היסטאָריאָגראַפיע, דערלויב איך זיך עפּעס אָפּצושטעלן אויף זײַן וועג צו איר און אין איר. און איך דערלויב מיר דאָס אויפן סמך פון אונדזער בשותּפותדיקער ביאָגראַפיע און דער צײַטלעכער און אָרטלעכער רעם פון אירע אָנהייבן — דער לעצטער יאָרצענדלינג פון מלכות האַבסבורג און זײַן קרוינלאַנד גאַליציע, די ענלעכע ייִדישע קהילה, בײַ מיר אַ מזרחדיקע, בײַ אים אַ מערבדיקע קרײַז־שטאָט, כּמעט דער זעלבער אויפוווקס, כּמעט די זעלבע דערציִונג — די ייִדישע שטוב און גאַס, די פּוילישע פאָלקס־ און מיטל־שול, וואָס האָט אונדז, ייִדישע תּלמידים, אָפּגעקאָרמעט מיט אַ דאַרן פּעניץ פון ייִדישער געשיכטע, וועלכע מען האָט אונדז דערלאַנגט בײַ די רעליגיאָנסשטונדן — אַ מין קאַריקאַטור אירע, ווי עס האָבן זי פּרעפּאַרירט די לערנביכלעך פון די בידנע מאָזאַיִשע בעלפערס, נוסח איזאַק פלאַנער אָדער סאַלאָמאָן שפּיצער, וואָס מיר, די תּלמידים, וועלכע האָבן זיך, ווער אין „פּרחי ציון" און ווער אין „יוגענד", געריסן צו אַן אייגן נאַציאָנאַל און סאָציאַל ייִדישן באַוווסטזײַן, האָבן זיי באַיקאָטירט, און אויסגעקעמפט די

אַפּראָבאַטע פֿאַר מאיר באַלאַבאַנס פּריש און לעבעדיק לערנבוך, ווי איך האָב עס פֿאַדראַבנע דערציילט אין מײַן אויטאָביאָגראַפֿישן בוך „ממעגל הנעורים" (תש"ו, ז"ז 190־194).

ג

באמת האָבן די מחברים פֿון די דאָזיקע לערנביכלעך און זייערע אונטערשטיצערס שוין דעמלט געוווסט, אַז זיי האָבן אויסגעשפּילט — האָבן דאָך, סײַ זיי סײַ זייערע אַפּוטרופּסים געזען, וואָס איז געוווען דער גורל פֿון פֿאַנד, וואָס דער וואַרשעווער נדבן, היפּאָליט וואָוועלבערג, האָט באַגרינדעט פֿאַר פֿאָרשונגען פֿון ייִדישער געשיכטע אין פּוילן. לויט זײַן אַסימילאַטאָ־רישער אידעאָלאָגיע האָט ער מסתמא געחלומט וועגן אַ קאָדער ייִנגערע פֿאָרשערס, וואָס וועלן ממשיך זײַן, אויף אַ העכערן שטאַפּל, דעם דרך פֿון הילאַרי נוסבוים, און האָט דעם פֿאַנד אָנפֿאַרטרויט דעם פּוילישן אוני־ווערסיטעט אין לעמבעריק און דער פּוילישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדע־מיע אין קראָקע. אָבער עס האָבן אים געוווּנען משה שור פֿאַר זײַן בוך וועגן די פּרעמיסלער (פּשעמישלער) ייִדן ביזן סוף פֿון 18טן יאָרהונדערט (1903); מאיר באַלאַבאַן פֿאַר זײַן בוך וועגן די לעמבעריקער ייִדן בײַם איבערגאַנג פֿון 16טן און 17טן יאָרהונדערט (1906); און יצחק שיפּער פֿאַר זײַנע שטודיעס וועגן אָנהייבן און המשך פֿון די עקאָנאָמישע באַציִען פֿון ייִדן אין פּוילן אין מיטלעלטער (1911).

און אין יענע יאָרן, לאו־כל־שכן שפּעטער, האָבן זיך שוין אין די גאַלי־צישע פּוילישע פֿאָלקס־ און מיטל־שולן, אַרומגעדרייט ייִדישע תּלמידים, וואָס פֿון זיי איז אויפֿגעוואַקסן דער קומענדיקער דור פֿון אונדזערע היסטאָ־ריקערס פֿון און אין פּוילן, און כּמעט אַלע פֿון זיי זענען געווען תּלמידים פֿון די דאָזיקע דרײַ לאַורעאַטן.

ד

אָבער איך וועל מיך איצט בכּיוון באַשרענקען בלויז צו איין קהילה — צאַנז (נײַ־סאַנץ), ווו עס האָט זיך, אין יענע יאָרן און עפּעס שפּעטער, גענומען אויספּיקן אַ האַלב טוץ עילויים — רפֿאל מאַהלער און דער פֿון אים אַ יאָר ייִנגערער מנחם (עמנואל) רינגלבלום, געבוירן אין ביטשוטש — אַ קרוב פֿון עגנון וואָס באַשרײַבט אים און זײַן משפּחה אין זײַן בוך („עיר ומלואה" תשל"ו, ז"ז 253־254) — אָבער זיך געכאָוועט אין צאַנז;

און דער פון רינגעלבלום מיט אַ יאָר ייִנגער ישׂראל צבי שווייד (שבי״ד), און דער פון שוויידן מיט אַ צוויי יאָר ייִנגערער מענדל נײַגרעשל; און דער פון נײַגרעשלען דרײַ יאָר ייִנגערער אהרן אײַזנבאַך. די צוויי ערשטע און דער לעצטער זענען היסטאָריקערס פון גרויסן ניוואָ און פאַרנעם; אין דער מיט, דער דיכטער, האָט אויך געשריבן די געשיכטע פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין גאַליציע, און דער פּראָזאַיִקער האָט אויך געכאַפּט און פיקסירט אָט יענע פּאַטאָלאָגישע שאַרלאַטאַנדלעך האַרט נאָכן צוזאַמענבראַך פון ווילהעלמישן רעזשים, און וואָס האָבן אויסגעצײַטיקט דעם גרויסן שאַרלאַטאַן, היטלער („הקברט הגדול״).

ווי אַרום אַזאַ האַלב טוץ ייִנגלעך האָבן געקאָנט און געמוזט אויפשטיין אין דער אייגער מערב־גאַליצישער שטאָט — איז אפשר אויך אַן ענין פאַר היסטאָריקערס.

ה

געגוג אַ קוק דערלאַנגען אין נײַעם לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, כּדי צו באַמערקן, ווי אהרן אײַזנבאַך איז נאָך זוכעניש — דער וואַנדל צווישן לערנאַנשטאַלטן (האַנדלס־אַקאַדעמיע, אוניווערסיטעט, ייִדישער לערער־סעמינאַר, ייִוואָ־אַספּיראַנטור); דער וואַקל צווישן לערן־פאַכן (פילאָלאָגיע, געשיכטע), ביזן געפינען דעם פאָקוס פון זײַן פאָרשערישן אינטערעס — געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן, בעיקר קרויןפּוילן. אָבער דאָ קומט אַן איבעררײַס אין דער היסטאָריאָגראַפיע, מחמת דעם אכזריותדיקן אַרײַנמיש פון דער היסטאָרישער ווערקלעכקייט — דער חורבן פון ייִדיש אייראָפּע, און איר האַרצן, דאָס ייִדישע פּוילן: „מיט קליינע אויסנאַמען, איז זײַן איצטיקע טעמאַטיק אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער פאָרשונג פון דעם ייִדישן חורבן אין פּוילן״ — אַזוי הייסט עס אין דערמאָנטן לעקסיקאָן, וואָס איז אַרויס 1956. אָבער באמת האָט ער זיך, נאָך זײַנע דאָרט אויסגערעכנטע אַרבעטן, אומגעקערט צו דער פריִערדיקער טעמע זײַנער און זי אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. אַז מיר קוקן דורך זײַנע ביכער, געפינען מיר זײַנע אַרבעטן וועגן דער היטלעריסטישער פּאָליטיק פון דער עקסטערמינאַציע פון די ייִדן, אין די יאָרן 1939 ביז 1945, ווי איינע פון די דערשײַנונגען פון דײַטשישן אימפּעריאַליזם (1953); וועגן דער היטלעריסטישער פּאָליטיק פון אויסראָטונג פון די ייִדן (1961); אָבער דערנאָך קומט אַ שורה ביכער, וואָס גייט אויף דער ליניע פון זײַן פרימאַרן פאָרשערישן אינטערעס

וועגן דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור פון די ייִדן אין קרוין־פּוילן אין ליכט פון די פּיסקאַלע סכעמעס (1965) ; די שאלה פון גלײַכבאַרעכטיקונג פון ייִדן אין קרוין־פּוילן (1972) ; ואחרון־אחרון : די גרויסע פּוילישע עמי־גראַציע און איר באַצי לגבי דער ייִדישער שאלה אין די יאָרן 1823—1849 (1976), וואָס חידושים דערוועגן זענען דער ענין פון דער איצטיקער לעקציע.

ו

אָט די און די איבעריקע אַרבעטן באַזירן אויף אַ ים אַרכיוואַרישע מאַטעריאַלן, וואָס זענען לרוב נישט באַנוצט געוואָרן און, נאָר צום טייל, און דאָס אויך, נישט אויסשעפּיק, אויסגענוצט געוואָרן, און דאָס לאָזט זיך דורכאַקערן בלויז אויף איין אָרט, אין פּוילן גופא, בעיקר אין וואַרשע, ווו עס האָט, מיט אַ האַלבן דור צוריק, געשפּרודלט דאָס דינאַמישע, קאָכיקע און קאָליריקע לעבן פון אונדזער פאָלק, און הײַנט, נאָכן חורבן, איז קוים־קוים געבליבן אַ בלייכער זכר דערפון, און נישט אומזיסט האָט זיך מיר אַ מאָל, אַנפּרעגנדיק זיך וועגן אײַזנבאַך, אַרויסגעכאַפּט אַ לאַפּסוס : און וואָס טוט דאָרט איינזאַמבאַך ?

עס מוז זײַן אַ שווערע איינזאַמקייט פאַר אַ ייִדן, וואָס זײַן עיקר־עובדא איז געשיכטע פון ייִדן, צו טאָן זײַן אַרבעט אין איצטיקן פּוילן, וואָס איז פול אַקטיוויטעט, בחומר וברוח, און נישט האָבן אַרום זיך דעם המון בית ישראל, און עס דערמאָנט דאָס ליד פון ח. נ. ביאַליק („על כף ים מות זה״), ווו ער באַשרײַבט אַ לײַכט־טורעם וואָס שטייט איינער אַליין אויף אַ חורבה־בערגל, ווו עס איז אַמאָל געווען דאָס אינדזל פון האָפנונג און טרייסט און איצט איז עס אַן אינדזל פון רוין און חורבן. אָבער ער, דער לײַכט־טורעם —

עררירי נצב שם ובבוא החרסה
יד־סתר תדליק בראשו נר־הפלא
וכמו שהאיר — יאיר.

טײַטש : עלנט שטייט ער דאָרטן און מיט זון־זעץ צינדט אָן אַ געהיימע האַנט, אויף זײַן שפּיץ, די קאַרץ פון וווּנדער און ווי ער פלעגט צו לײַכטן — לײַכט ער. און עס פרעגט זיך די קשיא :

למי הוא מאיר שם ולמה ?

טײַטש: װעמען לײַכט ער דאָרט און צו װאָס? און די תשובה, לגבי אונדזער נמשל איז: ער באַלײַכט װאָס עס איז געװעזן און װי עס איז געװעזן אַמאָל און דאָרט, װי אַ לער און װאָרנונג צו דעם װאָס איז און דאָ, און מען מעג גרייִלעך באַנוצן דאָס װאָרט פון אונדזערע חכמים: אם איהו לא חזה — אַפילו ער גופא זאָל עס נישט האָבן געזען, מזליה חזה — האָט עס זײַן שטערן געזען. און זאָל ער װײַטער לײַכטן און באַלײַכטן און זיך גאָר אָפּט לאָזן זען איצט און דאָ, צװישן אונדז און מיט אונדז, און עס זאָל בײַ אים מקוים װערן דער פסוק, װאָס איז בײַ אונדז מקוים געװאָרן: פה אשב כי איויתיה, משמע: דאָ װעל איך זיצן, בעװײַל איך האָב עס געגאַרט.

[ו׳ כסלו תשל״ט]

IV

צום טאַקט פון האַלב־הלל

אַ וואָרט ביַים ייִדיש־צוזאַמענקום אין ירושלים

א

דערלויבט מיר, קודם־כּל אַ וואָרט לביתי, pro domo sua — און דאָס איז אַ וואָרט פון דאַנק פאַר דעם עצם שעת־הכּושר צו שטיין איצט פאַר איַיך און לאָזן פאַלן עטלעכע געדאַנקען און באַמערקונגען וועגן ייִדיש אין אונדזער נייַער היסטאָרישער און אַקטועלער סיטואַציע. איך בין מחויב מיך צו באַדאַנקען, דען כאָטש איך בין פון די איניציאַטאָרן פון היגן ייִדיש־קאָמיטעט, מיט אַ טוץ יאָרן צוריק, ווען מיר זענען בסך־הכּל געווען פיר חברים: דער הויפּטאיניציאַטאָר יצחק קאָרן, אַהרן צייטלין, אַברהם סוצקעווער און איך; און כאָטש איך בין אויך געווען רעלאַטיוו טעטיק ווען דער קאָמיטעט האָט זיך אויסגעברייט, און האָב מיט וואָרעמקייט באַגלייט די באַשיידענע אָבער חשובֿע, און צו מאָל אַפילו גרונטיקע אויפטוען, בין איך אָבער געווען מחולק אין כּמה־וכּמה פּרינציפּיעלע און זאַכלעכע ענינים, מיט וועלכע איך וועל איַיך איצט נישט מטריח זיַין, און בלויז דערמאָנען אַן ענין וואָס איז פאַרקניפּט דערמיט: איך בין נישט געווען דער פאַר־ברענטסטער חסיד פון דעם איצטיקן צוזאַמענקום און זיַין געשטאַלטונג, און ווי ווייל איך האָב געוווסט, אַז עס איז גאָר מעגלעך, אַז איך האָב מיך אין מיַין אַרגומענטאַציע טועה געווען, און איך האָב למעשׂה אָנגענומען, אחרי רבים להטות, דערלויבט מיר אָבער נישט מיַין שטעלונג להלכה צו רעדן אין נאָמען פון אַ רבים, און איך בין צופרידן, וואָס איך קאָן אויפטרעטן ווי אַ יחיד, וואָס רעפּרעזענטירט בלויז זיך אַליין, און איך וויל האָפן אַז איר וועט פאַרשטיין, אַז איך דערקלער עס נישט מחמת גאווה אָדער ענוות, נאָר מחמת פּשוטער ישרנות. נאָך מער צופרידן בין איך, וואָס עס קומט מיר אויס, נאָכן ערשטן טאָג יום־טובֿ, וועלכער איז, ווי דער ערשטער טאָג פּסח, מחייב צו זאָגן גאַנץ הלל, צו דערעפענען דעם חול־המועד, וואָס באַנוגנט זיך מיט האַלב־הלל, ווי אַ נאַטירלעכער איבערגאַנג צום עיקר, צו די וואָכנ־

טעג, די ששת־ימי־המעשׂה, וואָס האָבן, ווי אַיעדער שחרית, אויך אַ מין הלל, קאַפּיטל תּהילים קל״ו, און וואָס הייסט דווקא ההלל הגדול.

ב

נאָך עפּעס: וואָס שייך דעם קריטישן באַצי צום עצם צוזאַמענקום, בין איך דערינען נישט אַ תּם נאָר אַ מועד, ווײַל ער חזרט זיך בײַ מיר בפּירוש איבער. דען דערלויבט מיר צו דערמאָנען, אַז אַזאַ אָדער ענלעכער צוזאַמענטרעף איז שוין, מיט אַ סך יאָרן צוריק, געפּלאַנירט געוואָרן, — אמת, נישט לויטן איצטיקן צוזאַמענשטעל, דען דעמאָלט האָט זיך גע־האַנדלט אין אַ קאָנגרעס פון העברעיִשע און יידישע שרייבערס פון דער גאַרער וועלט, און בײַ דער באַראַטונג דערוועגן, מיטן אַקטיווסטן אָנטייל פון דעם פריִערדיקן און דעמאָלטיקן מיניסטער פאַר דערציִונג און קולטור, זלמן שזר און זלמן אַרן, האָב איך געהאַלטן פאַר מײַן חוב אין דער אַלגע־מיינער, כּמעט היציקער, אַקלאַמאַציע אַרײַנצוּוואַרפן אַ קילע וואָרענונג, וועלכע איז נישט אַקצעפּטירט געוואָרן, ווי זי איז אויך איצט נישט אַקצעפּ־טירט געוואָרן, אָבער פּונקט ווי עס איז נישט מײַן שולד, וואָס יענער צוזאַמענקום איז נישט צו שטאַנד געקומען, איז עס נישט מײַן פאַרדינסט, וואָס דער איציקער צוזאַמענקום איז יאָ צו שטאַנד געקומען.

ג

אָבער אין ביידע פאַלן האָב איך געטראַכט און געזאָגט, אַז אויב אַזאַ צוזאַמענקום וועט יאָ זײַן, דאַרף ער צו זײַן אין ירושלים, וואָס נישט בלויז זי סימבאַליזירט, נאָר רעפּרעזענטירט אויך פאַקטיש, מער ווי אַיעדע אַנדערע שטאָט אויפן יידישן גלאָבוס, די נײַע היסטאָרישע און אַקטואַלע סיטואַציע נאָך אונדזער גרויסן חורבן, וואָס וואָלט פאַראַליזירט דעם גלויבן פון פאָלק אין זײַן קיום און צעטרייסלט זײַנע לעבעדיקע כּוחות, ווען נישט דער אויפ־קום פון דער מדינה, וועלכע איז שוין איצט און וועט, אין אַן אַלץ ברייי־טערער און טיפערער מאָס, זײַן דער קאָלעקטיווסטער, דינאַמישסטער ייִשוב, וואָס זײַנס גלײַכן קענען מיר ערגעץ אַנדערש נישט האָבן בפּועל־ממש — אייגענע שטעט, אייגענע דערפער, אייגענע קולטור, נישט בלויז אין אָנגע־נומענעם זינען, נאָר אויך, און צו מאָל בעיקר, אין זינען פון די איבעריקע גרונט־אַטריבוטן און אירע קיום־באַדינגונגען — מלוכישע סוווערעניטעט, טעריטאָריאַלע קאָמפּאַקטקייט, פּאָליטישע און פאַרוואַלטערישע אויטאָנאָמיע,

עקאַנאָמישע און ווערטשאַפטלעכע באַזע, און אַחרון־אַחרון, וואָס איז פאַר אונדזער צוזאַמענקום איצט אַ ראשון־ראשון — די מאַקסימאַלסטע מעגלעכקייט פון דערציִערישן און שפּראַכלעכן פאַרנעם און אַרומנעם. איך ווייס, אַז דעם באַנעם פון אַזאַ צענטראַלקייט קומט אָן שווער צו פאַרדייַען איינעם, וואָס האָט זיך געכאָוועט און צוגעווינט צום בעיקר דובנאָווישן נוסח פון אונדזער געשיכטלעכער וואַנדערנדיקער צענטרישקייט פון ישראל בעמים, אָבער פאַראַפראַזירנדיק אַ וואָרט פון זייַנס אַ גרויסן תּלמיד, יודל מאַרק, וואָס האָט אַ שטיק פון דעם באַנעם טעאָרעטיש און פראַקטיש אויסגעפירט, איז שווער נישט מודה צו זייַן, אַז די דאָזיקע צענטרישקייט איז הייַנט חל אויף ירושלים; אלא־מאי, זי פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַיעדן פריִערדיקן, וואַנדערנדיקן צענטער, האָט אָבער אַ חסרון, וואָס די כּלה איז צו שיין, זי איז דאָס האַרץ פון דער ייִדישער מדינה, — זאָלן מיר טאַקע קיין אַנדערע חסרונות מער נישט האָבן.

ווערט איר מיר מוחל זייַן, אַז די צענטראַלקייט איז סיי די הנחה סיי די מסקנה פון מייַנע באַמערקן, וואָס קענען, אין איצטיקן באַגרענעצטן צייַטרעמל, בלויז זייַן רמזים, און וועמען זיי וועלן אינטערעסירן, בעט איך אים זייער, נאָכצוגיין זייער המשך, ווי איך האָף אים בכתב צו אַנטוויקלען.

ד

און איצט אַ שטיקל ווידוי: מייַנס־גלייַכן האָבן נישט געהאַט קיין ספק־ספיקא אין דער דאָזיקער צענטראַלקייט, ווען מיר זענען, מיט איבער פופציק יאָר צוריק, געקומען אַהער, בשעת דער ייִשוב האָט געציילט קוים הונדערט און אַכציק טויזנט נפשות, און דאַרונטער אַ היפשער פראָצענט פון אַלטע ייִדן, אָבער דאָס האָט גורם געווען די אמונה פון אַ מיעוט, און אַפילו אַ מיעוט־בתוך־מיעוט, וואָס קעגן אים איז געשטאַנען אַ רוב, וואָס האָט נישט געטיילט אונדזער גלויבן — פאָליטישע פאַרטייען, קולטורישע פאָרמאַציעס, אידעאָלאָגיעס, פראָגראַמען, און צווישן זיי נישט ווייניק פאַרשוינען פון גרויסן פאָרמאַט, שרייַבערס און דענקערס, און זיי אַלע האָבן געהאַט אַנדערע, גאָר אַנדערע ענטפערן אויף אונדזערע קיום־קשיות. וועל איך זיך איצט נישט אַרייַנלאָזן אין אַן אָפשאַץ פון דעם שלל אָריענטאַציעס און זייערע ווידעראַנאַנדן אין דער ייִדישער גאַס, דען דאָס איז שוין לאַנג אַן ענין פאַר היסטאָריקערס, וואָס וועלן מסתּמא פון איין זייַט באַשטאַרקן דעם טאַקטפולן, כאָטש דיסטאַנצירטן דרך־ארץ פאַר ייִדן און אַלעמען, וואָס האָבן

זיך במסירת־נפש באַמיט צו דערהאַלטן יידן ווי יידן, איטלעכער און איטלעכס, לויט זײַן אמונה און סברה, וועלן אָבער פון דער אַנדערער זײַט, קענען קלאָרער אָפּשיידן צווישן סוביעקטיוו רעכטע כּוונות און אָביעקטיוו רעכטע מעשׂים, און מסתּמא אויך דערקלערן, ווי אַרום, סײַ די כּוונות סײַ די מעשׂים, זענען אַרײַן אין איין גרויסן פּוללדיקן חשבון.

אָבער וואָס מיר קענען, דאַכט זיך, שוין איצט פאַרשטיין איז, אַז מיר געפינען זיך ,נאָכן אומקום דאָרט און אויפקום דאָ, אין עצם פּראָצעס גובר צו זײַן די פריערדיקע דיסאָריענטאַציע און באַפעסטיקן די היסטאָרישע און אַקטואַלע רעאָריענטאַציע, וואָס בלויז די מענטשלעכע־אַלצומענטשלעכע מידה פון געדאַנקלעכער און מענטאַלער אינערציע דערלאָזט אונדז נאָך נישט פול צו באַנעמען, ווי ווײַט דאָס דאָזיקע איבערקערעניש גרייכט און וועט ערשט גרייכן, נישט בלויז להלכה נאָר בעיקר למעשׂה.

ה

אַז די רעאָריענטאַציע איז נישט געווען און איז נאָך איצט נישט קיין פּולער קיימא־לן, דאַרפן מיר לאַנג נישט ברײַען, און איך וועל ברענגען דרײַ בולטע דוגמאות, אין אַ ספּעקטרום, וואָס אינטערעסירט אונדז איצט באַזונדערס, דאָס איז דאָס ספּעקטרום פון מאַרקאַנטע יידיש־טעאָרעטיקערס און יידיש־פּראַקטיקערס, און וועל אָנהייבן מיט אַ דוגמה אויף דער שוועל פונעם אַפּאָקאַליפּטישן שוידערלעכן בין־השמשות פון אונדזער דור, ווען דער אַרצע־מנוול האָט געבושעוועט אין אייראָפּע; און אַזאַ ברילאַנטער גײַסט און אויפגעוועקטער קאָפּ, ווי מאַקס ווײַנרײַך, האָט געזאָגט: „לכל־הדעות דאַרף די פּראָבלעם פון ארץ־ישׂראל רעדוצירט ווערן צו די גע־העריקע פּראָפּאָרציעס אינעם אַלגעמיינעם ,בילד פונעם יידישן לעבן. ארץ־ישׂראל איז ניט די צענטראַלע יידישע פּראָבלעם און ווי באַלד אַזוי, טאָר מען ניט אַרויסרוקן ארץ־ישׂראל אין פאָדערגרונט פון דער יידישער פּראַגע. כּל־זמן יידן זיצן אין די גרויסע מיליאָנען אין אייראָפּע, איז קעגן די אינטערעסן פון יידישן פאָלק צו שאַפן דעם אײַנדרוק, אַז ארץ־ישׂראל איז די תּרופה פון אַלע יידישע צרות, אַפילו ווען עמעצער מיינט, אַז ער ווייס אויף זיכער, ווי אַזוי אַרויסצופירן יידן פון גלות. שטעלן ארץ־ישׂראל ווי אַ תּרופה פאַר אַלע יידישע צרות, איז ניט קיין רעאַליסטישע פּאָליטיק, איז געשפּילט וואַבאַנק ——״. איך דערמאָן דאָס נישט לשם פּאָלעמיק מיט

אַ זאַמלבוך, וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אויגוסט 1942, און מיט אַ רעפעראַט, וואָס איז דאָרט געהאַלטן געוואָרן סוף מאַרץ 1942, און וואָס זײַן ערשטע הנחה איז געווען דער גלויבן, אַז די גרויסע מיליאָנען ייִדן אין אײראָפּע לעבן און וועלן לעבן און וועלן זיך דאָרט רעסטיטויִרן, און זײַן אַנדערע הנחה איז געווען די סברה, אַז די רעסטיטוציע וועט פירקומען אין יענע מלוכות אין אַ מערבדיק־דעמאָקראַטישן רעזשים.

צו אונדזער גרויסן בראָך איז דער דיאַגנאָז אַכזריותדיק צוזאַמענגעבראָכן, און וואָס שײַך דעם פּראָגנאָז, האָט ער אויך נישט צוגעטראָפן, אַפילו ווען ער איז טיילווײַז מעגלעך געווען — אַ סימן, די צענדליקער טויזנטער פּליטים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין פּוילן, זענען נאָך אַ קורצער צײַט, אין וועלכער זיי האָבן געפּרוּווט רעסטאַווירן שפּראַך, ליטעראַטור, טעאַטער, וויסנשאַפט, ווידער אַוועק, און הײַנט־צו־טאָג געפינט זיך דאָרט אַ לעצט רעשטל פון זיי. ניין, מיר האָבן מאַקס ווײַנרײַכס ווערטער געבראַכט, כּדי צו באַטראַכטן, ווי האָט זיך אין אַזאַ טיף־ערנצטן מענטשן, נאָכן חורבן, דערוועקט און געמוזט דערוועקן, און דאָס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, די דילעמע: וואָס געשעט מיט דער ירושה פון אונדזער חרובער וועלט, ביחוד מיט אירע קולטור־עלעמענטן, און ראשית־כּל און אַחרית־כּל, די ייִדישע שפּראַך, וואָס איז בײַ אים געווען דאָס אויג פון קאָפּ און פאַר וועלכער ער האָט, ווי אַ פאָרשער, היסטאָריקער, אידעאָלאָג און פּובליציסט זײַן פּרוכפּעריק לעבן אָפּגעגעבן. אויב מען מעג די דילעמע, אַלעגאָריש אָדער סימבאָליש, צושפּיצן, מיינט זי: ווער וועט זײַן דער עיקר־יורש — צי ניו־יאָרק מיט איר פּראָגרעסירנדיקער ייִדיש־ירידה, בעיקר בײַם יונגן דור; צי ירושלים, מיט איר פּראָגרעסירנדיקער העברעיִש־עליה, בעיקר בײַם יונגן דור. אַוודאי ענטפערט דער גאַנג פון זײַן ביאָגראַפיע דערויף, אָבער אַז ער האָט זיך פאָרט געוואַקלט צווישן די צוויי צענטערס איז קלאָר פון אַ בולטן עפּיזאָד — דער משׂא־ומתן וועגן דער ייִדיש־קאַטעדרע, וואָס דער היגער העברעיִשער אוניווערסיטעט האָט אים, אויף מײַן איניציאַטיוו, פאָרגעלייגט, און וואָס ערשט נאָך זײַן ניין און שמואל ניגערס ניין האָב איך זי איבערגענומען, און האַלט אָבער עד־היום, אַז זיי האָבן געטאָן אַ גרויסן, נישט בלויז ביאָגראַפישן טעות. על־כּל־פּנים איז אויך דאָס אַן ענין פאַר אַ פאָרשער, און מסתּמא וועט זיך אַריה פּילאָווסקי, אין המשך פון זײַן שטודיע וועגן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, אויך מיט דעם פּרק פאַרנעמען.

ו

איך האָב דערמאָנט אַ בעל־שיעור־קומה, דעם גרויסן ייִדיש־מתמיד, דעם פּלײַסיקסטן קריטיקער און כראָניסט פון דער ייִדיש־ליטעראַטור, שמואל ניגער, און איך וויל מיך איצט קורץ אָפּשטעלן דערויף, ווי אַזוי האָט ער רעאַגירט אויפן אויפקום און ערשטן אַנטוויקל פון דער מדינה, און דאָס לויט זײַן בראָשור: ישׂראל... — פֿאָלק און לאַנד, וואָס איז פול רעזערוואַציעס: לאַ די וואָס ער חזרט אין דער נײַער סיטואַציע איבער זײַן אַלטן אני מאמין: וועלטלעכקייט, ייִדיש, עם־עולם ווי די באַזע; ווײַטער מסורה, עבֿרית, ארץ־ישׂראל, ווי די אָנשפּאַרן, שטיצן פון דער באַזע, באַהאַנדלט ער אויך דעם ענין פון קולטור — ווידער אַ מאָל אין אָנגענומענעם באַגרענעצטן זינען — און ספּקט, אויב מדינת־ישׂראל קאָן דאָ שפּילן אַ ראָל: זי מוז דאָך מיט איין האַנט בויען דאָס לאַנד און מיט דער אַנדערער האַנט עס פאַרטיידיקן, און קיין דריטע האַנט האָט מען דאָך נישט, וועט שוין ממילא דער ענין קולטור זײַן דער אויפגאָב פון דער באַזע, ווײַל דער אָנשפּאַר וועט דערצו קיין צײַט און קיין כּוח נישט האָבן. איז דאָך לגבי אַזאַ ייִדן מיט פולן מויל ווי ער, די קאַרדינאַלע קשיא געווען: אין וואָס פאַר אַ שפּראַך וועט די דאָזיקע קולטור אויפגעבויט ווערן, און אויב ער האָט אָנגענומען אַז ייִדיש, וואָלט ער באַדאַרפט בודק זײַן, צי איז דאָ נישט דער ווונטש דער פאָטער פון געדאַנק, דען עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז ער האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געזען און געוויזן, אַז פאַר זײַן צוויי־שפּראַכיקייט און איר וויטאַלסטן אויסדרוק, דער לעבעדיקער ליטעראַטור, ווערט אַרום אים אַלץ ענגער און ענגער, פּשוט ווײַל דער יונגער, אין אַמעריקע געבוירענער און דערצויגענער דור, האָט נישט אויפגעשטעלט קיין יורשים נישט פון דער ייִדישער און נישט פון דער העברעיִשער ליריק, עפּיק, דראַמאַטיק, פּובליציסטיק, און דער זעלטענער לרוב עפּעמערישער יוצא־מן־הכּלל באַשטעטיקט בלויז דעם כּלל, און די אייבערהערשאַפט, אַפילו אַליינהערשאַפט פון ענגליש, שטויסט אַרויס אונדזערע היימישע לשונות, וואָס זייערע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס, וואָס פראַווען שבת פאַר זיך, האָבן אַפילו נישט קיין שׂכל צו שאַפן אַ בשותּפותדיקן אָפּוועראַנט, ווײַל זיי וויסן פון מײַנס און דײַנס, און נישט פון אונדזערס. פרעגט זיך טאַקע: אויב אַזוי, ווער וועט עס דאָרט שאַפן אַן אייגענע, היימישע ליטעראַטור און עס איז נישט אַנדערש, נאָר אַז ניגער — וואָס איז לגבי מדינת ישׂראל געווען אַ היפּעררעאַליסט, איז לגבי אַמעריקע געווען אַ היפּעראוטאָפּיסט.

ז

און אין פּאַראַנטעז צוויי הערות. ערשטנס, בין איך נישט קעגן דער שיטה פון די צוויי דרײַלינגען, לפּחות ביז צום קיבוץ־גלויות־השלם, במהרה בימינו אָמן. אָבער איך זע דעם דרײַלינג אין אַ פאַרקערטן סדר און אין אַן אַנדערער אַקצענטואַציע: מסורה, עברית, ארץ־ישׂראל ווי די באַזע, ווײַטער וועלטלעכקייט, ייִדיש, גלות — ווי אירע אָנשפּאַרן. צווייטנס, האָב איך גאָרנישט קעגן אוטאָפּיע, אַזוי ווײַט אַז ווען מלך ראַוויטש, וואָס איז געווען אַן אינקאָרנאַציע פון אַ הייליק־ציטעריקער זאָרג פאַר ייִדיש־גורל, האָט מיך געפרעגט וועגן זײַן פּאָעמע קרוינונג פון אַ ייִדישן דיכטער, ווו דער געקריינטער איז אַ נעגער־קינד, האָב איך געזאָגט: איך האָב אַפילו נענטערע און קראַנטנערע קאַנדידאַטן דערצו, אָבער די גמרא האַלט ר׳ עקיבא פאַר אַ גר, און פרויד מאַכט משה רבנו פאַר אַ מצרי, ואני הקטן האַלט אַן עולם־ומלואו פון גרים און חוזרים בתשובה. אָבער בעיקר גלייב איך אין אַן אוטאָפּיע וואָס איז אַ גילגול פון אַן עלטערן אָדער ייִנגערן מיטאָס. וואָס שײַך אַן עלטערן מיטאָס — איז דאָך לעינינו אַ צוויי טויזנט־יאָריקער חלום פון שיבת־ציון מקוים געוואָרן. וואָס שײַך אַ ייִנגערן מיטאָס איז דאָך לאָזנינו דער האַלב־חלום פון תּחית־הלשון מקוים געוואָרן. איך זאָג: האַלב־חלום, ווײַל לשון־עברי האָט דאָך קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זײַן אַ גוואַלדיקער ממש, און נישט אומזיסט איז אין איר דער רוב ליטעראַטור אונדזערער אין אַלע דורות געשאַפן געוואָרן, און האָט דערלעבט עטלעכע רענעסאַנסן, און מסתּמא איז ביאַליק גערעכט געווען, אַז אָן דעם ווונדער־לעכן צוזאַמענשפּיל — איך רוף עס פונקציאָנאַלער אויפטייל — מיט כּלערליי ייִדישן, און בעיקר אונדזער ייִדיש, מיט זײַן אויסנעמלעכער רײַכקייט, וואָלט דאָס נישט מעגלעך געווען. וואָס שײַך ייִדיש, פרעגט זיך, כּידוע, מיטן פולקומענעם אויפלעב פון לשון־עברי, די קשיא: ווי קען מען און מעג מען עס איבערהיפּערן אַ טויזנטיאָריקע קולטור, און כאָטש די פאָרמולאַציע דאַרף אַ שטיקל תּיקון, ווײַל ייִדיש איז אין דער קולטור נישט געווען דער איינציקער עלעמענט, דען לשון־קודש איז תּמיד מיטגעווען, איז די קשיא גרײַלעך גערעכט, ווײַל אַ פאָלק טאָר זיך נישט אָרעמער מאַכן, אָבער די קשיא דאַרף צו פרעגן ווער עס היפּערט אַליין נישט איבער אַ דרײַ־ און אפשר פיר טויזנט־יאָריקע קולטור, פון בראשית ברא ביז הײַנטיקן טאָג, ודי לחכּימא.

אָבער, צו אונדזערע לײַד, האָבן מיר היפּש צו טאָן מיט בײדע סאָרטן

איבערהיפּערס, בפרט זינט דעם שפּראַכנקאַמף. וואָס זלמן שזר רופט אים אָן ריב הריבים, דאָס געקריג איבער אַלע געקריגן, און די צווייִשפּראַכיקייט אין דער ליטעראַטור איז געוואָרן אַלץ זעלטענער, און מענדעלעס זאָג וועגן אָטעמען מיט ביידע נאָזלעכער האָט באַלד נישט קיין האַפּט, ווײַל דער צווייִשפּראַכיקער יוצא־מן־הכּלל באַשטעטיקט אויך דאָ דעם כּלל, און דאָס איז אַ שרײַבער אָדער אַקאַדעמישער לערער, וואָס איז אַ בריה־נפלאה צו לייענען און דערקלערן פּישקע דער קרומער, קוקט אָבער אַרײַן אין ספר הקבצנים ווי אַ האָן אין בני־אָדם, אָדער פאַרקערט: ער איז אַ בריה־נפלאה צו לייענען און דערקלערן ספר הקבצנים, קוקט אָבער אַריין אין פּישקע דער קרומער ווי אַ האָן אין בני־אָדם, און יעדער פון די צוויי הענער פאַר־שטאָפּט מענדעלען, דעם מחבר פון דעם זעלבן ספר אין זײַנע ביידע גירסות, איינעם פון זײַנע נאָזלעכער, אַזוי אַז ער בלײַבט נעבעך אָן אָטעם. און איר ווייסט דאָך, רבותי, אַז עס איז אַ משל וואָס פאַרמאָגט אַ סך, און אַפילו צו פיל נמשלים.

ח

אָבער צוריק צו שמואל ניגער — מיט אַ קאַרגע דרײַצן יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען, בײַ אַ ייִדיש־סימפּאָזיום אין תּל־אביב, צו הערן פון אַ פאַרדינסטפולן קולטור־פּראַקטיקער, זלמן יעפּרויקין, אַן אַ קאַפּ סימפּלי־פיצירטן נוסח פון ניגערס באַנעם. דרײַ מלחמות — האָט ער אויסגעפירט — זענען פירגעקומען אין די לעצטע דורות: צווישן רעליגיע און וועלטלעכ־קייט און וועלטלעכקייט האָט מנצח געווען; צווישן עברית און ייִדיש און ייִדיש האָט מנצח געווען; צווישן ארץ־ישׂראל און גלות און דער גלות האָט מנצח געווען. שפּעטער, אין אַ שמועס דערוועגן, האָב איך אים געזאָגט אַז בענין רעליגיע וואָלט איך אים געקענט אָפּשיקן צו אַברהם מענעס און לייבוש לערער; בענין שפּראַכן — צו זײַן אייגענעם ברודער, ישׂראל עפּרויקין; בענין ארץ־ישׂראל ווײַטער — צו מנחם באָריישאָס מאמר, וואָס ער האָט געשריבן אַ טאָג פאַר זײַן פּטירה. אָבער באמת בויערט מיך אַן אַנדער קשיא: ווי לאַנג איז דער שיעור צו אָפּעריִרן מיט באַטאַליסטישע באַגריפן און טערמינען פון פירן מלחמות און אויסטיילן נצחונות, גלײַך פאַר שלום איז שוין טאָקע גאָר קיין פּלאַץ נישט געווען און נישטאָ.

און איצט, רבותי, דערלויבט מיר צו זײַן פּיקאַנט — איך האָב די כאַראַקטעריסטישע דוגמאות געבראַכט צו ווײַזן, אַז נישט זיי זענען דער רעכטער שפּיגל, דען אַזוי האָט רעאַגירט בלויז דאָס רעפלעקטיווע, און

גאָר אַנדערש האָט רעאַגירט דאָס קרעאַטיווע, ספּאָנטאַנע, אימפּולסיווע, ווי עס איז פאַרביק און זאַפטיק צום אויסדרוק געקומען אין דער יידיש־ליטע־ראַטור און פּרעסע, וואָס האָט מיט ברען און ליבשאַפט אויפגענומען די מדינה און זי, אין ליד און דערציילונג, דראַמע און עסיי, איבערגעלעבט און דורכגעלעבט, און האָט איינגעריסן אַלע דאַמבעס, וואָס די אינערציע איז עלול געווען צו דערהאַלטן, און זי, די ליטעראַטור, פירט זיך אַזוי עד היום הזה.

יאָ, וואָס שייך דעם חילוק פון צוגאַנג, האָט שוין דער סבא־דבי־ווײַמאַר געזאָגט: גרוי, טייערער פריינד, איז יעדע טעאָריע, און גרין דעם לעבנס גילדענער בוים. מעגלעך אַז אַ שפּעטערער דור וועט דעם דאָזיקן בוים זען אין זיין גאַנצן עשרות, און עס וועט זיך נאָך בולטער אַפּירזען דער גלאַנץ פון זיינע באַזונדערע צווייגן און בלעטער — די מחנה יידיש־שרייבערס, אַנגעהויבן מיט זייער קליינער צאָל, וואָס זענען נאָך געקומען קיין ארץ־ישראל, און געוואָרן פליש פון איר פליש און ביין פון איר ביין — געשריבן ביכער, געשאַפן פעריאָדיק, פּרעסע, פאַרלאַגן, אינסטיטוציעס, פּרעמיעס, זיך געבאָרעט מיט אַלע פּראָבלעמען, ווייניקער דעקלאַרירט און מער גע־אַרבעט, ווייניקער דעקלאַמירט און מער געטאָן, און עס איז ווייט נישט קיין גוזמא אָנצונעמען, אַז מיר האָבן הי אַ גאָר וואָגיקן, און פּאָטענציעל אפשר דעם וואָגיקסטן יידיש־צענטער.

ט

אָבער דער אמת איז מחייב צו זאָגן, אַז אויב דאָס פאַרשטאַנדעניש פאַרן באַנייטן שידוך צווישן פאָלק און זיין עלטסטן און דערפאַר ייִנגסטן לאַנד, ארץ־ישראל, איז דאָ צוגעגאַנגען מיט אַ מין גראַנדיאָזער באַפליגלט־קייט, וואָס איז געווען פאַרשטאַנדלעך פון זיך אַליין, איז דאָס פאַרשטאַנ־דעניש פאַרן באַנייטן שידוך צווישן פאָלק און זיין עלטסטער און דערפאַר ייִנגסטער שפּראַך, לשון־עברי, נישט אַדורך און אפשר אויך נישט געקאָנט אַדורך, אָן אַ לאַנגן און ביז איצט דויערנדיקן סקריפּ — לרוב ווידער אַ מאָל רודימענטן פון יענעם געקריג איבער אַלע געקריגן, וואָס האָט אויסגע־צייטיקט די טאָפּעלע שפּראַכן־אָפּגעפרעמדקייט און שפּראַכן־אָפּגעשפּאָלטנ־קייט, און שטערט דעם פאָלק זיך נוהג צו זיין ווי עס האָט זיך תמיד נוהג געווען — לעבעדיק אָפּהיטן זיינע אייביקייטן, לויט זייער וואָג און ווערט אויף דער טאָטאַלער רייך־שיכטיקער קולטור־מאַפּע זיינער.

ווײל איך נישט שפּילן קיין נביא און זאָגן אַז איך ווייס ווי דאָס וועט זיך געשטאַלטיקן, און ווײל מיך אויך נישט אַרײַנלאָזן אין די מכלומרשט פּלויזיבלע לאָזונגען, וואָס מיניען און מאַניען לעצטנס, פֿון סאָרט: נוסח אַשכּנז, יידיש־קודש; לאַ־כּל־שכּן פֿון סאָרט: נעאָ־יידישיזם. איך קען בלויז זאָגן, אַז איך האָב, ווי אַ צווייִשפּראַכיקער שרײַבער און לערער, זיך משתדל געווען, מיט די אָרעמע כּוחות פֿון אַ יחיד, מקיים צו זײַן די מיצווה, וואָס איז מחייב יעדן איינעם: קשוט עצמך תּחילה. דערפֿאַר טאַקע קאָן איך נישט ממליץ זײַן אויף אַ רפֿואה, וואָס רעדט זיך אײַן צו זײַן אַ בסימדיקע פּאַנאַצעע, און קען בלויז געבן אַ פּשוטע עצה, וואָס טויג אפשר שוין נישט פֿאַרן אַלטן און עלטערן דור, וואָס איז אין דער טאָפּעלער שפּראַכן־אָפּגעפֿרעמדקייט אַרײַנגעוואַקסן, און אַפֿילו ער זאָל וועלן, קאָן ער פֿון איר נישט אַרויסוואַקסן; איז אָבער ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר יחידים און חברות פֿון ייִנגערן און ייִנגסטן דור, לאמור, אַזוי צו זאָגן: קינדער, אַל תּהיו כּאבותיכם, זײַט נישט ווי אײַערע טאַטעס; זײַט ווי אײַערע זיידעס און עלטער־זיידעס, און נעמט אָטעמען מיטביידע נאָזלעכער, און אויב איר וועט הײַנט זײַן צענדליקער און מאָרגן הונדערטער, איז דיינו, ווײַל אין לוח פֿון אונדזער גורל און געשיכטע איז נאָך דאָ אַן איבערמאָרגן און אַן איבער־איבערמאָרגן, און אַלע סטאָפּערס טויגן און וועלן טויגן אויף אַ כּפּרה. און סוף הכּבוד לבוא.

י

וואָס שײַך ווײַטער ענין כּבוד, צעפֿאַלט זיך, כּידוע, זײַן שורש אין צוויי באַטײַטן — נישט בלויז ער איז האָנאָר, נאָר אויך שווער אין עול. דען עס דערוואַרט אונדז אַ גרויסע האָרעוואַניע, וואָס אויך דער איצטיקער צוזאַמענטרעף איז אַן אָנזאָג, כּאָטש זי גופֿא, די האָרעוואַניע, געהער שוין בפֿירוש צו די ששת־ימי־המעשה, ווען מיר וועלן לײַטיש מקיים זײַן דעם נעשה ונשמע.

[תשכ״ו]

וועגן אַ מפֿלומרשטער צוואָה

א

צווישן די אָפּרופֿן אויף די ערשטע ענונציאַציעס פֿון דעם קאָמיטעט פֿאַר ייִדיש־קולטור אין ישׂראל, געפֿינט זיך אויך אַן אַרטיקל פֿון שמואל ראָזשאַנסקי („די אידישע צײַטונג״, 18 מאַי 1972). אָפּשטעלנדיק זיך אויפֿן פּראָגראַם פֿון דער יונגער אינסטיטוציע, דערמאָנט ער אויך דעם ענין איבערזעצן פֿון ייִדיש, און פֿלעכט אַרײַן אַזאַ באַמערק: „לאָמיר־זשע דערמאָנען וואָס יעקב גלאַטשטיין האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן פֿאַר זײַן אַוועקגיין, און זאָל עס דינען ווי אַ צוואָה זײַנע, אַז נישט פֿון איבערזעצונגען וועט געהאָלפֿן ווערן די ייִדישע קולטור, והא ראיה, זײַנס אַ בוך איבערגעזעצט אויף העברעיִש האָט, נאָך אַ לאַנגער צײַט, זיך פֿאַרקויפֿט אין פֿיר עקזעמפּלאַרן״.

אַ צוויי־דרײַ חדשים פֿאַר ראָזשאַנסקין האָט אויך א. ראַסקין באַרירט דעם ענין איבערזעצן און זיך אויך סומך געווען אויף יעקב גלאַטשטיין, ברענגענדיק לענגערע ציטאַטעס פֿון זײַן אַרטיקל „אסיפֿות פֿאַר דערנענטערונג״; אָבער בשעת ראָזשאַנסקי לייגט דעם טראָפּ דאַרויף, אַז פֿון איבערזעצן וועט די ייִדישע קולטור נישט געהאָלפֿן ווערן, האָט ראַסקין געלייגט דעם טראָפּ דאַרויף, אַז פֿון איבערזעצן וועט דער ייִדישער שרײַבער נישט געהאָלפֿן ווערן, און יעקב גלאַטשטיינס אַרטיקל דינט אים ווי אַ ראיה, ווי ווײַט דער ייִדישער שרײַבער איז זיך טועה, אויב ער קלערט, אַז מיטן העברעיִש־איבערזעץ וועט ער באַקומען „מיט איין קנאַק אי די וועלט — מאַסן לייענערס, אי יענע וועלט — אַ באַקוועם בענקל אין עברית־גן־עדן״ („אויפֿן שוועל״, מערץ־אַפּריל, 1972).

ב

דער ענין איבערזעץ פֿון ייִדיש אויף העברעיִש, פּונקט ווי דער ענין פֿון העברעיִש אויף ייִדיש, זענען זייער וואָגיקע פּראָבלעמען, בפֿרט נאָך דעם ווי די צוויי־שפּראַכיקייט (העברעיִש, ייִדיש) פֿון אונדזערע שרײַבערס

און לייענערס, וואָס איז פריִער געווען אַ דרך־המלך, ווערט אַלץ מער אַ זעלטנקייט, און די זאַך פאַרדינט אַ פּרטימדיקן באַהאַנדל, און מיר וועלן זיך, אם ירצה השם, דאַרינען אײַנשפּאַנען. וואָס מיר ווילן הײַנט טאָן, איז פּרוּוון בודק זײַן, אויף וויפל מיר זענען באַרעכטיקט גלאַטשטיינס דערמאָנטן אַרטיקל צו באַטראַכטן נישט בלויז ווי אַ צוואָה, נאָר אַפילו ווי אַן אַנט־שיידנדיקן אַרגומענט. וואָס שייך צוואָה — מעג מען זיך קווענקלען, אַזאַ הויכן טיטל צו געבן נישט זײַנס אַן אויסנעמיק ליד, זײַנס אַ באַטײַטיקער פּאָעמע, זײַנס אַן אַרומנעמערישן עסיי, און ער פאַרמאָגט עס דאָך בשפע, נאָר איינעם פון זײַנע פילע טאָג־קאָלומס, וואָס האָט אויך כראָנאָלאָגיש נישט קיין פעסטע פּרעטענסיע דערצו. זײַן אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט דעם 11טן אָקטאָבער 1970 און ער איז נפטר געוואָרן דעם 19טן נאָוועמבער 1971. וואָס ווײַטער שייך אַרגומענט — מעג מען זיך קווענקלען, צי די אינפאָר־מאַציע, וואָס גלאַטשטיין האָט געהאַט פאַר זיך, און האָט זי געבראַכט, איז געווען פול און קראַנטנע. איך האָב דעמאָלט געוואָלט זיך אויפן אַרטיקל אָפּרופן, כדי אים און זײַנע לייענערס אָפּצוהיטן פון אַ דרײַיִקן טעות, אָבער כאָטש איך בין געווען אַ נוגע־בדבר, וואָס איז אין דעם תּיקון־טעות געווען פאַראינטערעסירט, האָב איך עס אָפּגעלייגט, ווײַל מיר זענען דעמאָלט געשטאַנען אין פריילעכן ליכט פון יובל, מחמת זײַן פינף־און־זיבעציקסטן געבוירן־טאָג; און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און מיר זענען געשטאַנען אין טונקעלן שאָטן פון אבלות, מחמת זײַן פּלוצימדיקער פּטירה. איך וואָלט זיך אויך איצט צו דעם ענין נישט אומגעקערט, איך זאָל נישט האָבן באַ־מערקט, אַז דער טעות חזרט זיך איבער, און עס איז אַ בפירושע עבירה, אים לאָזן אָן אַ תּיקון.

ג

ומעשׂה שהיה כּך היה — יעקב גלאַטשטיין האָט, אין זײַן דערמאָנטן אַרטיקל, דערציילט וועגן חיים גרינבערגס באַמיִען אײַנצושטעלן און שטאַרקן וואַרעמע באַציִען צווישן דער יונגיטשקער מדינת־ישׂראל און דער ייִדישער ליטעראַטור, און ער דערמאָנט צוויי אסיפות, איינע מיט דוד בן־גוריון, ווו די חילוקי דעות זענען געבליבן הענגען אינדערלופטן, און איינע מיט משה גאָרדאָן, דעם דעמאָלטיקן מנהל פון „מוסד־ביאַליק", וועגן אַרויסגאָב פון ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַ העברעיִשן לבוש. בײַ דער דאָזיקער אסיפה האָבן גערעדט שמואל ניגער, יוסף אָפּאַטאָשו, מנחם

באַריישאַ, מאַני לייב, אהרן גלאַנץ־לעיעלעס, חיים גרינבערג און ער, יעקב גלאַטשטיין. דער ערשטער, ש. ניגער, האָט פּירגעלייגט, אַז די איבערזעצן זאָלן גיין אין היסטאָריש־כראָנאָלאָגישן סדר אָנגעהויבן מיט אליהו בחור און וויַיטער; דער לעצטער, יעקב גלאַטשטיין, האָט אויסגערעכנט, אַז מיט אַזאַ שיטה וועט עס נעמען אַ גוטע הונדערט יאָר ביז מען וועט דערגיין צו דער לעבעדיקער ייִדיש־ליטעראַטור. דער סוף איז געווען אַז מען האָט אָנגעהויבן מיט יהואש, און ביז היַינט, משמע אָקטאָבער 1970, זענען אַרויס ביכער פון משה לייב האַלפּערן, א. לעיעלעס, גלאַטשטיין און אפרים אויערבאַך. אמת, זיי זענען אַרויס אין פּראַכט־אויסגאַבן, מיט מיַינע פּאָרשע־רישע אַריַינפירן, אָבער באמת איז דאָס דער גאַנצער סך־הכּל פון חיים גרינבערגס חלום.

נאָך מער, ער, גלאַטשטיין, האָט זיך אינטערעסירט מיטן פּאַרשפּרייטן פון די ביכער, און אַזוי ווי ער קלערט, (ווי ער באַמערקט ערנצט צי איראָניש), אַז מדינת־ישׂראל פּאַרמאָגט אַ טויזנט העברעיִשע פּאָעטן, האָט ער אָנגענומען, אַז זיי וועלן זיך אַ וואָרף טאָן אויף די דאָזיקע ביכער, און זיי וועלן פּאַרצוקערט ווערן. אָבער פון זיַין נסיון לערנט ער אָפּ עפּעס אַנדערש — דאָס געזעמל פון זיַינע לידער „מכּל עמלי" (פון מיַין גאַנצער מי), איז 1964 דערשינען אין גלענצנדיקן איבערזעץ פון שלמה שנהוד, און באַקומען גוטע אָפּשאַצן אין דער העברעיִשער פּרעסע. אָבער ער האָט געוואָלט וויסן, ווער זענען עס די לייענערס פון דעם אויסגאַב, און פון די דינים־וחשבונות האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נאָך ערשטן יאָר איז פּאַרקויפט געוואָרן איין־און־איינציקער עקזעמפּלאַר און אין לעצטן יאָר פיר עקזעמפּלאַרן, און ער פּאַרענדיקט איראָניש, אַז ער קליַיבט זיך ביַי זיַין קומענדיקן באַזוך אין מדינת־ישׂראל, קריגן פון פּאַרלאַג די אַדרעסן פון זיַינע פיר געטריַיע לייענערס און צוזאַמען מיט זיי, ביַי אַ גלעזל קאָניאַק, פּיַיערן זיַין אייביקייט אין לאַגער פון מוסד־ביאַליק.

ד

איך האָב בקיצור, אָבער ערלעך, איבערגעגעבן דעם תּוכן פון אַרטיקל אין „טאָג מאָרגן־זשורנאַל", וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין כּמה־וכמה בלעטער, מיטן אָריגינאַלן קעפּל „אסיפות פּאַר דערנעטערונג", אָדער צומאָל מיט אַן איבערגעאַנדערשט קעפּל: „מיַינע פיר העברעיִשע לייענער" (אַזוי, אַ שטייגער, אין אַפריקאַנער „אידישע צײַטונג", 30 אָקטאָבער 1970),

וואָס האָט פֿאַררוקט דעם צענטער פֿונעם כּלל אויפֿן פּרט — און הצד השווה, אַז דער אַרטיקל האָט אַרויסגערופֿן אַ שטימונג, וואָס זײַן בת־קול האָט זיך, ווי מיר זעען, ביז איצט נישט אײַנגעשטילט. כּדי אָבער אויסצומײַדן וואָס עס געשעט, געוויינטלעך, בײַ אונדז, אַז דאָס פֿאַרשפּעטיקטע בת־קול זאָל זיך נישט אויסוואַקסן אין נאָך פֿאַרשפּעטיקטערע קולות וברקים, דערלויב איך מיר אַ פֿאַרשפּעטיקטן דרײַיִקן תּיקון־טעות.

ע ר ש ט נ ס, וועגן דער אסיפֿה פֿון מנהל פֿון מוסד־ביאַליק און די פּראָמינענטע ייִדיש־שרײַבערס אין ניו־יאָרק — זי איז זיכער געווען, ווי יעקב גלאַטשטיין האָט זי באַשריבן, אָבער דער רושם אַז זי האָט עס איני־צירט דעם אויפֿטו און זי האָט אים פֿלאַנירט, איז ווײַט פֿון אַקוראַטקייט. דעמאָלט האָט שוין מוסד־ביאַליק לאַנג געהאַלטן נישט בלויז נאָכן באַשלוס צו שאַפֿן אַ באַזונדערן אָפּטייל פֿאַר איבערזעצן מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך נאָכן אויסקלאָרן פֿונעם פּראָגראַם, און האָט זיך גענומען אים רעאַליזירן. און אַזוי ווי ער האָט מײַן ווייניקייט באַשטימט פֿאַרן רעדאַקטער, און איך האָב מיטגעמאַכט אַלע סטאַנציעס פֿון דער אַרבעט, קען איך דערויף עדות זאָגן, פּונקט ווי עס קען עדות זאָגן די פֿאַרצווײַגטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איך האָב גענומען פֿירן מיט אונדזערע ליטעראַטור־קאָריפֿעען. דער אויפֿטו גופֿא איז נישט געווען קיין חידוש — וואָגיקע פֿאַרלאַגן, ווי „דביר", „עם עובד", „ספרית פועלים", „הוצאת הקיבוץ המאוחד" און „י. ל. פּרץ", „המנורה" האָבן, סײַ פֿריִער סײַ שפּעטער, אַרויס־געגעבן איבערזעצן פֿון ייִדיש־ליטעראַטור, ווי אַ קולטור־באַדערפֿעניש פֿונעם בעסערן העברעיִש־לייענער; דער חידוש איז געווען, וואָס מוסד־ביאַליק, אַ כּמעט מלוכהשער פֿאַרלאַג, וואָס האָט אַ געזיכערטן בודזשעט, האָט זיך, אויף דער איניציאַטיוו פֿון בנציון דינור, דערצו גענומען. אויך דאָ איז אַמערשט פֿירגעלייגט געוואָרן אַ מין היסטאָרישער סדר, אָבער אָנגע־הויבן נישט פֿון אליהו בחור, נאָר פֿון דער השׂכּלה אָן, און צומערשט האָבן באַדאַרפֿט צו גיין פּופּצן קאָמעדיעס — פֿון אײַכל ביז מענדעלע; פּראָזע־אָפּקלויב פֿון פֿאַר מענדעלע; פֿאָלק־לידער און פֿאָלק־ווערטלעך און שפּע־טער ערשט די מאָדערנע ליטעראַטור, אָבער למעשׂה האָט מען באַשטימט אַ פֿאַרקערטן סדר און זיך בלויז בײַ אים געהאַלטן — אָפּקלויבן פֿון מאָדערנער ליטעראַטור, צומערשט פּאָעזיע און שפּעטער פּראָזע, און אויך קריטיק.

אַזוי אַרום האָט די אסיפֿה פֿון דער מוסד־ביאַליק־קוראַטאָריע, וואָס האָט אויסגעהערט מײַן רעפֿעראַט, און נאָך אַ דיסקוסיע אים אַקצעפּטירט,

מקדים געווען נישט בלויז די ניו־יאָרקער אסיפה, נאָר אויך דעם וויכוח צווישן ניגער און גלאַטשטיין, אַזוי אַז יענער שרײַבער־צוזאַמענקום איז, בעצם, געווען לאחר־מעשה. נאָך מער, ווען גלאַטשטיין זאָל די אסיפה, נאָך אַ קאַרגע צוואַנציק יאָר, נישט געווען דערמאָנען, וואָלט איך וועגן איר נישט געווען געוווּסט, כאָטש איך האָב מיטן רוב אָנטיילנעמערס געפירט אַ פאַרצווײַגטע קאָרעספּאָנדענציע, און טאַקע אין די ענינים פון דער דאָזיקער סעריע.

צווייטנס, יעקב גלאַטשטיין רעכנט אויס די ביכער וואָס זענען אין דער סעריע אַרויסגעגאַנגען — יהואש, משה לייב האַלפּערן, א. לעיעלעס, ער גופא און אפרים אויערבאַך, און האַלט עס בפירוש פאַרן סך־הכל. און דאָס איז אַ בפירושער טעות. גענוג געווען צו נעמען אַ קאַטאַלאָג פון מוסד־ביאַליק, כּדי זיך צו אינפאָרמירן, אַז ביז דעם דערמאָנטן אַרטיקל זײַנעם זענען, לויטן אלף־בית פון די מחברים, טאַקע אַרויס אין תּחום פון פּאָעזיע: אפרים אויערבאַך: „ממעינות קדומים" (פון אַלטע קוואַלן), לידער און פּאָע־מעס, איבערגעזעצט פון אליהו מייטוס; יעקב גלאַטשטיין: „מכל עמלי" (פון מײַן גאַנצער מי), לידער און פּאָעמעס, איבערגעזעצט פון שלמה שנהוד (שיינהויט); אהרן גלאַנץ־לעיעלעס: „שירים וחזיונות", לידער איבערגעזעצט פון ה. בנימין (הרושאָווסקי) ווי אויך זײַנע דראַמעס („אשר לעמליין", „שלמה מולכו") איבערגעזעצט פון שמשון מעלצער; משה לייב האַלפּערן: „טווס זהב" (די גאָלדענע פּאַווע), איבערגעזעצט פון ה. בנימין און אריה סיון; יהואש: „במארג" (אין געוועב) איבערגעזעצט פון שלמה שנהוד, אידל פּרעסמאַן און אַנדערע; ה. לייוויק: „חזיוני גאולה" (גאולה־דראַמעס) — „משיחס קייטן" און „דער גולם" איבערגעזעצט פון א. ז. בן־ישי, „גאולה קאָמעדיע" איבערגעזעצט פון אַברהם שלאָנסקי; אַברהם סוצקעווער: ברכב אש (אין פײַער־וואָגן), לידער און פּאָעמעס, דער רוב איבערגעזעצט פון ה. בנימין דער מיעוט פון אַנדערע. (אגב, די פּאָעמע סיביר, איבערגעזעצט פון ש. שלום און אילוסטרירט פון מאַרק שאַגאַל איז אין מוסד־ביאַליק אַרויס איידער די דערמאָנטע סעריע האָט זיך אָנגעהויבן); י. י. שוואַרץ: „שירת קנטוקי" — די באַקאַנטע פּאָעמע „קענטאָקי" אין זײַן אייגענעם העברעיִש־נוסח. חוץ דעם איז אַרויס אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון דער מאָדער־נער יידיש־דיכטונג „על נהרות", איבערגעזעצט פון שמשון מעלצער.

אגב, אַ טייל אָפּקלייבן פון די דערמאָנטע ספרים טראָגן דעם נאָמען פון איינצלנע ביכער („אין געוועב", „פון מײַן גאַנצער מי", „אין פײַער־

וואָגן״), אָבער באמת נעמען זיי אַרײַן אָפּקלויבן פון אַלע, אָדער רוב ביכער פון די פּאָעטן.

וואָס גלאַטשטיין האָט בכלל איבערגעהיפּערט איז דער תּחום פון פּראָזע, ווו עס זענען אַרויס — שלמה ביקל „עיר ויהודיה״ (אַ שטאָט מיט ייִדן) איבערגעזעצט פון שמשון מעלצער; יחיאל האָפּער: „חצר בפוקורנה״ (אַ הויף אויף פּאָקאָרנע); דער נסתּר: „הנזיר והגדייה״, אַן אָפּקלויב פון דערציילונגען, פּאָעטישע פּראָזע און רעפּאָרטאַזש — ביידע לעצטע איבער־געזעצט פון מיר; פּונקט ווי ער האָט נישט דערמאָנט קריטיק — שמואל ניגער: „הביקורת ובעייותיה״ איבערגעזעצט פון דויד ניב (דער ייִדיש־אָריגינאַל פונעם בוך „קריטיק און קריטיקער״ איז אַרויס נאָכן העברעיִשן איבערזעץ). צו יעדן איינעם בוך האָב איך פּיראויסגעשיקט אַ פּרטימדיקן אַרײַנפּיר, לפּחות צוויי בויגן דרוק, און לרוב אויך צוגעגעבן אַ ביבליאָ־גראַפיע, אַז דער לייענער זאָל וויסן, וואָס שטעלט מיט זיך פיר דער מחבר אין זײַן ווערק; צוויי ביכער פאַרמאָגן אַן אַרײַנפּיר פון אַנדערע — חנא שמערוק צו דער נסתּר און אליעזר גרינבערג צו משה לייב האַלפּערן.

וויפל דמים און ממון עס האָט געהערט אַזאַ סעריע אַרויסצוגעבן איז אַן ענין פאַר זיך, און עס וואָלט זיך געלוינט דאַריבער אַ שמועס צו טאָן. אָבער איצט, נאָך דעם וואָס איך האָב, מחמת עלטער, די דאָזיקע אַרבעט פאַרלאָזט, דאַכט זיך מיר, אַז איך מעג מיר דערלויבן צו זאָגן, דאָס די סעריע חוץ איר ווערט פאַר זיך, איז געוועזן אַ סטימול אויך פאַר אַנדערע פאַרלאַגן, און אַז די ייִדישע קולטור, וואָס נעמט אַרום אויך, אויב נישט בעיקר, העברעיִש, אַ זאַך וואָס אנשי־שלומנו זענען נוטה צו פאַרגעסן, איז דערבײַ אַ קאָפּ געהאָלפן געוואָרן; כאָטש איך האָב נישט אַזוי ווײַט פאַרריסן דעם קאָפּ און זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס איך האָב געהאָלפן דעם העברעיִש־לייענער צו דערלאַנגען אַ לייסטער וויכטיקע ביכער פון דער ייִדיש־ליטע־ראַטור.

ז

דריטנס, יעקב גלאַטשטיינס תּרעומת וועגן פאַרשפּרייט פון זײַן „מכּל עמלי״ — איך האָב מיך נאָכן דערשײַנען פון זײַן אַרטיקל געווענדט צום מוסד־ביאַליק וועגן אַן אויפקלער, און איך האָב אויף מײַנע צוויי בריוו (ח׳ טבת און י״ד טבת תשל״א) געקריגן אַ תּשובה (י״ז טבת תשל״א, 14 יאַנואַר 1971) וואָס אינפאָרמירט סײַ וועגן כּלל־פאַרשפּרייט פון דער

סעריע סײַ װעגן פּרט־פּאַרשפּרייט פֿון גלאַטשטיינס בוך. װאָס שייך דעם כּלל־פּאַרשפּרייט פֿון דער סעריע, באַװעגט ער זיך, אין דורכשניט, צװישן 400 און 500 עקזעמפּלאַרן. װאָס שייך דעם פּרט־פּאַרשפּרייט האָלט עס עפּעס מער װי 200 עקזעמפּלאַרן. אַװדאי איז דאָס װייניק, בלױז װייניק, בפּרט אַז דאָס נעמט אַרום מער װי זעקס יאָר — גלאַטשטיינס בוך איז אַרױס 1964 — אָבער פֿון 200 עקזעמפּלאַרן ביז 5 עקזעמפּלאַרן, לױטן דין וחשבון פֿון לעצטן יאָר, איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג, און עס איז אַ ספק, אױב מען מעג האָבן דעם מוט, צוליב אַ פּעליעטאָנישן עוקץ, דאָס צו פֿאַרבייגן. עס איז אַ קשיא, פֿאַר װאָס אַ כּמעט־מלוכהשער פֿאַרלאַג פֿאַרשפּרייט אַזױ װייניק, צי איז עס אױך זײַן שולד, װי איך בין נוטה אָנצונעמען, װאָס ער האָט נישט געפֿונען דעם װעג פֿון פֿאַרזיכערן אַ גרעסערן פֿאַרשפּרייט, און פֿאַראַן געװנוג מיטלען דערצו; צי ליגט עס אױך אין כאַראַקטער פֿון די ביכער — דאָס רוב פּאָעזיע, דער מיעוט פּראָזע — און גלאַטשטיין גופֿא האָט דאָך געװוסט דעם חילוק פֿון פֿאַרשפּרייט פֿון זײַן פּראָזע־בוך „ובהגיע יאָש" (װען יאָש איז געקומען) איבערגעזעצט פֿון שלמה שנהוד (1957), איז אַ זאַך, װאָס מען דאַרף באַטראַכטן.

אַז די ערשטע הנחה האָט אַ האַפּט, לאָזט זיך אָפּלערנען פֿון אַ קלײנער עובדא — דער פֿאַרלאַג „תּרמיל" האָט געקריגן אַ דערלױבעניש איבערצו־דרוקן אַ בינטל פּאָעטישע פּראָזע פֿון דעם נסתּרס „הנזיר והגדייה", און עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין טױזנטער עקזעמפּלאַרן. אַז די אַנדערע הנחה האָט אַ האַפּט, לאָזט זיך אָפּלערנען פֿון אַ גרעסערער עובדא — די סעריע ביכער פֿאַרן פֿאָלק אין פֿאַרלאַג „עם עובד" האָט אױך אַרױסגעגעבן ביכער, איבער־געזעצט פֿון ייִדיש (חיים גראַדע, יצחק באַשעװיס, יחיאל האָפער, ישעיהו שפּיגל און אַנדערע), און עס האָט זיך אױך פֿאַרשפּרייט אין טױזנטער עקזעמפּלאַרן.

[חשון תשל"ג]

מיטן דריטן הונדערטער

אַ בריוו צו דער פֿײַער פֿון י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג

א

עס איז, ברוך־שם, דאָס דריטע מאָל, וואָס איר פֿאַרבעט מיך זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דער בריהשאַפֿט פֿון י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג, און דער חילוק פֿון מאָל צו מאָל באַשטייט אין דער פּראָגרעסיע פֿון דער צאָל הונדערט. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך געהאַנדלט אין ערשטן הונדערט ספֿרים, וואָס דער פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, איז מיר דער מלאך מיכאל בײַגעשטאַנען און איך האָב מיך דורכגעשטופּט דורכן עולם, וואָס האָט באַלעגערט דעם זאַל, און ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ כּהן געזאָגט מײַן יברכך שבעל־פּה; דאָס אַנדערע מאָל האָט זיך געהאַנדלט וועגן צווייטן הונדערט ספֿרים, וואָס דער פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך דער מלאך גבֿריאל געשטעלט פֿאָפּע־רעק, און האָט מיך אַוועקגעשטופּט צוזאַמען מיטן איבעריקן עולם, וואָס האָט באַלעגערט דעם זאַל, האָב איך מיך ממילא באַנוגנט מיט אַ יברכך שבלב; איצט האַנדלט עס זיך וועגן דריטן הונדערט ספֿרים, וואָס דער פֿאַר־לאַג האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך דער מלאך רפֿאל אײַנגעשפּאַרט, אַז נאָך דער קרענק, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, זאָל איך אין די פֿאַרנאַכטן מקיים זײַן אשרי יושבי ביתך, און ממילא קען איך בלויז זאָגן אַ יברכך שבכּתב.

ב

דרײַ הונדערט ספֿרים, דער גרויסער רוב ייִדיש און אַ טייל העברעיִש, און דאָס חיבורים פֿון כּלערליי קאַליבער, דערונטער פֿון די שײַנדלעך און שפּיגעלעך פֿון אונדזער ליטעראַטור, איז כּמעט אַ יש, און איך זאָג כּמעט, ווײַל צו אַ יש ממש פֿעלן דאָך בלויז נאָך צען ספֿרים; אָבער עס איז אַ יש גמור, בײַם הײַנטיקן שטאַנד פֿון ייִדיש־בוך, וואָס פֿרייט זיך איצט בישט מיט אַן איבעריק גרויסער פֿאַרלעגערישער אויפֿטוערײַ אין די תּפֿוצות ישׂראל, אַזוי אַז אַ פֿאַרשטאַרקטע איניציאַטיוו דאָ, אין ארץ־ישׂראל, איז נייטיק סײַ לגופֿו, פֿאַרן צענטער פֿון ייִדישן אויטאָנאָמען לעבן, סײַ פֿאַר

דער פּעריפעריע, אין די גלות־לענדער. איך וואָלט מיך אפשר נישט דער־וועגט אָנשלאָגן אַזאַ גלייבעוודיקן טאָן, ווען דער אויפטו פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, וואָלט, אין דעם תּחום פון פאַרלעגערישקייט געווען אַ בן יחיד דאָ אין לאַנד, אָבער ווי מיר זעען, איז ער הי טאַקע דער ערשטער פאַרלאַג פון פאַרנעם, אָבער מכּוח זײַן ערשטקייט, איז ער נישט געבליבן דער איינצי־קער — פאַראַן הײַנט־צו־טאָג אַנדערע סײַ ציבורדיקע סײַ פּריוואַטע אונטער־נעמערישקייטן וקנאת פאַרלאַגן תּרבה יידישקייט.

ג

אָבער צוליב די מוזיניקלעך טאָר מען נישט פאַרגעסן דעם בכור, וואָס האַלט איצט צוויי יאָר נאָך בר־מצווה, און בעיקר טאָר מען נישט פאַרגעסן מעשׂה־בראשית. איך מיין יענע יאָרן, ווען אַ קליינע גרופּע, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די לינקע „פּועלי ציון״, האָט ווײַט איבער אירע כּוחות, געפּילנעוועט דאָס יידיש־וואָרט, אַרויסגעבנדיק בלעטער, פּעריאָדיקס, ביכער, איינאָרדנענדיק ליטעראַרישע אָוונטן, באַגרינדנדיק אַ לײַ־ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל, אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ, וואָס איז טאַקע אויסגעוואַקסן צו דעם איצט געפּײַערטן פאַרלאַג. דאָס חשיבות פון דער גרופּע באַשטייט בעיקר דערינען, וואָס זי האָט איר שפּראַך־אַספּיראַציע און שפּראַך־רעאַלי־זאַציע נישט איבערגעפירט מעכאַניש פון דאָרט אַהער, נאָר האָט זיי אָרגאַ־ניש אַרײַנגעפלאַנצט אין דער היגער ווערקלעכקייט, ווי אַן אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון אויפבוי פון אונדזער פאָלק אין אונדזער לאַנד. פאַר־שטייט זיך, אַז די אידעאָלאָגן האָבן עס געטאָן על פּי דרכּם, אָבער אידעאָ־לאָגיע איז שטח, און די שאַפערס — דיכטערס, דערציילערס, דראַמאַטיקערס, עסייִסטן — האָבן עס געטאָן על פּי דרכּם, און שאַפונג איז טיף, און עס איז בלויז אַ צייכן פון צײַטיקייט, אַז די שאַפונג האָט זיך אַרויסעמאַנצי־פּירט פון פאַרטיי־פּאָליטישע שייכותן אָדער סענטימענטן, און באַשטייט ווי אַ ווערט פאַר זיך, און האָט אַזוי אַרום געוויזן אַ וועג אַנדערע שאַפערישע יחידים און גרופּן, וואָס שפּעטערע עליות, בפרט נאָכן באַגרינדן פון דער מדינה, האָבן אַהערגעבראַכט, און וואָס נייטיקן זיך, אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, אין אַזאַ אויטאָעמאַנציפּאַטאָרישן פּראָצעס. צוריקקערנדיק צו דער ערשטער גרופּע, לאָזט זיך זאָגן, אַז דער גרויסער שבח אירער איז, אַז זי האָט פאַרשטאַנען, וואָס נישט ווייניק יחידים און גרופּן פאַרשטייען נאָך נישט, אַז אַ מאַמע פירט אַ קינד, ביז עס הייבט אָן אַליין צו גיין,

און פון דאַנען אָן לאָזט זי עס אויף זײַן באַראָט, און דערלויבט זיך בלויז שפּעטער עס פירן צו דער חופּה.

ד

זע איך אַ גוטן סימן דאַרינען, וואָס בײַם הײַנטיקן קערמעשל האָט איר מיך ווידער פאַרבעטן, כאָטש איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מײַן טאָטאַל־ייִדישער קולטור־קוק איז טאַקע מכוון צו אַ מאַקסימאַלער קולטור־מאַפּע, וואָס נעמט אַרום אַלץ וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן פון בראשית ברא עד היום, אַזוי אַז ייִדיש איז אויף איר אַ גרויסע היפּאַרכיע, און נישט די גאַנצע מאַפּע, און איך בין געטרײַ דער דאָזיקער פּראָפּאָרציע ווי אַ שרײַבער, אַ לערער און אַ פאָרשער. און נאָך אַ בעסערן סימן זע איך דאַרינען, וואָס איר האָט פאַרבעטן אַזאַ קאָליריקע רעפּרעזענטאַציע — פון דער ערשטער ביז, לעת עתה, לעצטער עליה־כוואַליע פון ייִדיש־שאַפערס, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם אינטערעסאַנטן קאַליידאָסקאָפּ פון ייִדיש, איצט און דאָ, בײַ אונדז.

[א׳ שבט תשל״ב]

לכּבוד אַן אַלמאַנאַך

אמר המחבר: אזוי־ווי אין עטלעכע בלעטער, וואָס האָבן אינפאָרמירט וועגן דעם אַלמאַנאַך פון ייִדיש־שרײַבערס אין ירושלים, און אים אָפּגעשאַצט, ווער לגנאַי („לעצטע נייעס") און ווער לשבח („ייִדישע צײַטונג, „ישראל שטימע", „הצופה", „על המשמר"), איז אויך דערמאָנט געוואָרן מײַן ווייניקייט, סײַ ווי אַ מיטגליד פון רעדאַקציע־קאָלעגיע, און אָנטיילנעמער אין אַלמאַנאַך, סײַ ווי אַ באַגריסער אויפן אָוונט לכּבוד דעם אויפטו, ברענג איך איצט דאָס דאָזיקע באַגריס־וואָרט מײַנס כלשונו אין אַ גרעסערן רשות הרבים.

א

ווען מען האָט מיך פאַרבעטן צו זאָגן אַ באַגריס־וואָרט, וואָס זאָל זיך האַלטן אין רעמל פון אַ מנין געציילטע מינוטן, האָב איך געקלערט, אַז איך גיי מאַכן אַ גאָלדן געשעפט. ווײַל ממה נפשך: וועל איך, חלילה, נכשל ווערן, וועט מען אויף מיר רחמנות קריגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס האָט ער שוין, נעבעך, אין אַזאַ הרף־עין, געקאָנט צונויפקראַצן; וועל איך ווײַטער מצליח זײַן, וועט מען כאַפּן התפּעלות, אַזוי צו זאָגן: אַ־וואַ, ווי ער האָט דאָס אוספּעיעט, אין אַזאַ הרף־עין, דאָס אַלץ צוזאַמענצורעדן. אָבער אַז איך האָב געזען, אויף די פּלאַקאַטן און אין די פאַרקויף־בילעטן, אַז איך דאַרף דאָס טאָן אין נאָמען פון רעדאַקציע, בין איך אַ קאַפּ מבולבל געוואָרן.

און דאָס נישט בלויז מחמת אַ מאָראַלישן טעם, וואָס איך האָב נישט מטריח געווען מײַן גראָבן פינגער, ווי עס טוען עס געוויינטלעך עצה־געבערס, וואָס לייגן אַפילו נישט אַרײַן דעם קליינעם פינגער אין לעבלעך וואַסער; נאָר בעיקר מחמת אַ מענטאַלן טעם, וואָס איך בין נישט מסוגל צו רעדן אין נאָמען פון אַנדערע, סײַ זיי זענען אַ רבים, סײַ זיי זענען אַ מיעוט, און איך דאַנק גאָט, אַז איך קען רעדן אין מײַן אייגענעם נאָמען. וועל איך טאַקע, ברשותכם, רעדן ווי איינער, וואָס זײַן נאָמען שטייט אַפילו פאָרמאַל אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, אָבער פּאַקטיש איז ער נישט מער ווי אַ לייענער, פאַר וועלכן אַלץ, וואָס איז דאָרט אָפּגעדרוקט איז, חוץ זײַנע אייגענע פּאָר זײַטלעך, אַ נאָווינע, אָדער ייִדישלעכער געזאָגט: אַ חידוש.

ב

איך שטרײַך אונטער דאָס וואָרט: חידוש, ווײַל דאָס איז דער עיקר, וואָס עס לאָזט זיך זאָגן וועגן אַלמאַנאַך. קלאָרער געזאָגט: עס איז נישט אַ געשעעניש אין דער געשיכטע פון ירושלים, אָבער עס איז אַ חידוש אין דער כראָניק פון ירושלים. בדרך־כּלל איז שווער צו זײַן אַ געשעעניש אין דער געשיכטע — די קאָנקורענץ איז צו שטאַרק. אויב פּאָעזיע — שווער צו קאָנקורירן מיט ישעיה און ירמיה און תהלים; אויב פּראָזע — שווער צו קאָנקורירן מיטן ספר דברים, שיר השירים, מגילת רות, און בדרך־כּלל שווער צו קאָנקורירן מיט אַזאַ אַלמאַנאַך, ווי עס איז דער תּנ״ך. אָבער עס איז אויך נישט לײַכט צו זײַן אַ חידוש אין דער כראָניק פון ירושלים, ווי עס איז אָט דער באַשיידענער, סאָלידער אַלמאַנאַך, ווו עס האָבן זיך, כּמנין כ״ב אותיות, צוזאַמענגעטראָפן שרײַבער, וואָס האָבן אַ טאָפּעלע באַזונדער־קייט — זיי שרײַבן אַלע יידיש; זיי זענען אַלע תּושבים אין ירושלים, וואָס זענען צו איר געקומען פון כּלערליי קאַנטן און ווינקלען פון דער יידיש־יבשה.

שוין די געבוירן־ערטער זייערע, וואָס ווערן דערמאָנט, אין די קליינע אינפאָרמאַציע־צולאָגן, זענען אַ ווײַטער און ברייטער קיבוץ גלויות — מיר האָבן דאָ קרוין־פּוילן מיט לובלין און פּילעווו און סוּוואַלק און מינסק־מאַזאָוויעצק און סביבת קעלץ און זאַוויערטשע; מיר האָבן דאָ קליין־פּוילן, גאַליציע, מיט בראָד און סאָסיוו און קיטיוו; מיר האָבן דאָ וואָלין מיט טריסק; מיר האָבן דאָ ווײַסרוסלאַנד מיט קאַלינקאָוויטש און טשוואָס, מיר האָבן דאָ ליטע מיט ווילנע און ווילקאָמיר; מיר האָבן דאָ בעסאַראַביע מיט מאַרקולעשט און מיר האָבן דאָ פּאָדאָליע מיט סאַטיניוו און הייסין, און מיר האָבן דאָ אוקראַיִנע מיט אָדעס. ווען מיר טאָן אַ באַרעכן ווו און וואָס און וויאַזוי יעדער פון זיי האָט געלעבט און איבערגעלעבט, האָבן מיר פאַר זיך אַ קאַליידאָסקאָפּ פון גורלות און גלגולים — קאַפּיטלען פון דער גרויליקייט און דער גרויסקייט פון אונדזער דור.

אמת, עס פעלן מיר עטלעכע שטעט, און ממילא עטלעכע שרײַבער, — אַ שטייגער, צו ליטע וואָלט נאָך באַדאַרפט צוקומען פּאָלאַנגע, צו ווײַסרוס־לאַנד — האָראָדאָק, צו פּוילן — גראַיעווע, צו גאַליציע — סאַניק און ראָזוואַ־דיוו, וואָלט די מאַפּע געוועזן פולקומער און מיר וואָלטן נאָך שטאַרקער געזען, וואָס מיר זעען אויך איצט בחוש: ווי עס איז מקויים געוואָרן אַ גרויס

שטיק פון דער נבואה, וואָס מיר האָבן געלייענט אין דער היינטיקער הפטורה: שׂאי סביב עיניך וראי כולם נקבצו באו לך, בניך מרחוק יבואו ובנותיך על צד תאמנה, טײַטש: הייב אויף אַרום דײַנע אויגן און זע, אַלע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, געקומען צו דיר, דײַנע זין קומען פון ווײַטן און דײַנע טעכטער ווערן אויף דער זײַט האָווירט.

דער אַלמאַנאַך איז, אין תּוך, אַ ליבשאַפט־דערקלערונג פון ייִדיש־שרײַבער אין ירושלים לכּבוד ירושלים, און אַזאַ מין ליטעראַרישער דאַקו־מענט האָט אונדז בפירוש געפעלט, דען ער מאַכט בולט דעם גרויסן תּיקון, וואָס מיר זענען זײַנע אַקטיווע און פּאַסיווע שותּפים — ער פאַרריכט דעם שידוך צווישן דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור און ירושלים; אַ שידוך, וואָס כּלערליי אידעאָלאָגיעס און פאָרמאַציעס האָבן אים געפּרוווט קאַליע מאַכן.

אמת, עס איז נישט דער איינציקער תּיקון, וואָס מען דאַרף אים פאַר־ריכטן. קודם־כּל דער שידוך צווישן ייִדיש און איר מאַמע און שוועסטער, די שפּראַך פון תּנ״ך, דען עס איז נישט גענוג פּאַר אַ ייִדיש־שרײַבער אין ירושלים, אַז ער וויל נישט זײַן שטום, און וויל שאַפן ייִדיש, ער טאָר אויך נישט זײַן טויב לגבי העברעיִש, איר לעבן און שאַפן, און דאַרף געדענקען, אַז ערשט מיט אַ דור, אַנדערטהאַלבן צוריק איז די צוויי־שפּראַכיקע פּערסאָ־נאַליע אוניע געווען אַ דרך הטבע. אָבער עס איז אַ דרך הטבע פון איין תּיקון, אַז ער ברענגט דעם אַנדערן.

ד

און צוריק צום אַלמאַנאַך גופא — איך האָב אים באַצייכנט ווי אַ סאָליד און באַשיידן געזעמל. וועל איך נאָך צוגעבן: אַ נאָרמאַל געזעמל — נישט צו פיל יום־טובדיקייט, נישט צו פיל וואָכעדיקייט; עס איז דער חן פון אַ ליכטיקן, וואַרעמען חול־המועד.

[י״ב חשון תשל״ד]

צווישן צוויי דורות

מחשבות וועגן פּאָרטרעט פון אליעזר פּינעס־פּאָנד

א

פּאַראַן משפּחה־נעמען וואָס דער עצם־קלאַנג זייערער דערוועקט אַ וואַרעמקייט, שוין מחמת דעם, וואָס זיי פּאַרבעטן צו אַ גאַלעריע פון ליבע און ווערטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין אונדזער גײַסטיקן לעבן. צו די נעמען רעכנט זיך דער נאָמען פּינעס, וואָס האָט אַזאַ גאַלעריע צוגעשטעלט, און שטעלט זי נאָך אַלץ צו. שווער צו וויסן ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן, על כּל פּנים איז עס געווענדט אין ייִחוס־בריוו פון עצם נאָמען. מיר האָבן דעם נאָמען שוין אין גאָר אַלטע דורות — פּינעס האָט געהייסן דער איבערזעצער פון אַלט־פּראַנצויזישער פּאָעזיע אויף דײַטשיש, און דער עיקר־נאָמען זײַנער גייט מסתּמא פון פּינחס, און די חי״ת איז פּאַרשוווּנדן, נוסח בני הי״ת. מיר האָבן דעם נאָמען אין גאָר ייִנגע דורות, און ער גייט מסתּמא אויפן ווײַסרוסישן מאַטריאַרכאַלן שטייגער פון ייִדישע משפּחה־נעמען, פון פּינע, אַ ווײַבערישער נאָמען — דער ראָזשינוער צווײַג, אָנגעהויבן פון ר׳ יחיאל מיכל פּינעס, דענקער און שרײַבער, אידעאָלאָג פון חיבת־ציון און אירע טוערס — האָט באַגרינדעט גדרה, באַפעסטיקט דעם נײַערן ייִשוב אין ירושלים, געהאָלפן באַלעבן דאָס גערעדטע עברית; און פאַרענדיקט מיט דן פּינעס, דעם פירער פון דער „החלוץ״־באַוועגונג אין סאָוועט־רוסלאַנד (זײַן בוך „החלוץ בכור המהפכה״) און שפּעטער אַ ריריי־קער זשורנאַליסט („דבר״) און מחבר פון ווערטערביכער, און זײַן זון קפּאי פּינעס, רעדאַקטאָר פון אַ פּאָפּולאַר וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל („מדע לעם״); דער שקלאָווער צווײַג, ווו מען קאָן קלאָר זען דעם אויפשפּאַלט אין ייִדישן לעבן — נח פּינעס, העברעיִשער דיכטער, וואָס איז אין זײַן ליריק פּיראָויס־געגאַנגען ביאַליקן, אַ העברעיִשער פּעדאַגאָג דאָ אין לאַנד, הויפּט פון תּל־אביבער סעמינאַר פאַר לערערינס; אליעזר פּינעס, וואָס האָט אויך געשריבן העברעיִש, און דאָס פאַר קינדער, אָבער זײַן עיקר־עובֿדה איז געווען טעריטאָריאַליזם און ייִדיש, סײַ זײַענדיק אין גלות, סײַ קומענדיק אַהער — אים,

ווי אַ רעדאַקטאָר און איבערזעצער, פאַרדאַנקט „די גאָלדענע קייט" אַ סך פון איר שפּראַכלעכער אָפּגעהיטנקייט און סטיליסטישער ציכטיקייט. און רעדנדיק וועגן אידעאָלאָגיע־ און קולטור־אויפשפּאַלט אין איין משפחה, דאַרף מען דערמאָנען אויך אַ וויסנשאַפטלעכן אינטערעס־אויפשפּאַלט — מאיר פּינעס, וואָס האָט אונדז געגעבן די ערשטע געשיכטע פון דער ייִדישער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס ווי זי זאָל שוין היינט נישט קענען באַפרידיקן, הערט זי נישט אויף צו זיין די ערשטע, און זיין זון שלמה פּינעס, אַן עילוי אין דערפאָרשן אונדזער פילאָסאָפיע אין דער רעם פון דער כּלל־פילאָסאָפיע פון די עלטסטע צייטן.

ב

אָט די אַסאָציאַציעס האָבן מיר אַ פּינקל געטאָן, ווען איך בין אַנומלט געזעסן ווי דער אַב־בית־דין ביים ערשטן פּאַרטייל פון פּרייז מטעם דער אליעזר־פּינעס־פונדאַציע, וואָס איז פּירגעקומען אין בית שלום־עליכם. איך האָב פון מאָל צו מאָל אַ קוק דערלאַנגט אויפן פונדאַטאָר — אַ זקן וואָס איז אַריבער די שוועל פון ניינציק, און זיין שאַרפע עקספּרעסיווע פיזיאָ־נאָמיע פאַרשאַרפט זיך נאָך מער מכּוח זיינע פלאַמיקע טונקעלע אויגן און זייער יונגן בליק, אַן עדות אויף אַ מענטש, וואָס האָט סיי דעם כּוח פון גלייבן אין אַן אידיי, סיי דעם כּוח פון מסירות פאַר איר, נישט בלויז אין גייסטיקן נאָר אויך אין מאַטעריעלן זינען, שטעלנדיק אין איר רשות נישט בלויז זיין פעדער, נאָר אויך זיין קעשענע; אַזוי אַז עס דערוועקט זיך דער באַגרינדעטער חשד, אַז ער האָט זיך געזאָרגט פאַר עניי חומר בלויז צוליב דעם, עס זאָל קענען דינען פאַר עניי רוח, און זען מיט די אייגענע אויגן, ווי זיי דינען טאַקע דערצו.

אַ דוגמה דערצו איז טאַקע דער אליעזר פּינעס־פּרייז וואָס איז בלויז אַ טייל פון די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער פונדאַציע. ווי שוין באַקאַנט איז הייַ־יאָר דער פּרייז צוגעטיילט געוואָרן דעם הויכווערטיקן אָריגינאַלן פּראָזע־קינסטלער עלי (אליהו) שעכטמאַן פאַרן המשך פון זיין גרויס ווערק „ערב", וואָס ער האָט שוין דאָ, ביי אונדז, פּובליקירט, און צוויי יונגע אַדעפּטן פון חכמת ייִדיש — אריה פּילאָווסקי און יחיאל שיינטוך.

דער ערשטער — אריה פּילאָווסקי — ייִדיש־לערער אין חיפהער אוני־ווערסיטעט, פאַר זיינע פאָרש־אַרבעטן אין ייִדיש־ליטעראַטור און שפּראַך,

דערונטער אַ מאָנאָגראַפּיע וועגן פּישל בימקאָ, און דערהויפּט פאַר זײַן גרונטיקער אַרבעט וועגן ייִדיש־לשון און ייִדיש־ליטעראַטור, זייער מעמד, געראַנגל, פּראָבלעמאַטיק אין ארץ־ישׂראל אין די לעצטע צוויי־דרײַ דורות, אויפן יסוד פון אַן אחריותדיקן, שטרענג־וויסנשאַפטלעכן באַהאַנדל פון דאָקומענטאַרן, מקורדיקן מאַטעריאַל, אין אַרכיוון, קאָרעספּאָנדענציעס, בדפוס ובכתב, פּובליציסטיק, קריטיק, פּאָלעמיק, און אחרון אחרון — די שאַפונג גופא (צײַטשריפטן, ביכער). עס ווערן דאָ באַלויכטן אַלע דער־שײַנונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם קאָמפּלעקס, אַזוי אַז די באַהאַנדלטע טעמע ווערט אַנטוויקלט אין איר גאַנצער היסטאָרישער און אַקטועלער ברייט, אין אירע כּלערליי אויסשטראַלונגען און פּראָיעקציעס, און מיר לערנען אַ חשובן, כּמעט דראַמאַטישן פּרק פון קולטור־ און שפּראַך־ממשות, ווי זי איז ווערקלעך געווען. איך האָב געלייענט די ערשטע צוויי טיילן, וואָס הייבן זיך אָן מיט דער צווייטער עליה און ענדיקן זיך מיטן ויכּוח וועגן באַגרינדן פון אַ ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים (1927); און דער דריטער טייל, וואָס גרייכט שוין אַרײַן אינעם אָנהייב פון מדינת־ישׂראל, פאַרענדיקט זיך איצט.

דער אַנדערער — יחיאל שיינטוך, ייִדיש־לערער אין ירושלימער אוני־ווערסיטעט, פאַר זײַנע פאָרש־אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדיש־ליטעראַטור אין אַרגענטינע, איר פּראָבלעמאַטיק און קאָנפיגוראַציע; זײַן אָנטייל אין מענדעלע־פּראָיעקט (צוגרייט צו אַן אַקאַדעמישער אויסגאַבע פון זיידנס ווערק אין ביידע לשונות); און דערהויפּט פאַר זײַנע גרונטיקע פאָרשונגען פון דער אומקום־ליטעראַטור, לויט די ערשטע מקורות וואָס האָבן זיך דערהאַלטן, און אַ פּרטימדיקן פאַרגלײַך פון די איבערגעבליבענע כּתבים, לויט זייערע נוסחאות, סײַ לגבי מחברים וואָס לעבן און זאָלן מאריך ימים זײַן, און וואָס קאָנען דעם קאָנטראָל צוהעלפן, — ווי די שרײַבערס, וואָס ער האָט באַזונדערס באַהאַנדלט (אַברהם סוצקעווער, ישעיהו שפּיגל), סײַ לגבי מחברים וואָס זענען אומגעקומען, ד׳ ינקום דמם, (בעיקר יצחק קאַצענעלסאָן), און זייער עזבון פאָדערט אַ סקרופּולאַטן אַנאַליז, צו פאַר־שטיין ווען, ווו און וויאַזוי די כּלערליי שאַפונגען אין זייערע גירסאות זענען אַנטשטאַנען.

ביידע אַרבעטן, סײַ פון פּילאָווסקי, סײַ פון שיינטוך, זענען, אונטער דער דירעקטיוו פון פּראָפ׳ חנא שמערוק, טעזעס פאַר דאָקטאָר־טיטול אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

ג

איך האָב מיך בכיוון באַזונדערס אָפגעשטעלט אויף די צוויי חשובע יונגע־לײַט, נישט בלויז דערפאַר וואָס וועגן עליע שעכטמאַנען האָט ישעיהו שפיגל (וואָס איז צוזאַמען מיט שלמה רויטמאַן געווען אין דער זשורי) געהאַלטן אַ באַזונדערן רעפעראַט, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, דערפאַר, וואָס איך וויל אויסבולטן דעם שיקול־הדעת, וואָס די זשורי האָט געהאַט בײַ דעם דורות־אויפטייל, און וואָס דער צד השווה איז געווען די סברה, אַז דער פסק־דין דאַרף אָפשפיגלען די שאַפערישע ייִדיש־ווערקלעכקייט אין עלטערן און ייִנגערן דור, און דער פסק־דין שפיגלט זי אויך אָפ: דער עלטערער דור שאַפט די ליטעראַטור, דער ייִנגערער דור פאָרשט וועגן דער ליטעראַטור, און דאָס איז אַ כּלל־דערשײַנונג, וואָס מען קען און טאָר זי נישט פאַרלייקענען.

אַוודאי לאָזט דער כּלל־אָפשאַץ פון דער דערשײַנונג פלאַץ פאַר אַ פרט־אָפשאַץ און מײַנע חברים אין זשורי האָבן זיך זייערע דעות, פונקט ווי איך האָב מײַן דעה דעריבער, און איך וויל זי טאַקע, פאַרשטייט זיך אויף מײַן אחריות, אַרויסזאָגן, ווי איך האָב עס שוין, אין קירצערע שטריכן, בײַ דעם דערמאָנטן פרײַז־פאַרטייל אָנגעוווּנקען.

וועל איך אָנהייבן מיטן ראש וראשון — עליע שעכטמאַן, כּדי אַרויסצוהייבן דעם אַקצענט פון דער זשורי: פאַרן המשך פון „ערב", וואָס ער האָט הי פובליקירט. און זאָל מיר דערלויבט זײַן אויפצוקלערן מײַן באַזונדערן געדאַנק דערבײַ: אַן אַלטער אינטעגראַלער ציוניסט ווי איך בין, פריי איך מיך מיט אַ יעדן שרײַבער, וואָס קומט צו צו אונדז און באַזעצט זיך און שאַפט צווישן אונדז, לא־כּל־שכּן אַ שרײַבער פון פאָרמאַט און כאַראַקטער, וואָס פאַר אים איז דער איבערגאַנג נישט אַ זאַך פון בלויז דרויסנדיקן, נאָר בעיקר אינעווייניקסטן, מהותדיקן פאַרבײַט, און ער איז, ווי עס לערנען אונדז אָבסערוואַציע און נסיון, אַ שטיק צײַט אויסגעזעצט דער טאָפעלער סכּנה — אָדער דער דאָרט קאָפסלט זיך אים אָפ און ער איז טויב פאַרן דאָ, אַזוי אַז ער לעבט אייגנטלעך נישט אין זײַן הײַנט, און איז כּולו נעכטן; אָדער דער דאָ פאַרשלינגט אים ביז־גאָר און דער דאָרט ווערט ווי אויסגעווישט, און עס לעבט אין אים נישט מער זײַן נעכטן, און איז כּולו הײַנט. אָט די טאָפעלע סכּנה לאָקערט בעיקר אויפן עפישן און פראָזאַישן קינסטלער, וואָס דער דאָרט און דער נעכטן זענען זײַן שאַפערישער סובסטראַט, און אויך דער דאָ און הײַנט גייען, גענעטיש אָדער דיאַלעקטיש,

אַרויס פון זיי. עליע שעכטמאַן האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע וועלט, וואָס איר טיפסטער אויסדרוק איז זײַן גרויסע פּאַנאָראַמע, די באַיאַר־סאַגאַ, וואָס ציט זיך איבער דרײַ דורות, און אַ גרויסן טייל פון איר האָט ער געשריבן דאָרט, און אַ גרויסן, אפשר נאָך גרעסערן, טייל, נעמט ער שרײַבן דאָ, און די קשיא איז געווען, צי און וויאַזוי וועט ער עס מאַכן אין ירושלים, און ווי וועט זיך די דאָרטיקע טעמאַטיק איבעררופן מיט דער היגער דינאַמיק. איך וויל נישט פאַרהוילן, אַז איך האָב דערוועגן געהאַט ערנצטע ספקות, און בעיקר זיך געשראָקן פאַר אַ מין רעגרעסיע, וואָס זוכט אַן אויסוועג אין איינער פון די צוויי דערמאַנטע סכנות. און אַז איך האָב גע־לייענט די המשך־פּרקים, וואָס ער האָט אונדז שוין דאָ דערלאַנגט, און געזען ווי ער האָט ביידע סכנות אויסגעמיטן, האָב איך מיך נישט אָפּגע־האַלטן און געטעלעפאָנירט צו אַברהם סוצקעווער, וואָס האָט אָט די פּרקים געגעבן אין „די גאָלדענע קייט", כּדי צו זאָגן מזל־טוב.

ד

און איצט צו די יונגע — איך האָב אַרויסגעבולט דעם חילוק צווישן עלטערן דור וואָס פאַרמאָגט פּאָעטן, פּראָזאַיקער, דראַמאַטיקער, עסייִסטן, און דעם ייִנגערן דור, וואָס פאַרמאָגט זיי נישט. אַ כּלל, וואָס דער יוצא מן הכּלל באַשטעטיקט אים, און וואָס ווײַזט אָן אויף אַ מסוכּנע אַנטוויקל־ליניע; און אונדזער שטימונג־פּאָליטיק, וואָס איז מגזם אין אָפּשאַץ פון דעם וואָס איז דאָ, און פאַרזעט דאָס וואָס דאַרף זײַן, האָט אַ טבע צו פּאַרטושן. עס האַנדלט זיך דאָך אין כּלל גדול: אם אין גדיים אין תישים; ס'איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז ווען מיר בלעטערן אין הײַנטיקע ייִדישע צײַטונגען, ביכער און אָפּקלײַבן און געפינען דאָרט שרײַבער, וואָס די ייִנגסטע פון זיי שפּאַנען שוין אַרײַן אין זעקסטן יאָרצענדליק, מוזן מיר פרעגן, ווי וועט עס אויסזען מיט אַ דור שפּעטער. דאָס איז איינע פון אונדזערע קאַרדינאַלע קולטור־קשיות, בפרט ווען מיר זעען זי אין ספּעקטרום פון דער קאַרדינאַלסטער קשיא, וואָס דאָס רוב ייִדן אויף דער וועלט, בפרט פון יונגן דור, רעדן הײַנט צו טאָג נישט מער אונדזערע היימישע שפּראַכן, לייענען זיי נישט און שרײַבן זיי נישט, און די אָפּטימיסטישע אינפאָרמאַציעס, מיט וועלכע עס שפּײַזן אונדז ביולעטינען פון ברית עברית עולמית אָדער די ייִדישע קולטור־קאָנגרעסן, זענען צו בלײַכע נחמות. אויב דאָס איז שווער פאַר עברית, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלן אָנשפּאַר אין מדינת־ישׂראל, נאָר האָט אין די גלות־לענדער אויך נישט קיין יונגע פּראָזאַיקער, דיכטער, דראַמאַטיקער און

עסייִסטן, — און אויך דאָ באַשטעטיקט דער יוצא מן הכּלל דעם כּלל, — איז עס פֿאַר ייִדיש קאַטאַסטראָפֿאַל. די קליינע ייִדישע און ייִדישיסטישע אויפֿברויזן, ווי יוגנטרוף, בני ייִדש וכדומה, זענען צו קליין, כּדי צו זײַן אָדער צו ווערן אַ גרויסער ממש, און די קשיא צי לאָזט זיך בײַ דער אַנט־וויקל־ליניע, ווו ייִדיש ווערט אַלץ ווייניקער אַ קרעאַטיווער בנין און אַלץ מער אַן אַקאַדעמישער ענין, אָנבעמען אַ ווענד־צוריק, איז אַ קשיא. און איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז דער אופֿן ווי אַרום אַברהם ליס האָט אויף מײַנע באַמערקן בײַם דערמאָנען פּרײַז־פּאָרטרייל רעאַגירט, — בצורת אַן אָפּטי־מיסטישן כּלל־זאָג — איז אַ דרך. דען קאָנקרעטע קשיות פֿאַרלאַנגען קאָנ־קרעטע תּשובֿות.

ה

אָבער צוריק צו די יונגע חתני־הפּרס — ווען ייִדיש זאָל האַלטן כּדרך הטבע, וואָלטן מיר געקאָנט נאָרמאַל האַנדלען: פֿאַרטיילן די פּרעמיעס סײַ אַלטע סײַ יונגע שרײַבערס, סײַ אַלטע סײַ יונגע פֿאָרשערס, אַזוי אַז מיר וואָלטן געקענט ווײַזן דעם שטאַנד פֿון ייִדיש ווי אַ זײַן און אַ באַוווסטזײַן, אָבער מיר קאָנען קינסטלעך נישט שאַפֿן קיין סיטואַציע וואָס איז נישטאָ. דאָס ממשות גייט אויף דער ליניע פֿון אויפֿטייל — ליטעראַטור־שרײַבערס בלויז אין עלטערן דור, אין ייִנגערן דור ווײַטער כּמעט בלויז אַקאַדעמישע פֿאָרשערס. דערפֿאַר האָב איך נישט אַקצעפּטירט אַברהם סוצקעווערס באַ־צייכן פֿון דער פֿאַרטייל־צערעמאָניע ווי אַ יום־טובֿ, און זי גיכער געהאַלטן פֿאַר אַ מין חול המועד, וואָס מיר ווייסן, אַז פֿאַר אים איז געווען יום־טובֿ, און האָפֿן אַז נאָך אים וועט זײַן יום־טובֿ. אָט די סבֿרה (אגבֿ, סבר מיינט בעיקר האָפֿן) האָט מיך באַגלייט, ווען מיר האָבן די צוויי יונגע פֿאָרשערס מכבד געווען מיט דער פּרעמיע — איז פֿאַר דער זכיה געוווג זייער אייגענער זכות, זייערע ערלעכע אויפֿטוען, אָבער עס איז אַ חובֿ אונטערצושטרײַכן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פֿרישן טיפּ פֿון אַ ייִדיש־פֿאָרשער, וואָס איז אויסגעוואַקסן און אַרײַנגעוואַקסן אין אַ באַנײַטן האַרמאָנישן קולטור־צוזאַ־מענבונד צווישן עבֿרית און ייִדיש, וואָס האָט גובֿר געווען די שפּראַכלעכע אָפּגעפֿרעמדקייט און לעבט אָרגאַניש אין ביידע, ווי ביידע זײַטן פֿון דער זעלבער גילדענער מטבע. דאָס איז הײַנט־צו־טאָג אַ גרויסער פּערספּעקטיוו־רײַכער חידוש מחודש, וואָס זײַן אַנטשיידנדיקע קולטור־חשיבֿות וועט זיך ערשט מיט דער צײַט אַנטפּלעקן.

[כ״ב ניסן, תשל״ז]

אויסלייג, נאָרמעס וכדומה

א

איינע פון די סימפּאַטישסטע באַגעגענישן מײַנע אין ניו־יאָרק איז געווען דער צוזאַמענטרעף מיט דער גרופּע „יוגנטרוף“, וואָס האָט מיך פאַרבעטן צו דער קאָנפערענץ אירער און אויסגעהערט מײַן רעפעראַט, וועלכן זי האָט שפּעטער אויך אָפּגעדרוקט אין איר אָרגאַן. מיט עטלעכע פון דער גרופּע האָב איך מיך שוין פריִער באַגעגנט אין ירושלים, אין בוענאָס־אײַרעס, אין מאָנטרעאָל; אָבער איינס איז אַ באַגעגעניש מיט יחידים, און עפּעס אַנדערש איז אַ באַגעגעניש מיט אַ גאַנצן ציבור. אמת, בײַ יענער קאָנפערענץ איז די יונגע חברה ווי דערטרונקען געוואָרן צווישן אירע סימפּאַטיקערס, אַלטע און זקנים, אָבער די צעשויבערטע לאָקן און צעפּאַטלטע גריוועס פון אַ יונגוואַרג האָבן זיך פאָרט לײַטיש און היפּש — בעסער געזאָגט: היפּיש — אַרויסגעזען.

איך האָב אין מײַן דערמאָנטן רעפעראַט אָנגעוויזן, אַז די גרופּע ווײַזט זיך מיך אויס אין סאַמע שפּאַן פון איר וועג צו דער אייגענער צײַטיקייט; און האָב זיי אַפילו אונטערגעטריבן דעם מאַרש אײַליקער צו מאַכן, כדי ווייניקער אָפּהענגיק צו זײַן פון די עלטערע אַפּוטרופּסים און מער שטיין אויף די אייגענע פיס, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַן אונטערוואַקסנדיקער און אויסוואַקסנדיקער יוגנט־באַוועגונג, וואָס פילט דעם פּולס פון דער צײַט און איר שליחות אין איר.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נאָכגעפאָרשט, וואָס איז געשען נאָך דער קאָנפערענץ און געהערט פון נײַע איניציאַטיוון. שוין זײַענדיק צוריק פון מײַן נסיעה האָב איך געלייענט וועגן זייער אימפּרעזע — זיי האָבן אויפֿגעשטעלט פּיקעטן פאַר די רעדאַקציעס פון ביידע ניו־יאָרקער ייִדישע טאָג־בלעטער, „פאָרווערטס“ און „טאָג מאָרגן־זשורנאַל“ — אַ דעמאָנסטראַציע לטובת דעם אָנגענומענעם ייִוו״אָ־אויסלייג, וואָס איז דאָרט נישט אָנגענומען, און אַ מלחמה קעגן אַ רײַסטער פּסולע, אָדער פּסול־געהאַלטענע ווערטער, וואָס דאַרף אַרויס, און פאַר אַ רײַסטער כשרע, אָדער כשר־

געהאַלטענע ווערטער, וואָס דאַרפֿן אַרײַן. איך האָב געלייענט די פּאָלעמיק דאַריבער — סײַ די גוטמוטיקע אַרויסזאָגן לגבי דער כּוונה, סײַ די בייזלעכע אַרײַנזאָגן לגבי דער שיטה. וואָס מיך האָט אינטערעסירט, איז נישט בלויז דער ענין גופא, כּשרות און פּסלות פֿון אויסלייג, נאָר אויך די קשיא, צי די אימפּרעזע באַשטעטיקט מײַן אָפּשאַץ פֿון דער דאָזיקער גרופּע. מוז איך זאָגן, אַז זי באַשטעטיקט מײַן דיאַגנאָז, אָבער נישט מײַן פּראָגנאָז — דען דאָ האָט זיך געהערט צו ווייניק דאָס קול פֿון זיי, די יונגע אַליין, און צו פֿיל דאָס בת־קול פֿון זייערע עלטערע אינסטרוקטאָרן. איך האָב באַנוצט לשון רבים, אָבער באמת איז עס אַ מאַיעסטעטס־פּלוראַל פֿאַר ד״ר מרדכי שעכטער — פּשוט, די אימפּרעזע און אירע פֿאָדערונגען זענען צו אידענטיש מיט די באַזונדערע אינטערעס־קאָמפּלעקסן פֿון דעם דאָזיקן מיליטאַנטן און רירעוודיקן געלערנטן אויפֿן יידישן שפּראַך־פֿראָנט. פֿאַר די באַזונדערע קאָמפּלעקסן קעמפֿט ער, מיט עקשנות און אימפּעט, באַנוצנדיק זיך מיט כּלערליי כּלים — שטודיעס, לעקציעס, מאמרים, פּערסיפלאַזשן, בריוו וכדומה, און איינע פֿון די כּלים איז אויך דער „יוגנטרוף״. איז עס אַ שבח פֿאַר זײַן כּוח־השפּעה, אָבער עס פֿרעגט זיך צי איז אַ יוגנט־גרופּע, ווי אַן אויספֿיר־אָרגאַן פֿון אַ פּוריסטישן און נאָרמאַטיוויסטישן פּילאָלאָג אין זײַנע באַזונדערע אינטערעס־קאָמפּלעקסן, נישט צו עניוותדיק אין אירע אַספּיראַציעס צו זיך און פֿון זיך אַליין.

ב

איך ווייס גוט דעם חילוק צווישן מרדכי שעכטער און מיר אין דער אינטערעס־ספֿערע פֿון און פֿאַר יידיש, און איך מיין נישט בלויז דאָס, וואָס ער איז למעשׂה, און אפֿשר אויך להלכה, נאַציאָנאַל איינשפּראַכיק, און איך בין סײַ למעשׂה, און אויך להלכה, נאַציאָנאַל צווייִשפּראַכיק, און איך וויל מיך איצט נישט אַרײַנלאָזן, וואָס איז היסטאָרישער און ממילא לעגיטימער. איך באַגרענעץ מיך בלויז אין ווויסנשאַפֿטלעכן באַהאַנדל פֿון יידיש; ער איז אויך אַ שפּראַך־פּאָליטיקער, בשעת איך בין בלויז אַ שפּראַך־היסטאָריקער, און מחמת דעם בין איך בלויז אַ מפֿרש און נישט קיין פּוסק. אַז מען פֿרעגט מיך, אַ שטייגער, צי איז דער סופֿיקס זאַם יידיש, ענטפֿער איך, אַז איך גופֿא קום אויס אָן אים, שוין מחמת דעם, וואָס אונדזערע זיידעס און רוב טאַטעס זענען אָן אים אין זייער שמועסשפּראַך אויסגעקומען, און אויב דאָס אַלטע ליטעראַרישע יידיש האָט עס יאָ, און דאָס גאָר שפּאָרעוו־

דיק, געהאַט, האָט עס פאַרמאָגט אַ באַזונדערע פאָרעם: פאַרצום (= פורכט־זאַם), לאַנצום (= לאַנגזאַם), און אויב אַנדערע מוזן דעם סופיקס זאַם יוסט האָבן, שטעל איך מיך נישט זיי אין וועג. דעסגלײַכן, אַז מען פרעגט מיך וועגן סופיקס באַר ענטפער איך כּמעט דאָס זעלבע, אַז איך גופא, אַאַז"ו שוין מחמת דעם, וואָס אונדזערע זיידעס אַאַז"ו, און אויב דאָס ליטעראַרישע ייִדיש האָט עס יאָ געהאַט, האָט עס ווידער אַ מאָל געהאַט אַ באַזונדערע פאָרעם דערצו: פרוכפער (= פרוכטבאַר), וואָס האָט זיך סײַ ווי אַן אַדיעקטיוו: פרוכפערדיק, סײַ ווי אַ ווערב: פרוכפערן, דערהאַלטן אין דער שמועסשפּראַך. אָבער אַז אַנדערע ווילן יוסט נאָכגיין דײַטשיש און דער סופיקס באַר פרוכפערט זיך בײַ זיי אויף וואָס די וועלט שטייט, שטעל איך מיך זיי נישט אין וועג. דעסגלײַכן, אַז מען פרעגט מיך אויפן פּרעפיקס פֿאַר, וואָס זײַנע ייִדיש־עקוויוואַלענטן זענען פאַר־, פיר־, (פער־ אָדער פויער־, אַ שטייגער: אַפערקומען, אַפויערקומען) ענטפער איך, אַז איך גופא באַנוץ מיך נישט מיט פֿאַר און באַנוץ בלויז פירליייענען, פירזיצער וכדומה. און קוים טרעפט מען אין מײַנעם אַ מאמר: פאָרלייענען אָדער: פאָרזיצער וכדומה, האָט מיך דער רעדאַקטאָר אָדער קאָרעקטאָר פאַפּראַוועט, און איך בין גאָט די נשמה שולדיק. איך בין עס אָבער נישט גוזר אויף אַנדערע, בפרט אַז עס איז דאָ אַ יש אומרים, אַז עס זענען געווען קאַנטן, ווו די באָבעס האָבן שוין באַנוצט די פאָרעם פֿאַר און בפרט שבפרט אַז איך זע אַז עס באַנוצן זיך מיט די פּרעפיקסן און סופיקסן שרײַבערס מיט אַ קולטיווירטן שפּראַך־געפיל, און האָבן נישט, ווי איך, קיין אַלערגיע צו אַ שפּעטערן דײַטשישן אַרײַנדרינג, וואָס איז נישט אין הסכּם מיט דער מסורה פון ייִדיש־גאַנג. איך האָב דאָ איצט בלויז מרמז געווען אויף דעם פּראָבלעם, און האָף די זאַך צו דעטאַלירן אין אַ באַזונדער בוך. אָבער ווידער אַמאָל — ווי אַ מפרש און נישט ווי אַ פּוסק.

ג

מה־דאַך, איך בין נישט, און שפּיל נישט, קיין פּוסק אין נאָרמאַטיווע קשיות אין תּחום פון העברעיִש, וואָס איך פאַרנעם מיך מיט אירע פאָרשע־רישע פּראָבלעמען איבער אַ יובל יאָרן, וועל איך זײַן, אָדער שפּילן, אַ פּוסק אין נאָרמאַטיווע קשיות אין תּחום פון ייִדיש, וואָס איך פאַרנעם מיך מיט אירע פאָרשערישע פּראָבלעמען אַ האַלבן יובל? סוף־סוף איז מיר אין העברעיִש גיכער אויסגעקומען זיך אָנצושטויסן אויף נאָרמאַטיווע קשיות.

איז דאָך, קרוב פּערציק יאָר, מײַן מלאָכה געווען רעדאַקטירן, אין דער טאָג־צײַטונג „דבר" און דאָס כּמעט אין אַלע רובריקן, אין ביכער־פֿאַרלאַגן „עם עובד", מוסד ביאַליק וכדומה, און זינט איך דאָך אין דער העברעישער שפּראַך־אַקאַדעמיע, וואָס באַרמאַטיווירן איז איר טעגלעך ברויט.

און זאָל מיר, לשם אילוסטראַציע, דערלויבט זײַן צו ציטירן עפּעס פֿונעם אַרײַנפֿיר צו מײַן בוך „אבני שׂפה" (געמיינט סײַ שפּראַך־שטיינער סײַ עק־שטיינער), וואָס איז אַרויס מיט פֿופֿצן יאָר צוריק: „ווי אַ שרײַבער און קריטיקער, דערהויפּט ווי אַ רעדאַקטער און איבערזעצער, בין איך נישט איינמאָל אויפֿגעפּאָדערט געוואָרן צו אַפּראָבירן אָדער אָפּוואַרפֿן כּלערליי שפּראַך־דעטאַלן. איך מיין נישט דעטאַלן, וואָס ווערן, מיט רעכט, באַטראַכט, ווי דער אויבנאָן פֿון דער שפּראַך — אויף זיי האַלטן שטענדיק אַן אויג די אויסגעבונדענע פֿאָרשערס, וואָס באַמיִען זיך אַרויסצוזאָגן אַ קלאָרע פּסק־הלכה; איך מיין דעטאַלן, וואָס ווערן, דוכט זיך, מיט אומרעכט, באַטראַכט, ווי דאָס פּוסבענקעלע פֿון דער שפּראַך און איר לעבן — אויף זיי פֿאַלט, געוויינטלעך, אַ זייער אויבנויפֿיקער קוק, און דער אַנטשייד הענגט, ווי אויף אַ האָר פֿון קווענקל, צווישן יאָ און ניין. אָבער ווער עס קוקט זיך רעכט אײַן, געפֿינט, אַז דאָס זענען טיילעכלעך אין סאַמע לעבן פֿון דער שפּראַך, בולטע סימנים פֿון דעם אייביקן געראַנגל צווישן דעם כּוח פֿון טראַדיציע און אירע צוימען און צווישן דעם כּוח פֿון נאָוואַטאָריש־קייט און אירע ריסן — — —".

אין בוך אַליין ברענג איך כּלערליי דוגמות דערצו, דערצייל וועגן די כּלערליי גלגולים, אָבער בין נישט, און שפּיל נישט, קיין פּוסק. אַפֿילו ווען עס קומט מיר אויס צו פּאָלעמיזירן מיט קריטיקערס פֿון מײַנע אייגענע באַנוצן, בין איך נישט מער ווי אַ מפֿרש, דערקלער פֿאַר וואָס איך האָב מיך אַזוי און אַזוי באַנוצט, זאָג אָבער נישט: קבלו דעתי, טײַטש: נעמט אָן מײַן סבֿרה.

ד

איך דערצייל דאָס, כּדי צו דערקלערן, פֿאַר וואָס איך בין געווען אַביסל געפּלעפֿט, ווען איך האָב אין ברוך שעפּנערס אַרטיקל וועגן דעם „יוגנטרוף" און זײַנע שפּראַכלעכע פֿאָדערונגען („פֿאָרווערטס" 9 אויגוסט 1970), געטראָפֿן אַזאַ שטעל: „אָבער פֿון אַרײַנשטופּן אין ייִדיש וואָס מער העברעיִשע ווערטער, וועט ייִדיש ניט רייניקער און ניט רײַכער ווערן. פֿאַרשטייען מיר נאָך, ווען מען פּרעדיקט דאָס צוליב פּאָליטישע כּוונות, צוליב העברעיִש

(ווי דאָס טוט, למשל, דב סדן). אָבער צוליב ייִדיש? צוליב געווינען בײַ לייענערס פאַר ייִדיש?" איך האָב דאָס געלייענט און נישט פאַרשטאַנען, ווי אַרום איך בין אַרײַן אין די קלאַמערן, וואָס האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ שפּראַך־פּאָליטיקער, און האָב מיר דאָס אויסגעטײַטשט, אַז אויך אַ ייִד אַ פּיקח, אין טאָפּל־זין פונעם וואָרט, ווי עס איז ב. שעפנער, האָט זיך דאָ עפּעס געחלומט.

אמת, פאַראַן כּלערליי דרכים צו באַרײַכערן ייִדיש, פון אירע שפּראַך־קאָמפּאָנענטן, און בעיקר פונעם עלצטן קאָמפּאָנענט, לשון־קודש, און עס זענען פאַראַן אַזעלכע טענדענצן — איך מיין נישט בלויז קוריאָזע פּלאַנען ווי, אַ שטייגער, י. ח. טאַוויאָוו, וואָס האָט, איידל גערעדט, נישט האָלד געהאַט ייִדיש, כאָטש ער איז געווען אַ געניטער פאָרשער, בעיקר פון אירע לשון־קודש־עלעמענטן, און האָט דורך זייער פאַרמערן געוואָלט פאַראיבריקן ייִדיש; אָדער נאַיִווע פּרווון ווי, אַ שטייגער, מאיר טאַבאַק, וואָס האָט דורכן פאַרשטאַרקן פון העברעיִשן עלעמענט אין ייִדיש געוואָלט דערגרייכן אַ דערנענטערונג פון ביידע שפּראַכן (עס האָט זיך בײַ מיר דערהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענציע דעריבער), איך מיין דעם ערנצטן פּירלייג פון אַזאַ מאַדים אויף ייִדיש־גרונטיקייטן און ייִדיש־סובטעליטעטן, און זייער הויכקינסטלער־רישן פאַרוועב אין אָריגינעלער שאַפערישקייט — ווי יעקב גלאַטשטיין. ער האָט סײַ בכתב, אין זײַן רובריק אין „טאָג מאָרגן־זשורנאַל", סײַ בעל־פּה בײַם קבלת־פּנים פון מײַן ווייניקייט, אונטערגעשטראָכן די סופּרעמאַציע פון העברעיִש, נישט בלויז אין היסטאָרישן, נאָר אויך דעם אַקטואַלן זינען, ווי דעם קוואַל צו באַרײַכערן ייִדיש.

אָבער ווי ווײַט דאָס ווײַזט זיך מיר אויס ליב און סימפּאַטיש, איז עס פאָרט נישט מײַן וועג. ערשטנס, באַהאַנדל איך ייִדיש ווי כּלה כּמו שהיא, טײַטש: אַ כּלה־מיידל ווי זי שטייט און גייט, און האַלט, אַז זי האָט, צי אינסטינקטיוו צי באַוווּסט, אַרײַנגעפּירט פון לשון־קודש וואָס און וויפל זי האָט באַדאַרפט. צווייטנס, דוכט זיך מיר, אַז לשון־קודש איז דאָס זאַלץ־און־פעפער פון ייִדיש, און דאָס איז אַ סאָרט, וואָס האָט זיך זײַן מאָס, וואָס מען דאַרף נישט איבערטרײַבן. דריטנס, צוליב העברעיִש האָב איך אַ לײַכ־טערן און נאַטירלעכערן וועג — אַן עדות דער ים פּאַפּיר וואָס איך האָב אין דעם לשון פאַרשריבן, דערונטער מײַנע עטלעכע און פערציק העברעיִשע ביכער, וואָס איך האָב ביז איצט אַרויסגעלאָזט. פערטנס, דווקא ווײַל איך שרײַב אין ביידע שפּראַכן, פיל איך, אויך אין דעם באַצי, דעם חילוק צווישן

ביידע, בפרט ווען עס קומט מיר אויס די זעלבע זאַך צו געבן אין ביידע לשונות, און איך האָב ווענן די נסיונות עפּעס צו דערציילן, און וועל עס, אם ירצה השם, נאָך טאָן. לעת־עתּה וועל איך מיך באַנוגענען מיט איין אילוסטראַציע — אַזוי־ווי עס קומט מיר אויס, אין מײַנע העברעיִשע חיבורים, צו ברענגען אַ סך ייִדיש־ציטאַטעס און אין מײַנע ייִדישע חיבורים אַ סך העברעיִש־ציטאַטעס, בין איך נוהג זיי תּמיד וואָרט־ווערטלעך איבערצוגעבן.

ה

יאָ, שמואל ניגער האָט מיך פֿאַר דעם מנהג מײַנעם געלויבט, אָבער איך גופא בין נישט איבערגליקלעך דערפֿון; דען עס באַווײַזט דאָך, אַז איך ווייס ווי ווײַט איך שרײַב פֿאַר צוויי באַזונדערע פּובליקעס — פֿאַר אַ העברעיִש־פּובליקע, וואָס פֿאַרשטייט נישט לרוב קיין ייִדיש, און פֿאַר אַ ייִדיש־פּובליקע, וואָס פֿאַרשטייט לרוב נישט קיין העברעיִש. און טאַקע אין מײַן רעפֿעראַט בײַ דער קאָנפֿערענץ פֿונעם „יוגנטרוף" האָב איך באַמערקט, ווי ווײַט דער באַקאַנטער זאָג פֿון בעל־מחשבות: אַ ייִד וואָס קאָן נישט קיין ייִדיש, איז אַ גוי; אַ ייִד וואָס קאָן נישט קיין העברעיִש, איז אַן עם־הארץ — האָט הײַנט קיין האָפֿט נישט, ווײַל לויט אים קומט דאָך אויס, אַז דער רוב, בעיקר ייִנגערע, העברעיִש־שרײַבערס זענען גויִים און אַ גרויסער טייל, אויך עלטערע, ייִדיש־שרײַבערס זענען עמהארצים; אַזוי אַז בעל־מחשבות'עס אַטריבוטן זענען, פּשוט, אַ פּאָסטפּאַנאַציע פֿון אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. יאָ, אין זײַנע צײַטן איז אַ צוויי־שפּראַכיקער שרײַבער געווען דער כּלל, הײַנט איז ער אַ יוצא־מן־הכּלל; און אויב דער שרײַבער אַזוי — דער לייענער לאו־כּל־שכּן. שוין מחמת דער דערקענטעניש בין איך דער מסופּקדיקסטער קאַנדידאַט אַרײַנצושטופּן וואָס מער ייִדיש־ווערטער אין העברעיִש און וואָס מער העברעיִש־ווערטער אין ייִדיש, און שטאָט אַזאַ ביליק פֿאַרגעניגן, האָב איך מיר אויסגעקליבן אַן אַביסל שווערערן וועג — פּרווון דערציִען לערערס פֿון און פֿאַר אַ צווייִשפּראַכיקן לייענער, און איך באַמי מיך דאַריבער יאָרן־לאַנג; לויבווערטער מאַכן מיך נישט שטאַרקער און חוזק־ווערטער מאַכן מיך נישט שוואַכער. אָבער דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך.

ו

און צום סוף צוריק צום אָנהייב — צו דער אימפּרעזע פֿונעם יונגוואַרג לטובת דעם ייִוואָ־אויסלייג, און צו דער פּאָלעמיק דערוועגן. אין תּוך פֿון

דער זאַך, איז נישט קיין נפקא מיניה, צי די דאָזיקע אימפּרעזע איז אַ מער ספּאָנטאַנע אָדער אַ מער רעזשיסירטע — זיי מיינען דאָס מסתּמא ערנצט, און זענען, סוף־סוף נישט אומגערעכט. נישט ווײַל עס איז דער איינציק רעכטער און גערעכטער אויסלייג, — עס זענען געווען און קענען זײַן פּאַר־שיידענע שיטות, און איך האָב להלכה היפּש רעזערוואַציעס לגבי די אָנגע־נומענע כּללים, אָבער למעשה בין איך מיך נוהג לויט זיי, דען איך האַלט נישט פון קיין אַנאַרכיע. אָבער אין דעם קאָנקרעטן פאַל פון די דערמאָנטע צוויי טאָג־בלעטער האַנדלט עס זיך בכלל נישט דערינען — די שרײַבערס דאָ און דאָ, ווי יחידים, פּונקט ווי זיי האַלטן פון ייִוואָ ווי דעם אויטאָריטאַ־טיוון אינסטיטוט, האַלטן זיי פון זײַנע אויסלייג־תּקנות, און באַנוצן זיך מיט זיי, און עס פאַלט זיי גאָר נישט אײַן זיך צו רעזערווירן אַ וואָטום סעפּאַראַ־טום, ווען זיי שרײַבן אין אַנדערע בלעטער. איך בין זיי אַפילו חושד, אַז זייערע מאַנוסקריפּטן, וואָס זיי שיקן צום דרוק אין די צוויי טאָג־בלעטער, זענען אויך לויט די דאָזיקע אויסלייג־תּקנות, נאָר דער בחור־הזעצער, בעל־מגיה, וואָס אויך זיי, ווי יחידים, באַנוצן זיך מיט די אויסלייג־תּקנות (איך זאָג עס אויפן סמך פון בריוו וואָס איך האָב געקריגן סײַ פון די רעדאַק־טערס און שרײַבערס, סײַ פון די זעצערס און קאָרעקטערס), פּאַסן עס צו צום אַלטן שניט, ווײַל אַזוי איז דער לייענער געוווינט און וויל זיך כּביכול נישט אָפּגעווינען. פאַר וואָס ער וויל דאָס נישט, און אַן אַנדערער לייענער וויל דאָס יאָ — סוף־סוף גייען דאָך אַלע איבעריקע ייִדישע טאָג־צײַטונגען, שוין אָפּגעשמועסט פון פּעריאָדיק און פון ביכער לויטן אָנגענומענעם שניט — הייב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. איך וויל נישט אָננעמען, אַז די סאַמע קאָנסערוווע האָט זיך צוזאַמענגענומען אין די דאָזיקע צוויי צײַטונגען; איך קען עס אויך נישט אָננעמען — אָט האָט דער „מאָרגן־זשורנאַל" די רובריק פון וואָלף יוניז און דער „פאָרווערטס" די רובריק פון אַ. פאָרשער, ביידע אין ייִוואָ־אויסלייג, און מען לייענט עס ווי אַ וואַסער — אַ סימן דער ים אָפּרופן פון לייענערס, און דווקא עלטערע און אַלטע, און וואָס בלויז אַ טייל פון זיי קענען אָפּגעדרוקט ווערן.

יאָ, וואָלט מען בײַם אַלטן שניט אָפּגעהיטן עפּעס אַ פּרינציפּ, אַ שיטה, אַ גאַנג; איז עס אָבער נישט אַזוי — עס איז אַ מין מישמאַש, נישט אַרויס און נישט אַרײַן. על כּל פּנים קיין דרך־ארץ וועקט דאָס נישט, און דרך־ארץ פאַר דער שפּראַך האָט דווקא דאָס יונגוואַרג. וואָס וויל מען, אייגנטלעך, פון זיי?

[י"ז חשון תשל"ב]

אַ גאַסט אויף אַ ווײַל

מיט אַ בריוו צו אַ יוגנט־גרופּע

אמר המחבר: פֿאַראַן אַ זאָג, אַז ווען צוויי זאָגן שיכּור, מוז זיך דער דריטער לייגן שלאָפֿן, און לאָגיש לאָזט זיך דערפֿון דרינגען, אַז ווען צוויי זאָגן ניכטערן, מוז זיך דער דריטער אויפֿכאַפּן. ווייס איך נישט אַקוראַט, וואָס מײַנע צוויי פֿרײַנד, ר׳ אליעזר (לעזלי) באַר און ר׳ ישׂראל חיים קלינגער, האָבן זיך מתכּוון געווען פֿאַרבעטנדיק מיך אויף עטלעכע לעקציעס קיין לאָנדאָן, צי איך זאָל שפּילן אַ שיכּור צי אַ ניכטערנעם. על כּל פּנים סײַ איך מעג מיך אַרײַנוואַרפֿן אין אַ חלום, סײַ איך דאַרף מיך אַרויסוואַרפֿן פֿון אַ חלום, וועל איך גע־טרײַ זײַן דעם אמת, און זיך ווייניקער סומך זײַן אויף מײַנע פֿאַרמאַכטע אויגן און זיך מער סומך זײַן אויף מײַנע אָפֿענע אויגן. און אויב אַזוי מוז איך מודה זײַן, איז אַזוי ווי איך האָב, סײַ זײַענדיק אין לאָנדאָן סײַ זײַענדיק שפּעטער אין פּאַריז, געהאַט צו טאָן בלויז מיט איין פּראָצענט אין דאָרטיקן ייִדישן לעבן, דער פּראָצענט פֿון אונדזערע אייגענע, היימישע שפּראַכן, וואָס זייער מעמד איז דאָרט אַ גאָר שוואַכער, אויב נישט דער שוואַכסטער פֿון אַלע אַנדערע אויך נישט פֿעסטע פּראָצענטן, וואָלט מיר אַ חלום ניח׳ער געווען פּונעם ממש. אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז דער אמת איז אַן אכזר, און וויל נישט אָפּווייכן פֿון זיך, און האָט פֿאַר מיר דעם מצב אַנידערגעשטעלט ווי ער איז, און דערפֿון ווערט נישט אַמפּריילעכסטן אויפֿן האַרצן. וואָס עס האָט מיך, מיט אַ באַזונדערער שאַרפֿקייט באַרירט, איז געווען די בולטע עובדא, דער אויספֿעל פֿון יונגן דור אין די אָבסערווירטע פּאָזיציעס פֿון שפּראַך־פּראָצענט, חוץ צוויי באַגעגענישן — אַ יוגנט־גרופּע אין לאָנדאָן, וואָס קומט זיך צונויפֿ, און דער ענין אייגענע שפּראַך פֿאַרנעמט דאָרט אַ חשובן און אפֿשר אַנטשיידנדיקן אָרט, און וואָס האָט מיך פֿאַרבעטן צו אַ באַגעגעניש; די יונגע לײַט אין פּאַריז, וואָס האָבן אָנטייל גע־נומען אין אינטערנאַציאָנאַלן קאָלאָקוויום וועגן שפּראַכן בײַ ייִדן. וויל איך דאָ ברענגען מײַן בריוו צו דער לאָנדאָנער יוגנט־גרופּע, לאמור:

א

לכ׳ ר׳ שלום ב״ר אלעזר באַר נרו יאיר;

א) אַזוי־ווי די מאַרשרוט מײַנע הי האַלט שוין בײַם פֿאַרענדיקן זיך און רעיתי ואני פֿליִען מאָרגן, בסיעתא דשמיא, אָפּ ווײַטער, וויל איך, ברשותכם, נעמען אַ וואָרט, און אײַך בכתב דערציילן עפּעס דערפֿון, וואָס איך האָב

די דרײַ װאָכן געזעסן, געהערט און געקלערט, און אפשר איז כּדאַי, אַז איר און די חברים און חברות אײַערע אין דער יוגנט־גרופּע, פֿאַר װעלכע איך האָב, לײַדער, בלויז אײנמאָל גערעדט, און זיך נישט דעררעדט, זאָלן זיך דאַריבער פֿאַרטראַכטן. איך פֿאַרשטיי, אַז מען קען און מעג מיר פֿירהאַלטן, װי־אַרום איך דערװעג מיך, נאָך אַזאַ קורצן טערמין, װאָס איז געװען באַ־שרענקט אויף עטלעכע עפּנטלעכע אויפֿטריטן און עטלעכע טוץ פּריװאַטע שמועסן, זיך האַלטן באַרעכטיקט, אַרויסצוזאָגן אַ דעה, אָבער איך בין מיך סומך אויף דער פֿאָלקס־חכמה, װאָס גייט ייִדיש: אַ גאַסט אויף אַ װײַל, זעט אויף אַ מײַל, און דעפֿינירט נישט, צי דאָס, װאָס דער גאַסט האָט געזען איז לשבח אָדער לגנאי, בשעת דער לשון־קודש־נוסח גייט: אורח לרגע רואה כל נגע [אָדער: פּגע], טײַטש: אַ גאַסט אויף אַ רגע, זעט אַ יעדע פּלאָג, און דוכט זיך, אַז כּאָטש דער גראַם האָט זיך דאָ אַרײַנגעמישט לרעה, האָט ער זיך נישט גאַנץ טועה געװען. פֿאַר מיר גופֿא שטעקט אַ שטיק חשיבות אין װאָרט: זעט — רואה, דען מיט זען האַלט עס בײַ מיר בעסער װי מיט הערן, װײַל איך הער דאָך נישט קיין ענגליש, און האָב בעיקר געהאַט מגע־ומשׂא מיט ייִדיש־רעדערס, און זיי זענען שוין װײַט נישט אַזוי־פֿיל, װי זיי זענען געװען מיט אַ סך יאָרן צוריק, און שטאָט דעם גרויסן ייִדיש־רעדנדיקן װײַטשעפּל, דאָס לעצטע גרויסע שטעטל אין מערב־אייראָפּע, האָבן מיר נאָך, דאָ און דאָרט, ייִדיש־אינדזלען און אינדזעלעך, אָבער זיי זענען אַ סך קלענער. פֿון דעסטװעגן דאַכט זיך מיר, אַז דאָס, װאָס איך האָב געזאָגט, נאָך אַ זעקס־װאָכנדיקער אָבסערװאַציע אין בוענאָס־אײַרעס, װוּ די ייִדיש־רעדערס און שרײַבערס זענען אַ היפּשע מאַסע, מעג איך איצט זאָגן, געזעגנענדיק זיך מיט דעם שטיקל ייִדיש־לאַנדאָן, מיט װעלכן איך בין געקומען אין קאָנטאַקט: זײַט מיר מוחל, װאָס איך האָב מער געזען, װיפֿל איר האָט מיר געװיזן, און מער געהערט, װיפֿל איר האָט מיר דערציילט.

ב) איך װייס נישט, צי איר װייסט, אַז איך בין נישט קיין אָפּטער אַרויס־ און אַרום־פֿאָרער, און מײַנע נסיעות, װאָס איך האָב ביז הײַנט געמאַכט זענען נישט מײַנע המצאָות. איך פֿיל מיך אין דער היים, אין ירושלים, צו גוט, איך זאָל זיך װעלן רירן פֿון דאָרט, און אשרי יושבי ביתך שטייט אין דאַװענען, און אַז אַ ייִד איז בקי אין אשרי — איז דאָך אַ שם־דבר. אָבער פֿאַראַן כּמה ייִדן אין כּמה לענדער, װאָס האָבן געהאַלטן, אַז איך דאַרף זען און הערן, װאָס טוט זיך אין דעם אָדער יענעם גלות און דאָרט זיצן אַ שטיקל צײַט, און אגב־אורחא, אָדער בכּיוון, האַלטן אַ לעקציע, קנעלן

אַ שיעור, לאָזן פֿאַלן אַ וואָרט, און אויב איך טו זיי צוליב, איז עס נאָך אַ ראַנגלעניש מיט זיי, וואָס איז בלויז אַן אָפּענער המשך פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם ראַנגלעניש מיט זיך אַליין. בלויז איינמאָל האָב איך מיך גופא געריסן צו אַ נסיעה, ווען איך בין, מיט פּופציק יאָר צוריק, געפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד, און מיטביידע נאָזלעכער דערשמעקט, וואָס עלטערע און קלוגערע און דער־פֿאַרענערע פֿון מיר האָבן אַפֿילו מיט דער שפּיץ נאָז נישט דערשנאַפּט, דהיינו, אַז איבער דער ווײַמאַר־רעפּובליק הויערט אַ שוואַרצער וואָלקן, וואָס וועט זי דערשטיקן אין זיך, ווי אַ מגפה, אויסשפּרייטן איבער אייראָפּע און חרוב ונחרב מאַכן אונדזער פֿאָלק, אויב עס וועט נישט אַנטלויפֿן, כּדי זיך באַ־צײַטנס אַרויסצוראַטעווען. אָבער דעמלט האָבן בלויז אַ קלײנער טייל יונג־וואַרג, קוים עטלעכע הונדערט ייִנגלעך און מיידלעך, דערשפּירט די סכּנה, און זענען אַנטלאָפֿן, געטריבן פֿון אַ טאָפּעלעם כּוח: דער כּוח הדוחה פֿון דער פּרעמד און דער כּוח המושך פֿון דער היים. איך האָלט עס פֿאַר איינע פֿון די פֿולסטע, פּרוכטיקסטע און געבענטשטסטע שעהען פֿון מײַן לעבן, וואָס איך בין מיט די ייִנגלעך און מיידלעך געזעסן אין זייערע הכשרה־פּונקטן, אין גיטער און אין דערפֿער, אין בראַנדענבורג און וועסטפֿאַלען, זיי אָוונטס, נאָך דער שווערער אַרבעט זייערער, אײַנגעפּלאַנצט ליבשאַפֿט און קענטשאַפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק און לאַנד און שפּראַך, און מיט אַ קאָרג יאָר שפּעטער, צוריקגעפֿאָרן אין אַ שיף, וואָס איז געווען פֿול חלוצים און חלוצות פֿון דײַטשלאַנד און ליטע, וואָס האָבן שפּעטער אויפֿגעבויט דעם קיבוץ גבעת ברנר [= ברענער] לעבן רחובות, און נאָך דער שיף זענען געקומען נאָך שיפֿן, פֿינף יאָר איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

ג) אָבער צו די ווײַטערדיקע נסיעות מײַנע האָט מען מיך געמוזט צורעדן, און אויב איך בין דאַרויף אײַנגעגאַנגען, איז עס געשען, ווײַל איך האָב געוואָלט גלייבן, אַז יענער נס, משפּיע צו זײַן אויף יונגוואַרג, זיי זאָלן זיך אויפֿהייבן און פֿאָרן אין אונדזער לאַנד און זיך אין אים באַזעצן, וועט זיך איבערחזרן, בפֿרט אַז איך האָב אויך, אין מײַנע שפּעטערע נסיעות, מיט צען יאָר צוריק קיין ענגלאַנד, מיט זיבן יאָר צוריק קיין דרום־ און צפֿון־אַמעריקע און קאַנאַדע, געהאַט אַן ענלעך געפֿיל פֿון ערב־קאַטאַסטראָפֿע, פֿון ערב־חורבן, וואָס צווינגט אויף אַן אַכזריותדיקן באַצייכן: דאָס קאַלטע מאַידאַנעק, וואָס אירע פֿאַרלענדערס זענען נישט מער מזרע עמלק, אָבער פֿאַרלענדן אויך ביז גאָר — דאָס איז בעיקר די דעקאָלעקטיוויזאַציע פֿון ייִדן אין רוב גלות־לענדער, מיטן ראַפּידן פֿאַרשווונד און פֿאַרשמאָל פֿון די

קאַמפּאַקטע יִשובים און קוואַרטאַלן אין די גרויסע און גרעסערע שטעט, וואָס ברענגט צו אַן אַטאָמיזאַציע פון די ייִדן־מאַסן, וועלכע ווערט נאָך געשטאַרקט דורכן אויסשפּרייט פון אַקאַדעמישע באַרופן און אויספּעל פון נײַע און גרויסע עמיגראַציע־כוואַליעס, וואָס האָבן אַ ייִדישן כאַראַקטער, מסורה, שטייגער; און דער אונטערגאַנג פון די היימישע שפּראַכן, דערהויפּט ייִדיש, וואָס פירט צו דער אויבער־ און אַליין־הערשאַפט פון דער פרעמדער שפּראַך, אַזוי אַז רוב ייִדן אין גלות רעדן הײַנט ענגליש אָדער רוסיש (אַ קלענערער טייל אויך פראַנצויזיש אָדער שפּאַניש), און אויב זיידע־באָבע רעדן נאָך ייִדיש, טוען עס נישט לרוב טאַטע־מאַמע, לאָ־כל־שכּן די אייניקלעך, חוץ קליינע אינדזעלעך, וואָס אויך אויף זיי לאָקערט די שפּראַך־אַסימילאַציע, און ווי ווײַט זי האָט שוין דערגרייכט, זע איך, אויף שריט און טריט, דאָ ווו איך ווױן איצט, אין גאָלדערס־גרין, און ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ היפּשער ייִדישער, אַפילו ייִדישלעכער, יִשוב. ואחרון־אחרון די גרעסטע מכּה — די געמישטע חתונות, וואָס פרעסן אויף דאָס פאָלק, בפרט אַז זייער פּראָצענט האַלט זיך אין איין הייבן, אַז עס נעמט אַזש אָן אַ גרויל. און דאָס אַלץ איז, בעצם, דער עיקר־חשבון, וואָס אַלע ווייסן און וואָס מיר מוזן שטענדיק האַלטן פאַר די אויגן, עס זאָל אונדז נישט געבן קיין רו, און צו אַזאַ אייביקן אומרו זענען פּסוּק בעיקר יונגע, אויפגעוועקטע מענטשן, און דערפאַר זענען זיי אויך דער געזוכטסטער אַדרעס.

ד) איך שטרײַך דאָס אונטער, ווײַל אין משׂא־ומתּן מיט מײַנע כּל־ערליי פאַרבעטערס, וואָס פלעגט זיך מחמת מײַנע קווענקלענישן לאַנג ציִען, האָט זיך גערעדט וועגן כּך וכך רעפעראַטן און שמועסן פון קולטור־כאַראַקטער, און בעיקר וועגן אונדזער ליטעראַטור, און ענלעך איז עס צוגעגאַנגען מיט מײַנע איצטיקע פאַרבעטערס, אביך מורך ר׳ אלעזר באַר און ר׳ ישׂראל חיים קלינגער, און פאַראַן אַ רעכטער טעם דערצו — אַזוי־ווי איך האָב אַ לעבן אָפּגעהאָרעוועט אין ענינים פון אונדזערע שפּראַכן און ליטעראַטורן ווי אַ שרײַבער, אַ פאָרשער, אַ לערער, איז נישט קיין חידוש, אַז איך ווער געבעטן און אויפגעפאָדערט צו רעדן דערוועגן, און איך טו עס אויך גערן, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז אַרויספאָרנדיק פון דער היים טו איך מיר אָן דעם טיזליק פון אַ שפּראַך־ און ליטעראַטור־אינטערעסענט, און דאָס אַלץ איבעריקע אין מיר, דעם גאַנצן ייִדן, פון וועלכן דער שרײַבער, פאָרשער, לערער שפּײַזט זיך, פאַרשליס איך בײַ זיך אין שטוב, און נעם אים נישט מיט. אדרבה, ווו איך גיי און קום, גייט און קומט דער גאַנצער ייִד אין מיר

מיט, אַזוי אַז הינטער מײַן דרײַ־יִיק פֿאַך אָטעמט דער גאַנצער רמ״ח, און ממילא איז דער תּכלית מײַנער, כּדרך־הטבע ברייטער און, כּמידת־היכולת, טיפֿער פֿון דעם אָפֿיציעלן פּראָגראַם, צוליב וועלכן איך בין כּביכול געקומען צו פֿאָרן, און איך מיין אַז אויך מײַנע פֿאַרבעטערס האָבן זיך צו דעם עודף מתכּוון געווען. אַזוי־ווי איך האָב דעם רוב לעקציעס מײַנע אין ביידע אַמעריקעס אָפּגעדרוקט אין מײַן בוך „היימישע כּתבים״, לאָזט זיך דאָרט, קליפּ און קלאָר, פֿעסטשטעלן, אַז איך האָב מיך אַזוי נוהג געווען, און אויך איצט, אין ענגלאַנד, איז דאָס געווען מײַן עיקר־כּוונה. נישט, אַז איך האָב, חלילה, נישט געהאַלטן מײַן הבטחה; אדרבא, איך האָב בפּירוש געדענקט דעם זאָג פֿון רבי עקיבא: יותר משהעגל רוצה לינוק, הפּרה רוצה להיניק, טײַטש: מער ווי דאָס קעלבל וויל זייגן, וויל די קו צו זייגן געבן. אויך דאָס איז חל אויף מײַן באַגעגעניש מיטן ייִנגערן דור, ווו דער פֿאַרגלײַך האָט מער האַפּט.

ה) אַוודאי האָב איך הנאה געהאַט, אַז איך האָב געקאָנט רעדן הי וועגן שלום עליכם פֿאַר אַן עולם אין האָטעל קאָראַ, און וועגן פּראָבלעם פֿון ייִדישן הומאָר פֿאַר אַן עולם אין הויז פֿון אײַערע עלטערן און וועגן אורי צבי גרינבערג אין הויז פֿון ד״ר זאַקס, אָבער די אמתע הנאה האָב איך געהאַט בײַם אינטימען צוזאַמענקום פֿון דער יוגנט־גרופּע. ווײַל די עלטערע ייִדן, לרוב שוין אין מײַן עלטער, אויף וויפֿל זייער ביאָגראַפֿיע פֿאַרמאָגט רעוואָלטירנדיקן אויפֿברויז און אויפֿטו, האָבן זיי אים שוין הינטער זיך, בשעת דער ייִנגערער דור האָט סײַ דעם רעוואָלטירנדיקן אויפֿברויז סײַ דעם אויפֿטו פֿאַר זיך. נאָך עפּעס, דער עלטערער דור איז צו פֿיל סטאַטיש און צו ווייניק דינאַמיש ער זאָל באמת פֿאַרשטיין, אַז אַ סך אַלטע מחלוקתן, פֿון וועלכע זיי האָבן זיך געשפּײַזט און וועלכע האָבן זיי אויפֿגעטיילט אין זיך באַקעמפֿנדיקע אָדער קאָנקורירנדיקע מחנות, געהערן צום נעכטיקן, און אַפֿילו אייער־נעכטיקן, אַרסענאַל, און אַז דער הײַנט פֿאָדערט אַ נײַעם קאָן. אויב זיך באַגרענעצן אויף איינע פֿון די פֿיל מחלוקתן, וואָס האָבן געשפּאָלטן דעם פֿריִערדיקן דור, דעם אַזוי גערופֿענעם שפּראַכן־קאַמף (העברעיִש — ייִדיש), וואָס האָט זיך בײַ אײַך לאַנג פֿאַרענדיקט, נאָכדעם ווי נישט ייִדיש און נישט העברעיִש נאָר ענגליש האָט אויסגעפּירט, דאַכט זיך מיר, אַז דער עלטערער דור, וואָס האָט די מחלוקת אַקטיוו מיטגעמאַכט, ווערט אפשר נישט האָבן קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער זאַך, וואָס איך פּראָפּאַגיר זײַט כּמה יאָרן: אַ בשותּפֿותדיקער פֿראָנט פֿון אונדזערע אייגענע, היימישע

שפראַכן קעגן דער אויבערהערשאַפט, לאַ־כּל־שכּן אַליינהערשאַפט, פון די פרעמדע שפּראַכן. אַוודאי אויב עלטערע, סײַ די וואָס פאַרבאַריקאַדירן זיך הינטער דעם ברית עברית עולמית וכדומה, סײַ די וואָס פאַרבאַריקאַדירן זיך הינטער דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס וכדומה, וועלן עס טאָן, איז תּבוא עליהם ברכה, אָבער זאָל מיר דערלויבט זײַן אַרויסצוזאָגן דאָס אפּיקורסות, אַז ווי ווייניק די דאָזיקע ריצאַרעס פון דער צווײי־פּראָנטיקער שפּראַכן־מלחמה זאָלן נישט זײַן, ווילן זיי זיך, יעדער אין זײַן רעמל, אויסלעבן זייערע הונדערט־און־צוואַנציק יאָר, און ממילא זענען די באַטירלעכסטע קאַנדידאַטן פאַר אַ געאייניקטן פראָנט דער ייִנגער דור. און דער דור פון יונגע מיינט, קודם־כּל, באַוועגונג, וואָס ראַלט אויף אַלע אונדזערע קשיות, און די שפּראַכן־קשיא צווישן זיי, און איז נישט פּאָכאָפּנע צו שטעלן דעם וואָגן פאַר די פערד, און לאָזט נישט איר ברען און עלאַן אַזוי גיך אײַנפרירן אין אָרגאַניזאַציעס, קאָנגרעסן, ביוראָליסטישן הו־האַ מיט עסקנים, פונקציאָנאַרן, נאָר אַרבעט שטיל, באַשיידן, אָבער מיט התמדה, קודם־כּל אויף זיך אַליין, און ערשט שפּעטער, ווען עס צײַטיקט זיך אויס אַ פּיאָנערישער קאַדער, נעמט דער קוואַל קלערן צו ווערן אַ טײַך. דאָ איז חשוב דער יחיד, יעדער יחיד, און מען האָט שוין געזען, אַז מיט אַ מנין אַזעלכע יחידים, לאָזט זיך אַ וועלט איבערקערן.

איך זאָג: אַ וועלט איבערקערן, ווײַל דערינען גייט עס, און דער ענין שפּראַך איז בלויז אַ פּראַגמענט פון דעם גרויסן קאָמפּלעקס פון ייִדישן גורל, ייִדישער געשיכטע, ייִדישער ווערקלעכקייט און דאָס אחריות פון יונגן דור פאַר זיי און לגבי זיי.

ו) דאָס זענען בלויז רמזים, און מיר ווילן האָפן, אַז עס וועט זײַן אַ המשך, סײַ בכתב סײַ בעל־פּה, כּדי זיך און אַנדערע אויפצורודערן, ווײַל בלויז אַ גרויסער אומרו האָט איצט סײַ אַ היסטאָרישן סײַ אַן אַקטועלן באַטײַט. מיט די האַרציקסטע גרוסן אַלע חברים און חברות, וואָס זענען שוין אין דער גרופּע און די אַלע וואָס וועלן בקרוב צו איר זיך אָנשליסן.

[י׳ חשון תשל״ח]

פילשפּראַכיקייט ביַי ייִדן

אַריַינפיר־וואָרט ביַים קאָלאָק אין דער סאָרבאָן

א

צוויי גרויסע באַזונדערקייטן, וואָס צייכענען, כּידוע, אויס דאָס ייִדישע פאָלק, ווי עס איז באַשטאַנען און ווי עס באַשטייט, אין אַ גאָר גרויסער, כּמעט מאַקסימאַלער מאָס, האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויך אויף דעם פּראָבלעם, דעם שפּראַכן־פּראָבלעם, וואָס מיר פּרוּוון איצט, אין עטלעכע כּלל־שטריכן, אויף וויפל עס לאָזט זיך, ווי אַם קורצסטן, באַרירן.

די איינע באַזונדערקייט איז די אידענטישקייט צווישן דעם דאָזיקן פאָלק און זיַין רעליגיע, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט געהערן צו דעם פאָלק, נישט אָנגעהערנדיק דער דאָזיקער רעליגיע, פּונקט ווי מען האָט נישט געקענט אַריַינגעהערן אין דער רעליגיע, נישט אָנגעהערנדיק דעם דאָזיקן פאָלק; און אויב אין די לעצטע דורות האָט פאַר אַן אַלץ גרעסערן טייל פון פאָלק, וואָס עס האָבן אַרומגענומען די ייִדישע נאַציאָנאַלע, וועלט־לעך־אָריענטירטע באַוועגונגען, די אידענטישקייט אויפגעהערט צו זיַין אַ לעבעדיקער ממש, וויַיל זיי האָבן זי מער נישט מקיים געווען, האָבן זיי אָבער אויך נישט געקענט משנה זיַין דאָס, וואָס און ווי עס איז געווען, און ווי עס איז נאָך אין אַ גרויסער מאָס עד היום, און וועט נאָך מסתּמא וויַיטער זיַין, בפרט אַז קיינער ווייסט נישט, וועמענס מאָרגן עס איז.

נאָך־מער, די ייִדיש־נאַציאָנאַלע, וועלטלעך־געריכטעטע, באַוועגונגען, אין כּלערליי פאָרמעס זייערע, באַטראַכטנדיק זיך ווי יורשים און ממשיכים פון דעם דאָזיקן פאָלק, שטעלן זיך ממילא אויפן באָדן פון דער ייִדישער געשיכטע, וועלכע איז געווען ווי זי איז געווען, און זי לאָזט זיך אַזוי אָדער אַזוי אויסטיַיטשן, ניַיערט נישט איבערפּרעפאַרירן; אָבער נאָך דעם, ווי די אַלע שינויים אין ייִדישן לעבן, וואָס זענען ניכּר אין די דאָזיקע באַוועגונגען, האָבן גורם געווען, אַז אין זייער רעם, לאָזט זיך וועגן דער אידענטישקייט, ווי אַ דרך חיים, נישט מער רעדן פּאָזיטיוו, רעדט זיך, אין אַ מין שטילער הסכּמה, דערוועגן נעגאַטיוו: מען קען נישט געהערן דעם פאָלק, אָנגע־

הערנדיק אַן אַנדערער רעליגיע, אַזוי אַז, לעת־עתּה, געהערן די דיבורים: ייִד לויט נאַציע; קריסט, בודיסט וכדומה, לויט רעליגיע, צו די, צו מאָל ערנצטע צו מאָל קאָמישע, קוריאָזן.

די אַנדערע באַזונדערקייט איז די מאָביליטעט פֿונעם פֿאָלק, וואָס נאָכן פֿאַרליר פֿון זײַן לאַנד, און ווײַזט אויס נאָך פֿריִער, וואַנדערט עס צווישן לענדער און פֿעלקער, בעיקר די, וואָס האָבן איבערגענומען רעליגיעס, וועלכע זענען, מער אָדער ווייניקער, פֿון זײַן רעליגיע אַרויסגעוואַקסן; האַלט זיך און ווערט געהאַלטן פֿאַר אַ באַזונדער פֿאָלק, וואָס נישט בלויז דער ווײַטער, פֿון טאָג צו טאָג אַלץ ווײַטער־ווערנדיקער עבֿר, נאָר אויך דער ווײַטער, אָבער פֿון טאָג צו טאָג אַלץ נענטער־געהאָפֿטער עתיד, זענען אַ מין זיך צוריקקניפּנדיקער רינג, ווי עס הייסט אין דער קדושה: אחרית כּראשית, און דאָס האָט נישט דערלאָזט צו קיין שייכות פֿון אייגנקייט און באַשטאַנדיקייט לגבי דעם פֿאָלק און לאַנד, ווו זיי האָבן זיך געוואָלט, גע־קאָנט אָדער געמוזט, אויף אַ קירצערער אָדער לענגערער צײַט, באַזעצן. מיר באַנוצן לשון עבֿר: האָבן נישט דערלאָזט, כּדי נישט צו פֿאַרגעסן, אַז חוץ די רובֿ דורות דויערנדיקע טענדענציעס פֿון די ייִדן צו בלײַבן ייִדן, ווי אַ פֿאָלק און אַ רעליגיע, און, מתּוך כּך און לשמו כּך, אָפּהיטן זײַן באַ־זונדערקייט, צו וואָס עס האָט אויך צוגעהאָלפֿן דער באַצי פֿון דער הערשנ־דיקער סבֿיבֿה צו זיי, ווי צו אַ טאָלערירטער מינדערגראַדיקער אָדער מינ־דערווערטיקער גרופּע, וועלכע מען קען פֿאַרלענדן אָדער אַרויסטרײַבן, וואָס מען האָט אויך געטאָן, זענען אויך געווען און אויך דאָ, אין די לעצטע פּאָר דורות, קירצער דויערנדיקע טענדענציעס צו שפּרענגען אָדער, לפּחות, לויזער צו מאַכן איינע פֿון ביידע, אָבער אַפֿילו ביידע, באַזונדערקייטן — וואָס שייך דעם אויפֿרײַס פֿון דער אידענטישקייט האָט ער געבוירן דעם צוויטער: אַ ייִד לויט רעליגיע און אַ דײַטש, אַ פֿראַנצויז, אַן ענגלענדער, אַ רוס לויטן פֿאָלק, ווי עס איז פֿירגעקומען אין מערבֿ־אייראָפּע ווו עס האָט געוווינט אַ מיעוט ייִדן, און זיך געפּרוּווט אויסשפּרייטן קיין מזרח־אייראָפּע, ווו עס האָבן געוווינט דער רובֿ ייִדן, און דאָ איז די טענדענציע פֿאַרהאַלטן געוואָרן, ווײַל דער המון בית ישׂראל איז איר נישט נאָכגע־גאַנגען, נישט דער חסידישער און נישט דער מתנגדישער און אויך נישט דער משׂכּילישער סעקטאָר, אַזוי אַז יענע אידענטישקייט און אירע עיקר־עלעמענטן, און איינע פֿון זיי איז די אייגענע שפּראַך, וואָס פֿאַרזיכערט אויף דעם אייגענעם שטייגער, האָט, מיט אַלע שינויים, ווײַטער אָנגעהאַלטן.

וואָס שייך אָבער דעם ביטול פון דער מאָביליטעט — האָבן מיר צו טאָן מיט אַ דיאַלעקטישער סתירה: די נאַציאָנאַל־ייִדישע באַוועגונג, וואָס איר מאָדערנע אידעאָלאָגיע איז אויפגעקומען אין מערב־אייראָפּע — סײַ אין איר אומבאַוווסטער פאָרעם (הײַנע), סײַ אין איר פאַר־באַוווסטער פאָרעם (גבריאל ריסער), סײַ אין איר באַוווסטער פאָרעם (משה העס), איז אָבער געוואָרן אַ ממש אין מזרח־אייראָפּע, פון איר ווערקלעכקייט אַרויס און אין איר ווערקלעכקייט אַרײַן, און כאָטש זי האָט זיך שפּעטער אויפגעטיילט אויף צוויי פּראָגראַמאַטיש קעגנזעצלעכע און זיך באַקעמפנדיקע פּראָנטן — פון איין זײַט דער ציוניסטישער און זײַן מאָדולאַציע: דער טעריטאָריאַליס־טישער פּראָנט, וואָס האָט זײַן וועג געזען אין דער רעסטיטוציע פון דער ייִדישער היסטאָרישער היים, (אָדער: קאָנסטיטוציע פון אַ שפּאָגל נײַער היים), משמע אַ לעצטע מאָביליטעט, כּדי זי צו ליקווידירן, און באַפרײַען דאָס פאָלק פון זײַן עקסטעריטאָריאַליטעט, וואָס איז באַטראַכט געוווען ווי דער מקור פון די ייִדישע צרות; דער נאַציאָנאַלער נישט־ציוניסטישער (און נישט טעריטאָריאַליסטישער) פּראָנט (בונדיזם, סיימיזם, פאָלקיזם), וואָס האָט אין גײַסט פון זייער היסטאָרישער אָריענטאַציע, געשטיצט אויף דער תּפיסה פון וואַנדערנדיקע קולטור־צענטערן, וואָס דער לעצטער און גרעס־טער פון זיי איז געווען אין מזרח־אייראָפּע, געהאַלטן די סטאַביליטעט פון דאָזיקן צענטער פאַר אַ באַזע פון אַ שלימותדיקן ייִדישן קיום, וואָס וועט אין די געהאָפטע פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע, אויב נישט סאָציאַליסטישע, סיסטעמען, דערגרייכן דעם רעכטלעכן, מלוכיש־אָנערקאַנטן און געשטיצטן, מעמד פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער קולטור־גרופּע, וואָס וועט ווײַטער פרײַ און פול שפּינען דעם פאָדעם פון לעבן און געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, אָדער גענויער: פון רוב ייִדישן פאָלק.

כּדי צו פאַרקירצן די דעפיניציעס פון די צוויי קאָנטראַרע פּראָנטן, וועלן מיר, די ערשטע, לויט איר עיקר־ריכטונג, אָנרופן: דאָרטיזם און די אַנדערע, לויט איר עיקר־ריכטונג, אָנרופן דאָיזם. און דווקא אין ליכט פון דעם שאַרפן, דיאַמעטראַלן קעגנשטעל, האָבן ביידע אַרויסגעוויזן גרויסע אומ־קאָנסעקווענצן, וואָס ווערן נישט קלענער, אויך ווען מען באַטראַכט זיי ווי קאָרעקטעס, וואָס דאָס לעבן האָט אָנגעוואָרפן דעם פּראָגראַם, און אַפילו גורם געווען, אַז דער פּראָגראַם זאָל זיך מיט זיי רעכענען און זיי ווי אַ טייל פון זיך אַרײַנרעכענען. אַזוי איז דער דאָרטיזם אײַנגעגאַנגען אויף דער אַזוי גערופענער לאַנדעס־פּאָליטיק, וועלכע האָט, פון צײַט צו צײַט,

אַזוי פאַרשלונגען די כּוחות פון די גרויסע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געקעמפט צו דערגרייכן אַ השפּעה אין די קהילות, שטאָטראַטן, פּאַרלאַמענטן, אַז דאָס וואָס האָט געהאַט אַ ממשדיקע שייכות מיטן דאָרט, מיט ציון, איז געוואָרן ווי אַ בײַזאַך. דער דאָזיקער ווײַטער, האָט נישט בלויז נישט פאַרהאַלטן, נאָר אויך געשטיצט די מאָביליטעט, אין געשטאַלט פון די עמיגראַציעס, בעיקר אין די אַמעריקעס, דאָרט געשאַפן אַ המשך פון אירע גרופּירונגען (דערהויפּט פון „בונד״), נישט זײַענדיק גאַנץ קלאָר, צי די דאָרט־געגעבענע כּלל־באַדינגען וועלן אויסצײַטיקן אַ באַשטאַנדיקן נאַציאָנאַלן קולטור־קיום לויט די, אין מזרח־אייראָפּע, אָנגענומענע היסטאָרישע און אַקטואַלע־פּראָגראַמאַטישע יסודות (נוסח דובנאָוו און זײַנע מיטגייערס און נאָכגייערס), אָבער כּמעט ווי פּאַר זיכער אָנגענומען, אַז עס גייט דאָ אין אויפבוי פון אַ קאָלאָניע, וואָס וועט בלײַבן כּמעט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער מעטראָפּאָליע („די אַלטע היים״), און פון דאָרט ציִען אַ באַטײַטיקן טייל פון איר חיות, בפרט אַז די ייִנגערע עמיגראַציע־כוואַליעס וועלן דאָ ממילא פאַרהעלפן.

ב

נאָך דעם ווי מיר האָבן דערקלערט די גורמים, אויף וועלכע עס פּאַסט זיך לשון עבר, ווילן מיר דערקלערן די גורמים, וואָס אויף זיי איז חל לשון הווה: דערלאָזן נישט. און דאָס זענען בעיקר צוויי בעלי־בתּים, וואָס די ייִדן וואָלטן זייער געוואָלט, אָבער נישט געקאָנט און נישט געטאָרט מאַכן דעם חשבון אָן זיי, — איינער איז אַ דרויסנדיקער גורם און איינער איז אַן אינעווייניקסטער גורם. וואָס שייך דעם דרויסנדיקן גורם — איז זײַן עיקר עובדה, וואָס פירט צו דער ליקווידאַציע פון ייִדישע לעבנסצענטערן, ווי קאָמפּאַקט און שטאַרק זיי זאָלן נישט זײַן, און ווי סטאַביל זיי זאָלן זיך נישט אַרויסווײַזן, און נישט אומזיסט איז דאָ אַנטשטאַנען די שאַרפע מחלוקה צווישן שמעון דובנאָוו און זײַן תּלמיד, בן־ציון דינור, און גענוג אויסצורעכענען די בלוטיקע סטאַציעס פון גזירות תּתנ״ו, דעם שוואַרצן טויט, גזירות חמי״ל, די קייט פון פּאָגראָמען, פון סופות בנגב ביז שחיטות אוקראַינע, ואחרון אחרון אָרור, וואָס האָט אָפּגעווישט אונדזערע ייִשובים אין אייראָפּע, פאַרלענדנדיק זיי מיט די שוידערלעכסטע אכזריותן, אַז מען זאָל פאַרשטיין, וואָס פּאַר אַ מסוכנער, כראָניש, מיט אַ מין חורבן־פּראָגרעסיע, זיך איבערחזרנדיקער בעל־בית דאָס איז.

דער אַנדערער גורם איז אַן אינעווייניקסטער — אין די קלענערע אָדער גרעסערע אינטערוואַלן, וועלכע דערלאָזן אַ קאָנצענטרירט און קאָמאַסירט יידיש לעבן — קהילות, יישובים, שטעט און שטעטלעך, שטאָט־טיילן אָדער קוואַרטאַלן, — וואָס היט אָפּ זיין אייגנאַרט, אויפהאַלטנדיק אַ ציבור, וואָס, כאָטש ער קען זיך נישט גאַנץ אָפּשליסן אויף אויסנווייניק, וויל ער זיך גענוג אָפּשליסן אויף אינעווייניק, — צי ווי עס איז צוגעגאַנגען פאַר דער עמאַנציפּאַציע, („שולחן ערוך"), צי ווי עס איז צוגעגאַנגען אָדער באַדאַרפט צוגיין לויט דער עמאַנציפּאַציע (יל"גס „היה אָדם בצאתך ויהודי באהלך"), צי ווי עס גייט לרוב צו נאָך דער עמאַנציפּאַציע אָדער איר פאַרזאָג (אחד העמס איבערפאַרמולאַציע פון ילג"ס זאָג), איינס פון די גרויסע קשיות אין דעם קאָמפּלעקס איז דער ענין שפּראַך און שפּראַכן, אַנדערש געזאָגט: דער ענין פילשפּראַכיקייט פון יידן, ביי יידן, צווישן יידן.

ווי אַרום האָט דער ענין פאַרהאַלפן אָדער געשטערט דער כוונה און בעיקר דעם פאַקטום די יידן צו דערהאַלטן ווי יידן, ווי אַ ציבור, אַ כלל, אַ פאָלק פאַר זיך; ווי אַרום איז דער ענין ביי־געשטאַנען אָדער געהאַמעוועט, אָדער אַפילו בטל געמאַכט די כוונה און בעיקר דאָס פאַקטום, צו דערהאַלטן די סטאַביליטעט פון זיין אייגנקייט און אירע יסודות אין דער סאַמע מאָביליטעט פון זיין גורל און זיינע גלגולים — איז, בעצם, אונדזער איצטיקע קשיא.

ג

כדי אויף דער קשיא צו ענטפערן, בעט זיך קודם־כל צו געדענקען, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט צוויי סאָרטן שפּראַכן: איין סאָרט, וואָס ווערט באַ־טראַכט פאַר אַ נאָרמאַלן, ווייל ער איז בשותּפותדיק די איבעריקע פעלקער, צווישן וועלכע יידן געלעבט און לעבן — עס איז די אייגענע שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק געדענקט נישט ווען זי איז צו אים געקומען, ווייל זי איז לרוב פרימאַרער פון אים; דער אַנדערער, וואָס דאָס פאָלק געדענקט, ווען עס איז צו אים געקומען; און וואָס שייך דאָס יידישע פאָלק געדענקט עס בערך די דאַטע, פּשוט ווייל עס איז געשען אין מיטן זיין באַוווסטער און באַוווסטזיניקער געשיכטע, פּונקט ווי עס געדענקט בערך די סטאַציע, פּשוט ווייל עס איז געבונדן מיטן גאַנג פון זיין וואַנדער־און־וואָגל. און אויך דער אַנדערער סאָרט צעפאַלט זיך אין צוויי קאַטעגאָריעס: צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערט, בעצם, אַ פרעמדע שפּראַך, משמע אַ שפּראַך פון אַן אַנדער פאָלק, און בעיקר אַזעלכע, וואָס איז געווען אָדער געוואָרן אַ שפּראַך

פון אַ גרויסן אימפּעריאַלן קולטור־קרײַז; צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהער אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס איז, אין אַן אינטערעסאַנטן פּראָצעס פון פאַראייגענונג, געוואָרן אַ היימישע שפּראַך, אַ שפּראַך פון ייִדן צווישן זיך, וואָס איז אַזוי ווײַט געוואָרן ייִדיש, אַז זי איז מסוגל געווען אָוועקצוגיין מיט אירע באַנוצערס חוץ דעם לאַנד, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, און איז דאָרט, און צומאָל ערשט דאָרט, געוואָרן אי אויטאָנאָמער אי אויטענטישער, אַ שפּראַך מיט איר אייגענעם אַנטוויקל, וואָס האָט זיך נישט בלויז אינטע־גרירט מיט דער געשיכטע, אינטענציע, און כאַראַקטער פון זײַנע רעדערס און שרײַבערס, נאָר האָט זיי אויך אינטענסיווירט.

ווען לײַדיק פּרעציזירן די דאָזיקע צוויי־סאָרטיקייט, וואָס האָט זיך אַרויס־געשטעלט ווי אַ דרײַ־פאַלטיקייט, מוזן מיר אָפּשטיין פון אַ פולער דעטאַלי־זאַציע, ווײַל מיר זענען, פּשוט, עלול זיך אין דעם גרויסן מאַטעריאַל צו פאַרלירן, און מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט אַ טיפּיזאַציע. וואָס שייך דעם ערשטן סאָרט, איז עס אַ לײַכטע מלאָכה — מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איין איינציקער שפּראַך, לשון קודש אָדער לשון עברי, די ערשטע און אייביקע שפּראַך פון פאָלק, וואָס האָט אַ מאָל דערפילט אַלע זײַנע אויסדרוק־באַדער־פענישן, ווען עס איז געזעסן אין זײַן אייגן לאַנד, און דערפילט איצט אַלע זײַנע אויסדרוק־באַדערפענישן, ווען עס זיצט ווידער אין זײַן אייגן לאַנד, איז אָבער אויך אָפּגעהיטן און קולטיווירט געוואָרן אויף דעם גאַנצן וואַנדער־און וואָגל־שליאַך און זײַנע עיקר־שטעגן; אין איר האָט אויך דאָס פאָלק געשאַפן דעם רוב ליטעראַטור זײַנע, אין איר האָט אויך דאָס פאָלק, סײַ בצי־בור סײַ ביחידות, געדאַוונט, געלערנט, געפרשנט און געדרשנט, געפּאָעטי־זירט און געפילאָסאָפירט, און וואָס עס איז דער עיקר, זי איז די איינציקע וואָס דאָס גאַנצע פאָלק, אין אַלע לענדער און אין אַלע צײַטן, האָט זי אָנערקענט ווי זײַן שפּראַך, און טוט עס, בעצם, אויך הײַנט. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף מבחין זײַן צווישן די טיילן וואָס טוען עס מער פּאַסיוו, ווי עס געשעט בײַם הײַנטיקן שפּראַך־שטאַנד אין גלות — אָדער ווי מען פאַרצור־קערט עס איצט: אין די תפוצות — און דעם טייל, וואָס טוט עס מער אַקטיוו, ווי עס געשעט בײַם הײַנטיקן שפּראַך־שטאַנד בעיקר אין מדינת־ישראל.

ווי אַרום דאָס איז צוגעגאַנגען — איז אָפּן פאַר עטלעכע פּירושים. מיר וועלן דערמאָנען צוויי קאָנטראַרע פּרוּוון, פון צוויי פּראָמינענטע, רע־פּרעזענטאַטיווע שרײַבערס. דער ערשטער, ח. נ. ביאַליק, האָט אָפּערירט נישט מיט קיין סיבּהדיקער, קאַוזאַלער, נאָר דווקא מיט אַ תּכליתדיקער,

פינאַלער הנחה, אַז אַ מין פּראָגנאָסטישער יצר־הקיום פון פאָלק האָט געלאָזט לשון עברי בלויז פאַר די בשותּפותדיקע באַדערפעניש פונעם גאַנצן צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק, אין אַלע ערטער און אין אַלע צײַטן, וואָס האָט זי באַפרײַט פון צו זײַן אַ שמועסשפּראַך, וואָס איז, בעיקר פאַר אַ פאָלק אין דער פרעמד, אייגנטלעך: אין די פרעמדן, אויסגעזעצט די אַרומיקע שפּראַכ־לעכע השפּעות; דען וואָלט לשון עברי געווען אַ פולקום לעבעדיקע שפּראַך פון און פאַר אַלע לעבנס־באַדערפענישן, וואָלט זי, בלויז אין אייראָפּע, צעפאַלן אין דרײַ מיני לשון עברי — אַ ראָמאַנישער, אַ גערמאַנישער, אַ סלאַווישער. די אויפגאַב צו דינען אַלע לעבנס־באַדערפענישן האָבן אויף זיך גענומען די אַלע מיני ייִדיש, וואָס וואָלטן, אליבא דביאַליק, אין אייראָפּע באַדאַרפט צו צעפאַלן אין דרײַ גרונט־גרופּן, אָבער באמת זענען עס צוויי ראָמאַנישע מיני ייִדיש: פּראָוואַנסאַליש, וואָס האָט זיך, ווײַזט אויס, ווייניק־קער פאַראייגנט, און לאַדינאָ, וואָס האָט זיך, בפירוש, מער פאַראייגנט; איין סלאַווישער — טשעכיש אָדער לאַוזיציש („לשון כנען") וואָס מיר ווייסן דערוועגן צו ווייניק, אַז מיר זאָלן מעגן באַשליסן, אַז עס איז מער ווי אַן אָנזאָג אויף אַ מין ייִדיש; און איין גערמאַנישער — דאָס אַשכּנזישע ייִדיש, וואָס איז געוואָרן דער וויטאַלסטער און פאַרביקסטער ייִדיש, גענוג פרי אויך ווי אַ ליטעראַטור־שפּראַך, אָבער בעיקר ווי אַ שמועס־שפּראַך, וואָס איר אומגעוויינטלעכע רײַכקייט, איז, ערשט אין די לעצטע דורות, אַרײַן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור אירער, און האָט זיך, נאָך ווײַט, נישט דערזאָגט. פון די איבעריקע אייראָפּעיִשע מיני ייִדיש — האָט זיך אויך דערהאַלטן לאַדינאָ, אָבער ווי אַ ליטעראַטור, בעיקר אַ מאָדערנערע, פאַר־ענדיקט דאָרט, ווו די אַשכּנזיש־ייִדישע מאָדערנע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן, און איר עיקר־אוצר איז איר פאָלקלאָר, און צווישן אחינו הספרדים, מערקט זיך צו ווייניק אינטערעס פאַר זייער, נאָך לעבעדיקער, נחלה.

אָבער צוריק צו ביאַליק, כּדי צו דערמאָנען אַן איפּכא מסתברא פון חיים הזז, וואָס האָט אַ פאַרקערטע סברה, — לשון עברי האָט געדאַרפט און געקאָנט, אַלע דורות, זײַן אַ פולקום לעבעדיקע שפּראַך, פון און פאַר אַלע לעבנס־באַדערפענישן, און אויב דאָס פאָלק וואָלט אויפגעבראַכט דעם דאָזיקן כּוח, אַזוי ווי ער האָט אים געקאָנט אויפברענגען, וואָלט לשון עברי דערלעבט אַ גראַנדיאָזן אַנטוויקל און באַשאַפן אַ גרויסע, אויב נישט די גרעסטע ליטעראַטור אין דער וועלט. אַוודאי, וואָס וואָלט געווען ווען — איז וויסנשאַפטלעך אַ צו האַרטע נוס צו צעקנאַקן, אָבער די אינטויציע פון

גרויסע שרײַבערס איז נישט מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן. אמת, ביאַליקס השערה קען זיך סומך זײַן אויף דער עובדה, אַז לשון עברי איז געווען צו ווייניק לעבעדיק אויף צו זײַן די מאַניפעסטע שפּראַך פון פאָלק, וואָס וואָלט אונטער דער השפעה פון שבעים לשון זיך דיפערענצירט, לויט די פאַרשיידענע סביבות און זייערע דרוקן, אָבער זי איז געווען גענוג לעבעדיק אויף צו זײַן די לאַטענטע שפראַך פון פאָלק, וואָס איז מסוגל, מחמת איר אינטימקייט בײַם פאָלק — תפילה, חומש און רש״י, משניות וכדומה, וואָס מען האָט געלעבט — מחמת די זיך איבערחזרנדיקע ליטעראַטור־רענעסאַנסן, וואָס האָבן אין איר געשאַפן אַלע זשאַנערן, וואָס פאַרבעטן ממש דעם שמועס און צום שמועס, (דראַמע, ראָמאַן) מאַניפעסט צו ווערן, און דער צוזאַמענטרעף פון דער רעסטיטוציע פון עלטסטן לאַנד מיט דער רעסטיטוציע פון דער עלטסטער שפראַך, איז, דאַכט זיך, גאָר נישט קיין צוגעטראַכטער שידוך. אָבער ביאַליקס הנחה לגבי דעם מהות און דער ראָל פון די ייִדיש־שפראַכן, קען מען, דוכט זיך, נישט דורכלאָזן אָן אַ רעזערוואַציע — וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיט דער מלכּה פון אַלע מיני ייִדיש, סײַ דער עלטסטער, ארמית, סײַ דער ייִנגסטער, אַשכּנזיש־ייִדיש, האָט זיך געקאָנט טרעפן, און צום נישט קליינעם טייל, אויך געטראָפן מיט אַלע מיני ייִדיש — דאָס מיטל, אויב עס איז טאַקע מלכתחילה געווען אַ בכּיוונדיק מיטל, איז געוואָרן אַ צוועק, אַ תכלית פאַר זיך, דען אַ שפראַך שטרעבט, כּדרך שפראַך, צו זײַן און ווערט דער אל״ף און דער תּי״ו, און ווער ווי ביאַליק, ווי איינער פון אונדזערע צוויי־שפראַכיקע גרויס־מײַסטערס, האָט דאָס נישט בלויז געוווּסט, נאָר האָט געהאַט דעם כּוח, די דיאַלעקטישע שפּאַנונג אויסצוהאַלטן און זי שאַפעריש צו לעבן? ווײַטער הזז׳ס השערה, וואָס איז אַ בפירושע פלוגתּא מיט ביאַליקן, איז אים שולדיק אַ תּשובה, ווי אַרום וואָלט לשון עברי אויסגעמיטן די סכּנה, אויף וועלכער ער האָט אָנגעוויזן, און ווי אַרום וואָלט מעגלעך געווען אַזאַ לײַכטע באַהערשלעכקייט פון אַלע היסטאָרישע שפראַך־שיכטן, ווי מיר האָבן זי געהאַט אַלע דורות, מחמת דעם, וואָס מיט אַלע סטיל־וועקסלען האָבן זיי זיך נישט אַזוי דערווײַטערט, ווי עס געשעט בײַ אַ פולקום לעבעדיקער שפראַך, און ווי עס איז טאַקע געשען אין עלצטן און ייִנגסטן ייִדיש. וואָס שייך אַרמית, וואָס קומט שוין פיר אין תנ״ך — איין וואָרט אין דער תּורה, איין פסוק אין די נביאים, האַלבע און גאַנצע פרקים אין כּתובים, האָט זי, כּידוע, אירע פריִערע און שפּעטערע פּאָסעסיעס אין ייִדישן לעבן — קודם־כּל רוב תּלמוד

בבלי, שניים מקרא ואחד תרגום, קדיש און כל נדרי און שטר־כתובה, יקום פורקן און בריך שמיה, אקדמות און תיקונים, וועלכע זענען געבונדן מיטן גרויסן, שפעטן אַרמית־רענעסאַנס, דעם ספר הזוהר, וואָס האָט געהאַט אַ גראַנדיאָזע השפעה אויף אונדזער קולטור און געשיכטע, און כאָטש דאָס זענען כל מיני אַרמית, לאָזן זיי זיך, מיט אַ שטיקל באַמי, לײַכט באַהערשן. אָבער במה דברים אמורים, — ווי אַ געלייענטע און געשריבענע שפּראַך, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט און געלעבט אין מויל פון די יהודי־תּרגום; דען נעמט אין די הענט זייער עפּיש־ביבלישע ליטעראַטור וואָס יוסף יואל ריבלין האָט אַרויסגעגעבן, און איר וועט אָן אַ באַזונדערן אַקאַדעמישן צוגרייט נישט אָנהייבן צו פאַרשטיין, צי דאָס האָט בכלל אַ שייכות צום אַרמית, וואָס איר קענט. וואָס שייך דעם ייִנגסטן ייִדיש, דעם אַשכּנזישן ייִדיש, איז ער דאָך גרונטיק ייִנגער, אָבער, ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך, זענען די היסטאָרישע שיכטן דערווײַטערט, כאָטש גאָר היפּש דערקענעוודיק, נײַערט אויך דאָ פאָדערט זיך אַ לײַטישער צוגרייט. ווי אַרום הזז וואָלט דאָס אויסגעמיטן, לגבי אַ פולקום לעבעדיקן לשון עברי, נישט בלויז צײַטלעך נאָר בעיקר אָרטלעך — איז שווער צו וויסן.

אַגב, דער עלצטער און ייִנגסטער ייִדיש, אַראַמיש און אַשכּנזיש־ייִדיש, ווערט אויך דערמאָנט לגבי דער עובדא פון זייער לאַנג־לעביקייט, וואָס באַווײַזט, אַז דאָס פאָלק איז אויף זיי נישט מוותּר, ווי עס האָבן אָנגעוויזן שמואל ניגער בכתב און יוסף אָפּאַטאָשו בעל־פּה, אויספירנדיק, אַז מחמת דעם ווערט און דער ראָל פון זיי, איז אויף זיי נישט חל דער דערמאָנטער כּלל: אויב אַ פאָלק געדענקט, ווען אַ שפּראַך איז געקומען צו אים, קען עס אויך געדענקען ווען זי גייט אַוועק פון אים. עס איז אָבער אַ קשיא, צי די אַרגומענטאַציע איז נייטיק לגבי אַ פאָלק, וואָס די עיקר־מידה זײַנע איז זײַן זכרון, וואָס הייסט אים אַלץ געדענקען און פאַרגעדענקען און אַלץ פאַרקריצן אין לעבעדיקסטן געדעכעניש.

ד

אויב עס פרעגט זיך, בעיקר אין דער שפּראַך־ספערע, צי איז דאָס אַ כּלל אָן אַ יוצא, לאָזט זיך אָננעמען, אַז אַזאַ מין יוצא זענען די קאַטעגאָריעס שפּראַכן בײַ ייִדן, וואָס מיר האָבן איבערגעהיפּערט — די אימפּעריאַלע קולטור־שפּראַכן וואָס האָבן אַרומגענומען גרעסערע ייִשובים פון ייִדן און טיילן פון זיי פאַרשלונגען. עס איז אַ קייט פון פּראָצעסן, וואָס האָט זיך

נאָך אָנגעהויבן אין אייגענעם לאַנד — די גרעקישע שפּראַך אין איר אימפּע־ריאַלן העלעניסטישן אויסשפּרייט, וואָס האָט געפירט צום ווידעראַנאַנד צווישן מתיוונים און חשמונאים, וואָס זייערע אייניקלעך האָבן זיך געוואַקלט צווישן דער היימישער און פרעמדער שפּראַך, פּונקט ווי עס האָבן זיך גע־וואַקלט גאַנצע ציבורים און אַ גרויסער טייל — בעיקר אין נאָענטן מצרים — איז פון דער פרעמדער שפּראַך גאַנץ פאַרכאַפּט געוואָרן — די סעפּטואַ־גינטאַ איז דאָך ניטיק געווען קודם־כל פאַר ייִדן, — און אין איר איז אַנטשטאַנען אַ רײַכע ליטעראַטור, און אין איר האָבן זיך דערהאַלטן וואָזשנע ספרים: די גנוזים און חיצוניים, אַפילו די ספרי המכבים, פּאָעזיע (יחזקאל המצרי), פילאָזאָפיע (פילאָן), היסטאָריע (פלאַוויוס), אָבער די ייִדן האָבן עס נישט אָפּגעהיט, און ערשט גאָר שפּעט זיך גענומען אינטערעסירן דער־פאַר און עפּעס ברענגען דערפון. דעסגלײַכן אַ שפּעטערע אימפּעריאַלע שפּראַך — אַראַביש, וואָס ייִדן האָבן געשריבן פאַר ייִדן, האָט געהאַט אַן ענלעכע דאָליע בײַם רוב פאָלק — אַ טייל פון ר' יהודה הלוויס לשון־קודש־לידער זענען צו אים דערגאַנגען און אַרײַן אין מחזור, אָבער זײַן אַראַביש געשריבענער „כוזרי", זאָל נישט געווען, נאָך אין יענע דורות, קריגן אַ העברעיִש־מתרגם, וואָלט ער פאַרן רוב פאָלק געווען אַ ספר החתום, ווי עס איז געווען שלמה גבירולס „מקור חיים" וואָס האָט אַזאַ איבערזעצער נישט געהאַט, בשעת זײַנע לשון־קודש־לידער, דאַרונטער די „אזהרות" און „כתר מלכות", זענען געוואָרן אַן אינטעגראַלער לעבעדיקער יסוד אין דער ליטור־גיע; ומי לנו גדול ווי דער רמב"ם, וואָס זײַן „יד חזקה" האָט נישט באַ־דאַרפט קיין איבערזעצער, ווײַל ער האָט עס אַליין מחבר געווען אין אַ מופתדיקן לשון עברי, בשעת דער „מורה נבוכים" וואָלט אָן זײַנע העברעיִש־איבערזעצערס נישט דערגאַנגען צום פאָלק, און נישט געשפּילט די ראָל, וואָס ער האָט דערפילט אין אונדזערע ראַציאָנאַליסטישע אָדער אויפקלע־רערישע באַוועגונגען.

ווי מיר זעען, האָט דאָס רוב פאָלק נישט אָפּגעהיט די אימפּעריאַלע שפּראַכן, און אויך מחמת דעם נישט אָפּגעהיט רוב דורות דעם אין איר אויפגעשטאַפּלטן אייגענעם קולטור־אוצר, און עס פרעגט זיך, אויב מען מעג דאָ אָפּערירן מיטן כלל פון מה שהיה הוא שיהיה, און לויטן היסטאָרישן, לערנען אַ גזירה שווה לגבי דעם אַקטואַלן. דען הײַנט־צו־טאָג האָבן מיר בפירוש צו טאָן מיט צוויי אימפּעריאַלע שפּראַכן, וואָס זענען נישט בלויז די הערשנדיקע, נאָר אַלץ מער און מער אַליין־הערשנדיקע שפּראַכן פון די

ייִדן, בעיקר פון יונגן דור. אין מזרחדיקן בלאָק, וואָס האָט צומערשט אָפּגעריסן דעם אַל־רוסלענדישן ייִדישן ייִשוב פון זײַן געשיכטע, אָפּהאַקנדיק צווישן אים און דעם איבעריקן פאָלק און זײַנע בשותּפֿותדיקע אינטערעסן, און אונטערברעגנגענדיק זײַן נײַ אויפֿגעשפּראָצטע היסטאָרישע שפּראַך עברית, איבערלאָזנדיק בלויז אַ זכר לחורבן („הבימה") און צולעצט, נאָך אַ סיסטעמאַטישן אײַנקוועטש אויך פֿון זײַן אויפֿגעבליטער און בלײַענדיקער אַקטואַלער שפּראַך, ייִדיש, און נאָכן אײַנשרויף פֿון דער בלויז ייִדיש דערלויבטער ליטעראַטור און פּרעסע, און נאָך דער תּלייִנישער ליקווידאַציע פֿון אירע רעפּרעזענטאַטיווע ייִדיש־שרײַבערס, איבערלאָזנדיק בלויז אַ זכר לטיט („סאָוועטיש היימלאַנד"), ממילא געעפֿנט טיר און טויער פֿאַר דער אויטאָמאַטישער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס בלויז קליינע אינדזלען און אינדזעלעך וועלן קענען פֿאַר איר באַשטיין. אין מערבדיקן בלאָק ווײַטער מיט זײַן אַנדערן רעזשים, וואָס מישט זיך נישט אין די קולטור־טענדענציעס און לאָזט זיי פֿרײַע האַנט, איז אויך דער סך־הכּל נישט קיין אַנדערער — סײַ לשון עברי סײַ לשון ייִדיש געפֿינען זיך אין אַ שטעטיקן אַראָפּ, אויף וויפֿל ליטעראַטור און פּרעסע קענען דערויף מעיד זײַן — דער צוואַקס פֿון שרײַבערס אין ביידע שפּראַכן געפֿינט זיך אויפֿן וועג פֿון מינימום צו נול, און די עקספּאַנסיע פֿון ענגליש, נישט בלויז ווי די הערשנדיקע, נאָר ווי די איינציקע שפּראַך פֿון די ייִדן, געפֿינט זיך אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ, וואָס בלויז קליינע אינדזלען און אינדזעלעך פֿון אונדזערע היימישע שפּראַכן קענען פֿאַר איר באַשטיין. אמת, דאָס וואָס אויך אין אַזאַ מעמד פֿאַרשפּילן זיך וועטעראַנען מיט רודימענטן פֿון אַזוי גערופֿענעם שפּראַכן־קאַמף, צווישן ייִדיש און העברעיִש, וואָס איז אַ גרויסער, אָבער איבערגעלעבטער עפּיזאָד פֿון די לעצטע צוויי דורות, גיט דער זאַך צו אַ טראַגי־קאָמישן צושפּיץ, און פֿאַרשפּאַרט אויך דעם וועג פֿאַר אַ בשותּפֿותדיקן פֿראָנט פֿון די אייגענע, היימישע שפּראַכן קעגן דער פֿרעמדשפּראַכיקער אַליינהערשאַפֿט. אָבער דאָס איז אַן ענין פֿון ישוב־הדעת פֿאַר אונדזערע קולטור־טעאָרעטיקערס און קולטור־פּראַקטיקערס, וואָס זייער גרויסער, איצט גרעסטער בן־ברית דאַרף, כּדרך הטבע, זײַן מדינת־ישראל, ווי דער קאָלעקטיווסטער היסטאָרישער און אַקטואַלער כּוח, וואָס זײַן שליחות איז צו זײַן דער יורש און ממשיך פֿון אַלע אונדזערע קולטור־ווערטן, אַ שליחות, וואָס געפֿינט זיך ערשט אין סאַמע אָנהייב, און וועט וואַקסן מיט דער וואַקסנדיקער קאָנצענטראַציע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין זײַן לאַנד.

[ה' כסלו תשל"ח]

צווישן לשמי און לשמה

אמר המחבר: אין די טעג פון ה׳ ביז ז׳ בכסלו (15—17 נאָוועמבער) היי־יאָר איז מיט דער איניציאַטיוו פון קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישע קולטור אין פראַנקרײַך, מטעם קאָלעדזש דע פראַנס אין פּאַריז, פֿירגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָלאָקוויום וועגן לימוד און פאָרשונג פון שפּראַכן בײַ ייִדן. אונטערן פּרעזידיום פון יצחק וואַרשאַווסקי איז פֿירגעקומען דאָס קאָלאָקוויום וועגן ייִדיש־לימודים און דער פּראָגראַם האָט פֿירגעזען רעפעראַטן מצד אוניווערסיטעט־לערערס — ירושלים (חנא שמערוק, משה דעוויס, חוה טורניאַנסקי), רמת־גן (משה ווײַנשטיין), ניו־יאָרק (מיכל הערצאָג, איטשע גאָלדבערג), פּאַריז (אַלכּסנדר דערטשאַנסקי, מנוחה ראַם־וואַלדמאַן, רחל ערטל, משה טויבע, סאַמע צאַמאָערמאַן) און אַנדערע, ווי אויך רעפעראַטן פון פאָרשערס און שרײַבערס (מרדכי ליטווין, שמואל קערנער, נח גריס, חיים סלאָוועס, שאַרל דאָבזשינסקי) און דער רוב זענען טאַקע געהאַלטן געוואָרן און געטראָגן אַ וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. אָבער, אַזוי־ווי אין דער דיסקוסיע זענען געקומען צום אויסדרוק אויך אַנדערע מאָמענטן, וואָס געהערן צו אַן אַנדערן פאָרום, ווי דער פּירזיצער האָט מיט רעכט אָנגעוויזן, האָט זיך די צווייִקייט נישט געלאָזט פאַרמיידן. און אַזוי־ווי זי איז אויך חל געווען אויף די דיסקוסיע־באַמערקן צו מײַן אַרײַנפיר־רעפעראַט: פּ י ל ־ ש פּ ר אַ כ י ק י י ט ב ײַ י יִ ד ן, האָב איך אין מײַן ענטפער, וואָס איך ברענג דאָ, די דאָזיקע טאָפּלקייט אין חשבון גענומען.

א

קודם־כּל דערלויבט מיר זיך צו באַדאַנקען פאַר די שבחים, מיט וועלכע איר האָט מיך דאָ ממש באַשיט, אָבער דערלויבט מיר אויך צו באַמערקן, אַז פּונקט ווי איך ווייס, דאָס פון קאָמפּלימענטן האָט זיך נאָך קיינער נישט געסמט, ווייס איך, אַז פון קאָמפּלימענטן האָט זיך נישט איינער פאַרשיכּורט, בפרט ווען מ׳האָט זיך באַנאַרישט און מ׳האָט זיי אָנגענומען וואָרט־בײַ־וואָרט. און אויב איך לאָז מיך פון זיי נישט פאַרשיכּורן, איז עס נישט בלויז מחמת דעם, וואָס עס איז אין זיי געווען אַ גוזמא־לרובא, משמע: צו פיל, נאָר אויך מחמת עס איז געווען אַ גוזמא־למיעוטא, משמע: צו ווייניק, און איך האָף, אַז מײַן ביאָגראַף, אויב עס וועט זיך אַזאַ קוריאָז געפינען, וועט דאָס פאַרריכטן, און אַזוי ווי איך בין אויך אַ שטיקל בקי אין מײַן

ביאָגראַפיע, וועל איך אַ קאַפּ מקיים זײַן דעם כּלל פונעם מה־נשתּנה־פראַגער צו זײַן טאַטע: און אַז דו וועסט מיר נישט ענטפערן, וועל איך מיר אַליין ענטפערן.

ב

צומערשט וויל איך מיך ווערן קעגן דעם פּרווו, וואָס איז דאָ געמאַכט געוואָרן, אַנידערצושטעלן ווי דעם גרויסן עיקר פון מײַן לעבן, וואָס איך האָב מיך געלאָזט אויפרופן כּהן, נישט בלויז צו דער תּורה, ווי עס קומט מיר, נאָר אויך צו דער יידיש־קאַטעדרע אין ירושלים, און האָב אויף איר געדוכנט צוואַנציק יאָר. ווי באַשיידן אָדער אומבאַשיידן איך זאָל זײַן, איז מיך דער פּשוטער אמת מחייב צו זאָגן, אַז עס זענען מסתּמא דאָ וואָגיקערע און גרונטיקערע עיקרים אין מײַן לעבן און אין זײַן אַקטיוון גאַנג, בפרט אַז מײַן אַקאַדעמישע קאַריערע איז נישט מײַן המצאָה, און ווי ווײַט איך האָב מיך צו איר נישט געגרייט און אויף איר זיך נישט געריכט, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפון, וואָס די ערשטע לעקציע, וועלכע איך האָב געהערט אין אַן אוניווערסיטעט, איז געווען מײַנע.

ג

מײַן אַקאַדעמישע קאַריערע איז בפירוש געווען אַ המצאָה פון אַנדערע — בעיקר פון מײַנע פרײַנד: פּראָפ׳ נתן ראָטענשטרײַך, נרו יאיר, און פּראָפ׳ בן־ציון דינור (דינאַבורג), עליו השלום. און זיי האָבן עס געטאָן, ווײַל זיי האָבן געוווּסט וועגן מײַן אינטערעס אין אונדזער טאָטאַלער ליטעראַטור, ווי איך האָב מיך באַמיט צו באַווײַזן ווי אַ פאָרשער, אַ שרײַבער, אַ קריטיקער, אַן איבערזעצער, אַ פּובליציסט, אַ זשורנאַליסט, במשך לאַנגע יאָרן, און ווי איך האָב עס באַזונדערס קריסטאַליזירט אין אַ ציקל לעקציעס, אין סוף פערציקער יאָרן, און זיי זענען אַרײַן אין מײַן ביכל: „על ספרותנו — מסת מבוא״, טײַטש: וועגן אונדזער ליטעראַטור — אַרײַנפיר־עסיי, ווו איך האָב געפאָדערט אַן אַנדערן באַנעם פון אונדזער ליטעראַטור־לימוד — נישט ווי עס האָבן געטאָן העברעיִסטן, וואָס האָבן געשריבן בלויז וועגן דער העברעיִשער ליטעראַטור, גלײַך עס וואָלט קיין יידישער עלעמענט נישט געווען, און נישט ווי עס האָבן געטאָן יידישיסטן, וואָס האָבן געשריבן בלויז וועגן דער יידישער ליטעראַטור, גלײַך עס וואָלט קיין העברעיִשער עלעמענט נישט געווען, און האָבן זיך ביידע פאַרזינדיקט

אַקעגן אונדזער קולטור־ווערקלעכקייט, און בעיקר דער צוויי־שפּראַכיקייט פון אירע שרײַבערס.

נאָך־מער, איך האָב געפּאָדערט צו נעמען אין באַטראַכט אונדזער דרײַ־שפּראַכיקייט, משמע נישט בלויז די ליטעראַטור אין אונדזערע אייגענע היימישע שפּראַכן, ווײַל זיי פירן כמעט תמיד אין פאָלק אַרײַן, נײַערט אויך די ליטעראַטור אונדזערע (אויף וויפל זי איז, לויט אַ ריי בולטע און קלאָרע סימנים טאַקע אונדזערע) אין די פרעמדע שפּראַכן, כאָטש זיי פירן לרוב פון פאָלק אַרויס.

ד

הלכה למעשה, פּראַקטיש, האָט מײַן פאָדערונג געמיינט אויפשטעלן, אין ירושלימער אוניווערסיטעט, אַ דאַך־קאַטעדרע, וואָס איר עיקר־עובדא דאַרף זײַן אַן אַרײַנפיר אין דער טאָטאַלער ליטעראַטור אונדזערער, וואָס איר לימוד דאַרף זײַן אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע תּלמידים פון אונדזערע ליטעראַטורן; און איך בין נישט געווען און בין נישט, עד־היום, איבערגליקלעך, וואָס דער פּלאַן האָט זיך נישט דורכגעזעצט, און נישט בלויז דערפאַר, וואָס איך בין געווען גרייט דערצו, כּמיעוט־כּוחי, נאָר ווײַל עס איז אַ רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, פאָלקישע און, סוף־סוף, וויסנשאַפטלעכע נויטווענדיקייט.

איז נישט קיין חידוש, וואָס איך האָב מיך, צוויי יאָר געקווענקלט, איבערצונעמען די אָנפירונג פון דער ייִדיש־קאַטעדרע, און איך האָב פירגעלייגט זי אָנצופאַרטרויען מאַקס ווײַנרײַכן, און ערשט ווען ער און שמואל ניגער און אהרן צייטלין האָבן זיך אָפּגעזאָגט, בין איך דאַרויף אײַנגעגאַנגען.

ה

נאָך עפּעס. מײַנע דערמאָנטע פרײַנד, וואָס זענען די בעלי־המצאָה פון מײַן אַקאַדעמישער קאַריער, וועלכע איך האָב אָנגעהויבן געגוג שפּעט, בײַ מײַן פופציקסטן לעבנסיאָר, האָבן געוווּסט, אַז איך בין נישט קיין אומבאַשריבן בלאַט; אדרבה, זיי האָבן אַקוראַט געוווּסט, אַז איך בין אַן אינטעגראַלער, מאַקסימאַליסטישער ציוניסט, אַן איבערגעגעבענער און געטרײַער העברעיִשער שרײַבער, אַ כּופר־בעיקר אין דער לאַנג־לעביקייט פון גלות, וואָס האָט יאָרן פאַר היטלערן געוואָרנט פאַרן חורבן, פונקט ווי ער האָט דעמאָלט געוואָרנט פאַר דער אילוזאָרישקייט פון ביראָבידזשאַן, און טאָקע

מחמת דעם אַלעמען האָט ער באַטראַכט, פריער דעם יישוב און שפּעטער די מדינה אין ארץ־ישׂראל, פאַרן עיקר־אפּוטרופּוס פון אונדזער טאָטאַלער ליטעראַטור, אין גייסט פון נביאישן דעוויז, וואָס ער האָט איבערגעחזרט אין זיין וואָרט ביי דער באַגרינדונג פון דער קאַטעדרע: כּל הכּתוב לחיים — בירושלים, און דער דעוויז איז, בעצם, זיין אני־מאמין מאז ועד־עתּה, ביז היינט, ווען ער וואָרנט פאַרן קאַלטן מיידאַנעק — די געמישטע חתונות, וואָס פרעסן אויף אונדזער גוף און די שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס פרעסט אויף אונדזער נשמה, אָט די צוויי שטאַרקסטע גורמים, וועלכע זענען אַלץ גובר אונדזערע באַמיִען צו דערהאַלטן די ייִדן, וואָס איז סוף־סוף דער יסוד היסודות פון אונדז אַלע, אויך אויף אונדזער צוזאַמענקום דאָ — אַקאַדע־מיקערס, שרייבערס, עסקנים, סיי מיר טאָן עס אין אַ מישמאַש, ווי מיר האָבן עס, אין אונדזער דיסקוסיע, געטאָן, סיי מיר טוען עס ווי עס פאַר־לאַנגט אַ רעכטער אויפטייל פון די תּחומים און קאָמפּעטענצן.

און איר וועט מיר, בחסדכם, מוחל זיין, פאַר וואָס איך האָב, ביז איצט — גערעדט מער לשמי, ad personam און ווייניקער לשמה ad rem.

איך האָב עס געטאָן על כּורחי, ווייל אַזוי האָט איר זיך, לגבי מיין לעקציע נוהג געווען, אָבער איך האָב מיך משתּדל געווען מיינע באַמערקן איבערצופירן מן הפּרט אל הכּלל. און דאָס איז מיר לייכטער לגבי עטלעכע כּלל־מיינונגען, וואָס זענען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרן, און בעיקר לגבי צוויי פון זיי.

ו

ערשטנס לגבי די וואָגיקע ווערטער פון ד״ר חיים סלאָוועס, און דאָס אין צוויי ענינים. ווען ער ציטירט מיינס אַ באַמערק און איך האָב אים, שלא כּדרכּי, דורך אַ צווישנרוף אָנגעוויזן, אַז ער האָט משנה געווען דעם סדר מיינעם, וואָס איז אַ גרויסע נפקא־מיניה. עס האָט זיך געהאַנדלט אין מיין זאָג וועגן חילוק צווישן ספרדיש־ייִדיש און צווישן אַשכּנזיש־ייִדיש, אַז דאָס ערשטע, האָט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור אירער אויפגעהערט, ווו דאָס אַנדערע האָט אין איר אָנגעהויבן, און מיין כּוונה איז געווען צו זאָגן, אַז ווען נאָך דוד פּאַרדאָ וואָלט געקומען וואָס עס איז געקומען נאָך אייזיק מאיר דיק, וואָלטן זיך אחינו הספרדים באַצויגן מיט מער מסירת נפש צו זייער נחלה, ווי זיי האָבן עס געטאָן, און מעגלעך אַז לעבן ייִדישיזם וואָלטן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַ דזשודעזמאָיזם, און מיין פלאַן פון כּולל־

דיקן אינטערעס פֿאַר אונדזערע אייגענע ווערטן, אין אַלע מיני ייִדישס אונדזערע, וואָלט, אין דעם פּונקט, געווען ברייטער ווי ער איז איצט. דען דער עיקר־טעם פֿון מײַן פּלאַן איז גאָר פּשוט: אַ פֿאָלק מאַכט זיך נישט אָרעמער ווי עס איז, און דערפֿאַר האַלט איך אַ העברעיִשן שרײַבער, וואָס ווייסט נישט און וויל נישט וויסן פֿון אַ ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור פֿאַר אָרעמער, ווי ער קאָן און מעג זײַן, פּונקט ווי איך האַלט אַ ייִדישן שרײַבער, וואָס ווייסט נישט און וויל נישט וויסן פֿון אַ העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור פֿאַר אָרעמער, ווי ער קאָן און מעג זײַן. און איך רעד בעיקר וועגן שרײַבערס, אויך דערפֿאַר וואָס איך גופֿא בין בעיקר אַ שרײַבער, און וואָס שייך דעם קינצלעכן אויפֿטייל צווישן שרײַבער און אַקאַדעמיקער, וואָס מען האָט געפּרוּווט קאָנסטרויִרן, לגבי דעם בשותּפֿותדיקן תּכלית, פֿיל איך מיך אין דער היים בײַ די און בײַ די, בפֿרט אַז נאָך־דעם ווי איך בין, מחמת זיקנה, אַראָפּ פֿון מײַן אַקאַדעמישן עמוד, און עס האָבן מיך נישט פֿאַרלאָזן מײַנע לעבנסלענגלעכע טיטולן פֿון אַ חבֿר אין דער העברעיִשער שפּראַך־אַקאַדעמיע און דער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, און פֿיל נישט קיין קאָליזיע, וואָס די דיסקוסיע האָט דאָ געפּרוּווט אַנוואָרפֿן.

אַהער געהערן אויך ד״ר סלאָוועס ווערטער וועגן שפּיץ־פּיראַמיד, וועלכע מען האָט אין דעם זינען פֿאַרשטאַנען, און ער האָט נאָך אַ מאָל געגומען דאָס וואָרט צו דערקלערן, אַז מען האָט עס טעותדיק געטאָן. דערצו וויל איך צוגעבן, אַז דער טעות באַשטייט אין עצם־באַנעם פֿון אוניווערסי־טעטן — אין מײַן אַרײַנפֿיר צו די אָפּגעקליבענע כּתבֿים פֿון באַקאַנטן פּעדאַגאָג פּינחס בן סירה (שיפּמאַן), „בית היוצר״, האָב איך אָנגעוויזן אויף זײַן אויספֿיר, אַז לגבי קולטור און דערציִונג איז דער עיקר די שפּיץ־פּיראַמיד: לאַנג־לאַנג איידער עס זענען אין אייראָפּע געווען פֿאָלקשולן, זענען געווען אוניווערסיטעטן, דען אויב עס זענען דאָ אוניווערסיטעטן — זענען דאָ סעמינאַרן; און אויב עס זענען דאָ סמינאַרן — זענען דאָ לערערס; און אויב עס זענען דאָ לערערס — זענען דאָ שולן און שילערס; אָדער ייִדישלעכער געזאָגט: אויב עס זענען דאָ ישיבֿות — זענען דאָ למדנים; און אויב עס זענען דאָ למדנים — זענען דאָ מלמדים; און אויב עס זענען דאָ מלמדים — זענען דאָ תּלמידים און חדרים.

אַזוי גייט עס טאַקע צו אין ארץ־ישׂראל, און אַ דאַנק די שפּיצן פֿון פּיראַמיד, די אוניווערסיטעטן און די סעמינאַרן, איז דאָ די באַזע פֿון פּיראַ־מיד — אַ יעדן פֿרימאָרגן גייען טאַקע מער ווי אַ מיליאָן קינדער אין

אונדזערע פֿאָלקס־ און מיטל־שולן, אַ זאַך וואָס איז איצט נישטאָ און קאָן נישט זײַן אין קיין שום גלות. אמת, די שפּראַך פֿון זייער לימוד איז עברית — אַ וואָרט און אַ באַגריף, וואָס מען האָט, בײַ אונדזער קאָלאָק, ווי אויס־געמיטן, אָבער עס איז פֿאָרט די עלטסטע און ייִנגסטע שפּראַך פֿון אונדזער פֿאָלק, און אַ דאַנק דער טאָפּעלער תּכונה אירער, דער אַלטקייט און יונגקייט, וועט זי דערציִען צו דער ליבשאַפֿט צו אַלע אונדזערע קולטור־ווערטן, און ייִדיש בתוכם. מעגלעך, אַז עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע פּאַר וועמען לשון עברי איז אַ פֿרעמדע שפּראַך, ווי ענגליש אָדער רוסיש — די צוויי שפּראַכן, וואָס באַהערשן איצט רוב ייִדן אין דער וועלט — אָבער ער וועט מיר מוחל זײַן, אַז מיט אַזאַ פֿאַרמבולדיקן צוגאַנג וועל איך מיט אים נישט דיסקוטירן.

ז

צווייטנס — איך האָב מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו פּראָפֿ' איטשע גאָלדבערגס רעפֿעראַט, און בין מסכּים מיט דעם, אַז גדול ענין שפּראַך און פֿילאָלאָגיע און לינגוויסטיק, אָבער נאָך מער גדול ענין ליטעראַטור, אָבער בשעת ער האָט דערמאָנט די שורה שרײַבערס, וואָס באַלײַכטן אונדז דעם וועג פֿון לימוד, האָב איך נישט געקאָנט נישט באַמערקן, אַז די שורה האָט זיך אָפּגעריסן, און דאָס מחמת דעם, ווײַל קיין נײַער יונגער ייִדיש־שרײַבער איז מער נישטאָ — נישט קיין דערציילער, נישט קיין דיכטער, נישט קיין דראַמאַטיקער, נישט קיין עסייִסט, פּונקט ווי עס איז הײַנט אין גלות נישטאָ קיין יונגער העברעיִש־שרײַבער, אין די פֿיר שאַפֿערישע סאָרטן, און דאָ באַשטעטיקט דער יוצא־מן־הכּלל דעם כּלל. און דאָס איז דאָס גרויסע מעמענטאָ פֿון אונדזער קולטור־ווערקלעכקייט.

[ז' כּסלו תשל"ב]

חובב־ייִדיש, אוהב־ייִדיש וכדומה

א

אָוודאי וואָלט איך, על פּי ענִיוות, באַדאַרפט צו זאָגן, אַז דאָס שטיק יום־טובדיקע מהומה אַרום מײַן זיבעציקסטן יום־גנוסיא איז מיר נישט צום האַרצן, אָבער על פּי אמת קען איך און טאָר דאָס נישט זאָגן.

ב

איך קאָן נישט — ווײַל נישט בלויז עס אַרט מיך נישט, נאָר עס טוט מיר אַפילו בפירוש הנאָה, בפרט, אַז דער פּראַזניק געפאַלט אום פּורים, ווען הנאָה האָבן איז אַ כּלל־מצווה. ווי פּלעגט דאָס מײַן באָבע, מרת ראָניע עליה השלום, זאָגן: פּונקט ווען המן איז אַראָפּ ביסטו אַרויף — אָט דאָס הייסט אָפּפּאַסן אַ פריילעכע מינוט געבוירן צו ווערן. נו, די פריילעכסטע מינוט איז עס נישט געווען, ווײַל מײַן געבוירן־ווערן האָט מײַן מאַמען, מרת טשאַרנע עליה השלום, געקאָסט דאָס לעבן, זי איז אַוועק, ווען איך בין אַלט געווען קוים פינף טאָג. פון דעסטוועגן טוט מיר דער פריילעכער האַרמידער אַרום מיר הנאָה, ווײַל איך שטעל מיר פיר, ווי מײַן מאַמע האָט אויבן הנאָה פון דער ליבשאַפט וואָס נעמט אַרום איר קינד.

ג

איך טאָר דאָס נישט — ווײַל עס הייסט דאָך אין פּרק: מאי דעלך סאני לחברך לא תעביד, טײַטש: וואָס דו האָסט פײַנט, זאָלסטו נישט טאָן דײַן חבר. און דערפון איז געדרונגען, אַז וואָס דו טוסט דײַן חבר, זאָלסטו אַליין נישט פײַנט האָבן. און איך חגעווע דאָך רוב ימי מײַנע חברים, שרײַבערס און געלערנטע, — שרײַב איבער זיי, רעד אַרום זיי, קנעל וועגן זיי; ווי מעג איך, מחמת געשפּילטער ענִיוות, זיי פאַרווערן צו טאָן אַזעלכס אָדער ענלעכס לגבי מיר, עס וואָלט דאָך געשמעקט מיט פּורש־מן־הציבור. האָב איך טאַקע שוין באַנוצט דעם משל מיט ר׳ איציק סאַרוער, וואָס איז געווען אַ מאַדים אויסצובאַקן, און בײַ חתונות אויסצוטיילן, מיני לעקעכער, שופּראַ־

דשופּרא; איז אָבער דערמיט געווען אַזוי פאַרטרודט, אַז ער אַליין האָט נישט טועם געווען דערפון, האָט מען אים געפרעגט: וואָס איז דער טעם, וואָס איר האָט נישט טועם געווען? האָט ער געענטפערט: דער טעם פאַרוואָס איך האָב נישט טועם געווען איז אַ טאָפּעלער. ערשטנס, ווײַל איך האָב מיך צוגעוווינט צו זײַן אַ געבער, קומט מיר שווער אָן צו ווערן אַ נעמער. צווייטנס, ווען עס וואָלט זיך מיר אַפילו פאַרוועלט צו זײַן אַ נעמער בײַ זיך אַליין, קווענקל איך מיך, צי מעג מען אויסקאָרבען אַ מיוחס פון חתנ׳ס, אָדער כלה׳ס צד, און פאַרמינדערן זײַן פּאָרציע לעקעך. אַז מען איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער גענומען אַ שטיקל לעקעך אין מויל אַרײַן, האָט מען געקוקט, וואָס פאַר אַ העויה ער וועט מאַכן. אָבער אַזוי־ווי ער האָט אַפילו קיין פינטל און קיין מוקס נישט געטאָן, האָט מען אים געפרעגט: נו? האָט ער געענטפערט: סמען דערמיט, סמט מען זיך נישט.

ד

אַז מען סמט זיך נישט דערמיט, קענט איר דאָך אָפּלערנען דערפון, וואָס נאָך די גרויסע און קליינע שטיקער לעקעך און פלאָדען, וואָס מען האָט מיר איצט, מיט אַ ברייטער האַנט, דערלאַנגט, האָב איך נאָך כּוח צו רעדן און שרײַבן, ווי איך פּרוּוו עס איצט צו טאָן, אָנרירנדיק אַן ענין, וואָס געהער אַרײַן אין מײַן אינטערעסן־קרײַז, און פאַרנעמט דאָרט אַ צענטראַלן פּלאַץ — דאָס איז דער ענין פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. אָבער איידער איך טו דאָס, דערלויב איך מיר אַ קאָרעקטע צו אַ פּאָר טיטולן, וואָס מײַנע גוטע פרײַנד האָבן מיך מיט זיי, מיט דער בעסטער כּוונה, באַשאַנקען. איין טיטול גייט: אַ ליבהאָבער פון ייִדיש, אָדער מיט אַ סמיטשיק, וואָס וויל עס מאַכן מער און מאַכט עס ווייניקער: אַ חובֿבֿ־ייִדיש, אַ צווייטער טיטול גייט: אַ פאַרליבטער אין ייִדיש, אָדער מיט אַ סמיטשיק, וואָס וויל עס מאַכן ווייניקער און מאַכט עס מער: אַן אוהבֿ־ייִדיש. איז עס אמת, ווײַל אַן חיבה און אהבה טויג נישט. אָבער עס איז נישט דער גאַנצער אמת, בפּרט אַז מען נעמט אין באַטראַכט אַ דריטן טיטול: אַ שליח למעשׂה פון ייִדיש.

וואָס שייך די ערשטע צוויי טיטולן, וואָלט איך געוואָלט זען די מינע פון די וואָס האָבן מיך אַזוי טיטולירט, ווען מען וואָלט זיי אַזוי דעפינירט. דוכט זיך, אַז פון דעם נישט איבעריק צופרידענעם גרימאַס זייערן, וואָלט זיך לײַכט אַרויסגעשטעלט, אַז הינטער די היימישע טיטולן: חובֿבֿ, אוהבֿ,

פאַרשטעקט זיך בעצם, בלע״ז: סימפּאַטיקער, האָבי וכדומה. נאָך שמאָלער שטייט עס מיט אַ דריטן טיטול: שליח־למעשׂה, וואָס וויל הייסן, אַז וואָס שייך הלכה, איז נאָך דאָ אַן אָרט פֿאַר אַ פּלוגתא. בקיצור, עס וויל הייסן: על כּל פּנים האָט מען דאָ מיט מיר צו טאָן נישט ווי מיט אַ שליח־לכתחילה נאָר ווי מיט אַ שליח־למעשׂה. אויב צונויפֿצושטעלן אַלע דרײַ טיטולן וואָלט עס געהייסן: די סימפּאַטיע, דער האָבי האָבן אים געבראַכט דערצו.

ה

כּדי דעם טעות צו פֿאַרריכטן, האָב איך קיין ברירה נישט, ווי מײַנע טיטולאַטאָרן צו בעטן, לגבי מיר, הקטן, מקיים צו זײַן דעם זאָג, וואָס מען ברענגט אין נאָמען פֿון אַ גדול: איך וויל ווייניקער געלויבט און מער געלייענט ווערן. און כּדי מײַנע עווענטואַלע לייענערס נישט צו פֿיל מטריח צו זײַן, לייג איך זיי פֿיר איבערצולייענען מײַן אַרבעט „על ספרותנו — מסת מבוא״, טײַטש: וועגן אונדזער ליטעראַטור, אַרײַנפֿיר־עסיי. עס איז אַ ציקל לעקציעס, וועלכע איך האָב געהאַלטן מיט אַ פֿינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק (1947) און זיי דרײַ יאָר שפּעטער געלאָזט גיין אין אַ באַזונדער בוך (1950) און זיי שפּעטער אײַנגעגלידערט אין מײַן בוך „אבני בדק״ (1962). עס האַנדלט זיך דאָרט וועגן אַ גרונטיקער רעוויזיע אין באַנעם פֿון אונדזער ליטעראַטור און אירע גרענעצן אין די לעצטע דורות.

דער עיקר פֿון דער רעוויזיע איז געווענדט קעגן די היסטאָריקערס פֿון דער ליטעראַטור, וואָס באַגרענעצן זי אַזוי, אַז זי שפּיגלט נישט אָפּ די שאַפֿונג פֿון גאַנצן פֿאָלק און זײַנע ליטעראַרישע אויפֿטוען, נאָר באַגרענעצן זי אָדער אויף איין טייל פֿאָלק, אָדער אויף איין שפּראַך, בשעת עס פֿאָדערט זיך אַן אַרומנעמענדיקער און טאָטאַלער באַנעם און פֿאַרנעם. אין כּלל־שטריכן הייסט עס, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור איז, לויט אירע מקורות, אַ דרײַ־שטראָמיקע, דען זי נעמט אַרום סײַ דעם שטראָם פֿון חסידות, סײַ דעם שטראָם פֿון מתנגדות, סײַ דעם שטראָם פֿון השׂכּלה, אַזוי אַז די ליטעראַטור פֿון אַלע דרײַ איז די כּלל־ליטעראַטור פֿונעם פֿאָלק, בעסער געזאָגט: פֿון דעם גרעסטן צענטער, ווי ער האָט זיך אויסגעבילדט אין אייראָפּע, בײַ די קלענערע קיבוצים אין מערב־אייראָפּע און בײַ די גרעסערע קיבוצים, בעסער געזאָגט: דעם גרעסטן קיבוץ, אין מזרח־אייראָפּע. אַזוי־אַרום איז די שיטה צו באַגרענעצן די באַזע פֿון אונדזער ליטעראַטור בלויז אין די לעצטע דורות אויף דער השׂכּלה און וואָס עס ציט זיך נאָך איר, אַ דרײַיִקער טעות.

ו

ערשטנס, פֿאַרשמעלערט די דאָזיקע שיטה די ליטעראַרישע שעפֿעריש־קייט פֿונעם פֿאָלק אין דער זעלבער תּקופֿה, און שטעלט זי אָפּ אויף איין באַוועגונג, אַפֿילו אויף איין פּאַרטיי אין פֿאָלק און באַהאַנדלט נישט די ליטעראַטור פֿון די איבעריקע באַוועגונגען, ווי זי איז געווען ממש, נאָר ווי און אויף וויפֿל זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור, און דאָס איז, כּידוע, געווען אַ קאַריקאַטוראַלער שפּיגל, אַזוי אַז שטאָט צו וויסן, וואָס האָט מתנגדות און חסידות געשאַפֿן, וויסן מיר בלויז וואָס השׂכּלה האָט געטראַכט וועגן זיי, גלײַך די מאָסן אירע וואָלטן געווען אַבסאָלוטע, בעת עס פֿאָדערט זיך אַ פֿוללדיקער קוק אויף אַלע באַוועגונגען און זייערע ליטעראַטורן, אַ קוק וואָס איז מסוגל צו זען איבער און אונטער די ווידער־אַנאַנדן צווישן זיי, איין ליטעראַטור.

צווייטנס, אויך די דרײַ־שטראָמיקייט פֿון דער ליטעראַטור אונדזערער אין די לעצטע דורות איז בלויז אַ טייל פֿון דער רעוויזיע — עס קומט נאָך צו די דרײַ־שפּראַכיקייט, ווי זי איז אָנגעגאַנגען אין דער דאָזיקער תּקופֿה — העברעיִש, ייִדיש, לע״ז. די ערשטע צוויי שפּראַכן אין אַלע דרײַ באַוועגונ־גען, די לעצטע שפּראַך (אייגנטלעך שפּראַכן: דײַטשיש, רוסיש וכדומה) בלויז אין דער השׂכּלה. אַזוי אַרום שטעלט זיך אַ געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור, ווי עס האָבן זי באַשריבן קלויזנער און לאַכאָווער, ווי אַ חשובער טייל פֿון איר, פּונקט ווי אַ געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור, ווי עס האָבן זי באַשריבן מאַקס עריק אָדער מאַקס ווײַנרײַך ווי אַ חשובער טייל פֿון איר, ווײַל די ערשטע שרײַבן בלויז וועגן דער העברעיִשער ליטע־ראַטור און די לעצטע בלויז וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור און צערײַסן וואָס עס איז אין לעבן פֿון פֿאָלק נישט געווען צעריסן, כּדי צו באַרעכטיקן אַ שפּעטן ריס, די ערשטע לויט זייער אידעאָלאָגיע, די לעצטע לויט זייער אידעאָלאָגיע, אָבער אידעאָלאָגישער און בפֿרט אידעאָלאָגיש־פּראַגראַמאַטי־שער אמת איז נישט היסטאָרישער אמת.

דריטנס, די ביידע אידעאָלאָגיש באַדינגטע אויפֿטיילן האָבן אַ מסופּק־דיקע שייכות צו אַ וויסנשאַפֿטלעכן באַהאַנדל פֿון דעם ענין, ווי ער דאַרף אָנגיין אויף אוניווערסיטעטן, בעיקר אין דער אַרײַנפֿיר־סטאַדיע, וואָס די כּוונה אירע איז דעם תּלמיד צוצוגרייטן צום פֿאַרשטענדעניש פֿון דער ליטעראַטור פֿון גאַנצן פֿאָלק. דען אַ טייל, ווי חשוב ער זאָל נישט זײַן, איז פֿאָרט נאָר אַ טייל, און נישט אַ גאַנצקייט, און בלויז גאַנצקייט איז דער אמת.

ז

לויט דער ליניע, וואָס איך האָב דאָ אויבנאויפיק פירגעצייכנט, האָב איך, באַשליסנדיק אָנצונעמען אַ פּאַרבעט אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט, באַדאַרפט אויפצובויען אַ מין קאַטעדרע, וואָס איר עובדא וואָלט געווען אַזאַ צוגרייט פונעם תּלמיד, און אויב אַ יחיד קאָן אַזאַ אויפגאָב נישט אַליין באַזאָרגן, און דאָס איז באמת אַ שווערע הלכה, וואָלט מען דערצו באַדאַרפט אַ דאַך־קאַטעדרע, אָבער דאָס איז ביז הײַנט נישט געשען, כאָטש דאָס פאַרשטענדעניש דערפאַר האָט זיך, אין די לעצטע יאָרן היפּש אַנטוויקלט. אָבער ווען מען האָט מיר מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אָנפאַרטרויט אַן אַקאַדעמישן פּאָסטן, איז עס געווען ייִדיש־ליטעראַטור ווי אַ באַזונדערע דיסציפּלין און שפּעטער העברעיִשע ליטעראַטור ווי אַ באַזונדערע דיסציפּלין, און ווער עס האָט געוואָלט האָט געלערנט דאָס און ווער עס האָט געוואָלט האָט געלערנט דאָס, בשעת, לויט מײַן קאָנצעפּציע, מוז, לפּחות, אַן אַרײַנפיר אין אונדזער טאָטאַלער ליטעראַטור זײַן אַן אָבליגאַטאָרישער. איך בין כּלל נישט אינטערעסירט צו שפּילן עניוות און דערפאַר וויל איך נישט פאַרהוילן, אַז רעפּרעזענטירנדיק אַ מין פּערסאָנאַלע אוניע פון אַזאַ טאָטאַלן לערן־פּראָגראַם, האָב איך געבראַכט צו אַזאַ מין פּערסאָנאַלער אוניע בײַ כּמה תּלמידים, און די צווישן זיי, וואָס זענען אַקאַדעמיש באַשעפטיקט, וועלן די דאָזיקע אוניע ווײַטער פירן און אויסברייטערן, ביז דער עיקר פון אונדזער קאָנצעפּציע וועט ווערן אַ מין תּנאַי־בעל־יעבור, אָדער, ווי מען זאָגט עס אין לאַטײַן: קאָנדיציאָ סינע קוואַ נאָן.

ח

ווי איר זעט, האָט עס נישט בלויז, און אַפילו נישט בעיקר, צו טאָן מיט פּאַרליבטקייט, האָבי וכדומה סוביעקטיווע צוגענג, נאָר מיט אַן אָביעקטיוון כּלל־באַנעם, וואָס איז שוין לאַנג אַרויס פון מײַן רשות, און איז, מיט דער צײַט, געוואָרן אַן אַלץ מער אָנגענומענע קאָנצעפּציע, און נישט ווײַל איך בין אַזאַ חכם (געווען חכמים פאַר מיר, ווי ישׂראל צינבערג, און איך רעזערוויר מיר אין אַ שעת־כּושר אויפצווײַזן, ווו עס שטעקן די חילוקי־דעות צווישן אונדז), און איך האָב שוין געזאָגט, אַז עס וועלן נישט אַוועק אַ סך יאָרן און די דאָזיקע הנחות וועלן די שפּערלען אַראָפּשמוצערן פון דעכער. על כּל פּנים זענען זיי הײַנט שוין אַזוי פּאָפּולער, אַז מען וועט שוין

באַלד פאַרגעסן, ווער ס'האָט דעם ערשטן צוויטשער געטאָן, און דאָס וועט אפשר זײַן מײַן גרעסטער נצחון.

אָבער דערווײַל נאָך עפּעס וועגן דער פיל־שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור — וואָס שייך צוויי־שפּראַכיקייט האָט זי זי באַטריבן פון אָנהייב אָן, וואָס שייך דרײַ־שפּראַכיקייט, האָט זי זי באַטריבן לפּחות אין תּקופות פון באַזונדערער קיום־פּראָבלעמאַטיק. אמת, די דרײַערליי שפּראַכן זענען, לויט מהות און יחוס נישט געווען תּמיד גלײַכוואָגיקע און גלײַכוויכטיקע פאַקטאָרן. העברעיִש — היסטאָריש די לענגסטע און פּראָדוקטיווסטע, די אויטאָריטאַטיווע קולטור־שפּראַך; ייִדיש — היסטאָריש קירצער, אָבער געניטונג לאַנג, בפּרט ווען מיר נעמען אין באַטראַכט כּלערליי ייִדיש, און בעיקר די צענטראַלסטע (בבליש־אַראַמעיִש, אַשכּנזיש־ייִדיש), וואָס זענען היימישע, צומאָל די היימישסטע לשונות, און אַלץ וואָס ווערט אין זיי געשריבן געהער אין רײַסטער פון פאָלק.

נישט אַקוראַט אַזוי שטייט עס מיט לע״ז (גריעכיש, אַראַביש, דײַטשיש, רוסיש, ענגליש וכדומה) — זיי זענען קורצלעביקער און פאַרבײַיִקער, און נישט אַלץ וואָס אַ ייִד שרײַבט אין זיי געהער אַרײַן אין אונדזער ליטעראַ־טור, נאָר בלויז דאָס וואָס איז, נישט נאָר לויט שורש און מענטאַליטעט, נאָר בעיקר אויך לויט אינטענציע און כּיוון געשריבן פון ייִדן פאַר ייִדן, פאַר אַ ייִדישן קאָלעקטיוו (און זאָל דער באַנעם פון קאָלעקטיוו זײַן, ווי ער איז), ווי איך האָב אין דערמאָנטן ביכל בפּרטות אויסגעפּירט.

ט

צום סוף עפּעס לביתי: איך גופא האָב, ווי אַ שרײַבער, אָנגעהויבן דרײַ־ און אַפילו פיר־שפּראַכיק (פּויליש, דײַטשיש, ייִדיש, העברעיִש) און האָב מיך בעיקר סטאַטויִרט ווי אַ העברעיִשער שרײַבער, בין אָבער, נאָך אַ דרײַסיק־יאָריקער פּויזע, צוריק געקומען צום ייִדיש־שרײַבן, און האָב אין איר, לעת־עתּה, געלאָזט דרוקן פינף בענד, האָב אָבער פאַרגרייט מער ווי אַ טוץ ביכער, און אַז גאָט וועט מיר געבן געזונט און די פאַרלעגערס געבן שׂכל, וועלן אויך די איבעריקע ביכער מײַנע אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן. און וואָס שייך די דערמאָנטע טיטולן — ווער עס וויל זיי לגבי מיר נאָך ווײַטער באַנוצן זאָל אים, אָן מײַן שאָדן, וואויל באַקומען.

[ניסן תשל״ב]

דרײַ בענד שוועל־שטײנער

אַ וואָרט בײַ אַ מסיבה אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג

א

עס איז אַ קיימא־לן, אַז יעדעס לעבעדיקע באַשעפֿעניש ווערט מיט אַ יעדער רגע, יעדער שעה, יעדן מעת־לעת, יעדער וואָך עלטער; און אַזוי ווי איך בין אויך אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש איז דער דאָזיקער כּלל חל אויך אויף מיר. וואָס קאָן איך אָבער טאָן, אַז עס איז שוין אַוועק מער ווי אַ פֿערטל יאָר, און מײַנע גוטע פֿרײַנד מאַכן זיך כּלאָ־ידעו און מיינען, אַז איך האָב מיך, אַ שפּאַן די גרויס, נישט אַוועקגערוקט פֿון מײַן זיבעציקסטן געבוירן־טאָג, און זיי פּראַווען, בײַ מײַן לעבן, איין הילולא נאָך דער אַנדע־רער, און פֿאַרלאַנגען נאָך, איך זאָל זײַן דאַבײַ. איז אויף וויפֿל איך בין ביכולת, ווער איך מיך, טענהנדיק: כּל יתיר כּנטיל דמיא, טײַטש: וואָס צופֿיל, איז איבעריק, און פֿון צופֿיל לעקעך און פֿלאָדן בלײַבט מען נישט אָן אַ שאָדן; הערן דאָס ראובן און שמעון, טוען זיי אַ קרעכץ און זאָגן: אפשר איז טאַקע דער ייִד גערעכט, און זיי לאָזן מיך צו־רו. וואָס העלפֿט עס אָבער, אַז עס רוקן תּיכּף אָן לוי און יהודה און זאָגן: מילא, ראובן און שמעון ווייסן נישט, אַז דו ביסט אַ ייִד אַ חסיד, פֿילעווען זיי דיך מיט זיס־וואַרג, וואָס אנשי שלומנו קענען נישט פֿאַרטראָגן, אָבער מיר וועלן דיך מכבד זײַן מיט אַזוינס און אַזעלכס, פֿאַרפֿראַוועט מיט אײַטל זאַלץ און סאַמע פֿעפֿער. טראַכט איך מיר: וואָס דאַרף מען אויף מיר טײַטלען און פֿרעגן: צור ילדך תּשי, טײַטש: דעם פֿעלדז, וואָס האָט דיך געבוירן, טוסטו טאָן פֿאַרגעסן, און איך לאָז פּראַווען אַ קערמעשל, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז מען האָט מיך ווידער אַרײַנגענאַרט, און שטאָט אַ פֿעפֿערדיקן קוגל, האָט מען מיר ווידער דערלאַנגט אַ לעקעך פֿאַרזיסט, נישט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ זקן, מיט אַ קאַפּ ציקלאַמאַט, נאָר מיט אַ באַרג מעל־צוקער.

האָב איך געקלערט: איצט וועלן מסתּמא אָנרוקן יששכר און זבולון און אָבער־מאָל פּרוּוון מיר אײַנרעדן אַ הוריות. האָב איך בײַ מיר אָפּגע־קלערט, איך וועל כאַפּן די פֿיס פֿאַר דער נעץ און וועל אַליין שפּילן יששכר

און זבולון — קודם־כּל זיך אַ לייג טאָן ווי אַן איַינגעשפּאַרט אייזל און נעמען הויערן צווישן די געמאַרקן, און זיך נישט אַ ריר טאָן, און שפּעטער אויס־שפּרייטן פאַר זיך אַ פאַרמעט און מקיים זײַן: מזבולון מושכים בשבט סופרים און נישט וועלן זען, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. דערשנאַפּן די צוויי לײַט, טוען זיי אַ פליעסק מיט די הענט: אָט דאָס טאַקע מיינען מיר — נישט דיך מיט דײַן יובל, נאָר דעם חיבור דײַנעם, דאָס ספר, וואָס דו האָסט אַנומלט אַרויסגעגעבן, בפרט עס איז דער דריטער באַנד, ווילן מיר מקיים זײַן בחינת בריך תליתאה, טײַטש: געבענטש איז דער דריטער.

ב

יאָ, ווי אַ שיכּור צו בראָנפן, אַזוי ציט עס אַ מחבר צו הערן און צו רעדן וועגן זײַן חיבור, אַפילו ווען שרײַבן און אַרויסגעבן אַ בוך איז בײַ אים נישט קיין נאָווינע, ווי עס איז, ברוך השם, נישט בײַ מיר. וועל איך זיך נישט שפּילן אין נזירות און נאָך דעם ווי איך האָב געהערט, וואָס איך האָב אויסגעהערט פון די ליבלעכע קולות פון דער וועלט — שלמה שווייצער, געצל קרעסל, י. ח. בילעצקי, משה ערעם, פײַוול זיגלבוים, מאיר חרץ, יוסף קערלער, זיי זאָלן מאריך ימים זײַן, און דערנאָך דאָס ליבלעכע קול פון יענער וועלט — דניאל לייבל עליו השלום, וועל איך אויך צולייגן אַ קנייטל, און עפּעס דערציילן וועגן ראָמאַן צווישן מיר און מאַמע־לשון. איך זאָג: עפּעס, וואָס עס איז אַ לאַנגע מעשה, און ווען איך זאָל עס וועלן פאָדראָבנע אויסברײַען, וואָלט עס געדויערט ביז שבת־הגדול, אָבער אַזוי ווי עס איז מיר ניחאער דאָס זאָל זײַן בכתב — און דאָס וועט מסתמא אויך פאָדערן אַ דרײַלינג ביכער — וועל איך זיך איצט באַנוגענען מיט אַ קורצן בעל־פּה.

אָבער דערלויבט מיר אַ באַמערק, אַז איך בין נישט אַמגליקלעכסטן, וואָס עס קומט מיר אויס צו רעדן וועגן דעם דאָזיקן ראָמאַן, ווי אַן ענין פאַר זיך, בשעת עס איז באמת בלויז אַ טייל פון אַ גרעסערן ענין, דאָס איז דער ראָמאַן מיט אונדזער כּוללדיקער קולטור, וואָס יִדיש, סײַ שפּראַך סײַ ליטעראַטור, זענען ווי אַ גרויסע און ברייטע אָבער צײַטלעך און אָרטלעך באַשטימטע יבשה אויף דער אַ סך גרעסערער און ברייטערער און אַרומ־נעמערישער מאַפּע, וואָס ציט זיך פון בראשית־ברא עד היום. ניין, איך האָב זיך נישט געפילט אַמגליקלעכסטן נעכטן, גייענדיק צו דער מסיבה לכּבוד מיר אין בית־ברענער, מחמת דעם נישט אומבאַגרינדטן חשש, אַז מען וועט מיך כּמעט סכיזאָפרעניש באַהאַנדלען, לויט דעם שפּראַך־אויפטייל

פון מיר גופא און בעיקר פון מײַנע טעמעס. איך האָב מיך נישט געפילט אַמגליקלעכסטן הײַנט, גייענדיק אַהער, מחמת דעם נישט אומבאַגרינדטן חשש, אַז מען וועט מיך כמעט אַסימעטריש באַהאַנדלען. און אַזוי ווי דער טאָפּעלער חשש מײַנער איז מקוים געוואָרן, מוז איך דערמאַנען, אַז איך בין פּאָרט איין און דערזעלבער פּאַרשוין, און אַז לאָזן זיך שפּאַלטן בײַם לעבן געהערט נישט צו די גרעסטע תּענוגים.

ג

אַוודאי ווייס איך די תּשובה — מײַן צוויי־טעמאַטישקייט איז גורם דערצו, מײַן צוויי־שפּראַכיקייט איז גורם דערצו; דהיינו מײַן אינפֿאָרמאַטיווער, קריטישער און פֿאָרשערישער באַהאַנדל פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין באַזונדערע ביכער און דערזעלבער דרײַיִקער באַהאַנדל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין באַזונדערע ביכער איז גורם דערצו. ווײַל איך דערצו באַמערקן, אַז די זאַך האָט שוין אַ לאַנגע באָרד, וואָס זי דאַכט זיך אויס ווי געשפּאָלטן, אָבער זי שפּראָצט פּאָרט און צעוואַקסט זיך פּאָרט אויף איין און דעמזעלבן פּנים, ווי להבדיל קירה׳ס באַקנבערד. נאָך מער, עס איז מיר תּחילת נישט אײַנגעפֿאַלן צו טאָן וואָס איך טו איצט — אַרויסצוגעבן באַזונדערע ביכער וועגן העברעיִש־שרײַבערס און באַזונדערע ביכער וועגן ייִדיש־שרײַבערס, והראיה: ווען איך האָב מיט איין־און־צוואַנציק יאָר צוריק, געמאַכט מײַן ערשטן עסײיִסטישן סטאַרט, מיט מײַן בוך „אבני בוחן״ (פּרווו־שטיינער), זענען דאָרט געווען פּאַרטראָטן בײדערלײ קאַטעגאָריעס, ווי ליבלעכע און לײַבלעכע ברידער. און אַזוי האָב איך אויך געקלערט ממשיך צו זײַן, און אויב כ׳האָב משנה געווען און, אין מײַנע שפּעטערע ביכער, גענומען אויפֿטיילן די מחברים לויט זייער שפּראַך, איז עס נישט קיין מהותדיקער, נאָר מאָדוסדיקער אויפֿטייל, כּדי צו קאָנצענטרירן דעם אויפֿמערק פֿון העברעיִשן לייענער אויף דעם דאָזיקן באַזונדערן פּענאָמען פֿון אונדזער כּלל־ליטעראַטור, אין וועלכן ער איז גאָרנישט אָדער ווייניק באַהאַוונט. וואָס שייך, ווײַטער, מײַן אייגענער צוויי־שפּראַכיקייט, זענען די פּראָפּאָרציעס בײַ מיר נישט אויסגעגליכן, ווײַל איך האָב דאָס נישט אויסגעפֿיעט צו טאָן, בפֿרט נאָך דעם, וואָס איך האָב מיך אומגעקערט שרײַבן ייִדיש נאָך אַ דרײַסיק־יאָריקן איבעררײַס, און איך קלער עס אויך נישט צו טאָן — פּשוט, עס דאַכט זיך מיר, אַז די דאָזיקע פּראָפּאָרציעס שפּיגלען אָפּ די פֿאַרשיידענע ראָלן פֿון די צוויי שפּראַכן אויף אונדזער טאָטאַלער

היסטאָרישער קולטור־מאַפּע. ווי עס זאָל נישט זײַן, קען איך שוין הײַנט צו טאָג פֿאַרצייכענען אַ שטיקל אָנטייל, נישט בלויז וועגן, נאָר אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, דען לעבן מײַנע העברעיִש־געשריבענע דרײַ בענד „אבני מפתן" (שוועל־שטיינער) וואָס דער י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, איז דורך אים אויך אַרויס מײַן יידיש־געשריבן בוך „די חכמה פון חכמות" — צו דער ביאָגראַפֿיע פון וואָרט און ווערטל — וואָס האָט נאָך זיך געצויגן צוויי המשכדיקע בענד „חן גריבלעך", וואָס גייען אַרויס דורכן אַרגענטינער יידישן קולטור־קאָנגרעס, און צוויי בענד עסייען: „היימישע כתבים — שרײַבער, ביכער, פּראָבלעמען", וואָס גייען די טעג אַרויס דורך מרדכי זאַנשײַנס „מנורה"־פֿאַרלאַג.

אַזוי־אַרום איז מײַנס אַ הלצה געוואָרן אַ ממש, און מעשה שהיה כּך היה — מײַן ליבער פרײַנד, יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס האָט זיך וואָרעם אָפּגערופן וועגן מײַן בוך „די חכמה פון חכמות", האָט אָבער נישט געהאַלטן, אַז אַן איינציק בוך מאַכט מיך שוין פֿאַר אַ יידיש־שרײַבער, און האָט עס אויך, אין דעם זינען, באַמערקט אין זײַן האַרציקן קבלת־פּנים־וואָרט פֿאַר מיר אין בוענאָס־אײַרעס. האָב איך שטיפעריש אַ פרעג געטאָן: נו, אַז איך וועל דערגרייכן אַ האַלב טוץ יידיש־געשריבענע ביכער, וועל איך אפשר זוכה זײַן דערצו; און איצט קוים דרײַ יאָר נאָך דעם, האַלט איך, אָט־אָט, דערבײַ. אָבער עס קומט מיר פיר, אַז מען וועט מיך נאָך אַלץ טיטולירן: אוהב יידיש, חובב־יידיש וכדומה; און דאָס מסתּמא דערפֿאַר, וואָס עס איז דאָ אַ סענק דערבײַ — די הורמע העברעיִש־געשריבענע ביכער מײַנע שטערט עפּעס מײַנע טיטולאַטאָרן. אַפּנים, ווען זיי וואָלטן נישט געוועזן, וואָלט איך קראַנטער געוועזן. בין איך אָבער מיט קנין און מנין מוחל די חשיבות, וואָס וויל בײַ מיר אויסרײַסן דרײַ פערטל באָרד.

ד

דען, רבותי, פֿאַראַן צוויי גאָר פּאָפּולערע פֿאַראַלן, וואָס מען קנעלט זיי געררן. די איינע קלינגט: צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור; די אַנדערע קלינגט: צוויי ליטעראַטורן — איין פֿאָלק, און די וואָס חזרן זיי אײַן און חזרן איבער, פילן נישט, אַז זיי דריקן אויס צוויי פֿאַרשיידענע סיטואַציעס אין דער מאָדערנער צײַט: איינע וואָס איז געוועזן פריִער, און איינע וואָס איז געקומען שפּעטער.

די ערשטע סיטואַציע: צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור, שפּיגלט אָפּ יענעם אָפּשניט צײַט, ווען דער צענטער פון אונדזער ליטעראַטור איז געווען אין מזרח־אייראָפּע און אירע קאָלאָניעס, און די צוויי־שפּראַכיקע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעשפּאַרט סײַ אויפן פּראָדוצענט — דעם צוויי־שפּראַכיקן שרײַבער, סײַ אויפן קאָנסומענט — דעם צוויי־שפּראַכיקן לייענער; און אַזוי ווי איך זאָג בפירוש: שרײַבער און נישט שרײַבערין, לייענער און נישט לייענערין, מעג איך אַפּירהייבן דעם עיקר: עס איז געווען אַ פּערסאָנאַליע אוניע — דערזעלבער שרײַבער און דערזעלבער לייענער זענען געווען צוויי־שפּראַכיק; און עס איז נישט דאָס בעסטע צײַגעניש פאַר אונדזער פאָרשונג, וואָס מיר האָבן ביז הײַנט בלויז פראַגמענטאַרישע אַרבעטן וועגן דעם דאָזיקן קולטור־פּראָצעס, בשעת עס פאָדערט זיך אַ באַזונדערע ליטעראַטור־געשיכטע פון דעם אַספּעקט אַרויס.

בפרט אַז מיר שטעקן שוין לאַנג אין דער אַנדערער סיטואַציע, ווו צוויי־שפּראַכיקייט, ווי אַ פּערסאָנאַלע אוניע, איז אַ כּמעט אָפּגעשלאָסענער פּראָצעס, ווײַל סײַ דער שעפערישער און סײַ דער רעצעפּטיווער טייל אין דער פּערסאָנאַלער אוניע איז, אין די לעצטע צוויי דורות, סוקצעסיוו זעלטענער געוואָרן, און ווערט אַלץ מער אַ יקר־המציאות, און שטאָט דעם שותפות צווישןביידע שפּראַכן, איז געקומען אַ קאָנקורענציע צווישן זיי, וואָס אידעאָלאָגישע און פּראָגראַמאַטישע ווידעראַנאַנדן האָבן זי אַזוי צוגעשפּיצט, אַז דער פּאַראַל: צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור, האָט זיך פאַרביטן אויפן פּאַראַל: צוויי ליטעראַטורן — איין פאָלק, און ווען די ווידעראַנאַנדן זאָלן זיך געווען אַזוי שטאַרק און שאַרף ווײַטער ציִען, וואָלט זיך, בפרט בײַ אַן עקסטרעם־וועלטלעכן באַנעם, אויסגעפּיקט אַן איי, אַ פאַרזעניש: צוויי שפּראַכן — צוויי ליטעראַטורן — צוויי פעלקער. און אויב ווײַטער ציִען דאָס היפּאָטעטישע געשפּענסט, ווי עס האָט עס, אַ שטייגער, געטאָן יעקב קלאַצקין, וואָלט זיך דער שפּיץ פון דער אַנאָמאַליע, סײַ אין סטאַטישן סײַ אין דינאַמישן אַספּעקט פון דער ווידעראַנאַנדיקייט, גאָר נישט פויגלדיק פירגעשטעלט.

וואָס שייך דעם סטאַטישן, משמע דעם אינטער־ אָדער איבער־טעריטאָריאַלן אַספּעקט, האָט זיך דער ענין אָנגעהויבן מיט דער „מיסיאָן דעס יודענטומס״ און איר בפיוונדיקער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, און ענדיקט זיך מיטן וועלט־פאָלק און זײַן אויטאָמאַטישער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. און לגבי דעם אויפגעפרישטן קוויקעניש מיט צדקה עשה הקדוש־ברוך־הוא

לישׂראל שפּיזרם בין האומות, איז ערשטנס: עס שטייט לשון עבר עשׂה און נישט לשון הווה עושׂה, און צווייטנס: געגוג געלעבט פֿון צדקה. וואָס שייך, ווײַטער, דעם טעריטאָריאַלן אַספּעקט — ווען אַלע, אָדער רוב ווידעראַנאַנדן וואָלטן זייערס אויסגעפּירט, וואָלט עס געבראַכט צו אַ העברעיִש־שפּראַכיקער מדינה אין אַלטן לאַנד, אין ארץ־ישׂראל ווי עס איז געוואָרן אַ ממש, און צו אַ ייִדיש־שפּראַכיקער מדינה, אויפֿן שטייגער פֿון ביראָבידזשאַן, וואָס האָט זיך געפּיקט אויף אַ שטיקל ממש, אָדער פֿון קומבערלאַנד און סורינאַם, וואָס זענען נישט אַריבער דעם תּחום פֿון אַ פֿרומען ווונטש.

אָבער אויב די סטאַטישע ווידעראַנאַנדיקייט לעבט נאָך אין דער מאָדולאַציע פֿון אַ צוויי־פּנימדיקן הײַנט, גלײַכוואַרטיקע און גלײַכוואָגיקע גרונט־פֿאָרמעס פֿון ייִדישן קיום, און גלייבט, אָדער סימולירט אַ גלויבן אין זײַנעם אַ פֿעסטן מאָרגן, איז די דינאַמישע ווידעראַנאַנדקייט שוין אַ מוזעאַלער רעקוויזיט, כאָטש קיינער קען אַ פּאָר ייִדן נישט שטערן אויסלעבן זיך זייערע יאָרן אין זייער אָפּגעלעבטן און איבערגעלעבטן אני־מאמין.

ה

קלער איך כּלל נישט אײַך, און אַפֿילו זיך, מטריח זײַן און נעמען ויכּוחן מיט די רעליקטן פֿון די און ענלעכע פֿאָרמאַציעס. אויב איך האָב זיי דאָך דערמאַנט, איז עס בלויז מחמת דעם, וואָס זיי פֿאַרבינדן דעם גורל פֿון ייִדיש מיט זייערע קאָנצעפּציעס. קען זיי דאָס, פֿאַרשטייט זיך, קיינער נישט פֿאַרווערן. די צרה איז אָבער, אַז זיי באַטראַכטן זיך ווי די מאָנאָפּאָליסטן פֿון ייִדיש, וואָס פֿון זיי איז געווענדט דער היתּר אָדער איסור פֿאַר אַן אַנדערן, מעג זײַן היסטאָרישער און אַקטואַלערן, אויסקוק, בפּרט אויב ער פּרעטענדירט אויף הלכה־למעשׂה, ווײַל זיי זענען דאָס די איינציק־לעגיטימע בני־סמכא, צו פּסקענען, ווער און אויף וויפֿל עס איז געטרײַ אָדער פֿאַרראָט, וכדומה. ובדידי הווה עובדא, און אויב איר ווילט דרײַ עובדות.

די ערשטע עובדא — איך האָב, אויף מײַן שפּרײַז איבער ביידע אַמעריקעס, געזען בחוש וואָס פֿאַר אַ פּנים עס האָט פּאַקטיש אונדזער אַזוי געררופענע פּלוראַליסטישע קולטור, משמע ווי אַרום נישט ייִדיש אָדער העברעיִש, נײַערט ענגליש, אָדער שפּאַניש איז דער הערשנדיקער און ווערט דער איינציק־הערשנדיקער קולטור־ און שפּראַך־גורם אין מערבֿ־בלאָק און זײַן פּעריפֿעריע, פּונקט ווי רוסיש איז און ווערט עס אין מזרח־בלאָק און זײַן פּעריפֿעריע, אַזוי אַז דער אַנטשיידנדיקער רובֿ ייִדן אין די גלותן איז

און ווערט פרעמד־שפּראַכיק. האָב איך, אויף וויפל מײַן קול דינט מיר, געפּרוּווט רופן צו אַ קאָאַליציע פון די אַזוי גערופענע העברעיִסטן און אַזוי גערופענע ייִדישיסטן, לשם אַ געאייניקטן פראָנט קעגן דער פרעמדשפּראַכי־קער אַליינהערשאַפט. איז עס געווען אַ קול קורא במדבר, בעיקר ווען איך האָב גערעדט צו אַלטע, און נישט ווײַל זיי האָבן געקאָנט באַווײַזן, אַז אונדזערע לשונות וואָלטן פון אַזאַ קאָאַליציע געליטן, נאָר ווײַל זיי האָבן אַפילו נישט געפּרוּווט פאַרהוילן, אַז די אידעאָלאָגישע און פּראַגראַמאַטישע אײַנגערעדטע מאָנאָפּאָליע פון געוועזענע וואָלט דערפון געליטן. און — ווי איך האָב שוין געזאָגט — געוועזענע זענען זיי דאָך אַלע, סײַ די וואָס זייער פּראָגראַם האָט געוווּנען, סײַ די וואָס זייער פּראָגראַם האָט פאַרשפּילט — די ערשטע, ווײַל עס האָט געוווּנען, די אַנדערע, ווײַל עס האָט פאַרשפּילט. אָבער די און די פאַרבאַריקאַדירן דאָס געוועזענע אונטער דעם אייביקן וויטאַלן עלעמענט פון זייער פּראָגראַם — די ערשטע אונטער ייִדיש, די אַנדערע אונטער העברעיִש; און די ערשטע דערהאַלטן איצט אין אַזאַ כּרך גדול ווי ניו־יאָרק קוים איין טאָגצײַטונג, און די אַנדערע דערהאַלטן דאָרט קוים אַ וואָכנבלאַט, און בײַ ביידע האַלט עס אַלץ מער באַרג־אַראָפּ. נאָר אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אינערציע: זאָלן ביידע באַזונדערע אינ־סטיטוציעס און אַקטיוויטעטן האַלטן אין איין אײַנגיין, און ווערן אַן ענין פאַר גראָנטאָלאָגן, אָבער אַז די ריוואַלן זאָלן זיך, לטובת זייערע היימישע קנינים, זעצן צום טיש, כּדי אָפּצוּווערן דעם שטאַרקן פרעמדן קאָנקורענט — דאָס נישט.

די אַנדערע עובדא — אויפן ייִוואָ־באַנקעט האָב איך זיך מיט דער גאַנצער באַוואָרנטקייט פון אַ גאַסט, דערוועגט צו לאַנסירן אַ געדאַנק, צי וואָלט נישט כּדאַי געווען, אַז דער דאָזיקער אינסטיטוט זאָל אַ קלער טאָן, צי דער צענטער זײַנער דאַרף זײַן אין ניו־יאָרק, אָדער אין ירושלים, און אַזוי ווי איך שפּיל תּמיד אָפענע קאָרטן, האָב איך נישט פאַרהוילן, אַז לויט מיר ווײַזט זיך אויס, איז עס לאָגיש, אַז דער צענטער זאָל זײַן אויפן אָרט, וואָס איז איצט נישט בלויז דאָס האַרץ פון חכמת־ישׂראל, וואָס חכמת ייִדיש איז איר אָרגאַנישער טייל, נאָר אויך דאָס האַרץ פון אונדזער היסטאָ־רישער און אַקטועלער דינאַמיק. פאַרשטיי איך, אַז מ׳קען דאַריבער דיס־קוטירן, און איך וואָלט אין דער דיסקוסיע גערן גענומען אַ וואָרט, און געפּרוּווט מײַן סברה באַקרעפטיקן, פּונקט ווי איך פאַרשטיי, אַז מ׳קען דאָס האַלטן פאַר אומדיסקוטאַבל, וואָלט איך נישט געטריבן קיין דאָנקישאָטעריע,

פֿאַר װעלכער איך האָב אַנדערע אָביעקטן, אָבער די אָפּרופֿן זענען געװען נישט אַהין און נישט אַהער; עס האָט זיך אַ שיט געטאָן אַ בערגל פֿאַר־דרייענישן, אינסינואַציעס, פּערסיפֿלאַזשן, אָבער קיינער האָט, בעצם, נישט געפֿרעגט די עיקר־קשיא, צי װאָלט דער ייִװאָ פֿאַרדינט אָדער אָנגעװוירן, װען דער צענטער זײַנער װאָלט געװען אין ירושלים, און זײַנע גרויסע פֿיליאַלן אין ניו־יאָרק, בוענאָס־אײַרעס, מאָנטרעאָל. װעט איר פֿרעגן פֿאַר־װאָס פֿרעג איך זי נישט מער, װעל איך ענטפֿערן אַז נאָך דעם, װי מען האָט טאָרפּעדירט אַ סך קלענערע פּרוּװן, װאָס איך װיל לעת־עתּה נישט רעדן װעגן זיי בפֿרהסיה, כּדי נישט מבייש צו זײַן נאָענטע און װײַטע פֿרײַנד, און אויפֿדעקן זייער פֿאַרבלענדעניש, האָט עס נישט קיין זין, אַ קשיא סתּם איבערחזרן. אָבער צום עצם ענין האָט עס גאָרנישט — דער צענטער פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג װעט זײַן אין ירושלים, װײַל דאָס ליגט אין אימאַנענטן אַנטװיקל פֿון אונדזער קולטור־גאַנג, אַז דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק איז דער געטרײַסטער היטער פֿון אַלע זײַנע שעפֿערישקייטן; אלא מאַי, איך האָב געטראַכט: עס װעט געשען מיט ייִװאָ, װעט עס לעת־עתּה געשען אָן ייִװאָ, אויב ער װעט זיך דערװײַל נישט מיישב זײַן.

די דריטע עובדא: אַזוי װי איך בין דעמאָלט דאָס ערשטע, און מסתּמא אויך לעצטע מאָל, געװען אין ניו־יאָרק, האָב איך געקלערט, אַז אפֿשר האָב איך, אויפֿן סמך פֿון מײַן נסיון און שיקול־הדעת, עפּעס צו זאָגן בײַם ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, װאָס איז זיך צוזאַמענגעקומען, אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. נישט, אַז זיי האָבן נישט געװוּסט, אַז איך בין דאָ — אדרבא, אַ גרויסער און גאָר װיכטיקער שרײַבער האָט אויף זיך גענומען די קליינע און גאָרנישט װיכטיקע ראָל אַרויסצורײַסן אַ מכלומרשטן זאָג מײַנעם פֿון אַ קאָנטעקסט, װאָס ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויערן געהערט, און אַזױ־אַרום מיר אָנגעהאָנגען אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, און אַן אימפּולסיװער קולטור־עסקן האָט עס אויפֿגעכאַפּט און אויפֿגעבױט פּיתּום און רעמסס; און די היגע שליחים, װאָס קענען מיך פֿון פּיק־אויף, האָבן קיין פּיפּס נישט געטאָן. האָב איך, בעצם, נישט קיין תּרעומת — מסתּמא האָט מען מיך נישט באַדאַרפֿט, אָבער אַ פֿליאָטקע װעגן מיר האָט מען יאָ באַדאַרפֿט צו האָבן. מען האָט זיך אַפֿילו באַרעכנט, אָבער po chupie
— דער דעמאָלט נײַ־געװיילטער פּירזיצער פֿון קולטור־קאָנגרעס האָט מיר בעל־פּה געזאָגט און דער סעקרעטאַר פֿון קולטור־קאָנגרעס האָט מיר בכתב באַשטעטיקט, אַז מען איז לגבי מיר באַגאַנגען אַן עװלה. אָבער איך שפּיל

נישט קיין באַעוולטן, און עס איז מיר געגאַנגען אין עפּעס אַנדערש. איך האָב, בעצם, געוואָלט צורויבן אַ פּאָר געציילטע מינוטן, כּדי פון דער דאָזיקער טריבונע צו באַמערקן, אַז נאָך דעם ווי איך האָב געזען, וויאַזוי ייִדיש־אינסטיטוציעס באַמיִען זיך צו פּראָפּאַגירן ווערט און באַטײַט פון ייִדיש אין פּובליקאַציעס אויף עטלעכע פרעמדע שפּראַכן — ענגליש, שפּאַניש, פראַנצויזיש — וואָלט איך זיי געראָטן צו פּרוּוון נאָך אין איין פרעמדער שפּראַך — איך זאָג: פרעמד לגבי די וואָס זיי היטן זיך פאַר איר, ווי אַן ערלעכער ייִד פאַר מוקצה — איך מיין העברעיִש, אפשר וועלן זיי, מיט דער הילף און ראָט פון זייערע היגע דעלעגאַטן, עפּעס מער פּועלן.

ו

אַזוי ווי איך פּרוּוו עס שוין, און נישט אָן הצלחה, אַ סך יאָרן, סײַ ווי אַ שרײַבער, סײַ ווי אַ לערער, סײַ ווי אַ לעקטאָר, וויל איך טאָקע דאַנקען דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, און בעיקר די פרײַנד שלמה שווײַצער און יהודה קערש, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אַ טייל פון מײַנע באַמיִען צו קאָנצענטרירן, אײַנזאַמלענדיק אין די דרײַ בענד „אבני מפתן״, קריטישע אַרבעטן וועגן ייִדיש־ליטעראַטור, פּונקט ווי איך דאַנק זיי און אַברהם ליס, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אָנצוהייבן צו פאַרעפנטלעכן מײַנע פאָרשערישע אַרבעטן וועגן ייִדישן לשון, „די חכמה פון חכמות״, און האָבן, ווי אַ צווייִשפּראַכיקער פאַרלאַג, מיך, דורך־אגב, פּרעזענטירט ווי אַ שטיקל דוגמא פון אַ צוויי־שפּראַכיקער פערסאָנאַלער אוניע, וואָס איז, מיט אַ צוויי דורות צוריק, געווען אַ וואָכנגאַנג און איז הײַנט גאָר זעלטן, אַזוי אַז עס איז ווײַט פון זײַן בחינת מעשׂה אבות סימן לבנים, אָבער וואָס שייך מאָרגן זענען דאָך חוץ בנים פאַראַן בני בנים.

[סיון תשל״ב]

עפּעס לכּבוד עצמי

ווײַזט אויס, אויך אַ פּרעמיע פּראַוועט בר־מצוה — די טעג איז די יאָר־יערלעכע פּרעמיע פון דעם שרייבער און קינסטלער־קלוב „מילוא" אין תּל־אביב צום דרײַצנטן מאָל פֿאַרטיילט געוואָרן. ווי דער דרך פון דער פּרעמיע איז, האָבן זי באַקומען פיר פֿאַרשוינען פון פיר תּחומים: אַ מאָלער — ישׂראל פּלדי; אַ מוזיקער — בן־ציון אורגד; אַ שוישפּילער — ישׂראל בעקער; אַ שרײַבער — מײַן ווייניקייט. יאָ פּ אַ ר אַלע פיר האָט מען צוגעטיילט אַ, לעת־עתּה סימבאָלישע, פּרעמיע דעם אַנאָנימען מחבר פון דעם הימן „כּחול לבן" (בלוי־ווײַס), וואָס געפינט זיך נאָך אין סאָוויעט־ן־וסלאַנד.

וויל איך דאָ ברענגען, פאַרן יידישן לייענער, מײַן וואָרט בײַ דער דאָזיקער מסיבה.

א

ווי איר ווייסט, בין איך ממש אײַנגעטונקען אין פּרעמיעס, אמת ווי אַ געבער און נישט ווי אַ נעמער, אָבער ווער עס האָט אַ סך צו טאָן מיט אַן ענין, סײַ ווי אַ נעמער, סײַ ווי אַ געבער, שוואַכט זיך אים, מחמת רגילות, אָפּ דער חידוש און עס ווערט פֿאַר אים אַ מין וואָכנגאַנג, און ער דאַרף אַ דערמונטערונג, כּדי אָפּצוהיטן דאָס קאָפּ קדושה, וואָס אָן אים טויג נישט קיין שום יום־טוב, אויך נישט אַ פּרעמיע־יום־טוב.

און ווי אַרום קריגט מען אַזאַ אויפמונטערונג — מען קלערט זיך ווידעראַמאָל אַרײַן אין דער עצם־הלכה פון פּרעמיעס, וואָס זענען אַ מין יום־טוב, וואָס מיר האָבן זיך אין לעצטן דור אויסגעטראַכט; וועל איך טאַקע פּרווון איבערחזרן, וואָס איך האָב שוין געזאָגט מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו זשורירן. איך האָב דעמאָלט געפרעגט: ווּעמען, אייגנטלעך, גיט מען דאָס די פּרעמיע — דעם ספר אָדער דעם סופר, דעם בוך אָדער דעם שרײַבער, און אַזוי ווי מיר רעדן איצט פון אַנדערע תּחומים, איז מער ניחא צו פרעגן: דעם שאַפער אָדער זײַן באַשאַף. און דער חילוק איז, אַז אויב די פּרעמיע ווערט געגעבן דעם ספר, איז עס דאָך פֿאַר אַ זאַך, וואָס איז שוין געטאָן געוואָרן, און נישט אומזיסט רעדן, געוויינטלעך, די סטאַטוטן וועגן דעם חוב פון אָנערקענונג; אָבער אויב די פּרעמיע ווערט גע־

געבן דעם סופר, איז עס אויך פֿאַר דעם, וואָס ער וועט נאָך טאָן, און נישט אומזיסט רעדן, געוויינטלעך, די תּקנות וועגן דעם זכות פֿון סטימול; און אויב סטימול — דאַרף עס נישט דאָס ספר, וואָס איז שוין פֿיקס און פֿאַרטיק, און וואָס זײַן חסרון איז טאַקע, וואָס עס וועט שוין נישט ערגער ווערן ווי עס איז; דעם סטימול דאַרף דער סופר, אַז זײַנע קומענדיקע ספרים זאָלן זײַן, אויב נישט בעסער, טאָ, לפּחות, נישט ערגער פֿונעם פּרעמירטן ספר. הייסט עס, אַז אויב מען גיט די פּרעמיע דעם ספר, באַצאָלט מען אַ חוב; אויב מען גיט די פּרעמיע דעם סופר — גיט מען אויך אַן אַוואַנס.

ב

נו, ווי געזאָגט האָב איך זוכה געווען אויסצוטיילן אַ סך פּרעמיעס און אַז איך האָב געזען, אַז די צאָל דערנענטערט זיך, מיט אײַלנדיקע טריט, צו אַ הונדערטער, האָב איך אויפֿגעהערט ציילן. און צוליב אַ פּשוטן טעם — ווען איך האָב אָנגעהויבן מיט דער דאָזיקער פּראָפּעסיע, האָב איך געהערט, אַז דער גאַנצער ענין פּרעמיעס, שטייט אויפֿן פּרינציפּ: שמור לי ואשמור לך, משמע: ראובן גיט הײַנט אַ פּרעמיע שמעונען; כּדי שמעון זאָל געבן מאָרגן אַ פּרעמיע ראובנען. נו, האָב איך מיר אויפֿגענייט צוויי בײַטלען פֿאַר דעם ים פּרעמיעס, וואָס איך וועל צוריקקריגן — איינעם פֿאַר די שבחים און איינעם פֿאַר די קלינגערס. האָט זיך אָבער אויסגעשטעלט, אַז עס איז אַן אויסגעבלאָזן איי: איך האָלט שוין העט ווײַט בײַם געבן — אַ הויכער סטויג תּבֿואה; אָבער וואָס שייך נעמען — קוים־קוים אַמאָל אַן אָרעם מעסטל.

איך וויל נישט זאָגן, אַז דער פּרינציפּ שמור לי ואשמור לך, איז אַן אויסטראַכטעניש, נאָר איך האָב צו אים קיין מזל נישט געהאַט. פּאַרקערט, עס האָט מיך בפֿירוש צוויי מאָל איבערגעהיפּערט. ערשטנס, זיץ איך אין אַ סך זשוריס, און די זשורי קייטלט זיך צומאָל יאָרן, און אַזוי ווי אַ שופֿט איז נישט קיין געמשפּטער — קען איך אַפֿילו נישט זײַן קיין קאַנדידאַט. צווייטנס — די וואָס שיקן מיך אין זשורי שיקן מיך דווקא אַהין, וווּ דער פּרינציפּ שעמט זיך אָנצוגיין, און נישט אַהין, וווּ ער האָט אַוועקגעלייגט די בושה. האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט און די צוויי אַזוי שיין אויפֿגענייטע בײַטלען אַ וואָרף געטאָן, און זיי מפֿקיר געווען די כוואַליעס פֿון ים און דעם שטורעם פֿון מדבר; און האָב אויפֿגעהערט צו ציילן די שטערן, וואָס איך האָב זוכה געווען זיי משמש צו זײַן. און עס איז באמת אַ גרויסע

זכיה און איך ווייס נישט, וואָס איז מיר דערצו בײַגעשטאַנען — געפינען זיך דאָך צווישן די פרעמירטע די סאַמע פּני, אָנגעהויבן פון טשערניכאָווסקי און שניאור און פאַרענדיקט מיט נתן אַלטערמאַן און לאה גאָלדבערג, און אין דער מיט די שײַנדלעך פון דרײַ דורות. אמת, די זכיה איז נישט בלויז מײַן פאַרדינסט, — דען צו אַ זשורי געהערן דרײַ, און די דרײַלינגען האָבן געווײַנטלעך געהאַט אַ משא־ומתן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פסק הלכה, סײַ ווען די צוויי זשורי־חברים האָבן איניצירט, און איך בין צוגע־שטאַנען, סײַ ווען איך האָב איניצירט, און זיי זענען צוגעשטאַנען; על כל פּנים האָב איך קיינמאָל נישט דערלאָזט צו אַ פסק פון אַ רוב, לאַ־כּל־שכּן צו זײַן פּובליקאַציע, העכסטנס האָב איך אָנגעווענדט אַ פאָרטל — איז דער פסק געווען בלב שלם, האָב איך פאָרמולירט: די זשורי האָט איינשטימיק באַשלאָסן פירצוּלייגן וכו׳, איז געווען עפּעס אַ קווענקל, האָב איך פאָרמו־לירט: די זשורי האָט באַשלאָסן איינשטימיק פירצולייגן וכו׳, און ווער עס האָט זיך געכאַפּט האָט פאַרשטאַנען.

ג

וועט איר פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי איך בין אַ גאָר אָפטער געבער און בין מער געניט דערינען, און אַ זעלטענער נעמער, און בין ווייניקער געניט דערינען, לערן איך אָפּ פון מײַן געניטקייט אויף מײַן אומגעניטקייט, און וואָס איך האָב געפרעגט ווי אַ געבער, פרעג איך ווי אַ נעמער: די פּרעמיע, וואָס מען האָט מיר איצט צוגעטיילט, צו וועמען, איז זי זיך מתכוון — צום ספר אָדער צום סופר. אויב צום ספר, און עס מיינט צו באַצאָלן אַ שטר־חוב, דאַנק איך פון גאַנצן האַרצן, די חברים פון זשורי, אָבער ווי אַן אַלטער דיין פרעג איך, מיט וואָס זענען דאָס די צוויי פרעמירטע ביכער מײַנע „אבני גדר״ וועגן העברעיִש־שרײַבערס און „אבני מפתן״ וועגן יידיש־שרײַבערס, בילכער פון מײַנע פריִערדיקע ביכער, און זיי זענען, ברוך־השם, נישט ווייניק. אויב אָבער צום סופר, און דאָס איז אַן אַוואַנס, וואָס איז סוף־סוף אַ וועקסל, וואָס איך וועל דאַרפן באַצאָלן, פרעגט זיך, ווי איז מען דערמיט מחייב אַ ייִדן, וואָס שטייט אויף דער שוועל פון זײַנע זיבעציק, און ער קערט זיך שוין אום פונעם ירידה, וואָס האָט זיך געצויגן רוב יאָרן זײַנע, דען וואָס ער האָט אויף דעם יריד קאַליע געמאַכט, קען ער שוין מער נישט לײַטיש פאַרריכטן; עס סטײַעט אים פשוט נישט מער דער כּוח און די צײַט דערצו, ער זאָל זיך קענען לאָזן אויף אַ נײַעם יריד, וואָס דער מאַרק

זײַנער געהערט בעצם, שוין צו אַנדערע, ייִנגערע פֿון אים און פֿרישערע פֿון אים.

ווערט איר דאָך פֿרעגן: אויב אַזוי, פֿאַר וואָס בין איך אײַנגעגאַנגען און האָב איצט די פּרעמיע אָנגענומען, בפֿרט אַז איך האָב שוין געקראָגן די ישׂראל־פּרעמיע פֿאַר מײַן לעבנסווערק, און מען לעבט דאָך נישט מער ווי איין מאָל. וועל איך אײַך ענטפֿערן צוויי תּשובֿות. די ערשטע תּשובֿה: אויך בײַ פּרעמיעס טרעפֿט זיך דער ענין גדול וקטן שם הוא — טרעפֿט זיך, אַז אני הקטן בין דער שופֿט פֿון מי לנו גדול ווי שאול טשערניכאָווסקי; נאָך מער, אין דער זשורי, פֿון דער ביאַליק־פּרעמיע, ווו עס זענען געווען יהודה קרני עליו השלום און שלמה צמח שיאריך ימים, האָב איך געספּקט, אויב עס האָט אַ זינען, צו באַטראַכטן דעם גרויסן דיכטער פֿאַר אַ קאַנדידאַט, נישט, חלילה, אַז איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס יעדער לייענער האָט פֿאַרשטאַנען — אַז דאָס בוך זײַנס „ראי אדמה” איז אַ חידוש גדול סײַ פֿונעם דיכטער סײַ אין דער דיכטונג, נאָר ווײַל איך האָב געהאַלטן אַז ער איז איבער אַיעדער קאַנדידאַטור. טוט, רבותים, אַ קוק — האָב איך געטענהט — ווען איך האָב דערזען דאָס ליכט פֿון דער וועלט, איז שוין טשערניכאָווסקי געווען טשערניכאָווסקי, און זײַן דיכטונג האָט זיך אויסגעברייט און פֿאַרטיפֿט, דאַרף איך, נאָך קאַרגע פֿערציק יאָר, קומען, כּדי אויסצופֿירן: אויך איך בין מסכּים, אַז שלמה המלך איז געווען אַ גרויסער חכם. איך האָב געבעטן דאָס אַלץ ברענגען אין טעקסט פֿון חוות־דעת, אָבער די פּרעמיע געבן אַ ייִנגערן דיכטער, ש. שלום. איצט נאָך אַזוי פֿיל יאָרן מעג איך דערציילן, אַז די זשורי איז דערויף אײַנגעגאַנגען און אַזוי איז אויך דאָס רוברום פֿון חוות־דעת פֿאָרמולירט געוואָרן. אָבער בײַ דער צווייטער זיצונג האָבן זיך מײַנע זשורי־חברים מיישב געווען, און געזאָגט, אַז סײַ די סטאַטוטן, סײַ די קאָמפּעטענץ אונדזערע זענען אונדז מחייב צו זײַן, וואָס מיר זענען באַשטימט צו זײַן — דיינים, און איך בין, פֿאַרשטייט זיך, צוגעשטאַנען, און מען האָט אין חוות־דעת אײַנגעשטעלט אַן אַנדערן סדר — די פּרעמיע טשערניכאָווסקין, און אַ לויבוואָרט ש. שלום. נאָכן פֿאַרטיילן די פּרעמיע האָט מיר טשערניכאָווסקי געזאָגט: איך פֿאַרשטיי אַ מעדאַליע, אָבער איך בין נישט גורס אַ פּאָכוואַלני ליסט. האָב איך אים דערציילט, ווי די זאַך איז געשטאַנען, און צוגעגעבן: איר זענט אַ הירש מיט גרויסע פֿאַרצווײַגטע הערנער, וואָס טוען מיר שוין אויף, אַז מיר לייגן אײַך אַרויף אַ בלומען־קרענצל אויפֿן שפּיץ פֿון אַ האָרן; דער ייִנגערער דיכטער איז נאָך

אַ יונג הירשל, וואָס ס׳שפּראָצן אים די ערשטע הערנדלעך, און אַז מיר לייגן אויף זיי אַרויף אַ בלומען־קרענצל, איז עס ניכּר — אַ קראַנץ ממש. האָט ער מיר אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט: ביסט דיך טועה, ערשטנס איז עס אַ גרויסער, גרויסער כּבוד צו באַקומען אַ פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון ביאַליק; צווייטנס, איז וועגן „ראי אדמה״ נישט געווען קיין פּיפּס אין דער פּרעסע; דריטנס, וואָס עלטער מען ווערט, ווערן די געבליטן קעלטער, און עס טוט זיי גוט דאָס וואַרעמקייט פֿון דער זון, כאָטש אַ האַרבסט־זון.

ד

ווער עס קערט זיך אום פֿון יריד, איז געגליכן צו איינעם, וואָס קערט זיך אום אַהיים נאָך יום הקדוש. זאָגט מען אים נוסח פּוילן: איר זאָלט האָבן גוט געפּועלט, און נוסח אַשכּנז: איך ווינטשע איהנען גוט געפּאַסטעט צו האַבען. עס איז אַ שיינע ברכה, אָבער זי איז נישט מסוגל איבער־אַנדערשן נישט די פּעולה פֿונעם דאַווענען, וואָס מען האָט שוין אָפּגעדאַוונט, און נישט דעם כּוח פֿונעם תּענית, וואָס מען האָט שוין אָפּגעפֿאַסט, אָבער זי איז בכּוח אויפֿצוּוועקן, נאָכצוקלערן, וואָס האָט מען, בעצם, אויפֿגעטאָן אויפֿן יריד. און איר, דיינים מומחים, האָט געפֿונען די רעכטע שעה דערצו — אין די טעג ממש ווערן פֿופֿציק יאָר פֿון מײַן שרײַבערײַ. אַז איך וויל מיך באַרימען פֿאַר מיר אַליין, פֿאַרשיב איך דעם אָנהייב העט־העט אין די פֿריִע קינדער־יאָרן — ווען איך האָב געלאָקערט אויף יענעם אָרעמאַן, וואָס מען האָט אים גערופֿן גראַם־ייִד, און געפּרוּווט, אים נאָכמאַכן און רעדן אין גראַמען. אָדער איך באַנוגן מיך מיט די שפּעטערע קינדער־יאָרן, ווען איך בין געווען פֿאַכאַפּנע אויף בדחנים, און איך פֿלעג מיך פֿאַרגנבֿענען צו יעדער חתונה — ווי איך דערצייל עס אין מײַן נאָוועלע „האדרת הכּתולה״ (דאָס בלויע מענטעלע). שוין אָפּגעשמועסט פֿון מײַן ייִנגלשע יאָרן — ווען איך האָב אָנגעשריבן, פֿאַרשטייט זיך, פּויליש, אַ שרעקלעך לאַנגע פּאָעמע וועגן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מײַן טאָגבוך, וואָס איך האָב, פֿאַרשטייט זיך דײַטשיש, געשריבן בשעת דער דאָזיקער מלחמה, ביז איך האָב, צום ערשטן מאָל, געזען מײַן נאָמען געדרוקט אין דער קינדער־בײַלאַג „דער גוטע אָנקעל״ פֿון אַ מעהריש אויסטראָווער דײַטשיש־ייִדישער צײַטונג. אַ שאָד וואָס דאָס אַלץ איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, אפשר וואָלט זיך געטראָפֿן ווער עס וואָלט זיך אין די שפּאַרגאַלעס געבאָרעט און וואָלט

זיי פאַרגליכן צו מײַנע שפּעטערדיקע ביכער און געפּסקנט: ער האָט זיך פּאָרט אַ ריר געטאָן. אָבער באמת, הייבט זיך מײַן קאַריערע אָן מיט פופציק יאָר צוריק, און דאָס מיט פיר זאַכן. ערשטנס, האָב איך גענומען איבער־זעצן העברעיִשע פּראָזע אויף פּויליש, און אָפּגעדרוקט אין דער ציוניסטי־שער „כווילאַ"; און מײַן קוואַטער איז געווען דער רעדאַקטער, הענריק העשעלעס; צווייטנס, האָב איך איבערגעזעצט פויליש אַן אַנטאָלאָגיע פון העברעיִשער פּאָעזיע, און מײַן קוואַטער האָט געזאָלט זײַן ישׂראל מינצער און עס איז דערפון גאָרנישט געוואָרן, די אַנטאָלאָגיע איז פאַרלוירן גע־גאַנגען און עס איז געבליבן בלויז איין ליד פון ביאַליק און איין ליד פון שימאָנאָוויטש (שמעוני), און זיי זענען, ערשט אַ קאַרגע צוואַנציק יאָר שפּעטער, אָפּגעדרוקט געוואָרן, און איך פאַרמאָג נאָך מײַן פּוילישן נוסח פון ביאַליקס „מגילת האש" און האָף אים, צו זײַן הונדערטיאָריקן געבוירן־טאָג, צו פּובליקירן. דריטנס, האָב איך אַרויסגעגעבן אין פּשעמישל אַ קליין געזעמל העברעיִשע לידער „צלילים" און דער קוואַטער מײַנער איז געווען מײַן עלטערפעטער, ר' חיים הכהן, האָב אָבער געוואָרפן אַן אומחן, און עס דן־לגניזה געווען, און אין דער וועלט דרייען זיך אפשר אַרום צוויי־דרײַ קאָפּיעס. פערטנס, האָב איך גענומען שרײַבן יידישע לידער און געדרוקט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", ווו מײַן קוואַטער איז געווען משה פראָסטיג, און אין וואַרשעווער „פאָלק און לאַנד", ווו מײַן קוואַטער איז געווען יצחק לופּבאַן. דאָס אַלץ איז געווען אַקוראַט מיט פופציק יאָר צוריק, און אַזוי ווי דער רוב דערפון איז געווען אין רשות הרבים, וועט זיך אפשר עמעץ אַמאָל מטריח זײַן און אויפקלײַבן די פאַרגעלטע בלעטער און זיי פאַר־גלײַכן צו די שפּעטערדיקע ביכער מײַנע און פּסקנען: ער האָט זיך פּאָרט אַ ריר געטאָן.

ו

איך וואָלט געקענט אַ סך דערציילן וועגן יענע אָנהייבן, און וויל עס נאָך מאַכן בדרוק, אָבער בעל־פה דערלויבט מיר דערציילן איין עפּיזאָד: איך האָב דעמאָלט געלייענט וועגן אַנסקיס „דיבוק", וואָס עס האָט געשטעלט דאָס לעמבעריקער טעאַטער, און געהאַלטן, אַז דער רעזשיסער (אויב עס איז געווען אַזעלכער), אועט די שפּילערס (און עס זענען געווען אַזלכע, דערהויפּט דער טאַלאַנטירטער יידל [יוליוס] גוטמאַן) — האָבן נישט גע־כאַפּט נישט די כוונה און דעם זינען און נישט די מענטאַליטעט פונעם

שטיק, און איך האָב אָנגעשריבן אַן אַרטיקל און אים אַרײַנגעשיקט אין לעמבעריקער „טאָגבלאַט". איז נישט אַוועק אַ וואָך, און אין פֿרײַטיק־נומער, אין בריוופֿקאַסטן פֿון רעדאַקציע, איז אַזוי געשטאַנען: „ב. ש. סטאַרי־בראָד, מיר ווייסן נישט, צי איר װאָלט געקענט בעסער רעזשיסירן דעם „דיבוק", מיר ווייסן, אַז איר האָט אָנגעשריבן אַ סך נאַרישקייטן". ב. ש. זענען די איניציאַלן פֿון מײַן נאָמען: בערל שטאָק; סטאַרי־בראָד, הייסט דאָס דאָרף, וווּ מיר האָבן געוווינט.

נו, אַ ייִנגל איז היציק, אָבער איך האָב מיך נישט געהיצט, אַזוי ווײַט האָב איך געפֿילט, אַז איך בין גערעכט. נאָך אַ צײַט האָב איך געזען דעם „דיבוק", ווי עס האָט אים געשטעלט די ווילנער טרופּע, ווען זי האָט גאַסט־ראָלירט אין לעמבעריק, און האָב געזען באַשײַנפּערלעך ווי ווײַט איך האָב מיך נישט טועה געווען. בין איך געוועזן אַ בעלן גיין אין „טאָגבלאַט" און פֿרעגן: הייתּכן, האָט מיר דער ליטעראַטור־רעדאַקטער, לייבל דרײַקורס, וואָס איז געווען אַ ווילער ייִד, און אַ דיכטער און שפּילער און רעזשיסער דערצו, אַזוי געזאָגט: נאַרעלע, אַז איך קריג אַ בריוו פֿון אַ דאָרפֿסייִנגל, לייען איך בלויז איבער די ערשטע פּאָר שורות, און אַז איך זע אויף וואָס ער פֿאַרנעמט זיך, וואַרף איך עס תּיכּף אַרײַן אין קויבער.

איך ווייס נישט, צי האָט ער מיר געטאָן אַ רעה, אָבער אַ סך אַנדערע האָט ער דערמיט געטאָן אַ טובה — נאָך יאָרן, אַז איך בין געוואָרן רעדאַק־טער, האָב איך פֿאַרשטאַנען וואָס אַ רעדאַקטער דאַרף נישט און טאָר נישט טאָן.

ז

און צוליב דעם וועל איך זאָגן אַ שטיקל שבח דער איצטיקער פּיר־פּנימדיקער פֿרעמיע. מען דערציילט אין נאָמען פֿון אַ חסידישן רבין, וואָס האָט געפֿרעגט: לעולם איז דאָך דער עיקר פֿון דער שבתדיקער סעודה — ווײַן, פֿלייש, פֿיש, פֿאַרוואָס־זשע איז דער קוגל אַזאַ וואַזשנער מיוחס. און ער האָט געענטפֿערט: אַ יעדעס מאכל און אַ יעדע משקה קען קאַליע ווערן, אָבער נישט דער קוגל, דען ממה נפשך, קלעפּט ער זיך צוזאַמען — איז גוט, אלא צעפֿאַלט ער זיך, חלילה, איז אויך נישט דער הימל בײַ דר׳ערד — די לאָקשן זענען גוט פֿאַר זיך, דער רײַז איז גוט פֿאַר זיך, די מאַנדלען זענען גוט פֿאַר זיך, די ראָזשינקעס זענען גוט פֿאַר זיך. שטעלט זיך אַ קשיא:

אויב אַזוי, נאָך וואָס דאַרף זיך די בעל־הביתטע מוטשען, ער זאָל געראָטן זי קען דאָך דאָס אַלץ באַזונדערס אַנידערשטעלן אויפֿן טיש, און זאָל מען אויך אַזוי הנאָה האָבן. איז דער תּירוץ: אַז מען האָט די רעכטע כּוונה, קלעפּט זיך דער קוגל צוזאַמען. און דער נמשל זענען די פֿיר תּחומים, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן בײַ דער איצטיקער פּרעמיע, וואָס אַ יעדער האָט זיך זײַן ייִחוס עצמו, און קען זײַן שטעטל אַליין באַשטיין, אָבער אַזוי ווי עס איז געווען אַ רעכטע כּוונה, איז עס אַ גוטער קוגל, ווו אַלץ האָט זיך טיפּ־טאָפּ צוזאַמענגעשמאָלצן.

[שבט תשל״א]

חן־גריבעלעך

א

ווען איך האָב באַקומען דעם ערשטן באַנד פון מײַן בוך „חן־גריבעלעך — צו דער ביאָגראַפיע פון וואָרט און ווערטל" — האָב איך געזען, אַז דער פאַרלאַג, דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס אין בוענאָס־אײַרעס, האָט אַרויס־געוויזן אַ סך איבערגעבנקייט און זאָרגעוודיקייט, — דאָס בוך איז זייער באַטעמט אַרויס: אַ ליכטיק אות, אַ ציכטיק לבוש, אַן אויסגעצייכנטע הגהה, בקיצור אַ גרויסע הנאָה פאַרן אויג, און געגלייבט, אַז עס וועט גרייַלעך דערוועקן אַ מחיהדיקן אַפּעטיט עס צו לייענען, ווי עס פאַרדינט, נישט מחמת מיר, דעם מחבר, נאָר מחמת דעם חיבור, דעם ענין, וואָס עס באַרירט — דער חשק זיך צו דערגרונטעווען צום סוד און חן פון דער חכמה, סײַ פון פאָלק סײַ פון זײַנע יחידים, וואָס פאַרבאַהאַלט זיך אין ייִדישן וואָרט און ווערטל, ווי איך האָב עס, כּפי מײַנע כּוחות, צוזאַמענגעבראַכט. איך זאָג עס נישט פאַר עניוות וועגן, נאָר ווײַל עס איז אַ ים הגדול, וואָס וואָלט באַדאַרפט אַ כּנסת־הגדולה פון פאָרשערס, כּדי עס אויסצושעפּן. אָבער אויך דער אָנשטרענג פון אַ יחיד, וואָס קען בלויז אַרומנעמען אַ פּאָר צענדליק פון הונדערטער, און העכסטנס אַ פּאָר הונדערטער פון אַ סך טויזנטער פּאָזי־ציעס, האָט אַ שטיקל ווערדע, און מעגלעך אַז איך רעד מיר נישט אומזיסט אײַן, אַז די אַרבעטן, וואָס איך האָב, אין דעם תּחום, פאַרגרייט און וואָס קען אַרומנעמען אַ מנין אָדער אַ טוץ בענד — וועלן זײַן אַ סטימול צו אַן אויסשעפּעריקן המשך.

לאָזט זיך וועגן דעם דאָזיקן המשך, וואָס דאַרף און וועט קומען, אַ סך רעדן, אָבער איצט וועל איך מיך בלויז באַנוגענען מיט אַ באַמערק, אַז לויט מײַן כּלל־קוק און מײַן פּרטימדיקן נסיון, האָבן מיר פאַר זיך אַן אַלץ פּראָגרעסירנדיקן ווּקס פון אינטערעס פאַר אונדזער טאָטאַלער קולטור, אין אַלע אירע פּראָצעסן און אַנטפּלעקונגען, אין אַלע ערטער און אין אַלע צײַטן, אַזוי אַז אַזאַ קולטור־היפּאַרכיע, ווי עס שטעלט מיט זיך פיר ייִדיש, — שפּראַך, ליטעראַטור, פאָלקלאָר — וועט זײַן אַ מעכטיקער צענטער פון

פאַרש־אַרבעט; נאָך מער, איך האַלט, אַז וואָס עס איז ביז היינט, אין דעם ברייטן און טיפן תּחום, אויפגעטאָן געוואָרן, איז בלויז אַ התחלה. אָבער שטאָט צו רעזאַנירן, וואָס אַנדערע שפּעטער וועלן אויפטאָן, וועל איך עפּעס זאָגן וועגן מיין אייגענעם אָנהייב, ווי ער האָט זיך אויסגעפורעמט אין מיין מחברישער און לערערישער פּראַקטיק.

ב

איך בין כּמעט פון קינדווייז אויף נאָכגעגאַנגען דעם כּישוף און חן פון יידישן ווערטל, וואָס קאָנדענסירט אין זיך געדאַנק און געפּיל, חכמה און נסיון, תּמימות און חריפות, אמונה און חוזק, אַלע קנייטשן פון די מענטש־לעכע סתירות, פּונקט ווי איך בין נאָכגעגאַנגען דעם כּישוף און חן פון דער יידישער הלצה, אַנעקדאָט, וויץ וכדומה. ווער עס האָט געזען מיינע צוויי אַנעקדאָטן־ביכער: „קערת צימוקים" (1950), טייטש: אַ שיסל ראָזשינקעס, „קערת אגוזים" (1953), טייטש: אַ שיסל ניס, וואָס יעדעס פון זיי האָט צו טויזנט הלצות — אַ יעדע איינע פאַרשריבן, ווי און פון וועמען איך האָב זי געהערט — און אַ קוק דערלאַנגט אין אַפּאַראַט פון פאַרגלייכן, מקורים, ווייסט, אַז איך ברענג דאָרט אַ שפע ווערטלעך, וואָס זענען אָדער דער זאָמען אָדער די פּרי פון גאָר פיל אַנעקדאָטן. שמערל קאָטשערגינסקי עליו השלום, האָט מיר, קורץ פאַר זיין טראַגישער פּטירה, פּירגעלייגט, אַרויס־צוגעבן אַ יידיש־עדיציע פון די ביכער, און דער געדאַנק, וואָס איז, דוכט זיך, גאָר נישט קרום, עקבערט מיך נאָך איצט, און אפשר וועט נאָך עפּעס אַרויס דערפון.

אָבער נאָך איידער די צוויי ביכער זענען אַרויס, האָב איך מיך אָנגע־הויבן באַזונדערס צו פאַרנעמען מיטן יידישן ווערטל, און האָב יאָרנלאַנג פאַרעפנטלעכט באַזונדערע רובריקן („הפּועל הצעיר"), און שלמה ביקל עליו השלום האָט מיך צוגערעדט, זיי אַרויסצוגעבן אין בוך־טאָוולען, און איך האָב טאַקע אַ טייל אויסגעבויט און אַריינגענומען אין מיין בוך „אבני שפה" (1956), טייטש: שפּראַך־שטיינער, און אין מיין בוך „יריד־השעשו־עים" (1964), טייטש: יאַרמאַרעק פון שפּילערייען — אויך די אַרבעטן, זענען געבויט אויפן פּרינציפּ און לויטן מעטאָד פון מיין איצטיקן בוך, וואָלט אפשר כּדאי געווען אויך זיי אַרויסצוגעבן אין אַ יידיש־עדיציע.

דערווייל האָב איך דעם ענין יידיש־ווערטל איינגעגלידערט אין לערן־פּראָגראַם פון די יידיש־לימודים אין ירושלימער אוניווערסיטעט, וואָס איך

האָב במשך צוואַנציק יאָר אָנגעפּירט, און געהאַט דרײַ יאָר קורסן דערוועגן, און האָב אויך אָנגעהויבן דעם מאַטעריאַל צו פּובליקירן, אין צײַטונגען און צײַטשריפטן, און אַ טייל דערפון געלאָזט גיין אין מײַן בוך „די חכמה פון חכמות" (1967), וואָס איז אויך געווען מײַן ערשט ייִדיש־געשריבן בוך אויפן פעלד פון חכמת־ייִדיש. סײַ די גאַסטפרײַנדלעכקייט פון רעדאַקטערס — מײַנע פרײַנד ישׂראל כּהן („הפּועל הצעיר"), ד״ר יום־טוב לעווינסקי („ידע־עם"), מאיר מדן („לשוננו לעם"), יעקב צבי שאַרגעל („ישׂראל שטימע"), שלמה ביקל („צוקונפט"), וואָס האָבן מײַנע אַרבעטן גערן גע־דרוקט, און גובר געווען די טעכנישע שוועריקייטן, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון דעם סאָרט חיבורים, און די איבערגעבנקייט פון מײַנע פרײַנד אַברהם ליס און שלמה שווײַצער („י. ל. פּרץ־פאַרלאַג"), סײַ די וואַרעמע אָפּרופן פון דער קריטיק און פון לייענערס, האָבן מיר באַוויזן, אַז דער ענין, ווי איך האָב אים געפּרווט אַנידערשטעלן, איז מסוגל צו וועקן אַ כּלל־אינטע־רעס פון אונדזער לייענערשאַפט. האָב איך אויסגעברייטערט דעם תּחום פון די דאָזיקע פּובליקאַציעס און ווידער־אַמאָל זענען מיר די רעדאַקטערס אַנטקעגן געקומען — חוץ די פריִער אויסגערעכנטע, אויך פּראָפ' זאב בן חיים („לשוננו"), ד״ר שלמה נאָבל („ייִדישע שפּראַך"), אַברהם סוצקעווער („די גאָלדענע קייט"); משה גראָס־צימערמאַן („אַלמאַנאַך פון די ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל"), שלמה שווײַצער („פאָלקסבלאַט"), ל. קורלאַנד („אונדזער קיום"), ב. סיגאַלאָווסקי („אונדזער אייגן ווינקל"), י. לאַוב („אונדזער שריפט") — אַ קאַלײדאָסקאָפּ פון פּעריאָדיק, וואָס שפּיגלט מסתּמא אָפּ אַ קאַלײדאָסקאָפּ פון לייענערס. האָב איך מיר געקלערט: אויב אַזוי, איז אפשר כּדאַי צו קלערן וועגן אַ גרעסערן פאַרלעגערישן פאַרנעם און אויפטו.

ג

האָט מיר, — בעסער געזאָגט, דעם ייִדישן ווערטל — צוגעשפּילט אַ באַזונדער מזל. צו מײַן אַלטן ראָמאַן — מיטן ייִדישן ווערטל, איז צוגעקומען אַ נײַער ראָמאַן — מיטן אַרגענטינישן ייִדישן ייִשוב. איך בין בטבע אַ קנאַפּער בעל־מסעות, אָבער די נסיעה קיין בוענאָס־אײַרעס, צו וועלכער עס האָט מיך יאָרנלאַנג צוגערעדט מײַן פרײַנד יצחק הרכּבי און איבער־גערעדט מײַן פרײַנד יוסף האַרן, און וואָס איז צו שטאַנד געקומען אויפן פאַרבעט פון אַרגענטינישן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, און מײַן פרײַנד יונה

גאָראָדיסקי בראשו, געהער, ביי מיין גאַנצן קריטישן איינשטעל, צו די טיפסטע איבערלעבונגען מיינע — אַ באַגעגעניש מיט אַ ייִשוב, וואָס אָטעמט אַ באַזונדערע וואַרעמקייט און היימישקייט, און ראַנגלט זיך צו דערהאַלטן זיין ייִדישן מהות און פּרצוף. איך זאָג: ייִשוב, מיין אָבער קאָנקרעט ראובן און שמעון און לוי וכו׳, וואָס איך האָב מיך מיט זיי געטראָפן פּנים־אל־פּנים און לב־אל־לב, און מיט וועלכע עס פאַרבינדט מיך אַ פעסטער פאָדעם פון ליבשאַפט. איך בין שוין מער נישט אין דער עלטער, ווען עס קומט לייכט אָן אָנצוקניפּן נייע פריינדשאַפטן, אָבער זיי האָבן זיך פאָרט שטאַרק און ערלעך פאַרקניפּט, און ביידע צדדים זענען, דוכט זיך, נישט אומצופרידן.

ווי אַ בולטער סימן פון דעם האַרציקן פאַרבונד זע איך די גרייטקייט פון אַרגענטינישן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס נאָך דעם ווי ער האָט מיך פאַרבעטן און געלאָזט הערן בעל־פּה, לאָזט ער מיך אויך הערן בכתב, אַרויסגעבנדיק צוויי בענד פון מיינע פאָרשונגען. איך זאָג, קולטור־קאָנגרעס, אָבער ווידער־אַמאָל: מיינען מיין איך, קאָנקרעט, אויב נישט ראובן און שמעון און לוי וכו׳, טאָ יונה גאָראָדיסקי און יוסף האָרן און לענאָ פייגנ־בלאַט און יצחק הרכּבי — אויב זיך באַנוגענען מיט די, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיי בריוולעכן משׂא־ומתּן וועגן די „חן־גריבעלעך״, כּולם אהובים כּולם ברורים כּולם אוהבים אַ ייִדיש גלייכווערטל. איך שטרייך דאָס אונטער מחמת אַ מעשׂה שהיה — אין מיין אַריינפירוואָרט צום ערשטן באַנד „חן־גריבעלעך״, האָב איך אויסגערעכנט די דערמאָנטע פאַרשוינען, האָט מען עס מיר — מחמת איבערגעטריבענער עניוות — אויסגעשטראָכן. נו, איז יהי רצון גלייך ווי זיי וואָלטן אַלע, אַלע געווען אויסגערעכנט, איש איש על הנאָמען שלו והפאַמיליע־נאָמען שלו, כּולל דעם ייִדן וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן, ווי איך לערן אָפּ פון שער — יהי ברכת השם עליהם.

ד

איך האָב שוין מיט יאָרן צוריק, געהאַט די זכיה צו פּובליקירן אין בוענאָס־איירעס — איך מיין נישט בלויז מיין ביכל „דער אמת וועגן דער יעווסעקציע אין ביראָבידזשאַן״ (1935) און אַ בינטל זכרונות וואָס מיין פריינד נ. לינדמאַן האָט געבראַכט אין גאַליצישן אַלמאַנאַך, נאָר בעיקר מיינס אַן אַרבעט וועגן אַ ווערטל („סקאָצל קומט״) וואָס מיין פריינד גרשון סאַפּאָזשניקאָוו האָט געלאָזט גיין אין זיינס אַ זאַמלבוך. אָבער אינו דומה מאמר לביכל, ואינו דומה ביכל לבוך, ווי עס איז מיין געזעמל „חן־

גריבעלעך". נאָך מער, מיטן איצטיקן בוך האָט זיך בײַ מיר געשטאַרקט דער חשק נישט בלויז ווײַטער אַרויסצוגעבן מײַנע העברעיִש־געשריבענע אַרבעטן וועגן יִדיש־שרײַבערס, און צו די צוויי פריִערדיקע בענד „אבני מפתן" (1961, 1970), טײַטש: שוועל־שטיינער, איז איצט צוגעקומען דער דריטער (1972) אין י. ל. פרץ־פאַרלאַג. נאָר בעיקר אויך אַרויסצוגעבן מײַנע יִדיש־געשריבענע אַרבעטן דערוועגן, און די טעג דערשײַנען טאַקע די ערשטע צוויי בענד פון מײַן בוך „היימישע כתבים" אין „מנורה"־פאַרלאַג. דאָס געהער בפירוש צום דערמאָנטן ראָמאַן, און אויך דערפאַר אַ באַזונדערן דאַנק.

איך ורעיתי תחיה דאַנקען נישט נאָר אין נאָמען פון מײַן בוך, נאָר בעיקר אין נאָמען פון די צענדליקער און הונדערטער שרײַבערס, דיכטערס, דענקערס, וואָס איך ברענג זייערע זיסע ווערטער, ווי אַ שײַן און באַשײַן פון יִדישן וואָרט און ווערטל. מסתמא האָט עס די ליבשאַפט צו זייער יִדיש וואָרט, זײַן געהאַלט און געשטאַלט, געבראַכט צו דער קאַאַליציע צווישן אַ רבים, אַן אינסטיטוציע ווי דער קולטור־קאָנגרעס, וואָס האָט זיך איר אידעאָלאָגיע און פּראָגראַם, און צווישן אַ יחיד ווי איך, וואָס האָט זיך זײַן שולחן ערוך. הלוואַי זאָל אונדז ווײַטער באַשערט זײַן, די בשותּפותדיקע ליבשאַפט צו דערהאַלטן און דערגרייכן אַ מדרגה פון אהבה תמימה ושלימה, אָמן.

[ט"ו סיון תשל"ב]

צוויי עמערס

אַ וואָרט בײַם פּאַרטייל פון דער מאַנגער־פּרעמיע

א

עס וואָלט געווען אַ היפּש שטיק גוזמה צו זאָגן, אַז פּרעמיעס זענען פאַר מיר אַ נאָווינע — כמעט אַ האַלב לעבן מײַנס האָב איך צו טאָן מיט זיי: פריִער, און דאָס גאָר אָפט, ווי אַ „געבעראָווער"; און שפּעטער, אַ שפּאָר ביסל זעלטענער, ווי אַ „נעמעראָווער". וואָס איך האָב אויפגעטאָן אין געבעראָוו, איז אַ לאַנגע מעשה, ווײַל עס האָט אַ שייכות כמעט צום גאַנצן פּני פון אונדזער ליטעראַטור; וואָס מען האָט מיר אָנגעבאָטן אין נעמעראָוו, איז אַ קירצערע מעשה און לשם אילוסטראַציע וועל איך מיך באַנוגענען מיט אַ באַגאַטעל: מיט אַ האַלב יובל יאָרן צוריק, ווען מען האָט מיר צוגעשאַנצט די ברענער־פּרעמיע, האָב איך געהאַט דעם כבוד אַז יוסף אָפּאַטאָשו איז מיטגעגאַנגען צו דער צערעמאָניע, און אויפן וועג האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן: נו, און איצט דאַרפט איר ברענגען אַ שיינעם משל. האָב איך געפּרווט אים פאָלגן, און געבראַכט דעם משל מיטן סאָרוועד, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט און וועל אים נישט איצט איבערחזרן.

איך האָב געזאָגט: די זשורי האָט מיך מזכה געווען, ווײַל עס איז באמת אַ זכיה, און אַפילו אַ דרײַיִקע. ערשטנס, דאָס חשיבות פונעם פּרעמי־רער, און דאָס איז, בעצם, איציק מאַנגער גופא, ווײַל די אַספּעקטן פון זײַן שאַפערישקייט אינספּירירן די זשורי אין אירע כוונות און החלטות. צווייטנס, די פרייד פון שותפות מיט די פּרעמירטע שרײַבערס — ר' אַברהם־משה פוקס, עליו־השלום, און זאָל זײַן אָפּגעשיידט לאורך ימים ושנים, מרת רחל קאָרן. דריטנס, דער כבוד פון שותפות מיטן פּרעמירטן קינסטלער — ר' יוסף בולאָוו, נרו יאיר.

ב

וואָס שייך די אַספּעקטן פון מאַנגערס שאַפערישקייט, באַשטייען זיי אין אַלע פיר עלעמענטן אירע — דאָס לירישע, ווי עס באַווײַזן זײַנע לידער

און באַלאַדעס; דאָס דערציילערישע, ווי עס באַוויַזט זיַן גן־עדן־בוך וכדומה; דאָס היסטאָריש־ און אַקטועל־קריטישע, ווי עס באַוויַזן זיַינע ציַטלעך וויַטע און איבערלעבעריש נאָענטע געשטאַלטן און די אָפּשאַצן וועגן זיַינע בני־דור; דאָס דראַמאַטישע און דראַמאַטורגישע, ווי עס באַ־וויַזן זיַינע דריַי האַצמאַכס און זיַינע חומש־ און מגילה־לידער, וואָס בעטן זיך דראַמאַטיזירט צו ווערן און זענען עס אויך געוואָרן. מען דאַרף נישט לאַנג בריַיען, כּדי צו באַוויַזן, ווי וויַט די זשורי האָט היַי־יאָר די אַלע פיר אַספּעקטן אין באַטראַכט גענומען.

וואָס שייך דער באַזונדערקייט פון די פּרעמירטע שריַיבערס, איז עס קודם־כּל דער בשותּפותדיקער אָפּשטאַם און שטייגער — נוסח גאַליציע, קלאָרער געזאָגט: נוסח יונג־גאַליציע, וואָס כּשמו כּן תּהילתו — ער איז טאַקע יונג, אַוודאי, אַז מען זוכט יִיחוס — געפינט מען. האָט דאָך מאַנגער גופא גענומען זיך אויסשטעלן אַ יִיחוס־בריוו, און האָט צווישן זיַינע נאָענטע געשטאַלטן טיפּישע גאַליציאַנער, ווי וועלוול זבאַרזשער און בירך שאַפּיר און ער וואָלט נאָך געקענט צושטעלן אַנדערע און פריִערדיקע, העט־העט אַראָפּ ביז יוסף פּערל. אָבער דאָס איז, בעצם, אַ שפּעט אָפּגעזוכטער יִיחוס, דען ווען יונג־גאַליציע האָט זיך, ווי אַ טייל פון כּלל־ייִדיש־אויפלעב סטאַ־טוִירט, האָט עס זיך אין זיַן אָפּשטאַם־ספּערע נישט געזען ווי אַ המשך, נאָר ווי אַן אָנהייב; און דאָס איז אַן אָנהייב, וועלכן מען קען, ציַיטלעך און אָרטלעך, ממש אָנטאַפּן. ווען די צוויי ייִנגלעך אין יעזשערנע האָבן געשלאָסן קאַנטשאַפט, איז איינער, שמואל־יעקב אימבער, דער זון פונעם רעליגיע־לערער אין דער באַראָן־הירש־שול, געוואָרן אין מיַינע קאַנטן דער ערשטער מאָדערנער ייִדיש־דיכטער, און דער אַנדערער, אַברהם־משה פוקס, דער זון פון אַ דאָרפסגייער, איז דאָרט געוואָרן דער ערשטער מאָדערנער עלעמענטאַרער ייִדיש־פּראָזאַיִקער, — און זייער ירושה איז קאָנטיק אין דער פון דאָרט אָפּשטאַמיקער גרויסער שריַיבער־פּלעיאַדע, און האָט זיך חנעוודיק פאַרזיווּגט אין דער איידעלער פּאָעטעסין און יאָדערדיקער דער־ציילערין רחל קאָרן.

און איצט וועגן דער קרוין פון דער לאַמענאַציע. לעבן דער ליטעראַ־טור, וואָס איז אַ מין תּורה־שבכתב, איז, כּידוע, פאַראַן אַ מין תּורה־שבעל־פּה, וואָס וועקט ערשט דאָס קינסטלערישע וואָרט צום פולן לעבן, ווי עס טוט בעיקר דער דראַמאַטישער קרעאַטאָר, בפרט פון אַזאַ הייך און טיף, ווי יוסף בולאָוו. אויף דער קשיא, אין וואָס באַשטייט, בעצם, דער קרעאַטי־

ווער אויפטו, וואָס קומט צו אַ פּאַרטיקן און גרייטן טעקסט, לאָזט זיך ענט־פּערן מיט אַ מעשׂה שהיה, ווי עס ברענגט לעוו טאָלסטוי: אַ מאָל האָט אים ריעפּין פּאַרבעטן אָנקוקן אַ בילד פון זײַנעם אַ תּלמיד: אַ פיגור פון אַ מענטשן וואָס איז געלעגן אויסגעשטרעקט אין זאַמד. טאָלסטוי, וואָס האָט די פיגור באַוווּנדערט, האָט נײַערט באַמערקט: אָבער דער מאַן ווײַזט אויס צו זײַן טויט. האָט ריעפּין גענומען דעם פּענדזל און מיטן שפּיץ געמאַכט צוויי קליינע פּינטעלעך בײַ די אויגן פון געמעל, און דער פּאַרשוין האָט ווי באַקומען קוק, טעם, לעבן. ווער פון אונדז באַוווּנדערט נישט ווי בולאָוו באַהאַנדלט דעם, כּביכול, גרייטן טעקסט? אַ טאָן פון רעפּליק, אַ מימיק פון באַוועג, אַ ציטער פון טראָפּ — און פאַר אונדז שטייט אין זײַן גאַנצן פּאַרנעם אַ כאַראַקטער, אַ גורל, אַ וועלט.

ג

לסוף, כּדי מקיים צו זײַן דעם אָדם קרוב לעצמו, וויל איך ברענגען אַ זיס וואָרט פון ש״י עגנון, וואָס האָט זיך געפונען אין אַזאַ מין פּאָלאָ־זשעניע: מען זעצט — האָט ער געזאָגט — אַנידער אַ ייִדן און מען ווייקט אים אײַן אין אַ באַליע שבחים, און ער, אַפילו ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער נישט געקאָנט פּראָטעסטירן, ווײַל אֵין אָדם משׂים עצמו רשע, אַ מענטש שטעלט זיך נישט אַנידער ווי אַ רשע, קען אָבער אויך נישט אַקלאַמירן, ווײַל דערפון איז נאָך ווײַט נישט געדרונגען אַז אָדם משׂים עצמו צדיק, אַ מענטש שטעלט זיך אַנידער ווי אַ צדיק. אָבער אויב אַנדערע האָבן אים אַזוי אַנידערגעשטעלט, מעג ער און דאַרף ער נאָכקלערן, צי האָבן זיי מקיים געווען דעם פּסוק: וצדיק באמונתו יחיה, דהיינו צי האָבן זיי דערשנאַפּט זײַן אני־מאמין. נוץ איך אויס דעם היתּר און דאַנק די דיינים מײַנע, וואָס האָבן מפרש געווען מײַן אני־מאמין, פּונקט ווי עס האָט אַנומלט געטאָן עליע שעכטמאַן, בשעת ער האָט מיך מכבד געווען מיט זײַן האַרציק בוך ערב און אויפן שער־בלאַט פּאַרצייכנט, אַז ער שיקט עס מיר ווי איינעם, וואָס טראָגט אויפן קאַראָמיסל די צוויי שווערע עמערס, ייִדיש און העברעיִש, אויף זײַנע פּלייצעס. איז עס נישט קיין קליינער קאָמפּלי־מענט, אָבער עס בעטן זיך דרײַ באַמערקן. ערשטנס, דער סדר און פּראָפּאָר־ציע פון דיביידע שפּראַכן איז אַ פּאַרקערטער, סײַ היסטאָריש סײַ ביאָ־גראַפיש. און נישט בלויז לבן הארמי האָט געזאָגט: לא יעשה כן במקומנו לתת את הצעירה לפני הבכירה, עס געשיקט זיך נישט אין אונדזערע קאַנטן

מען זאָל די ייִנגערע פּעדערן פֿאַר דער עלטערער — נאָר אויך יוסף הצדיק, אויסזעצנדיק זײַנע ברידער, האָט מקיים געווען: הבכור כבכירתו והצעיר כצעירתו, דער עלטסטער לויט זײַן עלטער און דער ייִנגסטער לויט זײַן יוגנט. צווייטנס, וועט איך אַיעדער בעל־נסיון זאָגן אַז טראָגן אויף דער פּלייצע אַ קאַראָמיסל מיט אַן איינציקן עמער איז אַ סך שווערער, און אין צווייען איז בפירוש לײַכטער. דריטנס, איז עס נישט אַזאַ רבותא — אַזוי האָבן געטאָן אונדזערע גײַסטיקע זיידעס און טאַטעס, מענדעלע און ביאַליק, פּרץ און סאָקאָלאָװ, ביז אַהרן צייטלין און צבי־הערש סעקלער וואָס זענען הײַ־יאָר פֿון אונדז אַוועק; אַזוי האָבן געטאָן אונדזערע ממשדיקע זיידעס און טאַטעס, און מעשׂי אבות סימן לבנים.

[ה׳ תמוז תשל״ד]

כל הכּתוב לחיים — בירושלים

אַ וואָרט פאַר אַן עולם ייִדן

א

אַוודאי בין איך, סײַ מרוצה סײַ מחויב, קודם־כּל, אַרויסצוזאָגן מײַן האַרציקסטן דאַנק דעם חשובן עולם, וואָס האָט אויפן רוף פון דער ירושלי־מער קולטור־געזעלשאַפט זיך מטריח געווען, סײַ צו רעדן סײַ צו הערן וועגן מײַן וויינינקייט. צו רעדן — ווי עס האָט, לויטן פאַרבעט־צעטל, גע־קלערט צו טאָן דער ראש־העיר, מר טעדי קאָלעק אין נאָמען פון דער שטאָט, און איך דאַנק אים פאַר דער הבטחה; און ווי עס האָט געטאָן דער נשׂיא פון היגן אוניווערסיטעט, מר אַברהם האַרמאַן, און איך דאַנק אים פאַר מקיים זײַן זײַן הבטחה, און איך מוז מודה זײַן, ווי עס האָט מודה געווען יעקב אָבינו: קטונתי מכּל החסדים, טײַטש: איך בין צו וויינינק פאַר די אַלע גנאָדן; און אויב איך פאַרמאָג פאָרט אַ ביסל זכות דערצו, קומט עס מיר מסתּמא פאַר מײַן ליבשאַפט צו אונדזער טײַערן אייניציקן אָרט, ווי מיר פלעגן נאָך קינדווײַז צו זינגען אין בירך שאַפּירס ליד וועגן ירושלים. ווײַטער דאַנק איך דעם דיכטער זיאַמע טעלעסין וואָס האָט בײַ דעם טיש רעפּרעזענטירט דעם היגן ייִדישן שרײַבער־פאַראיין, און עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כּבוד, וואָס זיי, די שרײַבער גופא, זענען געקומען מיך מכבד זײַן, און אחרון וואָס איז געווען ראשון, דעם בעל־האימפּרעזע ד״ר גרשון ווײַנער, וואָס האָט מיך צוגערעדט נאָך פיר אָוונטן מסכּים צו זײַן צו פּראָווען אַ פינפטן, און אחרון־אחרון ד״ר ישׂראל חיים בילעצקי פאַר זײַן פײַן־אויסגעבויטן רעפעראַט, וווּ ער האָט מיך אַזוי איידל צעלייגט אויף געשליפענע קרישטאָל־טעלערלעך, אַז איך האָב באמת מורא, דאָס איך זאָל נישט אַרײַנפאַלן אין קיין איבעריקער גאווה.

ב

און כּדי דאָס צו פאַרמײַדן, האָב איך בײַ מיר געפּועלט, אַז דאָס מיינט מען נישט מיך, נאָר מײַנע יאָרן, ווײַל עס שטייט דאָך בפירוש: מפּני

שׂיבה תקום והדרת פני זקן ויראת מאלהיך אני השם, טייַטש: פאַר אַ גרייז זאָלסטו דיך אויפשטעלן, און באַשייַנען דאָס אַנצליט פון אַן אַלטן און זאָלסט זיך פאָרכטן פאַר גאָט, איך בין דער אייבערשטער. אונקלוס פאַרטייַטשט דאָס וואָרט: שׂיבה — דסבר באורייתא, וואָס האָט געלערנט תורה, און רש״י גייט נאָך דער גמרא, און אויף דער קשיא: יכול זקן ממרא, ווי איינער זאָגט: עס קען דאָך געמאָלט זייַן, אַז מען דאַרף אַזוי בכבוד האַלטן אַ זקן וואָס האָט ווידערגעשפעניקט די דיינים, און זיך פאַבריצירט אַ דין ווי עס געפעלט אים, קומט די תשובה פון ר׳ יוסי הגלילי: אין זקן אלא שקנה חכמה, אַזוי אַז דער טיטול זקן פאַסט זיך בלויז אויף איינעם וואָס האָט זיך אייַנגעקויפט תורה. וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז אויב אַזוי, דאַרף מען פאַר אַ זקן סתם קיין דרך־ארץ נישט האָבן, איז עס אָבער נישט אַזוי, דאי אתה יודע הני הרפתקי דעדו עלוי, דען דו ווייסט נישט וויפל אַוואַנטיורעס ער האָט אויף זייַן לאַנגער לעבנסשטרעקע דורכגעווייטיקט.

ג

און אויב דער עיקר זענען די יאָרן, ווי עס איז דער סאַמע מיטלפונקט צווישן שׂיבה און גבורות, וויל איך דערמאַנען אַז ווען ש״י עגנון האָט געהאַלטן בייַ זייַנע פינף־און־זיבעציק, האָט מען דעם יובל היפש געפראַוועט, איז מיר אויסגעקומען צו זאָגן אַ וואָרט פאַר אַ חשובן עולם, האָב איך געבראַכט דעם פסוק: ואברם בן חמש שנים ושבעים שנה בצאתו מחרן; טייַטש: און אברם האָט געהאַלטן בייַ די פינף־און־זיבעציק ווען ער איז אַרויס פונעם לאַנד חרן, זאָגט דערויף דער מדרש: בצאתו מחרן — כשיצא מחרונו של עולם, טייַטש: ווען ער איז אַרויס פונעם גרימצאָרן פון דער וועלט. מיט אַ פאָר טעג שפּעטער האָט עס עגנון אין אַ שמועס דערמאַנט און געזאָגט: בעצם איז עס אַ מדרש־פּליאה, דען מיר זעען גאָרנישט, אַז אַברהם אָבינו זאָל נאָך זייַנע פינף־און־זיבעציק, געווען האָבן אייַטל תענוגים: אָט מוז זיך שׂרה פאַרשטעלן פאַר זייַנס אַ שוועסטער, פּרעה זאָל אים נישט וועלן הרגענען; אָט צעפלאַקערט זיך די אַמפּערייַ צווישן אַברהמס און לוטס פאַסטעכער, אָט מוז ער פירן אַ מלחמה מיט די מלכים כּדי דעם לוט צו באַפרייַען; און אָט רוקט זיך אויף אים אָן דאָס פּעקל צרות מיט הגר און ישמעאל; און אָט שטעלט ער זיך דינגען מיטן כּביכול וועגן די היפּאָטעטישע צדיקים אין סדום; און אָט קומט דער מסופּקדיקער נחת

פונעם גרעסטעוועטן לוט און זײַנע צוויי מיידן; נו און די מעשה אבימלך. וואָס פאַרשפּאַרט שׂרהן, און צום סוף אַז דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק האָט זוכה געווען צו האָבן אַ קינד, קומט ערשט דאָס האַרץ־פּלאָטערניש בשעתן נסיון מיט דער עקדה. אלא מאי — האָט ש״י עגנון ממשיך געווען — עס איז, ווײַזט אויס, אויך דעמלט געווען אַזאַ מין אינסטיטוציע, ווי די הײַנטיקע יובל־פּראָוועכצער — אָוונטן, באַנקעטן, אַקאַדעמיעס — אַזוי, אַז אַברהמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז נישט אַרײַן נאָר טאַקע אַרויס פונעם גרימצאָרן פון דער וועלט. איז די קשיא — האָט פאַרענדיקט ש״י עגנון — צו וואָס האָט אים געטויגט דאָס אויסדאַכטעניש, איז די תשובה: נישט צוליב זיך נאָר צוליב אונדז, זײַנע ווײַטע אייניקלעך, אַז ווען מיר וועלן האַלטן בײַ די יאָרן, זאָלן מיר קענען מאַכן דעם חשבון צווישן זיך און אונדזער לעבן, און אויב ער, וואָס האָט נאָך געהאַט פאַר זיך גאַנצע הונ־דערט יאָר אַזוי; מיר, זײַנע אייניקלעך, וואָס מיר האָבן, און דאָס אויך בלויז אין וווּנטש, נאָך פינף־און־פערציק יאָר, על אחת כמה וכמה.

ד

ווי מיר ווייסן, האָט ש״י עגנון נאָך יענעם שמועס צוגעצויגן נישט מער ווי זעקס יאָר. און מיר האָבן געפּראָוועט זײַנע גבורות, צו וועלכע עס איז נאָך צוגעקומען דער כבוד פון דער נאָבעל־פּרעמיע און מעגלעך אַז דאָס האָט אים טאַקע דערלײַכטערט אונטערצוציִען דעם סך־הכּל פון זײַן חשבון, סײַ אין זינען פון חשבון הנפש, סײַ אין זינען פון דין וחשבון. ווער עס האָט זיך באַגעגנט מיט עגנונען אין יענע פּאָר יאָר, האָט באַ־מערקט, מיט וואָס פאַר אַ קאָנוווּלסיווער מסירות ער האָט זיך פאַרנומען מיט זײַנע כּתבים — יאָ, ווען ער האָט פאַר ישׂראל כּהן און פאַר מיר, בײַ זיך אין שטוב אויפן טיש אַרויפגעלייגט זײַנע נאָך נישט אַרויסגעגעבענע כּתב־ידן, וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן נישט ווייניקער פון זײַנע געדרוקטע חיבורים, האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּווערן צו דערמאָנען זיך ר׳ אַברהם אבן עזראס באַזונדערן גאָר רעאַליסטישן פירוש פאַרן לפני שׂיבה תקום: בעבור המת, כי הזקן קרוב למיתה, כי גופו כמת נחשב, טײַטש: פון וועגן דעם טויטן, בעוויל אַן אַלטער איז נאָענטער צו שטאַרבן, און דער גוף זײַנער ווערט באַטראַכט ווי טויט. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פירוש באַשטעטיקט נאָך דעם חוב נאָכצוקומען און, חלילה, נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם כּלל גדול: אַז מען לעבט אַן חשבון, שטאַרבט מען אַן ווידוי.

איך האָב דערציילט די מעשה ש״י עגנון נישט בלויז לגופו, אלא אויך לגופי — צוקוקנדיק זיך צו אים, האָב איך מקיים געווען דעם פּאַרזאָג אין תּמניא אפּי: מזקנים אתבונן, לויטן נישט־סטריקטן אָבער פּאָפּולאַרן טײַטש: פון אַלטע וועל איך נאָכקוקן, אַזוי אַז קומענדיק אין זייערע יאָרן, וועל איך, בערך, וויסן, ווי אַזוי צו מאַכן דעם חשבון.

ה

אויב עס גייט אין חשבון הנפש — איז בעיקר דעם חשבון צווישן מיר און מײַן ביסל אָרעמקייט, מײַן שרײַבערישע און פאָרשערישע האָרעוואַניע. איז, אויף וויפל עס קלעקט מיר כוח און יכולת, היט איך אָפּ מײַן אייגענעם מנהג, זײַט מײַן פופציקסטן יאָר, אַ יעדעס פינפטע יאָר אַרויסגעבן עטלעכע בענד כתבים מײַנע, און פונקט ווי איך דאַנק זײַן ליבן נאָמען, וואָס ער האָט מיר צוגעשאַנצט אַ פּרנסה, ווי רעדאַקטערײַ און לערערײַ, וואָס האָבן מיר איבערגעלאָזט די מעגלעכקייט צו שרײַבן וואָס איך וויל און ווען איך וויל, דאַנק איך אים, וואָס ער האָט מיך באַשענקט מיט פרײַנד, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די זאָרג פון אַרויסגעבן מײַנע חיבורים — און צוויי פון זיי וויל איך ניצט בפירוש דערמאָנען: זעליג לבון עליו השלום און ישעיה אבֿרך אים צו לענגערע יאָר. נאָר אַזוי איז עס מעגלעך געווען וואָס די צאָל פון מײַנע אַרויסגעגעבענע ספרים האָט, ביז איצט, ווײַט איבערגעשטיגן די ציפער פופציק און דערנענטערט זיך צו ציפער זעכציק.

מעגלעך, אַז דאָס איז אַ סך, אָבער אויך מעגלעך, אַז עס איז ווייניק, — פונקט ווי דער מענטש רעדט ווי די צונג איז אים געוואַקסן, אַזוי שרײַבט ער ווי די פען איז אים פאַרשניצט. בדרך כלל איז כדאי צו געדענקען, אַז נישט זעלטן טרעפט זיך, דאָס דער פסוק אין חומש איז קורץ, אָבער די רש״י אויף אים איז לענגער, און דער שפתי חכמים אויף רש״י איז נאָך לענגער, און ווען עס איז נגזר געוואָרן צו זײַן אַ קריטיקער אָדער פאָרשער, משמע: שרײַבן פירושים אָדער חקירות אויף מקורות, מוז עס פאַרליב נעמען און זיך טרייסטן מיטן זאָג פון דער משנה: אחד המרבה ואחד הממעט, ובלבד שיכוון לבו לשמים, אָדער לויטן פּאָפּולאַרן נוסח: לשם שמיים.

באמת, בין איך סײַ אַ מרבה — מער ביכער מײַנע זענען אין לשון עברי; סײַ אַ ממעיט — ווייניקער ביכער מײַנע זענען אין לשון יידיש; אָבער דאָס האָט, דאַכט זיך, אַ באַגרינדטן טעם: עס איז לויט דער פראָ־

פּאָרציע, וואָס יעדע פון די ביידע לשונות פאַרנעמט אויף דער היסטאָרישער כלל־מאַפּע פון אונדזער קולטור.

ו

אויב עס גייט ווײַטער אין דין־וחשבון וואָס איך בין מחויב פאַר גאָט און פאַר לײַט, וואָלט איך, בעצם, געקאָנט מאַכן פאַר אַן אַדוואָקאַט דעם פּאַק אָפּשאַצן, וואָס די סאַמע פּני פון אונדזער קריטיק, האָט וועגן מיר און מײַנע חיבורים געשריבן, אָבער אויך דאָס וואָלט מיר נישט געגעבן קיין רעכט צו שפּילן אַ מין דיין איבער מײַנע דינים, און איך וואָלט אַליין געבליבן אַ נידון, וואָס מעג, העכסטנס, אויסנוצן דאָס רעכט, בײַם משפּט, אויסגעהערט צו ווערן ווי אַן עדות. וועל איך, ברשותכם, אָנהייבן מיט אַ באַמערק, אַז קיינער איז נישט מחויב צו לייענען קיין איינציקע שורה, און אַפילו נישט קיין איינציק אות פון מיר, און אויב ער לייענט עס טאָקע נישט, און קלײַבט זיך אויס בילעכערע פון מיר, האָב איך נישט קיין פּאַר־איבל אויף אים, אָבער אויב ער האָט אַ רצון אָדער קאַפּריז, יוסט צו שרײַבן וועגן מיר, סײַ קריטיש סײַ פּאָלעמיש, דאַרף ער מיך לייענען, אָדער לפּחות, קענען לייענען, און, צו מײַן גרויס באַדויער, קען איך דאָס נישט זאָגן וועגן נישט ווייניקע, וואָס האָבן געשריבן וועגן מיר. וואָס שייך די העברעיִשע שרײַבערס, איז דאָך הײַנט־צו־טאָג, דער רוב פון זיי יונגע לײַט, וואָס קענען נישט קיין ייִדיש; וואָס שייך ווײַטער די ייִדישע שרײַבערס, איז דאָך הײַנט־צו־טאָג, דער רוב פון זיי אַלטע לײַט וואָס קענען נישט קיין העברעיִש, אַז איך קום אַרויס אַן אָפּגעשפּאָלטענער, אַ צעהאַלבטער. און די צרה איז וואָס מיט מײַן לייענער שטייט עס נישט בעסער, און דער נחת, וואָס אַ צווייִשפּראַכיקער שרײַבער האָט געהאַט, מיט אַ דור און צוויי דורות, פאַרמאַגנדיק אַ צווייִשפּראַכיקן לייענער, איז איצט נישט מער ווי אַ בלאַסער זכר פון אַ נעכטיקן טאָג.

ז

וועט איר אַ פרעג דערלאַנגען, צו וואָס טויג מיר, אייגנטלעך, מײַן צווייִשפּראַכיקייט, וואָס כ׳האָב, בעצם, באַנײַט מיט אַ דרײַסיק יאָר צוריק, נאָך דעם איך האָב זי אַ דרײַסיק יאָר נישט באַטריבן, האָבן שוין עטלעכע קריטיקערס מײַנע געפּרוווט דאָס פאַרענטפערן, האָבן אָבער צומייסט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית, און זיך נישט געכאַפּט, אַז נישט

אַזוי איז געווען די גופא־דעובדא. נישט ווען מען האָט עס אויסגעטײַטשט, אַז עס האָט צו טאָן מיט ראָמאַנטיק, נאָסטאַלגיע, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ אוהב־ייִדיש, חובב־ייִדיש; נישט ווען מען האָט עס אויסגעטײַטשט, אַז איך האַלט נישט אַזוי געפערלעך פון שלילת הגלות, ווי עס טוען די איבעריקע פאַלעסטינצעס און עבריתניקעס, און היט אָפּ אין האַרצן אַ ווינקל פאַר דער פיעטעט פאַר דער מאַמע ייִדיש וכדומה. בין איך, חלילה, נישט בייז אויף דער ראָל פון דעם בעסטן פון די עשׂר מכּות, וואָס מען שרײַבט מיר צו, אָבער אויף וויפל איך קען מיך אַליין, בין איך מעיד, אַז די דאָזיקע און ענלעכע אויסטײַטשן, זענען העט־ווײַט צו טרעפן אין פּינטל. דען די זאַך איז אַ סך פּשוטער און אַ סך קאָמפּליצירטער.

די זאַך איז אַ סך פּשוטער — וואָס איך טו האָט זײַן גרונט אין דעם, וואָס איך בין געווען און בין און וועל מסתּמא ווײַטער זײַן, סײַ לויט מײַן שורש סײַ לויט מײַן געדאַנקען־גאַנג און אפשר אַפילו לויט מײַן מענטאַ־ליטעט: אַ ציוניסט; קלאָרער געזאָגט: אַ ציוניסטישער ציוניסט. און אויב איר וועט פרעגן, וואָס טויג מיר די טאַווטאָלאָגיע, דאָס כּפל לשון, איז די תּשובה: דאָס מיינט, אַז איך בין נישט געווען נישט קיין טעריטאָריאַ־ליסט, נישט קיין בונדיסט, נישט קיין פאָלקיסט, וואָס ווען זיי וואָלטן געווען אין מײַנע קאַנטן, וואָלט איך דיסקוטירט מיט זיי, אָבער ווען איך האָב דעם סאָרט ייִדן באַגעגנט אין לעבן, וווינענדיק אין וואַרשע, האָב איך געהאַלטן האַרט פאַר מײַן עליה, און דאָס ביסל צײַט וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך אָפּגעגעבן דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס זייער עיקר איז געווען הכשרה און עליה. אַוודאי האָב איך געוווּסט, וואָס די כּלערליי שטרעמונגען ווילן און פאָדערן, און מײַן כּלל־אינטערעס פאַר יעדן און פאַר אַלעמען וואָס ווילן דערהאַלטן ייִדן ווי ייִדן, האָט מיך באַוויגן דורכצושטודירן זייער פּרעסע און ליטעראַטור, כּדי זיך צו אָריענטירן אין זייערע וועגן, אָפּוועגן און אומוועגן, אָבער די עיקר מחלוקה האָב איך געהאַט נישט מיט זיי, נאָר מיט די ציוניסטן וואָס האָבן זיך זייער ציוניזם אויסגעטײַטשט, גלײַך זײַן אל״ף און תּי״ו איז נישט ציון, נאָר דער גלות, אַזוי אַז זיי זענען הלכה־למעשׂה נישט געווען אַנדערש פון זייערע קעגנערס, און נישט געהאַט דעם כּוח זיך אַליין פרעגן: עד מתי אנו פּוסחים על שתי הסעיפים; טײַטש: ביז וואַנען היפּן מיר אויף צוויי צווײַגן, משמע: צוויי געדאַנקען וואָס זענען זיך סותר, און זיי האָבן אַזוי לאַנג געהיפּט, ביז מיר האָבן כּמעט אַלץ אָנגעווירן.

די זאַך איז אַ סך קאָמפּליצירטער — אין דער מחלוקה בין איך נישט געשטאַנען אַליין און נישט אויף מיר אַליין. איך האָב געהאַט פון וועמען צו לערנען, און דערלויבט מיר זיך עפּעס אָפּשטעלן אויף עטלעכע פון מײַנע מורי ורבותי. קודם־כל אַברהם קאָרקיס — פון די באַגרינדערס פון גאַליצישן ציוניזם, האָט זיך, ווי אַ מומחה אין עקאָנאָמיק אײַנגעקוקט אין אונדזער שטאַנד, בעיקר אין מזרח־אייראָפּע, און אָנגעוויזן אַז אין נאַציאָ־נאַלן סאָציאַל־פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געראַנגל צווישן אונדז און די ווערטפּעלקער מוזן מיר דורכפאַלן און אויב מיר ווילן נישט אויפגעריבן ווערן, מוזן מיר אויפבויען אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלן קיום, און מיר האָבן אין גלות נישט וואָס צו זוכן. ער האָט אויך נישט געהאַלטן פון דער ציוניסטישער אַזוי גערופענער לאַנדעס־פּאָליטיק און זי אַפילו געהאַלטן פאַר אַ מסוכּנער אילוזיע. אַ קרענק האָט אים צוגענומען דעם כּוח הדיבור, און ער האָט אים נאָך קוים פאַרמאָגט, ווען ער האָט שווער אַרויס־געזאָגט די ווערטער, וואָס האָבן זיך מיר אײַנגעקריצט אין זכּרון: עס זענען פאַר אונדז נאָך אַלץ אָפן צוויי וועגן — אָדער בלײַבן דאָ און אומקומען, אָדער גיין אַהין און אויפקומען. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען קעגן דעם אָפיציעלן קורס און אַזוי ווי מען האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין אָפּ־קלײַב פון זײַנע כּתבים, איז ער כּמעט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, און דער איינציקער בולטער זכר, וואָס מען האָט מיט זײַן נאָמען אָנגערופן די גרויסע לעמבעריקער ייִדישע מלאָכה־שול, וואָס האָט אונדז נאָך ווי אַ רושטעוואַניע, געדינט פאַר אַ רירעוודיקן הכשרה־צענטער („הבנין״).

נישט ווייניקער אָבער אַנדערש האָט משפּיע געווען שלמה שילער, וואָס מען האָט אים גערופן דער גאַליצישער אחד־העם (געקומען איז ער פון ביאַליסטאָק), און איז גרונטיק געווען אַ היסטאָריאָזאָף (זײַן פּוילישע בראָשור „דער נאַציאָנאַלער קיום פון ייִדן״), און וואָס עס איז געווען ציוניסטיש־ערנצט אין אונדזערע קאַנטן, גייט פון אים. און כאָטש ער איז נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה עולה געווען קיין ירושלים, האָט זיך נאָך אין אונדזערע קאַנטן, בפרט אין דער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג („השומר הצעיר״, „גורדוניה״), געשפּירט דער פלויד פון זײַן פאַרשוין און געדאַנק. איך האָב וועגן אים געשריבן אַ מאָנאָגראַפיע („גורל והכרעה״, תש״ג) און ווער עס האָט אַן אינטערעס צו וויסן וועגן מײַן און מײַנס־גלײַכנס גאַנג קאָן עס דאָרט נאָכלייענען.

נאָך מער האָב איך צו פאַרדאַנקען אַברהם שוואַדראָן (שרון), וואָס

האָט אויפגעוויזן דעם תהום צווישן אויסגעקלערטן און קנאַישן ציוניזם, שטעמפּלענדיק דעם טיפּישן האָמאָ ציוניסטיקוס ווי דעם גרעסטן שׂונא פון זײַן אייגענער אידעע, וועלכע ער פאַרשפּילט שטאַט זי צו לעבן, און אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אחד־העמיזם, גלייבט ער אין גלות ווי אַן אייבי־קייט, אַנשטאָט צו האָרעווען פאַר דער קאָנצענטראַציע פון רוב ייִדן אין זייער לאַנד. יאָ, וואָס שייך דער אילוזיאָנערישקייט פון אחד־העמיזם, זענען צו שוואַדראָנס אַרגומענטן צוגעקומען די שאַרפע ראיות פון יעקב קלאַצקין, וואָס האָט אויפגעוויזן די אוממעגלעכקייט, אַז אַ קליינער גײַסטיקער צענ־טער זאָל האָבן אַ ממשדיקע השפּעה אויף מיליאָנען ייִדן אין גלות.

ח

אָבער עס איז אַ גרויסער ספק, צי די לערערס מײַנע וואָלטן געהאַט אַזאַ אַנטשיידנדיקע השפּעה אויף מײַנע געדאַנקען און לעבנסגאַנג, ווען זיי וואָלטן פאַר מיר געווען בלויז טעאָריע. אָבער באמת איז די סיבה פון זייער גרויסער השפּעה געלעגן אין דער ייִדישער ווערקלעכקייט, וואָס און ווי איך האָב זי איבערגעלעבט — עס איז דאָס זיך אַלץ שטאַרקנדיקע געפיל אַז אַ מין פּערמאַנענטער אומקום לאָקערט אויף אונדזער קיום אין גלות. נאָך קינדווײַז איז די צו ליכטיקע רו אונטער פראַנץ־יאָזעפס פליגלען פאַר־שאָטנט געוואָרן דורך די מחנות פּליטים וואָס זענען מיט אַ דור צוריק מחמת די פּאָגראָמען אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט, געלאָפן דורך אונדזער שטאָט, און איך וועל מיך נישט באַפרײַען פון דער שרעק, וואָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן דאָס ביסל פאָטאָגראַפיעס פון די קעשענעווער קרבנות, וואָס מײַן טאַטנס געשוועסטערקינד, דער זשאַלקווער יונהלע שאַפּיראָ, האָט דאָרט געמאַכט און זיי מיט סכנת־נפשות, פון דאָרט אַריבערגעבראַכט. ייִנגלווײַז האָב איך געזען דעם המשך — נאָך די גרוילן פון דער ערשטער מלחמה און צוזאַמענפאַל פון דער האַבסבורג־מאָנאַרכיע איז אויפגעשטאַנען דאָס אויך פון אונדז אויסגעחלמטע פרײַע פּוילן, און די צווייטע רעפּובליק אירע האָט איר פרײַקייט אָנגעהויבן מיטן לעמבעריקער פּאָגראָם, פּונקט ווי נאָכן צוזאַמענפאַל פון די ראָמאַנאָווס, שוין נאָך דער רעוואָלוציע, האָט אויך דאָס פרײַע אוקראַיִנע פאַרגאָסן טײַכן ייִדיש בלוט, און אונדזער ייִנגלשער ציוניסטישער אומרו און אויפברויז האָט אונדז געטריבן אין אונדזער לאַנד אַרײַן, בשעת דער רוב ציוניסטן, שטאַט זיי זאָלן זיך אַליין אויפהייבן און מיטרײַסן יונג און אַלט, האָבן זיך אײַנגערעדט, פּונקט ווי

עס האָבן געטאָן זייערע קעגנערס, אַז נישט די קאַטאַסטראָפעס, נאָר דווקא די הפסקות צווישן זיי, זענען דאָס דער כּלל, און זיך אַפילו אָנגעכאַפּט אין די קורצלעביקע פּאָליטישע זייפנבלאָזן (פּאַרשווינלעך־נאַציאָנאַלע קולטור־אויטאָנאָמיע; בלאָק פון נאַציאָנאַלע מיעוטים, די אוגאָדע וכדומה), ביז עס איז געקומען די קאַטאַסטראָפע וואָס איז געווען המשך און סוף פון די פריִערדיקע קאַטאַסטראָפעס, און האָט די ייִדן געבראַכט קיין מײַדאַנעק און אָשוויענטשים.

פינף יאָר פאַר היטלערס נצחון בין איך געווען אַ קורצע צײַט אין דײַטשלאַנד און אַ פּאָר טאָג אין פּוילן, און איך האָב ממש געשפּירט דעם ריח פון אומקום, וואָס האָט שוין געהאַנגען אין דער לופט — איך האָב דעמאָלט דערציילט אין „דבר" ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די נײַן־יאָריקע פײַער פון דער ווײַמאַר־רעפּובליק: אַ מיליאָניקער יום־טובדיקער המון, אַלע רעפּלעקטערס אויפן פּאַרלאַמענט און אַלע שאָטנס אויפן מאָנומענט פון ביסמאַרק, אָבער עס שלענגלט זיך אומגעשטערט אַ גרעסערע שוואַרץ־אָנגעטוענע גרופּע, וואָס חזרט גרילצנדיק הויך איבער די צוויי ווערטער: יודאַ פּערעקע, און מע לאָזט זיי רויִק, אָן אַ פּיפּס, אין סאַמע מיט פון דער גוואַלטיקער מאַסע דורכמאַרשירן.

ניין, איך האָב נישט געהאַט קיין טענות צו בונדיסטן, פאָלקיסטן, אגודיסטן, אָבער איך האָב געהאַט שווערע תּרעומות צו די ציוניסטן וואָס זענען נאָכגעגאַנגען די אילוזיעס פון זייערע קעגנערס, און האָבן נישט בלויז געגלייבט אין אריכת ימים פון גלות, נאָר אַפילו אין דער אָפּטימיסטישער אײַנרעדעניש, אַז מיר וועלן זוכה זײַן, וואָס קיין אומה ולשון איז נישט זוכה — צוויי גלײַכע אָדער כּמעט גלײַכע עקסיסטענציעס, אין גלות און אין ארץ־ישׂראל, אַ זאַך וואָס אַמעריקאַנער ייִדן, און די דאָרטיקע ציוניסטן בתוכם, גלייבן עד־היום. יאָ, איך האָב עפּעס שפּעטלעך דורכגערײַזט ביידע אַמעריקעס, און זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן דער דאָזיקער אילוזיע, און זייערע באַגרינדונגען: עטנישער קולטור־פּלוראַליזם וכדומה, מיטן אונטער־שטרײַך: אַמעריקע איז נישט אייראָפּע. איז עס טאַקע, בעיקר אין צפון־אַמעריקע, אמת, אָבער די מעגלעכקייט איז איינס און דאָס ווערקלעכקייט וואָס וויל אָדער קען די מעגלעכקייט נישט אויסנוצן, איז עפּעס אַנדערש. ווײַל נאָך אמתער איז די פּאַטאַלע, אַלץ מער וואַקסנדיקע ירידה פון אונ־דזערע קאָלעקטיוו־ווערטן. קיין העברעיִשע שרײַבערס און ליטעראַטור זענען דאָרט כּמעט נישטאָ, ייִדישע שרײַבערס און ליטעראַטור ווערן אַלץ ווייניקער

און קיין יונגע קומען נישט צו. די אַלץ־שטייַגנדיקע אַליין־הערשאַפט פון ענגליש טוט זיך אירס, פונקט ווי די פּראָגרעסירנדיקע געמישטע חתונות טוען זיך זייערס, און וויפל עס זאָלן נישט פּולסירן פּאָזיטיווע קעגן־טענדענצן, איז זייער כּוח לגבי דער אויטאָמאַטישער אַסימילאַציע צו שוואַך, צו זייַן מער ווי פּאַליאַטיוון, וואָס דער סוף זייערער שפּייַזט זיך פון אינערציע. אַזוי אַרום איז דער אויפקום פון אונדזער מדינה, וואָס זאָל פּאַרזיכערן אונדזער קאָלעקטיוון קיום, אָן אַנטשייד אין אונדזער היסטאָרישן און אַקטואַלן לעבן, עס איז בפירוש אָדער־אָדער.

אָבער דער קערן פון דעם דאָזיקן קוק האָט זיך אין מיר און בייַ מיר פּאַרזייט אין מייַנע ייִנגסטע יאָרן, און האָט זיך אַלץ מער און מער אויסגעצייַטיקט, ביז עס איז מיר קלאָר געוואָרן די מסקנה: אויב אַזוי זענען מיר דאָ, אין לאַנד, מחויב אָפּצוהיטן אַלע אונדזערע קניינים און ווערטן, דווקא ווייַל דער כּוח און אפשר אַפילו דער ווילן פונעם גלות עס צו טאָן, שרומפּט זיך אַלץ מער אייַן; און וואָס ער טוט נאָך הייַנט וועט ער מאָרגן נישט קאָנען און נישט וועלן טאָן. ווי־אַרום דער קוק מייַנער האָט מיך געפירט און געבראַכט צום טאָטאַלן אַרומנעם פון אונדזער קולטור פון אַלע ערטער אין אַלע צייַטן, און צום באַנעם אַז מיר דאָ טראָגן דאָס אחריות פאַר זיי, און אַז מיר מוזן געפינען די דרכים, ווי זיי צו אַקטיוויזירן, און ווי איך האָב עס געפּרוווט, בזעיר־אנפּין, לויט די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן פון אַ יחיד, אַקטיוויזירן, לאָזט זיך אָפּלייענען אין מייַנע חיבורים, און אַ טייל אָפּשאַצערס מייַנע, דערונטער י. ח. בילעצקי, ווי איר האָט געהערט פון זייַן הייַנטיקן רעפעראַט, האָבן עס, אַפילו פּאָדראָבנע, דורכגעלייענט, און לויט דעם געמאָלן מייַן קאָנטערפיי, און איך דאַנק זיי דערפאַר.

איך האָב אין מייַן וואָרט בייַם באַגרינדן די היגע ייִדיש־קאַטעדרע, וואָס מען האָט מיר אָנגעטרויט, מייַן כּלל־קוק אַרייַנגעפּאַסט אין ישעיה הנביאס וואָרט: וכל הכתוב לחיים — בירושלים, אין זינען, אַז אַלץ וואָס דאַרף און זאָל און וועט לעבן, דאַרף און זאָל און וועט עס טאָן אין ירושלים. אמת, ווען יעקב פּאַט עליו השלום, וואָס האָט זיך בדרך־כּלל ענטוזיאַזמירט פאַר מייַן כּלל־באַנעם, האָט דעם באַנוץ מייַנעם מיט דעם פּסוק און זייַן אויסטייַטש לייַכט איראָניזירט, האָב איך נישט רעאַגירט, אפשר טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב נישט געוואָלט דערמאַנען וואָס ער האָט אין זייַן לעבן נישט בלויז לייַכט נאָר טאַקע שווער און האַמאָטנע איראָניזירט, און איך האָלט נישט פאַר אַן איבעריקער גבורה, צו פּאָלעמיזירן מיט ראובנס

אָדער שעמונס סברות פאַרן מבול. סוף־סוף האָט מײַן דרך, להלכה למעשה, נישט צו טאָן מיט דער אַמאָליקער ציש״אָ אין װאַרשע, װוּ מען האָט זיך נישט װיסנדיק געמאַכט אַז עס איז דאָ אַ עברית לשון, און נישט מיט דער דאָרטיקער, דעמאָלטיקער „תרבות״, װוּ מען האָט זיך נישט װיסנדיק געמאַכט, אַז עס איז דאָ אַ יידיש לשון; עס האָט נישט צו טאָן מיט טשערנאָװיץ און איר אָפּשאָץ — צי איז עס געװען אַ היסטאָריש געשעעניש אָדער אַ אידעאָלאָגישע אַװאַנטורע — פּונקט װי עס האָט נישט צו טאָן מיט איצטיקע אינסטיטוציעס; נישט מיטן אַלװעלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און נישט מיטן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין תּל־אביב און נישט מיט דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים, װוּ איך זאָל האָבן געװען און בין אַפילו ערן־פּירזיצער — דען דאָס זענען אינסטיטוציעס מיט פאַר־טיאַלע זאָרגן, בעת עס האַנדלט זיך אין אַן אַנדערער אָפּערע, װוּ עס שפּילן אַלע אונדזערע קולטור־װערטן פון אַ ל ע ערטער אין אַ ל ע צײַטן.

ט

כדי צו קענען זאָגן די פאַר װערטער פאַר אַזאַ װאַגיקן עולם, װאָס איז זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, דאַנק איך פאַר דער הײַנטיקער אימפּרעזע, װאָס איר סיבה אָדער פּרעטעקסט איז מײַן יובל, װאָס האָט זיך אַ ביסל צו לאַנג פאַרצויגן. דען, רבותי, באַרעכנט, אַז אָנגעהויבן האָט עס זיך אין מײַן אמתן געבוירן־טאָג, פּורים, און דערװײַל האָבן מיר שוין געלייענט די מגילה און אויפגעגעסן די המן־טאַשן און אָפּגעריכט דעם סדר און הנאה־געהאַט פון די כרעמזלעך, און אויסגעניגונט הקדמות און אַרײַנגעכאַפּט די בלינ־צעס (אין מײַנע קאַנטן: מלינטשעס), און װען איר כאַפּט זיך נישט איצט, שפּאַנען מיר איבערמאָרגן אין תּמוז אַרײַן און מען װאָלט מיך, לויטן לוח, געקענט חושד זײַן, אַז איך רעד פון היץ, און דאָ רוקן זיך באַלד אָן די דרײַ װאָכן און די אַלע הנאות װערן פאַרטונקלט פון תּשעה־באָב און זײַנע באַדיאַקעס (אין מײַנע קאַנטן: בערעלעך), און פון פּורים, װאָס איז געװען, איז שוין אַזוי װײַט און דער פּורים, װאָס װעט קומען, איז נאָך אַזוי װײַט.

[סיון תשל״ז]

אַ נאָכוואָרט — דרײַ הערות

א

דאָס איצטיקע בוך איז אַ מין בר־מצוה — עס איז דאָס דרייצנ־טע בוך מײַנס וועגן ייִדיש — ליטעראַטור, שפּראַך און פֿאָלקלאָר. פֿינף פֿון זיי זענען אַרויס העברעיִש — דריי בענד „אבני מפתן" (שוועל־שטיינער); איין באַנד „יריד השעשועים" (דער יאַרמאַרעק פֿון שפּילערײַען); איין באַנד „ארחות ושבילים" (שטראָזן און סטעזשקעס); די איבעריקע זענען אַרויס ייִדיש — צוויי בענד „חן־גריבעלער"; צוויי בענד „אַ וואָרט באַשטייט". מיטן בוך „טויערן און טירן" האַלטן מיר בײַ דרײַצן, וואָס זײַן גמטריא איז — אהבה.

ב

דאָס בוך האָט פֿיר אָפּטיילן — דער ערשטער האַנדלט וועגן פּראָזע, דער צווייטער וועגן פּאָעזיע, דער דריטער וועגן עסייִס־טיק און דער פֿערטער וועגן ייִדיש — מהות פֿון ייִדיש, היסטאָריש און אַקטואַל, און וועגן ייִדיש־פּראָבלעמען אין פּערסאָנאַלן ספּעק־טרום. אַלע קאַפּיטלעך אין בוך גייען אין מײַן אייגענעם ייִדיש־נוסח, חוץ צוויי (וועגן הלל צײַטלין און זלמן יצחק אנכי), וואָס שלמה גראָדזענסקי האָט זיי פֿאַרייִדישט. ווי מײַן מנהג איז, האָב איך, אין גאַנצן בוך, סטריקט אָפּגעהיט דעם טעקסט, ווי ער איז צומערשט געדרוקט געווען, אַזוי אַז די דאַטעס באַצייכענען אויך די גרענעץ פֿון מײַן ידיעה און דעה.

ג

איך דאַנק האַרציק מײַנע פֿרײַנד, אברהם סוצקעווער און ישעיה אברך, וואָס האָבן זיך געזאָרגט, אַז דאָס בוך זאָל קאָנען דער־שיינען און געדענק מיט ליבשאַפֿט מײַנע פֿרײַנד אריה שמרי עליו השלום און יעקב צבי שאַרגעל נרו יאיר, וואָס האָבן זיך געמיט, אַז עס איז ליכטיק און ציכטיק דערשינען. זכרה להם אלהי לטובה.

ד"ס

ירושלים, סיון תשל"ט

זוכצעטל

אבן־עזרא אברהם 193
אבראהאם (אברהם) קארל 205
אברהם דב (אורוטש) 73
אברך ישעיהו 321
אדלער אלפרעד 188, 205
אדלער יעקב (ב. קאוונער) 103, 106
אהרוני אריה 19
אווראאו סערגיי 63
אויערבאך אפרים 135, 169, 171
אויערבאך רחל 209—218
אורי סטרעליסקער (קלוגהויפט) 112
אחד העם (אשר גינצבורג) 12, 18, 21, 45, 204, 205, 241, 273, 324, 325
איאלטי (אילתי) חנן (קלענבארט) 132
איגנאטאוו דוד 101
איהר דניאל 165
אייבעשיץ שלמה דוד („ערבי נחל") 216
אײַזלאנד ראובן 97, 100, 101, 105
אײַזן שמחה (יעקב שטאל) 134
אײַזנבאך אברהם (ארטור) 219—224
אײַכל איציק (אברהם יצחק) 240
אימבער שמואל יעקב 104, 105, 135, 315
אלטערמאן (אלתרמן) נתן 17, 303
אליהו בחור 239, 240
אליצקי ברוך 149
אליצקי שלמה זע: פערלמוטער שלמה
אלישבע (זשירקאוו־ביכאווסקי) 179
אלמי א. (שעפס אליהו חיים) 72
אלעג (קניאזש) 73
אלקוויט ב. זע: בלום אליעזר
אלפערן א. 15
אנדרעיעוו לעאניד 75
אניפאלסקי 63
אנכי (אהראנזאן) זלמן יצחק 30—42
אנסקי (ראפאפארט) שלמה 306
אפאטאשו (אפאטאווסקי) יוסף 101, 199, 207, 238, 277
אפאטעקער (רוקח) דוד 106, 132
אפק (פאפיק) אוריאל 19
אפרת ישראל 54, 55
אקרוטני (טורקא) יוסף 154
ארן (אראנאוויטש) זלמן 8, 11, 228
ארגון יוחנן 120
אש שלום 51, 53, 189, 196, 198, 199, 200, 202, 203
אשכנזי (תורגמן) נתן 94
אשנדארף ישראל 105, 149
אשעראוויטש מענדל 72, 81, 87

באודוסין וואלף 17
באטאשאנסקי יעקב 160
באלאבאן מאיר (שמואל) 221
באלזאק אנארע 82
באמזע נחום 165
באסאק משה 132
באר (בער) אלעזר 263, 265
באר שלום 263
באראש אשר 13, 17, 105, 106, 129, 131
בארײשא (גאלדבערג) מנחם 234, 239
באשעוויס (זינגער) יצחק 138, 207, 242
בולאף (בולאוו) יוסף 315, 316
ביאליק חיים נחמן 11, 13, 18, 19, 43, 46, 50, 89, 97, 100, 115, 116, 121, 122, 123, 130, 131, 133, 135, 137, 151, 168, 190, 191, 192, 201, 212, 218, 223, 233, 250, 274, 275, 276, 304, 305, 306, 311, 317
ביברינג יעקב 50
ביילינסאן (ראבינאוויטש) משה 192
בילעצקי ישראל חיים 134, 293
בימקא פישל 252
ביסטריצקי (אגמון) נתן 18
ביקל שלמה 169, 197, 198, 242, 310
בירנבוים נתן (נחום) 118
בלום אליעזר (ב. אלקוויט) 127

בליץ יקותיאל 102, 192, 193
בן־גוריון (גרין) דוד 238
בן־חיים (גאָלדמאַן) זאב 311
בן־ישי (האַרוויץ) אהרן זאב 129, 241, 242
בן־סירה (שיפּמאַן) פּינחס 284
בן־צבי (שימשעלעוויטש) יצחק 130
בן־ציון (גוטמאַן) שמחה אַלטער 18
בן־שלום געניע 19
בעטהאָווען לודוויג 153
בעל דמיון זע: שטיף נחום
בעל התניא זע: שניאור זלמן מליאַדי
בעל מחשבות (עליאַשעוו) 32, 197
בעל שם טוב זע: ישראל בעל שם טוב
בעקער יעקב 127
בעקער ישראל 301
בערגמאַן הוגאָ (שמואל) 37, 78
בערדיטשעווסקי (בן־גריון) מיכה יוסף 7, 41, 122
בערטאָל (ברטל) ישראל 19
בערלין סלאָווע 67
בערקאָוויטש יצחק דב 10, 12, 14, 16, 19, 99, 130
בערקעלהאַמער ווילהעלם 77
בק שלמה 16
בראַד מאַקס 78, 79
ברוידאָ אפרים 17
ברוסילאָוו (ברוסילאָווסקי) ניסן 69—94
ברוקער בן־ציון 188
בר־טוביה (פּרענקל שרגא פייבוש) 67
בר־יוסף (צענווירט) יהושע 73
ברכות ז. 130
ברענער יוסף חיים 21, 27, 28, 33, 35, 115, 116, 117, 122, 130, 190, 192, 265
בת־מרים (זשעלעזניאַק) יוכבד 177

גאָלדבערג איטשע 280, 285
גאָלדפאַדען אברהם 50
גאַסטער משה 55
גאַראַדיסקי יונה 312
גאָרדאָן יהודה לייב (יל"ג) 273
גאָרדאָן משה 238
גבירול שלמה 19, 278
גויכבערג ישראל 154
גוטמאַן יודל (יוליוס) 308
גורפּיַין (אוכמני) רבקה 215
גיבתון חנוך 110
גינוסר פּינחס 118
גלאַטשטיין יעקב 70, 72, 81, 84, 132, 136, 154, 160, 237, 238, 239, 240, 241, 243, 260
גלאַנץ־לעיעלעס אהרן טוביה 100, 139, 169, 239, 241
גלבוע (פעלדמאַן) אמיר 136
גנעסין אורי ניסן 33
געטהע יאָהאַן וואָלפגאַנג 18, 117, 212, 235
גערטנער מאיר 18
גראַדע חיים 243
גראַדזענסקי שלמה 180—186
גראָס נפתלי 105
גראָסמאַן (אבינועם) ראובן 17
גראָס־צימערמאַן משה 311
גרוזענבערג אָסקאַר 75
גרינבערג אורי צבי 105, 110—125, 131, 157, 177, 267
גרינבערג אליעזר 243
גרינבערג חיים 177, 178, 183, 238, 239
גרינזייַט (באַדיאַן) יוסף 105
גריס נח 280

דאַבוש אַלעסקי 149
דאַבזשינסקי שאַרל 280
דאַווידזאָן אפרים 206
דאַנילעוויטש הערש (הערשעלע) 169
דאָסטאָיעווסקי פיאָדאָר 94, 205
דובנאָוו שמעון 204, 205, 219, 229, 272
דזשויס דזשעמס 82
דינור (דינאַבורג) בן־ציון 219, 240, 272, 281
דיק אייַזיק מאיר 283

דיקמאַן שלמה 186
דעוויס משה 280
דעמביצער סאַלאָמאַן 105
דערטשאַנסקי אלכסנדר 280
דער נסתר (כהנאָוויטש פּינחס) 32, 43—68, 243
דרייקורס לייבל 106, 307
דרעסנער אַננאַ 19

האַלפּערן יוסף (יאָסעלע חריף) 61
האַלפּערן יעקב יוסף 12, 64, 66, 67, 68
האַלפּערן משה לייב 105, 177, 239, 241, 243
האַלקין שמעון 17, 177
האַפּער יחיאל 242, 243
האַראָוויץ בער 105
האַראָוויץ משה איטשע 12, 64, 65
האַרוויץ פּרץ 111
ה. בנימין זע: הרושאָווסקי בנימין
האַרמאַן אברהם 318
האַרן יוסף 311, 312
הויפּטמאַן גערהאַרד 190, 191, 197
הויפּטמאַן קאַרל 196
הזז חיים 18, 200, 225, 275, 276, 277
הייזלער קלמן 106
היינע היינריך 271
העבעל יאָהאַן פּעטער 53
העס משה 271
העפּנער אידאַ זע אויערבאַך רחל
הערבערט לעאָן מ. 105
הערצאָג מיכל 280
הערצל טעאָדאָר (בנימין זאב) 74, 94, 113, 193
העשעלעס העינריק 306
הרושאָווסקי בנימין 241
הרכּבי יצחק 311, 312

וואָוועלבערג היפּאָליט 221
וואַלדמאַן משה 161—174
וואַלדמאַן רבקה (מנוחה ראם) 280
וואַסערמאַן לייב 195
וואַסערמאַן שלמה 127
וואַסערמאַן שניאור 127
וואַרזאַגער שלמה 127
וואַרשאַווסקי יצחק 280
וואַרשאַווסקי מ. מ. 75
וורם שלום 181
וויטלין יוסף 106
ווײַנער גרשון 318
ווײַנפּער זושא 135
ווײַנרײַך מאַקס 230, 231, 282, 289
ווײַנשטיין משה 280
ווײַסמאַן גבריאל 169
ווײַסנבערג איצי מאיר 196
ווייצמאַן חיים 74
ווילער משה 106
וויצנהויזן יוסף 102, 192
ווירט מיכל 103, 104
וועבער הערש 105
וועלוול זבאַרזשער זע: ערנקראַנץ בנימין זאב
וועלטש פעליקס 92
וועקסלער מאַטל 134
ווערפעל פראַנץ 78

זאַלאַ עמיל 82
זאַנשיין מרדכי 293
זאַקס שמואל 111, 267
זולצער שלמה 64
זיגלבוים שמואל (אַרטור) 126
זיגלבוים פּײַוול 127, 293
זײַדל משה 67
זינגער מענדל (מנחם) 115
זשאַבאָטינסקי וולאַדימיר (זאב) 121

חאַרטינער מאיר 106
חיות יצחק 193
חיימאָוויטש משה יונה 101
חלמיש (פלינט) מרדכי 15
חריפון חיים 67
חרלפּ יעקב משה 67
חרמוני אהרן 80

טאַבאַק מאיר 260
טאַוויאַוו ישראל חיים 260
טאָלסטאָי לעוו 27, 76, 316
טאַלפּיר מרים 110
טויבע משה 280
טורניאַנסקי (פּונסקי) חוה 280
טינאַוויצקי י. 161
טיק־שלעגעל (שעקספּיר־איבערזעצער) 17
טעלעסין זיאַמע 318
טעלער יהודה לייב 105
טען איפּאָליט 197
טראַנק (טרונק) ישראל יהושע 189
טשאַטשקעס שמואל יוסף זע: עגנון ש״י
טשאַרני דניאל 70
טשערניכאָווסקי שאול 13, 17, 46, 303, 304

יאַנאַס חיה 19
יאַנאַסאָוויטש יצחק 158, 169, 189, 209, 295
יאַנקעלע יאַנצער (גלאַנצער יעקב) 111
יאַראַפּאַלק קניאַזש 73
יהואש (בלומגאַרטן שלמה יהואש) 32, 99, 102, 193, 239
יהודה הלוי 278
יהושע העשל מחלמא (כעלם) 62
יונג קאַרל גוסטאַוו 123, 188, 205
יונין וואָלף 262
יל״ג זע: גאָרדאָן יהודה לייב
יעפּרויקין זלמן 234
יפה אברהם בנימין 119
יפהן זשין 196, 205
יצחק יצחק 206
ירדן (יוזשוק) דב 19
ישראל בעל שם טוב 22, 149

כהן א. 72
כהן גאולה 110
כהן ישראל 311, 320
כהן שבתי (ש״ך) 216
כהנא אברהם (אבר״ד) 78
כהנא דוד 31
כמיעלניצקי מלך 91
כּץ פּיניע 18

לאַגערלעף סעלמאַ 82
לאָוב י. 311
לאַכאָווער פישל (ירוחם) 23, 120, 191, 289
לאַמעד לואיס 72
לאַנדאַ אהרן 62
לאַנדאַ יחזקאל 62
לאַנדוי זישע 101
לאַסאַל פערדינאַנד 193
לאַסטיק שלמה 167
לאַקער מלכה 106
לבון (לוביאַניקער) זעליג 321
לוי יצחק בערדיטשעווער 61, 62
לופּבאַן יצחק 306
לי (לעאַפּאַלד) מלכה 105
ליבער הגדול 61, 62
ליבערמאַן שאול 204
ליטווין מרדכי 280
לייבל דניאל 105, 135
לייוויק ה. (האַלפּערן) 13, 129, 167, 241
ליליענטאַל מאַקס 61, 63
לינדעמאַן נחום 312
לינדענבוים שלום 120
לינעצקי יצחק יואל 65, 66, 68, 155, 156
ליס אברהם 13, 14, 15, 211, 255, 300, 311
ליס קלמן 149, 152
ליסיצקי אפרים א. 17
ליעסין (וואַלט) אברהם 13
ליפשיץ אליעזר מאיר 191
לעוו א. 72
לעוו (לב) אברהם 134
לעווי יוסף הלל 105
לעווין זלמן 64
לעווין שמריהו 75
לעווינזאָן יצחק בער (ריב״ל) 63
לעווינסקי יום־טוב 311

לעווערטאָוו פּאָול 51
לעטעריס מאיר הלוי 51
לערנער דוד 106
לערנער יוסף יהודה 64
לערנער פאַלק 188
לערער לייבוש 234
לערער משה 127

מאָהלער רפאל 221
מאַילאַן שאַרל 205
מאיר בן לוי יצחק („מאירקע מיין זון") 62
מאַלאַדאַווסקי קאַדיע 154
מאַנגער (העלפּער) איציק 128, 151, 214, 314, 315
מאַני (בראַהינסקי) לייב 100, 101, 239
מאַניק־לעדערמאַן י. 134
מאַרפּורגאָ רחל 179
מאַרק יודל 229
מאַרקיש פּרץ 113, 114, 131, 158
מאַרקס קאַרל 26
מדן מאיר 311
מוקד גבריאל 19
מײַזיל גיטל 72
מײַזלש־פּריצקער דן 61
מײַטוס אליהו 241
מיכלי (דוכאַווני) בנימין יצחק 131
מילער יוסף 127
מילער שמעון 127
מינצער ישראל 306
מיצקעוויטש אַדאַם 113
מיראַן (מירון) דן 7, 14
מירסקי מ. 167
מירקין דוד 110
מלאַטעק־גאַרדאַן חנה 104
מלאַטעק יוסף 104
מנחם המאירי 193
מעלצער שמשון 214, 241, 242
מענדעלע מוכר ספרים (אַבראַמאָוויטש שלום יעקב) 12, 15, 18, 31, 43, 63, 64, 86, 89, 99, 130, 139, 156, 234, 240, 252, 317
מענעס אברהם 234
מעצקער איטשע (יצחק) 214
מרגליות מנשה 63
מרדכי ב. (ברתנא) 132

נאָבל שלמה 311
נאַדיר משה (ריַיז יצחק) 105
נאַדלער שמואל 106
נאַדעל אידאַ 127
נאַווערשטערן אברהם 43
נאַמבערג הערש דוד 16
נוסבאַום הילאַרי 221
נוסענבלאַט טולאַ (נפתלי) 55
נחום שאַסטאַק 73
נחמן בראַצלאַווער 22
ניב (ליניעווסקי) דוד 243
ניגער (טשאַרני) שמואל 72, 82, 100, 197, 214, 231, 232, 234, 238, 241, 242, 261, 277, 282
ניטשע פרידריך 27, 32, 205
נײַגרעשל מענדל 103, 104, 105, 106, 222
נײַמאַרק יעקב 106
ניסנזאָן אהרן 108

סאַלקינסאָן יצחק עדואַרד (יע"ס) 17
סאַנדאַוער אַרטור 218
סאַקאַלאָוו נחום (טוביה) 13, 43,, 317
סאַפּאַזשניקאָוו גרשון 187—208, 312
סאַפּראַן האַראַצי (הערש) 106
סוצקעווער אברהם 227, 241, 252, 254, 255, 311
סטעמפּעל מנחם 134
סיגאַל לואיס 178
סיגאַלאָווסקי נח 311
סיון אריה 241
סירקיס יואל (ב"ח) 128
סלאַוועס חיים 280, 283 284
סלאַנימסקי חיים זעליג 75
סעלין לואי פערדינאַן 203
סען בעוו 19
סעקלער צבי הירש (הערי) 317

עגנון ש"י (טשאַטשקעס שמואל יוסף)
18, 21, 106, 123, 129, 155, 191,
194, 199, 221, 316, 319, 320
עובדיהו (גאָטעסמאַן) מרדכי 191
עטינגער שמואל 219
עליאַסבערג אהרן 78
עמיאָט (יאַנאָווסקי) ישראל 165
עמיר רחבעם 110
עמנואל הרומי 19
עפּראַיקין ישראל 234
ערטל רחל 280
ערטער איציק (יצחק) 66
עריק (מערקין) מאַקס 289
ערעם (קאַזאַרנאָווסקי) משה 293
ערענקראַנץ בנימין זאב (וואָלף) 315

פּאַט יעקב 327
פּאַטאַש ריקודה 134
פּאַלישינעצקי יוסף 62
פּאַפּיק ל. 19
פּאַפּירניקאָוו י. 134
פּאַרדאַ דוד 283
פּופּס ישראל 51
פּילאָווסקי אריה 231
פּינעס אליעזר 207, 250, 251, 252
פּינעס דן 250
פּינעס יחיאל מיכל 250
פּינעס מאיר 251
פּינעס נח 250
פּינעס קפּאי 250
פּינעס שלמה 251
פּינסקי דוד 99
פּלאַנער איזאַק 220
פּלדי ישראל 301
פּערל יוסף 315
פּערלאָוו יצחק 152
פּערלמוטער שלמה 59
פּרוסט מאַרסעל 82
פּריצקער אָשר 61, 64, 68
פּרץ יצחק לייבוש 12, 16, 43, 100, 118,
130, 156, 205, 244, 245, 300, 317

פאָגעל דבורה 108, 165, 216, 218
פאַלק (בערגער) יוסף 105, 216
פוקס אברהם משה 196, 315
פוקס חיים לייב 105, 165
פייגנבוים לענאַ 312
פיינבערג לעאָן 169
פייערבערג מרדכי זאב 40
פיכמאַן יעקב 59, 130, 191, 192
פישמאַן רחל 19
פעדער טוביה (גוטמאַן) 62
פענסטער הערש 106
פעסלער בן־ציון 106
פראַנק אברהם 186
פראַסטיק משה 306
פרויד זיגמונד 28, 147, 188, 189,
193, 196, 197, 198, 203, 205,
206, 207, 208, 233
פרישמאַן דוד 17, 43, 100
פרענקעל באַרווין (ברוך) 170, 171

צווייפל צבי אליעזר 64
צונזער אליקים 99
צוקערמאַן ברוך 98
צייטלין אהרן אליעזר 97, 100, 227,
282, 317
צייטלין הלל 21—29
צינבערג ישראל 290
צמח שלמה 116, 192, 304
צעראַטע א. ב. 103

קאַבאַק אהרן אברהם 280
קאָהן אב (כהן אברהם) 104
קאַופמאַן פריץ מרדכי 78
קאַטשערגינסקי שמערל 310
קאַלעק טעדי 218
קאַנט עמנואל 37
קאַפקאַ פראַנץ 78
קאַצנעלסאָן בערל (בארי) 191
קאַצנעלסאָן יצחק 151, 252
קאַראַלענקאָ וולאַדימיר 75, 76
קאַרן יצחק 227

קאַרן רחל 105, 149, 315, 316
קאַרקיס אברהם 324
קוויטקאָ לייב 154
קוק אברהם יצחק הכהן 67
קורלאַנד לייב 311
קורצווייל ברוך 21
קלאַצקין יעקב 296, 325
קלויזנער יוסף 289
קליגער קעהאָס (קהת) 144—160
קליינמאַן משה 52
קלינגער ישראל חיים 265
קמחי דוד (רד"ק) 193
קנאַפּהייס משה 165
קעניג אייזיק 105
קעניג לעאָ 130
קעניגסבערג דוד 105
קערלער יוסף 293
קערנער שמואל 280
קערש יהודה 298
קראַטקאָ זלמן 127
קראַמפּף רחל 106
קרול חיים 167, 171
קרני (וואָלאָוועלסקי) יהודה 304
קרעסל געצל 15, 293

ראַב אסתר 179
ראַבינאָוויטש אלכסנדר זיסקינד 66, 68
ראַבינאָוויטש יעקב 131
ראַבינזאָן חיים 136
ראובני (שימשעלעוויטש) אהרן 130
ראַוויטש מלך (בערגנער חנא זכריה)
105, 113, 114, 131, 214, 233
ראַווניצקי יהושע חנא 19
ראַזנפעלד מאָריס 99, 215
ראַזשאַנסקי שמואל 237
ראַטבערג מרת 18
ראַטמאַן (נתנאלי) יעקב 216
ראַטענבערג ישראל 62, 63
ראַטענשטרייך נתן 281
ראַטשילד (באַנק־הויז) 64
ראַלאַן ראָמען 153
ראַלניק יוסף 101
ראַם מנוחה (וואַלדמאַן רבקה) 168
ראַסקין א. 237
ראַפּאַפּאָרט יהושע 206
ר' בנימין (ראַדלער־פעלדמאַן יהושע) 192
רובינשטיין (מומר) 62
רובינשטיין אליעזר 129, 194
רויטמאַן שלמה 253
רחל (בלאָושטיין) 139
ריאַזאַנאָוו 45, 80
ריבאַייזן מעכעלע 127
ריב"ל זע: לעווינזאָן יצחק בער
ריבלין יוסף יואל 277
רייזן אברהם 99
רייזן זלמן 15, 103, 105, 126, 213
רייפמאַן יעקב 55, 57
רייק טעאָדאָר 205
רימון (גראַנאַט) יוסף צבי 67
רינגלבלום מנחם (עמנואל) 221
ריסער גבריאל 271
ריעפין איליאַ 316
רמב"ם 278
רעגעלסאַן אברהם 177

שאַגאַל מאַרק 57
שאַפּיר בירך 318
שאַפּיר מ. מ. 50
שאַפּמאַן גרשום 32
שאַפּענפעלד לייבוש 108
שאַצקי יעקב 72, 214
שאַרגעל הלל 127, 134
שאַרגעל יעקב צבי 126־143, 311
שבתי צבי 204
שודריך יעקב 106
שוואַבע משה 17
שוואַדראָן אברהם 324
שוואַרץ ישראל יעקב 97־102, 241
שווייגער (דמיאל) יצחק 40
שווייד (שביד) צבי ישראל 222
שווייצער שלמה 186, 293, 300, 311
שולץ ברונאָ 218

שור (שאָר) משה 221

שזר (רובאַשאָוו) שניאור זלמן 178, 191, 216, 228, 234

שטאָלצנבערג אבא 105

שטאָק חיים הכהן 306

שטאָק פראַדל 104

שטאָק (שפירא) ראַניע 288

שטאָק (שפערבער) טשאַרנע 288

שטאַרקמאַן משה (יוחנן) 129

שטיינבאַרג אליעזר 128, 154

שטיינבערג יעקב 129, 200

שטיינמאַן אליעזר 131

שטיף נחום (בעל דמיון) 32

שטיקער מאיר 105

שטעקל ווילהעלם 205

שטערנבערג יעקב 152

שייב (אלדד) ישראל 122

שיינטוך יחיאל 251, 252

שיינפעלד שלמה יהודה 204

שילער (בלאַנקשטיין) שלמה 25, 324

שינדלער אליעזר 103, 104

שיפער יצחק 221

שישלער הערש 127

שלאָנסקי אַברהם (דוד) 16, 17, 121, 129, 131, 241

שלום גרשום 27, 55, 204

שלום עליכם (ראַבינאָוויטש שלום) 7־20, 31, 43, 45, 80, 156, 206, 207, 251, 267

שלום ש. (שפירא שלום יוסף) 241, 304

שמואל הנגיד 19

שמחה מאיר הכהן (דווינסק) 216

שמעוני (שמעונאָוויטש)דוד, 129, 304

שמערוק חנא 12, 19, 59, 60, 207, 243, 253, 280,

שמערל שניטקיווער 62

שמ"ר (שייקעביטש נחום מאיר) 74

שמרי אַריה 134

שנאַפער בער (דב) 105, 164

שניאור זלמן (בעל התניא) 22

שניאור זלמן (זאַלקינד) 99, 130, 199, 303

שנהוד (שיינהויט) שלמה 134, 136, 239, 241, 243

שעכטמאַן עלי (אליהו) 251, 253, 254, 317

שעכטער מרדכי 257

שעסטאָוו (שוואַרצמאַן) לעוו 75

שעפנער ברוך 259

שעקספיר וויליאַם 17, 204

שפיגל ישעיהו 243, 252

שפינאָזאַ ברוך 22

שפיצבערג משה 64

שפיצער סאַלאָמאָן 220

שפירא יונה 325

שפירא לאָמעד 196

שרענצל אַריה 106

תלוש (מוסעלעוויטש איסר) 130

דער תוכן:

I

דריי קאַפּיטלעך שלום עליכם 7
א. דער קאָמפּלימענטירטער שלום עליכם; ב. דער קאָמפּלעטירטער שלום עליכם; ג. דער קאָמפּלעטער שלום עליכם

דער ראָמאַנטיקער 21
לזכר הלל צײַטלין

בן הרב 30
וועגן זלמן יצחק אנכי

פּאַדעם און קאַנוועס 43
וועגן דעם נסתר: א. דער שטערן פון דערלייזונג, ב. שטריכן צו דער „משפּחה מאַשבער"

צווישן מיטאָס און אוטאָפּיע 69
וועגן ניסן ברוסילאָווס גאַנג און שאַפן

II

דער בריקנבויער 97
וועגן י. י. שוואַרץ

צווײ צײַט־לידער 103

צו די גבורות 110
וועגן אורי צבי גרינבערג

צווישן אַרום און תוך 126
וועגן יעקב צבי שאַרגעל

צווישן לודמיר און לודמיר 144
וועגן קעהאָס קליגער

צווישן פרימאָרגן און פרימאָרגן 161
וועגן משה וואַלדמאַן

III

יקרא דשכבא און יקרא דחיי 177
אַ וואָרט בײַ אַ מסיבה אין הויז פון נשיא המדינה

טויערן און טירן 180
וועגן שלמה גראָדזענסקי

צווישן פסיכאָנאַליז און גענעטיק 187
צו גרשון סאָפּאָזשניקאָוס זוכענישן
די טרערן־מיליאָנערין 209
וועגן רחל אויערבאַך
צווישן היסטאָריאָגראַפיע און היסטאָריע 219
וועגן אברהם אײַזנבאַך

IV

צום טאַקט פון האַלב־הלל 227
אַ וואָרט בײַם ייִדיש־צוזאַמענקום אין ירושלים
וועגן אַ מכּלומרשטער צוואה 237
מיטן דריטן הונדערטער 244
אַ בריוו צו דער פײַער פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג
לכּבוד אַן אַלמאַנאַך 247
צווישן צוויי דורות 250
מחשבות וועגן פּאָרטרעט פון אליעזר פּינעס־פאָנד
אויסלייג, נאָרמעס וכדומה 256
אַ גאַסט אויף אַ ווײַל 263
מיט אַ בריוו צו אַ יוגנט־גרופּע
פּילשפּראַכיקייט בײַ ייִדן 269
אַרײַנפיר־וואָרט בײַם קאָלאָק אין דער סאָרבאָן
צווישן לשמי און לשמה 280
חובבֿ־ייִדיש, אוהבֿ־ייִדיש וכדומה 286
דרײַ בענד שוועל־שטיינער 292
אַ וואָרט בײַ אַ מסיבה אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג
עפּעס לכּבוד עצמי 301
חן־גריבעלעך 309
צוויי עמערס 314
אַ וואָרט בײַם פּאָרטרעט פון דער מאַנגער־פּרעמיע
כּל הכּתוב לחיים — בירושלים 318
אַ וואָרט פאַר אַן עולם ייִדן

אַ נאָכוואָרט — דרײַ הערות 329

זוכצעטל 330

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

(פאַר דער לעצטער צייט)

ישעיהו שפּיגל / שטערן ליכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944
צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען
חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר
י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה
אַברהם נאָװערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן
לייב אליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען
הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס
רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי
משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס
בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ
יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען
רחל אויערבאַך / ביים לעצטן וועג, אין געטאָ ווארשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד"ר יוסף קערמיש
דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפּשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפּשטיין און ה. אינגער
מלכה חפץ־טוזמאַן / היינט איז אייביק, לידער
אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס
ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפורים. תרגם: מרדכי אמיתי
ישעיהו שפּיגל / צווישן תּוו און אַלף, געקליבענע לידער
יוסף גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג: פּראָפ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.
יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאָלק
שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און ניי, אויסגעוויילטע דערציילונגען.
יידיש: חיים גורט.
יצחק בורשטיין־פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן
יעקב פרידמאַן / געזען אויף אַ וויל
אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
צייכענונגען: יאַני פיין
הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס
חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן
דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן